אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון דער
פּראָפ׳ י. ל. לאַנדוי־פֿונדאַציע בײַם ייִוואָ

# יוסף פערלס יידישע כתבים

געפונען אין דער טאַרנאָפּאָלער
פערל־ביבליאָטעק ישראל ווײַנלעז

מיט אַ ביאָגראַפישן אַרײַנפיר
פון
**ישראל ווײַנלעז**

און אַ ליטעראַריש־שפּראַכיקן אַנאַליז
פון
**ז. קלמנאָוויטש**

ווילנע / 1937
**ביבליאָטעק פון ייִוואָ**
ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
פילאָלאָגישע סעקציע

Jozef PERLS JIDIŠE KSOWIM

Piśma żyd. Józefa Perla.
Opatrzone wstępem biograficznym J. Weinlöza i analizą literacko-językową Z. Kalmanowicza.
Biblioteka Jiwo-Żydowski Instytut Naukowy
Wilno 1937.

The Yiddish Writings of Joseph Perl.
With a Biographical Introduction by I. Weinlös and a Literary and Linguistic Analysis by
Z. Kalmanowicz

PRINTED IN POLAND

Druk. inż. G. Kleckina, Wilno

# אינהאַלט:


ישראל ווײַנלעז: ז

יוסף פּערלס לעבן און שאַפן . . . . . . LXX—VII

ז. קלמנאָוויטש:

יוסף פּערלס יִדישע כּתבֿים

(ליטעראַרישער און שפּראַכיקער אַנאַליז) . . . CVII—LXXI

מגלה טמירין . . . . . . . . . . 217—1

גדולת ר׳ וואָלף מטשאַרני אָסטרה . . . . . . . . 244—221

אילוסטראַציעס:

1 אַ זײַטל פֿון דעם כּתבֿ־יד פֿון מגלה־טמירין

2 אַ זײַטל פֿון דעם כּתבֿ־יד פֿון גדולת ר׳ וואָלף

3 יוסף פּערלס פּאָרטרעט

4 פֿאַקסימילע פֿון פּערלס האַנטשריפֿט (קאָנצעפּט פֿון זײַן בריוו צום גענעראַל קאָריטאָווסקי)

5 פּערלס מצבֿה אויפֿן טאַרנאָפּאָלער בית־הקבֿרות



פּאָרטרעט פֿון יוסף פּערל

דער אָרי׳גינאַל—אין דער פּערל־שול אין טאַרנאָפּאָל

(לויט אַ גראַווי׳ורע, געדרוקט אין לעמבערג)

# יוסף פּערל, זײַן לעבן און שאַפֿן

## פֿון ישׂראל װײַנלעז

געהייליקט דעם ליכטיקן זכרון פֿון מײַן פֿאָטער
דעם למדן און משׂכּיל ר׳ דוד װײַנלעז ז״ל,
געשטאָרבן אין יאָר תרפ״ז (כ״א אדר).

I

אין יאָר 1773 (כ״א מרחשון תקל״ד), באַלד נאָך דער ערשטער טײלונג פֿון דער פּױלישער מלוכה, איז געבוירן געוואָרן אין טאַרנאָפּאָל בײַ טאָדרעס פּערל, אַ ייִד אַן עושר, זײַן בן יחיד יוסף. שוין גאָר פֿרי האָט דער יונגער יוסף אַרויסגעוויזן גרויסע פֿעיִקייטן, און זײַענדיק אַ תּלמיד פֿון די בעסטע מלמדים האָט ער זיך קונה שם געווען ווי אַן עילוי און ווילדלערנער.

צו 14 יאָר האָט אים דער פֿאָטער חתונה געמאַכט, לויט דעם דעמאָלטיקן גאַנג, און ער איז געבליבן זיצן בײַם פֿאָטער אויף קעסט, אָפּגעבנדיק זיך נאָר מיט לערנען ש״ס און פּוסקים, ווײַל די עלטערן האָבן אים געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ רבֿ. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויך אין אַנדערע ספֿרים, וואָס זײַנען אים געקומען אונטער דער האַנט, ווי חקירה-ספֿרים און דרושים; אָבער זײַן גאַנץ דענקען און פֿילן האָט פֿאַרכאַפּט די גמרא און די ליטעראַטור, וואָס האָט זיך פֿון דער גמרא אַנטוויקלט.

דער יונגער פּערל איז בטבע געווען אַ זוכער און אַ גריבלער. ער האָט געוואָלט דערגיין און פֿאַרשטיין אויך דעם דרך פֿון די חסידים, וואָס האָבן זיך דעמאָלט נאָר וואָס געהאַט באַוויזן אין דער געגנט. בפֿרט וואָס זײַן פֿאַנטאַזיע האָט דאָ געפֿונען אַן אָרט זיך אויסצולעבן.

קעגן דעם ווילן פֿון זײַן פֿאָטער, וועלכער איז געווען אַ מתנגד, האָט פּערל זיך באַהעפֿט מיט די חסידים און געוואַנדערט פֿון איין רבין צום אַנדערן, כּדי צו דערגיין זייער שיטה און צו דערקענען דעם נײַעם דרך פֿון דינען גאָט.

דער חסידיזם, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין דעם ערשטן עטאַפּ פֿון זײַן אַנטוויקלונג, האָט אין זיך פֿאַרמאָגט אַ כּוח צוצוציִען אַזעלכע מענטשן מיט וואַרעמע און פֿילנדיקע הערצער ווי דער יונגער פּערל.

מיר ווייסן נישט אויף זיכער, צו וועלכע רבים דער יונגער פערל האָט זיך באַהעפּט. ס'האָבן דעמאָלט געלעבט און געווירקט ר' נחמן בראַצלאַווער, דער סאַוואָרינער ר' שלומיניו, דער אַפּטער, דער לובלינער, דער ליזענסקער, דער באַרדיטשעווער א"אַ, און עס לאָזט זיך ניט פעסטשטעלן, וועלכע חסידישע שולע ער האָט דורכגעמאַכט. אָבער דאָס ווייסן מיר אויף זיכער, אַז לאַנג האָט זײַן חסידישקייט נישט אָנגעהאַלטן.

דער פאָטער האָט אים צוגעצויגן צום מסחר און אים אַרײַנגעפירט אין זײַנע פיל און שטאַרק פאַרצווײַגטע געשעפטן.

די שטאָט טאַרנאָפּאָל איז דעמאָלט געווען אַ גאַר וויכטיקער האַנדלס־צענטער, וואָס איז באַגינציקט געוואָרן דורך דער געאָגראַפישער לאַגע און דורך דער דעמאָלטיקער קאָניוקטור. אַדעס ווי אַ האַוון־ און האַנדלס־שטאָט איז ערשט אין יאָר 1794 געוואָרן געגרינדעט, אַזוי אַז דער וויכטיקסטער האַנדלשליאַך פון און קיין רוסלאַנד האָט דעמאָלט געפירט איבער די נאָענטע האַנדלספּלעצער — איבערהויפּט בראָד, און אויך טאַרנאָפּאָל, וואָס האָבן געהערט צו עסטרײַך. דאָ זײַנען געווען קאָנצענטרירט דער עקספּאָרט און אימפּאָרט פון די מערבֿ־מדינות און פון דער רוסישער אימפּעריע, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן ביז טיף אין אַזיע.

ר' טאָדרעס פערל, איינער פון די גרעסטע סוחרים, האָט געהאַט פאַר־בינדונגען מיט לײַפּציק, פון וואַנען ער האָט געבראַכט מאַנופאַקטור, מיט דאַנציק, וווהין ער פלעגט שיקן געהילץ, מיט פּעשט, ווו ער פלעגט אײַנקויפן ווײַנען, און מיט פיל אַנדערע שטעט אין די מערבֿדיקע מדינות.

דער יונגער יוסף פערל פלעגט אָפט פאָרן אין פאָטערס שליחות אין די דאָזיקע ווײַטע מקומות, ווו ער איז צו מאָל חדשים לאַנג אָפּגעזעסן און געקו־מען אין נאָענטן באַריר מיט די אָרטיקע גרויסע סוחרים און לומדים.

דאָרט איז ער געקומען צום ערשטן מאָל אין באַריר מיט דער השׂכּלה אויך. מענדעלסאָנס השפּעה האָט זיך שוין געלאָזט מערקן אין גאַנץ דײַטשלאַנד און אויך אין די שכנישע לענדער ביימען און אונגאַרן. די היסטאָרישע געשעענישן אין פראַנקרײַך האָבן אויך געמוזט אויפטרייסלען אַ שפּירעוודיקן גײַסט. און פערל האָט דערפילט, אַז עס קומט אָן אַ נײַע צײַט מיט נײַע השגות. אין דער נײַער צײַט קען מען שוין מיט די ידיעות פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט ניט אויסקומען, מען מוז זיך אײַנשאַפן וועלטלעכע קענטענישן אויך.

אין עלטער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט ער זיך באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ נײַ לעבן. צוליב דעם צוועק האָט ער בײַ זיך אויפגענומען דעם באַקאַנטן משׂכּיל בער גינצבורג פון בראָד, וואָס איז געווען אַ מיט־אַרבעטער אין די „מאספים" און אַ פּערזענלעכער פרײַנד פונעם באַרימטן מדקדק יהודה לייב בן־זאבֿ. גינצבורג האָט זיך פון דעם וועגן אַריבערגעצויגן קיין טאַרנאָפּאָל, ווו ער האָט פאַרבראַכט פולע דרײַ יאָר.

מיט דער גרעסטער התמדה האָט פערל אונטער גינצבורגס השגחה זיך

געגומען לערנען דײַטש, פֿראַנצויזיש, לאַטײַן און זיך קונה געווען ידיעות אין מאַטעמאַטיק, געשיכטע און נאַטורוויסנשאַפֿט. מיט אַן אַנדערן קוק האָט ער אויך גענומען באַטראַכטן די ייִדישע לימודים און זיך וואָס מער פֿאַרטיפֿט אין די מיטלעלטערישע פֿילאָסאָפֿישע ספֿרים פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור. אין אַ קורצער צײַט איז ער געוואָרן אַ בקי אין חקירה־ספֿרים, און עס האָט זיך בײַ אים גענומען שאַפֿן אַ פֿולדיקער קוק אויף דער אַנטוויקלונג פֿון די פֿאַרשיידענע שיטות פֿון ייִדנטום.

די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע געפֿאַלנקייט פֿון ייִדן האָט ער, גלײַך ווי אַלע משׂכּילים אין זײַן דור, באַטראַכט ווי אַ פּועל־יוצא פֿון זייער גײַסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט. ער האָט דעריבער געוואָלט שאַפֿן אַ סינטעז צווישן תּורה און חכמה, צווישן די דאָקטרינען פֿון דער ייִדישער אמונה און די וועלטלעכע ידיעות.

## II

די שטאָט בראָד האָט גאָר פֿרי געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אינעם לעבן פֿון די גאַליציש ייִדן. געבויט איז די דאָזיקע שטאָט געוואָרן פֿון די שׂררות פּאָטאָצקי, וועלכע האָבן פֿאַרמאָגט אומגעהײַער גרויסע שטחים ערד אויף אוקראַיִנע; כּדי צו פֿאַרגרעסערן דעם ייִשובֿ און דעם האַנדל אין זייערע מאַיאָנטקעס, האָבן זיי — די פּאָטאָצקיס — געגעבן פֿאַר די אײַנוווינערס פֿון אָט דער נײַער שטאָט אַן אונטערשייד פֿון רעליגיע אַלע מעגלעכע פֿרײַהייטן און האַנדל־פּריווילעגיעס. אָרעמע און ייִדן האָבן זיך דאָ באַזעצט. אין יאָר 1765, אין די לעצטע טעג פֿון דער פּוילישער ממשלה, זײַנען אין בראָד געווען 7191 ייִדן (אין לעמבערג זײַנען דעמאָלט געווען נאָר 6195 ייִדן)[1]. די גרעסטע ייִדישע סוחרים האָבן דאָ אויפֿגעעפֿנט זייערע קראָמען און בענק, און צוזאַמען מיט זיי זײַנען מיטגעקומען לומדים, ווײַל יעדער רײַכער מאַן האָט געהאַט די אַמביציע אויסצוהאַלטן לומדים און צו זײַן פֿון די תּומכי־תּורה. דאָ האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע באַדײַטיקע סוחרים ווי ר׳ פֿײַוול ציפּרעס, וועלכער איז געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט מענדעלסאָנען און בערלין[2], ר׳ זעליג ר׳ בצלאלס און פֿיל אַנדערע, וואָס האָבן געגרינדעט בתּי־מדרשים און געשטיצט לערנערס.

באַזונדערס מפֿורסם איז געווען די בראָדער גרויסע קלויז (קלויז רבינו), וווּ ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט די גרעסטע תּלמידי־חכמים פֿון יענעם דור. פֿון די חכמי קלויז זײַנען געווען מפֿורסם: ר׳ חיים סאַנצער, דער מאַציוּוער רבֿ, ר׳ משה אָסטרע, ר׳ יחזקאל לאַנדוי, ר׳ יצחק הורוויץ (ר׳ איציקל האַמבורגער),

---

1. באַלאַבאַן: Dzieje Żydów w Galicji, לעמבערג 1914, ז׳ 94.

2. זע מאיר הלוי לעטעריס׳ זכרונות. דער פֿאָטער פֿון ר׳ נחמן קראָכמאַל (שלום קראָכמאַלניק) איז געווען אַ פּריקאַשטשיק בײַ ר׳ פֿײַוול ציפּרעס און איז אין בערלין באַקאַנט געוואָרן מיט מענדעלסאָנען.

ר׳ משולם אייגער, ר׳ פנחס הורוויץ (דער בעל ההפלאה), ר׳ מרדכי פּאַריצקער (דער מחבר פונעם ביאור אויף מהר"ם שיף), ר׳ אַבֿרהם-גרשון קיטעווער (דער שוואָגער פונעם בעש"ט). די און פיל אַנדערע זײַנען געווען די פּאַן פון די גאַליציִשע ייִדן, און זייער שם איז דערגאַנגען ביז אין די ווײַטע מקומות פון דײַטשלאַנד, ווו זיי זײַנען אויפגענומען געוואָרן פּאַר רבנים אין די גרעסטע און פירנעמסטע קהילות.

די פּרנסים פון בראָד האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין וועד ארבע הארצות, און דער לעצטער נשיא פון וועד-הכולל איז געווען דער בראָדער רבֿ החייטים, ר׳ בער באַבאַד (ראַבינאָוויטש).

בשעת בראָד איז געקומען, בײַ דער ערשטער טיילונג פון פּוילן, אונטער דער עסטרײַכישער ממשלה, האָט די דאָזיקע שטאָט לאַ די וואָס נישט פּאַר-לוירן איר פריִערדיקע השפּעה, נאָר להיפוך נאָך באַקומען אַ גרעסערן פּאַרנעם. וואָרעם בראָד איז אינעם יאָר 1797 געוואָרן אַ פרײַע שטאָט: די סחורות, וואָס זײַנען אַהין געבראַכט געוואָרן פון אויסלאַנד, זײַנען געווען פרײַ פון כּלערליי אָפּצאָלן. די עסטרײַכישע מלוכה האָט געוואָלט אויף דעם אופן געווינען פּאַר זיך דעם רוסישן מאַרק און געבן פּאַר די רוסישע סוחרים די מעגלעכקייט צו קומען אין נאָענטע באַציִונגען מיט דער עסטרײַכישער און דײַטשער אינ-דוסטריע. און אַזוי איז בראָד געוואָרן דער וויכטיקסטער האַנדלס-פּלאַץ, ווו ס׳איז פּאָרגעקומען דער אויסבײַט פון סחורות צווישן דעם נאָענטן מזרח און דעם ווײַטן מערבֿ. פון גאַנץ אוקראַיִנע האָט מען דאָ אײַנגעקויפט די אויס-לענדישע סחורות און אַהער האָט מען געבראַכט די פאַרשיידענע רוי-מאַטער-יאַלן און פּראָדוקטן פון דער רײַכער און פּרוכפּערדיקער רוסישער מדינה.

בראָדער סוחרים האָבן דערפאַר אַנגעשפּאַרט אין לײַפּציק און מאַנטשעסטער, אָבער אויך אין קיִעוו און אין כערסאָן, אין כאַרקאָוו און בפרט אין דער יונגער האַנדל-און האַוון-שטאָט אָדעס, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן פונאַנדערצובליִען זיך. בראָדער באַנקירן און גרויסהענדלער האָבן זיך געניִיטיקט אין בוכהאַלטערס און קאָרעספּאָנדענטן פון פרעמדע לשונות. דערפאַר האָט צוזאַמען מיטן האַנדל זיך קאָנצענטרירט דאָ אַ קרײַז משכּילים און קענערס, וואָס צווישן זיי איז בער גינצבורג געווען איינער פון די ערשטע און באַ-קאַנטסטע. פון זײַנע שאַפונגען זײַנען געדרוקט נאָר עטלעכע זאַכן אין די „מאספים" און אין דעם אַרײַנפיר צום „לשון למודים" פון משה-חיים לוצאַטאָ, וועלכן ער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1800 אין לעמבערג. אָבער פון די דאָזיקע ווייניק אַרבעטן זײַנע זעט מען שוין, אַז ער איז געווען אַ מענטש מיט גרויסע ידיעות.

צווישן די משכּילים האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי ר׳ יעקבֿקע לאַנדוי, דער זון פון דעם פּראָגער רבֿ (דעם „נודע ביהודה"), וואָס איז געווען אַ גרויסער תּלמיד-חכם און האָט געפירט גרויסע געשעפטן; די משפּחות קאַליר און נאַטאַנזאָן, וואָס האָבן געשעמט מיט זייער עשירות,

ר׳ יעקבֿ שמואל ביק, גאָר אַן אָריגינעלע פּערזענלעכקייט, ר׳ בעריש בלומענפֿעלד, ישׂראל באָדעק און פֿיל, פֿיל אַנדערע.

די השפּעה פֿון די בראָדער משׂכּילים איז קאָנטיק אין דער גאַנצער דעמאָלטיקער השׂכּלה-ליטעראַטור, ווו די דאָזיקע שטאָט ווערט כּסדר דערמאָנט. זע למשל „שבֿילי עולם״ פֿון שמשון בלאָך (1טער טייל, הקדמה), דעם בריוו פֿון ר׳ שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט צו בלאָכן אין דעם ענין, אָפּגעדרוקט אין „מכתבֿי בני קדם״ פֿון ד״ר לעטעריס (III, 153), דעם שיר פֿון מאיר הלוי לעטעריס אין „דברי שיר״ און די בריוו פֿון ר׳ יצחק-בער לעווינזאָן, אָפּגעדרוקט אין „ספֿר הזכרונות״ פֿון בערנאַרד נאַטאַנזאָן (וואַרשע 1875), ווו ער רעדט פֿון בראָד ווי אַן „עיר יקרה ונחמדה״.

צו באַמערקן איז נאָך, אַז אויף לעווינזאָנס ערשטן חיבור, „תּעודה בישׂראל״, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1828, זײַנען אין בראָד אַליין געזאַמלט געוואָרן 45 פּרענומעראַנטן אויף בס״ה 196, וואָס זײַנען צוזאַמענגענומען געוואָרן אין גאַנץ ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

יוסף פּערל איז דורך זײַן רבי און מדריך בער גינצבורג באַקאַנט געוואָרן מיט די בראָדער משׂכּילים, און ער איז מיט זיי דאָס גאַנצע לעבן געשטאַנען אין נאָענטע באַציִונגען. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער שטענדיקער פֿאַרקער האָט געהאַט אויף פּערלען אַ גרויסע השפּעה. אָבער דעם דעציִדירנדיקן אײַנפֿלוס אויף אים האָט געהאַט אַ פּערזענלעכקייט, וואָס מען קען זי מיט רעכט אָנרופֿן דער פֿאָטער פֿון דער השׂכּלה אין מזרח-אייראָפּע — דאָס איז מענדל לעפֿין.

לעפֿין, דער תּלמיד מובֿהק פֿון משה מענדעלסאָן, האָט זיך נישט, ווי זײַן חבֿר און בן-דור הערץ האָמבערג, אָפּגעזונדערט פֿון דער ייִדישער סבֿיבֿה און נישט ווי ער, דורך זײַן באַציִונג צום ייִדישן המון, אים אָפּגעשטויסן פֿון זיך. לעפֿין, וועלכער איז אויפֿגעוואַקסן מיטן פֿאָלק און האָט קיין מאָל זיך ניט אָפּגעריסן פֿון דער מאַסע, האָט שטענדיק זיך געפֿילט ווי אַ גליד אין דער ייִדישער משפּחה — און זײַענדיק אַ יוצא ונכנס בײַם פֿירשט טשאַרטאָריסקי האָט ער פֿונדעסטוועגן נישט געביטן זײַן ייִדישלעכן שטייגער לעבן און נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן און צו קלערן, ווי אַזוי צו פֿאַרבעסערן דעם גײַסטיקן מצבֿ און דעם עקאָנאָמישן גורל פֿון זײַנע ברידער.

דערפֿאַר טאַקע איז זײַן השפּעה געווען אַזוי שטאַרק אויף אַזעלכע מענטשן, ווי יעקבֿ שמואל ביק, יוסף פּערל און נחמן קראָכמאַל.

ס׳איז נישט באַוווּסט אויף געוויס, ווען לעפֿין איז געקומען קיין גאַליציע. אָבער ס׳איז זיכער, אַז די ערשטע יאָרן פֿונעם 19טן יאָרהונדערט, דאָס הייסט אינעם יאָר 1802 אָדער 1803, האָט ער זיך שוין דאָ געהאַט באַזעצט, פֿאַרבראַכט אַ שטיק צײַט אין בראָד און דערנאָך אויף שטענדיק זיך אַריבערגעצויגן קיין טאַרנאָפּאָל צו זײַן פֿרײַנד און תּלמיד יוסף פּערל.

לעפּין איז געווען נישט נאָר דער רבי, נײַערט אויך דער באַראָטער און מיטאַרבעטער פֿון פּערלען אין זײַן כּלל-אַרבעט, און בפֿרט אין זײַן פּע-דאַגאָגישער טעטיקייט.

## III

די דאָזיקע צײַט, דער ערשטער יאָרצענדלינג פֿון 19טן י"ה, איז געווען זייער אַ באַוועגטע צײַט אין גאַנץ אייראָפּע. דאָס איז די צײַט פֿון די נאַפּאָ-לעאָנישע מלחמות. די אויפֿרודערונג האָט דערגרייכט אויך ביז די פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלעך פֿון מזרח-גאַליציע, וואָס האָט אַ פּאָר מאָל געביטן אַ דאַנק די מלחמות איר אייבערהאַר. אין יענער צײַט איז געווען די געלעגנ-הייט פֿאַר סוחריש פֿעיִקע מענטשן זיך אַרויפֿצואַרבעטן און צו קומען צו אַ פֿאַרמעגן.

אויך יוסף פּערל האָט פֿאַרשטאַנען אויסצונוצן די סיטואַציע. די קאָמאַנדירנדיקע קרײַזן סײַ פֿון דער עסטרײַכישער מאַכט, וואָס צו איר האָט דער טאַרנאָפּאָלער קרײַז געהערט ביז 1809, און סײַ פֿון דער רוסישער מאַכט, וואָט האָט געהאַלטן די געגנט אָקופּירט ביז 1815, האָבן גערן געפֿירט געשעפֿטן מיט פּערלען, וואָס זיי האָבן צו אים געהאַט דעם פֿולסטן צוטרוי. פּערל האָט איבערגענומען פֿאַרשיידענע ליווערונגען פֿאַר די אַרמייען, געבויט קאַזאַרמעס און אַנדערע בנינים; דערבײַ זײַנען געווען פֿאַרנומען פֿיל הונדערטער אָנגעשטעלטע.

פּערל, וועלכער האָט די אַלע געשעפֿטן געפֿירט לרובֿ צוזאַמען מיט זײַן פֿאָטער און טיילווײַז אויך מיט זײַן שוואָגער (יצחק-לייב אַטלאַס), האָט אין אָט די יאָרן אָנגעזאַמלט אַ היפּשן קאַפּיטאַל, און ער האָט געקאָנט אָנהייבן קלערן וועגן אויספֿירן בפֿועל זײַן אידעאַל אַרײַנצוברענגען בילדונג אין די פֿאַרחושכטע ייִדישע גאַסן.

די שולן, וואָס די עסטרײַכישע רעגירונג האָט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון הערץ האָמבערג געהאַט אײַנגעפֿירט פֿאַר ייִדן, זײַנען אין יאָר 1806 פֿאַר-מאַכט געוואָרן. זיי זײַנען לכתּחילה געווען אַ מפּיל-קינד, ווײַל האָמבערג האָט זיך נישט גערעכנט מיט די באַדערפֿענישן און השגות פֿונעם פֿאָלק און איז בעצם געווען דערווײַטערט פֿון ייִדן, וואָס ער האָט אויף זיי אַראָפּגעקוקט ווי אויף נידעריקע ברואים. דערבײַ איז האָמבערג געווען שטאַרק געלטגיריק און האָט זיך צו מאָל דערלויבט מעשׂים, וואָס וואַרפֿן אויף אים אַ מיאוסן שאָטן. דער עולם האָט דעריבער באַטראַכט די דאָזיקע שולן פֿאַר אַ ביטערער גזירה, פּונקט ווי די גזירה פֿון מיליטער. די דעמאָלטיקע שתּדלנים האָבן מיט אַלע כּוחות זיך געסטאַרעט די גזירה אָפּצושאַפֿן, נישט געזשאַלעוועט דערבײַ קיין שוחד און קיין פּראָטעקציע. אין יאָר 1806 האָט די מאַכט סוף כּל סוף טאַקע די דאָזיקע שולן פֿאַרמאַכט.

יוסף פערל, וועלכער האָט אין אָט דער צײַט שטאַרק מצליח געווען אין זײַנע געשעפֿטן, האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן בײַ זיך אין שטאָט אויף די חורבות פֿון דער פֿאַרמאַכטער שול אַ נײַע דערציִונגס-אַרבעט.

קענענדיק אַלע פֿעלערן פֿון האַמבערגס שולן און האָבנדיק בײַ זיך אַזאַ געטרײַען און גענױטן באַראָטער ווי מענדל לעפֿין, איז ער נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעאַרבעט אַ דעטאַלירטע פּראָגראַם, צוגעטראָטן אין יאָר 1809 צו גרינדן די ייִדישע שול אין טאַרנאָפּאָל, וואָס איר פֿירער איז ער געבליבן פֿולע 30 יאָר, ביז זײַן טויט. די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געווען די ערשטע פֿון דעם מין אין גאַליציע, און לויט איר מוסטער זײַנען שפּעטער געגרינדעט געוואָרן שולן אין אומאַן (רוסלאַנד, דורך חײַקל הורוויץ), אין בראָד, אין לעמבערג און אין אָדעס.

מיט 16 תּלמידים האָט פּערל די שול געעפֿנט. צווישן זיי האָט זיך געפֿונען בצלאל שטערן, וועלכער איז שפּעטער געווען לערער טאַקע אין דער זעלביקער שול און דערנאָך דירעקטאָר פֿון דער שול אין אָדעס. אין זײַן אייגענעם הויז האָט פּערל אָפּגעגעבן עטלעכע צימערן פֿאַר דער שול און געפּרוווט פֿאַראינטערעסירן ברייטערע קרײַזן מיט דער דאָזיקער אינ-סטיטוציע.

בראָש פֿון דער רוסישער מאַכט אין טאַרנאָפּאָלער קרײַז איז דעמאָלט געווען גענעראַל-גובערנאַטאָר סענאַטאָר פֿאָן-טײלס, ווי ס׳ווײַזט אויס אַ דײַטשער אַדלמאַן פֿון די באַלטישע פּראָווינצן. ער האָט זיך באַצויגן צו פּערלען בכלל און צו דער שול בפֿרט זייער פֿרײַנדלעך. נאָך ביז הײַנט הענגט זײַן פּאָרטרעט אין דער קאַנצעלאַריע פֿון דער שול-דירעקציע. טײלס האָט פּערלען תּיכּף געגעבן די באַוויליקונג צו גרינדן די שול און האָט אים גע-שטיצט ווי ווײַט מעגלעך. עטלעכע לערערס, בפֿרט די לערערס פֿרילינג און ניימאַן, האָבן פּערלען שטאַרק צוגעהאָלפֿן, און די שול האָט זיך אָנגעהויבן גוט אַנטוויקלען, אַזוי אַז אין יאָר 1812 האָט זיך פּערל גענומען בויען אַן אייגן הויז פֿאַר דער שול אויף דעם פּלאַץ, וועלכן עס האָט אים צוליב דעם צוועק געקויפֿט זײַן פֿאָטער ר׳ טאָדרעס.

ער האָט זיך געווענדט צו די אָרומיקע פּריצים מיט דער בקשה אים מיטצוהעלפֿן און בײַצושטײַערן צו די קאָסטן פֿונעם בנין.

אין פּערלס עזבון האָב איך געפֿונען אַ בריוו (אין אַ קאָפּיע מיט ייִדישע אותיות), וואָס ער האָט געשריבן אין דעם ענין צום גענעראַל קאָרי-טאָווסקי, דעם אייגנטימער פֿון פּלאָטיטש (אַ דאָרף בײַ טאַרנאָפּאָל) אין יאָר 1812.

מחמת דער דאָזיקער בריוו איז זייער כאַראַקטעריסטיש און האַלט אין זיך אויך אַ שטיק אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון פּערלען, גיב איך אים איבער ככתבֿו וכלשונו:

„אַן גענעראַלען קאָריטאָווסקי אין פלאָטיטש, 25 מערץ, 1812 [1].
„אײַער עקסצעלענץ,

„פֿערצייהען מיר א״ע גנעדיגסט, ווען איך זאָ דרייסט בין, א״ע
„דורך געגענווערטיגעם שרייבען אייניגע מינוטען צו רויבען. איינע
„ערזאינערונג אויס מײַנען יוגענד־יאַהרען איזט אורזאַך דאַפֿאָן. אונד
„איך האָפֿע שאָן דיזער וועגען ווערדען א״ע עס גנעדיג אויפֿנעהמען.

„שאָן אַלס קנאַבע פֿאָן 6 יאהרען, האטטע איך אָפֿט דאס פֿער־
„גניגען, מיט מיינען עלטערן בייא אייער עקסעל. צו זיין, אונד אַלס
„יונגלינג האטטע איך דיזע עהרע אייניגע מאל גענאסען. איממער
„פֿאסט הערטע איך דאן א״ע דיא גראסע פֿראַגע אויפֿווערפֿען, ווארום
„זיא צו איהרער הויפטבעשעפֿטיגונג דאס שטודיום דעס תלמודס מאַכען,
„וואַרום זיא זיך ניכט דעם פֿעלדבויע ווידמען, קורץ וואַרום זיא זיך ניכט
„בעפֿלייסען מענשען צו זיין. עס מאג נאן שוין 20 יאהרע צוריק זיין,
„אלס איך דעם לענגסט פֿערשטאָרבענען קרייז ראַבינער אויף איינער
„בעזוכס רייזע צו א״ע בעגלייטעטע, דאַמאַהלס שטעללטען א״ע דיזע פֿראַגען
„אויך אן ערוועהנטען ראבינער. אבער לײדער בליבען דיזע פֿראַגען
„איממער אונבעפֿרידיגט. וועדער בייאם ראַבינער נאך בייא אַנדערן
„אנזעהנליכען אונזערער געמיינדע, מאַכטען דיזע פֿראַגען איינדרוק.
„דיזע לייטע וואַרען פֿאָן אַלטען געברייכען אונד געוואָהנהייטן זאָ היני־
„געריסען, דאַש איהר אָהר פֿיר דיא וואהרהייט טויב בליב. איך הינגע־
„גען אַלס יונגלינג, דעסען געפֿיהל אונד הערץ פֿאָן דען צאהן דער
„צייט נאָך ניכט אַבגעשטומפֿט אונד דעסען פֿערשטאַנד אים קיימען
„וואַר, איך הערטע פֿאָן די פֿראַגען אונד ערזאינערונגען א״ע יעדעס מאַל
„מיט ווערמע צו. איך פֿאנד איהרע וואָרטע איממער ריין, לעבליך אונד
„מענשליך. ניכט האַס אָדער פֿעראַכטונג דער יודישען נאציאן — וויא
„בייא מאַנכען דער פֿאַלל איזט — טריב א״ע צו דיזען פֿראגען אן.
„ניין! וואהרע מענשען ליעבע, דער עדלע וואונש מענשען גליקליך צו
„זעהן, וואַר דיא טריבפֿעדער דיזער פֿראַגען אונד ערזאינערונגען, אונד
„זיא וואַרען מיר וויכטיג. איך נאַהם מיר אַלזאָ פֿאָר, זאָ באַלד מיר עס
„מעגליך זיין ווירד, פֿיר מיינער בילדונג צו זאָרגען, ניכטס צו פֿער־
„נאַכלעסיגען וואס מיר נור אַלס מענש ניצליך זיין קאַן. אַלליין, לײדער
„וואַר היער דער אָרטה ניכט, אום אײַנע גוטע אָנד צוועקמעסיגע ער־
„ציהונג ערהאַלטען צו קענען. קיינע שולע, קיינע לעהרער וואַרען דאַ,
„אום מיר דער איך מיך וויסבעגיריג פֿיהלטע. אין מיינעם פֿאָרהאַבען
„בעהילפֿליך צו זיין. דיא דײַטשע שולע, די אים יאַהרע 786 אויף

1. דעם דאָזיקן בריוו האָב איך אויך אָפּגעדרוקט אין די היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, באַנד I, ארויסגעגעבן פֿון א. טשעריקאָווער, ז׳ 809—813.

„אַללערהעכסטעם בעפֿעהלע היער עררינכטעט וואַר, היס ניכט פֿיעל. אָונד
„מיינע עלטערן זאָרגטען דאפֿיר, מיך אויך דיזער צו ענטציהען. דער
„פלאן, דען מיינע עלטערן מיט מיר האַטטען, הינדערטע מיך אן מיינעם
„וואנש עבן ניכט וועניג. נאך אַלס יונגער מאן ווארדע איך צום
„תלמודישען שטודיום אנגעהאַלטען, וויל מיינע עלטערן מיט אללער
„געוואַלט מיך צום ראבינער מאַכען וואללטען. איך מוסטע פֿערשטאהל-
„נער ווייזע מיך מיט דער דייטשען שפראַכע בעקאנט מאַכען, אין פֿער-
„שטאהלענען שלופֿ-ווינקעלן פֿינג איך אן דייטשע ביכער צו לעזען, —
„אונד זעהר אָפט מוסטע איך איין העבר. בוך צור האנד האבען, וועלכעס
„זאבאלד איך מיינע עלטערן מיר נאהע הערטע אויפֿגעשלאגען אָנד
„יענעס פֿערשטעקט לאג. זא האטטע איך ניכט וועניג ווידערווערטיג-
„קייטען צו בעקעמפפֿען, ביז איך מיט דער דייטשען שפראַכע צימליך
„בעקאַנט אונד ניצליכע דייטשע ווערקע צו לעזען אים שטאַנדע וואַר.
„איך קאן מיך צוואַר מיט קיינע וויסענשאפֿטען פֿרייען, קאַן ניכט איינ-
„מאהל זאגען, איך זעהע מיינען וואָנש ערפֿיללט. דען ליידער! קאנטע
„איך ערשט אים עטליכ-אָנד צוואנציגסטען יאהרע אום מיך זעלבסט
„בעזאָרגט זיין. דען ביז דאַהין וואַר איך גאַנץ אונטער דער אויפֿזיכט
„מיינער עלטערן אונד לעהרער. וויא שוועהר אלזא איזט עס דאן ניכט,
„אין דיזע יאַהרע אָהנע לייטער, אָהנע וועגווייזער, וואס גרינדליכעס
„צו ערלעהרנען. וואס איך אלזא דורך דיא מיר געגעבענע מיהע געוואַן,
„איזט, דאַש איך איינזעהן לערנטע, דאש איין מענש אום מענש צו
„זיין, איינע גאַנץ אנדערע ערציהונג אַלס יענע בייא מיינער נאציאָן
„איבליכע נעטיג איזט, אָנד דאַש דורך דער ערציהונגס ארט מיינער
„נאציאָן דיא יוגענד ניכט נור קיינע בילדונג ערהאלטען, זאנדערן אללע
„אנלאגען דעס קנאַבענס ווערדען דאַדורך נור פֿערשרויבט, אָנד אַללע
„געפֿיהלע ערשטיקט.

„פֿאָן דיזער וואהרהייט איבערצייגט, ענטשטאנד אין מיר דער
„לעבהאפֿטער וואונש, היער אין טארנאפאל איינע לעהר אָנד ערציהונגס
„שולע פֿיר דיא יודישע יוגענד צו ערריכטען, אין וועלכער דיא יוגענד
„פֿאָן געשיקטע מענער צו מענשען אָנד בירגער ערצאָגען, אָנד אין
„דער אינדוסטריע אונטעררינכטעט ווערדען זאָללען. צו דיזעם ענדע
„פֿערפֿאסטע איך איינען בעזאָנדערן לעהרפלאַן, ערקויפֿטע היער אין
„דער שטאדט איינען שענען גרונד, ליס פֿאן איינעם געשיקטען אַרכי-
„טעקטען אַן דען בויארוס צור לעהר אונד אינדוסטריע שולע ענטווערפֿען,
„האבע אויך איינען טייל דער נעטהיגען בויאמאַטעריאַליען אנגעשאפֿט,
„אום באַלד האנד אנס ווערק צו לעגען.

„אַלליין, דא דיא רעגירונג אין דער היזיגען אַלס אין איינער
„פראָווינציאַל שטאַדט זאָלכעס געביידע פֿאָן קיינע אַנדערע אַלס סאָלידען

„מאַטעריאַליען אויף צו פֿיהרען ערלויבט, זאָ פֿיל דער קאָסטען איבער-
„שלאַג זאָ האך אויס, דאש איך זיכער וויים, דאש דורך בלאָסער הילפֿע
„אייניגער געמיינדעגלידער איך דיזעם בויא ניכט צו שטאנדע ווערדע
„בריינגען קענען, זאָ ענטשלאָס איך מיך בייא געפֿיהלפֿאָללע אָנד
„עדלע מענער אַנדערער נאציאָן אום אונטערשטיצאָנג אַנצוקלאָפּפֿען.
„איך מאַכטע דען פֿערזוך אונד פֿאַנד מיך ניכט געטיישט.

„ז"ע ר"ק"* געהיימראַטה סענאטאר אונד מעהרערען אורדען ריטטער
„פֿאָן טהיילס, אונזער גנעדיגסטער לאַנדעס שעף, גאב מיר דען ערשטען
„בעוויז, וויא זעהר איינעם עדלען הערצען האָמאַניטעט דאס גרעסטע
„בעדירפֿניס איזט. פֿאָן דיזער עדלען האַנדלונג געשטערקט, וואַגע איך
„בייא א"ע אום אונטערשטיצונג מיינעס פֿאָרהאַבענס צו ביטטען.
„וואַרען דאָך א"ע — דיא וואהרהייט צו געשטעהן — דיא הויפּט
„אורזאַכע מיינעס אונטערנעהמענס, זאָ דאַרף איך אויך מיט גרונד
„האָפּפֿען, דאש א"ע צור אויספֿיהרונג דעסען, מיר איהרע הילפֿע
„מילדרייך אַנגעדייהען לאַסען ווערדען. פֿערבלייבע...."

## IV

אין דעם אויבן ציטירטן בריוו צום גענעראַל קאָריטאָווסקי דריקט זיך פּערל אויס וועגן די האָמבערגישע רעגירונגס-שולן: „די דײַטשע שולע, דיא אים יאַהרע 786 אויף אַלערהעכסטעם בעפֿעהל היער עררירכטעט וואורדע, היס ניכט פֿיעל". קענטיק, אַז ער האָט דעם גענעראַל נישט געקענט אויפֿקלערן די סיבות און די טיפֿערע אינעווייניקסטע מאָטיוון, פֿאַר וואָס די דאָזיקע שולן האָבן געמוזט האָבן אַ דורכפֿאַל. אָבער אין אַנדערע ערטער פֿון זײַן קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע מיר וועלן ווײַטער ברענגען, און אין דער בראָשור וואָס איז אַרויס אין יאָר 1815 רעדט ער אַרום די פּראָגראַם פֿון זײַן שול און זאָגט זיך דײַטלעכער אַרויס אין דעם ענין און איז מסביר, פֿאַר וואָס ס'האָט זיך האָמבערגן נישט אײַנגעגעבן עפּעס ממשותדיקס אויפֿצוטון.

עס האָט געהערשט אויך אַ פּערזענלעכער אַנטאַגאָניזם צווישן פּערלען און הערץ האָמבערגן. פּערל, וועלכער איז געשטאַנען מיט אַלע חשובֿע און באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן פֿון זײַן דור אין נאָענטע באַציִונגען און האָט מיט אַלעמען געפֿירט אַן אָפֿטע און ברייטע קאָרעספּאָנדענץ, אָנגעהויבן פֿון די באַקאַנטע רבנים ר' משה קוניץ אין פּעשט, ר' ענזיל צוזמיר אין סטרי און אויסגעלאָזן מיט פּעטער בעער און האַרצפֿעלד אין ווין (הגם ער האָט מיט זייערע דעות ניט מסכּים געווען), האָט מיט האָמבערגן קיין שום מגע-ומשא נישט געהאַט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס האָמבערג איז געווען אַ קרובֿ למלכות און אַ גרויסער ידען.

* זײַן עקסעלענץ רוסיש-קייזערלעכער.



**קאָנצעפּט פון יוסף פּערלס בריוו צו גענ' קאָריטאָווסקי, געשריבן מיט זײַן אייגענער האַנט**

(פֿון דעם אַרכיוו פֿון דער פּערל-ביבליאָטעק אין טאַרנאָפּאָל)

די פערזענלעכע מידות פון האמבערגן וועלכער איז געווען א נידערי־קער מאטעריאליסט און א געציַיג אין דער האנט פון דער רעגירונג, וואס ער האט איר געהאלפן אונטערדריקן יידן מיט נייע פרישע גזרות, וואס ער האט געטראכט צו ציען פון זיי א פערזענלעכן נוץ, האבן געמוזט אפשטויסן פערלען וועלכער האט ניט געהאט קיין שום פערזענלעכע פניות.

חוץ דעם איז פערלען נישט געפעלן געווארן די האמבערגישע סיסטעם אין חינוך. פערל איז געווען, ווי זיין רבי און באראטער ר׳ מענדל לעפין, א מענטש וואס האט געשטעקט ראשו ורובו אין פאלק. ער האט זיך גערעכנט מיט די השגות פונעם המון, מיט זיינע באדערפענישן און מיט זיין טראדיציע, נישט געווען קיין שטורעמער און קיין צולהכעיסניק.

פערל האט געוואלט אין זיין שולפראגראם פאראייניקן די לימודי־קודש מיט די לימודי־חול אויף אזא אופן, אז די שול זאל פארבייטן און ממלא זיין דאס חדר און מאכן פון אירע תלמידים גוטע און געבילדעטע יידן, באהאוונט סיי אין יידישע סיי אין פראפאנע ידיעות. אין דעם דאזיקן פרינציפ האלט זיך פערל נאך אינעם יאר 1826, בשעת ער גיט זיין פריינד לעאן לאנדוי פון אדעס עצות בנוגע דער יידישער שול, וואס איז דארט געגרינדעט געווארן:

דער דאזיקער בריוו פונעם 9טן נאוועמבער 1826 לייענט זיך ווערטלעך אזוי:
„ה׳ לעאן לאנדויא, אדעסא.

פיר דיא מיר אין איהרעם ווערטען פאם 15/27 אקט. — ערהאלטען אם געסטריגען — מיטגעטיילטע נאכריכט וועגען עררייכטונג איינער לעהראנשטאלט אין אדעסא, מיינען בעסטען דאנק. נור קאן איך איהנען ניכט פערצייהען דען אויסדרוק: „נעכסטענס איין מעהרערס, ווען עס זיא אינטערעסירט". פאסט דיזעס בעדינגניס געגען מיך? אינצווישען מוס איך איהנען פערצייהען, דען זיא שטיפטען וואס גוטעס, אונד איין זאלכער קאן מיך אויך בעליידיגען, ווען ער לוסט האט. דען פאנאטיקערן אונד געגנערן דער גוטען זאכע, זעצען זיא נור קאלטבליטיגקייט ענט־געגען. אונד איזט איינמאהל דיא אנשטאלט דא, זא זוכען זיא נור דורך גוטע פאלגען דיא מיילער צו שטאפפען, הויפטזעכליך ביטע איך זיא, אויף דעם העבר. אונטעררריכט—דארונטער מיינע איך אויך דען תלמוד— אונד אויף מאראל צו זעהן. דאן טראכטען זיא לעהרער צו בעקאמען, דיא ווארמע פריינדע דער נאציאן אונד דער גוטען זאכע זיין זאללען. דיא נייען יידישען יודענפיינדע ווייכען זיא זא וויט נור מעגליך איזט. דיזע פערפעסטען דיא יוגענד און צעטרעטען אללעס גוטע, זאלל עס איהנען מעגליך זיין, דיא קינדער דיא מיט דען נארמאלגעגענשטענדען פערטיג ווערדען אונד קיינע העהערע שולען בעזוכן וואללען, בייא זיך וויטער אין דען העבר. אונד איבריגען געגענשטענדען אונטער־ריכטען צו לאססען, זא טהון זיא עס; ווא ניכט, זא טראכטען זיא דיא

שולע זאָ איינצוריכטען, דאס דער שילער מעהרערע יאַהרע אין איהר בלייבען קאָן. דען מיט דען נארמאלגעגענשטענדען ווירד איין גוטער שילער אין 4 יאַהרען פערטיג. נון בלייבט ער אין דען העבר. אונוויסענד. דאָן זינד וויעדער דיא מעהרסטען עלטערן פאָן דער אַרט, דאָס זיא איהר קינד ביז אין זיינר פערהייראַטונג וועניגסטענס, מאַנכע אבער ביז אן דער צייט, ווא דאס קינד אין דאס געשעפטסלעבען טרעטען זאָלל, איהןביים רבי אָדער אים בית המ״ד וויססען וואָללען. וואס ווירד אַלזא דער פּאטער טוהן, ווען זיא זיין קינד אין דער שולע ניכט ווערדען בעשעפטיגען קעננען? ער ווירד דאָן געצוואונגען זיין, איהן צו איינעם מלמד צו געבען. שטעללען זיא זיך נור דיזעס פאָר! איהרע מיהע ביים שילער געהט פערלאָרען, אונד די שולע פערלירט שטאַרק אן אנזעהן. דען דאָן הייסט עס: „וואס טויגט דיא שולע, דיא קינדער מיסען אום ניכט גוים צו בלייבען, וויעדער אין חדר געהן!" אָ, וואס העטטע איך דאָרום געגעבען. ווען איך דאָרט צור איינריכטונג דער שולע זיין קעננטע. עס גיבט זאָ אונצעהליגע געגענשטענדע, די אויף דער שטעללע בעמערקט אונד בעזייטיגעט ווערדען מיססען, ווען מאָן וויללל, דאָס דיא זאַכע וואָהלטעטיג ווירקען זאָלל. בעזאָנדערס ווירד דיזע שולע דיא ערשטע אין רוסלאַנד זיין. ווען דא איין פעהלער געמאַכט ווירד, איזט אָן נאַכאהמער ניכט צו דענקען. גאָטט לייטע איהרע וועגע, שטערקע איהרען מוטה אונד געבע איהנען איינע גוטע געזונדהייט, דיזעס וויִנשט איהנען איהר...".

אונטער „די נייען יודישען יודענפיינדע", וועלכע ער הייסט ווײַכן, מיינט ער הערץ האָמבערגס לײַט וועלכע זײַנען אַראָפּגעקומען קיין גאַליציע פון ביימען און מערן פאַר לערער אין די דעמאָלטיקע שולן און וואס זיי האָבן זיך זייער מיאוס אויפגעפירט און זײַנען בײַם גאַנצן פאָלק געווען פאַראַכט.

און 1815, בשעת די טאַרנאָפּאָלער שול האָט שוין געהאַט אַן אייגענעם בנין און אַלע קלאַסן זײַנען שוין געווען פאַרפולט (די שול האָט שוין דעמאָלט געהאַט 100 תלמידים), האָט פּערל אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אין דײַטשער שפּראַך:

„Kurze Übersicht des in der Tarnopoler israelitischen Freyschule eingeführten Lehrplanes, nach dem der Unterricht in allen Klassen dieser Schule ertheilt wird". Tarnopol 1815. (Gedruckt bey N. Pineles, Buchdrucker und Buchhändler)

אין דער קורצער הקדמה זאָגט דער מחבר, אַז אויפן פאַרלאַנג פון פיל פרײַנד גיט ער אַן אויסצוג פון דעם לערנפּלאַן, כדי באַקאַנט צו מאַכן דעם ברייטן עולם מיט די טענדענצן פון דער שול, ער האָפט אָבער בקרוב אַרויסצוגעבן די גאַנצע פּראָגראַם פון די לימודים.

אין דעם אַרײַנפֿיר באַהאַנדלט דער מחבר די פּרינציפּן, וואָס לויט זיי ווערט געפֿירט די שול. אַרומרעדנדיק די אויפֿגאַבן, וואָס די שול האָט זיך געשטעלט, באַמערקט ער:

„די אַנשטאַלט וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין טאַרנאָפּאָל צייכנט זיך אויס, חוץ מיט אַנדערע גוטע אײַנריכטונגען, פֿון די אַנדערע ביז אַהער באַקאַנטע ענלעכע אַנשטאַלטן בפֿרט אין 4 הויפּטפּונקטן, וואָס דורך זיי זײַנען זיי (די פֿריִערדיקע אַנשטאַלטן) כּסדר געשטרויכלט געוואָרן.

דאָס זײַנען: 1) דער לימוד פֿון רעליגיע, 2) דער לימוד פֿון תּלמוד, 3) אַרבעט און קונסט, 4) דער חינוך בכלל, ד"ה דאָס אַכטונג געבן אויף די מידות פֿון די תּלמידים".

צום ערשטן פּונקט באַמערקט דער מחבר, אַז מען האָט פֿאַרגעסן בײַ די פֿריִערדיקע שולן, אַז ס'איז ניט געמאָלט קיין אמתע בילדונג אָן דעם לימוד פֿון רעליגיע בײַ קיין שום פֿאָלק, בפֿרט נישט בײַ ייִדן, וואָס בײַ זיי איז דאָס גאַנצע לעבן, אַפֿילו די קלענסטע טוּונג, פֿאַרבונדן מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס. דורך דעם דורכפֿאַל פֿון די פֿריִערדיקע שולן האָבן די איצטיקע מיסדים פֿון אָט דער שול פֿאַרשטאַנען דעם חסרון און זיך באַמיט, אַז דער לימוד פֿון רעליגיע זאָל זײַן אַ רעגלמעסיקער און אַז די תּלמידים זאָלן אויספֿירן בפּועל די צערעמאָניעס, טעגלעך דאַווענען אונטער דער השגחה פֿון די לערערס אאַז"וו, אַזוי אַז די עלטערן פֿון די קינדער זאָל זײַן פֿולקום צופֿרידן.

צום צווייטן פּונקט באַמערקט דער מחבר, אַז דער לימוד פֿון תּלמוד איז זייער וויכטיק פֿאַר דער שול, כּדי צו געבן דעם שילער פֿולע ידיעות אין אַלע ענינים, אַזוי אַז ער זאָל נישט דאַרפֿן באַזוכן חוץ דער שול נאָך אַ חדר און אויף דעם אופֿן פֿאַרלירן צײַט און מי.

אַרבעט און קונסט ווערט תּחילת אײַנגעפֿירט נאָר אין אָפּטייל פֿאַר מיידלעך. שפּעטער איז געפּלאַנט צו מאַכן אַ באַזונדער קלאַס אויך פֿאַר ייִנגלעך, כּדי צו געוויינען זיי צו פֿיזישער אַרבעט און צו קינסטלערישע מלאָכות.

בנוגע צום פֿערטן פּונקט זאָגט דער מחבר: דער אויסדרוק חינוך (דערציִונג) פֿון דער יוגנט קלינגט אין פּלוג אַזוי פֿרעמד, אָבער ס'האָט אונדז געלערנט די פּראַקטיק דווקא פֿון די פֿריִערדיקע שולן (די האַמבערגישע, מיינט ער), אַז די אויסבילדונג פֿונעם כּאַראַקטער איז דאָס וויכטיקסטע, אויף וואָס מען מוז אַכטונג געבן. דאָ ליגט די הויפּט-סיבה, פֿאַר וואָס ס'האָבן אַזאַ קליינעם ערפֿאָלג געהאַט די דאָזיקע שולן בײַ גאַליציִשע ייִדן, הגם די רעגירונג האָט געהאַט די בעסטע כּוונות. די שול מוז זאָרגן, אַז דער תּלמיד זאָל טון אַ פּעולה אין די לימודים, אָבער קודם כּל מוז מען אים מאַכן פֿאַר אַ מאָראַלישן מענטש מיט גוטע מידות און גוטער באַנעמונג קעגן עלטערן און קעגן לײַט.

די לימודים זײַנען פֿאַרטיילט אויף 4 קלאַסן און באַרעכנט אויף 8 יאָר צײַט, דאָס הייסט אַז יעדער קלאַס איז אײַנגעטיילט אין 2 יאָרגענג. פֿאַר מיטאָג

ווערן געלערנט די ייִדישע לימודים, נאָך מיטאָג די פּראָפֿאַנע. צו באַמערקן איז, אַז צווישן די לימודים געפֿינט זיך אויך ייִדיש־דײַטש (אין ערשטן קלאַס. זע די דערמאַנטע בראָשור, ז׳ 14). די לימודים־שפּראַך איז געווען דײַטש. פֿון דעם דריטן קלאַס אָנגעהויבן האָט מען אויך געלערנט פֿראַנצייזיש און פּויליש. פּערל האָט אויך געפּלאַנט אײַנצופֿירן די רוסישע שפּראַך. (1815 איז טאַרנאָפּאָל נאָך געווען אונטער דער רוסישער ממשלה).

## V

אין אַ באַמערקונג מכּוח דעם צוועק פֿון זײַן שול זאָגט פּערל אין דער דערמאָנטער בראָשור (ז׳ 26—27):

Es ist schon oben gesagt worden, dass diese Israelitische Freyschule keineswegs die Absicht habe Gelehrte zu erziehen: sie kann und will — wenigstens für jetzt — solche Absicht nicht haben. Ihr eiferigstes Bestreben geht blos dahin, die Jugend unserer Nation, in gemeinnutzigen Kenntnissen zu üben, und zur Gottesfurcht, Sittsamkeit und zu allen gesellschaftlichen Tugenden anzuleiten. Zu diesem Ende ist die ganze Unterrichtszeit auf 8 Jahre, das ist, vom 7. Jahre eines Kindes, bis zu Ende des 14. festgesetzt worden. Erlernet der Schüler die vorgeschriebenen Gegenstaende mit gutem Fortgang so wird er sicher nach seinem 14. Jahre zu mannigfaltigen Geschaeften nützen oder sich nach seiner vorzüglichen Neigung eine bestimmte Beschaeftigung waehlen koennen.

ער רעדט ווײַטער אַרום די חסרונות פֿון דעם ביזאַהעריקן חינוך און ווײַזט אויף, אַז אויך דער ייִדישער בעל־מלאָכה מוז שטיין אויף אַ געוויסער מדרגה פֿון בילדונג, כּדי צו קענען פֿאַרנעמען זיך מיט זײַן פֿאַך.

די עקזאַמענס קומען פֿאָר יעדער פֿערטל יאָר דורך אַ קאָמיסיע פֿון באַוווסטע לומדים. יעדער האַלב יאָר עקזאַמענירט דער קרײַז־רבֿ אַליין די תּלמידים אין תּלמוד און תּנך. אַזעלכע עקזאַמענס קומען אויך פֿאָר אין דער זעלביקער צײַט פֿון די אַלגעמיינע לימודים, צו וועלכע ס׳ווערן פֿאַרבעטן די פֿאָרשטייערס פֿון דער מאַכט, באַקאַנטע געלערנטע מענטשן אאַז״וו.

צו אַזאַ הויפּט־עקזאַמען אין אַפּריל 1815 איז געקומען פּערזענלעך דער גענעראַל־גובערנאַטאָר סענאַטאָר פּ. טיילס, וועלכער האָט צו יוסף פּערל געשריבן דעם ווײַטערדיקן בריוו:[1]

„An Herrn Joseph Perl, Stadthaupt, Kaufmann der ersten Gilde und Vorsteher der Tarnopoler Erziehungsanstalt.

---

1 געבראַכט אין אויסלייג פֿון אָריגינאַל.

Mit wahrem Wohlgefallen habe ich mich bey der letzten am 5. d. M. in der Erziehungsanstalt für die israelitischen Jugend abgehaltenen öffentlichen Prüfung, von der guten Lehrart und den ausgezeichneten Fortschritten der Zöglinge derselben, in allen Zweigen überzeugt.

Sie Herr Perl! haben das Verdienst der Stifter dieser Anstalt zu seyn; die dabey angestellten geschickten und fleissigen Lehrer sind Ihre Auswahl und Ihren fortgesetzten sorgenvollen Bemühungen muss man das Gedeihen derselben und die Ausbildung der darin aufgenommenen Schüler, zuschreiben.

Einst werden Sie sowohl als die Lehrer dieser Erziehungsanstalt, für dieses gute und gemeinnützige Werk, vollen Dank einernten, den die für das gemeine Beste so nothwendige Lehrgegenstaende — und besonders die reine Religions- und Sittenlehre die darin vorgetragen werden, und von deren Wichtigkeit und ungemeinem Nutzen jeder überzeugt sein muss, werden nothwendig edle Grundsaetze und Gesinnungen bey der Jugend erwecken und in ihrem Herzen begründen. Dieses rechtfertigt auch meine Hoffnung, dass die so unterrichteten Kinder ihrer Nation einst dem Vaterlande nützlich und überhaupt brauchbare Mitglieder der menschlichen Gesellschaft seyn werden.

Ich kann daher nicht umhin, Ihnen als dem Stifter dieser Anstalt meinen Dank und meine Zufriedenheit für den durch Sie gestifteten Nutzen zu erkennen zu geben.

Theilen Sie diese meine Gesinnungen den Lehrern der Erziehungsanstalt, insbesondere aber dem eben so talentvollen als in seinem Eifer unermüdeten Herrn Neumann mit, und geben Sie den Zoeglingen die Versicherung meiner Zufriedenheit mit ihrem Fleisse.

Fahren Sie Herr Perl in Ihren das Wohl der Jugend und der menschlichen Gesellschaft befoerderenden Bemühungen fort! und rechnen dabey stets auf die Anerkennung und Unterstützung Ihres Verdienstes von Seiten der Regierung. —

Senator Theyls

(L. S.)

№ 245. Tarnopol, den 9. April 1815.

אינעם יאָר 1815 האָט די עסטרײַכישע רעגירונג צוריק איבערגענומען דעם טאַרנאָפּאָלער קרײַז אין איר רשות. און דעמאָלט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אַנטוויקלונג פֿון דער שול[1].

פּערל האָט קודם כּל זיך געסטאַרעט צו זיכערן דעם קיום פֿון דער שול, וואָס אירע באַדערפֿעניש זײַנען כּסדר געוואַקסן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַזאַ אינסטיטוציע קאָן זיך ניט האַלטן אָן סטאַבילע הכנסות און אָן געזיכערטע סובווענציעס מצד דער מאַכט אָדער מצד די קהילות.

די עסטרײַכישע רעגירונג האָט אים געגעבן אין יאָר 1820 עפֿנטלעכע רעכט פֿאַר דער שול, וועלכע האָט באַקומען דעם נאָמען „דײַטש - איזראַעליטישע הויפּטשולע“. ס׳איז אויך באַוויליקט געוואָרן דער סטאַטוט פֿון דער פֿונדאַציע, לויט וועלכער פּערל שענקט אַוועק דאָס הויז און די סינאַגאָגע, וואָס געפֿינט זיך לעבן איר, דער טאַרנאָפּאָלער קהילה פֿאַר אַן אייגנס לדור־דורות. אַקעגן איז פּערל געבליבן דער פֿאַרשטייער און דירעקטאָר פֿון דער שול, מיט אַ יערלעכן געהאַלט פֿון 600 גולדען. דעם דאָזיקן געהאַלט האָט פּערל קיין מאָל נישט גענומען פֿאַר זיך, נאָר ער האָט עס פֿאַרניצט אויף פֿאַרזאָרגן אָרעמע תּלמידים און אַ טייל — אויף צו פֿאַרגרעסערן די ביבליאָטעק פֿון דער שול[2].

די קהילות פֿון טאַרנאָפּאָל, טרעמבאָוולע, סקאַלאַט און מיקולינצע (אַרום טאַרנאָפּאָל) זײַנען געווען מחויב לויטן סטאַטוט צו געבן אַן אָפּצאָל פֿון דער שחיטה לטובֿת דער שול.

אַזוי צאָלן: די קהילה פֿון טאַרנאָפּאָל 2 גולדן 15 גרײַצער פֿאַר אַן אָקס, 1 גולדן 30 גרײַצער פֿאַר אַ קו, און $7\frac{1}{2}$ גרײַצער פֿון אַ קעלבל אָדער אַ שאָף; די קהילות פֿון טרעמבאָוולע, סקאַלאַט און מיקולינצע: פֿון אַן אָקס 1 גולדן 54 גרײַצער, פֿון אַ קו 1 גולדן 15 גרײַצער און פֿון אַ דקה $7\frac{1}{2}$ גרײַצער.

אַקעגן האָבן די קהילות פֿון גזשימאַלאָוו און פֿון זבאַראַזש נישט געגעבן קיין אָפּצאָל פֿון דער שחיטה, נאָר אַ שטענדיקע סובווענץ: די ערשטע 250 גולדן, די אַנדערע 450 גולדן אַ יאָר.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע קהילות, בפֿרט די חסידים, האָבן נישט זייער גערן מסכּים געווען זיך צו באַשטײַערן לטובֿת דער שול, וואָס זיי האָבן זי באַטראַכט פֿאַר געפֿערלעך און שעדלעך. אָבער זייער אָפּאָזיציע האָט זיי ווייניק וואָס געהאָלפֿן. דער דאָזיקער סטאַטוט איז געוואָרן באַשטעטיקט און איז געווען גילטיק ביז אין די זעכציקער יאָרן פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט, בשעת ס׳איז אײַנגעפֿירט געוואָרן אין גאַליציע דער אַלגעמיינער שולצוואַנג. ערשט דעמאָלט איז די דאָזיקע שול אַריבער אין רשות פֿון דער טאַרנאָפּאָלער

---

[1] די צאָל פֿון די תּלמידים איז געווען פֿון 1819 ביז 1826 בערך — 100 יעדער יאָר: 1819 — 118, 1820 — 101, 1821 — 90, 1822 — 120, 1823 — 113, 1824 — 94, 1825 — 84, 1826 — 83.

[2] זע Stoeger I § 75.

קהילה אַליין און די אַרומיקע קהילות זײַנען נישט מער געווען געצוווּנגען בײַצושטײַערן אויף אויסהאַלטן די שול, וועלכע עקסיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג.

אַז די דאָזיקע שול האָט פֿאַרלוירן איר לכתחילהדיקן כאַראַקטער און ווערט — פֿאַרשטייט זיך אַליין. ס'האָבן זיך געביטן די צײַטן, די מענטשן און די באַגריפֿן. פֿון דער אינסטיטוציע איז נאָר געבליבן דער נאָמען פּערל. אין די זעכציקער יאָרן האָט מען געענדערט דעם נאָמען אויף אַ ייִדישער פֿאָלקסשול אויפֿן נאָמען יוסף פּערל — און זי איז געוואָרן אײַנגעאָרדנט לויט דער פּראָגראַם פֿון די אַלגעמיינע פֿאָלקסשולן מיט גאָר קליינע אונטערשיידן.

די הכנסות פֿון דער שול זײַנען אין יאָר 1825 געוואַקסן ביז 30.000 גולדן.

צו באַמערקן איז נאָך, אַז די רוסישע רעגירונג האָט פּערלען געגעבן אַ גאָלדענעם מעדאַל פֿאַר זײַנע פֿאַרדינסטן נאָך אין יאָר 1815. אויך די עסטרײַכישע רעגירונג האָט פּערלען געגעבן אין יאָר 1821 אַ הויכע אויסצייכענונג („די מיטלע גאָלדענע מעדאַליע זאַמט עהר אונד באַנד") פֿאַר זײַנע פֿאַרדינסטן אַרום דעם שולוועזן.

וואָס פֿאַר אַ ראָלע די דאָזיקע שול האָט געשפּילט נאָך אינעם יאָר 1830, קאָן מען בולט זען אין די ציפֿער פֿון די ייִדישע תּלמידים אין אַלע עפֿנטלעכע שולן אין גאַליציע. ס'האָבן דעמאָלט אין גאַנץ גאַליציע, ד"ה מזרח- און מערבֿ-גאַליציע, באַזוכט פֿאָלקסשולן בס"ה 408 ייִדישע קינדער, דערפֿון אין טאַרנאָפּאָל אַליין 123 — ד"ה בערך אַ דריטל פֿון אַלע ייִדישע תּלמידים געפֿאַלט אויף פּערלס שול, הגם די צאָל ייִדן אין טאַרנאָפּאָל האָט נישט באַטראָפֿן מער ווי 6 פּראָצ'

פּראָפֿעסאָר ד"ר מיכאַעל שטעגער, איינער פֿון די ווינציק קריסטלעכע געלערנטע פֿון יענעם דור, וואָס האָט זיך באַצויגן צו ייִדן אָן שנאה, האָט אין זײַן ווערק: Darstellung der gesetzlichen Verfassung der galizischen Judenschaft (לעמבערג 1833) אינעם ערשטן טייל, בשעת ער רעדט וועגן דעם חינוך און שולוועזן פֿון ייִדן אין גאַליציע, געשריבן וועגן פּערלען און זײַן שול אָט וואָס: „...זינט 1813 עקסיסטירט די דאָזיקע אַנשטאַלט ווי אַ שיינע דערשײַנונג, אַ דאַנק דער טעטיקייט פֿון אָן אָנגעזעענעם געבילדעטן מאַן פֿון דער טאַרנאָפּאָלער געמיינדע, דעם איצטיקן קהל-פֿאָרשטייער יוסף פּערל. לויט דער העכסטער באַשטימונג פֿון זײַן מאַיעסטעט דעם קיסר פֿונעם 16טן נאָוועמבער 1820 האָט די דאָזיקע שול באַקומען די דעפֿיניטיווע באַשטעטיקונג ווי אַן עפֿנטלעכע איזראַעליטישע הויפּטשול, וואָס אירע צײַגנישן ווערן אָנערקענט בײַם אָננעמען אין די העכערע קלאַסן גימנאַזיע" (I, § 77, ז' 127).

## VI

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז פּערלען איז געגאַנגען נית נאָר אין בילדונג אַליין. ער האָט זיך געסטאַרעט צו דערציִען אינטעליגענטע סוחרים און בפֿרט בעלי-מלאָכות.

דער דעמאָלטיקער שטאַנד פֿון ייִדישע בעלי־מלאָכות איז געווען באַגרע־נעצט דאָס רובֿ אויף עטלעכע קליינע מלאָכות. צום גרעסטן טייל זײַנען דאָס געווען שנײַדערס און אַ ביסל שוסטערס. אָקעגן זײַנען אין דער געגנט נישט געווען קיין ייִדישע שלאָסערס, מעכאַניקערס, שמידן, בלעכערס און זייער ווייניק סטאָליאַרעס, הגם די דאָזיקע פֿאַכן באַצאָלן זיך בעסער. פֿאַרשטייט זיך, אַז מחמת דער גרויסער צאָל ייִדישע שנײַדערס איז די קאָנקורענץ געווען אַ גרויסע און די פּרנסה אַ קליינע. צווישן די ייִדישע בעלי־מלאָכות האָט געהערשט אַ דחקות און אָפֿט אַרבעטלאָזיקייט.

פּערל האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן עטלעכע פֿעיִקע תּלמידים פֿון זײַן שול צו קריסטלעכע שלאָסערס, כּדי זיי זאָלן זיך אויסלערנען דאָס דאָזיקע פֿאַך.

ער האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן בײַם אויספֿירן דעם פּלאַן, ווײַל די קריסטלעכע צעכן האָבן נישט דערלאָזן, אַז ס'זאָלן אָנגענומען ווערן ייִדישע לערנייִנגלעך. אָבער פּערל איז נישט געווען דער מענטש, וואָס זאָל זיך אָפּ־שרעקן פֿאַר שוועריקייטן. ער האָט מיט שכל און מיט טאַקט פֿאַרשטאַנען זײַנס דורכצופֿירן קעגן דעם ווילן פֿון דעם טאַרנאָפּאָלער צעך און קעגן דער שטעלונג פֿון דעם לעמבערגער צעך.

וועגן דעם ענין שרײַבט ער צו זײַן פֿרײַנד לעאָן לאַנדוי קיין אָדעס אין אַ בריוו פֿונעם 15טן אויגוסט 1825 אָט וואָס:

„... איך האַבע איינען פּאַנד אַנגעלעגט, דער 120 פֿלאָרין יעהרליך אַבווירפֿט אונד דיזען האַבע איך פֿיר האַנדווערקער אונזערער נאציאָן אונד אויס מיינער לעהראַנשטאַלט בעשטימט. אים פֿאָריגען יאַהרע האַבע איך דען אַנפֿאַנג געמאַכט מיט איינעם מיינער שילער. איך גאַב איהם צו איינעם קריסטליכן שלאָסער אין דיא לעהרע אונד צו איינעם יודען אין דער נעהע דעס שלאָססערס אין דיא קאָסט. דיא גאַנצע צונפֿט טראַט אויף, דיא געזעללען פֿערליסען איהרע מייסטער. אַלליין איך האַבע גאַטט זייא דאַנק אַללעס געדעמפֿפֿט, זאָ דאַס איך דיזען זאָממער צו איינעם אַנדערן שלאָססער נאָך 2 מיינער ש־לער אין דיא לעהרע געגעבען האַבע. איך ווינשע אונד האָפֿפֿע — אויך איינינע שמידע צו ערציהען...“

נאָך אויספֿירלעכער רעדט ער וועגן דעם קאַמף וואָס ער האָט געהאַט מיט די קריסטלעכע צעכן, אין זײַן ייִדישער דרשה פֿון 1838 (וועגן איר וועלן מיר רעדן שפּעטער). ער דערציילט דאָרט אָט וואָס:

„מיט דעם לעמבערג איז גאָר אַ צרה. אַז איך האָב אָנגעהויבען יונגליך צו געבען צו בעלי מלאכות, איז דער ערשטער געווען אַ שלוסער. זענען דיא שלוסערס אַריין צו דעם בעל מלאכה אונ' האָבען איהם גע־שלאָסען דיא קוזנע. דער עבערשטער האָט מיר געהאָלפֿען, אַז אין אַ פּאָר טעג דרויף, האָבען זייא מיינער בעדאַרפֿט. זענען דיא צעכ־מייסטערס צו מיר געקומען אונ' האָבען מיך געבעטען אונ' צוגעזאָגט

זייא וועלען מיין לעהר יונג צו נעמען. זייא האָבען געמאַכט אַ סעסיו אונ׳ האָבען מיר געשיקט דאס צונפט-פאַטענט, איך זאָל זעהן, אַז אַ יוד קען נישט זיין אין צעך, ער איז נור אַ פושער. האָב איך זייא געשיקט דאס שפּעטערי געזעץ, וואָס ער רופט אָב דעם פּונקט און איז מתיר אַז אַ יוד מעג זיין אין אַ צונפט. האבען זייא ווידער געשיקט צו מיר, זייא בעטען מיך זעהר, זייא האבען מורא פאַר דער לעמבערגער צונפט, איך זאָל וואַרטען, זייא וועלען שרייבען צו דער לעמבערגער צונפט. האָב איך זייא געלאָזט זאָגען — דיא לעמבערגער צונפט האט איבר זייא נישט צו שאַפען. יענע זענען זיך אין לעמבערג אַ צונפט און זייא זענען זיך היא אַ צונפט. דענצמאָל האב איך נאַטירליך אויס דער היגער צונפט געלאַכט. אין לעמבערג האָב איך געזעהן, אז דער לעמבערגער צונפט דאַכט זיך טאַקע, ווייל דאָרט איז דיא לאַנדעס רעגירונג, האט דיא צונפט אויך אויף דעם גאַנצען לאַנד צו בעפעהלען...,

פערל האָט אויך פאַרשטאַנען אויסצופועלן בײַ דער מאַכט אַלצדינג וואָס ער האָט באַדאַרפט, כדי אויסצופירן זײַן פּלאַן.

פון 1812 ביז 1820 געפאַלן אויך אַנדערע גאָר וויכטיקע אונטערנעמונגען זײַנע.

אין 1812 האָט פערל געגרינדעט אין טאַרנאָפּאָל אַ דרוקערײַ. טאַרנאָפּאָל. וואָס איז דעמאָלט געווען אָפּגעשניטן דורך דער רוסישער אָקופּאַציע פון גאַליציע, איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די דעמאָלטיקע יידישע צענטערס אין רוסלאַנד, ווו די דרוקערײַען האָבן כסדר געדרוקט נאָר רבישע ספרים און ס׳האָט זיך נישט געקאָנט באַווײַזן קיין שום אַנדער ספר, שוין גאָר נישט צו רעדן פון השכלה-ביכלעך. פערל האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ נוצלעכער קולטור-פאַקטאָר אַזאַ דרוקערײַ מוז ווערן, און ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו באַקומען אַ געהעריקע דערלויבעניש פון דער מאַכט.

אין פערלס כתבים האָב איך וועגן דער דאָזיקער דרוקערײַ-גרינדונג גאָרנישט געפונען, אָבער ד״ר נאָטע הורוויץ, דער ערשטער ביאָגראַף פערלס, וועלכער איז געווען אַ שטוביקער בײַ פערלען, דערציילט וועגן דעם אויספירלעך. ווי ס׳ווײַזט אויס, האָט פערל דעמאָלט די דאָזיקע דרוקערײַ פאַר-קויפט אָדער איבערגעגעבן צו נחמן פינעלעסן וועלכער איז געווען אַ נאָענטער פרײַנד זײַנער.

אין דער דאָזיקער דרוקערײַ (אויפן נאָמען פון נחמן פינעלעס) איז געדרוקט געוואָרן די משלי-איבערזעצונג פון מענדל לעפין אין יאָר 1813, און דאָ האָט פערל אויך אַרויסגעגעבן זײַן קאַלענדאַר, וועלכער איז געווען דער ערשטער פרווו פון השכלה-ליטעראַטור אין מזרח-אייראָפּע. דאָ האָט פערל געלאָזט דרוקן אייניקע חקירה-ספרים אין העברעיש, פון וועלכע ס׳איז מיר נאָר באַקאַנט דאָס ספר „ראש אמונה" פונעם אַברבנאַל, וואָס איז אַרויס אין 1814 און וואָס איז געוואָרן אַ יקר-המציאות.

## VII

אין אָט דער צײַט האָט זיך אויך אָנגעהויבן פערלס ליטעראַרישע טעטיקייט. אין 1813 האָט ער אַרויסגעגעבן דעם לוח פֿאַרן יאָר תּקע"ד, און שפּעטער נאָך 2 יאָרגענג (פֿאַרן יאָר תּקע"ה און תּקע"ו).

נאָך דעם קאַלענדאַרישן טייל און אַ קורצער כראָניק קומט אַ פֿאַרצײַכעניש פֿון די טעג, אין וועלכע די אַמטן זײַנען געשלאָסן, און אַ גענעאַלאָגיע פֿון דער רוסישער דינאַסטיע. דערנאָך קומט ערשט דער קליינער ליטעראַרישער חלק, וואָס איז געווען אַ נײַס אין יע.ע צײַטן. דער דאָזיקער טייל רופֿט זיך „לוח הלבֿ". נאָך אַ קורצער הקדמה קומען דאָ אין אַ קלאָרן פּאָפּולערן העברעיִש אַנעקדאָטן פֿון תּלמוד וועגן הכנסת אורחים, וועגן דער וויכטיקייט פֿון מלאָכה (יגיע־כּפּים), ליבע צו מענטשן און וועגן דעם באַטײַט פֿון תּורה און חכמה ס'ווערן אויך געבראַכט עטלעכע אַפֿאָריזמען פֿון די אַלטע גריכישע פֿילאָסאָפֿן דיאָגענעס, אייקלידעס און אַנדערע; ווײַטער עטלעכע באַמערקונגען אונטער דעם קעפּל: „בחינות הטבֿע" וועגן פֿיזיק, נאַטורגעשיכטע, געאָלאָגיע און באָטאַניק, עטלעכע קורצע שירים אונטערן קעפּל: משלי מוסר, און קליינע חידות.

אויף קיין גרויסן ליטעראַרישן ווערט האָבן די דאָזיקע לוחות קיין מאָל נישט פּרעטענדירט, ס'איז נישט געלעגן אין פערלס פּלאַן צו מאַכן דערפֿון ריכטיקע ליטעראַרישע יאָרביכער. ער האָט נאָר געוואָלט צוזאַמען מיטן לוח, וועלכער געפֿינט זיך געוויינטלעך אין יעדן ייִדישן הויז, אַרײַנפֿלעכטן עטלעכע באַמערקונגען וועגן נוצן פֿון וויסנשאַפֿט, פֿון בעסערן געשמאַק וכדומה און אַזוי „דורכשמוכלען" אַ ביסל פֿרײַערע געדאַנקען.

אין דער דאָזיקער תּקופֿה (פֿון 1812 ביז 1820) געפֿאַלט אויך די דײַטשע אָפּהאַנדלונג פערלס אין פּײַטער בעערס Geschichte der Sekten im Judentum וועגן חסידים און חסידיזם. דאָ באַהאַנדלט פּערל די געשיכטע פֿון חסידיזם, די הויפּט־שטרעמונגען זײַנע און די וויכטיקע רבּיס, וואָס האָבן געהאַט אַ השפּעה אויף זײַן אַנטוויקלונג. פֿאַרשטייט זיך, אַז פּערל האָט דעם חסידיזם באַהאַנדלט ווי אַן אמתער ראַציאָנאַליסט. מאָלנדיק די גאַנצע כּיתּה אין די שוואַרצסטע פֿאַרבן און פֿאַרשטעלנדיק זייער שעדלעכקייט פֿאַרן המון, מאַכט ער די חסידים פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער מוראַדיקער פֿינצטערקייט וואָס הערשט אין ייִדישן לעבן.

פּערל האָט זיך אָבער מיט אָפּהאַנדלונגען ניט באַנוגנט. פּערל האָט זיך געהאַלטן אין דער שיטה פֿון זײַן רבי און פֿרײַנד מענדל לעפֿין, וועלכער האָט אין זײַן פֿראַנצייזישער בראָשור נאָך אין יאָר 1791 אָנגעוויזן דעם אופֿן, ווי אַזוי מען דאַרף קעמפֿן קעגן חסידיזם. דער בעסטער קאַמפֿמיטל — זאָגט לעפֿין — איז סאַטירע; מען מוז אויפֿווײַזן די לעכערלעכע זײַט פֿון חסידיזם, די פֿירונג און דאָס טפּשות פֿון די חסידים און בולט שילדערן זייערע פֿאַר־דאָרבענע מידות.

לעפֿין אַליין האָט אַפֿילו געפּרוּווט פֿאַרפֿאַסן אַ חיבור וואָס רופֿט זיך „מחכימת פּתי“ (אין כּתבֿ־יד בײַ מיר). די דאָזיקע בראָשור איז אַן ערנצטע ראַציאָנעלע קריטיק פֿונעם חסידיזם אין פֿאָרם פֿון אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם תּוכן פֿון חסידות, פֿון זוהר, אויסגעמישט מיט גלײַכווערטלעך און תּורות, ציטאַטן פֿון רבישע ספֿרים און ספֿרי חקירה. אָבער ס'איז נאָר קריטיק, ניט סאַטירע.

יוסף פּערל אַקעגן האָט פֿאַרמאָגט אַ שאַרפֿן סאַרקאַזם. ער האָט געקענט דעם חסידישן לעבן־שטייגער מיט אַלע פּיטשעווקעס און איז געווען אַ זעלטע־נער בקי אין דער גאַנצער חסידישער ליטעראַטור. זײַן „מגלה טמירין“ איז די ערשטע סאַטירישע שאַפֿונג אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור און גלייכצײַטיק אויך דאָס ערשטע ווערק, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַ לעבעדיקן טאָגטעגלעכן ענין.

געשריבן האָט ער די דאָזיקע אַרבעט לויט דעם מוסטער פֿון די באַרימטע Epistolae obscurorum virorum וואָס זײַנען אַרויס אין יאָר 1515, בשעת דער היסטאָרישער פּאָלעמיק צווישן רײַכלינגען און די דאָמיניקאַנער פֿון קעלן.

דאָס אָריגינעלסטע און אפֿשר דאָס שענסטע אינעם „מגלה טמירין“ איז דער סטיל.

נאָך ביז צום הײַנטיקן טאָג, אַז עמיצער שרײַבט אַ שלעכט העברעיִש, זאָגט מען אויף אים אין גאַליציע: „ער שרײַבט מיטן לשון פֿונעם מגלה טמירין“.

דאָס וואָס „דאָן קיכאָט“ איז געווען בימיו פֿאַרן ריטערטום איז דער „מגלה טמירין“ געוואָרן פֿאַרן חסידיזם. ער איז געווען אַ מוסטער און וועג־ווײַזער פֿאַר אַלע שפּעטערדיקע סאַטיריקער אין העברעיִש און יידיש. יצחק ערטער אין זײַן „הצופה לבית ישראל“ און יצחק־יואל לינעצקי אין זײַן „פּוילישן יינגל“ זײַנען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון פּערלס „מגלה טמירין“, און נישט פֿיל פֿון די שפּעטערע סאַטיריקער האָבן אים אַריבער־געשטײַגט אין זײַן בײַסיקייט.

ווי ווײַט ס'האָט זיך פּערלען אײַנגעגעבן צו געפֿינען דעם ריכטיקן טאָן פֿון די חסידישע ספֿרים, באַווײַזט אַ כאַראַקטעריסטישער פֿאַל. בשעת ער האָט פֿאַרענדיקט דאָס דאָזיקע ביכל, האָט ער עס אָנגערופֿן „מגלה סוד“ און אונטער דעם נאָמען אַוועקגעשיקט אין יאָר 1816 קיין ווין צו דער צענזור, כּדי צו באַקומען די דערלויבעניש פֿאַרן דרוק.

איז אָבער דעמאָלט געווען אַ צענזור־געזעץ אין עסטרײַך, אַז זאַכן וואָס באַהאַנדלען אײַנגלויבענישן און זײַנען בכּוח צו פֿאַרפֿינצטערן דעם עולם איז פֿאַרבאָטן צו דרוקן.[1] האָט דער צענזאָר אויפֿן סמך פֿון אָט דעם געזעץ

1 הויפּדעקרעט פֿון 2טנאָוועמבער 1735 (לויט שטעגער I § 65):

Da ferner unter den Juden Teufelsbannereien und dgl. aufgefasst werden, da muss allen Büchern, worin dergleichen Ungereimtheiten vorkommen, sie

פֿאַרוועגט דעם ספֿר צו דרוקן, מחמת ער איז געווען איבערצײַגט, אַז דאָ האָט ער פֿאַר זיך אַן אמתדיקן חסידישן ספֿר.

ערשט שפּעטער, בשעת פּערל האָט דעם צענזאָר אויפֿגעקלערט די אמתע כּוונה פֿון זײַן אַרבעט, האָט דער צענזאָר געמוזט געבן די דערלויבעניש צום דרוק, אָבער שוין אונטער אַן אַנדער נאָמען. דאָס ווערק האָט באַקומען דעם נאָמען „מגלה טמירין", וואָס איז אַגבֿ שענער און כאַראַקטעריסטישער. אין פּערלס אַרכיוו געפֿינט זיך נאָך הײַנט דער ערשטער כּתבֿ־יד... וואָס האָט דעם טיטל: „מגלה סוד".

אין יאָר 1819 איז דער „מגלה טמירין" אַרויס אין ווין אין דער דרוקערײַ שטרויס. ער האַלט 55 בלאַט קוואַרטאָ, חוץ צוויי שער־בלעטער, אַ הסכּמה פֿון „איש אלקים קדוש, מברכת ה׳ מלא וגדש, מלא ישן קנקן חדש הרבֿ המפֿורסם חסיד ועניו בוצינא דנהורא עמו שרי נהורא כש"ת מוהר"ר יהודא במוה"רר משה מטורבוסמי נ"י" און אַ הקדמה.

וועגן דעם אינהאַלט און דער פֿאָרם פֿון „מגלה טמירין" וועט זײַן די רייד אינעם אַרײַנפֿיר צו דער יִדישער באַאַרבעטונג.

דאָס דערשײַנען פֿונעם „מגלה טמירין" האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אינעם דעמאָלטיקן יִדישן וועלטל. די חסידים האָבן צום ערשטן מאָל דערשפּירט אַ געפֿערלעכן אָנגריף און האָבן תּיכּף פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ סכּנה פֿאַר זיי ס׳שטעקט אין דעם קליינינקן ביכעלע.

דערצו איז דער מחבר נישט געווען, ווי דער מחבר פֿון „וויכּוח", אַן אָרעמער מגיד, וועמען מען האָט געקענט רודפֿן און פֿאַרטרײַבן פֿון דער מדינה, נאָר אַ מענטש וואָס איז אַ קרובֿ למלכות, אַ תּקיף און אַן עושר, וועלכער האָט פֿאַר זיי קיין מורא נישט. ס׳ווערט דערציילט, אַז דער רבי פֿון רוזשין האָט דעמאָלט געזאָגט אויף פּערלען, אַז ער איז דער צווייטער „יוסף בן מרים" (פּערלס מוטער האָט געהייסן מרים).

וואָס פֿאַר אַ רושם דער „מגלה טמירין" האָט דעמאָלט אָנגעמאַכט צווישן די משׂכּילים, קאָן מען זען דערפֿון, אַז פֿיל משׂכּילים האָבן געפּרוווט נאָכמאַכן פּערלען. יעקבֿ שמואל ביק אין בראָד און יצחק בער לעווינזאָן אין קרעמענעץ האָבן אָנגעשריבן, יעדערער אויף זײַן שטייגער, אַזעלכע סאַטירישע אַרבעטן און זיי אַרײַנגעשיקט פּערלען.

ביקס סאַטירע איז ליידער פֿאַרלוירן געגאַנגען, ווי מיר וועלן שפּעטער זען פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ מיט אים. אַקעגן איז לעווינזאָנס קליינע אַרבעט אַרויס אין יאָר 1830 אין ווין, נאַטירלעך אונטער אַ פּסעוודאָנים.

יצחק בער לעווינזאָן האָט זיך, ווי באַקאַנט, געפֿונען אין שלעכטע

mögen in der jüdischen oder in der Landessprache geschrieben sein, der Druck mit „Typum non meretur“ versagt werden, damit wenigstens nicht durch neue Schriften ihre Bildung noch mehr verzögert werde.

פֿאַרהעלטעניש, געווען אָרעם און קראַנק, דערצו געווױנט אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטעטל, אָפּגעזונדערט כמעט פֿון דער וועלט. ער האָט זײַן סאַטירע צוגעשיקט פּערלען, ווײסנדיק, אַז פּערל וועט אויסנוצן די געלעגנהייט און אים אונטערשטיצן.

פּערל האָט, באַקומענדיק לעווינזאָנס קלײנע אַרבעט וואָס רופֿט זיך „שיחה", צוגעשריבן צו איר נאָך דרײַ בריוו, דאָס גאַנצע אַ נאָמען געגעבן „דברי צדיקים" און עס איבערגעשיקט צו זײַן פֿרײַנד בנימן לאַנדסבערג אין ווין, כדי אויסצופּועלן די צענזור־דערלויבעניש און עס צו לאָזן דאָרט דרוקן.

פּערלס בריוו צו לאַנדסבערגן אין דעם ענין גיב איך איבער ווערטלעך:

„30 מערץ, 1826. ה' בנימן לאַנדעסבערג, ווין.

זייט אָקטאָבער פ. י. האַבע איך אַן זיא ניכט געשריבען. איך קאַן מיר דאַהער קײנען פֿאָרוואורף מאַכן, דאַש איך איהנען מיט בריפֿען צור לאַסט פֿאַללע אונד דאַרף מיר דאַהער ערלויבן נאָך פֿינף מאָנאַטען אַן זיא צו שרײבען.

איינער מײנער בעקאַנטען האַט בײא ערשיינונג דעס „מגלה טמירין" איינען קלײנען אויפֿזאַץ פֿערפֿאַסט אונד מיר צו געשיקט. איך פֿאַנד פֿיר גוט, צו דיזעם אַלס אײנגאַנג 3 בריפֿע צו פֿערפֿאַסען. דען אויפֿזאַץ מײנעס בעקאַנטען אונד מײנע 3 בריפֿע פֿינדען זיא אין בײ־ליגענדער בראָשירע, דיא אויף 2 הענדע אַבגעשריבען איזט. איך וויל האָפֿען, דאַש דאַס גאַנצע איהרען בײפֿאַל ערהאַלטען ווירד.

נון איזט דער פֿערפֿאַסער דיזער שיחה וועהרענד דער צייט אין איינער קראַנקהייט פֿערפֿאַלען; דאַ ער אָרם איזט אונד דאַצו אין רוסלאַנד וואָהנט, זאָ מאַנגעלט עס איהם אַן פֿריינדע, דיא זיך זיינער אַנגעהמען זאָללען אונד אַן מיטטעלן זיך געהעריג צו פּפֿלעגען. איך וויל דאַהער דיזע ערווענטע בראָשירע מיטטעלסט דעם דרוקע הערויס־געבען אונד פֿאָן איינגעלעזטעם געלדע דען אונגליקליכען אונטערשטיצען. איך מוס דאַהער איהר גוטעס הערץ אין אַנשפּרוך נעהמען אונד זיא ביטטען, פֿיר דיזע שריפֿט דאַס אימפּרימאַטור צו ערווירקען, אויך מיר גלײַך אַנצוצייגען, וויא האָך דער באָגען 8⁰ באותיות מרובעות פּעטיט געדרוקט קאָסטען ווירד. דאַן ווערדע איך אַן זיא דאַס נעטיגע געלד שיקען אונד זיא ביטטען, איהרע מיהע דאַבײא אַנצוווענדען.

נון איזט מיינע ביטטע וועגען דעס אַרמען בעקאַנטען צו ענדע".

פֿון אָט דעם פֿאַקט (אַז לעווינזאָן האָט אָנגעשריבן אַ טייל פֿונעם „דברי צדיקים") איז אַרויסגעוואַקסן די לעגענדע, אַז לעווינזאָן איז געווען דער מחבר פֿון „בוחן צדיק" וואָס איז אַרויס אין ווין אין יאָר 1838, אָדער ווי מ. קלײנמאַן אין „דמויות וקומות" וויל באַהויפּטען, אויך דער מחבר פֿון „מגלה טמירין".

באמת אָבער האָט פּערל אַליין אַלע דערמאָנטע זאַכן אָנגעשריבן, און נאָר די שיחה אינעם „דברי צדיקים" איז פֿאַרפֿאַסט פֿון לעווינזאָנען.

בײַ דער געלעגנהייט ווילן מיר געבן אַ קורצן איבערבליק פֿון אַלע זאַכן וואָס פּערל האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דײַטש און העברעיִש:

1. אין פּעטער בעערס Geschichte der jüdischen Sekten דעם פּרק Über das Wesen der Sekte Chassidim געשריבן 1816.

2. „מגלה טמירין“ אין העברעיִש, אַרויסגעגעבן 1819.

3. די דרײַ בריוו צום „דבֿרי צדיקים“, געדרוקט 1830.

4. „בוחן צדיק“, מילואים צום „מגלה טמירין“, געדרוקט 1838.

5. אַ מאמר „כּתית למאור“ וועגן ר׳ מאיר בעל-הנס-פּושקעס, געדרוקט אין „כּרם חמד“ 1836.

6. אַ מאמר אין „כּרם חמד“ וועגן אַלע אַרטיקלען וואָס זײַנען דאָרט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, 1838.

חוץ די אַרבעטן פּערלס אין דער ייִדישער שפּראַך, וועגן וועלכע מיר וועלן שפּעטער רעדן, געפֿינען זיך אין זײַן עזבֿון אין מאַנוסקריפּט פֿיל דײַטשע דרשות וועלכע ער האָט געהאַלטן אין זײַן שול און אויך פֿיל לערנביכער, ווי למשל אַ קאַטעכיזם פֿאַר רעליגיע, אַ קורצע העברעיִשע גראַמאַטיק, אַ רשימה ביכער וועלכע די תּלמידים פֿון זײַן אַנשטאַלט זאָלן לייענען ווי פּריוואַט-לעקטור וכדומה.

ווען מען זאָל די אַלע מאַנוסקריפּטן צונויפֿנעמען, וואָלט געווען אַ באַנד פֿון 30 ביז 40 דרוקבויגן.

## VIII

די פּערזענלעכקייט פּערלס און זײַן אמתער כאַראַקטער אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז אין די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זײַנע נאָענטע פֿרײַנד און באַקאַנטע סײַ אין פּריוואַטע סיי אין כּלל-ענינים.

פּערל, וועלכער איז בטבֿע געווען זייער פּינקטלעך, האָט איטלעכן בריוו וואָס איז אַרויס פֿון זײַן האַנט געלאָזט זיך איבערשרײַבן אין אַ קאָפּירבוך, וועלכער איז גלײַכצײַטיק אויך געווען אַ מין טאָגבוך, מחמת ס׳זײַנען דאָ אויך פֿאַרצייכנט אַלע וויכטיקע געשעענישן, ווי נסיעות וכדומה.

אַזאַ קאָפּירבוך פֿון די יאָרן 1825 און 1826 ליגט פֿאַר מיר און איך וויל, כּדי צו געבן אַ קלאָר-בילד פֿון זײַן כאַראַקטער און זײַן טעטיקייט, עטלעכע בריוו דאָ איבערגעבן אין אָריגינאַל.

דאָס רובֿ פֿון די דאָזיקע בריוו איז געשריבן אין דײַטש מיט ייִדישע אותיות. אַ קלענער חלק פֿון זיי איז געשריבן העברעיִש. מערקווערדיק איז, אַז די בריוו צו זײַן שנור (די פֿרוי פֿון זײַן איינציקן זון מיכל) זײַנען געשריבן אין העברעיִש. אפֿילו די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זײַנע קריסטלעכע פֿרײַנד, ווי וויטוויצקי, באַראָן ברוניצקי (וועלכער איז דעמאָלט שוין געווען געשמדט) און אַנדערע, האָט ער זיך איבערגעשריבן מיט ייִדישע אותיות.

אין דערמאָנטן קאָפּירבוך פֿאַרנעמען די בריוו צו ר׳ שלמה־לייב ראַפּאָפּאָרט דעם ערשטן פּלאַץ. נישט ווייניקער פֿון 14 בריוו געפֿינען זיך דאָ צו אים פֿון יאָר 1825.

פֿאַרשיידן אין כאַראַקטער זײַנען געווען אָט די צוויי פֿרײַנד וואָס זײַנען צענדלינגער יאָרן געווען אַזוי שטאַרק נאָענט, פּונקט ווי ס׳איז געווען פֿאַרשיידן זייער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער מצבֿ.

פּערל איז געווען כּל ימיו אַ גרויסער עושר, אַן אָנגעזעענער סוחר און עסקן, וואָס די געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט האָט אים אָפּגעקאָסט אַ שלל געלט. פֿון זײַן תּורה האָט ער קיינמאָל ניט באַדאַרפֿט ציִען קיין חיונה און ער איז פֿון קיינעם נישט געווען אָפּהענגיק. פֿאַר זײַנע פּאַרטייִשע געגענער האָט ער קיין מורא נישט געהאַט, נאָר אַדרבא, זיי אַלע האָבן פֿאַר אים געציטערט, ווײַל ער איז געווען אַ „קרובֿ למלכות״ און בײַ אַלע שררות שטאַרק באַליבט.

ראַפּאָפּאָרט להיפּוך, וועלכער איז געווען ייִנגער פֿון פּערלען מיט 17 יאָר, איז אין זײַנע בעסטע יאָרן געווען אַן „עבֿד לאדונים רבים״ — ווי ער רופֿט זיך אָן אַליין, און ער האָט געצויגן זײַן חיונה ווי אַן אָנגעשטעלטער פֿון דער כּשר־פֿלייש־פּאַכט אין לעמבערג. אין זײַן יוגנט האָט ער געהאַט אויסצושטיין געבערענטע לײַד פֿון זײַנע פּאָליטישע שונאים און איז אַפֿילו אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין חרם פֿון לעמבערגער רבֿ ר׳ יעקבֿ אָרנשטיין (דעם מחבר פֿון „ישועות יעקבֿ״) צוזאַמען מיט זײַנע פֿרײַנד ערטער, נאַטקעס און מיזעש[1] אינעם יאָר 1816.

---

[1] אין מײַן רשות געפֿינט זיך אַ באַשרײַבונג פֿון אָט דעם חרם און פֿון זײַן צוריקרופֿן, וועלכן איך האַלט פֿאַר נייטיק דאָ צו פֿאַרעפֿנטלעכן. דאָס איז אַ בריוו (אַן אונטערשריפֿט), געשריבן פֿון איין משׂכּיל צו אַ צווייטן, ווו ס׳ווערט באַשריבן דער פֿאַקט, ווי אַזוי דער לעמבערגער רבֿ איז געוואָרן געצוווּנגען צוריקצורופֿן דעם חרם. דער בריוו לייענט זיך וואָרטלעך:

ב״ה. ה׳ שפטים תקע״ו פה לבוב. החשיתי עד כה, יען מעת בואי הנה לא קרו חדשות אשר ישוו בנזק הזמן ומחיר הפאסט, גם מה שקרה בשבת זו, קדמני משכיל אחד מטארנאפאָל וכתב למשכילי עירו כל המאורע בלשון צח, אשר עליה אין להוסיף וממנו אין לגרוע. ולכן העתקתי לך מכתבו אות באות ולא שמתי עליהם נוספות, כי הוצק חן בדבריו ושפתותיו אמת תבענה. וז״ל:

הפעם ראתה החכמה נקמה בחורפיה ועטתה בושת את פני כל בוזיה, ובפרט את רבינו הגאון אשר פרעה לשמצה בקמיה. בשבת זו הובילו בני הפקודות את כביד ארוננו ורבנו הגאון, אחד מימינו ואחד משמאלו, מעוטף בטיזליק ומקושר בשתי הרצועות לפני הצואר [?— י. וו.] והציגוהו לפני ארון ד׳. שמה לקח בידים חרדות את הדרשה הכתיבה בכתב ולשון לעז שקורין דייטשריש, אשר הכינו לו זרים מע״ש וקרא בראש חפוי במראה משחת ושפתים נעות את הקריאה הזאת:

„בדבר מגלות חרמות אשר עפו בקיץ זה על דורשי החכמות ולשונות הגוים ובפרט על ארבעה אנשים הנקובים בשמותם פלוני ופלוני וכו׳ ועל ערי בראדי וטארניפאל, אשר יסדו בתי ספר לנעריהם, לא די כי חלפו חוקות הקיסר יר״ה הפירו ברית דת המדינה אשר אחת מהנה היא לבלתי יפרש מכמרות החרם על מצעדי גבר. ולכן אם גם בימים יבואו יודעו עושי הנבלה הזאת נקה לא ינקו ותחת שבט המוסר יעברו כאחד מהפושעים והמורדים אשר דתי הקיסר אינם עושים כי גם עברו תורות אשר יורונו, כי נחוץ וראוי הוא לכל איש יהודי ללמוד לשונות העמים אשר תחת צל חסדם וממשלתם יתלוננו״.

פערל איז געווען בטבע קאָנסעקווענט אין זיינע פּרינציפּן און פּראַקטיש אין אויספירן זיינע פּלענער. אַקעגן איז ראַפּאָפּאָרט געווען ווייך און נאָכגיביק.

פערל האָט גאָר פרי דערקענט די גרויסע פעיִקייטן פון זיין יינגערן פריינד, אָבער אויך גלייכצייטיק זיינע שוואַכקייטן. פערל האָט געשטרעבט צו פאַרזאָרגן ראַפּאָפּאָרטן מיט אַ בכבודער פּאַסיקער פּרנסה. ער האָט געשטרעבט צו גרינדן אין טאַרנאָפּאָל אַ ראַבינער־שול, לויט דעם מוסטער פון דער ראַבינער־שול אין פּאַדוע, און די אָנפירונג האָט ער געוואָלט איבערגעבן ראַפּאָפּאָרטן.

דאָס השתדלות וועגן דער ראַבינער־שול האָט לאַנג געדויערט, ווייל ס'זיינען געווען שוועריקייטן מצד דער מאַכט. ווייטער האָט דאָס געפאָדערט גרויסע געלט־סכומים, כדי צו זיכערן דעם קיום פון אינסטיטוט. ראַפּאָפּאָרט האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן דערויף. מחמת אָבער זיין פינאַנציעלער מצב איז נישט געווען קיין גוטער און ס'האָט זיך אים געטראָפן אין בראָד אַ פּאָסטן ווי אַ פאַרוואַלטער פון דער דאָרטיקער פליישפּאַכט, מסתמא מיט אַ בעסער שכירות ווי אין לעמבערג, האָט ער זומער 1825 דעם דאָזיקן פּאָסטן אָנגענומען.

---

פה הביא כבוד רבנו הגאון קצת ראיות עצומות מתנ"ך ותלמוד בבלי אשר העתיק ברוב בינתו מהקדמת ספר תשועת ישראל. האלופים ראשי מנהיגי הקהלה היו בביהכ"נ, כי כן צוו עליהם שרי הגיבערני בעונש של חמשים רייניש על כל אחד אשר לא יבא לשמוע דרשת רבנו הגאון, והמה השכילו לבקש מבעלי הפקודות שידרוש אחר קריאת התורה, בחשבם כי אז ילכו העם איש לאהלו. אולם שגו ברואה, כי בקשתם זאת נהפכה להם לרועץ, ומעשה שטן מצליח, — כי אחר קריאת התורה התאספו כל העם מקטון ועד גדול יחד עשיר ואביון מכל בתי הכנסיות המון רב כהמון חוגג, עד כי איש את אחיו דחקו, ויהי כי צר להם בביה"כנ וגם אולם הבית קטן מהכיל את המוגים המונים אשר נהרו שמה, עלו על הגג והשקיפו בעד החלונות לראות הדרת פני כבוד רבנו הגאון לשמוע אמרי נועם היוצאים מפיו הקדוש, ויהי כהתימו לדרוש בקול דממה דקה (כי הכעס היגון והבושת אשר סערו בנפשו נחרו גם את גרונו הטהור) הרים הקרייזקאמיסער דארנפעלד את קולו וורש הדרשה ההיא פעם שנית בקול רם, ואוזן אשר לא שמעה בראשונה מפי כבוד רבנו הגאון, שמעה שנית באר היטב מפי האדון דארנפעלד.

זאת היתה בביהכ"נ שבחוץ לעיר, ובשתי בתי הכנסיות אשר בתוך העיר דרשו הרבנים המגידים ג"כ הדרשה ההיא ומימינם מתרגמים היודעים לשון דייטשריש (כי כבוד המגידים לא יכונו לדבר כן). מרביתם, החרדים אל דברי סכלות (כי קריה נאמנה אולת תלין בה) חלו ורגזו, אך שמו יד לפה ונצרו דל שפתם, כי נפל פחד פקוחי עין עליהם, אבל בסתר אהלם קללו וחרפו את הפושעים אשר נקמו נקם והשיבו גמול לכבוד רבנו הצדיק השונא את החכמה ודורשיה ושמוה לחרפה ולגדופה בתוך קהל ועדה ומקצתם החוטאים בנפשותם היודעת, ואשר בעונותם צרעת התבונה זרחה במצחם, ויבינו במקרא, — שמחו לאידו ויקראו עליו המקרא: כבוד חכמים ינחלו, וכסילים מרים קלון. ע"כ דברי הכותב ההוא.

ואנכי המעתיק דבריו לא אדע יותר כ"א לפי השמועה יתהללו פקוחי עין שכבוד רבנו גאון הגאונים יהי' מוכרח לדרוש עוד בבהכ"נ שבתוך העיר בקול רם ובניגון יפה ולזאת איפוא יסלח הכותב הנזכר יען לא ידע יתרון ערכו של רבנו הגאון על שאר הרבנים הגאונים, ולכן לא יתארהו רק בשם גאון לבד. אולם לו פקח ד' עיניו לראות בעינים חודרות את ספרי רבנו הגאון, ואיך דברי כל הגאונים אשר קדמוהו נמצאו שמה, ושכל ד ב ר י ו — ד ב ר י ה ם, אז לא אפונה כי גם הוא יתארהו בשם גאון הגאונים כאחד ממנו. דברי איהבך...

פערל האָט ראַפּאָפּאָרטן געראָטן נישט אָנצונעמען אָט די שטעלע אין בראָד, מחמת ער האָט געקענט די מענטשן און האָט מורא געהאַט, אַז ראַפּאָ־פּאָרט וועט ווערן אַרײַנגעצויגן אין די נידעריקע געשעפּטלעכע מאַניפּולאַציעס און נגישות פֿון זײַנע ברויטגעבערס, וועלכע זײַנען פֿאַרנאַנט פֿאַר האַרטע און אַכזריותדיקע מוכסים. ראַפּאָפּאָרט האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט מישן אין זייערע מעשים, און האָט דעם פּאָסטן אָנגענומען.

פערל איז אָבער דעמאָלט, זײַנענדיק אין דער נאָענטער שטאָט זלאָטשעוו, געווויר געוואָרן, אַז זײַן מורא איז נישט געווען אומזיסט. ראַפּאָפּאָרט האָט זיך באמת געלאָזט אויסנוצן אין די הענט פֿון זײַנע פּרינציפּאַלן ווי אַ בלינד געצײַג פֿאַר זייערע מעשים. דאָס האָט פערלען שטאַרק פֿאַרדראָסן, און ער האָט צו ראַפּאָפּאָרטן אָנגעשריבן אַ בריוו (דעם 30סטן נאָוועמבער 1825) מיט שטאַרקע טענות און כמעט זלזולים. פערל האָט נישט געקאָנט רויִק צוקוקן, אַז זײַן פֿרײַנד, וועמען ער האָט אַזוי שטאַרק געאַכט און פֿון וועמען ער האָט אַזוי פֿיל געהאָפֿט, זאָל זיך אַראָפּלאָזן מאָראַליש און פֿאַרלירן זײַן ווערדע און זײַן צוקונפֿט.

דער דאָזיקער בריוו (נומער 1) איז אָבער נישט געוואָרן אָפּגעשיקט צו ראַפּאָפּאָרטן, ווי ס'ווערט דערקלערט אינעם צווייטן בריוו צו ראַפּאָפּאָרטן (נומער 2) פֿונעם 12טן דעצעמבער 1825.

די דאָזיקע 2 בריוו זײַנען אויך די לעצטע צו ראַפּאָפּאָרטן, וואָס גע־פֿינען זיך אין קאָפּירבוך פֿון 26/1825. אַ גאַנץ יאָר 1826 האָט פערל מיט ראַפּאָפּאָרטן נישט קאָרעספּאָנדירט, ער האָט מיט אים אַ שטיק צײַט געפֿירט אַ רוגז.

אָבער נישט לאַנג האָט דאָס געדויערט. ראַפּאָפּאָרט האָט נאָך אַ קורצער צײַט זיך צוריק אַריבערגעצויגן קיין לעמבערג, אויפֿגעגעבן זײַן שטעלע אין בראָד און באַנײַט זײַנע באַציִונגען מיט פערלען, וועמענס פֿרײַנדשאַפֿט ער האָט זייער הויך געשאַצט.

איך גיב דאָ איבער די דערמאָנטע צוויי בריוו אין אָריגינאַל, ווײַל זיי כאַראַקטעריזירן אַזוי בולט זייער שרײַבער.

נומ׳ 1

30 נאָוועמבער 1825. ה׳ שלמה ליב ראַפּאָפּאָרט, בראָדי.

עס איזט איהנען בעקאַנט, דאס איך איהרען שריטט נאך בראָדי זיך צו בעגעבן, ניכט געביליגט האבע. דעננאָך האַבע איך אין דיזער אַנגעלעגענהייט אַן זי ניכט געשריבען. זיא וויססען, איך בין נור צו זעהר בעשעפֿטיגט אום שרייבען צו קענען. אַליין געגענווערטיג פֿאָר־דערט מיך מיין געוויססען אויף, אַן זיא צו שרייבען; אונד דיעזעם שטרענגען ריכטער מוס איך געהאָרכען. איך מאַכטע אין זלאָטשוב דיא ערפֿאַרונג, דאס זיא זיך זאָ וויית אין ־דער פֿערמאַלעדײַעטען

געשיכטע האבן הערייגניזיהען לאססען, דאס זיא אויף זיך, אויף איהרען נאהמען, קאראקטער, אויף איהרע פאמיליע אונד אויף איהרען פריינדען גאנץ פערגעססען האבען. אונד דא איך אבענדריין זעהע, דאס זעלבסט איהר געוויססען איינגעשלעפערט איזט, זא מוס איך פערזוכען זיא צו וועקען. אלס איך איהנען אין לעמבערג זאגטע, זי ווערדען דארט וועגען דען ערהעטען פלייששפרייז פערדרוס האבען, זאגטען זיא — עס געהט זיא ניכט אן, וויל דיא פרינציפאלס דאפיר צו זארגען האבען. נון זעה איך, עס געהט זיא יא אן אונד צוואר שטארק. זיא קאממען אין דיא פליישבענקע, טרייבען דא אונשיקליכעס צייג. פוהרען נאך זלאטשוב, ליסען זיך דא פאן געוויננ- אדער צאנקזיכטיגען לייטען זא צוזאגען וויא אים געפענגניס האלטען אונד קאננטען ניכט איינמאל איהר ווארט האלטען, צו אונז צו קאממען.

איך פראגע זיא אלזא, ערשטענס: איזט עס רעכט זיינען נאמען הערצוגעבען אונד זיך מיהע צו געבען אום איינע גאנצע געמיינדע צו רויבען? אנדערס קאן איך דיא בראדער ליפערונג ניכט נענען. צווייטנס פאסט עס צו איהרעם קאראקטער, זיך אין איינעם בראדי הערומצו- באלגען? אונד ווער זינד איהרע קאנזארטען? פליישהאקער יונגען! וואס וואהרען זי איינסט, וואס האפפטען זיא צו ווערדען אונד וואס זינד זיא איצט? איך גלויבטע מעהר צו שרייבען, אליין מיין געפיהל ערגריף מיך ביים לעצטען געדאנקען — אונד איך מוס ענדיגען, ווען איך זיא ניכט גראב בעליידיגען זאלל. לעבן זיא וואהל, איהר געקרענקטער פריינד...

נומ׳ 2

12, דעצעמבער, 1825. ה׳ שלמה ליב ראפפאפורט, בראדי.

איך קאם אם 28 נאוועמבער אבענדס היר אן. איך וואללטע אן זיא גלייך שרייבען. אליין איך האטטע פאן איהרער געשיכטע זא פיעלע קרענקונגען, דאס איך ניכט זיכער וואר אין מיינעם בריפע ניכט גראב צו זיין אונד זיא צו בעליידיגען. איך פערשאב דאס שרייבען ביז צום 30. דא שריב איך. אליין אלס איך דען בריף מיינעם שרייבער צום קאפירען אונד פערזיגעלן גאב, קאם צופעליג אונזער פריינד שטערן דאצו. ער פאנד דאס דער בריף בעליידיגענד פיר זיא איזט, אונד שטיפטעטע ה׳ פריהלינג אויף מיך צו בערעדען דען בריף צוריק- צונעמען אונד איין אנדערעס מאל צו שרייבען. איך נאהם זאלכען צוריק. דא איך אבער אויך אין דער צוקונפט קיינען געלינדערן שרייבען קאננטע, זא שריב איך גאר ניכט. אינצווישען ערהילט איך איר שרייבען פאם 5 דיזעס. אונד ווען איך ניכט שרייבן ווילל, זא מוס איך דאך אנטווארטען. איך ווערדע מיר אבער אללען צוואנג

אנטוהן, אום ניכט בעליידיגענד צו זיין. אונד ווען איך זעהן ווערדע, עס געהט ניכט, זאָ ווערדע איך אַבברעכען.

ה׳ ווידמאַן איזט קרייז קאָמיסער אין קאַלאָמייא געוועזען אונד ניכט אין טארנאפאל... מיין ראַטה איזט, זי זאָללען נאַך לעמבערג, אום דען ה׳ ג״ר פאָן קרויזע צו זאַגען, דאַס מאַן — וויא עס הייסט — אַן איהן אים נאַמען איהרער איינען בריוו געשריבען האַבע, פאָן דעם זיא קיין וואָרט וויססען. דיזעס קאַן זיא רעטטען געגען דיא פערליימדונגען. וואס אבער איהרען נאַהמען וועגען דאס געשעפט בעטריפט, ווייס איך איהנען קיינען ראַט צו ערטיילען. דען איזט ה ג״ר קרויזע איבער זיא בעזע, ווייל זיא איהרען נאמען צו איינעם געשעפטע געגעבען, דאַס ער ניכט ביללינגט, דאַ ווייס איך קיינע ענטשול-דיגונג. עס איזט אַבצוברעכען. איך בין... געגענווערטיג איזט מיינע שוועסטער דאָרט, שיקען זיא מיר מיינען ישעיהו.

## IX

אין דעם דערמאָנטן קאָפּירבוך געפינען זיך אויך צוויי בריוו צו יעקב-שמואל ביק אין בראָד.

ביק איז געווען איינער פון די נאָענטסטע מקורבים און פריינד פון לעפינען, וועמען ער האָט פאַרטיידיקט אויף אַזאַ גלענצנדן אופן קעגן די אַנגריפן פון דעם „מליץ״ טוביה פעדער (גוטמאַן).[1] ביק האָט אויך פון זיין קעשענע באַצאָלט 100 רובל פעדערן פאַר די דרוקקאָסטן פון דעם פאַמפלעט „קול מחצצים״, כדי עס זאָל נישט דערשיינען (זע קול מחצצים, אריינפיר פון מענדל מאָהר, לעמבערג 1853). ביק איז געווען זייער באַגאַבט און מיט דיכטערישע נטיות. זיינע איבערזעצונגען פון דייטשע און פראַנצייזישע פאָעטן אויף העברעיש האָבן בשעת זייער דערשיינען געמאַכט אַ גרויסן רושם און לייענען זיך נאָך היינט מיט פאַרגעניגען. דערביי האָט ער פאַרנומען אַ בכבודן פּלאַץ ווי איינער פון די בראָדער ראשי-הקהילה און כלל-טוער.

אין די יונגע יאָרן האָט ער גלייך מיט אַלע משכילים שטאַרק באַקעמפט דעם חסידיזם און אַפילו געשריבן אַ סאַטירע קעגן אים. שפּעטער אָבער האָט ער איינגעזען, אַז די השכלה אין איר קאָנסעקווענץ מוז פירן צו אַסימילאַציע און צעפאַל פון יידישן פאָלק. פלוצים האָט ער זיך אָפּגעווענדט פון דער השכלה-שיטה פון זיינע חברים און גענומען פּריידיקן אַ מין נאַציאָנאַליזם וואָס גייט אַזוי ווייט, אַז ס׳איז גלייכער זיך צו באַהעפטן מיטן חסידיזם, איידער מיט דער פרעמדער פון דרויסן אַריינגעבראַכטער קולטור.

---

1 זע די בריוו צו פעדערן אין „כרם חמד״ א׳ און זיין תשובה.

נאָר עטלעכע בריוו פֿון ביקן צו זײַנע פֿרײַנד זײַנען אין דעם ענין פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, ווי ס'זײַנען נאָר פֿאַראַן אָנצוהערענישן וועגן די סיבות פֿון דער איבערקערעניש וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זײַנע געדאַנקען. זײַנע כּתבֿים, ווי ער האָט זיך בפֿירוש וועגן דעם אַרויסגעזאָגט, זײַנען לײדער פֿאַרברענט געוואָרן בשעת דער גרויסער שׂרפֿה וואָס איז פֿאָרגעקומען אין בראָד אין 1831, דאָס הייסט אײנעם יאָר פֿון זײַן טויט.

אָבער אויך פֿון די ווייניק זאַכן, וואָס זײַנען געדרוקט פֿון ביקן, זעט מען, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך אַ מענטש מיט אַ נישט-געוויינטלעכער בילדונג און ערודיציע, מיט פּאָעטישן טאַלענט און מיט אַן אָריגינעלן קוק אויפֿן לעבן.

זײַנע פֿרײַנד, די משׂכּילים, — אַפֿילו אַזעלכע געבילדעטע פֿרײַנד ווי ראַפּאָפּאָרט און בלאָך — האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַן „אָפּטריניקן". פּערל, זײַענדיק בטבֿע טאַקטישער און אײַנגעהאַלטענער, האָט זיך אויך ווײַטער צו ביקן באַצויגן מיט כּבֿוד. ער האָט געוווּסט צו שאַצן ביקס אמתע פֿרומקייט. אָבער פּונדעסטוועגן, בשעת ביק האָט זיך צו אים געווענדט וועגן דעם פּאַמפֿלעט זײַנעם, וואָס ביק האָט אין זײַן יוגנט אָנגעשריבן קעגן די חסידים און וואָס פּערל האָט — לויט דער שמועה — געוואָלט לאָזן אָפּדרוקן, האָט אים פּערל געענטפֿערט מיט אַ שטאָכוואָרט.

אָט זײַנען פּערלס בריוו צו אים.

נומ' 3

14 פֿעבר. 1825, ה' יעקבֿ שמואל ביק, בראָדי.

איך האַבע איהר ווערטעס פֿאם 9 דיזעס ערהאַלטען. זיא קעננען זיכער זיין, דאַס איך מיט איהנען דען שמערץ איבער דען פֿערלוסט איהרער פערזעגליך מיר צוואַר אונבעקאַנטען, אַבער דעם נאמען נאך וואָהלבעקאַנטען פֿאָרטרעפֿליכען מוטטער, טהיילע. אינצווישען וויל איך האָפֿפֿען, דאַס זי אַלס רעליגיעזער מאַן אין די פֿערהענגניססע גאָטטעס זיך צו שיקען וויססען, אונד דאַס זיא זיך אלס פאטער איהרער קינדער, פֿאַססען ווערדען, אום איהרען געשעפֿטען אַלס טעטיגער מאַן פֿאָרשטעהען צו קעננען. פֿאָן דיא חומשים של ר' משה לאַנדוי ווערדע איך 11 עקזעמפּלאַרע אַבנעהמען. איך וויל זאָלכע פֿיר די שולע בעשטיממען, דענן פֿיר פֿרעמדע איזט ניכטס צו אונטערנעהמען. איך האַבע פֿיר מאַנכע פֿאָן זיינעם ערוך פרענומערירט אונד קאַן ביז נון ניכט אין ריינעם קאָממען. איך זעהע איהרען מיטטיילונגען ענטגעגען און בין...

נומ' 4

7 יולי 1826. ה' יעקבֿ שמואל ביק, בראָדי.

פֿיללייכט 2 יאהרע זינד פֿערשטריכען, דאַס איך דיא סצענען פֿאָן איהרער האַנד געשריבען, ניכט אין דער האַנד האַטטע אונד אומזאָ-

ווענינער קאננטע איך זיא יעמאַנדען געבען, אַלס דאַס עס מיר דאָך לייכטער וויא איינעם אַנדערן זיין מוס, דערליי סצענען מיטטעלסט דעס דרוקעס דער וועלט צו איבערגעבען. איך בין אַלזא ניכט אימשטאַנדע איבער דיא פֿאָן ה׳ יאַווראָבר מיטגעבראַכטען נאכריכט, געהעריגע אויסקונפֿט געבען צו קעננען. מעגליך דאַס יעמאַנד איהנען דאמיט געדראָהט האַט, אום זיא פֿאָם חסידיזמוס, אָן דעם זיא — וויא איך הערע — זיך היניינאַרבייטען, צוריקצופֿיהרען. זיא קעננען מיר אַבער גלויבען, דאס מיר קיין וואָרט דאַפֿאָן בעקאַננט איזט. אונד איבערהויפּט זינד זאָלכע מיטטעל ניכט מיינע זאַכע. בעהויפּטע איך דאָך פֿאָן יעהער, דאַס באַלד גאַנץ פֿאָהלען חסידים זיין ווערדען. וואס איזט מיר אַלזאָ דאַראַן געלעגען, ווען דיא צאהל דער טויזענד מיט איינעם פֿער־מעהרט ווירד. וואָרום זאָלל מאַן איהנען אַנגסט אייניאָגען? זייען זיא גאַנץ רוהיג, מאכען זי זיך אויס דיעזען זאַגען ניכטס אונד זייען זיא זיכער, דאַס איך בין, ווען זיא עס וואָללען, איהר פֿריַנד...

אין גאַר אַ נאָענטער באַציִונג איז פערל געשטאַנען צו נחמן קראָכמאַלן. קראָכמאַלן האָט פערל הויך געשאַצט נישט בלויז פֿאַר זײַנע גרויסע ידיעות און פֿעיִקייטן, נאָר נאָך מער פֿאַר זײַנע פערזענלעכע מעלות און גוטע מידות.

דער דאָזיקער באַשיידענער גרויסער מענטש, וואָס האָט, אין זשאָלקווע בײַם שענקטיש זיצנדיק, זיך באַשעפֿטיקט מיט די גרויסע וועלטפּראָבלעמען, האָט געפֿונען אין פערלען אַן אמתן חבֿר און פֿרײַנד.

אַז פערל האָט חתונה געמאַכט זײַן זון מיכל און ער האָט פֿון קראָכמאַלן נישט באַקומען קײַן מזל־טובֿ, באַקלאָגט ער זיך אין זײַן בריוו צו ראַפּאָפּאָרטן פֿונעם 13טן יאַנואַר 1825 און שרײַבט אַזוי:

... מוס איך עס דאָך אַנדערן פֿערצייהען, ווען זיא מיר גאַר ניכט אנטוואָרטען, אָהנע אורזאַכע ניכט אַנטוואָרטען. איך מיינע דאַרונטער ה׳ קראָכמאַל אונד ה׳ נאטאן קאָלישער.ביידען צייגטע איך דיא פֿער־מעהלונג מיינעס זאָהנעס אַן אונד ביידע בליעבען ביז איצט שטילל. גאָטט אונד מיינע פֿריינדע זינד צייגען, דאס איך קיינעסוועגס וועגען דרשה־געשאַנק געשריעבען האַבע. איך האבע אַן מאַנכען בעקאַננטען רייכען מאַן ניכט געשריעבען, בלאָס אַן מיינע פֿריינדע האַבע איך געשריעבען, אַן לייטע דיא איך שעצע גלויבטע איך מיך פֿערפֿפליכטעט, דען פֿערמעהלונגסטאַג מיינעס זאהנעס אַנצוצייגען אונד דיזע בעטראַכטען מײַנע גוט געמיינטען בריפֿע אַלס געוועהנליכע חתונה־בריבֿליך, דיא קיינע אנטוואָרט ווערט זינד...

ראַפּאָפּאָרט האָט פערלען געענטפֿערט, אַז קראָכמאַל האָט נישט געשריבן מחמת ער איז קראַנק.

דערויף שרײַבט פערל צו ראַפּאָפּאָרטן אין אַ בריוו:

נומ׳ 5

23 יענר 1825, ה׳ שלמה ליב ראפאפארט, לבוב.

מכתבו מן 18 ח״ז קבלתי. עס שמערצט מיך אונגעמיין לראות מתוכו דיא קראנקהייט אונזערעס טהייערן קראכמאל. זיא בערוהיגען מיך צוואר עם הבטחה, דאש עס איהם בעסער געהט, אך מעל׳ כתב עס געהט איהם ניכט אם בעסטען. בקשתי זא אפט אלס מעגליך להודיע לי מבריאותו וגם איהן ערנסט אנצוטרייבען, לבוא ללבוב דארט ערצטליכע היילפע צו זוכען. ער קענט זאנסט על בריאת גופו פערגעסען...

אין דעם קאפירבוך וואס איך האב פאר זיך, געפינען זיך צוויי בריוו פון פערלען צו קראכמאלן דירעקט. איינער וועגן א מוכר־ספרים ר׳ זלמן פון בראד און דער צווייטער א רעקאמענדיר־בריוו פאר א שוחט. איך וויל ביידע בריוו איבערגעבן אות־באות.

נומ׳ 6

דעם 4 סעפטעמבר 1826. לר׳ נחמן קראכמאל אין זאלקוב.

טראץ מיינר צו גראסען בעשעפטיגונגען, מוסטע איך — אום מיינע געזונדהייט צו פפלעגען — איין באד בעזוכען. וועהרענד דעם איך דא ווײלטע, קאם איהר ווערטעס פאם 23 יולי היער אן. איך זאללטע בייא מיינער נאכהויזעקונפט, ועלכע אם 23 אויגוסט ערפאלגטע, איהנען אנטווארטען; אלליין דא שיען עס, אלס וועננ מיינע בויטען — דענן דיזע זינד עס דיא מיך זייט אייניגען יאהרען זא זעהר אין אנשפרוך נעהמען — זיך אן מיך רעכען וואללטען, דאס איך זיא אויף 6 וואכען פערלאססען האטטע. איך ווארדע פאן אללען זייטען זא זעהר אין אנשפרוך גענאממען, דאס מיר אונמעגליך צייט בליעב אן דער קארעשפאנדענץ צו דענקען. אויך איצט בין איך ניכט מינדער בעשעפטיגט, אונד וועננ מאן ווילל, נאך מער אלס ביזהער — דענן דאס שוליאהר פאנגט אן אונד דיא איבערנאהמע דעס געביידעס ווירד עבען פארגענאממען. איך העטטע אלזא אויך איצט איהנען ניכט געאנטווארטעט. בעזאנדערס דא די זאכע ניכט דרינגענד איזט. אלליין אם 2 ד״מ לאנגטע אן מיך איהר ווערטהעס פאם 28 פ. מ. אן, דא ווערדע איך אום אנטווארט געמאהנט. אונד מיך מאהנען לאססען טוהע איך ניכט גערנע. בעזאנדערס דא זיא דער מיינונג זינד, איך וויל גלייכעס מיט גלייכעם פערגעלטען. בייא דיזער מיינונג ווילל איך זיא שאן גאר ניכט לאססען. ווערע דאס דער פאלל, זא העטטע איך איהנען גאר ניכט געאנטווארטעט. זינד זיא מיר דאך איינע אנטווארט נאך פאם יאהרע 1824 שולדיג! איך ווילל דענן לאוו לא תקם ולא תטר אויך אויף אונזערע קארעשפאנדענץ אנווענדן, אינד דאהער איהנען אנטווארטען.

דאס מיינע אנטווארט ניכט אויספֿיהרליך, איבער אַללעס וואס זיא פֿאַן מיר וויססען וואָללען אויספֿאַללען ווירד, ווערדען זיא מיר ניכט איבעל נעהמען. איך בין עס וואהרליך ניכט אים שטאַנדע. איך בין צו זעהר בעשעפֿטיגט — אונד דאַדורך, וואס בייא מיר זעלטען דער פֿאַלל איזט, זעהר צערשטרייט, זאָ דאַס עס מיך מיהע קאָסטעט מיינע געדאנקען געהעריג צוזאַמען צו האַלטען.

נאך האבע איך דאס מאַנוסקריפּט מו״נ[1] פֿאָן דער צענזור ניכט צוריק ערהאַלטען. פֿאָלגליך איזט איבער דיזען פּונקט ניכטס צו מאַכען. וואס דיא הערויסגאבע דעס ספֿר „העיטור״ בעטריפֿט, זאָ מוס איך איהנען צופֿאָר דען גאַנג דער זאַכע ערצעהלען. פֿערגאנגענען ווינטער וואר איך אין לעמבערג. דאָרט בעזוכטע מיך ר׳ זלמן מבראָדי, ערצעהלטע מיר זיינע געשיכטען, צייגטע מיר זיינע פּאַפּיערע אונד פּרענומעראַציאָנען עץ. עץ. טראָץ דעם דאס איך אין לעמבערג, וויא געוועהנליך, פֿיעל צו טהון האטטע, קאָננטע איך דעננאך ניכט אומהין מיט איהם וועגען הערויסגאבע דעס ירושלמי צו רעדען. ווייל עס מיין איניגסטער וואונש איזט, דען תלמוד ירושלמי געמיינהייפֿיגער צו האבען אלס ער עס ביזהער איזט. אינצווישען, דאַ ר׳ זלמן זעהר פֿיעלפֿעלטיג איזט אין זיינען אונטערנעהמונגען, איך אבער וויא ערוועהנט, נור צו זעהר בעשעפֿטיגט וואַר, זא איזט דאס געשפּרעך פֿאָן איינעם געגענשטאנדע אויף דען אנדערן אונד אלזא אויך פֿאָן איינעם ווערקע אויף דאס אַנדערע געקאָממען, זאָ דאס איך איהם איינמאהל פֿערשפּראַך, אין טארנאפּאל אונד דער אומגעבונג 30 פּרענומעראנטען צו זאַממעלן. ער גאב מיר איין פּעקכען פּאַפּיערע, דיא איך ניכט איינמאהל אין לעמבערג גאַנץ צו לעזען צייט האַטטע. אַלס איך נאך הויזע קאם, אונד מיך מיט איינ׳גען פֿריינדען בעשפּראַך, וויא דיזעם עוסק במלאכת הקודש צו העלפֿען זייא, צייגטע עס זיך, דאַס איצט פֿאָן קיינעם תלמוד ירושלמי, זאָנדערן פֿאם ספֿר „העטור״ דיא רעדע איזט. איך זאגטע, דאס איך איהר פֿערשפּראָכען האטטע 30 פּרענומעראַנטען צו פֿערשאַפֿפֿען, גלויבטע פֿריילליך עס געלטע דעם ירושלמי. אַלליין דא איך איהם כּיין ווארט גאב, זאָ ווערדע איך שאן טראכטען אויף דען עיטור זיא עבען צו פֿערשאַפֿפֿען. איינִיגע מיינר פֿריינדע זאגטען מיר, דיא וועלט האַבע צו דיזעם מאַננע אין דיזער היניכט גאַנץ דאס צוטרויען פֿערלאָרען. ער האבע שאן זא פֿיעלע פּרענומעראציאנען ערהאבען אונד שטעטס שטאטט ווערקע אַנקינדיגונגען אונד ערצעהלונגען פֿאָן אונגליקספֿעללען געליעפֿערט. אַלליין איך בעהויפּטעטע, דאַ מיינע צוזיכערונג נור פֿיר דען פֿאַלל געגעבען זייא, וועז דאס ווערק דיא פּרעססע פֿערלאַססען ווירד, זאָ ווערדע איך מיר

[1] געמיינט איז דער כתב־יד פֿון לעפֿינס איבערזעצונג פֿונעם „מורה נבוכים“.

מיהע געבען, די אנצאהל דער 30 פרענומעראנטען הערויסצובריינגען. בעזאנדערס דא ער מיך פֿערזיכערטע, ער האַבע בערייטס אייניגע באָגען אַבדרוקען לאַססען. אין אייניגען וואָכען דאַרויף קאם ר׳ זלמן צו מיר נאך טארנאפאָל, ערצעהלטע מיר, וויא ער דורך מיינע צוזיכערונג אויך פאָן איינעם אַנדערן עבען איינע צוזיכערונג ערהאַלטען האַבע, אונד דאַס ענדע פאָן דעם לידע וואַר, איך זאָלל איהם איבר דאס פערשפראַ־כענע איינע שריפֿטליכע צוזיכערונג געבען.

איינר מיינר פֿריינדע קאַם צו מיר אונד וואַרנטע מיך פֿאַר דיזעם מאַננע. ער איזט געוואהנט, זאגטע ער, ווען ער נור איין וואָרט פֿאָן יעמאנדען בעקאָממט, עס זאָ צו דרעהען אונד צו דייטען אונד איבער־אַלל אויסצופאָזוינען, דאס מאַן הערנאך זעלבסט גלויבען מוס, מאַן האבע זאָ מיינען מיססען. איך אבר בלייב דאַבייא. איך ווילל דיזעם מאַננע דען געפאַללען ערציינען אונד איהם אויך איינען שיין איינהענדיגען. איך האבע איהם זאָגאר געזאגט, דאס איך אין לעמבערג דער מיינונג וואַר, די רעדע זייא פֿאַם ירושלמי. אינצווישען ווען עס איין אירטום וואַר, בלייבע איך בייא מיינעם וואָרטע. אונד זאָ גאַב איך איהם איינע שריפֿט דאַריבער. אויס מאַנגעל אַן צייט האַבע איך, ווידער מיינע געוואָהנהייט פֿאָן דער שריפֿט מיר קיינע אַבשריפֿט צוריקגעלאַססען, דען די וואַהרהייט צו געשטעהן, דיא געשיכטע האט אנגעפאַנגען מיר פֿערדרוס צו מאכען. איך האבע געזעהן, מאַן פֿענגט מיט מיר וויא מיט דעם קינדע אַן, פֿריהער א, דאַן ב אז״וו.

אינצווישען גלויבע איך ניכט, דאַס מיינע שריפֿט אַנדערס לויטען זאָלל, אַלס דאס איך דאַס בעשטעטיגטע, וואס איך מינדליך זאגטע, נעמליך זאבאלד דער עיטור פֿערטיג זיין ווירד, איך 30 פרענומעראַנטען אויפֿטרייבען אונד דען בעטראג מיט 4 *f* אַן דען מדפיס איברשיקען זאָלל. אבער ווי מוסטע איך שטוינען, אַלס איך אויס איהרעם שרייבען ערזאַה, מיינע שריפֿט זאָלל מיך פֿערפֿפּליכטען בייא ערשיינונג דעס ווערקעס *f* 120 דעם מדפיס צו ערלעגען. פֿערצייהען זיא, ליבער פֿריינד, עס קאַן דאָרט אונמעגליך זא הייסען. זי ווערדען מיר איינען געפֿאַלען ערווייזען, ווען זיא דיא אָריגינאַלשריפֿט פֿערלאַנגען אונד אין איהרער געגענוואַרט איינע אַבשריפֿט מאַכען לאַססען אונד מיר איינצושיקען מעכטען, דאַן ערשט קאַן איך פֿאָן דער זאַכע זעלבסט רעדען. לעבען זיא . . .

נומ׳ 7

11 סעפּטעמבר, 1826. ה׳ נחמן קראחמאל, זאלקיעוו.

ביום 4. ד״מ האבע איך אן זיא מיטטעלסט פאסט געשריבען, נון קאם דער איברגעבער דיזעס ר׳ שמחה אשר היה שוב״ד פה״ק אונד פֿערלאנגט פֿאָן מיר איין עמפֿפֿעהלונגסשרייבען אן זיא, ווייל וויא

ער זאגט, מיין בריעף בייא איהנען פאן ווירקונג זיין ווירד, אונד ער דאדורך איינען פאסטען ווירדע ערהאלטען קעננען. ווען עס זאָ איזט, „זא טוהע איך עס מיט פערגניגען, אום דיזעם זעהר געשיקטען שוחט צו העלפען. איך שעצע איהן, וויל ער איין למדן איזט. אונד זיא וויססען, איך שעצע לומדים איברהויפט, בעזאנדערס אבער שוחטים, דיא בעוה"ר דער מאדע נאך איגנאראנטען זינד.

דיא אורזאכע דאס ער טארנאפאל פערלאססען מוסטע איזט וויל איין פאאר יונגע לײַטע מהמתחסדים געגען איהן אויפגעטרעטען זינד אונד איהן פערפאָלגט האבען. זיא שטוינען, דאס אין טארנאפאל, ווא נור איין פאאר אין אללעם דאַ זינד איינען שוחט פערדרענגען קאננטען אונד איך עס צוליעס. זאָ מוס איך איהנען זאגען, דאס אין דיזעם פאללע נור איינע בעזאנדערע א רזאכע אבוואלטעטע.

מיין ה' פאטער האטטע איניגע יאהרע פריהער דיא פלייש־ליעפערונג היר בעזארגט. וועהרענד דיזער צייט האט דאס אונגליק דעס ר' שמחה הנ"ל געוואללט, דאס ער מיינע מוטטער בעליידיגען זאלל. זייט דיזער צייט שוואור איהם מיין ה' פאטער ראכע צו. אלס דיא פאאר יונגע לייטע איהן צו פערפאלגען אנגעפאנגען האטטען, וואר מײַן שוואגער פעכטער. דיזע פערליימדער וואוסטען דיא זאכע זאָ אנצו־שטעללען, דאס זיא מיינען שוואגער גלויבענד מאכטען, דער שוחט בעפארטיילע איהן אום געפעללע. נון האטטע ער מיינען ה' פאטער אונד מיינען ה' שוואגער געגען זיך. ווערע נור לעצטער אליין געגען איהן, העטטע איך זיינע פערטיידיגונג איבערנאממען אונד העטטע מיינען שוואגער ווידער גוט געמאכט. אליין מיינעם ה' פאטער מוסטע איך וועניגסטענס זאָ וויט נאכגעבען, דאס איך דען פערפאלגטען זיינעם שיקזאלע איבערלאססען זאללטע. איך בליעב וועדער פיר נאך געגען איהן. אונד זאָ וואַרד ער איין אָפּפער זײַנער פײַנדע.

דער היזיגע קרייזראבינר וואר איין פאאר מאל בייא מיר, האט מיך פערזיכערט, נאך דעם ד"ת זאלל ער שוחט בלייבען. אלליין ער מוסטע מיינע גרינדע בילליגען, אונד איך בליעב נעאוטראל. דאַ האבען זיא דיא גאנצע געשיכטע דיזעס מאננעס. אונד איך ביטטע זיא, דיזעס אונגליקליכען מאננעס זיך מיט קראפט אנצונעהמען, ולמצוה גדולה יחשב. איך בין...

## X

אין דערמאָנטן קאָפּירבוך געפֿינען זיך אויך בריוו צום באַקאַנטן משׂכּיל און קעמפער קעגן די חסידים יהודא ליב מיזעס (מיזש), דעם מחבר פון „תכונת הרבנים” און קנאת האמת”, צום באַוווּסטן עסקן בנימין צבֿי באַטקעס, ביידע אין לעמבערג, און צו לעאָן לאַנדוי, דעם גרינדער פון דער

יידישער שול אין אַדעס. פֿאַראַן אויך בריוו צום רבֿ אין סטרי ר׳ ענזיל צוזמיר, וואָס איז בימיו געווען מפֿורסם פֿאַר אַ גאון, און פֿיל אַנדערע.

פערל האָט אויך אָפֿט קאָרעספּאָנדירט מיט פֿיל קריסטן, בעזונדערס איז ער געווען נאָענט באַפֿרײַנדט מיט ניקאָלײַ וויטוויצקי, אַ פּוילישער גוטבאַזיצער, וועמען ער שרײַבט אויך וועגן „געמיינזאַמען פֿרײַנד״, דעם אַלטן לעפֿין.

איך וויל דאָ ברענגען נאָר עטלעכע בריוו.

נומ׳ 8

טארנאפאל 17. יענר 1825 ה׳ לייבש מיזש, לבוב.

עס האט מיך געפֿרייעט ווידער פֿאָן איהנען וואס צו הערען. דעם האַללער רעצענזענטען איזט עס גאר ניכט צו פֿעראַרגען, דאס ער זיך איבער דען אויפֿזאַץ חסידים פֿרייעט. ער איז ווירקליך נייא, אונד וויא קאָן אָדער זאָלל ער וויססען, וואָ פעטער בעער געפֿעהלט האט. אַללײן דאָס ער דען אויפֿזאַץ איבער דיא קראים נייא נעננט, פֿערשטעהע איך ניכט. האט דאך שאן מאַנכער איבר דיא געשריבען, וועניגסטענס זאָפיעל געשריבען, דאָס בעערס ניכט נייא איזט. דער אירטום דעס רע־צענזענטען וועגען בע״שט איזט איינע קלייניגקייט. אונד איבערהויפּט האָפּפּע איך אונזערע קליינע שריפּט ווירד אי״ה אַללעס גוט מאַכען. שרייבען זיא מיר דיא רעצענזיאָן אַב אונד איך ווערדע איהנען דאַן מיינע מיינונג זאַגען.

דער וכוח איזט געגענווערטיג אים אַבשרייבען. איך האָפּפּע דיזע וואָכע ווירד ער פֿערטיג ווערדען. מיט הילפֿע גאָטטעס פֿערשפּרעכע איך מיר דורך איהן פֿילעס צו ווירקען.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין פערלס אַרכיוו געפֿינט זיך דער ספר „ויכוח נגד החסידים״ רײן איבערגעשריבן צום דרוק מיט דער באַווילליקונג פֿון דער צענזור אין ווין. דעם דאָזיקן וויכוח האָט אַרויסגעגעבן דער באַקאַנטער מתנגד ישראל לייבל אין 1798 אין וואַרשע. די חסידים האָבן אָבער כּמעט די גאַנצע אויפֿלאַגע אויפֿגעקויפֿט און פֿאַרברענט, אַזוי אַז דער דאָזיקער פּאַמפֿלעט איז נישט מער בנמצא. פערל האָט עס געוואָלט לאָזן איבערדרוקן. ס׳האָט זיך אים אָבער נישט אײַנגעגעבן דאָס אויסצופֿירן.

ס׳געפֿינען זיך אויך אין קאָפּירבוך פֿון 1825 עטלעכע בריוו צו מענדל לעפֿין און אויך וועגן לעפֿינען.

לעפֿין האָט, ווי באַקאַנט, אין לעצטן יאָר פֿון זײַן לעבן פֿאַרענדיקט זײַן קלאַסישע איבערזעצונג פֿונעם „מורה נבֿוכים״. פערל האָט זיך משתדל געווען צו באַקומען די דערלויבעניש פֿון דער צענזור צו זאַמלען אַבאָנענטן און אונטערצוהאַנדלען מיטן דרוקער.

אין אַ בריוו צו ראַפּאָפּאָרטן פֿון 13טן יאַנואַר 1825 שרײַבט פּערל וועגן דעם ענין און בעט אים זיך צונויפֿצורײדן מי׳ן באַקאַנטן דרוקער אַנטאָן שמיד אין ווין און אָנצופֿרעגן, צי ער וועט נישט אָננעמען דעם דרוק פֿון דעם חיבור פֿאַר האָנאָראַר אין געדרוקטע עקזעמפּלאַרן. אויך בעט ער צוויי קאַפּיטלען פֿון דער דאָזיקער איבערזעצונג צו לאָזן אָפּדרוקן אינעם „בכורי העתים״. די דאָזיקע קאַפּיטלען זײַנען טאַקע אַרײַן אין „בכורי העתים״ פֿונעם יאָר תקפ״ה (1825).

אין אַ בריוו צו ניקאָלײַ וויטוויצקי פֿונעם 24טן אָקטאָבער 1825 שרײַבט פּערל:

„...אונזער אַלטער פריינד לעפין ערווידערט איהרען גרוס רעכט הערצליך. איך מוס איהנען זאגען, דאַש אונזער נעסטאָר אונז אין זיינעם 76 יאַהרע איין מייסטערשטיק פֿאָן איינר איברזעצונג איינעס דער מיימאָנידישען ווערקע אין דאס העברעאישע ראַביניש געשענקט האט, וועלכעס 30 — 40 באגען אים דרוקע האבען ווירד.״

אַ טאָג פֿריִער, דאָס הייסט דעם 3טן אָקטאָבער, שרײַבט ער צו בנימין הירש נאַטקעס אין לעמבערג:

„הנני שולח למעלתו הספר מורה נבוכים הנעתק ע״י החכם רמ״ל סטנאב ובקשתי לשלוח אותו להצענזאר אשר בווינא על הוצאות החכם הנ״ל. נא לעיין בפרק ס״ג אשר נדפס עם ההודעה הנ״ל ויראה שהמאמר אשר חסר בהעתקה אשר ת״י מעכ״ת נשמט ע״י הכותב דשם, כי בהעתקה אשר נשלחה לידידנו רש״ל מפה, בוודאי הדברים נעתקים באמונה. נא להודיע לי אם נשלח החיבור להצענזאר ומה הוגיא מעכ״ת עליו. גם לש וח לנו ע״י מוקדם ההודעה ממו״נ. כ״ד...״

פּערלס השתדלות בײַ דער צענזור האָט געהאַט ערפֿאָלג, און אין אַ בריוו פֿון 16טן פֿעברואַר 1826 שרײַבט ער פֿון לעמבערג צו ה׳ פֿריהלינג וועגן דעם אָט וואָס:

„...זאגען זיא גיטיגסט ה׳ לעפין עט ה׳ שטערן, דאַש דער מורה אונד דער ויכוח דאס אימפרימאַטור ערהאַלטען האבען אונד נעכסטענס היר ערוואַרטעט ווערדען״.

אין אַ בריוו פֿון 28סטן פֿעברואַר 1826 שרײַבט ער צו ר׳ הענזיל צאַזמיר אין סטרי (שפּעטער דאָרט קרײַז־רבֿ):



„... ר׳ מענדל סטנאב האט דאס ספר מורה נבוכים אין דער לייכטען ראבינישן שפּראַכע איברטראַגען אונד איזט געזאָננען זאָלכעס מיטטעלסט דעם דרוקעס הערויסצוגעבען, ווען איינע אנצאהל פּרענומעראַנטען איינען טהייל דער דרוקקאָסטען זיכערן ווערדען. איך צעהלע זיא אונטער דער צאהל יענער מעננער אונזערער נאַציאָן, די מיט פֿערגניגען יעדע געלעגנהייט ערגרייפֿען, אום דאס גוטע אונד ניצליכע

אַללגעמיין צו מאַכען, אונד דאַהער איברמאַכע איך אן זי 8 עקסעמפּלאַרע דער דען נייען דרוק דעס מו"נ בעטרעפֿענד ערשיענענען מודעה, אויסן דער זיא דען דיעספּעלליגען פֿלאַן ערזעהן ווערדען אונד ביטטע זיא זיך דיא מיהע נעהמען צו וואַללען אין איהרער געגענד דיא פּרענומע-ראַציאָנען זאַממעלן צו לאַססען, די איינלויפֿענדע געלדער צו איבער-נעהמען אונד מיך פֿאָם געשעהענען גיטיגסט אין קעננטניס צו זעצען.

איך פֿערבלייבע מיט אַכטונג...

נאַכשריפֿט: דא איך דיעזע וואָכע היער אין (לעמבערג) צוצוברינגע, געדענקע, זאָ ביטטע איך, ווען זיא מיר שרייבען וואָללען, מיר גיטיגסט אונטר אַדרעסע דעם ה' דר. ראַפּאָפּאָרט דען בריעף צו שיקען."

אין אַ בריוו פֿונעם 9טן מערץ שרײַבט ער צו ר' מענדל לעפֿין אָט וואָס:

נומ' 10

לעמבערג, 9 מערץ 1826, ה' מענדל לעפֿין טארנאפאל,

אגרתו מן 7 לח"ז קבלתי. ר' בנימן הירש פֿערזיכערטע מיך בלאָם הצענזור זייא געגעבען. אך הספר עדיין אינו פה. מיר שיינט, החוק אשר נתחדש — פֿאָן יעדעם נייען אויפֿצולעגענדעם מאַנוסקריפּט 2 עקסעמפּלאַרע להצנזאר צו געבען, איזט אורזאַך דער פֿערצעגערונג. בכאן מסרתי הפּרענומעראַציאָנס געשעפֿט לה' מרדכי בעריש מרגליות, לסטרי שלחתי ליד ר' הענזיל המודעות ובקשתי אותו במכתב דער זאַכע זיך אנגעלעגען זיין צו לאַססען. דען ערפֿאָלג לא ידעתי, כי לא השגתי עד עתה תשובה. אַן ר' ישראל בערנשטיין ווילל איך ניכט שרייבען. איך בין מיט אים אודות המגלה טמירין ניכט איינס רייגע געקאָממען. איינצווישען ווערדען וויר בייא מיינר נאַכהויזעקונפֿט אי"ה היריבער שפּרעכען. בטיסמניץ לא ידעתי וועם דיא זאַממלונג דער פּרענום. צו איברגעבען. אפֿשר קעננטע ר' נחום פערל אויך דאָרט אנ-שטאלטען טרעפֿפֿען.

ה' קאדיש האבע איך איהרען אויפֿזאַטץ צוקאממען לאַססען אך עדיין האַבע אצלו אום זיינע מיינונג ניכט אַנפֿראַגען לאַססען. זיי, שרייבען לבנו איננו מהצורך לפי דעת ה' מענקיס, ולכן וואָללטע איך עס ממנו ניכט פֿערלאַנגען. ר' חיים יקותיאל זאגט, דיא זאַכע מוס גוט אויספֿאַללען. ה' ישראל אשכנזי, דער אויס פּאַפּיר צוזאַממען געזעצט איזט, ווירד כעת שווערליך אויף אַנדער פּאַפּיר אַלס אויף זיינע באַנקאקציען דענקען, דיא זעהר געפֿאַללען זינד. ולכן ווילל איך אַן איהן ניכט שרייבען.

האדון גראַף באבאוווסקי, דער צופֿעלליגער ווייזע ערפֿוהר, דאַש זיא אין טארנאפאל לעבען, קרענקטע זיך, דאַש ער בייא זיינער

אַנוועזענהייט אין טאַרנאָפּאָל עס ניכט וואוסטע. ער העלט פֿאַן איהנען זעהר פֿיעל. בקרבֿ אי״ה ווערדע אצלו זיין, ווערדע איהנען פֿאַן אַללעם אויסקונפֿט געבען. והנני ידידו .. ״

פערל איז געווען אַ גרויסער ביבליאָפֿיל, ער האָט געזאַמלט ביכער און ספֿרים פֿון אַלערליי מינים און געזוכט יקר־המציאותן. זײַן ביבליאָטעק איז אויך אין יענעם דור געווען איינע פֿון די שענסטע פּריוואַט־ביבליאָטעקן, ווו ס׳האָבן זיך געפֿונען זעלטענע דרוקן און טײַערע מאַנוסקריפּטן.

אַ היפּשן חלק פֿון זײַן קאָרעספּאָנדענץ פֿאַרנעמען בריוו וועגן קויפֿן ספֿרים און ביכער. ער שרײַבט זיך דורך מיט פֿרײַנד און מיט בוכהענדלער וועגן קניות. פֿאַרט אַ באַקאַנטער סוחר פֿון בראָד קיין האַמבורג, שרײַבט ער צו אים אַ בריוו, ער זאָל פֿאַר אים דאָרט קויפֿן אַלע ספֿרים פֿון ר׳ יעקבֿ עמדין, וועלכע ער וועט נאָר באַקומען, ווײַל דאָ אין פּוילן זײַנען זיי נישט בנמצא. הערט ער וועגן אַן אויספֿאַרקויף פֿון ספֿרים אין לעמבערג, שרײַבט ער צו זײַן פֿרײַנד מיזעס אַ בקשה פֿאַר אים צו קויפֿן ספֿרים ביז אַ סכום פֿון 400 דוקאַטן. האָט ער געהערט, אַז ס׳איז פֿאַראַן צו פֿאַרקויפֿן די באַרימטע ביבליאָטעק פֿון ר׳ דוד אָפּענהיים, וואָס האָט באַטראָפֿן עטלעכע צענער טויזנט דוקאַטן, שרײַבט ער צו אַ פֿרײַנד, „אַז קיין מאָל האָט ער נישט אַזוי באַדויערט, וואָס ער איז נישט געווען רײַך, ווי איצט, בשעת ער קען נישט קויפֿן אָט די דאָזיקע טײַערע ביבליאָטעק״. די דאָזיקע ביבליאָטעק איז, ווי באַקאַנט, אָפּגעקויפֿט געוואָרן פֿון דער באָדלעיאַנאַ אין אָקספֿאָרד.

זייער פֿיל בריוו זײַנען דאָ פֿאַראַן צו די באַראָנען פעטער, יאָזעף און הערמאַן ב ר ו נ י צ ק י. די דאָזיקע פּריצים זײַנען געווען אייניקלעך פֿונעם אַלטן טאַרנאָפּאָלער רבֿ, האָבן געפֿירט גרויסע געשעפֿטן און זײַנען זייער רײַך געוואָרן. זיי האָבן זיך געשמדט, געקויפֿט פּריצישע הויפֿן און באַקומען פֿון דער עסטרײַכישער מאַכט דעם טיטל באַראָן.

פערל איז מיט זיי געווען באַפֿרײַנדט און האָט זיי כּסדר געשריבן „דו״. קענטיק, אַז זייער באַקאַנטשאַפֿט איז נאָך געווען פֿון דער יוגנט. אָפֿט גיט ער זיי אַן אָנצוהערעניש וועגן זייער ייִדישקייט, פֿאָדערט פֿון זיי אונטערשטיצונג פֿאַר די אָרעמע ייִדישע קרובֿים.

אין אַ בריוו פֿונעם 26סטן נאָוועמבער 1825 שרײַבט פערל צו באַראָן הערמאַן ברוניצקי:

„... אינצווישען בעגרייפֿע איך ניכט, ווארום דוא איבר דיך זעלבסט ניכט בעזע ביזט, דאס דוא מיר ניכט שרייבסט. דוא האַסט דאך קיינע זאָ פֿערווירטע אונד מיהזאַמע געשעפֿטע וויא איך, אונד שרייבסט מיר דאָך ניכט. האַבע איך ניכט דאס נעמליכע רעכט פֿאַן דיר צו פֿאָרדערן, דאס דוא מיר שרייבסט? אונד בעזאָנדערס ווען דוא מיר געשריבען העטטעסט, מיסטע איך דיר אנטווארטען, זאָ העטטעסט דוא קיינע אורזאַכע געהאַבט איבר מיין שטילשווייגען בעזע צו זיין. נור

וואס איזט צו טהון, איר זייד פריצים, אונד דער יהודי איזט דאך בעוונותינו הרבים בייא אייך אין גלות! איהר מוסט רעכט האבען, חאָטשע איהר זענט זעהר אונגערעכט..."

צו פּעטער באַראָן ברוניצקי שרײַבט ער דעם 30סטן דעצעמבער 1825:

נומ׳ 11

„דיין שרייבען פֿאָם 25 דיזעס האבע איך ערהאַלטען. איך וויים ניכט ווי איך צו איינר געלעגענהייט פֿאָן היר נאָך זאַלעשטשיק קאָממען קאַן. דוא ביזט דער מיינונג, דאס איך איצט ניכט בויע — איך בין אבער ווירקליך מיט דעם בויא שטאַרק בעשעפֿטיגט.

איך האבע געגלויבט, דאס מאַן דיר דיא נייאיקייט פֿאָן אַלעק־סאַנדער געשריעבען האט, אונד דאַרום טיילטע איך זיא דיר ניכט מיט. זאָנסטיגע נייאיגקייטען גיבט עס קיינע. אַללע נאכריכטען פֿאָן וויען לויטען, דער טאד אַלעקסאַנדערס פֿעראורזאַכטע דארט גראסע סענזאציאָן. מאנכע וואָללען זאגאר אויף דער בערזע דיעזען פֿאלל שפּירען. אַלליין מיינעס ערא̇כטענס ווירד דיזע פֿערענדערונג קיינע גראסע ווירקונג אויף דער פּאָליטישען וועלט פֿאָרברינגען. אין רוסלאַנד האט דאס מיליטער בערייטס דען הולדיגונגסאייד פּיר אַלעקסאַנדער [קאָנסטאַנטין?] אבגעלעגט.

בייא דיזער געלעגענהייט מוס איך דיר פֿאָן איהם עטוואס מיט־טיילען. איין היזיגער קויפֿמאַן מיכל באָמזע מוסטע פֿאָריגען זאָמער קראַנקהייט האַלבער נאך טעפּליץ. דאָרט וואַר אויך קאָנסטאַנטין. איינסט גינג יענער נעבסט נאך 2 פֿרעמדען יודען דאָרט שפּאַצירען. אויף דעם וועגע טראַפֿען זעלבע דען קאָנסטאַנטין. ער גריסטע זיא, זאָבאַלד דיא היטע הערא̇בגענאָממען, מיט דעם רוסישען זדראַוסטוויאיטע — אונד ליס זיא די הייפּטער בעדעקען. דאַרויף פֿראַגטע ער איינען יעדען פֿאָן וואָ ער איזט. נאַכדעם דיזער דיזע פֿראַגע בעאַנטוואָרטעט האַטטע, פֿראַגטע ער וויטער אין דער רוסישען שפּראכע, וועלכער טאַג איזט הייטע? מאַן אַנטוואָרטעטע פֿרייטאַג. נון זאַגטע קאָנסטאַנטין: טאָ נאַדאָבנע ספּיוואַט מה יפית. דיא הערענדען בליבען שטעהן אָהנע איין וואָרט צו זאַגען. דאַרויף פֿינג ער זעלבסט אַן מה יפית, אבער אהנע מעלאָדיע, צו זאַגען. אונד אַם ענדע זאַגטע ער רוסיש: וואס בעדייטעט לך בשר וגם דגים? ער זאגטע דאס העברעאישע נאַטירליכער ווייזע ניכט זאָ ווי עס געזאגט ווערדען זאָלל — אונד דאַמיט האַטטע דיא פֿאַרסע איין ענדע...

איך האבע פֿיר דיך וויינע בייא ה׳ פֿאַטער געקויפֿט, אונד הייטע האַטטע ער חרטה געהאַבט. איך ווערדע קאָממענדע וואכע בייא אַנדערע צו קויפֿען זוכען אונד דיר איבערשיקען בייא גוטעם וועגע. איך בין פֿראָה, דאס ער חרטה האַטטע, ווייל ער אין איין פּאר טאגע מיך שאָן אום דאס געלד געפּלאַגט העטטע.

צו דעם נייא איינטרעטענדען יאהרע ווינשע איך דיר אַללעס ער־דענקליך גוטע. הויפטזעכליך זאָללסט דוא, דיינע טהייערע געמאהלין אונד ליבען קינדער רעכט געזונד זיין. זאָללסט אין דיזעם יאהרע וועניגסטענס זאָ פֿיל פּראָפֿיטירען, דאס דוא אַללע שולדען צאהלען און דאן דיינע טעכטער אין דיזעם יאהרע מיט בראָפֿען אונד גוטען מעננערן צו פֿער־מעהלען. דיז איזט דער הייסעסטע וואונש..."

פּערל האָט זיך צו יעטווידער מענטשן באַצויגן מיט כּבֿוד, הגם ער האָט אַליין קיין כּבֿוד נישט געזוכט. קוים האָט ער אָבער באַמערקט, אַז ער איז אים מיט אַ באַזונדער כּוונה מבֿטל, האָט ער דאָס ניט געוואָלט פֿאַרשווײַגן.

אַזוי למשל האָט דערמאַגיסטראַט אין טאַרנאָפּאָל אים אַ מאָל אין אָפֿיציעלע ענינים נישט אָפּגעגעבן דעם טיטל „הער", ווי ס'האָט אים געקומט לויט די באַשטימונגען, האָט ער זיך וועגן דעם בּאַראָטן אין אַ בריוו מיט זײַן פֿרײַנד ווײַסמאַן אין לעמבערג, אויף וועלכן אופֿן צו פּראָטעסטירן דערקעגן און וואָס צו טון, כּדי צו צווינגען דעם באַאַמטן, ער זאָל זיך מיט אַ ייִד מוזן באַגיין העפֿלעך און פֿײַן.

דער בריוו פֿונעם 16טן יאַנואַר 1826 לייענט זיך אַזוי:

נומ' 12

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„וועגען מיינער שאלה ותשובֿה די פֿאָן ה' עלענבערג מיט ה' גובערניאַל־ראַט פֿאָן קרויז צו רעדען דיא גיטע האַטטע, דאַנקע איך רעכט זעהר, נור ה' שטיינסבערג האט וויא איך מערקע, דיא זאַכע זאָ ערצעהלט, אַלס בעטרעפֿע דיא פֿראַגע דאס קרייזאַמט אונד אין דער טהאט בעטריפֿט זיא דען מאגיסטראט; דאס קרייזאמט האלט מיך בכּבֿוד אונד ווען עס מיך ניכט זאָ טיטולירטע ווערע עס מיר רעכט. אַללײן דער מאַגיסטראַט, דער מיר אין אַמטזאַכען איממער „הער" שריעב, אונד אויף איינמאַל קאם איין יונגער מענש אַלס וויצער סופער נומערער טהאר בעשרייבער אַסיסטענץ דער מיט מיר זעהר גוט איזט, אַללײן דער הייטיגע עולם קאַן עס איבער זיין געוויסען ניכט בריגגען איינעם יודען הערר צו שרייבען, אונד דא איך וואוסטע, דאַש דיא יודיציאַל־ליסטען דאריבר בעשטימטע פֿאַרשריפֿטען האבען, בעזאָנדערס דאַ איין האָפֿדעקרעט דיא הויפשולדירעקטאָרען — מיט רעשפּעקט צו מעלדען — דען ראַנג דער ווירקליכען מאַגיסטראַטס־פּערזאָנען גיבט, זאָ האַבע איך דאס געזעץ געגבי וויסען וואָללען, אום מיין כּבֿוד צו פֿאָרדערן. אינצווישען מעכטען זיא מיך ניכט אויסלאַכען. עס איזט ווען מאַן ווילל איינע דומהייט, אבער ערשטענס האט יעדער אַ שטיק נאַרר ביי זיך — אונד דאַן העטטע עס מיך ניכט פֿערדראָסען, ווען מאַן מיך ניע זאָ טיטולירט האַט. אבער אויפֿהערען איזט בעליידיגענד אונד בעזאָנדערס פֿאָן לייטען

דיא אין קרעהווינקעל געהערען. לעבען זיא וואהל. איך בין איר פריינד..."

אין טייל פון פערלס בריוו געפינט זיך אַ געזונטער הומאָר. אַ מאָל האָט ער אויך ליב צו דערציילן אַ קליינינקן אַנעקדאָט, אַ מאָל מיט איראָניע צו געבן אַן אָנצוהערעניש.

אַזוי פרעגט אים למשל זײַן פרײַנד דער באַראָן הערמאַן ברוניצקי אין רודע אויף אַ שידוך פאַר זײַן טאָכטערס וועגן מיט אַ שלאַכטיץ אין טאַרנאָפּאָלער געגנט. פערל ענטפערט אים און דערציילט אים דעם יחוס פון דעם דאָזיקן פריץ, אַז זײַן עלטער-זיידע איז געווען אַ טערק, וועלכער איז מגולגל געוואָרן קיין פוילן און האָט זיך דאָ באַזעצט. דערבײַ גיט פערל צו די ווערטער: „ה' אוניס [דער נאָמען פון דעם שלאַכטיץ] איזט אלזא פעטערליכער זייטס אייןווירקליכער שלאַכטאַ, נור מיטטערליכער זייטס פעהלט אים די שלאַכטעטסטווא, דאַפיר איזט ער אבער מעהר מיט אונז בני אברהם פערוואַנדט".

צום דעם שוין דערמאָנטן ווײַסמאַן אין לעמבערג שרײַבט פערל אין אַ בריוו פונעם 22 סעפטעמבער 1926 וועגן אַ חוב וואָס ער האָט געמאָנט בײַ אַ געוויסן פלעקל:

נומ' 13

. . . . . . . . . . . . . . . . .

„וואס איהרע שולד בייא ה' פלעקל בעטריפט, מוס איך איהנען צופאר איינע קליינע געשיכטע פאָם גשימאַלאָווער רב ערצעהלען. איינסט אין דיא 9 טעג, ווא אַללע ווייבער דיא שטערנטיכליך אבלעגען, זינד אים הויזע מיינעס געפאטערס דיעבע געקאָממען אונד האבען אַללע אים הויזע גענוועזענען שטערנטיכליך אונד זילבער גע-שטאָהלען. אַלס מאַן ביים ערוואַכען דען דיעבשטאהל געוואהר ווארדע, ענטשטאנד, ווי געוועהנליך, איין גראסער לערם. דיא ווייבר וויינטען, דיא קינדער יאַממערטען אונד דיא מעננער ליפען אַן אַללען עקען דער שטאדט, אום דען דיעב צו בעקאָממען. אונטער דענען דיא זאָ דעם דיעבע נאכליפען, ווער אויך דער האנדעלסקאָמי מיינעס געפאטערס מיט נאָמען משה, איין זעהר בראַפער יונגע. דער משה קאם אין דיא געגענד וואָ דער גזשמאַלאָווער רב וואהנטע, קוים דאס דיזער משה אַנזיכטיג ווארדע, שריע ער: מאסע! מאַסע! — ער וואר איין ליטוואַק אונד זאגטע ס' שטאטט ש' — זאג דיין בעל הבית, ער זאָלל זיך גארנישט מצער זיין. ער וועט די גניבה אפזוכען! —

משה איבערראַשט פאָן דיזער צוזיכערונג, ליעף אין גאַלאָפ נאך הויזע אונד פערזיכערטע מיט אבגעבראָכענעם וואָרטען — דאס לויפען ערשווערטע איהם דאס רעדען — די גניבה וועט מען אפזוכן. וויא? וואָ? ער גאַב דיא וואָרטע דעס גזשמאַלאווער רב ווידער. נון ליעף אַללעס צום גזשימאַלאָווער רב צו ערפאַרען, וועלכע געוויסהייט ער

איבר די גניבֿה העטטע. מיט איינר בעזאָנדערן צופֿערזיכט אַנטוואָרטעטע דיזער: דאס הארץ איז מיר גרינג! — מען וועט אי״ה די גניבֿה זיכער אָפּזוכען. . . .״

## XI

אַ באַזונדער קאַפּיטל פֿאַרדינט פּערלס טעטיקייט ווי אַ שתדלן און עסקן בײַ דער רעגירונג. מענטשן מיט וועלטלעכע ידיעות וואָס שטעקן ראשם ורובם אינעם ייִדנטום, ווי פּערל, זײַנען דעמאָלט ביי ייִדן געווען גאָר ווייניק. ס׳איז דערפֿאַר גאָר קיין חידוש נישט, וואָס די קהילות פֿון דער גאַנצער מדינה פֿלעגן זיך צו אים ווענדן און כסדר פֿאַרלאַנגען זײַן אינטערווענץ אין פֿאַרשיידענע כלל־ענינים. בפֿרט וואָס ער איז געווען זייער אָנגענומען סײַ בײַ דער צענטראַלער מאַכט און ווי׳ן סײַ ביי די גובערניאַלער און קרײַז־אַמטלער מאַכט.

דערבײַ מוז אָבער באַמערקט ווערן, אַז זײַענדיק אַ מענטשן־קענער און קענענדיק די אמתע באַציִונג פֿון די דעמאָלטיקע שררות צו ייִדן, האָט ער קיין מאָל נישט איבערגעכאַפּט די מאָס אין זײַן השתדלות און קיין מאָל נישט געטאָן אַ שריט וואָס קען אויסגעטײַטשט אָדער אויסגענוצט ווערן קעגן ייִדן. אין זײַנע אָפּטע מעמאָראַנדומס צו דער מאַכט האָט ער איטלעכן פֿאָרשלאָג גוט איבערגעטראַכט און יעדער וואָרט געוויגן און געמאָסטן. ער איז אין דעם פּונקט געווען געניטער און פֿיל פּראַקטישער פֿון זײַן בן־דור אין קרעמענעץ ר׳ יצחק־בער לעווינזאָהן וועלכער האָט זיכער מיט אַ גוטער כוונה דער מאַכט פֿאָרגעלייגט אַ שטרענגע צענזור פֿאַר די ייִדישע דרוקערײַען, און פֿון דעם פֿאָרשלאָג איז פֿאַר די ייִדן אין רוסלאַנד אַרויסגעקומען אַ גזירה.[1] אויך האָט פּערל פֿאַרשטאַנען אָפּצוהיטן זײַן מענטשן־ווערדע און זיך קיין מאָל נישט צו פֿיל געבויגן.

אין אַ בריוו צו זײַן פֿרײַנד און מיטאַרבעטער אין דער שול פֿריהלינג שרײַבט פּערל דעם 20סטן פֿעברואַר 1826 (פֿון לעמבערג) אַט וואָס:

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„אונלענגסט זאָלל דאס גובערניום דען פֿאָרשלאַג געמאַכט האַבען, מאַן זאָל דען יודען דען ווייִנשאנק איינשטעללען, וויל זיא דען ווײַן פֿער־פֿעלשען; אויך אין דער יודענאָרדנונג דער שאַנק איבערהויפּט אונטער־זאגט ווערדע. מיינע בעהויפּטונג פֿינדע איך איממער גערעכטפֿערטיגט. יע מעהר יודען אין לעמבערג, דעסטאָ מעהר גזירות אים לאַנדע.״

נישט געקוקט אויף זײַנע פֿיל פּריוואַטע געשעפֿטן, פֿלעגט פּערל אָפֿט פֿאַרברענגען חדשים און וואָכן אין ווין און אין לעמבערג בײַ דער צענטראַלער אָדער גובערניאַלער מאַכט, בשעת ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ כלל־ענין.

---

[1] זע דובנאָוו: וועלטגעשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק (דײַטשע אויסגאַבע) באַנד IX § 28.

די הוצאות האָט ער תמיד באַצאָלט פון אייגענער קעשענע און פון קיינעם נישט פאַרלאַנגט קיין צושטייער.

אין דער יידישער דרשה פון 1838 (זע וויַטער) זאָגט פערל בזה הלשון:

„איך פֿרעג אייך דאָ עפֿענטליך: בייא וועמען האב איך עפּיס אין מיין לעבען גענעמען? איך בין אַ צייט אַוועק געזעסען אין כלל זאכען אין וויען. וועלכער יוד האָט מיר אַ קרייצר צו שטייער געגעבען? בראָדיר נגידים האָבען דענצמאָל צו מיר געשיקט, אַז זייא וועלען מיר שיקען געלד, איך האב געזאגט, מען דארף קיין געלד שיקען. בייא היגע עסקים, הן שטאָד זאַכען, הן יחידים׳ס עסקים — האב איך בייא אימיצען גענעמען א שוה פרוטה? נאך דעם פראַנצעזישען קריג, אַז מען האט היא דיא סחורות געשטעמפעלט, האבען סוחרים דיא טויזענדער רובל פרדיענט, האב איך בייא זייא דאס מינדסטע גענעמען? וויפֿיעל מאָהל האָבען די היגע שענקערס מיך געפלאגט, האב איך פין זייא פרלאנגט, זייא זאָלען מיר דאָס ארענדארסקי פין משקות פר מיין געברויך שענקען? וויפֿיעל איינצעלנע מענשען האָבען פין מיר פרלאַנגט איך זאָל זייא טובות טוהן, האב איך פין זייא אַ העללער גענעמען?

אַ טייל פון דיא לייט, וואס ערשט ניט לאַנג האב איך זייערטוועגען געטוהן וואס איך האב נור געקענט, דרפר דאַנקען זייא מיר איצט מיט פאשקווילען, מיט קללות און בזיונות, מיט חירופים וגידופים. ערשט פר עטליכע וואָכען האט מיך איינער פין דיא לייט דרמאַנט, אַז איך האב איהם אַמאָהל אַ גרויסע טובה געטוהן, אונ׳ דאס וועט ער מיר נישט פרגעסען, ווייל ער וועט לעבען. אונ׳ איך האב געזעהן, וויא ער איז פון מיר אַוועק געגאַנגען, איז ער צו געגאַנגען צו איינעם, וואס ער האט ערשט נישט לאַנג פון מיר געהאַט נאך אַ גרעסערי טובה — אונ׳ביידע זענען געגאַנגין אויף מיר מלשין צו זיין. דאס איז בייא מיר קיין נייעס נישט געוועזן. איך קען דיא לייט און רעכען קיין מאָל נישט אויף דאַנק.

פר מיר איז גענוג, איך קען איטליכען אונטער דיא אויגען טרעטען פרייא. איך קען עפֿענטליך זאָגען את שור מי לקחתי. איך בין ריין אין געלד זאַכען אונ׳ איבֿרדעם מוז איין עהרליכר מאַן אַ בעל שכל מיינע ווערטער צו הערען. דיא פאשקוויל מאַכער טרייבען זייערי זאַכען בגניבה אין דער פינסטער.״

אין אַ בריוו צו זיַנעם אַ באַקאַנטן מיטן נאָמען לאָזער צוקער אין יערעסלאַוו זאָגט פערל אַרויס זיַן מיינונג וועגן דער ראָלע וואָס די משכּילים ווי אַן אַוואַנגאַרד פון דער אויפקלערונג האָבן צו דערפילן, און וואָס פאַר אַ קרבנות זיי מוזן ברענגען צוליב זייער אידעאַל. אַגבֿ זיַנען אויך פאַראַן דאָ עטלעכע באַמערקונגען בנוגע דעם מצבֿ פון יידן דעמאָלט.

איך ציטיר דעם גאַנצן בריוו אות באות:

נומ׳ 14

**9 נאָוועמבער 1826 ה׳ לאזיר צוקער יאַראָסלויא.**

איהר ווערטעס פאָם 30 אקטאבער איזט מיר ריכטיג צוגעקאממען. זאָ וויא עס מיך געפרייעט האַט אויס דעמזעלבען צו ערזעהן, דאַס איהר ה׳ זאהן אַלס איין געבילדעטער געשיקטער מאן פאָן וויען היימגעקעהרט איזט, אין עבען דעם מאאסע אונד נאך וויט מעהר האט עס מיך געקרענקט, צו ערפאַהרען, דאַס ער איינר וויסענשאַפט זיך געווידמעט האַט, דיא איהן ניכט ערנעהרען קאַן. דיא ערפאַהרונג האט מיך דאפפעלט געקרענקט. שאן איינען יונגען מענשען מיינר נאציאן אין דיזער לאגע צו וויסען, איזט פיר מיך קרענקענד, אונד דאצו דען זאהן איינעס מיינר פריינדע. וואס מיך אבר אם מייסטען קרענקט איזט, דאַס דאדורך דיא מייסטען אונזערער נאציאן אבגעשרעקט ווערדען איהרען קינדערן איינע אָרדענטליכע ערציהונג געבען צו לאַססען. וויא וואהר איזט דאס שפריכוואָרט: אַללער אנפאנג איזט שווער.

וויר, דיא וויר אונזערן ברידערן פאָראַן געהען וואָללען, מיססען אונז נאטירליך שאן געפאללען לאַססען, אַן בערגע, שטיינע אודגל. צו שטאָססען, אן דיא וויר אונז אָפט נאַזע אונד שטירן צערשלאַגען. וואס איזט צו טוהן? האט אונז די פאָרזעהונג בעשטימט, דאס וויר אונז אויס דעם שלאם דער געוואהנהייט רייסען, אונד אונזערע קינדער בעססער ערציהען זאָללען, זאָ מיססען וויר אַללע אונאַנגעהמליכקייטען מיט געדולד אונד ערגעבענהייט ערטראַגען. גאטט וייס, וועלכע שוויריגקייטע מיר אונד מיינעם זאָהנע נאָך בעפארשטעהען, בעפאָר ער אין דאס פיר איהן אויפגעשטעקטע ציעל געלאַנגען ווירד. מאן מוס דארויף געפאסט זיין אונד זא מיססען זיא אונד איהר ה׳ זאָהן עבען אללעס געדולדיג אבווארטען.

זיא קלאגען, דאס ער ניכט אנגעשטעללט ווערדען קאָן. איך וייס ניכט, וויא זיא איבר זאָ וואס קלאגען קעננען? קאָננטען זיא דען יע דארויף רעכנונג מאַכען? וויא פילע קריסטען געהן הערום אונד בעקאָממען קיינען דיענסט? ווא זאלל איין יודע איינען בעקאָממען? זינד וויר דען שאן בייא דיזעם פונקט? עס האנדעלט זיך אים 19. יאַהרהונדערט אב מאן אונז איינען אייד אנפערטרויען זאָלל — אונד זיא רעדען פאָן שטאאטס־דיענסטען! ווען איהר ה׳ זאהן איצט ניכט געניגט איזט איינע בראָדוויסענשאַפט צו ערלערנען, זאָ ווערע מיינע מיינונג, ער זאָלל זיך אויף דיא מעכאַניק פערלעגען, אונד דיזע זאָלל — גלויבע איך — אין גאַליציען איהרעם מאַננע בעשעפטיגונג צו פערשאַפען. וויר זינד אים מיהלען אונד מאַשינען בויא זעהר וויט צוריק, טראָץ דעם דאס וויר פליסע גענוג האבען. ווארום זאָללטע דאַ ניכט איין מאַן אונזערער נאציאן פאַלל אויף צו טוהן האַבען? דען איך מוס זיא פער־

זיכערן, דאַס דיא אינזעניר-קונסט איהרען זאהן ניכט זעהר וויט ברינגען קאָן, ניכט וויל ער איין יודע איזט, זאנדערן וויל איך וויס, דאס זעלבסט פיעלע קריסטען שווער צו איינר גוטען שטעללע געלאַנגען קענגען [1] . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

וואס איהרע בעמערקונג בעטריפט, דאַס קיין געזעץ בעשטעהט, דאס דען יודען פאָם אינזעניר-דינסטע אויסשליסען זאָלל, זאָ מוס איך איהנען זאגען, דאס אויסער דעם געזעצע: „איין יודע דארף קיין פאָסט-קנעכט זיין" גאר קיינעס אין גאליציען פארהאנדען איזט, וועלכעס דען יודען פאם שטאאטסדיענסטע אויסשליסען זאָללטע. ענטוועדער ווער עס ניכט נעטהיג, וויל דער גאַליצישע יודע ביזהער אויך צו ניכטס אַנדערעם אַלס צום פאָסטקנעכטע צו פערווענדען ווערע; אָדער בעדארף עס דאצו קיין געזעץ. דען דעם שטאאטע שטעהט דאך פרייא, בלאָס דען אין דינסט אויפצונעהמען, דער איהם געפעללט; אונד דער איהם ניכט געפעללט, דען קאן ער אויך אהנע געזעץ אבווייזען. גענוג, עס בעשטעהט קיין געזעץ, אונד דער יודע דאַרף טראָץ דעם אַללעם קיין שטאאטס דינר ווערדען.

לעבען זיא רעכט וואהל אונד גריסען זיא פרויא אונד קינדער אים נאַהמען איהרעס . . ."

די מאַכט האָט זיך אָפט אָנגעפרעגט ביי פערלען וועגן פאַרשיידענע ייִדישע כלל-ענינים און זיך גערעכנט מיט זיַין מיינונג.

בשעת למשל ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן לערערס פאַר ייִדישער רעליגיע אין די פאָלקשולן, האָט די צענטראַלע רעגירונג אין ווין זיך אָנגעפרעגט ביַי צוויי מענטשן: הערץ האָמבערג און יוסף פערל. [2]

בשעת קאַרל פרידריך גוסטאַוו זייפאַרט האָט אַרויסגעלאָזט זיַינע באַקאַנטע אויפרופן און פלוגשריפטן — ווי דער „באַפולמעכטיקטער פון ציון" — ווי ער האָט זיך אָנגערופן, כדי צו גרינדן אַ ייִדישע מלוכה, האָט זיך די עסטרײַכישע מאַכט געווענדט אין יאָר 1838 צו פערלען, ער זאָל זיך אַרויס-זאָגן אין דעם ענין. [3]

פערל האָט דערויף געענטפערט אין אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום און אויפגעוויזן די נאַרישקייטן פון דעם פלאַן און פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „איך שליסע מיט דער פייערליכען פערזיכערונג, דאַס דער אויפרוף אונטער דער גאַליצישען יודענשאַפט ניכט דען לייזעסטען אַנקלאַנג געפונדען, נאך פינדען קענטע אונד דאַס איך עס ניכט איינמאַל דער מיהע ווערט פינדע, איבער זיין טרייבען וויטערע קונדע איינצוציהען".

---

1 דאָ רעדט ער וועגן די שוועריקייטן פינעם באַאמטן-שטאַנד בכלל.

2 זע באַלאַבאַן: Historya Żydów w Galicji ז' 131.

3 זע ד"ר נ. געלבער: Vorgeschichte des Zionismus (1927), ז' 122.

אין 1829 האָט פּערל צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע השכּלה־טוערס (דאָקטאָר קאָלישער און מאַרעק מרגליות) דערלאַנגט אַ בקשה אויף אַ דערלויבעניש צו גרינדן אַ פֿאַראיין צו פֿאַרשפּרייטן נוצלעכע מלאָכות צווישן ייִדן אין גאַליציע. דעם 1טן אַפּריל 1829 איז פּערל וועגן דעם ענין געווען אין ווין אין אוידיענץ ביים דעמאָלטיקן מעכטיקן מיניסטער פּירשט מעטערניך. די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן ערשט אין יאָר 1831.[1]

פּערלען האָט זיך אויך אײַנגעגעבן אויסצופּועלן בײַ דער מאַכט די דערלויבעניש פֿאַר ייִדן צו ווערן אַפּטייקערס — און זײַן בן־יחיד מיכל פּערל איז געווען דער ערשטער ייִדישער אַפּטייקער אין עסטרײַך.

פּערלס שם ווי אַן עסקן און קעמפֿער פֿאַר פֿאַרשפּרייטן קולטור צווישן ייִדן אין גאַליציע האָט דערגרייכט ביז קיין דײַטשלאַנד, און אין יאָר 1822 (אין דער זיצונג פֿונעם 5טן יאַנואַר 1822) איז פּערל אויסגעוויילט געוואָרן פֿאַר אַ מיטגליד פֿונעם באַוווּסטן Verein für Kultur und Wissenschaft der Juden אין בערלין, וואָס צו אים האָבן געהערט פּראָפֿ׳ גאַנס, היינריך היינע (דעמאָלט נאָך אַ ייִד), ד״ר צונץ, מאָזער און פֿיל אַנדערע.[2]

מחברים פֿון השכּלה־ספֿרים האָבן אין פּערלען געפֿונען ניט בלויז אַ באַראָטער, נאָר אויך אַן אַקטיוון העלפֿער.

אויף לעווינזאָנס „תעודה בישראל“ האָט פּערל געצייכנט 20 עקזעמפּלאַרן.[3] דעם אָרעמען שרייבער בעריש בלומענפֿעלד פֿון בראָד, דעם מחבר פֿון אַ פּירוש און אַ דײַטשער איבערזעצונג פֿון איובֿ, שיקט פּערל אַזש 50 רובל, אַ סכום וואָס איז אין די דעמאָלדיקע יאָרן געווען גאָר אַ גרויסער.

## XII

אין די לעצטע יאָרן פֿון פּערלס לעבן איז שוין בילדונג געווען היפּש פֿאַרשפּרייט צווישן ייִדן אין גאַליציע. אין די גימנאַזיעס זײַנען שוין געווען אַ סך ייִדישע תּלמידים, אין די אוניווערסיטעטן פֿון עסטרײַך האָבן ייִדישע יונגע לײַט שטודירט מעדיצין און יוריספּרודענץ, די צאָל שילער אין די פֿאָלקשולן האָט געהאַלטן אין וואַקסן. אָבער פּערלען האָבן אָט די אויפֿטוען פֿון דער השכּלה לגמ״י נאָך נישט באַפֿרידיקט. זײַן הויפּטאַרבעט איז נישט געווען פֿאַר יחידים, נאָר פֿאַרן כּלל. עטלעכע ייִדישע דאָקטוירים אָדער אַדוואָקאַטן, וואָס וועלן אַרויס פֿון די אוניווערסיטעטן, קאָנען דעם כּלל נישט פֿיל נוצן, כּל זמן דער ניוואָ פֿונעם כּלל איז גאָר אַ נידעריקער. כּדי דעם המון צו דערהייבן, מוז מען קומען דירעקט צום פּשוטן ייִדישן מענטשן. מען מוז מיט אים שמועסן אין זײַן לשון און אויף זײַן שטייגער. אַזוי איז פּערל גע-

---

[1] זע באַלאַבאַן 1193, ז׳ 108.

[2] זע באַריכט פֿון פֿאַראיין אין „בכּורי העתּים“ תּקפּ״ד (1823), ז׳ 245—258.

[3] זע די ערשטע אויסגאַבע פֿון „תּעודה בישראל“ (ווילנע 1828) אין דער רשימה פּרענומעראַנטן.

קומען, פונקט ווי זײַן פֿרײַנד און וועגווײַזער מענדל לעפֿין, צום לעבעדיקן יידישן לשון.

ס'איז זיכער נישט קיין צופֿאַל, וואָס די בעסטע קעמפֿער פֿאַר השׂכּלה אין דער דאָזיקער תּקופֿה, הגם זיי זײַנען דאָס רובֿ געווען העברעיִשע שרײַבערס, האָבן אויך אַוועקגעגעבן מי און אַרבעט פֿאַר דער פֿאַרפּײַנערונג פֿון יידישן לשון.

ס'האָט פֿאַר זיי נישט עקסיסטירט די פֿראַגע העברעיִש אָדער יידיש; בײַ זיי איז געמאָלט געווען העברעיִש און יידיש. מערניט בטלנישע מליצים אַלאַ טוביה פֿעדער האָבן געקענט זען אין יידישן לשון אַ שונא פֿון אמתער בילדונג.

בשעת פּעטער בער, דער באַוווסטער פֿאָרטרעטער פֿון דער אַסימילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן העברעיִש און קעגן יידיש, ווײַל זיי זײַנען מניעות בײַם אַריבערציִען יידן צו דער לאַנדשפּראַך, און געפֿאָדערט אונטערצודריקן אָט די ביידע לשונות, האָבן די גאַליציִשע משׂכּילים זייערע בעסטע כּוחות אַוועקגעגעבן, כּדי ביידע לשונות פֿונעם יידישן פֿאָלק צו אַנטוויקלען. טאַקע דאָ אין מזרח־גאַליציע, ווו ס'איז געשטאַנען די וויג פֿון דער השׂכּלה־ליטעראַטור אויף העברעיִש, האָט אויך דאָס יידישע לשון באַקומען די ערשטע צורה פֿון אַ ליטעראַטור־שפּראַך.

יצחק בער לעווינזאָן אין קרעמענעץ און שלמה עטינגער אין זאַמאָשטש האָבן ביידע זייער דערציִונג געגאָסן אין גאַליציע און זיכער אין זיך אויפֿגענומען די אידעען און אָנשויונגען פֿון די גאַליציִשע משׂכּילים אויך בנוגע דעם יידישן לשון, און זײַנען פּונקט ווי אין אַלעמען אויך אין דעם פּרט געווען זייערע תּלמידים.

ס'איז אָבער אַן אומגליקלעכער מזל פֿון דעם נײַעם ליטעראַרישן יידיש, וואָס דווקא די בעסטע שאַפֿונגען זײַנען נישט געוואָרן בײַצײַטנס קיין נאַציאָנאַל אייגנס כּפֿי די כּוונה פֿון זייערע מחברים איז געווען, און זײַנען צענדליגער יאָרן געבליבן אין כּתבֿ־יד, אָדער — ווי למשל דער רובֿ פֿון לעפֿינס איבערזעצונגען — אין גאַנצן פֿאַרלוירן געגאַנגען. ווען זיי וואָלטן געווען אַלע בשעתּו אַרויס אין דרוק, וואָלט זיך די יידישע ליטעראַטור זיכער געווען אָנגעהויבן מיט דורות פֿריִער, ווײַל לויט זייער בײַשפּיל וואָלטן אויך אַנדערע משׂכּילים געווען געשריבן אין יידיש. נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז אַלצדינג האָט זיך זײַן מזל, אַפֿילו אַ ספֿר אין שאַנק...

מען קען נישט פֿעסט באַשטימען, ווען פּערל האָט אָנגעהויבן שרײַבן יידיש. ס'איז אָבער זיכער, אַז דאָס איז געשען אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן.

פֿון זײַנע יידישע שאַפֿונגען זײַנען פֿאַראַן: אַ קלענער סיפּור המעשׂה „גדולת ר' וואָלף מטשאַרנעאָסטרע", אַ מעשׂה פֿון אַ גוטן ייד; די יידישע איבערזעצונג פֿונעם „מגלה טמירין" און די איבערזעצונג פֿון אַן ענגלישן ראָמאַן פֿון דער צײַט פֿון חורבן בית שני מיטן נאָמען „אַנטיגנוס". צווישן די כּתבֿים

פערלס האָב איך אויך געפונען אַ דרשה, וועלכע פערל האָט געהאַלטן בײַ זיך אין דער סינאַגאָגע פרשת נצבים אין יאָר 1838, בשעת דער מחלוקת וועגן דער רבנות אין טאַרנאָפּאָל, אויף יידיש. [1]

## XIII

די לעצטע יאָרן פון פערלס לעבן זײַנען געווען פאַרפינצטערט דורך אַ האַרבן מחלוקת אין דער טאַרנאָפּאָלער קהילה.

נאָך דער פונאַנדערלאָזונג פון דער יידן-דירעקציע דורך דער עסטרײַכישער רעגירונג אין יאָר 1786, איז גאַליציע געוואָרן אײַנגעטיילט אין 18 קרײַזן. בראָש פון יעדער קרײַז האָט געזאָלט שטיין אַ קרײַז-רבֿ, וועלכער איז געווען מחויבֿ לויטן געזעץ צו פירן די מאַטריקעל-ביכער, ד״ה צו רעגיסטרירן די געבוירענע און געשטאָרבענע, די געזעצלעכע חתונות און בריתן, צו געבן חופה וקידושין, דורכצופירן גטין און חליצות, צו האָבן די השגחה איבער די רבנים, שוחטים און חזנים פון זײַן קרײַז אאַז״וו.

דער קרײַז-רבֿ איז געווילט געוואָרן פון די בעלי-בתים וואָס צאָלן ליכטשטײַער אויף אַ משך פון 3 יאָר.

דאָס שכירות פונעם קרײַז-רבֿ איז געווען גאָר אַ קליינע, אָבער זײַטיקע הכנסות, פון חתונות, בריתן, דיני-תורות וכדומה האָבן געבראַכט פרנסה. פון די 18 קרײַזן האָט דער איינציקער קרײַז-רבֿ פון טאָרנע באַקומען אַ שכירות פון 1000 פלאָרין אַ יאָר. דאָס קרײַז-רבנות פון טאַרנאָפּאָל אָקעגן האָט געבראַכט קוים 225 פל׳ יערלעך.

ר׳ שלמה ליב ראַפּאָפּאָרט, וועלכער איז געווען באַוווּסט פאַר אַ למדן און אַ תלמיד מובהק פון זײַן שווער ר׳ ארי׳ ליב הכהן, דעם מחבר פון די באַרימטע תלמודישע ווערק „קצות החושן״ און „אבני מלואים״, איז געווען ביז 1832, מיט אַ קליינער הפסקה — פאַרוואַלטער פון דער פליישפּאַכט אין לעמבערג. פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער דאָזיקער באַשעפטיקונג האָט ער נישט געקאָנט זײַן צופרידן. אין יאָר 1832 האָבן זײַנע שונאים, די וואָס האָבן אים אין דער יוגנט גערודפט פאַר זײַנע „פרײַע״ אידעען און אַפילו אַרײַנגעלייגט אין חרם (קאַפּיטל VIII), אויסגעדונגען די כשר-פליישפּאַכט, און ראַפּאָפּאָרט איז געבליבן אָן פרנסה.

גראָד דעמאָלט האָט ער געהאַט פאַרעפנטלעכט זײַנע ערשטע אַרבעטן אין „בכורי העתים״, די ביאָגראַפיעס פון רבֿ האי גאון, פון ר׳ נתן בעל הערוך, ר׳ חננאל, ר׳ אליעזר הקליר, וואָס האָבן מיט דער גרויסער בקיאות און דעם פרײַען קריטישן אופן אָנגעמאַכט אַ רעש אין יידישן וועלט. צונץ און פירסט, יאָסט, לוצאַטאָ און רעדזשיאָ, אַלע דעמאָלטיקע יידישע גדולים פון

[1] אַן אַנאַליז פון פערלס יידיש וועט דער לייענער געפינען אין ז. קלמנאָוויטשעס אַרבעט אין דעם איצטיקן באַנד.

די מערבֿ-לענדער, האָבן פּלוצים דערזען, וואָס פֿאַר אַ נײַ ליכט ס'גייט אויף דווקא פֿון דער פֿאַרחושכטער פֿאַנאַטישער מזרח-אייראָפּעיִשער מדינה, און האָבן זיך באַצויגן צו ראַפּאָפּאָרטן מיט גרויס דרך-ארץ. אין זײַן גרויסן ווערק Die gottesdienstlichen Vorträge ברענגט צונץ ראַפּאָפּאָרטן נישט ווייניקער פֿון 117 מאָל.

וואָס גרעסער ס'האָט אין אויסלאַנד געשטײַגט זײַן כּבֿוד, אַלץ גרעסער זײַנען געוואָרן די דאגות-פּרנסה. ער האָט זיך אַרומגעקוקט נאָך אַ רבנות אין איטאַליע און אין אונגאַרן, ער האָט זיך דורכגעשריבן וועגן דעם מיט אַלע פֿרײַנד פֿון ווײַט און נאָענט, אָבער ער האָט קיין מזל נישט געהאַט. דער לעמבערגער רבֿ, ר' יעקבֿ אָרנשטיין, וועלכער האָט קיין מאָל נישט געקענט פֿאַרגעסן די השגות וואָס ראַפּאָפּאָרט האָט געשריבן קעגן זײַן חיבור „ישועות יעקבֿ" און ווי ער האָט אויפֿגעוויזן די פֿיל פּלאַגיאַטן וואָס קומען דאָ פֿאָר, האָט אים גערודפֿט מיט אַלע מעגלעכקייטן און נישט דערלאָזט, אַז אַ קהילה זאָל ראַפּאָפּאָרטן אויפֿנעמען פֿאַר אַ רבֿ. בפֿרט איז די חרם-געשיכטע געווען באַקאַנט אומעטום און אַפֿילו אויפֿגעקלערטע קהילות זײַנען נישט גערן געווען אויסצוקלײַבן אַ רבֿ, וועלכער האָט געהאַט צו טון מיט אַ חרם.

זײַן פֿרײַנד פּערל, מיט וועמען ער האָט זיך דעמאָלט איבערגעבעטן נאָך דעם קורצן רוגז, וואָס האָט געהערשט צווישן זיי (זע קאַפּיטל VIII), האָט נישט געקאָנט בײַקומען די גרויסע שוועריקייטן, וואָס האָבן זיך אים אַוועקגעשטעלט בײַם גרינדן די ראַבינער-שול.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דער דעמאָלטיקער טאַרנאָפּאָלער קרײַז-רבֿ ר' יהושע העשיל באַ"בד, אַ רבֿ פֿונעם אַלטען טיפּ, וועלכער איז אַגבֿ געווען אין טיפֿן עלטער, שוין איבער אַכציק יאָר אַלט, האָט פֿאַרלאָרן דורך עפּעס אַ סיבה דאָס אָפֿיציעלע רעכט אויף רבנות — און אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿונעם קרײַזאַמט איז אויסגעשריבן געוואָרן אַ קאָנקורס אויף אַ רבֿ.

ראַפּאָפּאָרט האָט זיך תּיכּף געווענדט צו זײַן פֿרײַנד פּערלען און זיך מיט אים באַראָטן, צי זאָל ער אַרויסשטעלן זײַן קאַנדידאַטור. פּערל האָט אים געהייסן אַ ביסל וואַרטן, ביז ס'וועט זיך נישט מעלדן נאָך אַ קאַנדידאַט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז ראַפּאָפּאָרט זאָל זײַן דער איינציקער קאַנדידאַט.

נאָך אַ געוויסער צײַט, בשעת ס'האָט זיך שוין געהאַט געמאָלדן נאָך איין קאַנדידאַט, האָט פּערל געהייסן ראַפּאָפּאָרטן זיך מעלדן. דורך פּערלס השתּדלות איז ראַפּאָפּאָרטס קאַנדידאַטור אָנגענומען געוואָרן, און בשעת דער קלפֿי וואָס איז פֿאָרגעקומען האָט ער באַקומען דאָס רובֿ אָפּגעגעבענע שטימען און איז אויסגעוויילט און באַשטעטיקט געוואָרן פֿאַר אַ קרײַז-רבֿ אין טאַרנאָפּאָל. דאָס איז געשען אָנהייב תּקצ"ח (1838).

מען קען זיך קוים פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ רעש די דאָזיקע וואַלן האָבן אָנגעמאַכט צווישן די דעמאָלטיקע אָרטאָדאָקסן בכלל און צווישן די געגנערס פֿון ראַפּאָפּאָרטן בפֿרט. אַ קלייניקייט, אַ רבֿ וואָס שרײַבט אין די גאַזעטן,

וואָס איז אַ קענער פֿון פֿרעמדע לשונות, וואָס איז אויסגעקאָכט אין ידיעות העולם און וואָס זײַנע קינדער באַזוכן די גוייִשע טעאַטערס; אַ רבֿ, וועלכער איז געווען אַרײַנגעלייגט געוואָרן פֿונעם „ישועת יעקבֿ" אין חרם אַרײַן!

ס'זענען געפֿלויגן פּאַשקווילן פֿון די אָרטאָדאָקסן פֿון לעמבערג קיין טאַרנאָפּאָל, און ס'האָט זיך אָנגעצונדן אַ גרויסע מחלוקת אין שטאָט. מען האָט אָנגעווענדט אַלע אַלטע מיטלען, אָנגעהויבן פֿון מסירות און אויסגעלאָזן מיט חרמות.

ראַפּאָפּאָרט האָט זיך פֿון דעם אַלעמען גאָר נישט געמאַכט, און באַקומענדיק דעם דעקרעט פֿון דעם קרײַזאַמט, האָט ער שבת י"ז טבֿת תקצ"ח איבערגענומען דאָס רבנות אין טאַרנאָפּאָל. אַלע פֿרײַנד פֿון נאָענט און ווײַט האָבן אים צו דעם נײַעם פּאָסטן גראַטולירט; שלום הכהן, דער באַוווסטער העברעיִשער פּאָעט, האָט לכּבֿוד אים געשריבן אַ שיר, דאָס זעלביקע האָט אויך געטאָן דער באַקאַנטער געלערנטער און דיכטער שמואל דוד לוצאַטאָ, זײַן פֿרײַנד קראָכמאַל האָט געשריבן אַ וואַרעמען מזל-טובֿ.[1] אָבער דאָס אַלצדינג האָט לא די וואָס נישט געהאָלפֿן די געגענערס אײַנצושטילן, נאָר אַדרבא, דאָס מחלוקת האָט זיך דורך דעם נאָך מער צעפֿלאַקערט. און ניט נאָר קעגן ראַפּאָפּאָרטן אַליין איז געווען דער רוגז, נאָר אויך קעגן אַלע זײַנע אָנהענגער בכלל און קעגן פּערלען בפֿרט.

מען האָט למשל אַרויסגעלאָזט אַ חרם אַפֿילו קעגן דער אַפּטייק פֿון מיכל פּערל.

פּערל איז שוין דעמאָלט געווען ערנצט קראַנק. דאָס מחלוקת האָט אים זייער פֿאַרדראָסן. ער, וואָס האָט כּל ימיו געהאַט דעם גרעסטן כּבֿוד און איז געזעסן בשלום ובשלוה, ער זאָל גאָר פֿלוצים ווערן אַ נרדף! בפֿרט האָט ער געהאַט עגמת-נפֿש, וואָס זײַן פֿרײַנד ראַפּאָפּאָרט ווערט אַזוי שטאַרק גערודפֿט, ווײַל סוף כּל סוף האָט פּערל געהאַט די גרויסע השפּעה סײַ בײַם המון-עם סײַ אויך בײַ דער מאַכט און ער האָט תּמיד געקאָנט זײַנס אויספֿירן. אָבער ס'איז אים נישט ניחא געווען אַרויסצווײַזן זײַן תּקיפֿות אין דעם פֿאַל.

ער האָט געפּרוּווט מיט אַלע מיטלען דאָס מחלוקת אײַנצושטילן. איינס פֿון די מיטלען איז געווען אַ דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זײַן סינאַגאָגע שבת פּרשה נצבֿים.

מחמת די דאָזיקע דרשה איז די איינציקע אויף ייִדיש וואָס געפֿינט זיך אין פּערלס אַרכיוו און מחמת זי איז סײַ לויט דער שפּראַך סײַ לויטן אינהאַלט זייער אינטערעסאַנט, ווילן מיר דאָ איבערגעבן אייניקע אויסצוגן פֿון איר.

נישט ווייניקער פֿון 56 ציטאַטן ווערן דאָ געבראַכט פֿון תּנך און ש"ס, חוץ פֿאַרשיידענע מדרשים און אַלטע ספֿרים. אויפֿגעבויט איז די דרשה אויף דער אַלטער מאָדע פֿון מגידות, אָבער לאָגיש, מיט משלים און פֿאַרטײַטשונגען און דער עיקר אין אַ שיינער לײַכטער און קלאָרער שפּראַך.

---

1 זע כּרם חמד 1839, מכתּב כ"ו, 241—259.

נאָך דעם אַרײַנפֿיר, ווו ער דערקלערט, פֿאַר וואָס ער רעדט הײַנט גראָד אין יידיש און נישט ווי תמיד אין זײַנע ביזאַהעריקע דרשות — דײַטש, קומט ער צום גוף העניין און ווײַזט, ווי שעדלעך די מחלוקת איז פֿאַר דער גאַנצער קהילה. ער רעדט אַרום דעם ווערט און די באַדײַטונג פֿון די פּאַשקווילן, די אוממאָראַלישקייט פֿון די מחלוקת־מאַכערס און גיט פֿאַרשיידענע אָנצוהערענישן אויף אייניקע פּאַרשוינען, וואָס שטייען בראָש פֿון דער מחלוקת.

ער דערציילט אויך פֿאַרשיידענע אַנעקדאָטן, וואָס זײַנען אַרײַנגעפֿלאָכטן אין אינהאַלט. אויף זײַט 29 זאָגט ער:

„הלואי מיינע ווערטער זאָלען נישט מקוים ווערען. איך האָב מורא עס זאָל ח"ו פֿון דעם מחלוקת נישט אַרויסקומען אַ תקלה לכלל ישראל. איך ווייס מיר פֿיהלען נאָך איצט דיא רעות, וואָס פֿר אונז איז נצמח געוואָרען פֿון דעם מחלוקת אַקעגען דעם לאַנד־רבֿ. מיינט איהר יענע לײַט האָבען נישט געמיינט, זייער מחלוקת איז לשם שמים? פֿון דעסטוועגען העטען זייא נור אויף דעם טויזענטסטען פֿאַל געוויסט, אַז דאס מחלוקת קען שאדען ברינגען דעם כּלל ישראל, העטען זייא אודאי נישט געוואָלט פֿרום זיין".

ער מיינט דערמיט דאָס מחלוקת, וואָס האָט זיך געמאַכט אין גאַליציע אין די יאָרן 1785—86 קעגן דעם דעמאָלטיקן לאַנד־רבֿ ר' לייבוש בערנשטיין אין בראָד. דער אָנפֿירער פֿון דעם מחלוקת איז געווען דער באַקאַנטער גבֿיר און יחסן ר' זלמן פּערלס אין בראָד. דער פּועל־יוצא פֿון דעם מחלוקת איז געווען, אַז די יידן־דירעקציע און דאָס לאַנד־רבנות, וועלכע איז געווען אַ מין אויטאָנאָמיע פֿון די קהילה־פֿאַרוואַלטונגען, זײַנען בטל געוואָרן.

רעדנדיק פֿון דעם ענין, אַז גאָט שיצט תמיד דעם נרדף, דערציילט פּערל אַ דבֿר הכמה פֿונעם בראָדער רבֿ ר' מאיר קריסטיאַנפּאָלער:

„מען האט מיר דרצעהלט, אין בראָד האט זיך געטראָפֿען, איינער האט געוואָלט ווערען קרייז רבֿ אונ' מען זאָלל דעם געוועזענען קרייז רבֿ ר' מאיר קריסטיאנפּאָלער זצ"ל אָבווארפֿען. דער נייער האָט געהאט אַ יאָם נגידים אויף זיין צד אונ' איז געווען אין דער זאַך תקיף. מישבֿ האָט זיך אָבער דער נייער געוועזן, ער וועט פֿריפֿען, תּאמיר וועט ר' מאיר דאס רבנות בטובֿ אבטרעטען. איין נגיד פֿון דעם נייען צד, איז צו ר' מאיר געקומען אונ' האט איהם געזאָגט, איהר זעהט דעך, אַז דער נייער האט אַ שטאַרק צד פֿר זיך אונ' וועט עס ווערען. אַ מעהר נעמט הונדרט רענדליך אונ' טרעט אב דאס רבנות מיט גוטען, וועט איהר בכּבֿוד אַוועק דרפֿון. הערט אויס, האט איהם ר' מאיר געענטפֿערט, לע"ע זעה איך, אַז יענר איז תּקיף אונ' פֿרפֿאָלגט מיך, האב איך נאך האפֿנונג אויף דער הבֿטחה פֿון דעם עבערשטען — „והאלקים יבֿקש את נרדף". דיא האפֿנונג זאָל איך פֿרקויפֿען? נישט פֿר כּל הון דעלמא. אונ' דער עבערשטער האט גיהאָלפֿען, ר' מאירל איז געבליבען רבֿ ווייטער".

ער ציטירט אויף זײַט 37 די ווערטער פֿון משה רבנו: „לא חמור אחד מהם נשאתי ולא הרעותי את אחד מהם" און פֿון שמואל: „את שור מי לקחתי

ואת חמור מי לקחתי ואת מי עשקתי" וכו׳, מאַכט פאַרשיידענע באַמערקונגען און פרעגט פאַרשיידענע קשיות לויטן שטייגער פון מגידות און פירט דער־נאָך אויס:

„מיר זאָלען משה׳ס און שמואל׳ס רעד פרשטעהן, װעלען מיר דרצעהלען אַ דבר חכמה פון ר׳ הירץ אַ זוהן פון דעם פודקאַמינר רב ע״ה אין בראָד. דער ר׳ הירץ איז געװען אַ מתנגד פון חסידים. האט איהם דער ברדיטשיבר רב ע״ה אַ מאָל גיפרעגט, פר װאס ער קריגט מיט זייא. מען זעהט װאס דיא רבים טוהן פר אַ גוטס אויף דער װעלט, זייער דאַבונין, זייערע צדקות, פדיון שבוים, דענצמאָל פלעגען זייא עס צו טהון. האט איהם ר׳ הירץ דרויף גענט־פערט. מיר זענען אַמאָל עטליכע בוידען גיפאָהרען פון בראָד קיין ברדיטשאב אויף דעם יריד אונ׳ זענען אָנגעקומען אין אַ קרעטשמי שוין נאך האלבר נאכט. דער בעל הבית אונ׳ זיין גאַנץ בני בית זענען אויפגעשטאַנען. מען האט אויפ־געשלאגען דיא קעך, מען האט גיקאָכט און גיבראָטען, װאז מיר האבען נור געשאַפט. מיר דיאַ משרתים אונ׳ דיא בעלי עגלות האבען געהאט צו עסען און צו טרינקען די והותר.

„װיא איך האב גיזעהן דיא טרחות פונם בעל־בית מיט דעם גאַנצען בני בית, טראַכט איך אַזוי בייא מיר, װאס מאַכען מיר יודען אַזוי אַ גרויס עסק, װאס אברהם אבינו איז געװען אַ גרויסר מכניס אורח. װאס געפינען מיר אין דער תורה פון זיין הכנסת אורחים. עס זענען צו איהם געקומען דרייא מלאכים װיא מענשען, האט ער זייא גיגעבען קוכען, מילך אונ׳ פוטער אונ׳ אַ יונגע רינד האט ער געלאָזט צו רעכט מאַכען. דיא גמרא זאָגט (ב״מ פ״ו ב׳) ער האט זייא גיגעבען דרייא צינגען מיט זענף. מען זעהט נערגענץ, אַז אימצר איז צו איהם געקומען אונ׳ זאָל איהם האבען אויפגיװעקט נאך האלבר נאַכט, ער זאָל איהם צונעמען אונ׳ זאָל איהם געבען צו עסען װאס ער פרלאנגט. דער אַרענדאר אבער איז נאָך האַלבער נאכט אויפגישטאַנען אונ׳ מיר האבען געשאַפט װאס מעזאָל קאָכען. אברהם האט נור דרייא פערשוין, װאס זענען צו איהם געקומען צו פוס געגעבען צו עסען, אונ׳ מיר זענען געװען אַ יאַם פערשוינען מיט משרתים, מיט בעלי עגלות אונ׳ פערד אונ׳ אַללע האבען געהאט געגוג צו עסען. אפילו דיא פערד האבען געהאַט זייער װיגאָדע. איי דער ארענדאר װעט קומען דרנאך מיט אַ חשבון אונ׳ װעט זיך הייסען דרפאר צאהלען. נוא, װאס איז, עולם הבא האט דעך קיין שיעור אונ׳ קיין ערך נישט, װעט מען איהם אין אמת פון דעם עולם הבא, פר עטליכי קערבליך, װאס ער װעט בייא אונז נעהמען, אַזויפיל עולם הבא אָבשלאָגען. פון דעסטװעגען װעט נאך אַלץ אַ גוזמא עולם הבא בלייבען, אַלץ נאך אַ גוזמא מעהר, װאס אברהם אבינו איז געקומען פר דיא דרייא אורחים. עס איז אבער דאך אונמעגליך, אַז אַרענדאַר זאָל זיין גרעסיר װיא אברהם אבינו. האב איך מיר דאס נישט אַנדערש געקענט דרקלערען, נור אַזויבאַלד אַז אַ קערביל איז אים שפיעל, הערט אַלצדינג אויף. אַזויבאַלד מען נעמט

געלד, מעג מען טוהן כל המצוות פון דער תורה, זאָגט מען דער כוון איז געלד. אברהם האט נור דרייא מענשען געגעבען צו עסען, ער האט אבער קיינמאל קיין געלד נישט גענעמען, ער איז גרויס געווען. דער ארענדאר נעמט אבער געלד, קען ער טויזענד מענשען געבען צו עסען, האט ער ניט אַפיטצעל עולם הבא, ווארין וואס ער טוהט, איז נור פון געלדס וועגען.

„דאס נעמליכע איז מיט דיא רביס. ווען זייא זאָללען דאבינען אונ׳ גוטס טוהן אונ׳ זאָללען קיין געלד נישט נעמען, העט אין אמתען גוט געווען. אַז איך זעה אבער, זייא נעמען געלד, קען איך נישט אַנדערש זאָגען, אַלצדינג וואס זייא טוהן, איז נור פון געלדס וועגען; איינער טאַנצט אויף אַ שטריק, באַווייזט אַנדערע קונצען אונ׳ שטעלט זיך דאס לעבען איין, כדי מען זאָל איהם געלד געבען, אונ׳ דער טוהט עפיס אַנדערש פון געלדס וועגען...״

ער קומט דערנאָך (אויף זײַט 42) צום אויספיר וועגן דער מחלוקת קעגן רב און זאָגט:

„... דרצו מוז איך אייך זאָגין, דער רב איז אויפגענומען געוואָרען וויא אַללע רבנים. אונזער פריהרידיגער רב האט נאך וועניגער דעות געהאט וויא דער איציגער. איך בין דענצמאָל בייא דער וואהל געווען. וואס דענצמאָל איז געווען, שיקט זיך נישט עפענטליך צו זאָגען. קהל איז איינגעקומען אין קרייזאמט בהסכם ובידיעות הנגידים, דער אַלטער רב זאָל בלייבען. דרנאך האט מען צום נייען געשריבען, ער זאָל נישט קומען. וויא מען האט געוואהר געוואָרען, אז ער פוהרט פאָרט, האט מען איהם אַ שליח אַקעגן געשיקט קיין זאָלאָזיץ, ער זאָל זיך נישט דרוועגען צו קומען. ער האט אויף דעם אַללעם נישט געקוקט אונ׳ איז געקומען. אז איך האב אבער געזעהן ער איז דאָ, — האב איך דעם עולם געזאָגט, מען זאָל זיך נישט איינלאָזען אין מחלוקת. איך בין דענצמאָל געווען רעגירער, בין מיט איהם געגאַנגען צום קרייזהויפטמאַן אונ׳ מען האָט איהם געהאַלטען בכבוד. וויא אַזוי מען האט דעם אַלטן רב דעם פויזנער ע״ה בעטראָגען, מען זאָל איהם פון היא אַוועקנאַרען, האב איך ערשט נישט לאַנג געוואהר געוואָרען; עס איז אַ בושה צו דרצעהלען. אַ טייל מענשען האבען געוויסט דאַפון. פון דעסטוועגען איז קיין מחלוקת געווען. אַ זאַך וואס איז געשעהן, האט מען נישט געוואָלט אומוואַרפען, אַבי קיין מחלוקת צו מאַכען. וואָרען דענצמאָל האבען מיר נישט געהאַט אַזויפיל שענע אונ׳ פרומע יודען אונ׳ נישט אַזויפיל פרעמדע.

„בייא דער איטציגער וואהל האב איך מיט קיין מענשען גערעד, וועמען ער זאָל זיין דעה געבען. אַז איינער האָט מיך אפילו געפרעגט, האב איך איהם געזאָגט, ער זאָל טוהן וויא ער פרשטעהט. פר דער וואהל איז קהל בייא מיר געווען. זייא וויללען דעם רב שרייבען, ער זאָל זיך מעלדען. האב איך עס זייא אבגעראָטען, מען זאָל נישט זאָגען אין שטאָד, זייא האבען איינעם אַראָבגעבראַכט. לאָמיר בעסער וואַרטען, ווער עס וועט זיך מעלדען. געמעלד האָט זיך חוץ דעם רב נאך איינער. וויא דער רב האָט זיך געמעלד,

האט ער געשריבען אַ בריעף צו קהל אונ׳ צו יחידים, חאָטשי ער האט זיך געמעלד, װײל ער נישט מיט תקיפות װערען רב. אַז מען װעט איהם שרייבען, מען װײל איהם נישט, װעט ער צוריקרופֿען זײַן מעלדונג. מען האט איהם נישט געשריבען, דיא װאהל איז געװען. ער האט מעהר דעות געהאט װיא דער אַנדערער. נאך דער װאהל זענען דיא דיינים צו מיר געקומען, זייא װילל׳ען דעם רב שרייבען אַ מזל טוב אונ׳ װילל׳ען איהם װינשעװען. איך האב זייא אבגעראָטען. אַזוינס קען אין שטאָד אַטײל מענשען פֿרדריסען. עטליכע טאג פֿר זײַן אָנקומען, זענען דיא דיינים בייא מיר געװען אונ׳ האבען מיר געזאגט, אַזוי באַלד דער רב װעט קומען, װעלען זייא אודאי בייא איהם זיטצען, חאָטשי אַטײל מענשען שרייען. תּחלת האבען דיא לײט, װאס האבען אויף געלד אַרויסגעקוקט, נור געשריגען — ער איז נאָך נירגענדס רב געװען, ער איז אַסוחר געװען. װיא ער איז געקומען אונ׳ מען האָט געזעהן, ער גיט װייטער קיין געלד נישט, האט מען זיך אנגעהויבען אויסצוטראַכטען טויזענד ליגען. דיא דיינים האבען זיך מישב געװען, אַז דאָ מאַכט זיך יוא אין שטאָד אַ מחלוקת, איז פֿר זייא אודאי בעסער פֿר זיך אַ קהלה צו מאַכען, װעט דער אינטערעס בעסער געהן. זיי האבען צום רב נישט געװואָלט קומען. אונ׳ דרצו האָט מען אין שטאָד חוץ דיא טויזענד ליגען נאך אַ שם געמאַכט, דער רב קען קיין שאלה פסקנין. ער קען נישט לערנען אונ׳ אַ גרויסער בעל עבירה — אונ׳ אַזוי האָט מען דעם געמיינעם עולם דיא אויגען פֿרבלענדעט, אַז זייא מיינען עס איז אַלץ אמת.

„איך זאג אייך דאָ אין שול פֿר דער גאַנצער עדה אָהן עין הרע אויף מיין װאָרט. װער עס קען מיך װייסט, מיין װאָרט איז גענוג. קיין מענש האט נאך פֿון מיר געהערט אַ שבועה. איך קען אונזער רב איבר איין אונ׳ צװאנציג יאָהר אונ׳ איך קען זאָגען בתורת עדות, זינט איך קען אים האב איך פֿון איהם נישט געזעהן, ער זאָלל ח״ו איבערטרעטען אויף דאס מינדעסטע פֿון דברי חז״ל, פֿון עבירות ח״ו איז קיין געדאַנקען נישט. ער איז אַ גרויסער ירא שמים באמת, נישט װיא אַזוינע װאס האלטען אַ שכור אַ עזות פנים װיא אַ ירא שמים, נור װיא פֿרצייטען האט מען געהייסען אַ ירא שמים. באַלד אַ האַלב יאָהר איז דער רב היא; דיא פֿרומע לייט שרייען אַלץ, זייא האבען געהערט אין לעמבערג — האט נאך עמיצער פֿון איהם אַ דבר מגונה געזעהן? אונזרי קריקוניס װאס שרייען, זייא זענען לומדים זייא זענען פֿרום, דאַרף מען נור איין טאג אָנקוקען, זעהט מען זייער למדנות אונ׳ זייער פֿרומקייט...״

װײַטער פֿירט ער אויס:

„...דער רב איז אָבער אַ גרויסער למדן. אַללע היגע לומדים פֿרמאָגען זײַן שיחות חולין נישט. ער דאַרף דרויף אפֿילו מיין הסכמה נישט, װאָרין המנוח הגאון ר׳ יעקלי דער ליסער רב זצ״ל האט איהם נאך פֿר זעקס יאהר געגעבען אַ סמיכה, אַז ער קען זיין רב בכל תּפוצות ישראל אונ׳ קען די הוראה אַז מען מעג זיך אויף איהם פֿרלאָזען. נוא פֿרעג איך אייך, צו זאָללען מיר גלייבען

רבנים, ובפרט דעם ליסער רבֿ זצ"ל, צי דיא היגע קריקונעס, וואס זייא ווילּלען אַ פּראָפּינאַציע מאַכען אויף דעם דיינות?"

פּערל דערציילט דאָ ווייַטער, אַז ער אַליין האָט ראַפּאָפּאָרטן אָפּגע-ראָטען צו פּסקענען שאַלות, כּל זמן ס'וועט זיין אַ מחלוקת, ווייַל ווי אַזוי ער זאָל נישט פּסקענען, וועלן זייַנע געגענער אַרויסגעפינען אַלץ חסרונות, מחמת יעדער דין איז נישט קלאָר און מען קען דרייען ווי מען וויל.

אַ מאָל הערן זיך אין דער דרשה נאָך האַרבערע דיבורים:

„דיא גמרא זאָגט (סנהדרין ק"א א') דיא תּורה קלאַגט זיך פּר דעם עבירשטען, עשאוני בניך ככנור. דיינע קינדער מאַכען מיך צו אַ פּידעל, טייטשט דער עולם אייגענטליך אַ האַרף. דיא גמרא זאגט עס דאָרט, אַז מען זינגט פּסוקים אויס דער תּורה בייא אונטערהאַלטונגען. פון אונזרע שרייערס קען מען זאָגען פּשוט, דיא תּורה קלאגט זיך, מען בעטראַכט מיך וויא אַ פּידעל; אויף דעם פּידעל שפּילט דער כּלי זמר וואס ער וויל, דער פּידעל האט קיין דעה נישט. איינער וויל טאַנצען אַ קאָזאַק, שפּילט איהם דער כּלי-זמר לוסטיק; איינער וויל טאַנצן אַ קאָלאָמייקע — שפּילט איהם דער כּלי זמר אַ קאָלאָמייקע ערנסט. אַזוי בעהאַנדעלט מען דיא תּורה, ז"א האט קיין דעה נישט, אזוי וויא דער פּידעל. נור וואס דער קריקאן וויל, דאס מוז נעביך דיא תּורה אויפשפּיעלען, דער כּלי זמר זאָל געלד פּרדיענען. אַמאָהל מוז זיא לוסטיגס שפּילען, אויס דער גרעסטער עבֿירה זאָל ווערען אַ מצוה, אַ מאָל מוז זיא ווידער טרויריגעס שפּילען, אויס דער גרעסטער מצוה זאָל מען מאַכען איין עבֿירה, אַמאָל מוז כּשרס טריפה ווערען, אַמאָל אויס טריפה כּשר, מען דאַרף פּאַקי אַזוי, אַמאָל איז דער חמץ שלעכט פּרקויפט, באַלד איז ער ווידער גוט פּרקויפט, וועדליג דיא קערבליך וואס מען גיט דרפאַר..."

„הכלל איהר שטעהט איין אין גוטע הענד. איך וויים נישט, ווי איהר קוקט אייך נישט אום, וואס מיט אייך טוהט זיך. אייך דאַכט זיך, אַז איהר זענט קיין לומדים נישט, מעג מען שוין מיט אייך טוהן וואס מען וויל? שכל האט איהר דעך, וויא פּרשטעהט איר נישט, אַז מען האַלט אייך פּר פּראָסטע אָפען?"

דערנאָך רעדט ער וועגן דעם בית-המדרש, ווו ס'איז געווען דער זיץ פון די חרם-מאַכערס און ווו מ'האָט דעם רבֿ (ראַפּאָפּאָרטן) אָנגעטאָן פאַרשיי-דענע בזיונות. דאָס דאָזיקע בית-המדרש איז געוואָרן פאַרמאַכט פון דער מאַכט אויף אַ געוויסער צייט.

„קוקט אייך נאר אום, אויב בייאם בית המדרש איז נישט דאס נעמליכע געוועזן. עס איז געוואָרען אַ מערת פּריצים. דאס ביסל פּרומי יודען האבען מורא געהאט דאס מויל אויפצומאַכען און' דיא הולטייעס האבען נור גישריגען, נור קריגען זיך, שלאָגען הרגנען מוז מען. צום סוף, אַז מען האט פּרמאַכט דאס בית המדרש דורך זייערי מעשים, הייסען זייא דיא ווייבר זאָלען דיא שטערנטיכליך אויסטוהן. פּרצייטען, אַז אין שטאד האט זיך אַזאַ איין אונגליק געטראָפען, האט

מען געזוכט חטאים אין שטאָד. איצט העטען דיא גוזרי תענית אפילו נישט בעדאַרפט געווען אפילו צו זוכען. טאַקע בייא זיך העטען זייא געווען געפונען אלדאס בעז. וואס טויג זיי דאס — בייא זיך לאָז זיך פיהרען וויא פריהר, נור דיא ווייבר לאָזען דיא שטערנטיכלעך אויסטוהן. אַ שטייגר, וויא ר׳ שלמה מיימון דרצעהלט אין זיין לעבענסבעשרייבונג. דער פירשט ראַדזיוויל אין דער ליטא האט אַמאָל שכוררהייד משתין געווען אין דעם קלויסטער. וויא ער האט זיך אויסגעניכטערט, זענען דיא גלחים צו איהם געקומען אונ׳ האבען איהם פיר געשטעלט דעם חטא וואס ער האט געטוהן. ער האט אליין איינגעזעהן, אַז ער האט זעהר בעזדינג געמאַכט. האט ער אַביסעל נאכגעדאכט איבער דעם ענין טעריס — אונ׳ האט אַ בעפעהל געגעבען דיא יודען פון זיין שטאד זאָלען געבען צעהן שטיין וואַקס אויף דעם קלויסטער. אַזוי איז היא געווען. הולטייעס האבען הולטייסקע זאַכען געטריבען אין בית המדרש, — אונ׳ דריבער האט מען דאס בית המדרש פרמאַכט, הייסען דיא הולטייעס דיא שכורים, דיא ווייבר זאָלען דיא שטערנטיכלעך אויסטוהן. מילא דיא יודען פון דעם פירשט ראַדזי-וויל האבען געמוזט וואקס געבען, וואָרין זייא האבען געמוזט זייער פריץ פאָלגען. דיא ווייבר פון די הולטייעס האבען געמוזט דיא שטערנטיכלעך אויס-טוהן, וואָרין זייערע הולטייעס האבען געהייסען. אַנדרי ווייבר אבער, ווייס איך נישט פרוואס זייא האבען דיא שטערנטיכלעך אויסגעטוהן. ענטפער וויל זייא זענען פראָסטע בהמות, אָדער איבר עפיס אַנדערש — מיינען זייא בזה יכופר עונם...״

רעדנדיק וועגן חרם, זאָגט ער (זײַט 49):

„... דיא שענע יודען האבען איינעם אַ גרויסען בעאַמטען געזאָגט, זייא מיינען גאר נישט דעם רבֿ, זייא מיינען נור מיך, וואָרין איך דריק זעהר דיא שטאָד. אונ׳ וויא איך זעה, איז עס טאַקי אמת. איטליכר פון זייא האט זיך זיין טובה אין זין. מילא אַלע אין איינעם האבען דעך נאַטירליך דעם טובֿת הכלל אין זין אונ׳ מיך געהען זייערי טובֿות נישט אן, האב איך דעם טובֿת הכלל נישט אין זין. נור פרשטעה איך נישט פרוואס, אַז איך קום מיך צום הויף מיט אַ שענעם יוד, זאָג איך איהם אונטר פיער אויגען אין וואס זיין טובֿת הכלל בעשטעהט. עפענטליך וויל איך קיינעם נישט מבֿיש זיין. פרוואס זאגט מיר קיינער נישט, אָט מיט דעם דריק איך דיא שטאָד. אַ דעה אויף אַ רבֿ, אויף אַ רעגירר, אַ גבאי וכדומה, זאג איך נור אַזוי וויא איין אנדרר. אונ׳ ווידער פרשטעה איך נישט, וואס דאָ שטעקט פר אַ טובֿת הכלל אין דעם, וואס מען גיט כמעט אַלע טאג איין אנדערן חרם״.

און ווײַטער (זײַט 53):

„... חרמות פון אזוינע גנבֿים הולטייעס קומען מיר פאר אַ שטייגער וויא מען דרצעהלט, עס איז געווען אַ קהלה, וואס האט זייער געהאלטען אויף דיא תקנות וואס זיי האבען געהאט אין איין אלטען פנקס. דרצו אבער זענען זייא געווען גרויסע הולטייעס, גנבֿים אד״ג. אַ רבֿ האבען זייא געהאַט זעהר אַ פרומען

מאַן. ער האָט זייערע מעשים נישט געקענט צו זעהן. ער האָט זייא כּמה פּעמים תוכחה געזאָגט, עס האָט אָבער נישט געהאָלפען. אַמאָל האָט געשיקט צו קהל, ער בעט זייא, מען זאָל מאַכען איין אסיפה. קהל האָט געלאָזט דעם עולם צום הויף רופען צו דער אסיפה; וויא דער עולם איז שוין געווען אין איינעם, האָט קהל געשיקט דעם רבֿ מודיע זיין, אַז דער עולם איז שוין דאָ, ער זאָל מוחל זיין קומען צו דער אסיפה. וויא דער רבֿ איז געקומען, האָט איהם קהל געפרעגט, וואָס ער פערלאַנגט פון דעם עולם. דער רבֿ האָט אויס דעם בוזעם אַרויסגענעמען אַ חומש, אין דעם חומש איז געווען בייא דיא עשרת הדברות פּרקנעטשט. דאס חומש האט דער רבֿ געגעבען קהל אונ׳ האָט זייא געזאָגט: איך בין שוין בייא אייך רבֿ כּמה שנים, זעה איך, אז דיא עשרת הדברות אפילו זענען בייא אייך גאר נישט חשובֿ. דיא תּקנות אבער פון אייער פּנקס היט איר אָב וויא אַ אויג אין קאָפּ, אויף קיין איינציגער תּקנה זענט איהר נישט עובֿר, וויל איך דאָ בייא דער אסיפה פּירשלאָגען, מען זאָל דיא עשרת הדברות איינשרייבען אין פּנקס אריין, וועט איהר זייא האַלטען".

„היא וויא איך זעה, העט מען בעדאַרפט דיא עשרת הדברות אַריין שרייבען אין דיא חרמות אַריין, העטען אפשר דיא שכּורים אויפגעהערט צו גנבֿינין, מחלל שבת זיין, קיין הורין הייזער צו האַלטען, נישט פאַלש צו שווערען, נישט פאַלש עדות זאָגען וכדומה. — נור מיר דאַכט זיך, עס וועט נישט העלפען, וואָרין דיא לייט מאַכען דיא חרמות נור פאַר פרעמדע, זייא אַליין מאַכען פון דיא חרמות חוזק".

רעדנדיק וועגן די לומדים, וואָס באַנוצן זייער תּורה אויף מחלוקת, זאָגט ער (זײַט 57):

„איך האָב אַ למדן זעהר ליעב און לעג אויף איהם כּבֿוד. איך זעה אָבער פריהר, אב ער איז איין עהרליכר מאַן, אב ער האַלט זיך באמת אין דער תּורה. דאס וואָרט תּורה איז טייטש לערנען. דיא תּורה לערנט אונז וואס מען זאָל טוהן און וואס מען זאָל נישט טוהן. דאס מיינט מען, מען לערנט תּורה לשמה, טאַקע פון איהר נאָמענס וועגען, זיא זאָל אונז לערנען. ווער עס לערנט אבער תּורה פון דעסטוועגען, ער זאָל קענען שווינדלען, בעטריגען געלד מאַכען, דער איז קיין שוס פולווער ווערט. אויף אַזוינעם זאגען אונזרע חכמים — הלואי העט ער נישט געבוירען געוואָרען, הלואי העט ער דערשטיקט געוואָרען, אויף איין אָרט זאָגען זייא (תענית ז" א׳) בעסער מען זאָל איהם דעם קאָפּ אָבשניידען.

„עס איז צייט, איהר זאָלט אייך אומקוקען אונ׳ זאָלט בלויס דרך ארץ האָבען פאַר אזוינע לומדים, וואס זענען ריין אין געלד-זאַכען אונ׳ וואס זענען עהרליך און פריינדליך מיט מענשען, זענען רוהיג; אויף אזוינע וואס טוהן אלדאס בעז פון געלדס וועגען, וואס פאַלען מענשען אָן וויא חיות רעות, וואס קוקען נור ארויס, זייא זאָלען אייך מאַכען פאַר זייערי פּאַדאַנעס — איהר אונ׳ אייער געלד זאָל זייער זיין, — אויף דיא קוקט אייך נישט אום. איהר זענט אין



יוסף פערלס מצבֿה אויפֿן טאַרנאָפּאָלער בית-עולם

(געזען פֿון דער זײַט)

נאגעל בייאם עבערשטען חשובֿר, וויא זייא מיט לייב אונ׳ לעבען. עס איז צייט, זייא זאָלען טאַנצען פֿון אייערטוועגען, נישט איהר פֿון זייערטוועגען!"

ער שליסט דערנאָך אויף זײַט 57 דעם דאָזיקן אָפּזאָץ מיט די ווערטער:

„פֿרעגט נור אונזרי היגע שרייערס, וואס לעבען פֿון אייער זויערער פֿראַצע, שווערער וויא פֿרציייטען. זייא איז דאס נישט גענוג, וואס זייא לעבען פֿון אייך, צאהלען קיין נתינות נישט, זייא טראַכטען אַלע המצאות אויס, זייא זאָלען אייך דעם לעצטען גראָשען אויס דער קעשינע אַרויסציהען, דאס דורך משפטים, דורך חמץ פֿרקויפֿען, דיא עטרות פֿון דיא קיטלען, פֿון שוחטים, פֿאַכטערס, שענקערס געלד צו רייסען, — אונ׳ נאך דעם אַלעם זענען זייא דיא גרעסטע שונאים דיא בעלי בתּים, זענען זייא מבֿזה, שעלטען זייא אונ׳ הייסען זייא נאך טאַנצען וויא אַפֿען, זייא זאָלען געלד מאַכען.

„איך זאג אייך נאך אַמאָל, הערט זייא נישט צו. מאַכט אויף דיא אויגען אונ׳ קוקט זייא אָן מיט ריינע העלע אויגען, וועט איהר בלייבען פֿרייע מענשען אונ׳ וועט קיין פֿאַדאַניס זיין פֿון אַזוינע בעטריגערס, וואס קוקען נור טאג אונ׳ נאַכט אַרויס אויף אייך אונ׳ אויף אייער געלד. מאַכען אייך אויס מצוות — עבֿירות אונ׳ אויס עבֿירות — מצוות. לאזט אייך נישט איינרעדען, אַז עס איז אַ מצוה ווען מעקריגט מיט אַ רבֿ, מען זאָל אויפֿשרייבען אויף אַ שול שקץ, אונ׳ אום שבת זאָל מען דיא טרעפּ צום ארון קודש אונ׳ דיא וואַנד אָנשמירען מיט זעגיטש. דאס שטעהט אָן חמילניצקיס אָדער גאָנטעס לייט צו טוהן, נישט אַזוינע וואס זאָגען, זייא זענען יודען".

## XIV

די דאָזיקע דרשה האָט נישט פֿיל געפּועלט. דאָס מחלוקת האָט נישט אויפֿגעהערט און פּערל האָט געהאַט דערפֿון שטאַרק עגמת־נפֿש. ער האָט אַפֿילו געראָטן ראַפּאָפּאָרטן צו זוכן פֿאַר זיך אַן אַנדער רבנות, און ראַפּאָפּאָרט האָט זיך וועגן דעם דורכגעשריבן מיט פֿאַרשיידענע באַקאַנטע פֿון נאָענט און ווײַט — אָבער דאָס האָט זיך אים נישט אַזוי גיך אײַנגעגעבן.

די דעמאָלטיקע יונגע משכּילים, בפֿרט אין בראָד, האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט פֿון דעם מחלוקת אין טאַרנאָפּאָל פֿאַר אַן אָנגריף אויף די פֿינצטערע עלעמענטן. נישט געקוקט דערויף וואָס פּערל און ראַפּאָפּאָרט האָבן זיך געפֿלײַסט נישט צו רייצן דעם עולם, נאָר אײַנצונעמען אים מיט גוטע ווערטער, — האָבן די יונגע משכּילים, די ברידער שור (נפֿתּלי מענדל שור אין לעמבערג און יהושע העשל שור אין בראָדי[1]), געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס צו די דעמאָלטיקע דײַטש־יידישע צײַטונגען („אַנאַלען" אַרויסגעגעבן פֿון ד"ר יאָסט, „אָריענט"

[1] וועגן דער דאָזיקער פּערזענלעכקייט האָב איך געשריבן אַן אַרטיקל אין „מאָרגען" (לעמבערג 1927): „דער גרויסער אפּיקורס". אויף זײַן מצבֿה האָט ער געהייסן זיך אויפשרײַבן אַז די עטלעכע שורות: „פּ"נ יהושע בן שכנא שור, בעל „החלוץ". מיום עמדי על דעתי עד דרתי גור, מלחמה לי עם מורדי אור, אחלי — יהי זכרי לדור דור!" נפטר י"ב אלול תרנ"ד.

אַרויסגעגעבן פֿון ד״ר פּירסט און „אַלגעמײנע צײַטונג דעס יודענטומס״ פֿון ד״ר פֿיליפּזאָן), ווו זיי זײַנען אָנגעפֿאַלן אויף די חרם-מאַכערס, מאַלנדיק דאָס מחלוקת מיט די שוואַרצסטע פֿאַרבן.

ראַפּאָפּאָרטן איז נישט זייער ניחא געווען, מען זאָל אין דער וועלט אויספּויקן די פּרטים וועגן מחלוקת, בפרט האָט ער נישט געוואָלט רייצן דעם לעמבערגער רב, וועלכער האָט זיך דאָס מאָל כּלומרשט נישט געמישט אין טאַרנאָפּאָלער מחלוקת. ער האָט זיך אין אַ בריוו צו זײַן איידעם צבֿי באָדעק וועגן דעם ענין אַרויסגעזאָגט און זיך שטאַרק אָנגעבייזערט אויף אים און אויף זײַנע פֿרײַנד וועגן די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענצן, וואָס ברענגען אים נאָר שאָדן.

דעם דאָזיקן בריוו האָט מיר איבערגעגעבן ה׳ ד״ר שכנא שור אין לעמבערג, אַן אייניקל פֿון נפֿתּלי מענדל שור, און מחמת דער דאָזיקער זייער כאַראַקטעריסטישער בריוו איז אין ערגעץ נישט פֿאַרעפֿנטלעכט, וויל איך אים דאָ אָפּדרוקן.

ב״ה יום ועש״ק כ׳ תמוז התקצת.

חתני ידידי!

לא מעט יגון נמלאתי בקראי מכתבך האחרון. אבגעזעהען דאַפֿאָן, דאס דוא זאָלכע גראָבע פֿערגעהען אין שוץ צו נעהמען זוכסט, האסט דוא, מיין ליעבער זאָהן, מיין פֿייערליכעס פֿערלאַנגען — וויא עס שיינט — ניכט ערפֿיללט. יא איך האבע דיך אויסדריקליך בעשוואָהרען דען ה׳ געברידער שור מיין שרייבען צו צייגען, אין דער האָפֿנונג פֿיללייכט ווירד דאָך דער יינגערע מיט מיר מיטלייד האבען אונד מיר ניכט אונטער דעם דעקמאנטעל דער פֿערעהרונג זאָפֿיעל בעזעס צופֿיגען. דוא אבער שפריכסט פֿאָן דער ווירקונג מיינעס בריעפֿעס אויף איהן גאר ניכט, וועיל ער איהן ניכט פֿאָר אויגען בעקאָממען אונד וואָלטעסט בלאָס איינע העכסט שעדליכע אונד אונגערעכטע האנדלונג מיט דער דער יונגערען גענעראַציאָן געוועהנליכען ענטשולדיגונג, נעהמליך דער פֿערשיעדענהייט דער אנזיכטען פֿערטיידיגען. עס איזט אלזאָ וואהר וואס מאן מיר פֿריהער בעטייערטע, דאס דוא אן אלל דעם בעזען טרייבען טהייל האטטעסט אונד פֿיללייכט נאָך האבעסט. וועהע מוס איך דאריבער רופֿען, וועהע, דאס דוא איין גליעד מיינעס פֿאמיליען-קערפּערס, זאָ דען אייגענען קערפּער פֿערלעצען קאָנטעסט. איברהויפּט איז עס דער יעציגען יוגענד אייגן, בלאָס דורך פֿערלעצונג אונד פֿערשטימעלונג דער אייגענען פּארטייע אפֿעקט מאכען צו וואָללען אונד מאנכע גלויבען אויף דיזער ארט דאס איזראַעליטישע פֿאָלק אויס דער לעטאַרגיע צו וועקען. ליידר זינד דיזע אפֿער לויטער פֿרקעהרטע מיטטעל. יעדער רוהיגע אין איזראעל ציהט זיך מיט פֿערצווייפֿלונג אימער מעהר צוריק אונד בעדויערט העכסטענס דיא צעררסענהייט דעס אונגליקליכען פֿאָלקעס. גאַנץ נאך אדט דער נביאי השקר געהט עס דיזען יונגען צעלאָטען דער

אויפקלערונג. זיא זעהען דאס ליכט צוריק ווייכען עס ווירד אימער דונקלער אונד מאכען דאריבער איין צעטטערגעשרייא, פרבלוטען דען אייגענען קערפער אונד עס היילפט ניכט, נימאנד אנטווארטעט. אונד דיזעס בלאס אויס זעהר שלעכטער וואהל דער מיטטעל. קראו בקול גדול אולי ישן הוא ויקץ ויתגודדו כמשפטם בחרבות וברמחים עד שפוך דם עליהם ויהי כעבור הצהרים ויתנבאו עד עלות המנחה ואין קול ואין עונה ואין קשב (מ״א י״ח). וואס פרשטעהט מאן אונטער פערשיעדענהייט דער אנזיכטען? איהר אין אייער אונערפארענהייט אין אייער פעליגען אונקענטניס דעס יודישען אדער בעסער יודישפאלנישען פאלקסקאראקטערס, וואלטעט דען ערפארענען אונד עלטערען בעאבאכטערן אין מיינונג אונד עפענטליכער האנדלונג טראץ ביעטען אונד אויף קאסטען איהרער עהרע אונד איהרער רוהע זיא צום געגענשטאנדע אייערער עפענטליכען אונטערהאלטונג מאכען. ניכט איך אליין וואר דער מיינונג אן דעם לעמבערגער ראבינער צו שרייבען, זאנדערן ווייט מעהר נאך וואר עס דער האכגעעהרטער אונד האכפערעהרטער אין קאמפף גרויא געווארדענע ה׳ פערל אונד אלע פערשטענדיגע גוט געזיננטע היר ווארען עס די מיך דאצו אנשפארנטען. איר האבט מיך יא אויך ארדענטליך דאצו אנגעטריבען, איהר מאכטעט איהן צו איינעם הערעס. איין [מענש] דער מיך דורך דאס גאנצע לעבען פערפאלגט, ערשיינט ער אם ענדע אלס נרדף אונד צוואר אלס גאנץ אונשולדיג בעליידיגטער פאן מיינר פארטיי. וואס האבט איהר געשריבען. בעטראכט עס נאך איינמאל. ער האט 16 בריפע אונערעפנעט געלאסען. איינע זעהר עדלע טהאט פאן איינעם געגנער. דאס ווירד יעדער לעזער געשטעהען מיסען. איהר גיבט צור אורזאכע פורכט אן. דאס ווירד אייך נימאנד גלויבען. עס איזט לעכערליך צו זאגען, דאס מאן פירכטעט בריפע פאן דער פאסט אבצונעמען אדער זיא צו בעאנטווארטען, דאס מאן אלעס זאגט אונד דאך צום שיין זיך ניכט איינמענגט. איהר זאגט וויטער, דאס זיין קאראקטער זאנסט ניכט פאן דער בעסטען זייטע בעקאנט איזט אדער וואס שלימערעס (איך עראינערע מיך ניכט מעהר דיא אויסדריקע) דיזעס ווירד איין יעדער פערשטענדיגע לעזער [אננעהמען] פיר וואס עס איזט, בלאסע בעשימפפונג איינעס פארטייאישען קארעספאנדענטען, אהנע מאטיווירונג, אהנע דען מינדעסטען גרונד אנצוגעבען, אונד דאך צו שמעהען. וויא נענט מאן דאס אין דער וועלט? וואס אבער האט מאן פאן דיזער נאכריכט איברהויפט ענטנאמען. דאס דער לעמבערגער ראבינער, איין קאנסערוואטיוו צוואר, יעדאך מעהר פארזיכטיג אונד גראסמיטיג זאגאר וואו עס צו אייגר וויכטיגען פראגע קאמט. אונזר פארטייא אבער זינד עזי פנים מרהיבים בזקן א. ז. וו. אונד איך בין איינמאל נאלענס וואלענס אין דיזער פארטיי מיטפערוויקעלט. וואס קאנטע איך נון טוהן?

זעלבסט דיא יעניגען פריינדע דיא איך נאך אים לאנדע האבע, פאנגען אן צו מוררען אונד מיר אָדער דער פּרטיי, דיס איזט אללעס איינס, אונרעכט צו געבען — וואס טרייבט איהר נון וייטער? איהר מאכט עפענטליך בעקאנט אללע היזיגע נעקערייען. וואס מאן היר בייא נאכט אונד אין טיפער פינסטערניס אויסבריטעט דאס פערדערט איהר אן טאג. וואס היר נור געגען מיך בעזעס אויסגעאיבט וירד, [...] איהר אין דער וועלט אויס. דער לעמבערגער רב איזט אן דער זאכע ניכט מעהר שולד, איהר האבט עס זעלבסט איינגעשטאנדען, אלזאָ איין גראָסער טהייל דער שטאדט איזט מיר אבהאָלד, אונד דאמיט וואָלטעט איהר די געזינונגען דער יידישען וועלט פערבעסערן אָדער מיר נוצען פערשאפען. עס בלוטעט מיר דאס הערץ דיר זאגען צו מיסען, וועלכען פירכטערליכען שאדען איהר מיר שאָן ביז יעצט צוגעפיגט האטטעט. איינע גראָסע עהרענהאפטע ראבינר שטעללע געהט מיר יעצט בלאָס דורך די פאטאלע ידצ׳ פערלאָרען. דיזעס בלאט שיינט נור צו מיינעם אונגליקע געבאָהרען וואָרדען צו זיין. איהר גלויבט גאר עס איז איין אָרגאן פאָר וועלכעם מאנכער גראָסע אָרטאָדאָקס זיך פירכטען וירד. אָ לעכערלכעס צייג! איין בלאטט וועלכעס שאָן זאָ אלבערנעס צייג אויפגענאָמען וויא דיא רועים הרעים ערהאבען וואָ נעבען ה׳ פערל היר מענשען שטעהען, דיא עס זעלבסט ניכט ווינשען יענען פלאטץ צו האבען וויא ה׳ בלאָך דער זיך זעלבסט דאריבער בעליידיגט געפונדען, צום פרעמיסלער רב קרעאירט וירד א. ד. ג. שמירערייען וירד צום שרעקבילד ווערדען פאן איינעם מאננע דער זיינען רוף איינמאהל בעגרינדעט האט? עס איזט אבער דאָך פיר איהן בעפרידיגונג גענוג ווען ער פאָן זאָ עפפענטליכען קלאטשער וויא יענע יודענצייטונג בעשימפפט וירד. נון איזט ער צום בעליידיגטען געוואָרדען, וואס איהם ניע געטריימט האט. ער פרייעט זיך יעצט דאריבער געוויס איננערליך אונד וירד נון אלס בערעכטיגט ערשיינען ווען ער עס וויל עפענטליך געגען אונז אויפצוטרעטען. עס פעהלט איהם די רעכטע האנד, דער גוטע זאָהן, אבר איהר הינדערט איהן ניכט דאראן, זאָנדערן איהר טרייבט איהן נאָך דאצו. איינע אנדערע געמיינדע אין דער פערנע וואגט מיר עס צו שרייבען איך זאָל נור באלד הינקאָמען, דא איך פערמעג יודענצייטונג אין טאַרנאָפּאָל זאָ אלגעמיין פרקנט ווערדע. זיא דריקען מיר דען זיגעל דער געמיינדע אויף אונד דיא רעפרעזענטאנטען דער געמיינדע, פאָרטרעפליכע מעננער, בעשווערען מיך הינצוקאָמען. וואס ווערדע איך אבער אין איינער קליינען געמיינדע מאכען? איך ווערדע שווערליך מיינע לעבענסבעדירפניסע הערויסברינגען קעננען. אין איינער גראָסען שטאדט אבער, זאגט מאן אויסדריקליך מן הסתם קריגט איינע שטאדט ניכט אומזאָנסט, אונד דער אונד יענער דער דאָך זאָנסט עדעל געהאנדעלט, איזט אויך

ניכט משוגע א. ז. וו. אללעס דיעס האבע איך אייך מיינע ליבען אונ-
געגנאנטע אויפגעקלערטע צו דאנקען. איך פֿרגע נאָכמאלס וואס האבע
איך פערבראָכען מיט וואס האבע איך מיך פערזינדיגט דאס מאן מיך
זאָ הערומטרעגט דאס מאן ערצעהלט וויא דיא מוהלים וויא דיא חסידים
מיך שאמלאָז בעליידיגטען? ווארום מאכט מאן מיינען הויפטבעליי-
דיגער צו איינעם עדלען אונשולדיגען בעליידיגטען א. ד. ג. מעהרערעס?
וויא דוא זעלבסט מיין פאָריגעס שרייבען אויפמערקזאם געלעזען,
ערזעהע איך אויס איינער איינציגען פראזע, דיא דוא אויס דערזעלבען
ערוועהנסט. איך האבע דיא מקנאי הדת אוהבי כבוד עצמם גענאנט,
אונד דוא זאגסט איך האבע דיא בראָדער עגאָאיסטען געהייסען. אלזאָ
צווייא פעהלער אין איין איינציגען אויסדרוק. איך האבע קיינעסוועגס
דיא בראָדער איבערהויפט, זאָנדערן בלאָס דיא הויפטצעלאָטען דער
אָרטאָדאָקסיע אונד קיינעסוועגס פאָן אייגענליעבע זאָנדערן פאָן עהרזוכט
געשפראָכען. מהרת בני מהרת פחזת כמים וכן קראת בלי ספק כל
המכתב, דא דוא עס ניכט לעזען אונד ניכט פאָרצייגען ווילסט, וויל דוא,
דיך זעלבסט אָדער דיא פארטייא ניכט בעשעהמען ווילסט, זאָ שיקע עס
מיר דאָך צוריק, איך ווערדע מיטטעל טרעפֿען זאָלכעס אין געהעריגעם
אָרטע איינצושיקען.

איך גריסע דיך הערצליך, טהייערע טאָכטער טויבע לעב. טראכטע
דאס אויך דיין וו׳ גאטטע אונד דיא פריינדע מיך ניכט זאָ בעשטענדיג
מיט לאָברעדען איבערהייפען, ביז איך פאָר שאאם צור ערדע זינקע.
עס איזט איינמאהל צייט מיך אונד טארנאָפאָל רוהען צו לאסען. אונד
זאָאָפט איך הערע דאס איבער מיך איינע נאכריכט אין דער יודענ-
צייטונג דא איזט, זאָ איזט עס פיר מיך איין דאָנערשלאג. איך בלוטע
נאָך אן דען וואונדען דיא זיא מיר ביז יעצט שאָן געשלאגען. דיא
לייטע שיינען זיך אויף מיינער עהרע אונד מיינעם גליקע פערשוואָרען
צו האבען.

דאָס לעצטע יאָר פֿון זײַן לעבן, בפֿרט זומער 1839, האָט זיך פערל גאָר
שלעכט געפֿילט. ער איז אָפּגעזעסן אין לעמבערג עטלעכע חדשים בײַ זײַן
לאַנגיאָריקן פֿרײַנד דעם באַרימטן דאָקטאָר יעקבֿקע ראַפּאָפּאָרט, וועלכער האָט
אָנגעווענדט אַלע כּוחות צו פֿאַרלײַכטערן די יסורים פֿון זײַן ליבן פּאַציענט.
אָבער דאָס פֿלעגט אים גערעטן אויף אַ ווײַלע, וואָרעם פערלס קראַנקייט האָט
זיך שוין געפֿונען אין אַזאַ סטאַדיע, אַז קיין רפֿואה איז שוין נישט מעגלעך
געווען.

פערל האָט אין זײַן צוואה פֿאַרטיילט זײַן פֿאַרמעגן צווישן זײַן זון מיכל
און דער שול, וואָס ער האָט געגרינדעט. ער האָט באַשטימט אַ פֿאָנד פֿון
6000 גולדען, וואָס אויף זײַן הכנסה זאָל מען לאָזן אויסבילדן יידישע
בעלי-מלאָכות, — אויך האָט ער געלאָזן פֿאַר דער שול זײַן גרויסע רײַכע

ביבליאָטעק, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט איבער 8000 נומערן, דערין אַ סך זעלטענע זאַכן. ער איז געשטאָרבן שמחת־תורה פֿונעם יאָר ת״ר (1839).

אסרו־חג איז פֿאָרגעקומען די קבֿורה, און ר׳ שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט זײַן נאָענטער און געטרײַער פֿרײַנד, האָט געהאַלטן אַ וואַרעמען הספד.[1]

פּערלס קבֿר אויפֿן אַלטן טאַרנאָפּאָלער בית־עולם געפֿינט זיך אין איין ריי מיט די קבֿרים פֿון זײַנע גרויסע פֿרײַנד מענדל לעפֿין און נחמן קראָכמאַל.

אויף דער מצבֿה פּערלס איז אויסגעקריצט דער ווײַטערדיקער נוסח. גאַנץ פֿאָרנט אויפֿן קאָפּ פֿון דער מצבֿה, וועלכע איז געטיילט אין 2 חלקים, שטייט:

1839.

פה נטמן מהר״ר יוסף במוהר״ר טודרוס פערל.
נולד ביום כ״א מרחשון תקל״ד ונפטר ביום שמחת תורה ונקבר למחרתו שנת צדק״תו עומדת לעד. מקושט בשני ציוני הכבוד מאת שני המלכים האדירים. מיסד ובונה היכל גדול לתורה לתפלה ולחנוך הבנים פ״ק, ויהי לו לראש ומנהיג עד יום מותו
ת נ צ ״ ב ה.

אונטער דעם אַנדערן טייל פֿון דער מצבֿה פֿאָרנט:

קטן הציון מהכיל מהלליהו
מעשיו הן המה זכרונהו.
לכו חזו מפעלותיו
בית תפלה וטירותיו
שמה מגודלים בנים
לתורה ולתעודה אמונים
פעלו בקרבם הוא חייהו
יגידו כי יוסף חי עודנו — חי הנהו.

אויף דער אַנדער זײַט שטייט אַזוי:

ה״ה הרב החכם הגדול בתורה
ובמדעים ירא שמים צדיק וישר שר וגדול
בישראל דורש טוב לעמו מגינם בחצרות מלכים
ושרים מזיל מכספו וכחו להרבות חכמים
ואומנים אשר כמוהו לא היה עוד בישראל.

איינער פֿון די שטאַרקסטע געשטאַלטן וואָס דאָס גאַליציש ייִדנטום האָט בכלל אַרויסגעבראַכט איז געווען יוסף פּערל, וואָס האָט זײַן לעבן און זײַן פֿאַרמעגן, זײַן ענערגיע און זײַן צײַט אַוועקגעגעבן פֿאַר זײַן גרויסן אידעאַל — השכלה.

---

[1] זע „כרם חמד״ ב׳ V, נומ׳ 15.

# יוסף פערלס ייִדישע כתבֿים

## ליטעראַרישער און שפּראַכיקער אַנאַליז

פֿון ז. קלמנאָוויטש, ווילנע

די דאָזיקע אַרבעט איז צו שטאַנד געקומען
דער עיקר אַ דאַנק דער אויפֿמונטערונג
פֿון ברוך כהן-ווירגילי ז"ל.

### I

די ערשטע אויסגאַבע פֿון העברעיִשן „מגלה טמירין" איז אַרויס אין יאָר 1819 אין ווין און איז אַ קליין קוואַרטאַ-בענדל פֿון 55 בלעטער. פֿון אויסוויייניק מאַכט עס דעם אײַנדרוק פֿון אַ רבנישן אָדער חסידישן ספֿרל, מער ניט וואָס עס איז געדרוקט מיט אותיות מרובעות און ניט מיט רשי-כתבֿ, ווי געוויינטלעך דער טיפּ ספֿרים. י. פּערל האָט קענטיק אויסגעקליבן אָט די פֿאָרם מיט דעם מיין, אַז פּשוטע ייִדן בעלי-בתים אָדער אַפֿילו חסידים, ווען צו זיי אין האַנט וועט אַרײַנפֿאַלן דאָס ספֿרל, זאָלן מיינען, אַז דאָס איז אַ ספֿר פֿון דעם מין, וואָס זיי זײַנען געוויינט אַרײַנצוקוקן אין זיי, און ניט חלילה קיין טריף-פּסול. און ווערליג עס גייט די טראַדיציע, זײַנען טאַקע אַ סך לייענער געכאַפּט געוואָרן אויף דער ווענטקע. און האָבן גענומען לייענען דעם „מגלה טמירין" ווי אַ הייליקן ספֿר, און ערשט שפּעטער האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז מען האָט זיי אַרײַנגענאַרט. און אין דער אמתן, ווי האָט אַ פּשוטן ייִדן וואָס האָט אויפֿגעעפֿנט דעם ספֿר און איבערגעלייענט די שער-בלעטער און אַפֿילו די הקדמה, געקענט גאָר אַרויפֿגיין אויפֿן זינען, אַז ער האָט פֿאַר זיך אַ ביטערע סאַטירע וואָס קומט אָפּצושפּעטן פֿון דער „אמונת חכמים" און פֿירצושטעלן זי ווי אַ מקור פֿון אַל דאָס בייז? דאָס שער-בלאַט לייענט זיך אַזוי: „ספֿר מגלה טמירין כשמו כן הוא כי מגלה דבֿרים אשר היו עד עתה טמירין ונעלמים מעין כל חי" אאַז"ו. און אויב דער לייענער האָט נאָך געקאָנט האָבן אַ ספֿק אין דער כשרקייט פֿון ספֿר, ווײַל אויפֿן זעלביקן שער-בלאַט איז געווען אויסגעשטעלט „בלשון דײַטשעריש" דער דרוקאָרט ווין, איז ווען ער האָט איבערגעמישט דאָס בלאַט (אָדער עס איז גאָר אַרײַנגעקומען אין האַנט אַ ספֿרל אָן דעם ערשטן שער-בלאַט) און געפֿונען אויפֿן צווייטן שער-בלאַט אויסגערעכנט

אַלע גדולים פֿון דער חסידישער וועלט, האָבן אַלע חשדים געמוזט בײַ אים אָפּפֿאַלן.[1]

די הקדמה צו „מגלה טמירין" איז אין פֿלוג נאָך מער עלול צו פֿאַרשטאַרקן דעם אײַנדרוק, אַז מען האָט פֿאַר זיך אַן עכטן חסידישן ספֿר. זי הייבט זיך אָן אַזוי: ישתּבח שם רבינו אין לנו בין נביאים איש לו ידמה עשיותיו זמן רב נודעו לנו... (געלויבט זאָל זײַן דער נאָמען פֿון אונדזער רבין, מיר האָבן ניט צווישן נביאים אַ מאַן גלײַך צו אים, זײַנע טועכצן זײַנען אַ צײַט לאַנג אונדז באַוווּסט...), וואָס די אָנהייב־אותיות פֿון די ווערטער מאַכן דעם נאָמען פֿון דעם בעשט: ישראל בן אליעזר. אין די הערות אונטער דעם שטריך ווערט דאָס געזאָגטע באַקרעפֿטיקט דורך ציטאַטעס פֿון די חסידישע הייליקע ספֿרים, דעם „שבחי הבעש"ט" און דעם „תּולדות יעקבֿ יוסף"; אויך אין דעם טעקסט ווײַטער פֿאַררופֿט זיך דער מחבר כּסדר אויף די הויפּטשריפֿטן פֿון חסידות, ווי שבֿחי הבעש"ט, ליקוטי יקרים, נועם אלימלך, סיפּורי מעשׂיות, ספֿר המידות א"אַ.[2] צו שאַרף האָט געמוזט זײַן דער קריטישער חוש פֿון דעם לייענער, אַז ער זאָל באַלד בײַם לייענען די הקדמה דערפֿילן די אמת בײַסיקע סאַטירע; זי איז גוט פֿאַרשטעלט דורך דער קונציקער אימיטירונג פֿון דער שפּראַך און פֿון דעם נוסח.[3]

---

[1] וועגן דעם, ווי אַזוי דער חסידישער עולם האָט אויפֿגענומען דעם „מגלה טמירין", דערציילט אַ קליינע סאַטירישע שריפֿט „דבֿרי צדיקים", געדרוקט צו ערשט אין ווין 1834, דערנאָך אין אָדעס 1867 ווי אַ הוספֿה צו י. ב. לעווינזאָנס אַנטי־חסידישער סאַטירע „עמק רפֿאים" און איבערגעדרוקט אויך צוזאַמען מיטן „מגלה טמירין" אין לעמבערג 1879. — מען האָט די שריפֿט „דבֿרי צדיקים" געהאַלטן פֿאַר ריבלס ווערק. איצט באַווײַזט י. ווײַנלעז (אין זײַן ביאָגראַפֿישן אַרײַנפֿיר צו פּערלס כּתבֿים, ז' XVII א"וו), אַז די ערשטע דרײַ בריוו שטאַמען פֿון פּערלען אַליין. פּערל האָט די טעמע באַהאַנדלט אויך אין זײַן ביכל „בוחן צדיק", פּראָג 1838.

[2] צו די ציטאַטעס פֿון די ספֿרים ווערט אין העבֿרעישן טעקסט אָפּגעשיקט דורך אותיות. אויך אין ייִדישן כּתבֿ־יד זײַנען אין די געהעריקע ערטער אַרײַנגעשטעלט אותיות אין קלאַמערן, אָבער קיין איבערזעצונג פֿון די הערות איז ניטאָ. בדרך כּלל שטימען די אותיות אין דעם ייִדישן טעקסט מיט די אותיות אין העבֿרעישן, מערניט אַ פּאָר מאָל פֿעלט אַן אות אין ייִדישן כּ"י (ד' אין בריוו מו, ד' אין בריוו סב), און עטלעכע מאָל איז אין ייִדישן טעקסט פֿאַראַן אַן אות, ווו אין העבֿרעישן איז קיין הערה ניטאָ (א' אין בריוו כ', ז' 37, ה' אין בריוו נז, ז' 89, א' אין בריוו פּ"ה, ז' 131). פֿאַר דעם אָריגינאַל האָבן די הערות אַן עיקרדיקן באַטײַט, ווײַל חוץ דעם וואָס זיי זײַנען געווען אַ סגולה צו „פּשרן" דעם כּפֿר פֿאַרן פֿרומען לייענער, האָבן זיי באַדאַרפֿט באַווײַזן, אַז דאָס וואָס דער מחבר זאָגט וועגן דער חסידישער שיטה האָט ער ניט אויסגעקלערט, נאָר גענומען טאַקע פֿון זייערע אייגענע ספֿרים. פֿאַר די ציועקן פֿון דער ייִדישער אויסגאַבע זײַנען די הערות איבעריק, דעריבער האָבן די אַרויסגעבער זיי ניט אַרײַנגעגעבן. — עס איז כּדאַי נאָך מוסיף צו זײַן, לויט דובנאָוון (תּולדות החסידות, ז' 397), אַז די הערות אין מג"ט זײַנען אַ וויכטיקער הילפֿסמיטל פֿאַר דער טעקסטקריטיק פֿון דער חסידישער ליטעראַטור, ווײַל פּערל האָט פֿאַר זיך געהאַט די ערשטע דרוקן פֿון די חסידישע ספֿרים וואָס זײַנען איצט יקרי המציאות (אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס זײַנען געוויסע ערטער, וואָס פּערל ברענגט, אויסגעלאָזט, מעגלעך טאַקע אונטער דער השפּעה פֿון דער סאַטירע אין מג"ט).

[3] אין דער אויבן דערמאָנטער שריפֿט „דבֿרי צדיקים" טוט טאַקע איינער פֿון די בעלי־

דער מחבר וואָס חתמעט זיך עובֿדיה בן פּתחיה גיט זיך אַרויס פֿאַר אַ הייסן חסיד („המתגורר בין כל הצדיקים וגדולי הדור״ — שרײַבט ער וועגן זיך אויפֿן שער־בלאַט). ער האָט געזען, אַז חסידות פֿאַרשפּרייט זיך אַלץ מער אין דער וועלט און עס באַווײַזן זיך כסדר אַלץ נײַע ספֿרים צו לערנען דעם עולם דעם נײַעם דרך אין עבֿודת השם, דאָך געפֿינט ער אײַן, אַז עס זײַנען פֿאַרבליבן גאָר אַ סך פֿאַרבאָרגענע זאַכן, וואָס מוזן אַנטפּלעקט ווערן. השם יתברך האָט אים געשאָנקען די זכיה צו זײַן בײַ אַלע צדיקים און גדולי הדור, און זיי האָבן אים שטאַרק מקרבֿ געווען. דאָס איז אַוודאי ניט אומזיסט, ווײַל קיין געלט האָט ער זיי ניט געגעבן, דעריבער איז געוויס געווען אַ באַזונדער מיין דערבײַ, אַז דורך אים זאָל ווערן פֿאַרשטאַרקט די „אמונת־חכמים״. און טאַקע איין מאָל איז צו אים בדרך נס אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט אַ כּתבֿ — דעם כּתבֿ האָט דער בעשט בכבֿודו ובעצמו געהאַט פֿאַר אים אָנגעגרייט אויף אַ באַשטימטן אָרט — וואָס גיט אים דעם כּוח צו זײַן אַ רואה ואינו נראה. אַזוי קומט ער אַרײַן ניט געזעענערהייט אין די הויפֿן פֿון די „גוטע ייִדן״, זעט אַלצדינג וואָס זיי טוען, ווערט געוווירר אַלע זייערע סודות. אויף דעם שטייגער האָט אים אָפּגעגליקט איבערצושרײַבן אַ גאַנץ פּעקל בריוו פֿון פֿאַרשיידענע מענטשן, מקורבֿים פֿון גוטע ייִדן — און אָט די דאָזיקע בריוו דרוקט ער אין דעם ספֿר, „כּדי צו אַנטפּלעקן פֿאַר דער וועלט פֿאַרבאָרגענע זאַכן וואָס האָבן אַ גרויס וויכטיקייט פֿאַר דער וועלט״ (דבֿרים העומדים ברומו של עולם). ער שווערט זיך, אַז ער האָט קיין זאַך ניט איבערגעמאַכט אין די דאָזיקע בריוו און האָט חס־ושלום קיין זאַך ניט אויסגעטראַכט, און „הגם מיר ווייסן פֿון רבנו נחמנען דעם בעשטס אייניקל, אַז שקר איז נאָר מיטן מויל, אָבער ניט בכּתבֿ״, האָט ער אָבער דערמיט געמיינט געוויס נאָר צדיקים און גדולי־הדור. ער, דער מחבר, האַלט נאָך ניט אויף דער מדרגה, דעריבער איז ער שטאַרק אָפּגעהיט ניט צו זאָגן קיין ליגן.

די דאָזיקע זאַצן זײַנען פֿאַרן מבֿין גענוג צווייַדײַטיק, אָבער דער וואָס גייט צו צום ספֿר ניט צוגעגרייטערהייט קאָן באמת זיך ניט אָנשטויסן, אַז מען וויל אים דאָ אָפּטון אַ שפּיצל, און עס ווערט בײַ אים רעכט אויפֿצונעמען דעם ספֿר ווי אַ חיבור פֿון אַן אמתן חסיד. [4]

---

הוויכּוח, וואָס האַלט, אַז דער „מגילה טמירין״ איז אַ הייליקער ספֿר, זיך פֿאַררופֿן אויף די ראשי־תיבות אין אָנהייב פֿון דער הקדמה. זע אויך די ציטירטע אַרבעט פֿון י. ווײַנלעז, ז׳ XVII א״ה.

אין י. אָפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער״ (ווילנע 1928, פֿאַרלאַג ב. קלעצקין), ז׳ 184 זאָגט דער יונגער חסיד שמואל בלשון גוזמא: „געדענקסט, מיר בײדע האָבן געלערנט דעם „מגלה טמירין״, געפֿינסט אים אין יעדן „שטיבל״ און יעדער חסיד ווייס, אַז דאָס איז אַן אַלט, הייליק ספֿר״...— אויף דעם אָרט האָט מיר אָנגעוויזן נ. מײַזיל.

[4] אין דעם דערמאָנטן ספֿרל „בוחן צדיק״ ברענגט פּ״רל עטלעכע אָפּשאַצונגען פֿון לייענער וועגן דעם „מגלה טמירין״ אין דער פֿאָרם פֿון וויכּוחים. טייל לייענער האַלטן אים פֿאַר אַ הייליקן ספֿר, טייל ווידער דערקענען זײַן אמתן מהות און פֿאַרמשפּטן אים ווי שאַרף אַפּיקורס׳ש. ש. ל ר״ש פּאָפּאָרט שרײַבט אין זײַן נאָטיץ וועגן „בוחן צדיק״ אין „כּרם חמד״ ד׳ (1839), ז׳ 45—57, אַז

די דאָזיקע בכּיוונדיקע צוויידײַטיקייט בלײַבט אויסגעהאַלטן כּמעט אין גאַנצן ספר, און בלויז אין אייניקע בריוו, ווו עס ווערן געבראַכט די רייד פון לומדים, ווערט אָפן גערעדט קעגן די צדיקים און קעגן דעם חסידישן גאַנג בכלל (די בריוו סח, סט, עו, עז). צו דער דאָזיקער פאַרשטעלעניש האָט אַ סך מיטגעהאָלפן די עצם העברעיִשע שפּראַך[5] פון „מגלה טמירין", וואָס איז פאַר זיך געוואָרן בײַם מחבר אַ מעכטיק געצײַג פון זײַן סאַטירע. דער ענין שפּראַך איז פאַר אים אַזוי וויכטיק, אַז ער גיט אים אָפּ אַ באַזונדער אָרט אין זײַן הקדמה. אויך מכּוח דעם שרײַבט ער אין דעם זעלביקן צוויידײַטיקן נוסח, אַזוי אַז פאַר אַ ייִדן וואָס לייענט די הקדמה לפּי תּומו איז שווער צו פּסקענען, צי מיינט דאָס דער מחבר ערנצט, צי ער טרײַבט ליצנות. בלויז פאַרן משׂכּיל איז געווען קלאָר, אַז דער מחבר האָט געוואָלט ווײַזן, וואָס פאַר אַ עמי-הארצים חסידים זײַנען, ווי ווײַט זיי קענען ניט קיין לשון-קודש און ווי אַזוי זיי קאַליעטשען די שפּראַך, וואָס איר ריינקייט („טהרת השׂפה") איז פאַרן משׂכּיל דעם בעל-מליצה געווען די העכסטע מצווה. אָט די זינד קעגן דיקדוק אַליין זײַנען שוין געווען גענוג צו פאַרמיאוסן חסידות אין די אויגן פון אַ ייִד אַ משׂכּיל. „איך האָב איבערגעשריבן — זאָגט ער — די מעשׂיות און די בריוו ממש אין דעם לשון, ווי איך האָב דאָס פון די בריוו... און הגם איך האָב געזען אַ סך מאָל בעוונותינו הרבים, אַז די ליצני הדור שפּעטן אָפּ שטאַרק פון אַנשי שלומנו און זאָגן, אַז זיי קענען ניט שרײַבן ווי ס'באַדאַרף צו זײַן לשון-קודש און זיי שרײַבן תּמיד פול מיט טעותים און גרײַזן ווי פּשוטע עמי-הארצים, פונדעסטוועגן האָב איך זיך באַטראַכט: מיר זעען דאָך בחוש, אַז מחמת זייער ליצנות פאַרן זיי ניט צו צדיקים [און דערבײַ אונטן אין דער הערה אַ ציטאַטע פון ר' נחמן בראַצלאַווערס „ספר

---

וועדליג אים איז באַוווּסט, האָט פּערל אין אָט דעם ביכל איבערגעגעבן מייגונגען, וואָס ער האָט פאַקטיש געהערט פון מענטשן וואָס האָבן געלייענט דעם מג"ט (מען דאַרף געדענקען, אַז נאָר די נאָענטסטע מענטשן פּערלס האָבן בשעתו געקאָנט וויסן, אַז ער האָט עפּעס אַ שײַכות צו אָט דעם ספר): „ונודע לי כּי המחבר לא בדא אותן מלבו רק כּתב אותן כּפי אשר הגיעו לאזניו". אויך פון אנדערע מקורים איז קענטיק, אַז די פאַראינטערעסירונג מיטן ספר צווישן די חסידישע קרײַזן איז געווען בשעתו זייער גרויס. אַזוי למשל שרײַבט א. ב. גאָטלאָבער אין זײַנע זכרונות (איבערגעדרוקט בײַ א. פרידקין, אַבֿרהם בער גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע. ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין 1925), אַז ער האָט געלייענט מיט גרויס אינטערעס דעם „מגלה טמירין" יונגערהייט, נאָך זײַענדיק אַ חסיד (ז' 142—144). אַגבֿ דאָרט גופא דערציילט גאָטלאָבער, אַז פּערל האָט בכלל געהאַט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג, און דער איין שמועס, וואָס ער האָט מיט אים געפירט בעת זײַן באַזוך אין זײַן הויז אין טאַרנאָפּאָל, האָט באַשטימט דעם ווײַטערדיקן גאַנג פון זײַן לעבן.

5 אַגבֿ אין דער Jewish Encyclopedia (ב' IX, ז' 641) שטייט, אַז דער מג"ט איז געשריבן אין דער שפּראַך פון זוהר (It was a clever parody in the language of the Zohar). קענטיק, אַז דער געלערנטער מחבר פון דעם אַרטיקל האָט זיך אַפילו ניט מטריח געווען אַרײַנצוקוקן אין ספר פאַרן אָנשרײַבן און האָט זיך פאַרלאָזן אויפן ארמישן וואָרט „טמירין" אין טיטל. — צו אַזאַ „גרינגע" באַציִונג צו דעם ספר וועט אונדז נאָך באַגעגענען ווײַטער.

המדות": „די ליצנות לאָזט ניט דעם מענטשן גיין צו צדיקים"], און דעריבער זאָג איך, וואָס אַרט מיך זייער ליצנות? וואָס איז שוין, אויב מענטשן וואָס האָבן ניט קיין יהדות שפּעטן אָפּ? איך וועל שרײַבן אין דעם לשון, ווי עס שרײַבן אַלע צדיקים און אַנשי שלומנו, ווי עס איז אָנגעשריבן דער הייליקער ספר שבחי הבעש"ט און די הייליקע ספרים פֿון מוהר"ן און בפֿרט די הייליקע ספורי מעשיות..."

צווישן די בריוו אין „מגלה טמירין" זײַנען אָבער אויך פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס זײַנען געשריבן אין אַ בעסערן העברעיִש, אין דעם נוסח ווי עס פֿלעגן שרײַבן ייִדן לומדים, און די שרײַבערס זײַנען טאַקע געגנער פֿון חסידות. פּערל האָט געוואָלט אונטערשטרײַכן אָט דעם אונטערשייד אין סטיל און באַוואָרנט דאָס טאַקע אויך אין דער הקדמה. ווען ער ברענגט אַרײַן די מאַסקע פֿון אַ חסיד אַ קנאי, דערקלערט ער פֿאַרן חסידישן לייענער, אַז ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ כּיוון, כּדי צו פֿאַרשעמען די לומדים... „מיטן אייבערשטנס הילף — שרײַבט ער — איז דאָס פֿאַרשפּרייט צווישן אַלע ייִדן, אַז אויב מען זעט, אַז עמעצער פֿון אונדזערע ייִדן שרײַבט אין אַ לשון וואָס מען רופֿט עס צח [געלײַטערט], האַלט מען אים פֿאַר אַן אַפּיקורס"... „דעריבער בעט איך בײַ אַלע אַנשי שלומנו זאָלן לעבן, זיי זאָלן מיר ניט אויפֿוואַרפֿן, פֿאַר וואָס איך האָב איבערגעשריבן די בריוו פֿון די קליינגלייביקע און פֿון די האַלבע (מקטני אמנה ומהפלגאין) ריכטיק אין זייער לשון, אַזוי ווי זיי האָבן געשריבן זייערע בריוו... איך האָב דאָס געטאָן, בכדי צו ווײַזן דער גאַנצער וועלט דעם חילוק צווישן לשון אמת און לשון שקר".

אַזוי האָט פּערל מיט גרויס קונציקייט אויסגענוצט די שפּראַך גופֿא ווי אַ געצײַג פֿון זײַן סאַטירע: דער חסיד האָט געמעגט מיינען, אַז מיטן לשון שקר איז געמיינט דער לשון פֿון די אַפּיקורסים, און דער משכּיל האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, ווער עס איז דער שקרן און דער עם־הארץ, וואָס האַלט דאָס באַנוצן גופֿא אַ „לשון צח" פֿאַר אַן אַפּיקורסות.

## II

אויב מען מעג רעכענען, אַז דעם נאָענטן ציל זײַנעם צו מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט די חסידות האָט פּערל דורך זײַן קונציקער שפּראַך־אימיטאַציע דערגרייכט בשלמות, האָט אָבער, פֿון דער אַנדערער זײַט, גראָד די שפּראַך פֿון „מגלה טמירין" גורם געווען דערצו, אַז אין דער העברעיִשער ליטעראַטור־געשיכטע איז דאָס ווערק לאָ די וואָס ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן, נאָר, מען מעג זאָגן, כּמעט ווי פֿאַרזען געוואָרן. עס איז געוואָרן אַ בוך, וואָס אַלע רעדן וועגן דעם, אָבער גאָר ווינציק מענטשן האָבן געדולד איבערצולייענען עס ביזן סוף. אויבן (הערה 5) איז שוין באַמערקט געוואָרן, ווי אַזוי די נאָטיץ פֿון דער „דזשויִש ענציקלאָפּידיאַ" מכוח דער שפּראַך פֿון „מגלה טמירין" באַווײַזט, אַז דער מחבר אירער האָט דאָס ווערק ניט געלייענט. אָבער אויך דער נײַער היסטאָריקער פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור,

פֿ. ליאַכאָווער, איז צו קאַרג מיט ידיעות וועגן פּערלס ווערק, און איז דעריבער עלול צו פֿאַרפֿירן זײַן לייענער. ער באַצייכנט אמת ריכטיק יוסף פּערלען ווי דעם ערשטן סאַטיריקער אין גאַליציע, אָבער פּערל ווערט פֿאַר זיך ניט אָפּגעשאַצט און בלײַבט נאָר דער פֿאָרגייער פֿון יצחק ערטער, וואָס זאָל האָבן אים ווײַט אַריבערגעשטײַגט דורך זײַן שעפֿערישער פֿאַנטאַזיע. דער „מגלה טמירין" ווערט פֿאַרצייכנט ווי אַ וויכטיקע אַנטיחסידישע סאַטירע, אָבער זײַן אינהאַלט ווערט ניט אַנאַליזירט און אַפֿילו ניט איבערגעגעבן, שוין אָפּגערעדט דערפֿון, וואָס עס איז אַפֿילו קיין רמז ניטאָ אויף אַן אַנאַליז פֿון דעם סטיל. אויף צו כאַראַקטעריזירן דאָס ווערק באַנוגנט זיך פֿ. ליאַכאָווער דערמיט, וואָס ער ברענגט פֿון דער הקדמה די דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי דער כּלומרשטיקער מחבר, עובֿדיה בן פּתחיה, האָט געפֿונען די פֿאַרבאָרגענע כּתבֿים און דורך דעם געקראָגן די סגולה צו ווערן אַ רואה ואינו נראה, און דערצו איז ער מוסיף, אַז אין דעם גײַסט איז געשריבן דאָס גאַנצע ווערק: „דאָס איז די הויפּטליניע פֿון דעם ספֿר, וואָס פֿון איר גייען אַרויס אַ סך ליניעס, זײַטיקע שטעגן, און אַלע פֿירן זיי צו די וווּנדערוועגן פֿון די חסידים". [6] דער לייענער פֿון „מגלה טמירין" וועט גרינג אײַנזען, אַז אין אָט דער כאַראַקטעריסטיק איז, מילד גערעדט, בעצם גאָרנישט ניט געזאָגט, אַפּשיטא אַז עס איז ניט דערוויזן דער זאַץ פֿון מחבר גופֿא (ז׳ 12), אַז אין פּערלס ספֿרים איז פֿאַראַן „אַ פֿײַנער הומאָר. עס אַנטפּלעקט זיך אין די דאָזיקע ספֿרים אַפֿילו אַ מין ליבשאַפֿט, אַ מין ליבע פֿון קינסטלער צו יענעם וווּנדער, וואָס דער שׂכל וויל באַלײַכטן זײַנע פֿאַרבאָרגענישן און פֿינצטערע ערטער און באַווײַזן זײַן שאַנד פֿאַר דער וועלט". דאָס קען זײַן אַלץ ריכטיק, אָבער עס בעט זיך כאָטש אַן אילוסטראַציע דורך געהעריקע מוסטערן, אויב עס איז ניט געגעבן קיין אַנאַליז פֿון דעם גאַנצן ווערק.

נאָר דערצו האָט קענטיק געשטערט דער שפּראַכיקער לבֿוש פֿון דעם ווערק. לאָמיר זאָגן, אין אַ שולבוך אָדער אַ בוך פֿאַר אַליין-בילדונג, ווי ליאַכאָווערס „תּולדות הספֿרות" וויל זײַן, פּאַסט אפֿשר מער צו ברענגען מוסטערן פֿון אַ ג ו ט ן סטיל, און אין דעם פּרט איז נאַטירלעך ערטערס „הצופֿה לבית ישׂראל" בעסער. עס איז אָבער צו האָפֿן, אַז די אַקאַדעמישע פֿאָרשונג פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור וועט דעם פֿעלער פֿאַרריכטן און וועט כּוף-כּל-סוף געבן אויך דעם ליטעראַרישן אַנאַליז און די עסטעטישע אָפּשאַצונג פֿון דעם העברעיִשן „מגלה טמירין", ווי דאָס ווערק האָט פֿאַרדינט. מעג מען דאָך רעכענען, אַז די שפּעטערדיקע שילדערונגען פֿון חסידישן לעבן און פֿון די גוטיִדישע הייפֿן אין דער העברעיִשער און יִידישער ליטעראַטור (בײַ ערטערן, סמאָלענסקינען, לינעצקין א"אַ) האָבן ניט ווייניק געשעפּט פֿון

---

[6] פּ. לחובר, תולדות הספרות העברית החדשה (הוצאת „דביר" תל-אביב תרפ"ט), ספר שני, ז׳ 11—13. — אויך אין י. צינבערגס געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, ב׳ VII, בוך 2, ז׳ 283—288, קומט דער „מגלה טמירין" ניט צו זײַן רעכט.

פערלען. זאַכלעך איז דער „מגלה טמירין" געוויס איינער פֿון די וויכטיקסטע מקורים פֿאַר דער געשיכטע פֿון די יִדישע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען. דער היסטאָריקער פֿון חסידות נעמט אים טאַקע אָן ווי איינעם פֿון די וויכטיקסטע אָריגינעלע היסטאָרישע מקורים, וואָס „גיט ביַי אַלע סאַטירישע גוזמאות אַ געטריַי בילד פֿון דעם לעבן פֿון די צדיקים און חסידים אין אָנהייב 19טן י"ה". 7

און מיר האָבן טאַקע צוויי מחברים, וואָס האָבן געגעבן אויך אַ ליטע־ראַרישע אָפּשאַצונג פֿון דעם ווערק. דאָס איז קודם כּל ש. ל. ראַפּאָפּאָרט (שי"ר), איינער פֿון די באַגרינדער פֿון דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור־פֿאָר־שונג און פערלס אַ בן־דור און גוטער פֿריַינד. 8 שי"ר באַנוגנט זיך ניט מיטן אָנוויַיז אויף דעם אינהאַלטלעכן ווערט פֿון „מגלה טמירין", לויט זיַין מיינונג ווערט דער געזעלשאַפֿטלעכער באַטיַיט פֿון דער דאָזיקער שאַרפֿער קריטיק פֿון די חסידישע מידות און מעשים געהעכערט דורך דער קינסטלערישער פֿאָרם. „אַ מענטש וואָס קען קיין אַנדער שפּראַך ניט [ווי העברעיִש — ז. ק.] האָט נאָך ניט געזען אַזאַ וווּנדערלעכן ספֿר, ווי אַלצדינג גייט אַרויס פֿון אַן איינ־הייטלעכן פּלאַן און אַלץ איז צוגעפּאַסט צו איין צוועק. איטלעכער בריוו לאָזט וויסן אַ ניַיע זאַך, וואָס איז נייטיק פֿאַרן גאַנצן ענין, איטלעכער מענטש וואָס איז געבראַכט אין די דערציילונגען בליַיבט אויסגעהאַלטן אין זיַין כאַראַקטער און אין זיַינע געענג ביזן סוף פֿון בוך". דער מחבר, זאָגט וויַיטער ש. ל. ראַפּאָ־פּאָרט, האָט אונטערגעכאַפּט און פֿאַרשטאַנען אָנצוצייכענען די טיפּישע שטריכן פֿון די חסידים, גאָר זייער אָפּגעריסנקייט פֿון דער וועלט און זייער משונהדיק פֿאַרדרייטן קוק אויף רעאַלע זאַכן. „אַ פֿאַרגעניגן צו זען, ווי דער מחבר האָט געוווּסט צו שילדערן זייער שטייגער צו פֿאַרגרעסערן יעדער קלייניקייט און דער־הייבן אין הימל אַריַין אַ נישטיקע זאַך..." ווי אַ ביַישפּיל ברענגט ער די דערציילונג פֿון ר' זלמן ברעזניר וועגן דער עשירות פֿון גאַלאַצער גבֿיר ר' בירך (בריוו קטו). די העכסטע מדרגה פֿון הומאָר דערגרייכט פערל, לויט זיַין מיינונג, אין דער דערציילונג פֿון דעם רבינס „פּאַלעם־בויגן"־שיסן אום ל"ג בעומר (בריוו מה). 9 „דער מחבר האָט זיי אַלע דורכגעפֿירט פֿאַר אונדזערע אויגן ווי פֿאַר אַ שפּיגל, וואָס איטלעכער מענטש וואָס קוקט אין אים אַריַין זעט פֿון דער וויַיטנס, וואָס עס טוט זיך דאָרט פֿאַר זיַינע אויגן. איטלעכער לייענער איז געצוווּנגען מודה צו זיַין, אַז דער מחבר איז אַ גרויסער מיַיסטער אין דער קונסט פֿון מאָלעריַי, עס פֿעלט קיין איין שטריך ניט". 10 אויך אויף דער

---

7 ש. דובנוב, תולדות החסידות, ז' 397.

8 אין „בכורי העתים", ב' XII (1831), ז' 175 א"וו און אין „כרם חמד", ד (1839), ז' 45 — 57.

9 „כרם חמד", דאָרט.

10 „כרם חמד", דאָרט.

קונציקייט פֿון דער שפּראַך פֿאַרמײַדט ניט ראַפּאָפּאָרט אָנצוווײַזן. „זיי רעדן אַלע אין דער שפּראַך, ווי זיי זײַנען געוווינט צו שרײַבן זייערע ספֿרים און בריוו. ער האָט זיך אַזוי געקליגט אין זייער זשאַרגאָן [בלשון עלגים שלהם]... און אין אויסשטעלן די מעשׂיות פֿון זייערע מופֿתים און ניסים..., אַז אַ סך פֿון זייערע חבֿרים וועלן אָן ספֿק אַ טעות האָבן פֿון ערשטן בליק און וועלן אַרײַננעמען אָט דעם ספֿר צווישן זייערע ספֿרים... ווער זשע וועט זיך קאָנען אײַנהאַלטן פֿון געלעכטער, זעענדיק זייער צעקאַליעטשעטן לשון אין אַ סך ערטער?"[11]

דאָ האָבן מיר די ערשטע אָפּשאַצונג פֿון „מגלה טמירין" פֿון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. און אויב מען זאָל אָננעמען ש. ל. ראַפּאָפּאָרטס אָפּשאַצונג פֿאַר אָביעקטיוו ריכטיק, קומט דאָך אויס, אַז ניט גענוג וואָס דאָס ווערק איז בשעתו געווען אַ געראָטענער אוןווירקעוודיקער פּאַמפֿלעט, נאָר עס מוז אויך פֿאַררעכנט ווערן פֿאַרן ערשטן אָריגינעלן קונסטווערק אין דער נײַער העברעיִשער בעלעטריסטיק. און דאָס זאָגט טאַקע בפֿירוש דער פֿאָרשער פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור פּראָפֿ' ישׂראל דאַווידזאָן, איינער פֿון די ערשטע בר-סמכאס אויף דעם געביט, אין זײַן ווערק וועגן פּאַראָדיעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור: „דער „מגלה טמירין" איז ניט בלויז אַ סאַטירישע פּאַראָדיע, ער איז אויך אַ ראָמאַן; פֿאַקטיש דער ערשטער רעאַליסטישער ראָמאַן אין העברעיִש, הגם עס פֿעלט אין אים דער עלעמענט פֿון ליבע און די פֿאָרם וואָס מען גיט געוויינטלעך ביכער פֿון בעלעטריסטיק".[12]

אין דאַווידזאָנס ווערק (זז' 61—73) געפֿינען מיר טאַקע אַן אַדעקוואַטע ליטעראַרישע אָפּשאַצונג פֿון „מגלה טמירין" מיט אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון סטיל און שפּראַך,[13] מיט אַן אַנאַליז פֿון דעם כאַראַקטער פֿון די ווירקנדיקע פּאַרשוינען. „דער אמתער ווערט פֿון דער סאַטירע – רעזומירט דער מחבר — איז די אויסגעצייכנטע פּאָרטרעטירונג פֿון טיפּ. פּערל איז ניט געווען קיין פּשוטער אָבסערוואַטאָר, ער איז געווען אַ קינסטלער. מיט דעם פּרוכפּעריקן כּוח-הדמיון פֿון אַ פּאָעט אָטעמט ער אַרײַן לעבן און באַוועגונג אין זײַנע טיפּן".[14]

נאָר אין די קרײַזן פֿון די איצטיקע העברעיִשע שרײַבער הערשט משמעות

---

11 בכּורי העתּים, דאָרט.

12 Parody in Jewish Literature by Israel Davidson, New-York 1907, p. 63.

13 אַ חידוש איז אַגבֿ, וואָס דאַווידזאָן האָט אָנגעצײלט ס"ה 51 ייִדישע ריידוועגדונגען, (idioms) אין מג"ט (זע ז' 62 פֿון זײַן ווערק, הערה 8). אין די ווײַטער געבראַכטע סטילמוסטערן וואָס זײַנען דאָך נאָר אַ קליינער אָפּקלײַב, וועט דער לייענער געפֿינען איבער דרײַ צענדליגג אַזעלכע ייִדישע אויסדרוקן.

14 אין דער רוסישער בײַלאַגע צו „הכּרמל" 1861, נר' 19—21, איז אָפּגעדרוקט אַ ביאָגראַפֿיע פֿון יוסף פּערלען (אַרויסגענומען פֿון Busch's Kalender 1847), ווו עס ווערט אויך איבערגעגעבן דער אינהאַלט פֿון „מגלה טמירין" (אין נר' 20).

אַ פֿאַרקערטע מיינונג. אָט האָט למשל ניט לאַנג ג. סאָקאָלאָוו בײַ אַ געלעגנהייט [15] געפּסקנט, אַז דער „מגלה טמירין" געהער צום סוג פּאַראָדיעס, „שהוא יותר מלאכה מאשר חכמה", אָדער ווי מען וואָלט דאָס געקאָנט זאָגן אין יידיש: מער קונץ ווי קונסט. ער גלײַכט אים צו צו דער פּאַראָדיע „מסכת פורים". דאָ האָט ווידער אַמאָל דער אײַנדרוק פֿון דער שפּראַך געשטערט צוצוקומען צום תוכן. וואָרעם עס איז דאָך ניט שווער צו זען, ווי אַנדערש אין תּוך עס איז דער מג"ט פֿון דעם מין פּאַראָדיעס ווי „מסכת פורים" אָדער די סאָציאַ- ליסטישע „תּפֿילה זכּה". אין אָט די פּאַראָדיעס ווערט אין דער ערנצטער און געהויבענער שפּראַך פֿון די הייליקע ספֿרים גערעדט וועגן וואָכעדיקע אָדער פּוסטע און לעכערלעכע זאַכן אָדער עס ווערן גאָר אַפּיקורסישע און רעוואָלו- ציאָנערע געדאַנקען אָנגעטאָן אין לבֿוש פֿון תּפֿילות און ימים-נוראימדיקע פּיוטים. איןביידע פֿאַלן איז די ווירקונג אויסגערעכנט אויף דעם רײַסיקן ווידעראַנאַנד צווישן אינהאַלט און שפּראַכיקן אויסדרוק. אין „מגלה טמירין" אָבער איז די שפּראַך, וואָס אין איר איז דאָס ווערק געשריבן, אָנגעמאָסטן אָן דער סבֿיבֿה, וואָס ווערט געשילדערט. דאָס איז איר העברעיִשע שפּראַך. פּערל האָט דאָ באַנוצט דעם גאַנג, וואָס יעדער אַנדער רעאַליסטישער קינסטלער באַנוצט. אויך מענדעלע מוכר-ספֿרים האָט ערטערווײַז גענוצט יידישע ווערטער צי גרײַזיקע העברעיִשע ריידווענדונגען אין זײַנע העברעיִשע ווערק. [16]

## III

דער שפּראַכיקער לבֿוש פֿון דער העברעיִשער ווערסיע פֿון „מגלה טמירין" איז בכן געווען אַ שטער דערין, אַז די ליטעראַטור-פֿאָרשער זאָלן דערזען זײַן קינסטלערישן ווערט. אין דער ביז איצט לחלוטין אומבאַקאַנטער יידישער ווערסיע, וואָס ישראל ווײַנלעז האָט געפֿונען און וואָס דער ייִוואָ גיט זי איצט אַרויס, וועט יוסף פּערלס שרײַבער-טאַלענט זיכער קומען צו זײַן רעכט און צו דער געהעריקער אָפּשאַצונג. דאָ וועט באמת דאָס פֿאַרמיאוסטע און פֿאַראַכטע מאַמע-לשון אָפּצאָלן „אַ טובֿה פֿאַר אַ רעה". פּערל פֿאַר זיך איז געוויס ניט געווען קיין „יידישיסט", מסתּמא ניט אַפֿילו אין דעם זינען ווי מענדל לעפֿין. זײַן קוק אויף יידיש ווי אַ שפּראַך האָט זיך ניט אָפּגעשיידט פֿון דעם קוק פֿון דעם משכּילישן רבין, משה מענדלסאָן. ער האָט בפּירוש געהאַלטן, אַז יידיש איז ניט מסוגל פֿאַר הויכע ענינים. ער ווענדט זיך צו יידיש נאָר, ווען עס קומט אויס זיך מטפּל צו זײַן מיט נידעריקע און אומ- אָנגענעמע זאַכן. מיר האָבן פֿאַר אונדז דעם כּתבֿ-יד פֿון אַ דרשה, [17] וואָס

---

[15] אין זײַן אַרטיקל „אירוניה" אין זשורנאַל „מאזנים", תרצ"ה, חוב' ב', ז' 180.

[16] אמת, ער האָט דערפֿאַר געכאַפּט אַ האַרבן אויסרייד פֿון זײַן קריטיקער יוסף קלויזנער: „טעות גדולה היא לכתוב טעות גדול". זע „רוחות מנשבות", הוספֿה צו עזרא גאָלדינס ז"ב „הזמן", וואַרשע 1896.

[17] דעם כּ"י האָט י. ווײַנלעז קאָפּירט פֿאַרן אַרכיוו פֿון ייִוואָ פֿון דעם אָריגינאַל, וואָס

פּערל האָט געהאַלטן אין דער טאַרנאָפּאָלער נײַער שול זומער 1838 (פּרשת נצבים תּקצח) בשעת דער מחלוקת פֿון די דאָרטיקע אָרטאָדאָקסן קעגן דעם נײַעם רבֿ שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט (שי״ר). פּערל האַלט די דרשה אין ייִדיש, און ער פֿאַרענטפֿערט זיך באַלד: „עס וועט אייך דאָ אויף מיר צוויי זאכען קשה זיין. ערשטענס, איך האב תּמיד אויף דייטש געפּרעדיגט אונ׳ איצט וויל איך ייִדיש פּרעדיגען״... נאָך דעם ווי ער טײַטשט אויס אייניקע פּסוקים פֿון תּנך און אַ פּאָר מאמרים פֿון תּלמוד און ברענגט אַ פּאַסיקן משל, ענטפֿערט ער אַזוי אויף דער ערשטער קשיא: „דיא אַלע דרשות וואס איך האָב פֿריהר געזאגט זענען געוועזן אין כּלל זאכען, וויא קיין סכּנה איז דרבייא נישט געוועזן, האָב איך געזאָגט אין איין עדעל לשון. איצט אבער וויל איך רעדען פֿין דעם מחלוקת אין שטאד, וואס זיא איז געפֿעהרליך. אונ׳ דרצו האב איך דאס מעהרסטע צו רעדען מיט דיא בעלי המחלוקת. מיט דיא מוז מען רעדען זייער לשון גראב. איין עדעל לשון פֿיהלען זייא נישט. איבּרדעם וויל איך הײַנט אויף יידיש פּרעדיגען אונ׳ דער עולם אפֿילו וואָס קעהר נישט צו דיא בעלי מחלוקת, וועלען מיר עס אויך נישט פֿר איבעל האבען, וואס איך וועל מיט זייא אויף דעם לשון רעדען, ווארין איך האַלט אַ מחלוקת פֿר א סכּנה, מוז מען פּאָ־פּראָסטי שמוסן״.

בײַ אַזאַ קוק אויף דער ייִדישער שפּראַך און — ווערדליג מיר האָבן אויבן געזען און ווי מיר וועלן עס אויך ווײַטער זען בײַם אַנאַליז פֿון דעם ייִדישן „מגלה טמירין״ — בײַ דעם אינטערעס און געשמאַק, וואָס פּערל האָט בכלל געהאַט צום ענין שפּראַך, איז ניט איבעריק צו שטעלן די פֿראַגע: וואָס האָט אים בכלל באַוויגן צו שרײַבן אין ייִדיש ליטעראַרישע ווערק? און עס זײַנען טאַקע אַרויסגעזאָגט געוואָרן ספֿקות וועגן די ייִדישע כּתבֿים וואָס ווערן איצט אַרויסגעגעבן, צי זיי שטאַמען פֿון פּערלס פּען. י. ווײַנלעז וואָס האָט געהאַלטן אין האַנט אַלע כּתבֿ־ידן פֿון פּערלס ביבליאָטעק איז אָבער זיכער דערין.[18] די כּתבֿ־ידן זײַנען, אמת, ניט געשריבן מיט פּערלס אייגענער האַנט, נאָר ער האָט געהאַט אַן אייגענעם איבערשרײַבער וואָס האָט קאָפּירט אַלע זײַנע שריפֿטן, און בתּוכם אויך די ייִדישע. און עס איז אויך ניט צו זען אין זײַן קרײַז אַ מענטשן וואָס זאָל זײַן פֿעיִק אַזוי, אין אַזאַ מײַסטערישער פֿאָרם איבערצוזעצן דעם „מגלה טמירין״ אין ייִדיש, ווי מיר האָבן דאָס פֿאַר זיך. הײַנט די אָריגינעלע נאָוועלע „גדולת ר׳ וואָלף מטשארני אסטרה״ (אָפּגעדרוקט אין דער אויסגאַבע פֿון ייִוואָ ז׳ 221–244) און די איבעריקע ווערק אין ייִדיש, וואָס וואַרטן נאָך אויף זייער אַרויסגעבער, זײַנען דאָך דער

---

געפֿינט זיך אין דער פּערל־ביבליאָטעק אין טאַרנאָפּאָל. גענויער וועגן דער דרשה, זע י. ווײַנלעז, די ציטירטע ארבעט, ז׳ VII א״וו.

18 זע י. ווײַנלעזס נאָטיץ אין ז. קליינמאַנס ייִדיש־ליטעראַרישן קאַלענדער, לעמבערג 1924. אויך אין אַ שפּעטעררדיקער מיטטיילונג צום ייִוואָ.



**אַ זײַטל פֿון דעם כּתבֿ-יד פֿון „מגלה טמירין"** (פֿאַרקלענערט)

מיט דער דערלויבעניש פֿון דער פּערל-ביבליאָטעק אין טאַרנאָפּאָל

רעזולטאַט פֿון אַן אינטענסיווער ליטעראַרישער אַרבעט. ווי אַזוי נעמט זיך בײַ אַזאַ ביטול צו דער שפּראַך דער חשק און דער כּוח דערצו?

אמת, די אַנטיחסידישע שריפֿטן האָבן געקאָנט זײַן באַשטימט פֿאַר דעם „פּראָסטן" עולם, וואָס דער העברעיִשער „מגלה טמירין" איז פֿאַר אים ניט צוטריטלעך: דער חסידיזם האָט אין פּערלס אויגן טאַקע געקאָנט אויסווײַזן פֿאַר אַ גרויסער סכּנה, לכל־הפּחות ניט קלענער ווי די מחלוקת וועגן דער טאַר־נאָפּאָלער רבנות, און ממילא האָבן מיר אויך דאָ דעם פֿאַל, ווען מען מוז מיטן עולם „שמוסין פּאָפּראָסטי". אַ שוועריקייט אָבער שטעקט אין דעם פֿאַקט, וואָס די ייִדיש געשריבענע ווערק זײַנען ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, הגם זיי זײַנען, ווי מען מעג משפּטן לויט דעם אויסזען פֿון די כּתבֿ־ידן, געווען צוגעגרייט צום דרוק. מיר ווייסן ניט די סיבות וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן פּערלען פֿון אָפּצודרוקן די זאַכן; צי איז דאָס געווען די עלטער זײַנע, צי ער האָט פּשוט שוין ניט באַוויזן אויסצופֿירן דעם פּלאַן וואָס ער האָט געהאַט? אַגבֿ, די שריפֿטן זײַנען קענטיק אַפֿילו ניט פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין געשריבענע קאָפּיעס, ווי עס האָט אַ מאָל געטראָפֿן מיט ווערק פֿון משׂכּילים אין ייִדיש, וואָס די מחברים האָבן ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט בשעתּם זיי אָפּדרוקן, אַ שטייגער ווי ריב"לס „הפֿקר־וועלט". לכל־הפּחות מיר ווייסן גאָרנישט וועגן אַזעלכע געשריבענע קאָפּיעס פֿון פּערלס ייִדישע כּתבֿים. דער זיכערער פֿאַקט וואָס מיר האָבן פֿאַר זיך איז, אַז פּערל האָט געשריבן גאַנצע בענד ייִדישע כּתבֿים און האָט זיי באַהאַלטן בײַ זיך אין אַלמער. צי באַרעכטיקט דאָס ניט די השערה: אפֿשר האָט פּערל געשריבן זײַנע ייִדישע ווערק פּשוט פֿון זײַן אייגענער הנאה וועגן, צוליב דער באַדערפֿעניש צו שאַפֿן אין מאַמע־לשון, ניט געקוקט דערויף וואָס דער משׂכּילישער שׂכל האָט דעם לשון פֿאַרמיאוסט און פֿאַרוואָרפֿן? די דאָזיקע השערה קאָן אפֿשר באַשטעטיקט ווערן דורך דעם „אַנטיגנוס", וואָס איז אין פֿלוג, ווען מען זאָל משפּטן לויט דעם פֿראַגמענט, וואָס י. ווײַנלעז האָט פֿאַרעפֿנטלעכט,[19] ניט געווען באַשטימט פֿאַר אַ פּאַמפֿלעט, נאָר זעט אויס צו זײַן אַ היסטאָרישער ראָמאַן, בכן אַ שאַפֿונג מיט אַ ריין ליטעראַרישן צוועק (אמת, ניט אין גאַנצן פֿרײַ פֿון סאַטירישע רמזים).[20] אויף צו באַשיידן אָט דעם ספֿק דאַרף מען, פֿאַרשטייט זיך, דורכשטודירן דעם ג אַ נ צ ן ייִדישן עזבֿון פּערלס.

[19] אין אויבן ציטירטן „יוד"-ליט" קאַלענדער 1924.

[20] י. ווײַנלעז איז משער, אַז „אַנטיגנוס" איז אַן איבערזעצונג פֿון דײַטש (אין פּערלס מאַנוסקריפּט שטייט, אַז עס איז אַרויסגענומען פֿון אַן אַלטן כּ"י וואָס איז אַרויס צו ערשט אין ענגליש). עס מאַכט אָבער דעם אײַנדרוק פֿון אַן אָריגינעלער שאַפֿונג (דער אָנווײַז אויפֿן ענגלישן כּ"י איז מסתּמא נאָר אַ סטיליסטישע באַפּוצונג). באַשטימען דאָס אויף געוויס וועט זיך נאַטירלעך לאָזן נאָר דורך אַ שטודיום פֿון דער גאַנצער דערציילונג. בכל אופֿן, אַפֿילו אויב עס זאָל זיך אַרויסווײַזן, אַז דער סוזשעט איז אַן אַנטליִענער, איז די באַאַרבעטונג דורכויס אַ פֿרײַע, אין דעם אייגנטימלעכן פּערלשן סטיל.

על כּל פּנים איינס איז קלאָר, אַז פּערל האָט איבער זײַן יידישער שפּראַך געאַרבעט, ווי עס אַרבעט געוויינטלעך אַ שרײַבער איבער זײַן שפּראַך, וואָס ער האָט זי ליב. און יידיש איז אונטער זײַן פּען גאָר ווײַט פֿון צו זײַן אַ „מיאוסע כּלי" וואָס טויג נאָר פֿאַר אַ גראָבער מלאָכה. עס איז אַן אמת ליטעראַרישע שפּראַך וואָס איז מסוגל אויסצודריקן די פֿײַנסטע ניואַנסן פֿון געדאַנק און געפֿיל. ווי מיר וועלן ווײַטער זען פֿון דעם פֿאַרגלײַך צווישן העברעיִשן און יידישן טעקסט פֿון „מגלה טמירין", איז פּערל אין זײַן קאָרעקטן יידיש געווען ביכולת צו דערגרייכן דעם זעלביקן (און אויב מען וויל, אפשר נאָך אַ שטאַרקערן) עפֿעקט אין דער פֿאַר אים געווונטשענער ריכטונג, ווי אין דעם בכּיוון פֿאַרדאָרבענעם העברעיִש, ממילא איז דער עסטעטישער ווערט פֿון דער שאַפֿונג דורך דער יידישער איבערזעצונג געהעכערט געוואָרן.[21] די באַציִונג פֿון דעם משכּיל צו זײַן אייגענעם ווערק האָט אָבער גורם געווען דערצו, אַז עס איז הונדערט יאָר געבליבן באַגראָבן אין ספֿרים-אַלמער און שטייט אויף תּחית-המתים ערשט צו זײַן הונדערטיאָריקן יובֿל, אין אַ צײַט, ווען דער ענין גופֿא וואָס עס באַהאַנדלט האָט שוין אין אַ גרויסער מאָס אָנגעוואָרן זײַן אינהאַלטלעכן באַטײַט, איז שוין ניט ביכולת צו פֿאַרכאַפּן דעם לייענערס געמיט, ווי דאָס וואָלט געווען אין דער צײַט, ווען עס איז געשריבן געוואָרן, און האָט אַן אינטערעס נאָר פֿאַר ליבהאָבער פֿון יידיש, ווי אַ פֿײַנער שפּראַך-מאָנומענט.

## IV

מיר ווילן איצט וואַרפֿן אַ קורצן בליק אויפֿן אינהאַלט פֿון די צוויי שריפֿטן וואָס ווערן אָפּגעדרוקט אין דער אויסגאַבע פֿון ייִוואָ: „מגלה טמירין" און „גדולת ר' וואָלף מטשארני אָסטרה".

דער „מגלה טמירין" באַשטייט פֿון 151 (קנא) בריוו און אַ „סיום". ווי שרײַבערס פֿון די בריוו טרעטן אַרויס ס"ה 26 פּאַרשוינען, פֿון זיי 14 מיט 1 בריוו, 3 מיט 3, 1 מיט 4, 2 מיט 5, 1 מיט 6, 1 מיט 8, 1 מיט 9, 1 מיט 12, איינער מיט 37 און 1 מיט 41; חוץ דעם איז איין בריוו, דער לעצטער, געשריבן פֿון אַ גאַנצער גרופּע („וואָס פֿאָרן קיין ארץ ישראל"). די בריוו שטאַמען פֿון צוויי גרופּעס חסידים, וואָס געהערן צו צוויי קאָנקורירנדיקע רביים, דעם זאַליגער און דעם דישפּאָלער. דער גרעסטער טייל בריוו פֿאַלט

[21] אין דער בראָשור „יוסף פּערל" פֿון א. ברעסלער (ווארשע 1899), וואָס איז אַגבֿ בשעתּה היפּש געלייענט געוואָרן אין אַרבעטער-קרײַזלעך ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע-שריפֿט פֿאַר בילדונג באַמערקט דער מחבר וועגן „מגלה טמירין": „איבערגעבין אין שזארגאן דיא קונסט פֿון דער שפּראַך אונד דעם טאלאַנט צוא קענין אין בריעף, וועלכע האבען א אויפֿבינדונג פֿאַן אנפֿאַנג ביז אם ענדע, איינפּאַסען דיא אללע נארישקייט אונד פֿאלשקייט פֿאַן דעם חסידישען גאַנג אונד עס זאלל אויס-זעהען פּונקט וויא א ערצעהלונג, דיעזעס איבערגעבין זענין מיר ניט אימשטאַנד". א. ברעסלער איז געווען גערעכט, נאָר עס איז אים ניט צו פֿאַרדענקען: דאָס צו טון איז געווען אין שטאַנד נאָר פּערל אַליין.

אויס אויפֿן חלק פֿון דער זאַלינער גרופּע (113 בריוו), און די הויפּטשרײַבערס זײַנען: דער גבאי פֿון זאַלינער רבין, דער הויפּט-אינטריגאַנט זעליג לעטי-טשעווער (41 בריוו), און זײַן קאָרעספּאָנדענט זײַנוול ווערכיעווקער (37). אין די בריוו ווערן דערמאָנט נאָך אַנדערע פּאַרשוינען: רביים, חסידים, בעלי-בתּים, אַ משׂכּיל, פּריצים. פֿון דעם זאַלינער רבין אַליין איז פֿאַראַן נאָר איין רעקאָמענדיר-בריוו פֿאַר משולחים צו קלײַבן געלט (קכו).

דער אינהאַלט פֿון די בריוו איז בדרך כּלל די פּאָליטיק פֿון די רבישע הויפֿן, ווי אַזוי צוצוציִען נײַע אָנהענגער, באַקעמפֿן געגענערס, אָפּווענדן סכּנות און שאַפֿן וואָס מער הכנסות פֿאַרן רבין. די בריוו פֿון איטלעכער גרופּע האָבן זיך זייער הויפּטסוזשעט וואָס ציט זיך דורך אַלע בריוו, דורכגעפֿלאָכטן מיט פֿאַרשיידענע זײַטיקע אינטריגעס, און צום סוף קרייצן זיך די צוויי גרופּעס אין דעם קאַמף צווישן די רביים פֿאַר השפּעה און מאַכט.

דער הויפּטסוזשעט פֿון דער זאַלינער גרופּע בריוו איז די ידיעה וועגן דעם, אַז עס האָט זיך באַוויזן אַ ב ו ך וועגן חסידות געשריבן אין דײַטש, וואָס דערציילט רשעות אויף די חסידים און זייערע צדיקים און זאָל האָבן „אויפֿגיבעריט אַלי פּריצים וואָס לייאנן עס, אונ' זייא ווילן עס אויף שלימזל גאָר איבערזעטצין אויף פּוליש" (בריוו ג'). און דעם רבינס גבאי גיט אויף זײַנע קאָרעספּאָנדענטן אויפֿצוזוכן דאָס דאָזיקע בוך און ברענגען עס צום רבין, בכדי ער זאָל קענען זיך אָפּרעכענען מיטן בוך און מיט זײַן מחבר. דאָס אַרומזוכן דאָס בוך גייט דורך דעם גאַנצן „מגלה טמירין". די חסידים מוזן שיקן אַ מענטשן אַזש קיין „קורדאָן", ד"ה קיין עסטרײַך (דער פּלאַץ ווו די רביים פֿון „מגלה טמירין"ווירקן, איז רוסיש-אוקראַיִנע), און ערשט אין בריוו קט קאָן דער שליח מעלדן, אַז ער האָט דאָס בוך געקראָגן און שיקט עס אַרויס צום רבינס גבאי. פּאַראַלעל מיט אָט דעם הויפּטסוזשעט גייט דורך אין די בריוו פֿון דער זאַלינער גרופּע אַ גאַנצע קייט פֿאַרשיידענע אינטריגעס: רכילותן, מסירות, פּרוּוון פֿון שאַנטאַזש, געפֿעלשטע דאָקומענטן, מחלוקת וועגן רבנות, שידוכים, פֿאַרקויף פֿון חסידישע ספֿרים אאַז"וו. עס שטעלט זיך פֿאָר אַ רעאַליסטיש בילד פֿון אַ יִדישן קליינעם שטעטל מיט זײַנע פּרנסות און מיט זײַן גאַנצן פּירעכץ, אָבער איבער אַלץ הויערט דער שאָטן פֿון דעם ב ו ך, [22] פֿון דעם פֿרעמדן „רוחישן" בוך, וואָס טראָגט אין

[22] ש. דובנאָוו (יִיוואָ-בלעטער, I, ז' 4—8: „דער ערשטער קאַמף פֿון השׂכּלה קעגן חסידות") מיינט, אַז מיטן בוך אין מג"ט האָט פּערל געהאַט אין זינען די שריפֿט: Über das Wesen der Secte Chassidim, aus ihren eigenen Werken gezogen im Jahre 1816 (פֿאַרצייכנט אין זײַן תּולדות החסידות, ז' 379 א"וו אונטערן נומ' 19). דאָס קאָן מיגלעך זײַן, פּונקט ווי עס איז ניט אָפּצוּווענדן דובנאָווס השערה (דאָרט גופֿא), אַז די שריפֿט שטאַמט פֿון פּערלען גופֿא אָדער פֿון זײַן קרײַז. אָבער די דאָזיקע שריפֿט איז דאָך פֿאַרשפּרייט געוואָרן נאָר ווי אַ כּתבֿ-יד, ממילא איז געוויס די שילדערונג פֿון דעם רושם, וואָס זי האָט געמאַכט בײַ די „פּריצים", נאָר אַ בעלעטריסטישער צופּוץ. אגבֿ, איין פּאַרשוין אין „בחון צדיק", משה, וואָס

זיך אומבאַוווּסטע סכּנות פאַרן גאַנצן כּלל חסידים און שרעקט זיי מיט זײַן סודותדיקייט. „דער אינטעריס איז גאָר קיין קאַטאָוויס נישט", איז כּסדר מזרז דער גבאי זײַנע לײַט און פאָדערט פון זיי, זיי זאָלן אײַנלייגן די וועלט און אַרויסגעפינען דאָס בוך און דעם מחבר.

און דאָס בוך טרײַבט מיט זיי „רוחישע" שפּיצלעך: אָט האָבן זיי עס, און אָט גליטשט עס זיך פון זיי אַרויס און טוט זיי אָן חרפּות און לייד. שוין אין צווייטן בריוו קאָן דעם גבאיס פּלײַסיקסטער קאָרעספּאָנדענט מעלדן, אַז ער האָט דאָס בוך: מען האָט עס אַרויסגעגנבֿעט פאַר אים בײַם פּריץ. נאָר היות ווי ניט ער און ניט זײַן איידעם, וואָס ער האָט אים דאָס בוך געוויזן אויף מבֿינות, קענען ניט קיין דײַטש, דערקענען זיי ניט, אַז דאָס איז דאָס „רעכטי בוך" און לאָזן עס אַרויס פון די הענט. און מען קאָן זיך אויסמעלן, ווי גרויס עס איז דער פאַרדראָס, ווען זיי ווערן געוואָר דעם טעות (בריוו ד). שפּעטער מוזן זיי לאַנג אַרומזוכן, פּטרן געלט און מי, ביז זיי קריגן עס סוף־כּל־סוף. אָבער אויך נאָך דעם ווי זיי האָבן דאָס שוין, לאָזט זיך אויס, אַז דאָס בוך איז שטאַרקער פאַר זיי, און ניט אומזיסט האָבן זיי זיך געשראָקן פאַר זײַן פאַרדאַרבנדיקן כּוח. ווען דער גבאי ר' זעליג לעטיטשעווער האָט זיך איבערגעטרונקען מיט בראָנפן און איז געשטאָרבן (בריוו קכב), האָבן חסידים דערקלערט, אַז זײַן טויט איז געקומען פון דעם רבינס אַ פאַטאַלן טעות וואָס ער האָט געהאַט מכּוח אַ בילד וואָס איז געווען צוגעגעבן צום בוך (בריוו קכג). אויך דער טויט פון דעם זאַלינער רבין גופֿא, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון זײַן ליבע צום ביטערן טראָפּן (בריוו קמז), ווערט דערקלערט דורך דער ווירקונג פון דעם בוך (זע דעם „סיום").

אַזוי ווערט דורך דעם בוך און זײַן פאַטאַלער ווירקונג אויף די הויפּט־פאַרשוינען פון דעם געשילדערטן כּלל דורכגעפירט די איינהייט פון דער טראַגי־קאָמעדיע. די גאַנצע צײַט האַלט אָן די שפּאַנונג, אַרויסגערופן דורך דער ערשטער ידיעה וועגן דעם בוך. אין איטלעכן בריוו קומען אויף נײַע פּלענער, ווי אַזוי עס צו קריגן, און איטלעכס מאָל איז דער בריוושרײַבער פול מיט ביטחון, אַז אין זכות און מיטן כּוח פון דעם הייליקן רבין וועט אַלץ רעכט ווערן, בכדי אין דעם צווייטן בריוו, ווען עס לאָזט זיך אויס קאַפּויער, תּיכּף אויסצושמידן אַ פרישן פּלאַן, אויסמעלן אים מיט אַלע פּרטים און ווידער אַ מאָל מזרז זײַן דעם אַדרעסאַט, ער זאָל למען השם ניט זײַן פויל און טון אַלץ וואָס נאָר מיגלעך פאַרן „רבין זאָל לעבין".

די צוגעבונדנקייט צום צדיק איז דער צווייטער הויפּטשטריך וואָס פאַר־אייניקט אַלע בריוו אין „מגלה טמירין". די אמונה אין צדיק איז דער יסוד

זאָגט בדרך כּלל אַרויס דעם מחברס מיינונגען, זאָגט אַזוי וועגן בוך אין מג"ט: „איך האָב ניט געגלייבט, אַז איר וועט גלייבן, אַז דאָס בוך עקסיסטירט טאַקע (שהבוך הוא בפועל). לויט מיין מיינונג, איז עס אַ זאַך אויסגעטראַכט דורכן מחבר, כּדי צוזאַמענצוקלײַבן פאַרשיידענע זאַכן און מאַכן דערפון איין גאַנצן ענין, בכדי צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן דעם לייענער (בכדי להתענג נפש הקורא)".

פון אַלע טועכצן און די מאָס פון אַלע ווערטן פאַר די פאַרשווינגען פון דעם ווערק. אויסער אָט דער אמונה עקסיסטירט פאַר זיי ניט קיין שום געטלעכער און מענטשלעכער געזעץ. אָן איבערטראַכטן און קווענקלען זיך קאָנען אָפּגעטאָן ווערן צוליבן רבין די מיאוסטע מעשים. די „אמונת חכמים״ פאַרענטפערט אַלצדינג, פאַרדעקט אַלצדינג. „אָהן אמונת חכמים — שרײַבט ר׳ גדליה באַלטער וואָס זוכט צו געווינען אָנהענגער פאַר זײַן רבין — ווערסט דיא אויף דער וועלט גאָר נישט פועלן, דיין גאַנצי אַרבייט אויף דער וועלט, דיין תורה, דיינע מעשים טובים זענין אהן אמונה אן די צדיקים א גאָר נישט״ (בריוו יג). „וואָס געהט מיך אָן סכּנות נפשות אהין, סכּנות נפשות אהער — שרײַבט ר׳ זײַנוול ווערכיעווקער, — דאָס מאַכט אַלץ נור דאָס שטיקל אמונת חכמים מיינס. מילא קאָן איך מיר משער זיין, מיט דער רעכטער אמונת חכמים קען מען דער אודאי מויערן דורך ברעכין, גאַנצי וועלטין איבערקעהרין״ (בריוו מד). די ליבשאַפט צום רבין און די התפעלות פון דער נאָענטקייט צו אים איז אויסגעדריקט אין אַזאַ שילדערונג פון אַ שבת צו נאַכט בײַם רבין: „... אַז ער האָט חשק בעקומין האָט ער אונז עפּיס אַ זאָגיל גיטוהן, וואָס מיר זענין דערפון דיק און פעט גיוואָרין... מעגסט מיר גלייבין, מעהעט מיר גימעגט געבין דאָס עשירות פון דער גאַנצין וועלט אונ׳ דעם גאַנצין עולם הבא פון אלי רבים אונ׳ פין אלי לומדים וואָס זענין דאָ אויף דער וועלט, העט איך נישט גינעהמין פר דעם תענוג וואָס איך האָב גיהאַט״ (בריוו ט).

די דאָזיקע גוזמא קלינגט, אמת, אַ ביסל חשודיק. אָבער אויך די אמונה איז ניט גאָר גלאַטיק. פון איין זייט טײַטשט מען אויס ווי אַ מופת יעדן צופאַל, יעדע קלייניקייט, און סוף-כּל-סוף ווערט אַ חסיד דורך דעם שפּיצל פון אַ ליץ פאַרפירט אַזוי ווײַט, אַז ער נעמט זיך אַליין האַלטן פאַר אַ בעל-מופת. אָבער מען איז, פון דער אַנדער זײַט, פּראַקטיש גענוג, ניט צו פאַרלאָזן זיך אין גאַנצן אויף נסים, בעת דאָס איז נוגע דעם רבין, נאָר מען זוכט צו „טוהן וואָס צו טוהן״. מען העלפט זיך דורך פאַרבינדונגען, דורך איבערגעבן איינער דעם אַנדערן, דורך אויסקוקן וואָס בײַ יענעם טוט זיך, דורך „שפּיגיווין״, דורך אונטערקויפן די מענטשן פון דער מאַכט, וואָס אין זייערע הענט ליגט דער שליסל צו אַל דאָס גוטס און אַל דאָס בייז אויף דער וועלט.

אין אונדזערע בריוו שפּילן טאַקע די רעגירונגס-באַאַמטע און די פּריצים, בראָש מיטן „וויציגובערנאַטיר״, די ראָלע פון דעם העכסטן שופט, פון דעם גורל, פון דעם deus ex machina, וואָס דורך זײַן אַרײַנמישונג ווערט איבער-געשניטן דער גאַנצער קנויל אינטריגעס. דערפון טאַקע נעמט זיך אויך משמעות דער באַזונדערער כּוח פון דעם „בוך״, און דערפאַר טאַקע רופט זײַן דערשײַנען גרויס אַזאַ בהלה, מחמת עס אַנטפּלעקט פאַר די פּריצים די סודות פון דער כּת. טייל פון די פּריצים זײַנען, אמת, אויך אונטערגעקויפט, אָדער דורך געלט אָדער דורך לײַכטזיניקייט, נאָר די הויפּטמאַכערס ווערן

פֿאַרגעשטעלט, לויט דעם מנהג פֿון דער פֿריִער השכּלה, ווי אַ כּוח פֿון ליכט, אויפֿקלערונג און מענטשנפֿריינדשאַפֿט. דער מחבר פֿון „מגלה טמירין" לאָזט ניט באַשטראָפֿן זײַנע פֿאַרברעכערישע העלדן דורך דער אויסוויינִיקסטער מאַכט, געװנג װאָס זי צעשטערט זייער „גניאָזדי". קיינער פֿון זיי ווערט ניט פֿאַרשיקט „אויפֿן סאַמביר", ווי זיי אַליין שרעקן זיך: ווער עס שטאַרבט אַוועק, איידער די שטראָפֿנדיקע האַנט דערגרייכט זיי (דער זאַלינער רבי, דער גבאַי), די איבעריקע אַנטלויפֿן, די אַרעסטירטע ווערן אויסגעלייזט דורך שוחד, און פֿאָרן אַוועק קיין ארץ-ישראל.

היות ווי די אַרומיקע קריסטלעכע וועלט איז נאָר אַן אומפּערזענלעכע קראַפֿט, דעריבער ווערן קיין איינצלנע כאַראַקטערן ניט געצייכנט. כּמעט פּונקט אַזוי אומפּערזענלעך איז דער משׂכּיל אָדער משׂכּיליש געשטימטער בעל-הבית וואָס ווירקט אין די בריוו. עס ווערט געגעבן נאָר אַ קורצע שילדערונג פֿון זײַן אויסוויינִיקסטן אויסזען און אייניקע שטריכן פֿון זײַן הנהגה: „... ער איז אַ לויכינדיקר יונג, אַרום און אַרום מיט קרייזליך... אונ' געהט מיט בייאהאָר, און האָט טשאַקידעגי קליידר, מיט אַ האַלז באַנד, שמיסט זיך גאַנץ פּאַוואַ-ליטשקי, איז אַ גרויסר רעכינמייסטר, קוקט אמאהל אויך אין אַ יודיש ספר ארײַן... וויא מיר דאכט זיך, איז ער אַ שטיקל משוגע. קודם לכּל קען ער נישט ליידין אַפּלעקל אויף דיא קליידר, גיט גווישע בעטלירס נדבות, טרינקט קיין בראנפֿין נישט, רייכירט קיין לולקי אונ' געהט זומיר אונ' ווינטר אין אַ קאַפּיליש..." (בריוו ח). ער האַלט די פּראָפּינאַציע אין דער געגנט, פֿירט געשעפֿטן מיט די פּריצים און איז שטאַרק אויפֿגעטראָגן מיט זיי. קיין אַקטיוון קאַמף קעגן די חסידים פֿירט ער ניט, נאָר ער האַלט ניט פֿון גוטע ייִדן, און דאָס איז גענוג, כּדי אונדזערע העלדן זאָלן וועלן דערלעבן אין אים נקמה און פּרוּוון אויסקלערן אויף אים פֿאַרשיידענע בילבולים, אָבער עס געראָט זיי ניט אים אָנצורירן.

ווינציק אינדיווידועל זײַנען אויך די רביים, וואָס זייערע מקורבֿים דערציילן וועגן זיי: זיי זײַנען נאָר די פֿאָרשטייער פֿון דער פֿינצטערער קראַפֿט וואָס באַהערשט די ייִדישע וועלט, פֿון דעם צדיקיזם. דערפֿאַר אָבער גיט די צווייטע שריפֿט, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דעם באַנד, „ג ד ו ל ת ר' וואָלף מטשארני אסטרה" (ז' 221 — 244), אויב ניט קיין פּסיכאָ-לאָגיע פֿון דעם צדיקיזם, איז, אויב מען מעג אַזוי זאָגן, אַ ביאָלאָגיש-גענע-טישע באַשרײַבונג פֿון אים. עס איז די דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי עס קומט אויף אַ „גוטער ייִד", ווי ער וואַקסט אויס, ווערט אַ מפֿורסם אין דער מדינה און פֿאַלט צום סוף אַראָפּ פֿון דער גדולה. לויטן סטיל איז דאָס אין פֿלוג אַ סיפּור המעשה וועגן אַ צדיק, ענלעך צו די הונדערטער מעשׂיות וואָס ווערן דערציילט צווישן חסידים. די מעשׂה ווערט דערציילט רויִק, גע-לאַסן, על פּי רובֿ צווײדײַטיק געװנג, אַזוי אַז עס קאָן אויסדוכטן, אַז טאַקע אַ חסיד דערציילט זי, אָבער אויפֿן געהעריקן אָרט ווערט אַרײַנגעשטעלט

אַ וואָרט, אַ זאַץ, אַ ווענדונג וואָס אַנטפּלעקט די ביטערע איראָניע, וואָס מיט איר איז דאָס גאַנצע דורכגענומען. עס איז בכן דער זעלביקער נוסח וואָס אין „מגלה טמירין". עטלעכע ביישפּילן. אָט איז די חתונה פון רבינס טאָכ־טער (ז' 234): „דיא חתונה — מי זאָל ווען גאָר אויסשרייבן דיא גדולה וואָס דיא גאַנצע וועלט האָט דרמיט גיקלונגן, וועט צו פיל אריכות זיין", אַז"וו אין דעם נוסח — ערשט דורך דער באַמערקונג, אַז די רביים זיינען געקומען „אוטליכער מיט זיין בלאַזען", ווערט קלאָר די אמתע כוונה פון דעם מחבר. אָדער (דאָרט גופא): „נא, אַז מיר זענין דאָ יוא גיקומן צי דיא צדיקים, לאָמיר פריר שמיסן אין זייערי שבחים. ווארן דאָס איז גוויס א תורה אין איין אמת, אַז דיא שבחים פין גוטע יודן איז אַ גרוסר תיקן צום נפש, סיז פיל בעסיר איידר גמרא אין ספרי יראים צי לעהרנין, דאָס האָבן שון אונז גוטע־יודן לאַנג מקדים גיוועזן אין מיר האָבן דאָס באמונה שלימה אוף זיך גינומן, בפרט זרע קודש פונים בעש"טס אייניקליך אַליין איז גוויס אַ מצווה גדולה צי שמיסן, וכל המרבה לספר בשבחם הרי זה משובח" — נאָר דער צוזאַמענהאַנג מיטן גאַנצן טעקסט ווייזט אויף דעם סאַטירישן מיין.

פאַרשטעלט איז די סאַטירע אין דער שילדערונג פון דעם רבינס „מופתים" (ז' 223): דיא „ראַנדאַריס וואָס האָבן זיך אויס גיבראַכט פין גיטעיודנס וועגן זענין היינט די פּרוצים ב"ח [בעלי־חובות] גיוואָרין, מוזן די פּרוצים תיכף פייגרן, דיא פּאַלשע קוויטיס, וואָס מיהאַט דא מורא גיהאַט גאַר ארויס צו ווייזן, ווערן זייא איצט גאָר גרונג צי גינומן. דיא פעקליך סחורה, וואָס איז גאַר אחריות מיטן לעבן גיוועזן, גייהן איבר דר קאָמיר גאָר אָפּינטלך, אבי מעאוסיך נאָר רעכט מקרב מיט אמונה צום צדיק אין מעגיט אים גניג געלט, רזאל האבן נחת רוח"... אָבער עס זיינען פאַראַן אויך גענוג אָפענע, דירעקטע בייזע פאַרוואורפן לגבי די חסידישע געגנ, צו ברענגען דאָ נאָר איין ביישפּיל (ז' 231): „דרווייל האָציך דאָרט אוך אין אלע שטעטליך אומידום דער דור דעה שטאַרק ראַז־מנאָזש'יט, מיט גרוס התלהבות זייער ברענינדיג, מיט גרוסע פאַראָנדקיס, אין זענין אלע נאָר אנגיקלייבט גיוועזן אין דיא יידע מחותנים דיא רעבים. הולטייעס און האַליאַשטשע מענשן האָבן דא גאָר זייער עוה"ז גיקרוגן, דער בייזר האַלז האָט דאָ מיט עסין אין טרונקין גרויס פאר גיניגן גיהאַט. אפילי אי פרומע לייט, וואָס האָבין נאָר שלאַפע קעפּ מיט ווינציג שכל צי פאַרשטיין וואָס אמת אין שקר איז, האָבן מורא גיהאַט מהרהר צי זיין אוף שלעחטן, אין אַזוני טופשים האָבין זיך גיקנייטשט דיא קעפּ פּותר צו זיין דעם רבינס נערושע שיחת־חולין אויף רזין דרזין..."

דער ר' וואָלף, וואָס וועגן זיין גדולה און ירידה ווערט דערציילט אין דער מעשה, איז אַליין גאָר אַ קנאַפּער למדן, דערפאַר אָבער „אַ גישייטער", וואָס „טוג זייער גוט צו די זאַכין". ער איז פריער געווען אַ מלמד ביי אַ נגיד אין שטעטל, דערנאָך האָט אים מקרב געווען הרב מפּאָלינאָי (ד"ה ר' יעקב יוסף), וואָס איז געווען אַ מבין אויף זיין „געשייטקייט". אין זיין

מסיבה האָט זיך דער ר׳ וואָלף גוט אײַנגעהזרט אַלע דרכים פֿון „גוט־ייִדישקייט״ און גענומען לסוף פֿאַר זיך „פּראַוועז טיש״, צוגעצויגן צו זיך אַן עולם חסידים, אָנגעהויבן אַרומפֿאָרן איבער דער מדינה, אויסגעפּועלט בײַ באַרימטע רביים, זיי זאָלן אים מאַכן פֿאַר אַ רבֿ אין שטעטל, כאָטש „רהאָט גאָרנישט גיקענט אין קליינעם ש״ע [שלחן ערוך] (אין גרוסן פּשיטא נישט)״. זײַן שם ווי אַ בעל־מופת איז אַלץ געוואַקסן, פֿאָרערס און פּדיונות האָבן זיך אַלץ געמערט. ער האָט זיך משדך געווען מיט אַנדערע גוטע ייִדן, אָנגעשפּאַרט אַזש קיין גאַליציע. נאָר דאָ האָט זיך געמאַכט, אַז אין דער זעלביקער מדינה פּאָדאָליע האָט זיך פֿאַרקליבן אַ נײַער גוטער ייִד, דאָס איז געווען ר׳ ברוכל מעזשיבוזשער, דעם בעש״טס אייניקל, און גענומען אָפּציִען צו זיך מיטן כּוח פֿון זײַן יחוס (אונדזער ר׳ וואָלף האָט געשטאַמט פֿון אַ געמיינער משפּחה) די רײַכערע חסידים. דאָס האָט ר׳ וואָלפֿן גאָר ניט געשמעקט, אָבער קעגן דער קאָנקורענץ פֿון אַזאַ מיוחס ווי ר׳ ברוכל האָט ער ניט געקאָנט באַשטיין און האָט געפּרוווט זיך זוכן אַ „מעמד״ אין „קורדאָן״, אין גאַליציע. נאָר דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער געגענערשאַפֿט פֿון איינעם אַ רײַכן בעל־הבית פֿון בוטשאָטש, ר׳ אַבלי, אַ שאַרפֿן מתנגד. אויפֿגעבראַכט פֿון דער ליצנות, וואָס ר׳ וואָלפֿס חסידים פּראַוועז פֿון אים, פֿאַרמסרט זיי ר׳ אַבלי בײַ דער פּאָליצײַ, און ר׳ וואָלף מוז אַנטלויפֿן אַהיים אַזוי בחיפּזונדיק, אַז ער פֿאָרט אַפֿילו אַרײַן אין שבת. געקומען צו זיך אין שטעטל צוריק, מוז ער זיך באַנוגענען מיטן רעשט ביסל אָרעמע חסידים וואָס זײַנען ניט אַוועק פֿון אים צו ר׳ ברוכל מעזשיבוזשער.

דאָס איז דער עצם סיפּור־המעשה פֿון „גדולת ר׳ וואָלף״. אין מיטן איז אַרײַנגעפֿלאָכטן די געשיכטע פֿון דעם בעש״טס אייניקל, ר׳ ברוך מעזשי־בוזשער, אַזוי ווי זי ווערט דערציילט אין דער חסידישער טראַדיציע, אין דער געהעריקער סאַטירישער באַלײַכטונג (זז׳ 234—238), מיט אַ כאַראַקטע־ריסטיק פֿון דעם דאָזיקן חסידישן גדול. עס ווערט אויך פֿירגעבראַכט דער ענין מיט די „געשליפֿענע חלפֿים״, וואָס האָט, ווי באַוווּסט, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער חסידיש־מתנגדישער מחלוקת. עס איז אויך דאָ (פּונקט ווי אין „מגלה טמירין״) ניט פֿאַרפֿעלט דער פֿאָרוווּרף די רבנים, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי גרינג, מחמת זייער מורא צו פֿאַרלירן זייער פּאָזיציע אין די קהילות, אונטערגעגעבן דעם דראַנג פֿון חסידיזם. בכלל אָבער איז די מעשה אויסן ניט צו דערציילן איין עפּיזאָד אין דער געשיכטע פֿון חסידות, נאָר צו שילדערן אַ טיפּיש בילד פֿון דעם, ווי אַזוי דער צדיקיזם האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער ייִדישער וועלט. זי איז פֿול מיט זשאַנערבילדלעך, וואָס שטעלן פֿאָר דעם שטייגער לעבן אין די גוט־ייִדישע הויפֿן.

## V

דורך די ייִדישע כּתבֿים פֿון יוסף פּערל זײַנען, אַזוי אַרום, דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור צוגעקומען ווערק פֿון אַ הויך קינסטלערישן ווערט, וואָס

געהערן צום סאַמע אָנהייב פֿון דער נייַער תקופֿה און וואָס זייַנען אָבער איבער הונדערט יאָר געבליבן פֿאַרהוילן פֿאַרן ייִדישן לייענער און האָבן בכן אין דער ייִדישער ליטעראַטור-געשיכטע קיין שום אָרט ניט געקאָנט פֿאַר־נעמען. זיי זייַנען צוגלייַך אַ ביז גאָר וויכטיקער שפּראַך־דאָקומענט, וואָס איז פֿאַר דער ייִדישער שפּראַכפֿאָרשונג אין העכסטן גראַד אָנגעלייגט. זי באַקומט דורך זיי אַ שפּראַכיקן מאַטעריאַל, וואָס זייַן חשיבֿות איז גאָרניט אָפּצושאַצן. צוזאַמען מיט נאָך אַ ווערק פֿון דער זעלביקער תקופֿה, וואָס איז ביז איצט געבליבן אומבאַקאַנט די ייִדישע פֿילאָלאָגן — חייַקל הורוויצעס „צפֿנת פענח“ [23], וועלן זיי געבן דעם הויפּט-מאַטעריאַל פֿאַר דער ייִדישער היסטאָרישער גראַמאַטיק און סטילפֿאָרשונג פֿאַר דער ערשטער העלפֿט 19טן י״ה. לויט דער שפּראַך שליסן זיך פּערלס כתבֿים אַרייַן אין אַ טראַדיציע־קייט וואָס גייט (אויב רעכענען נאָר די וויכטיקסטע שרייַבערס) דורך די שריפֿטן פֿון מענדל לעפֿין, חייַקל הורוויץ, יוסף פּערל, יצחק־בער לעווינזאָן, ישראל אַקסענפֿעלד, שלמה עטינגער, אַ. ב. גאָטלאָבער, יהושע ליפֿשיץ ביז דעם העכסטן שפּיץ פֿון דער דרום־ייִדישער שרייַבער-גרופּע — שלום עליכם. אויך מענעדלע מוכר־ספֿרים, הגם פֿון דער היים אַ ליטוואַק, האָט פֿאַרן יסוד פֿון זייַן שפּראַך גענומען די שפּראַך פֿון אָט דער גרופּע.

עס איז געוויס אַ בפֿירושער דיאַלעקט (ביז מענדעלען), און נאָך ניט קיין אַלגעמיין ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך. אָבער בעצם האָט זיך דאָך נאָך ביז איצט ניט אויסגעפֿורעמט אין גאַנצן די אַלגעמיין ייִדישע שפּראַך, מיט אַלגעמיין אָנגענומענע כּללים פֿאַר סטיל און גראַמאַטיק. אין דער נייַסטער ליטעראַטור, אין דער פּרעסע, אין שול האָט אמת דער ליטווישער דיאַלעקט די איבערהאַנט, און מיט אים האָט מען זיך על פּי רובֿ גערעכנט בייַם אייַנ־שטעלן, אַ שטייגער, די אָרטאָגראַפֿישע כּללים וואָס זייַנען איצט אָנגענומען. אויך ב. באָראָכאָוו, [24] וואָס האָט זיך אַ ביסל צו פֿרי פֿאַרמאָסטן אייַנצו־

---

23 ספר צפנת פענח חלק ראשון והוא דברי הימים וקורות העתים ממציאת ארץ החדשה שקורין אמעריקא אשר העתיק ה״ה הרבני הנגיד המפורסם מוהרר חייקל הלוי הורוויץ מק״ק אומאַן מלשון אשכנז על לשון דמשתעי ב״ה אינשי במדינתינו בלשון צח ונקי למען ירוץ כל הקורא בו וימצא מרגוע לנפשו. הובא לבית הדפוס ע״י הרבני המופלא מוהרר יוסקא היילפרין מק״ק אומאַן בן הרב הגאון המנוח מוהרר אליעזר ליפמן זללה״ה שהיה אב״ד בק״ק טרעבאוולי ובק״ק זבאריז: ועל ידי הרבני הנגיד מ׳ יעקב ב״מ צבי הירש הלוי הערשין זאהן מזה. מיט ערלויביניש איינר הערין פער אורדענטליכין קייזערליכין רוסישין צענזאר אין ווילניר אניווערסטעט דורך ר׳ מענדיל ריטין בארג אונד הערין פראפעסיר האדון גראדיק דע 15 פעבריארי 1817 בדפוס הרבני הנגיד מוהרר ישראל במוהרר אברהם ביק. תחת ממשלת אדונינו הקיסר אווסע פריסווייטלישי דערזאווניִשע וויליקע האסידאר אימפראטר אלכסנדר פאוולאוויטש סאמע דערזיטש אווסע ראסיסקי האסידר אווסע מילעסטיווישיע יר״ה. ברדיטשוב בשנת למציאות ארץ החדשה לפ״ק קפב (182) דפים — 364 זייַטן, קליין קוואַרט, אין צוויי שפּאַלטן, געזעצט מיט אותיות מרובעות. — אין דער ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ פֿאַראַן צוויי עקזעמפּלאַרן.

24 דער פּנקס, רעדאַגירט פֿון ש. ניגער, ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. א. קלעצקין, 1913, ז׳ 18.

שטעלן דעם איינהייטלעכן אויסלייג פֿון דער יידישער שפּראַך, האָט אָנגענומען
פֿאַר אַ יסוד דעם ליטווישן דיאַלעקט אין דער געשטאַלט, וואָס ער האָט בטעות
אָנגענומען פֿאַר דער „אויסשפּראַך פֿון ווילנער קאַנט". נאָר נ. פּרילוצקי[25]
האָט שוין דערוויזן מיט ראיות וואָס עס איז ניט גרינג אָפּצופֿרעגן, אַז דער
דרום־יידישער דיאַלעקט און דער מיטל־יידישער דיאַלעקט האָבן אין דער
אויסבילדונג פֿון דער אַלגעמיין יידישער ליטעראַטור־שפּראַך און אין איר לעקסי־
קאַלישן און סטיליסטישן באַשטאַנד געשפּילט אַ וויכטיקערע ראָלע, ווי דער
ליטווישער. די באַקאַנטשאַפֿט מיט פּערלס יידישע שריפֿטן איז עלול צו
פֿאַרשטאַרקן פּרילוצקיס הנחה.

ווי אַלע משכּילים וואָס האָבן געשריבן יידיש, האָט אויך פּערל ניט
געהאַט בדעה צו מאַכן פֿון יידיש אַ ליטעראַרישע שפּראַך. מיר האָבן
שוין אויבן געבראַכט זיין מיינונג וועגן יידיש בכלל — דאָס איז געווען ביים
סוף פֿון זיין לעבן, ווען זיינע יידישע ווערק זיינען שוין אַלע געווען אָנגע־
שריבן. אין זיין שרייבן יידיש האָט ער געוואָלט איבערגעבן דווקא די גערעדטע
שפּראַך ווי ווייט מיגלעך אין איר ריינער דיאַלעקטישער געשטאַלט, באַזונדערס
איז דאָס ריכטיק פֿאַר דער אָריגינעלער דערציילונג וואָס איז אָפּגעדרוקט
אין דעם באַנד כּתבים. דערין האָט ער אָפּגעהיט די טראַדיציע פֿון מענדל
לעפֿינען. אָבער שרייבן איז פֿאָרט ניט רעדן. אויב ביודעים וויל מען אַפֿילו
ניט שאַפֿן קיין ליטעראַטור, מוז מען ביים שרייבן ניט ווילנדיק קומען צו
ליטעראַטור. ווען מען פֿאַרגלייכט די שפּראַך אין די צוויי שריפֿטן פּערלס,
באַמערקט מען באַלד, אַז זי איז ניט אין גאַנצן גלייך אין ביידע, עס זיינען
פֿאַראַן היפּשע אונטערשיידן סיי אין דער אָרטאָגראַפֿיע, סיי אין באַנוצן
באַשטימטע ווערטער און סיי אין בויען דעם זאַץ, אין אויסדרוק, אין סטיל.
עס לאָזט זיך לויט אָט דעם פֿאַרגלייך אָנצייכענען אַ געוויסע עוואָלוציע, אַן
איבערגאַנג פֿון אַ גערעדטן דיאַלעקט צו אַ שפּראַך וואָס ווערט אונטער דער
האַנט פֿון מייסטער אַן אינסטרומענט און אַ מאַטעריאַל פֿאַר ליטעראַטור. דער
פֿאַרגלייך גיט אויך די מיגלעכקייט אויפֿצושטעלן אַ מער וויינ'קער זיכערע
השערה וועגן דעם סדר פֿון די ווערק אין דער צייט, הגם זיי האָבן ניט קיין
דאַטירונג.

דאָס ערשטע ווערק וואָס פּערל האָט געשריבן אין יידיש איז קענטיק
ניט די איבערזעצונג פֿון „מגלה טמירין", נאָר די אָריגינעלע נאָוועלע „גדולת
ר' וואָלף מטשארני אסטרה". ווי עס איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, דער־
מאָנט די דאָזיקע נאָוועלע לויט איר אויסדרוק־שטייגער דעם נוסח פֿון די
חסידישע סיפּורי מעשיות.[25] אין דער שריפֿט גייט פּערל אין גאַנצן אין די

[25] זע למשל זיין אַרטיקל „די יידישע בינעשפּראַך" אין „יידיש טעאַטער", רעדאַקטירט פֿון
ד"ר מ. ווייכערט, 1927, ז' 136 — 137.

[26] געמיינט זיינען די מעשיות בעל־פּה אָדער „סיפּורי מעשיות" פֿון ר' נחמן בראַצלאַווער.

וועגן פֿון מענדל לעפֿינען סײַ בנוגע דעם שפּראַכבאַנוץ און סײַ בנוגע דעם אויסלייג. מענדל לעפֿין האָט זײַנע איבערזעצונגען [27] געשריבן אַזוי ווי אין דירעקטן פּראָטעסט קעגן מענדעלסאָנס דײַטשער איבערזעצונג. ער האָט אויך איבערגעריסן אין גאַנצן מיט דער מלמדישער טראַדיציע צו פֿאַרטײַטשן דעם תּנך און מיט דער טראַדיציע פֿון די עלטערע ייִדישע תּנך-איבערזעצונגען, וואָס זײַנען געהאַלטן אין אַלט-ייִדישן סטיל, און ממילא אויך נעענטער צו דײַטש. לעפֿינס כּוונה איז געווען צו מאַכן פֿאַרשטענדלעך דעם טעקסט פֿון תּנך פֿאַרן ייִדישן פּראָסטן עולם, און דעריבער האָט ער אים איבערגעזעצט טאַקע אין זײַן שפּראַך. ער פֿלײַסט זיך צו שרײַבן אין אַ שטרענג אויסגעהאַלטענעם דיאַלעקט. איין סימן מובהק פֿון לעפֿינס ייִדישן סטיל, וואָס איז צו מערקן באַלד אַפֿילו בײַם אויבנאויפֿיקן לייענען, איז דער ברייטער באַנוץ פֿון סלאַווישע ווערטער, אַ סך אַ ברייטערער ווי אין דער איצטיקער ליטעראַרישער שפּראַך. אַ זעלכע סלאַוויזמען ווי אָסטאַפּיעט, אָפּבראַנין, גאָרליווען, וואָזשנע, זנאַטשען, טאָפּאָריסקי, מאָציווין, ספּאָסאָבים, סערדעטשנעקייט, קאָנעטשנע און אַ סך ענלעכע באַגעגנט מען זייער אָפֿט אין לעפֿינס איבערזעצונגען. די זעלביקע ווערטער, אפֿשר ניט אַזוי געדיכט, געפֿינט מען אין הורוויצעס „צפֿנת פענח“, אויך בײַ די איבעריקע שרײַבער פֿון דער אויבן דערמאָנטער דרום-ייִדישער גרופּע, אין די סיפּורי-מעשׂיות להר״ן, יהושע ליפֿשיץ האָט זיי אַרײַנגענומען אין זײַנע ווערטערביכער. „אין גדולת ר׳ וואָלף“ איז דער סלאַווישער עלעמענט כּמעט אַזוי שטאַרק, ווי אין לעפֿינס איבערזעצונגען, אין „מגלה טמירין“ זײַנען די סלאַוויזמען לפֿי ערך זעלטענער.

אין „מגלה טמירין“ ווענדט זיך פּערל בכּלל אָפּ פֿון די מוסטערן וואָס ער האָט געהאַט אין לעפֿינס שריפֿטן, און דער שטייגער שרײַבן זײַנער ווערט, ווי געזאָגט, אַ מער ליטעראַרישער. ער ווערט שוין נעענטער צו דעם שטייגער שרײַבן פֿון די שפּעטערדיקע ייִדישע שרײַבערס פֿון דער דערמאָנטער דרומדיקער גרופּע. אַ פֿאַרגלײַך צווישן די צוויי שריפֿטן וועט דאָס באַווײַזן. מיר נעמען קודם כּל דעם אויסלייג.

1. אין גר״וו [28] ווערט צום גרעסטן טייל, הגם ניט שטענדיק אויסגעהאַלטן, געשטעלט אַ ו דאָרט וווּ אין אונדזער אָנגענומענעם אויסלייג שטייט י; אין מג״ט טרעפֿט דאָס אויך, אָבער ניט אין אַן ערך זעלטענער, אַזוי אַז מען מעג דאָס דאָרט אַפֿילו רעכענען פֿאַר אַ גרײַז פֿון דעם איבערשרײַבער. [29] אין גר״וו האָבן מיר שרײַבונגען ווי: אַבוסל (ב׳סל), פּאָטור, גובל (גיבל),

[27] משלי שלמה, טאַרנאָפּאָל 1814; קהלת שלמה, רעפּראָדוקציע פֿון ייִוואָ, ווילנע 1930, לויט אַ כּתבֿ-יד פֿון יאָר 1819.

[28] גר״וו = גדולת ר׳ וואָלף מטשאַרני אסטרה; מג״ט = מגלה טמירין.

[29] עס איז דערבײַ צו באַמערקן, אַז אָפֿט מאָל בײַם לייענען דעם כּ״י איז מען אין ספֿק, צי מען האָט פֿאַר זיך אַ וואָו צי אַ יוד. אין אַזעלכע פֿאַלן האָט מען בײַם קאָפּירן געמוזט באַשטימען דעם אות לויטן אַלגעמיינעם כאַראַקטער פֿון דער שריפֿט.

פוצילך (פיצעלעך), אַרבוט, בוטערי (ביטערע), אנטשטולט, צישון, אויך צושן (צישן, צווישן). אַזוי איז אויך די שרײַבונג אין כ״י פֿון לעפֿינס קהלת־איבערזעצונג.

2. אָפּט ו, געמיינט וֹ, אָנשטאָט וי — טוג (טויג), גרוס (גרויס), שון (שוין) (אַמאָל שטייט אָבער אויך: שוין), אוף (אויף), אַזו (אַזוי).

3. אין גר״ו ווערט, פונקט ווי אין לעפֿינס קהלת־איבערזעצונג, געשריבן אַ ח דאָרט וווּ מען שרײַבט הײַנט אין ייִדיש אַ כ — רעחטי, רעחץ (רעכטס), עטליחע, גיטראַחט, אַחטונג, גלעחטער, טאָחטר, גיזוחט אאַז״וו; אויך וואַהחין (ווײַכן, ז׳ 237). אין גר״ו האָבן מיר די שרײַבונג: „לויחנדיק פארשונדל״ (ז׳ 236), אין מג״ט: „לויכינדיקער * יונג״ (ז׳ 13).

4. גר״ו שטימט אויך אין דער שרײַבונג מיט לעפֿינס איבערזעצונגען, וואָס אָפּט ווערן ניט־אַקצענטירטע ווערטער צוגעצויגן צום פֿריִערדיקן אָדער שפּעטערדיקן וואָרט, אַזוי אַז עס באַקומט זיך איין צונויפֿגעזעצט וואָרט. דאָ איז בפֿירוש קענטיק דער מיין אָבערצוגעבן די קלאַנגען ווי זיי הערן זיך בײַם רעדן, אַזוי אַז עס ווערט פֿאַרצייכנט די אַסימילאַציע פֿון די קלאַנגען. למשל: האָציך (האָט זיך), טיציך (טוט זיך), קעניס (קען עס), מעאויסיך (מען איז זיך), ספלייגציך (עס פֿלעגט זיך), וואָסי דאָס, ביסטיחיס (ביסט דאָך עס), רהאָציך (ער האָט זיך), מיהאָטום (מען האָט אים), אוזר (איז ער), סאָל (עס זאָל), דאַרפֿמן (דאַרף מען), געפֿונציך (געפֿינט זיך). דערבײַ איז צו באַמערקן, אַז אַזאַ שרײַבונג איז אויך קעגן דעם מינהג אין דעם אַלטן ייִדישן אויסלייג פֿון די ספֿרים, וווּ אפֿילו די פּרעפֿיקסן, וואָס מיר שרײַבן זיי צוזאַמען מיט די ווערבן, ווערן געשריבן באַזונדער. אַגבֿ באַגעגנט זיך אויך אַ מאָל די טראַדיציאָנעלע שרײַבונג. דערפֿאַר אָבער האָבן מיר אין גר״ו אַזעלכע צונויפֿזאַצן ווי: שדכנציך (שדכנט זיך), משוגעמאַחין, און אפֿילו: פֿרייטוגצינאַחץ. אין מג״ט איז קיין איינע פֿון די אויבן דערמאָנטע צונויפֿגעזעצטע שרײַבונגען ניטאָ. אין גר״ו געפֿינט זיך די שרײַבונג „צומוף״, „צימוף״ (צונויף), בעת ווען אין מג״ט און בײַ די איבעריקע דרום־ייִדישע שרײַבער ווערט דאָס וואָרט געשריבן לויט דער עטימאָלאָגיע ווי צוויי ווערטער: „צום הויף״ — אַזוי בײַ לעפֿינען, בײַ גאָטלאָבערן, בײַ אַקסענפֿעלדן אויך: „צום אויף״.[30]

5. די אַסימילאַציע פֿון די קלאַנגען אין דער גערעדטער שפּראַך גיבן איבער אויך אַזעלכע שרײַבונגען ווי „אָ גיפּירט״ (ז׳ 225, 226), „אָ גיזיחט״ (ז׳ 232), „אָ גיווישט״ (233) — אַנשטאָט „אָפּגעפּירט״ אאַז״וו (טשיקאַווע, וואָס דאָ גראָד ווערט דער פּרעפֿיקס געשריבן באַזונדער). דאָס איז אָבער ניט אויס־

---

* לויכנדיק — לײַכטנדיק, ליכטיק. אויך בײַ ש. עטינגער: „ניטאָ די לויכנדיקע סערקעלע״ (ד״ר שלמה עטינגערס כּתבֿים, צרויסג׳ מ. ווײַנרײַך, ווילנע 1925, ב׳ II, ז׳ 297).

30 ז. רייזען. פֿון מענדעלסאָן ביז מענדעלע, ז׳ 378. אויך אין דעם ווערטערבוך פֿון ליאַנדאָר (ווילנע 1827): צום הויף.

געהאַלטן אין „אָפּבראָנגין" (ז' 238). איין מאָל איז די אַסימילאַציע באַצייכנט אין דער שרײַבונג „וואָז זיין" (ז' 223) — אַנשטאָט „וואָס זײַן". די אַלע שרײַבונגען זײַנען פֿון גר"וו, אין מג"ט זײַנען אַזעלכע ניטאָ.

6. אַ טייל העברעיִזמען ווערן געשריבן ניט לויטן טראַדיציאָנעלן אויסלייג. דאָ קען האָבן געווירקט, חוץ דעם ווילן איבערצוגעבן אַט די ווערטער אין זייער יידישן קלאַנג, אויך די כּוונה צו ווײַזן די עם־הארצות פֿון די חסידישע שרײַבערס. מיר האָבן ניט בלויז שרײַבונגען ווי „אַ יאָם" (אין דעם טײַטש פֿון „אַ סך") — אַזוי געפֿינט מען אויך בײַ אַנדערע שרײַבער פֿון דער דרומדיקער גרופּע — אָדער מפֿורסים (מפֿורסם), מופליג (מופלג), גיאַקשנט (געעקשנט), רעביל (רבֿיל), נאָר אויך אַפּולי (אַפֿילו), יוחס (יחוס), אַפּיקורסיס (אפּיקורסות), גיחודישת (געחידושט), תניאַלך (תּנועהלעך), און אויך גבירה (גבֿורה), תּפיף (תּקיף), אמינות חכמים (אמונת חכמים), פסיל משפּחה (פּסול משפּחה), חוטה (חוטא). די דאָזיקע בכּיוון גרײַזיקע שרײַבונגען זײַנען אין גר"וו לפֿי ערך מער ווי אין מג"ט.

7. דער אומבאַשטימטער וואָקאַל אין די טראָפֿן פֿאַר און נאָך דעם דרוק ווערן איבערגעגעבן, אַזוי ווי אין טראַדיציאָנעלן אויסלייג, אַ מאָל דורך י און אַמאָל גאָר אָן אַ צייכן, אין מג"ט אַ מאָל אויך דורך ע: ווערין, וואָרין און וואָרן, פֿאַטור און פֿאַטער, גיוועזן און געוועזן, פֿרהאַגדן, פֿרלעגן. אין גר"וו ווערט אָפֿט ניט געשריבן קיין ע אין „ער": רהאָט און האָטר.

אין זײַן שרײַבן איז פּערל נאַטירלעך אויסן איבערצוגעבן די קלאַנגען פֿון זײַן דיאַלעקט, בכן באַדאַרף מען ו אומעטום לייענען i און אַ על פּי רובֿ u. כּדאַי אויפֿמערקזאַם צו מאַכן, אַז אין עטלעכע ערטער איז געשטעלט אונטערן אלף אַ חטף קמץ, כּדי אָנצוווײַזן, אַז מען דאַרף לייענען אָ. אַזוי איז געשריבן: אָביאַד — ז' 223, דער אויסרוף אָ — ז' 230, מאָדע — ז' 231, באָבאָניס, אָט — ז' 238.

די פֿאָנעטיק פֿון דעם דיאַלעקט גיבן אויך איבער אַזעלכע שרײַבונגען, ווי גען, געביר, אַם געכסטן, לעכט, לעכטיג, זעכיר (זיכער), ווערטיג (וויכטיק), אויסגערעכט (אויסגעריכט); דעך אָדער זעך (דאָך ענקליטיש); דרמאַנין (דער־מאָנען), אַרגיר, נומער אַרגיר (ערגער), שאַטהאַלץ (שיט האָלץ), וואהחין (ווײַכן), קאַרג (קאַרק), שמאַדילניג (־ניק), קעהרין (געהערן); אנימעלד (אויך אנימילטין).

אין פּרט פֿון לעקסיק איז קיין שום חילוק ניטאָ צווישן די צוויי ווערק. מיר האָבן אין ביידע דעם ווערטער־אוצר פֿון דרום־יידיש, ווי געזאָגט, געפֿינען מיר אַ גאַנץ גרויסע צאָל סלאַווישע ווערטער, אַלע געניצט אין דער ריידשפּראַך צום גרעסטן טייל נאָך ביז הײַנטיקן טאָג. על פּי רובֿ זײַנען זיי אַנטלײַען פֿון אוקראַיִניש און פּויליש, אַ קליינער טייל פֿון רוסיש: אַ שפּור פֿון דער רוסישער אָקופּאַציע פֿון טאַרנאָפּאָלער קרײַז (צום טייל געוויס אויך מיטן מיין איבערצוגעבן דעם לאָקאַלן קאָלאָריט, ווײַל דער פּלאַץ פֿון דער אַקציע איז

דאָך רוסיש=אוקראַינע). פֿאַראַן אויך אַ צאָל ווערטער פֿון ענגערן דיאַלעקט אָדער פֿאַרעלטערטע, ווי: אָפּלאָג — סטאַנציע, אָפּלעגער; אָפּשלאַק: האָט אַן אָ׳ — ווערט אָפּגעוואָרפֿן, האָט קיין חשיבֿות ניט; בײַאהאָר — לאַנגע האָר; בײַלויפֿערס — נאָכלויפֿערס; ביליע — אַ מין באַוועלן געוואַנט; בעז דינג (אויך גוט דינג) געמאַכט; בראָש — שיער ניט, אַזש; גיבל — לויבן אין גיבל אַרײַן; גלימערדיקער (גרימידיגער) פֿראָסט; גיפֿליגלוואַרק — עופֿות; דאַמניק — בלוטיקער (דמניק); דומעטוואַרג (דימענטן); האַרבעריג — אכסניא; הויז — פֿירהויז; הינערבעט — געווײַנטלעך: הינערפֿלעט; ווידער צד, ווידערפּאַרט — צד שכּנגד; טאַרטיס — אויפֿרודערונג („אַז עס קומט צו זייא אַפֿילו אַפּרחוואַטי קורדאַניר רבי ווערד צישין זיי אטארטיס גלײַך עס העט דאָ אָנגיקומין איך ווייס אַליין נישט ווער”); טרעסטליך; מאהלאכט — („מאהלאכט איז מיר טויזענד מאָהל ליעבר, מיר זאָלין גיהאָלפֿין ווערן דורך עפּיס אַנדערש”); נאַרדעטשאַך („איך וועל זייא אמאהל א טובֿה טוהן, אונ׳ דרפֿאר וועלין זייא זיך וויסן נ׳”); סטרעכאַן — בעכער; מיט אַלע פּולצן — מיט אַלע פֿליטערלעך; פּעקלמאַכער — גרענעצהאַנדלט מיט קאָנטרעבאַנדע; פּעקלגעלט — שוחד וואָס מען גיט די גרענעצבאַוועכטערס; פֿאָרטאָ פֿין — גלײַך פֿון; אַ פֿירזאָרג; פֿאַר נאַנט — באַ־ווּסט צום גוטן; ריץ רויט; רויסטײַטשיר (ראָסטווישער?) — פֿערד־הענדלער; שפּענדירן — אויסגעבן, פּטרן געלט; אויסגערעכטעוועט (אויכגעסדרט און א׳); אויסטריש — אויסטערליש.[31]

אויב פּערל באַנוצט אין עטלעכע ערטער פֿון מג״ט „אָב” ווי אַן אַרײַנפֿיר צו אַ פֿרעגזאַץ אָנשטאָט צי, איז דאָס אויך אַ שטריך פֿון זײַן דיאַלעקט. דאָס נעמלעכע איז דער באַנוץ פֿון „אי” — (וואָס ווערט אין אונדזער ליטעראַרישער שפּראַך באַנוצט נאָר אין אַ טאָפּל-פֿאַרבינדונג „אי — אי” — ווי „אַפֿילו”, למשל: „טויג ער דעך אודאי יוא, אי אָהן א דאָקטיר” (ז׳ 48); „האָט ער טאַקי חלעבין אי נישט אומרעכט”. אַן ערך דעם זעלביקן באַטײַט האָט דאָס ווערטל „פּאַק”: „וועט ער אונז פּאק נאָך אַ גרעסרר שונא ווערין” (ז׳ 133); „אַז מעוויל איז ער פּאַק אַ פּעקילמאַכער” (ז׳ 84) אאַז״וו. מיר באַגעגענען אויך די בינדווערטער פּאָר „ענטפֿער — אָדער” (ז׳ 70).

דיאַלעקטיש איז אויך דער באַנוץ פֿון עה (על פּי רובֿ שטייט: עהדער) עהנעכטין (אייערנעכטן), אייניקע מאָל עטץ: „ווען עטץ העט נור גיוואָלט, העט איר...” מיר טרעפֿן אויך אָפּטלעך די דיאַלעקטישע קאָניוגיר=פֿאָרם: מעדאַרף מיר (אויך מיר דאַרף מיר, ז׳ 171), מעהאָב מיר, מעוועל מיר, מעזאָל מיר, מעקען מיר, מיר רוף מיר (ז׳ 216), מיר העט מיר. די אַלטע קאָנדיציאָנאַל-פֿאָרמען: העט, העסטו, העטן — זײַנען אויך ניט זעלטן. נאָך אַ רעשט

---

[31] אַ טייל פֿון די סלאַווישע און אַנדערע ווערטער זײַנען פֿאַראַן אויך אין העברֿ: ישן טעקסט פֿון מג״ט, און פּערל האָט דאָרטן צוגעגעבן צום סוף אַ רשימה פֿון ווערטער מיט אַן אויסטײַטש.

פֿון אַן אָפּגעשטאָרבענער גראַמאַטישער פֿאָרם איז דער געניטיוו נאָך דעם ווערב „זיך אָננעמען" (ווי מיר באַנוצן די פּרעפּאָזיציע „פֿאַר"): „יוען נישט דער בעשט העט זיך אונזרר אָנגינעהמין" (ז׳ 94); „זיך מיינר אָננעהמין" (ז׳ 107); אָדער נאָך „פּטור ווערן": „איך בין דער וויינערינס פּטור גיוואָרין" (ז׳ 81). מיר געפֿינען דאָ אויך דאָס אַלטע וואָרט נערגיץ (ז׳ 143), וואָס די שפּעטערדיקע דורות האָבן דאָס געהערט ווי „אין ערגעץ" און געמוזט מוסיף זײַן די נעגאַציע „ניט"; אויך די קאָמבינאַציע איבֿדי (צו לייענען איוודי, פֿון „אוף די" — ש. בירנבוים): „איבֿדי חודש" (ז׳ 176). באַקאַנט איז: „איוודי וואָך" — די קומענדיקע וואָך. אַהער איז שייך אויך דער באַנוץ פֿון וואָרט דראָן (וואָס שפּעטער איז דאָס ע״פּ רובֿ פֿאַרשטאַנען געוואָרן ווי „דערין"): „אָב עס איז עפּעס דראָן" (118); „איך גלייב משונה דראָן" (120); „דערמאַנין זיך דראָן" (123); „זיך דראן אָנחאַפּין" (190).

פֿון וואָרטבילדונג איז כּדאַי אָנצוווײַזן אויף דעם שטאַרקן באַנוץ פֿון דעם סופֿיקס עכץ צו בילדן הויפּטווערטער, ווי: איבערבעטיכץ (201, 203), ביליכץ (163), דרינגעכץ (68), ענטלויפֿיכץ (207), פֿערשטעליכץ (119), שיקיכץ (87). ווײַטער האָט פּערל: אײַנדענקעניש (99) אָנשטאָט אָנדענק; פֿאַרצײַטיגשע, אומגיהיירשע; פֿרשוואַרצדיקע; משונהנער. מיר באַגעגענען די פּעיאָראַטיוו־פֿאָרמען: אַלמנהרע, גויישטשא, משוגעבערית, פֿאַטירע.

„פּשוט" ווערט גענוצט אָפּטמאָל ווי אַ הויפּטוואָרט, למשל: „איז דאָרט גאָר אַ פּשוט צווייא זילבערני ריבל צו נעהמן" (ז׳ 83 א״אַ). אויך אַנדערע אַדיעקטיוון ווערן אַזוי גענוצט, ווי: „האָט ער באַלד דעם פֿאַלש דערזעהן" (ז׳ 58). פֿון דעם ווערב „שאַצן" איז געוואָרן אַ הויפּטוואָרט אין: „דאָס האָט דאָך גאָר קיין שאַץ ניט" (ז׳ 68).

פּרעפּאָזיציעס און פּרעפֿיקסן צו ווערבן ווערן אַ מאָל גענוצט אין אַן אַנדער טײַטש, ווי מיר נוצן דאָס. למשל: האַלט מען זעהר אויף איהם (ז׳ 37) — אָנשטאָט פֿון; אַוועק זיצין (132) — אַנשט׳ אָפּ־; אויסגידאַוונט (244) — אַנשט׳ אָפּ־; דער פּריץ וועט מיך הייסן פֿרנעהמין פֿון קאָפּ ביז פֿוס (57) — אַנשט׳ אַרומ־; אויפֿברענגין דעם מנהג (190); האָט היא אַשם אײַנגעלייגט פֿר זעהר אַגרויסין צדיק (191) אאַז״וו.

צו לעצט נאָך אַ קליינער אָפּקלײַב פֿון אייגנטימלעכע אויסדרוקן: פֿרשטיפּט אַ קרימינאַל זאַך (48, 156); פֿון כּדי וועגין, נישט אין ערנסטין (145); איז איצט גאָר אַ גישפּעט (ד״ה אַ קלייניקייט, אַ חוזק) אין קורדאַן ספֿרים אַריין צי פֿוהרין (83); בילין די גאַל אויס זיך אַרויס (90); זענין מיר דאָ גיבליבין ווי אײַנגיזייפֿט (69); איך קען אײַך גאָר איבער פֿעלד נישט שרײַבין (165); האָב איך מיך פֿרלעגט דעם קליינעם צו בעקומין (100) (דאָס איז אפֿשר אונטער דער השפּעה פֿון דײַטש; מיר זאָגן: האָב איך זיך אָפּגעלייגט דערויף); זייא זאָלין זיך האַלטן גערינג (290) — ד״ה צום אַנטלויפֿן.

# VI

אויב אין דער לעקסיק און מאָרפֿאָלאָגיע איז כּמעט ניט צו פֿאַרצייכענען קיין אונטערשיידן אין ביידע ווערק פּערלס, [32] איז בנוגע דעם סינטאַקסיס צו באַמערקן אַ בפֿירושע עוואָלוציע פֿון גר״ו ביז מג״ט — אַן עוואָלוציע פֿון ריידסטיל צו שרײַבסטיל. אין דעם ערשטן ווערק איז דער זאַצבוי דורכויס אַ ריידשפּראַכיקער, שוואַך צוזאַמענגעהאַלטן, די זאַץ-פֿאַרבינדונג אַ גאַנץ לויזע, די זאַצן צום גרעסטן טייל נאָר קאָאָרדינירט, אָפּט אַפֿילו אָן בינדווערטער, סובאָרדינירטע זאַצן זײַנען זייער זעלטן. עס ווערט מיט דער מעגלעכער געטרײַקייט איבערגעגעבן דער שמועס פֿון אַ פֿאָלקסמענטשן וואָס האָט גאָרניט אָדער ווייניק צו טון מיט ביכער. אַזאַ מענטש רעדט געוויינטלעך אין קורצע, איינפֿאַכע זאַצן, שטעלט זיך אָפּט אָפּ אין מיטן אַ זאַץ אָדער הייבט גאָר אָן פֿון אַ סוף, און אויב עס קומט אים אַ מאָל אויס אַרויסצוזאָגן אַ קאָמפּלעקס זאַצן, זײַנען זיי ניט-געגלידערט, פֿאַרפֿלאָכטן איינער אין אַנדערן, אַז עס איז שווער זיי אָפּצוטיילן, אַרויסצוגעפֿינען, וווּ ענדיקט זיך דער הויפּטזאַץ און וווּ הייבט זיך אָן דער בײַזאַץ. דער געוויינטלעכער ריידער (ניט ווי אַ רעדנער) האָט ניט אין זינען באַוווסטזײַן איינציקע זאַצן אָנגעסילעוועט אין אַ לאָגישן צוזאַמענהאַנג, נאָר קאָמפּלעקסן פֿאָרשטעלונגען וואָס פֿאַרבינדן זיך צווישן אַנאַנד אין צופֿעליקע אַסאָציאַציעס. אויף איבערצוגעבן אָט דעם באַוווסטזײַן-אינהאַלט, ווי ער איז פֿאַקטיש פֿאַראַן, וואָלט ער באַדאַרפֿט אַרויסגעזאָגט ווערן מיט איין מאָל אין זאַצן, האַלבע זאַצן און איינציקע ווערטער. היות ווי דאָס איז ניט מיגלעך, רעדט ער אין דעם סדר, ווי די אַסאָציאַציעס פֿירן אים. ער איז קיין מאָל ניט בכּוח גובֿר צו זײַן אַן אַסאָציאַציע, זי איבערצורײַסן אויף אַ ווײַלע צוליב דער פֿאָדערונג פֿון לאָגיק, פֿאַרענדיקן איין געדאַנק און אומקערן זיך דערנאָך צוריק צו דער איבערגעריסענער אַסאָציאַציע. אין זײַן שפּראַך פֿעלן אָפּט מאָל בכלל די מיטלען דערצו, יענער אַפּאַראַט פֿון טײַט-און בינד-ווערטער, וואָס דינען דעם באַנוצער פֿון דער שרײַבשפּראַך צו אָרדענען זײַנע פֿאָרשטעלונגען אין אַ לאָגישער קייט. דער ריידער איז אויך ניט נוטה זיך צו פֿאַרלאָזן אויפֿן זיכּרון פֿון הערער. דעריבער מײַדט ער אויס צו פֿאַרבײַטן אינהאַלט-ווערטער (סובסטאַנטיוון, אַדיעקטיוון) דורך טײַטווערטער (ווי דער, אַזעלכער, דער ערשטער — דער לעצטער אאַז״וו), ווי דאָס איז דער מנהג אין דער שרײַבשפּראַך, וווּ דאָס פֿאַרשריבענע וואָרט בלײַבט פֿיקסירט פֿאַר די אויגן פֿון לייענער און ער שטויסט זיך גאָר גרינג אָן, אויף וואָס עס ווײַזן די טײַטווערטער, און פֿאַרקערט דאָס איבערחזרן די אינהאַלטווערטער וואָלט פֿאַר אים געווען אַ שטער. אין דער ריידשפּראַך טרעפֿט זייער אָפּט אַן איבערגאַנג פֿון אומדירעקטע רייד צו דירעקטע און צוריק, אָן אַ שום באַמערקונג.

[32] חוץ דאָס וואָרט ארענדאר; אין גר״ו: ראַנדאַריס (244), אין מג״ט: ארענדאר. (ליפֿשיץ פֿאַרצייכנט אין זײַן ווערטערבוך: רענדאר; אַקסענפֿעלד האָט אי רענדאַרעס אי ארענדאר). דאָס איז געוויס פֿאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער טענדענץ צו מאַכן די שפּראַך מער „ליטעראַריש“.



אַ זייַטל פֿון דעם כּתבֿ־יד פֿון „גדולת ר׳ וואָלף מטשאַרני אסטרה“ (פֿאַרקלענערט)

מיט דער דערלויבעניש פֿון דער פּערל־ביבליאָטעק אין טאַרנאָפּאָל

ווי אַ מוסטער פֿון אויטענטישער ריידשפּראַך, וואָס איז נאָענט אין צײַט און אָרט צו פּערלס שפּראַך אין גר״ו, קען דינען דאָס יִדיש פֿון ר׳ נחמן בראַצלאַווערס סיפּורי מעשיות, וואָס אַ קלײנער פֿראַגמענט פֿון דעם ווערט דאָ געבראַכט צום פֿאַרגלײַך.[33]

## ספּורי מעשיות, ז׳ 43

וויא דער מלך האט גיהערט זיינע רייד האט ער זיך צו גיבוגין זיינע אוירין צום פור האנג ער זאל הערין זיינע רייד ווארין עס איז ביי דעם מלך אגרויס וויגדר גיוועזן אז עס זאל זיך גיפינן אמענטש וואס ער זאל וויסין גאר דאס פאלטשקייט פון דער מדינה אונ די שרים האבין גיהערט זיינע רייד אונ זענין אוף אים זייער ברוגז גיוועזן האט זיך דער חכם אן גירופין מען וואלט גיקענט זאגין אז דער מלך איז אויך אזו וויא זיי אז ער האט ליב ליגינט אזו ווי דיא מדינה נאר אדרבא פון דאניט זעהט מען וויא אזו דו ביסט איין איש אמת אונ דער איבער ביסטו וויט פון זייא מחמת דו קאנסט ניט סובל זיין דעם שקר פון דער מדינה אונ האט אן גיהובין דעם מלך זייער צו לובין אונ דער מלך מחמת ער איז גיוועזן אגרויסער עניו ווארין אזו איז דער שטייגיר פון איין עניו אז וואס מער מלובט אים אונ מגרייסט אים ווערט ער אלץ קלענער ביי זיך מחמת דער חכם האט זייער גילובט אונ גיגרייסט דעם מלך איז דער מלך ארייו גיקומין אין גרוס ענווה אונ אין זייער קלייניקייט ארייו ביז ער איז גיווארין גאר נישט האט ער זיך נישט גיקאנט איין האלטען אונ האט אווארף גיטאן דעם פֿורהאנג ער זאל זעהן דעם חכם ווער איז דאס וואס ער ווייסט אונ פֿר שטייט דאס אלץ איז אנטפלעקט גיווארין דאס פנים פֿון דעם מלך.

וכשהמלך שמע דבריו כי היה תמות להמלך שימצא איש שיודע מכל השקרים של המדינה והשרי מלוכה ששמעו דבריו היו כועסים עליו מאוד והוא היה מספר והולך השקרים של המדינה ענה ואמר (החכם הנ״ל) והיה ראוי לומר שגם המלך כמותם שהוא אוהב שקר כמו המדינה אך מזה אני רואה איך אתה איש אמת ובשביל זה אתה רחוק מהם מחמת שאין אתה יכול לסבול השקר של המדינה והתחיל לשבחו מאוד מאוד והמלך מחמת שהיה עניו מאוד ובמקום גדולתו שם ענוותנותו כי כן דרך העניו שבכל מה שמשבחין ומגדלין אותו יותר נעשה קטן ועניו יותר ומחמת גודל השבח של החכם ששבח וגידל את המלך בא המלך בעניוות וקטנות מאוד עד שנעשה אין ממש ולא היה יכול להתאפק והשליך את הווילון לראות את אותו החכם מי הוא זה שהוא יודע ומבין כל זאת ונתגלה פניו.

דאָ האָבן מיר די ריינע ריידשפּראַך מיט אַלע שטריכן, ווי זי איז אויבן כאַראַקטעריזירט געוואָרן: איין זאַץ רײַסט זיך אַרײַן אין אַנדערן, איבערגאַנג פֿון אומדירעקטע רייד אין דירעקטע אָן הפסקה, איבערחזרונג פֿון אינהאַלטווערטער. ר׳ נחמנס תּלמיד ר׳ נתן וואָס האָט, ווי באַוווסט, געמיט זיך גאָרנישט משנה צו זײַן אין זײַן רבינס רייד, האָט קיין שום ווענדונגען פֿון אַ שריפֿטשפּראַך אין דעם טעקסט ניט אַרײַנגעטראָגן. אין דעם ווײַטערדיקן פֿראַגמענט, אַרויסגענומען פֿון מענדל לעפֿינס משלי־איבערזעצונג (אגבֿ די

---

33 איך האָב לײדער געהאַט נאָר אַ נײַע אויסגאַבע פֿון די סיפּורי מעשיות, ווארשע תרמ״א, מען מעג אָבער רעכענען, אַז אויב עס זײַנען פֿאַראַן שינויים לגבי די עלטערע אויסגאַבעס, זײַנען דאָס נאָר אָרטאָגראַפֿישע, אָבער ניט סטיליסטישע. — איך ברענג פּאַראַלעל די העברעיִשע איבער־זעצונג, ווײַל זי קען אינדז שפּעטער דינען צום פֿאַרגלײַך מיט פּערלס העברעיִש אין מג״ט און מיט זײַן איבערזעצונג.

איינציקע אָריגינעלע זאַצן אין ייִדיש, וואָס מיר פֿאַרמאָגן פֿון אים) זײַנען נאָך געגוג שטאַרק די שטריכן פֿון דער ריידשפּראַך, אָבער עס איז שוין פֿאָרט קענטיק די האַנט פֿון שרײַבער:[34]

„מדאַרף נאָר וואָס עס איז אין הוויות עולם גניט זײַן קעמן [קען מען] זעהן וויא פֿיל ערלייא מאדיס פֿעלן זיך נאָר צושן [צווישן] מענטשן און וויא איטליכן דאַכטסיך אָט צונד איז דיא רעכטי קלוגי פֿרומי וועלט אויף גשטאַניך. און וואָס פֿאַר אַנאַרנים דיא אַלט פֿרענקשי לייט זענין גוועין. און ווידר פֿאַר קערט אַז דיא אלטי זעהן דיא נייע מאָדיס בשעת זייא קומן אויף. דאַכט זיך זייא דאָס איז נאָר מעשה טיפּשות און שגעון וואָס אַרוח של שטות דיא יונגע נאַרנים צו פֿאַר בלענדן. און דיא זאַך איז נוהג בכל מיני עסקי האדם הן במילי דשמיא הן במילי דעלמא כנודע: אַז איטליכר זאַקלעפּיט זיך אזו זייעור און זיין מאדי דאכט זיך אים דאָס איז גאָר דאָס בעסטו.‟

די כּוונה צו האַלטן זיך ווי מיגלעך נאָענט צו דער ריידשפּראַך איז אויך קענטיק אין „גדולת ר׳ וואָלף‟, אָבער דאָ איז דאָס ניט אַזוי פּשוט, ווי אין ר׳ נחמנס מעשׂהלעך. דאָס שרײַבן איז דאָ שוין דערהויבן צו אַ קונסט. די ריידשפּראַך איז מיט אַ כּיוון סטיליזירט, אָבער עס איז בפּירוש ריידשפּראַך. אַנדערש אין דעם ייִדישן „מגלה טמירין‟. הגם וועדליג דער ליטעראַרישער פֿאָרם וואָלט דאָרט דער סטיל, ווי אַ בריווסטיל, געמעגט זײַן נעענטער צו דער ריידשפּראַך, איז ער דאָרט אויסגעהאַלטן ליטעראַריש, ווי פֿון אַ פֿולקום אַנטוויקלטער ליטעראַטור־שפּראַך. אין מג״ט קומט פּערל אין שפּראַך נעענטער צו שלום־עליכמען, ווי אַ שטייגער חײַקל הורוויץ אָדער אַפֿילו אַקסענפֿעלד. זיי זײַנען אויסגעצייכנטע בריוושרײַבער אין ייִדיש, אַלע פֿאַרשוינען פֿון מג״ט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז פּערלס חלק, וואָרעם זייערע אויטענטישע בריוו אין ייִדיש וואָלטן קיין מאָל אַזוי אין דער פֿאָרם ניט אַרויסגעקומען ווי בײַ פּערלען, און ער וואָלט ניט געקאָנט באַהויפּטן, אַז ער האָט זיי פּשוט איבער־געשריבן „בלשונם‟, ווי ער זאָגט דאָס מכּוח די העברעיִשע בריוו. די העברעיִשע בריוו האָבן טאַקע אין זייער סטיל קיין שמץ „ליטעראַטור‟ ניט, עס איז דורכויס ריידסטיל. אַן ערך אַזוי וואָלטן די פֿאַרשוינען גערעדט, אויב זיי וואָלטן גערעדט העברעיִש. און דאָס איז טאַקע געווען, ווי געזאָגט, די כּוונה פֿון דעם מחבר, דערין האָט ער אַרויסגעוויזן זײַן גרויסע מײַסטערשאַפֿט. ער האָט דאָ געמוזט דורכמאַכן אַ פֿאַרקערטן גאַנג, ווי אין דעם ייִדישן מג״ט: בעת אין ייִדיש איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון אַ ריידשפּראַך און געקומען צו אַ בוכשפּראַך, האָט ער אין דעם העברעיִשן „מגלה טמירין‟ אויסגעמיטן די בוכשפּראַך, וואָס ער איז צו איר געווען געוווינט ווי אַ משׂכּיל, און האָט געשריבן אין דער שפּראַך פֿון זײַנע פֿאַרשוינען.

דאָ זײַנען אויפֿן אָרט אייניקע באַמערקונגען וועגן דעם העברעיִש פֿון

---

34 משלי שלמה, טאַרנאָפּאָל 1814, הערה צו קאַפּ׳ ל פּסוק 11, בל׳ פּו—פּז

מג"ט. עס איז אָן ספק אַ שלעכט העברעיִש, אָבער עס וואָלט געווען ניט גענוי אָנצורופֿן די דאָזיקע שפּראַך (אַ שפּראַך איז דאָס געוויס: אַזוי האָבן מענטשן געשריבן און זיך צונויפֿגעשריבן) אַ פּאַראָדיע אויף העברעיִש. פּערל האָט דאָ גאָרנישט באַדאַרפֿט צוטראַכטן, ער האָט געשעפּט פֿון גרייטן. זײַן אויפֿטו אין „מגלה טמירין" איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט דעם דאָזיקן שפּראַכבאַנוץ געגעבן קאָנצענטרירט, צוגעפּאַסט צום אינהאַלט, אַזוי ווי עס טוט אַ טלעכער אַנדערער וואָרטקינסטלער. אין הונדערטער ספֿרים, אין אָן אַ שיעור בריוו און דאָקומענטן איז אָט די שפּראַך גענוצט געוואָרן און ווערט נאָך עד היום גענוצט. אויב מען מעג זאָגן, אַז העברעיִש האָט געלעבט בײַם יִדישן פֿאָלק אויך פֿאַר דעם נײַסטן פּרווו צו מאַכן דאָס אויפֿלעבן ווי אַ ריידשפּראַך, האָט עס געלעבט אין אָט דער געשטאַלט פֿון „פֿאָלקלאָריסטישן" העברעיִש, ווי מען וואָלט עס געקאָנט כאַראַקטעריזירן. און נאָך איצט קלינגט עס אַזוי אין ארץ־ישראל אין מויל פֿון דערוואַקסענע, וואָס קומען אַהין פֿון די יִדיש־רעדנדיקע קיבוצים, — אויף וואָס עס באַקלאָגן זיך, געוויס מיט רעכט פֿון זייער שטאַנדפּונקט, די קנאים און היטער פֿון דער העברעיִשער שפּראַך.[35] און דאָס איז נאַטירלעך. מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט אין גאַנצן אָדער צום גרעסטן טייל אין יִדיש — ווען זיי איז אויסגעקומען אין זעלטענע פֿאַלן אָנצווענדן העברעיִש, האָבן זיי געמוזט אַרײַנטראָגן אין דעם די גאַנצע סטרוקטור פֿון זייער געוויינטלעכער נוצשפּראַך, סײַדן זיי האָבן פֿאַרמאָגט גאָר אַ טיפֿע קענטעניש פֿון תּנך, דקדוק, מיטלעלטערלעכער פּאָעטישער און פֿילאָסאָפֿישער ליטעראַטור וואָס האָט זיי געקאָנט דינען ווי אַ רעגולאַטאָר פֿון אַ קאָרעקטער העברעיִשער שפּראַך.

עס וואָלט אפֿשר געווען אינטערעסאַנט אַ מאָל צונויפֿצוקלײַבן און צו קלאַסיפֿיצירן די אַלע פֿאַרגרײַזונגען פֿון העברעיִש אין באַנוץ פֿון די רבנישע און חסידישע שרײַבערס פֿון די לעצטע דורות. מען וואָלט דעמאָלט געקאָנט

[35] מוסטערן פֿון דעם העברעיִש זע, למשל, אין די יִוואָ־בלעטער, ב׳ V, ז׳ 80–84, אין אָפּט אין ארץ־ישראלדיקע צײַטשריפֿטן. — אגב האָבן אויך משכּילים אין זייער פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ גענוצט אַ שפּראַך וואָס איז געמישט פֿון דײַטש מיט העברעיִש. יוסף פּערל גופֿא האָט אַ מאָל אַזוי געשריבן (פֿר"גל די בריוו נומ׳ 5, ז׳ XXXVIII, און נומ׳ 9, ז׳ XLIV, אין י. ווײַנלעזס ציטירטער אַרבעט). ערשט גאָר אין די לעצטע 10—20 יאָר זײַנען העברעיִשע שרײַבערס בכּוח (אָן אויפֿטו, וואָס גרענעצט מיט אַ נס!) צו שרײַבן וועגן קאָנקרעטע זאַכן אין אַ קאָ־עקטן העברעיִש. פֿריִער איז דאָס ניט אַזוי געווען. אָט איז, למשל, אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון יאַמפּאָלע, אָפּגעדרוקט אין „המגיד" 1861, נומ׳ 49, ווו עס ווערן איבערגעגעבן די סימנים פֿון אַ יִדן אַ הרוג, וואָס איז געפֿונען געוואָרן ניט ווײַט פֿון דער שטאָט: „קאַפּאָטע שלמה... מצבע טונקיל, מתחתה קאַליקאָ שחור, קנעפּ ראַגאָווע [מעצם קטן]... גאַטקעס פּשתן לבן, מכנסים ליעטנע קאַרט בפֿצלות [שטרייפֿען] ממראה בלויא ארבע כּנפֿות טיכעלי שחור שעל הצואר, קאַמיזאָל מבגד וטוך דק שחור, חאַלאַט ליעטניע ציץ טונקול אַפּאַנטשי מן טוך סירע פּשוט שאַליק ארוך מצמר פּשוט גרין וטונקיל רוט, קאַפּשאַק גרין מטיטון בתי רגלים פּשוטים במסמרות שעל הרגלים"...

אַרויסברענגען די השפּעות פֿון די געהעריקע ריידשפּראַכן. מען וואָלט געקאָנט אויסטיילן, וואָס איז איבערגענומען פֿון די פֿריִערדיקע דורות און וואָס איז דער חלק, וואָס ייִדיש האָט אַרײַנגעבראַכט. פֿון אויבן אויף לאָזן זיך באַלד באַמערקן, חוץ די פֿרעמדווערטער, וואָס ווערן פּשוט איבערגענומען פֿון ייִדיש ווי זיי שטייען און גייען, און די ייִדישע ריידווענדונגען, איבערגעזעצט מיט העברעיִשע ווערטער, דאָס ניט־אָפּהיטן דעם באַנוץ פֿון די בנינים (ניט צו אונטערשיידן צווישן פּעל און הפּעיל וכדו׳) און די פֿולע איגנאָרירונג פֿון די אײַנשטים־כּללים (קיין אַכט ניט געלייגט אויף צאָל און מין). בפֿרט בנוגע דעם מין איז אײַנגעוואָרצלט דער ניט־העברעיִשער באַנוץ (אגבֿ דער מנהג ניט אונטערצושיידן דעם מין אין הויפּטווערטער אין העברעיִש איז אַ סך עלטער פֿאַר ייִדיש). [36] נאָר ניט דאָ איז דער אָרט פֿאַר אַזאַ שטודיע. דורך די ווײַטערדיקע בײַשפּילן, אַרויסגענומען פֿון חסידישע ספֿרים, בין איך אויסן צו ווײַזן, אַז פּערלס העברעיִש אין מג״ט איז נישט אַנדערש ווי דאָס העברעיִש פֿון די דאָזיקע ספֿרים.

פֿונעם ספֿר סדר הדורות מתּלמידי בעשט: לראות א״ע (זיך זען) עם הרבֿ הקדוש; ואם היה נתקרב הנפֿש אל הרוח אז היה הגאולה; שתהיה כל מעשיו; פגע בו אשה... און באַלד דערויף קאָרעקט: ואינו רוצה להסתּכּל בה; המה יעצימו את עיניו; הוא מישב בלבו; בקושי גדול הקיצו אותו.

פֿון דעם העברעיִשן טעקסט פֿון ספורי מעשיות להר״ן: הפציר אותו; חותם עצמו; ויש לי אבק היינו פּיל, הפּיל של הדרך של צדיקים; תולש קברים (רײַסט קבֿרים).

פֿון „מעשה צדיקים״ (דרוק לעמבערג): תועלת גדול; עשירות גדול; למה נברא האפּיקורסת והכּפירה; הלהיטה הגדולה שבוער כאש; לא תהיה האור יוצא מן הכלי.

און דער ספֿר מפּעלות צדיקים ברענגט אַ ייִדן שיִער נישט צו גילוי עריות. דאָרט שטייט אין איין אָרט: פּעם אחת הי׳ נצרך לחסיד אחד לישא את בתו (צו נעמען זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב; געמיינט להשיא).

ווען מען לייענט דעם העברעיִשן מג״ט, געפֿינט מען זיך לחלוטין אין דעם שפּראַכקרײַז פֿון אָט די ספֿרים. די עטלעכע בײַשפּילן באַווײַזן קלאָר, אַז פּערל האָט מיט רעכט געמעגט זאָגן, אַז ער שרײַבט „בלשונם״.

## VII

בכדי צו ווײַזן, ווי אַזוי פּערל האָט זיך געקליגט אָט דאָס „פֿאָלקלאָריסטישע״ העברעיִש איבערצוגעבן אין אַ קאָרעקטן, שיינעם, בילדערישן ייִדיש, און דערבײַ זאָל דער צוועק פֿון דער סאַטירע פֿולקום דערגרייכט ווערן, — האָט מיר אויסגעוויזן, אַז קיין בעסערער מיטל קאָן ניט זײַן ווי ברענגען פּאַראַלעל

36 צו ברענגען אַ פּאָר בײַשפּילן: טעות לעולם חוזר. אדער: זכותו יגן עלינו (מיט זײַן פֿאַראַדיע זכותו יגון ואנחה); די קאָרעקטע פֿאָרם „זכותו תגן״... וואָלט מן הסתם אויך פֿאַרן העברעיִשן פּוריסט געקלונגען פֿרעמד.

טעקסט־מוסטערן פוןביידע ווערסיעס. אָן שום ווײַטערדיקע פירושים וועט זיך אַרויסווײַזן פערלס שפּראַכקונסט. איך האָב די בײַשפּילן וואָס איך ברענג דאָ גרופּירט אין 5 אָפּטיילונגען: 1) פּשוטע איבערזעצונג, 2) איבערפורעמונג אין אַ ייִדישן סטיל, 3) דורך סטיליסטישע מיטלען פאַרשטאַרקט דאָס געפיל וואָס דאַרף אויסגעדריקט ווערן, 4) אײַנטײַטשנדיקע איבערזעצונג, 5) איבערגעבי־טענער סדר פון די זאַצן.

1) די בײַשפּילן פון דער ערשטער גרופּע ווײַזן בעצם די העברעיִשע ווערסיע פון מג"ט, ווי אַזוי זי איז געבויט אויפן יסוד פון ייִדיש. אָבער היות ווי די ייִדישע ווערסיע איז דאָך איבערגעזעצט פון אַ פאַרטיקן העברעיִשן טעקסט, איז פון דעם פאַרגלײַך באַלד קלאָר פערלס ניט־געוויינטלעכע קונסט פון איבערזעצונג און זײַן שפּראַך־מײַסטערשאַפט בכלל. די ווײַטערדיקע גרופּעס וועלן דעם ערשטן אײַנדרוק נאָך מער פאַרשטאַרקן.

| | |
|---|---|
| כי בודאי לא יסרב נגד הוויצעגובערנאטער | ווארין דעם וויציגיבערנאטיר וועט דעך דיין פריץ ניט מעיז זיין (ה) * |
| מחמת שהדבר נחוץ מאד | ווארין דער אינטערעס איז גאר קיין קאטאוויס נישט (ו) |
| ראיתי שהוא אוד מוצל מאש | האב איך גיזעהן, אז עס איז נור א פרברענטי האלאבני (ח) |
| והולך בבגדים נאים ועם פאטשעלי על הצוואר | און האט טשאקידעגי קליידר, מיט א האלז באנד (ח) |
| התנצל את עצמו | האט זיך פרענטפירט (ט) |
| בכה ממש לפניה | האט פר איהר ממש גיוויינט (י) |
| והי' מזל גדול שעשיתי זאת מהר | אונ' דאס איז נאך אלץ אונזר מזל גיוועזן וואס איך האב דעם אינטעריס געך גימאכט (י) |
| אגרת הידוע | דאס רעכטי בריבלי (יא) |
| אין אנחנו יכולין לסבול העגמת נפש שעושה לנו הביך הנ"ל | מיר קענין שוין דעם עגמת נפש פין דעם בוך גארנישט אויסהאלטין (יא) |
| קודם עלות השחר | מיט דיא זאריס (טו) |
| וכאשר אתן לו תודע | אונ' אזוי באלד איך וועל איהם מודיע זיין (טו) |
| אחר שלשה חדשים ילך הקאנטראקט של יעקל לסוף | נאך דרייא חדשים געהט יעקלין דער קאנטראקט אויס (טז) |
| מעלה עשן | לולקעציביך (טו) |
| להמיד אותו לכאן | מען זאל איהם אהער צו שטעלין (יח) |
| זאת הוא החתיכה מהשאוב של החלון אשר דרך אותו החלון קטן משאוב א' הזקתי את הגויה המכשפה | דאס שטיקל גלאז איז פין דער שויב אויס דעם פענכטערל, וואס אויס דעם קלייניס פענסטערל פין איין שויב בין איך אריין צו דער מכשפה אונ' האב זיא גישעדיגט (כ) |
| עזוב אותך על | פר לאז דיך אויף... (כא) |
| אני היה בעת הזאת מנושא מאד | איך בין דענצמאהל זעהר פרטראגין גיוועזן (כב) |
| טוב שיכור | גוט שיכור (כז) |
| ישכב את עצמו לארכו ולרחבו | וועט זיך לעגין דורך דער לענג אונ' דורך דער ברייט (ג) |

* די אותיות אין די קלאַמערן באַטײַטן דעם נומער פון די בריוו.

| | |
|---|---|
| אתם בעצמיכם חייבים לכם | דאָס זע׳ט איהר אייך טאַקי נור אליין שולדיק (נז) |
| המשקוף של הפרוזדור מבית ארענדאר בכפר סמוך פרסה קטנה לעיר ברעזני | דיא פּאַפּרעטשקי פֿין דעם אָדווירעק אין דער קרעטשמי, אַ קלייני מייל וייט פֿין ברעזני (סז) |
| היה חורג אותי על מיתה ח״ו | העט ער דעך מיך אודאי גיוועזן גיהרגת אויף טאד (צה) |
| האביו של הגויה הידוע | דער גויהס פֿאָטיר (צו) |
| החתיכה נר יוצא | דאָס שטיקל ליכט געהט אויס (קד) |
| ואחזה א״ע בזה השידוך בשתי ידים | האָט זיא זיך אָנגיחאַפּט אָן דעם שידוך מיט ביידי הענד (קו) |
| שעזבו אותי על פאריקי מהתפיסה | מען האָט מיך אויף ערבֿות אויס דער תּפֿיסה ארויס גילאָזט (קכא) |

2) על־פּי רובֿ אָבער באַנוגנט זיך ניט פּערל מיט אַ פּשוטער איבער־זעצונג. אין יידישן נוסח פֿעלט אים דאָך אין גאַנצן אָט דער מיטל פֿון קאָמישער ווירקונג, וואָס ער האָט אין דער פֿאַרגרייזטער העברעישער שפּראַך. אויב ער זאָל פּשוט איבערזעצן, וועט זיך באַקומען אַזוי צו זאָגן אַ נייטראַלער יידישער אויסדרוק אָדער זאַץ, וואָס וואָלט מן הסתם ניט געווען גענוג אויף צו שאַפֿן דעם געוווּנטשענעם עפֿעקט ביים לייענער. דעריבער לאָזט ער זיינע פֿאַרשוינען שרייבן אין אַ סטיל וואָס איז באַפּוצט מיט אַלע פֿליטערלעך פֿון דער איראָניע, וואָס דאָס פֿאָלקסטימלעכע יידיש פֿאַרמאָגט. דאָס לשון־קודש פֿון די בריוושרייבערס אין מג״ט איז לא די וואָס אַ גרייזיקס, נאָר בהכרח אויך אַ דאַרס און אַן אָרעמס, עס חזרן זיך איבער כסדר אַלץ די זעלביקע עפּיטעטן: גדול, רע, טובֿ אאַז״וו. אין דעם יידיש זייערן אָבער שלאָגט אַ קוואַל איינפֿאַלן, בילדער און עפּיטעטן. דאָס קאָמפּענסירט מיט אַן עודף דעם אָנווער אין קאָמיזם דורך דער קאָרעקטער שפּראַך.

מיר גייען איבער צו די ביישפּילן.

| | |
|---|---|
| היה בחדוה גדולה | איז זעהר אויפֿגיהויבן גיוועזן (א) |
| היא בריה נפלאה וחשובה אצל השר שלנו | זיא איז אַ בריה נפֿלאה אונ׳ איז ביא אונזר פּריץ גאָר דאָס אויג (ב) |
| מדבר סרה על ה׳ ועל משיחו, זו רבינו נר ישראל | רעד איבר שכם אונ׳ איבר יוסף, אויף גאָט אונ׳ אויף דעם רבין זאָל לעבין (ח) |
| אכתוב לך סימנים שבהם תכיר אותו | וועל איך איהם דיר אָבמאָהלין וויא ער שטעהט אונ געהט (ח) |
| עושו גושו חושו | שלאָפֿט נישט, לויפֿט, טוהט וואָס מעגליך איז (ט) |
| ויהיה ח״ו צרה גדולה | קען דערפֿין אַרויסקומין אַ גאַנץ שלימזל ניט מיט מיין מויל גירעד (ט) |
| יש סיפוק בידי לעשות מבוקשך על צד היותר טוב | קען איך דיר גאָר משונה בעהילפֿליך זיין (יג) |
| לכן נקבע אהבת הסוס בלבי | איבערדעם האָט זיך דאָס פֿערדל מיר אין הארץ איינגיבאַקין (טו) |
| כמעט נתבטלו החושים שלי | האָב איך גימיינט, איך פֿאַל אַנידער (טו) |
| והשיב לי בתרעומות | האָט ד״ר רבי זאָל לעבין אויף מיר אַ קרומין קוק גיטוהן און האָט מיר גיענטפֿערט (טז) |
| וגדלה התימה בעיני עד לשמים | ווייס איך שוין גאָר נישט וואָט צו טראַכטין (טז) |

לעשות כל מה שביכולתם
לצחוק על אנשים כשרים
הלא הוא דבר קטן בעינינו בעז"ה לעשות
גמר וסוף עם רשע עריץ כזה
זאת בוראי שקר
וסילקתי לו הסך הנ"ל בזמן המוגבל

בפעם אחר לא הייתי מפחד א"ע כל כך

ואמר שהקוויט מזויף

אתם אינם יודעים איזה רשע גזלן הוא זה השר

היה מכה על התוך עם צלצלים

והיה להבעשט תענוג גדול מזה

דבר ידוע
בתוך עם טמא שפתים אנכי יושב

להעריצו
וכמה בעלי בתים אשר היו אנשים פשוטים
והיו תמיד סרים למשמעתנו
עשו במדינתינו איזה מעשה קרימינאל

שהיה נראה להם שהם חכמות והמצאות גדולות
ואין אני מצער מה שיעשו עמי כי אני מקבל
עלי מה שיעשו, אך על זה אני מצער את עצמי

היה לי היזק גדול
עד שיוציא הדבר מכח אל הפועל

זייא זאלין ארבייטין אויף צלע זאסטאוויקיס (יז)
גויס עהרליכי יודן זיך קאמעזיעס צו מצכין (כר)
עפיס אמלאכה אזוי א הינד צו בעגראבין?
אויך מיר איין אינטעריס... (כד)
דער גאנציר אינטעריס איז' איין אנשטעל (כז)
איך האב איהם דעם טערמין אבגיפולוויט אונ'
האב איהם צו דער שעה זיין געלד אריין
גיבראכט אין שטיב אריין (לב)
איין אנדרטמאהל העט איך אויס דעם ימחשמוניק
מיך אויסגילאכט (לה)
אונ' זוכט זיך נאפאסציס, דער קוויט איז
פאלש (לו)
איהר ווייסט וואס דאס פר א גזלן פר א דאמניק
איז! (לט)
איז לעבין איהם מיט א פייקיל מיט גלעקליך
גיגאנגין אונ' האט איהם דעם טאקט צוגיפויקט
אונ' צו גיקלינגין (מה)
דער בעשט האט דא גימיינט דיא וועלט איז'
זיין, וואס עס איז' איהם דא אזוי גירא͏טהין (נז)
האט מען דעך אידאי נישט צו שמיסין (עא)
איך בין צישין לויטר דראביס, ניט איינר
ארעכטיר (עו)
צו שרייען, ער איז א גאט (ער)
א יצט פראסטי בעלי בתים, וואס פלעגין פון
אייביג אן נור אונז אין מויל אריין צו קוקין (צג)
זייא האבין אין אונזר מדינה פרשטיפט א קרימינאל
זאך (צט)
אונ' זייא האבין גאר דיא פינגיר גילעקט (קד)
איך האב מיך גאר נישט אין זין. זייא זאלין מיט
מיר טוהן וואס זייא ווילין הארט מיך גאר
נישט. נאר אויף דעם עס איך מיך זעהר (קכא)
העט איך גיוועזן שלעכט אבגישניטין (קכד)
ביז ער וועט עס ארויס ברענגין בולט וויא
בוימעהל אויף וואסיר (קלג)

3) פערל האט א נטיה אין יידיש אונטערצושטרייכן און צו פארשטארקן דאס געפיל. ער זוכט אויס שארפערע ווערטער, קלארערע בילדער, ער גיט צו ווערטער און גאנצע זאצן צום העברעישן נוסח, אלץ צוליב דעם צוועק. ווי געזאגט, פארמאגן זיינע פארשוינען אין זייער מאמע-לשון א סך א רייכערן לעקסיקאן ווי אין זייער העברעיש. אט האבן מיר למשל שילדערונגען פון אפעקטן צי פחד און כעס:

פחד את עצמו
יש לו פחד גדול מזה הדבר שלא יגיע לו ג"כ
רע ח"ו

האט ער דאס קדחת בעקומין (יב)
ער שרעקט זיך זעהר, דער פריץ זאל נישט צו
איהם זיין בעז הארץ אויסלאזין (לג)

אחז את המשרת יותר חרדה

אני מפחד מאד
השר בכעס גדול
נעשה זה הגזלן השר שלנו ברוגז עלינו מאד

מחמת שבלא זה יש להשר שלנו כעס על ר׳ יוסל פראדילס
בא השר מבילקע לכעס גדול
כאשר אמרתי זאת בערה בו אש הכעס לגמרי

כי השר מן הסתם בוודאי יכעוס עליו

דער משרת האָט גימיינט דער רוח נעמט איהם דאָ תיכּף אוועק (נז)
טראַכט איך איבר, איך ווייס אַליין נישט וואָס (קמה)
ער געהט אַרום גאָר גזלן (לה)
איבּרדעם איז אונזר פּריץ דער גזלן אויף אונז נאָך מעהר רוצח גיוואָרין (לה)
וואָרין אונזר פּריץ האָט אָהנדעם אַ חראָפּ אויף ר׳ יוסל (לה)
דאָס האָט דעם פּריץ משונה פֿרדראָסין (לו)
וויא איך האָב דאָס אַרויס גירעד האָב איך גימיינט טאַקי דער רוח נעהמט איהם אַוועק (טו)
וואָרין לעולם וועט ער פֿון דעם פּריץ פֿר שוואַרצט וועֿרדן (יד)

## אַנדערע בּײַשפּילן פֿון דעם מין:

ובאם שלא נכתב בהבוך שם המחבר, אפשר נמצא בו צורת המחבר כדרך הרשעים לרפוס צורתם בראש ספרי פסולים שלהם, ואז אם הוא אפילו ממדינה אחרת, אזי יסתכל רבינו בצורה שלו ויעניש אותו בראיה

והלכתי תיכף לפריידה
אולם בזה אני נגוע
התחילה להפציר אותי
ישפיל אותו עד לעפר

ועלה הרבה עשן מהלולקע

יש לי חרטה גדולה

ואיזה מהם מתו
הוא מחזיק בדיני השלחן ערוך ביותר

גם החרפה יהיה גדולה לנו

ונפל החץ רחוק להלאה

בא בעצמו לפייס את רבינו הקדוש

וישתומם הוויצעגובערנאטיר

ווען אַפֿילו אין בוך זאָל נישט שטעהן ווער עס האָט עס גימאַכט, וואָרין ער האָט דעך אודאי דאָס ניין יעהריגי קדחת פֿר דעם רבין זאָל לעבן, קען דעך זיין, זיין טריפֿה פּרצוף וועט זיין פֿאַרינט אויף דעם בוך אָבגימאָהלט, וואָרין אזוי איז בייא די רשעים דער שטייגיר. נוא אז דאָס איז, וועט ער אויך פֿרשוואַרצט ווערן. אַפֿילו ווען ער זאָל זיין פֿין אַ פֿרעמדר מדינה (א)
בין איך גילאָפֿין צו פֿריידה (ד)
נור ווירד מיר אַלי מאָהל אַלאָך אין הארץ (ז)
מאכט זיא מיך משוגע (ז)
וועט ער דעך איהם בעגראָבין טויזענד עלען אין דער ערד אַריין (טו)
אונ׳ האָט אַרויך אַרויס גילאָזט, אַז עס איז זיך אַמו־רא אָנגיגאַנגין (טז)
וואָס זאָל איך דיר זאָגין, איך עס מיר אַודאַי דאָס הארץ אויס (טז)
זייא זענין כּפּרה גיוואָרין (יז)
ער האַלט זיך אָן דעם שלחן ערוך שטאָהל אונ׳ אייזין (כו)
אונ׳ דיא חרפּה וועט דעך נישט זיין צום אויס־האַלטין (לה)
איז׳ דיר דיא פֿייל אַוועק גיפֿלויגין איפֿשר אויף אַ תח־ם שבת ווייט (כ־ה)
א־ז׳ ער אודאי גיקומין צום רבין זאָל לעבין אונ׳ האָט פֿר איהם כּורעים ומשתחוים גיוועןֿ, האָט דעם רבין זאָל לעבין שטאַרק מפֿייס גיוועז (מט)
וויא דער וויצעגובערנאַטיר האָט דאָס דרהערט האָט ער זיך אָנגיהייבין צו צלמין (ט)

| | |
|---|---|
| ולפעמים אמר לנו איזה דבר אשר כל עצמותינו תדשן | אז ער האט חשק בעקומין האט ער אונז עפיס א זאגיל גיטוהן, וואס מיר זענין דרפון דיק אונ׳ פעט גיווארין (ט) |
| ומילא אותו<br>הדברים עתיקים ועמוקים ומנושאים לעילא ולעילא | אונ׳ האט איהם אנגיגאסין פיל מיט דעם אויג (ס דיא טעמים זענין עפיס אזוינס וואס עס איז׳ נאך נישט גיהערט גיווארין זונט דיא וועלט שטעהט. זייא זענין בוקע רקיעים, אונ׳ נישט איטליכר מוח קען זייא פרטראגין (סב) |
| אני כופל ומשלש לך<br>גביר גדול מאד מאד | איך זאג דיר גיט איינמאהל — טויזינד מאהל (צג)<br>ער איז א שרעקליכר גביר (קטו) |

4) גאנץ אָפט גיט דער יידישער טעקסט אַ פאַרברייטערטע אויסטייטשונג דאָרט ווו דער העברעישער נוסח באַנוגנט זיך מיט איין וואָרט אָדער עטלעכע קאַרגע ווערטער. דאָס איז קודם כל דערפאַר, וואָס אין יידיש פילן זיך די בריוושרייבער פרייער און ווייזן אַרויס גאָר די רייכקייט פון זייער מאַמע־לשון, און אויך ווייל אין העברעיש קאָן מען זיך אויסדריקן קירצער, בפרט ווען עס גייט אין פסוקים. אָפט גיט דער יידישער טעקסט טאַקע אַ דרש פון פסוק צו אַ מימרא, בעת ווען דער העברעישער נוסח איז נאָר מרמז דערויף מיט אַ וכו׳. אָט זיינען עטלעכע ביישפילן.

| | |
|---|---|
| יש לי פרנסה בדיוח | אין הויז איז׳ דא פין אלים גוטין, א מזומניר גראשין דרעהט זיך אויך, א טרונק בראנפין א גוטיר איז׳ אוראי דא — הכלל עס איז׳ גיט (לב) |
| אעפ״י שכסף הוא רחמים, אך אית כסף ואית כסף, אית כסף בבחינת כוסף וזהו רחמים ואית כסף בבחינת נהמא דכסיפין | חאטשי זילבר איזט רחמים, זענין אבער פרהאנדין צווייא ערליי טייטשין פין דעם ווארט כסף. איין כסף איזט פין דעם שטייגר גליסטען (אין לשון הקודש הייסט כוסף גליסטין), דאס איזט רחמים. עס איז אבער ווידר פרהאנדין כסף וואס בעטייט שעמין, אזוי זאגט מען נהמא דכסיפין, דאס איז טייטש בראד וואס מען עסט מיט בושה, הייני בעטילבראד; דאס לאז גאט מציל זיין, דאס איז סאמיראדני דין (יט) |
| אמר זאת בלשון תימה | האט דאס גיזאגט מיט א ניגון ווי אז מעחידושת זיך איבער עפיס (לח) |
| ועמד לפניו כעברא קמי מארי | איז פר איהם גישטאנין — ווייס איך, אלאקייא פר זיין פריץ קען נישט מיט א גרעסערן דרך ארץ שטעהן וויא ער איז גישטאנין פר דעם רבין זאל לעבין (מ) |
| החוט יותר שוה מהרייף, מחמת שבכח החוט הלך החץ | עס איז׳ איין עולה: וויא קומט דיא רייף צום שנירל? דאס שנירל איזט דער עיקר, ווארום לעולם קומט דאך דער שטופ פין דער פייל נור פין דעם שנירל. אמת אז דער רבי זאל לעבין העט גיוואלט, העט דיא פייל גיפלויגן אי אהן דעם שנירל. ער האט דאך עס אבער נישט |

גיטוהן, ער האט טאקי דאס שנירל גיהאט, אונ׳ אז ער האט גיוואלט שיסין, האט ער טאקי בייאם שנירל אגאנץ גיטין ציה גיטוהן, אונ׳ דער בויגין איז׳ זיך גיוועהן וויא פריהר אונ׳ האט גאר נישט גיטוהן דרבייא. צום סוף וויל מען פרגלייכין דיא רייף צום שנירל (מה)

יותר טוב היה לו לישב במנוחה בקן שלו ולמה לו לפרוח, בפרט כשהולך גשם או כשהוא קר על העולם

וואס פליהסט עס פין אזוי א ווארמיר נעסט ארויס אהן איין אפענטשי, אהן אלים, אזוי אויף דער וועלט ארויס, בפרט אז עס געהט א רעגין, אדער עס איז׳ אגלימערדיקיר פראסט? וואס פליהסט דיא, שוטה, פין וואנין ווייסט דוא, אז דוא וועסט בעקומין צו עסין? (מה)

5) דער ליטעראַרישער סטיל פֿון דעם ייִדישן נוסח ווערט באַזונדערס קלאָר פֿון די ערטער, ווו פּערל האָט איבערגעביטן דעם סדר פֿון די זאַצן און זיי צונויפֿגעבונדן. אין דעם העברעיִשן טעקסט הערשט אין גאַנצן דער ריידסטיל. אָט זײַנען אייניקע בײַשפּילן.

באותו היום אשר הפאטשט באה אצלנו שלחנו את הפאקטיר מפאטשטמיינסטער ונתן להפאטשט-מיינסטער מתנה הגונה, ומסר לו האגרת השבא מהשר שלך להוויצעגוברנאטיר. ורצתי תיכף לר׳ יוסף פראדילס

מיר האבין דעם פאטשטמייסטיר דורך זיין פאקטיר א מתנה גישיקט, ער זאל דעם בריב, וואס פין דיין פריץ וועט אנקומין צום וויצעגובערנאטיר, צו נעהמין אונ׳ איהם אונז געבין, וכן הוה. וואס זאל איך דיר זאגין, וויא איך האב דעם בריב בעקומין, בין איך מיט איהם גילויפין צי ר׳ יוסל פראדילס (ח)

ורבינו הק׳ היה עשן לולקי עם ציבוק ארוך וטשאמביר טוב מאד על כתיפין, והלך בביתו אנה ואנה

העסט דוא גיזאלט זעהן דעם רבין זאל לעבין אין שטיב זיך ארום געהן אהין אונ׳ אהער מיט דער לאנגין לולקעצוביך אונ׳ זעהר א וואהלן טשאמביר אויף דעם אקסיל פרווארפין (ט)

מה מאד השכיל ר׳ גרשון וכמדומה שמחויב להיות מעט מיודעי חן שידע לשלוח שני פעמים ח״י זה׳

ר׳ גרשון האט זעהר גיט דינג גימאכט, וואס ער האט גישיקט צווייא מאהל ח״י זהובים, אונ׳ עס האט אפנים ער מוז זיין אשטיקל בעל מקובל (יט)

צחק ואמר בנענועת הראש

האט ער מיט דעם קאפף גישאקעלט אונ׳ מיט א גילעכטערל גיזאגט (כא)

אני אראה להלוות לי מעות על משכנות בכדי לסלק להרשע מרדכי מה שאני חייב לו

איך מוז זעהן צו טוהן וואס צו טוהן, איך זאל דעם רשע דאס מויל פרשטאפען. איך וועל מיר דעם קאפ פרזעטצין איהם צו צאהלין (לה)

ועל הגרענצין הוא בריה נפלאה מאד כי מחמת שהוליך כמה פעמים פעקליך נתן להם הרבה ממון ועשה היכרות גדול עמהם

אויף דער גרעניץ איז׳ ער אויך א בריה נפלאה, אז מעוויל איז ער פאק א פעקילמאכיר. וויא האב איך דאס א צעהנט חלק מיין אייגענס, וואס ער האט שוין דיא גרעניצלייט פעקיל-געלד איברגיגעבין. אויף דער גרעניץ ווערין זייא נאך איהם גאר דיא כפרה (נה)

עס איז נאָך ניט מיגלעך געווען צו געבן אַן אויסשעפּיקן און סיסטע־מאַטישן איבערבליק איבער פערלס יידישער שפּראַך, ד"ה בעצם אַ היסטאָרישע גראַמאַטיק פון יידיש אין אָנהייב 19טן י"ה. דאָס וועט קאָנען געטאָן ווערן נאָכן אויספאָרשן אַלע יידישע שריפטן פערלס. עס דאַרפן אויך פריער אויסגעפאָרשט ווערן אַלע איבעריקע יידישע שריפטן וואָס זיינען געבליבן פון יענער צייט, און עס דאַרף אויך געזאַמלט און סיסטעמאַטיזירט ווערן דער שפּראַכיקער מאַטעריאַל פון דעם אוקראַיניש־יידישן דיאַלעקט. לאָמיר האָפן, אַז עס וועט קומען אַ צייט דערפאַר אויך. בכל אופן גיט פאַר די פאָרשער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אויך די איצטיקע אויסגאַבע פון פערלס כתבים אַן אָנגעלייגטן מאַטעריאַל.

# מגלה טמירין

## א. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבר פין זאלין צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר אין קריפען

נעכטין נאָך מעריב האָב איך מיך בייאם רבין זאָל לעבין פרזוימט אונ׳ האָב צוגעהערט זיינע ציקערזיסע ווערטער, אונ׳ האָב משונה גרויס תענוג גיהאַט, וואָרין דער רבי זאָל לעבין איז נאָך דעם דאַבנין זעהר אויפגיהויבן גיוועזן אונ׳ דער שמיס זיינר איז גיוועזן מיט שרעקליך דביקות וויא זיין שטייגר איז תמיד. מעגסט מיר גלייבן, איך האָב פין זייני זיסע ווערטער אונ׳ פין זייני אינטערעסליך מימז דעם עבירשטענס הילף מעהר גילערנט, וואָס אַ מענש קען לערנן פין דער תורה וואָס מעהערט פין איין אַנדערן רבי. אונ׳ איך ווייס אין מיר, איך העט בודאי נישט מיעד גיוואָרן איהם עטליכי טאָג דורך איינאַנדר אַזוי צוציהערן, נישט צו עסין אונ׳ נישט צו טרינקין. נור דער רבי זאָל לעבין האָט גיוואָלט רייכערן דיא לולקי אונ׳ געהן אין בית הכסא אַריין, האָב איך איהם דרלאַנגט די לולקי, אַ קויל פייער האָט מיר איין אַנדערר אויסגיחאַפט. איך בין גיגאַנגין דיא לולקי געבין, האָט זיך איין אַנדרר מקדים גיוועזן, אונ׳ האָט גיבראַכט דיא קויל פייער, וויא איך האָב גיזעהן דער רבי זאָל מאריך ימים זיין האָט קיין חשק נישט, איך זאָל איהם בעלייטן אין בית הכסא אַריין, בין איך אַהיים גיגאַנגין מיט גרויס שמחה, וואָס איך האָב די זכיי׳ פין דעם רבים לייט צו זיין אונ׳ וואָס דער עבירשטער האָט מיר גיהאָלפין היינט אַזאָלכע הייליגע ווערטער פין דעם רבין צו הערן.

וויא איך בין אַהיים גיקומן, האָט מיר מיין ווייב אַ בריבל אָבגיגעבן וואָס איין אורח פין דיין שטאָד האָט גיבראַכט. וויא איך האָב דיין כתב דרזעהן, האָב איך נאָך מעהר תענוג גיהאַט. וויא איך האָב אָבר נור אָנגיהויבן דאָס בריבל צו לייאנן, האָט מיך אַ ציטרניש אָנגיחאַפט, וואָס דיא שרייבסט מיר, אַז בייא אייער פריץ איז דאָ אַ טריפה פסול וואָס מעהאָט איהם געשיקט פין דעם קורדאָן, וואָס אימצר האָט דאָרט געדריקט אַקעגין דיא גוטע יודן אונ׳ אַקעגין אונזרי לייט, אונ׳ ווערליג וויא דוא שרייבסט מיר זאָל דאָס בוך פיל זיין מיט רשעות אונ׳ מאַכט זיך אַ גילעכטר אויס אַלי אמתי גיטע יודן. ווען נישט דוא העט עס גיוועזן מיר גישריבן, העט איך עס בשום אופן נישט

גיוועהן גיגלייבט. וואָרין נאָך מיין שכל נאָך דאַכט זיך מיר, אַז עס איז אַ אונמעגליכקייט, אַז איצט וואָס עס איז משונה נאָהנט צו משיח׳ס צייטן (א) אונ׳ וויא דיא גאַנצי וועלט זעהט בחוש אַזוי קלאָר אונ׳ אָפן די נסים אונ׳ דיא וואונדר וואָס אונזרי צדיקים בעווייזן כמעט אַלי האַלבי אויגענבליק, בייא זייא איז דעך גאָר קיין אונמעגליכקייט פרהאַנדן. וואָס דאַרף איך זייא צו לויבן, ווער ווייסט דען דאָס נישט? דיא צייטן זענין שוין לאַנג נישט דאָ, אַז עס האָט זיך גיפינין יודן, וואָס האָבין מיט אונז נאָך גיקריגט. ציינד ברוך השם ווייסט שוין יונג אונ׳ אַלט, קינד אונ׳ קייט, וואָס פר אַכח אונזרי גוטי יודן האָבין. מען האָט ברוך השם גיזעהן גאַנץ עפענטליך וואָס פר אַשוואַרצי מפלה אַלי אונזרי שונאים האָבין אייגגינעהמן. ווער ווייסט דאָס איצט נישט, אַז אויף דער וועלט איז טאַקי נישט מעהר פרהאַנדין נור אונזרי לייט, אונ׳ אונזרי גיטי יודען קענן טוהן וואָס זייער האַרץ גליסט נור אַליין, אונ׳ זיי נעטהין גאָט, ער זאָל דאָס טוהן, וואָס זיי ווילין, אונ׳ מיט איין זאָג איברקעהרן זייא וועלטין (ב). מילא איז זשע עס יוא צו גלייבן, אַז איצט זאָל זיך אימצר דאָוואַזשין אַקעגין זייא אַבוך צו מאַכין אונ׳ זאָל עס דריקן לאָזין. ווייסט דען דער פאַרשיווע מחבר נישט זעהר גוט, אַז דער רבי זאָל לעבן וועט נור ווילין וועט ער דעך איהם אויסרייסן מיט דעם וואורצעל. ער האָט דעך אויף דער וועלט דיא ממשלה וויא אַמלך. מילא אונטרשטעהט זיך אַזאַ אַמנוול אַ בוך צו דריקן אַקעגין אַ מלך (ג). דער אינטעריס האָט מיך אַזוי בייאם האַרץ אָנגיחאַפּט, אַז איך העט גאָר גרינג גיקענט קומן אין עצבות (טרויאיריגקייט), נור דער תענוג וואָס איך [האָב] פריהר גיהאַט בייאם רבין זאָל לעבין, אונ׳ דער טרונק בראָנפין, וואָס איך האָב גיטוהן נאָך דיין בריבל, האָבין מיר פרטריבן דאָס עצבות, אַז עס איז נישט גיבליבן בייא מיר אַפיטצעלי איבריג.

נור פין דעסטוועגן מוסט דוא וויסן, מוזין מיר טוהן מכח דעם בוך, וואָס נור מעגליך איז. לעת עתה האָב איך מורא דעם רבין פין דעם בוך צו דרצעהלין. ער קען דרפון ח״ו האָבין איין אויגנבליק עגמת נפש. חאָטשי ער האָט שוין אודאי גיהערט דיא מעשה אויף דעם הימל, פין דעסטוועגין קען גימאָהלט זיין, אַז ער וועט דאָס הערין אויף דער וועלט, וועט ער דרפין פאָרט עגמת נפש האָבין, אונ׳ ווידער האָב איך טאַקי מורא, אַז איך וועל עס איהם זאָגין, האָט איהם אַברירה אויסצוקומין, ער זאָל זיך אַליין נוקם זיין אָן דעם מחבר, ווייס איך ער וועט איהם איפשר פרברענין דורך דעם שר פין דער תורה (ד) אונ׳ דעסגלייכין, אונ׳ לעולם העט איך דעך גערן מיר זאָל מיר דעם רשע זעהן אונ׳ מיר זאָלין זיך אָן איהם נוקם זיין. מיר העטמיר דעך אַזוינים צעריסן אויף פוטצליך. אונ׳ ווען אפילו מען קען דאָס נישט, ציינד מען אַזוי אַ בחור גאָר אונטער, איז איין עק מיט איהם אונ׳ מיט זיין בוך. על כן וויל איך הערן, וואָס דוא מיינסט, צי זאָל איך איהם טאַקי וויטער נישט זאָגין אונ׳ מיר זאָל מיר דאָס אונזריגי [טוהן], צי זאָל איך איהם יוא

זאָגין אונ׳ איהם בעטין, ער זאָל אונז דעם בחור איבערגעבין, מיר זאָל מיר אים אַ משפט טוהן.

קודם לכל מוסט דוא זעהן צי טוהן וואָס מעגליך איזט, דאָס בוך צו בעקומין. מיר זאָלין דרווייל וויסן, וואָס אין דעם שלימזל שטעהט אַזוינס. אונ׳ הײנטשי ווידר, זאָל מיר וויסן וויא עס הייסט, כדי מען זאָל הייסן אונזרי לייט, זאָלין עס אויסקויפן, אונ׳ עס פרברענין צו אַלדיא שוואַרצי יאָהר, עס זאָל זיין נאָמין נישט געדאַכט ווערדען אויף דער וועלט. אונ׳ חוץ דעם אַלעם מיר זאָל גיוואָהר ווערן, ווער דער הינטישי מחבר דרפין איזט, מעזאָל איהם אָנלערנין. ווען אפילו אין בוך זאָל נישט שטעהן ווער עס האָט עס גימאַכט, וואָרין ער האָט דעך אודאי דאָס ביין יעהריגי קדחת פר דעם רבין זאָל לעבין, קען דעך זיין, זיין טריפה פרצוף וועט זיין פּאָרינט אויף דעם בוך אָבגימאָהלט, וואָרין אַזוי איז בייא די רשעים דער שטייגיר. נוא אַז דאָס איז, וועט ער אויך פרשוואַרצט ווערן. אפילו ווען ער זאָל זיין פון אַ פרעמדר מדינה. דער רבי זאָל לעבין וועט נור זיין טריפה פרצוף אָנקוקין, וועט ער שוין מעהר נישט דאַרפין, מען וועט אויף איינמאָהל נישט וויסן וויא ער איז אַהין געקומין. מילא זייא זשע למעה״ש נישט פויל אין דעם אינטעריס, זעה צי בעקומין דאָס בוך אונ׳ שיק עס מיר. ודו״ל.

עיקר שכחתי. פראַכטאָגין שבת איז ביי אונז גיוועזן איין אורח פון דעם קורדאן פין דעם לובלינרס לייט. ער האָט דעם רבין פין דעם לובלינר אַ גרוס גיבראַכט מיט עטליכי נגונימליך, אונ׳ דער רבי זאָל לעבין האָט צו זיי צי גימאַכט נאָך עטליכי פעל, און האָט זייא ערש[ט] גימאַכט פר רעכטי נגונים, אַז דוא וועסט אי״ה זיין בייא אונז, וועסט דוא תענוג האָבין דרפין, וואָרין דוא וועסט דרפון זעהן, אַז דער רבי זאָל מאריך ימים זיין איז טאַקי דער מלך צווישן אַלי צדיקים (ה).

## ב. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

דיין בריבל האָב איך מקבל גיוועזן, אונ׳ האָב דרפין תענוג גיהאַט טאַקי מעין עולם הבא, וואָס איך האָב גיהערט פון דעם רבינס גיזונד אונ׳ פין דיין גיזונד. איך בעט דיך טאַקי זאָלסט מיר תמיד שרייבין פין אייער גיזינד אונ׳ פין אייערי מעשים טובים. מכח דעם בוך, וואָס דיא שרייבסט מיר איך זאָל דיר מיין דעה שרייבין, אָב מען זאָל דעם רבין דעם צדיק דרפון זאָגין, דאַכט זיך מיר, מען זאָל דעם אינטעריס טאַקי ווייטער האַלטין בסוד, ביז מען וועט זעהן, אַז עס איז קיין ברירה נישט, מען מוז איהם זאָגין, וואָרין עס איז דעך מעגליך, אַז מעהאָט אים הימל דעם רבין דרפון

נאָך נישט גיזאָגט, (א) האָב איך טאַקי מורא, אַז ער וועט דאָ אויף איינמאָהל פון דעם אינטעריס אויף דער וועלט גיוואָהר וערן, וועט ער דעם מחבר פלוטצלינג אויסרייסען מיט דעם וואורצל, אונ׳ מיר וועלין דעם הונט דעם מחבר גאָר נישט טוהן קענין. מילא איבער דעם איז בעסיר טאַקי וויטר דעם אינטעריס בסוד צו האַלטין.

דאָס בוך צו בעקומין האָב איך שוין ניט איין המצאה גיטוהן, אונ׳ האָב עס נאָך נישט גיקענט בעקומין. איינמאָהל האָב איך מיר אַמוסטני אַשמוס דרפין גימאַכט מיט שלמה, מערופט איהם ביי אונז שלמה אומניר, הגם ער איז זעהר אַ גרויסר בעל תאוה אונ׳ האָט גאָר קיין יראת שמים נישט, ער איז דעך אָבער פאָרט בייאם רבין דעם צדיק אַ גרויסר מקורב, אונ׳ גיט אי געלד דעם רבין, אונ׳ דרצי איז ער אַ גוטר ברודר, האָב איך פין דעם רבין אַ גרוס אָבגיגעבן אונ׳ האָב איהם אַ בעט גיגעבן מכח דעם בוך. האָט ער מיר ציגיזאָגט צו רעדין מיט זיין קרובה פריידה ר׳ אייזיקס, זי איז אַ בריה נפלאה, אונ׳ איז בייא אונזר פריץ גאָר דאָס אויג, זי זאָל בעקומן דאָס בוך, אַז זיא וועט זיין בייאם פריץ, אונ׳ האָט אַודאי וואָרט גיהאַלטין. וואָס דאַרפסט דוא מעהר, אין צווייא טאָג דרויף בין איך גיוועזן בייא פריידה, האָט זיא מיר דאָס בוך גיגעבין, וואָס זיא האָט אַנאַכט צופאָר, וויא זיא איז גיוועזן בייאם פריץ, בייא איהם גיגנבת. האָב איך דאָס בוך גינעהמן אונ׳ האָב עס גיוויזן מיין איידימל, וואָס איז אַ קורדאנר און האָט דאָרט גילערנט אין דיא דייטשירישי שקאָליס. אונ׳ חאָטשי ער האָט מיט דעם עבירשטענס הילף דאָס ביסל וואָס ער האָט דאָרט גילערנט גאַנץ פרגעסין, פון דעסטוועגין קען ער נאָך דיא דייטשי אותיות, אונ׳ קען נאָך גאַנץ גוט דרקענין דעם חילוק פין דייטשי אותיות צי אַנדרי. וויא ער האָט נור אַ קוק גיטוהן אויף דעם שער פין דעם בוך, האָט ער מיר גיזאָגט, דאָס בוך איז נישט אַדייטשיריש בוך, וואָרין ער האָט אויף דעם שער גיזעהן איין אות, וואָס בייא זייא איז עס אַחית (ב) אונ׳ שטעהט אין דעם אָנהעב פין אַוואָרט, אונ׳ דאָס איז אַזאַך, וואָס איטליכר ווייסט, אַז בייא דיא דייטשין העבט זיך קיין שום וואָרט נישט אָן מיט אַ חית, וואָרין אַ דייטש זאָגט דיר תמיד פר אַ חית אַהא. אָט למשל, חיים, זאָגט ער היים, חייה, הייה, חזקאל, האַזקל, אונ׳ אַזוי תמיד. אונ׳ ווידער האָט מיין איידימל גיזאָגט, ער ווייסט אָהן דעם בבירור, אַז דאָס גאַנצי וואָרט, וואָס ער האָט גיזעהן אויף דעם שער, וואָס עס העבט זיך אָן מיט אַ חית, איזט נישט אַ דייטשעריש, איפשר אַ לאַטיינישיס (ג). איך האָב דעך אָבער גאַנץ גוט גיוויסט, אַז דאָס שלימזלדיקי בוך איז אַ דייטשעריש, בין איך דעך גאָרניש מסופק גיוועזן, אַז דאָס בוך וואָס פריידה האָט בעקומין איז נישט דאָס רעכטע, האָב איך עס איהר צוריקגיגעבן, זיא זאָל עס דעם פריץ ווידער שטילרהייד אָבגעבין, נאָך עה ער וועט זעהן, אַז עס פעהלט איהם אַ בוך, וואָרין אַזוי באַלד ער וועט זעהן אַז עס פעהלט איהם אַ בוך, וועט ער די איבריגי גאַנץ גיט פרשליסן, אונ׳ זיא וועט שויז דרנאָך נישט קענין גנבנין דאָס רעכטי בוך. אַז זיא וועט

אָבער דאָס בוך פריהר אָבגעבן, וועט זיא מן הסתם בודאי איין אַנדירסמאָהל טאָקי דאָס רעכטי בוך קענין גנבנין.

וויא איך האָב אָבער גיזעהן, אַז עטליכי טעג זענין אַוועקגיגאַנגין וואָס פריידה איז נישט גיוועזן בייאם פריץ, האָב איך אַ שמיס גיטוהן מיט דעם סלאַבודשיקר אַרענדאַר, זיין פריץ איז אַ פריינד מיט אונזרן, אונ׳ איך וויים זיינר דאַרף תמיד געלד, האָב איך דעם אַרענדאַר גיזאָגט, ער זאָל דעם פריץ זיינים צי זאָגין, פין זיינטוועגין געלד אויסצוזיכן, אונ׳ אין שמיס זאָל ער צי רעד ברענגין פין דעם בוך, וואָס בייא אונזר פריץ איז דאָ, אונ׳ ער הערט מעלויבט עס משונה, אונ׳ זאָל זעהן איהם אַחשק צו מאַכין דאָס בוך צו לייאנין, אונ׳ אַזוי באַלד דער סלאַבידשיקר פריץ וועט עס זיך נור לייהן, קען מיר זיך אויף דעם אַרענדאַר פרלאָזין, אַז ער וועט עס אודאי בעקומן אונ׳ וועט עס אונז ברענגין. איך האָף, עס וועט אַודאי רעכט זיין. זייא גיזונד.

## ג. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער צי ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר.

וואָס טוהט זיך דאָס מיט דיר. נאָך האָסט דוא דאָס בוך נישט בעקומן. איך האָב דיר שוין לאַנג גישריבן, אַז עס איז קיין קליינר אינטעריס נישט, אונ׳ דיא האָסט נאָך ביז אַהער גאָר נישט גיטוהן. איפשר ביסט דוא ח״ו פויל דרבייא, מוס איך דיר נאָך אַמאָהל זאָגין, האַלט דיר דעם אינטעריס נישט פר גרינג. איך הער, דאָס בוך האָט אויפגיבעריט אַלי פריצים וואָס לייאנן עס, אונ׳ זייא ווילן עס אויף שלימזל גאָר איבערזעטצין אויף פוליש. דיא אַלי וואָס האָבין עס גילייאנט מאַכין קאָמעדיעס אויס אונזרי לייט אונ׳ אויס דיא גוטי יודן. הייגט האָב איך בעגעגענט דעם פאַקטיר פין דעם סאָוועטניק גלאחאב, האָט ער מיר דרצעהלט, נעכטין זענין בייא זיין גוי עטליכי פריצים גיוועזן אויף אַטשאַי, זענין צווישן זייא אַיאַם גיוועזן, וואָס האָבין דאָס בוך גילייאנט, האָבין זייא דיא גאַנצי צייט אַלץ נור פין דעם בוך גישמיסט. עטליכי פין זייא האָבין אויס דעם פאַקטיר זיך גישפּעט גימאַכט, אונ׳ האָבין גיזאָגט ער איז אויך אַ חסיד. איינר פין דיא כלבים האָט איהם פליטצלינג גאָר גיפרעגט, אָב ער ווייסט פרוואָס יודן שאַקלין זיך איבער דעם דאַבנין, האָט איהם דער פאַקטיר גיזאָגט, איך ווייס נישט, האָט זיך דער כלב אָנגי־רופין, זעהסט דוא איך וועל דיר זאָגין, ווייל דאָס דאַבינן איז אַזוי וויא אַ זיווג, אַזוי שטעהט אין דעם חסידיש ספר לקוטי יקרים (א). איין אַנדירר האָט איהם ווידר גיפרעגט, אָב עס איז אמת, אַז די גוישע סאָנדיס זענין סאַמי קליפות, נור אין דיא סאָנדיס שטעקין פינקין פין די הייליגי משפטים.

מילא אַ פּראָסטי מענש טוהר נישט געהן אין גוישי סאָנדיס. דער רבי אָבער עג יוא געהן, וואָרין ער געהט נור פין דעסטוועגין, ער זאָל דיא הייליגיב מפונקין אַרויסציהן פין דיא קליפּות (ב). נאָך איינר האָט איהם גיפרעגט, אָ ער שמיסט מיט זייא אויך נור פין דעסטוועגין, ער זאָל פין זייא אַרויסשלעפּין דיא הייליגי פונקין, אונ׳ זייא זאָלין בלייבן לעדיגי שווּיפּטשיס (ג). אונ׳ נאָך אַזאָלכי שאלות האָבין זייא איהם אַלין גיפרעגט, אַז ער האָט אַזשע אייני פר דער אַנדערר פרגעסין, נור אַלי שאלות זענין גיוועז פיל אַפּיקור-סיש ביז אונטר דעם הימל, אַז דער פאַקטיר האָט עס אַזשע נישט גיקענט אויסהאַלטין. ער האָט מיר גישוואָרן, אַז ער האָט אַגאַנצי נאַכט נישט גיקענט שלאָפין, עס האָט איהם אָקערש ניט אויס דעם בעט אַרויסגיוואָרפין. אונ׳ אפילו אַז איך האָב איהם גיזעהן, האָט ער אַפּנים גיהאַט אויף אַלי שונאי ציון גיזאָגט. מילא זעהסט דוא שוין וואָס עס טוהט זיך. עלכן למען השם זייא נישט שלעפריג בייא דעם אינטעריס. וואָרין צו דעם אַלעם ציטערן מיר גאָר, דיא זאַך נישט נתפרסם ווערן אונ׳ דער רבי זאָל מאריך ימים ושנים זיין זאָל נישט ח״ו דרפין געוואהר ווערן. מילא זאָג איך דיר אָן ניט איינמאָהל נור טויזענד מאָהל, זאָלסט למען השם נישט שלעפריג זיין בייא דעם אינטע-ריס, אונ׳ זאָלסט אַ זריז דרבייא זיין וויא אונזרי לייט אָנשטעהט וד״ל.

## ד. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

אויס דיין בריבל זעה איך, אַז דוא ביסט איבר דעם בוך אין עצבות ח״ו. איך פרשטעה דיך נישט. דרמאָן דיך נור, איך וואָס איך האָב נישט דיא זכייה אַגאַנצין טאָג בייאם רבין דעם צדיק צו איברזיטצן, איהם צו זעהן, אונ׳ מיך אין זיין ליכטיגער צורה, וואָס זיא לייכט וויא אַ שפּיגל אָנצושפּיגלן (א) אונ׳ נור איבר דעם, וואָס איך לויב איהם אונ׳ בין איהם מפרסם, קען שוין קיין עצבות איבר מיר קיין שליטה האָבין, אונ׳ דוא וואָס דוא זעהסט איהם (ג) אונ׳ הערסט איהם זינגן אויך (ד) אונ׳ פאַלסט פאָרט צו צייטן אין עצבות אַריין, דאָס מוס אודאי נור איבר דעם זיין, וואָס דוא האָסט איהם זעהר משונה ליעב, אונ׳ דיין חולת אהבה וואָס דוא האָסט צו איהם מוס נאָך שטאַרקר זיין וויא דיא חולת-אהבה וואָס מעהאָט צו נשים (ה), מילא צי-טערסט דוא גאָר איבר, ער זאָל נישט ח״ו האָבין עפּיס אַ צער פין דעם בוך. נור ווערליג מיין נאַרישען שכל דאַכט זיך מיר, מחמת מעשמיסט שוין אַזוי לאַנג בייא אייך פין דעם בוך, האָט דער רבי דער צדיק דרפין אויבן אויך שוין עס גיהערט, אונ׳ ווייסט אודאי דרפין אַלצדינג, נור מן הסתם האָט ער אודאי אַ טעם דרויף, וואָס ער וויל איצט נאָך קיין שום פעולה דרצי טוהן, אונ׳

פר וואָס ער וויל נישט, טוהרן מיר נישט פרעגין, אַזוי וויא מען טוהר אויף דעם עבירשטן קיין קשיות פרעגין, אַזוי טוהר מען אויף אַ צדיק אויך קיין קשיות פרעגין (ו). מילא דאַכט זיך מיר, זאָלסט דיך גאָר נישט זאָרגין, עס וועט בודאי רעכט זיין, נור דאָס האָט צו דעם נישט. פין דעסטוועגן מוסן מיר טוהן דאָס אונזריגי, אונ׳ איך שלאָף אודאי נישט. איך טוה וואָס נור מעגליך איזט, עס געהט אָבער נישט. מן הסתם וויל דער רבי דער צדיק נאָך נישט, מיר זאָלין דאָס בוך בעקומין, וואָס האָט מען דאָ מסופק צו זיין, אַז ער זאָל נור ווען, וועלין מיר עס אודאי אין איין אויגענבליק בעקומין.

דער סלאָבידשיקר אַרענדאַר, וואָס איך האָב דיר אַנימילטין גישריבן, האָט אודאי אַזוי גיטוהן וויא איך האָב איהם גיהייסן, זיין פריץ האָט איהם אַ בריבל גיגעבין צו מיין פריץ, ער זאָל איהם דאָס בוך לייאין דורך דעם אַרענדאַר. מיין פריץ האָט איהם אַ בריב צו זיין פריץ צוריקגיגעבין, דאָס בוך אָבער נישט, אונ׳ וויא דער אַרענדאַר האָט איהם גיפרעגט, אָב ער וועט איהם עפיס אַ בוך געבין פר זיין פריץ, האָט ער איהם גיענטפערט, איך האָב איהם שוין אין בריב מכח דעם בוך גישריבין, אונ׳ וייל דיא האָסט מיר גישריבין, אַז אַטהייל פריצים וואָס זענין גיוועזן בייאם סאָוויעטניק גלאחאב האָבין גיזאָגט, זייא האָבן גילייאנט דאָס בוך, האָב איך מיר גיטראַכט, דאָס בוך מוס נאָך זיין בייא דיא פריצים, איבערדעם קען ער עס דעם סלאָביד-שיקר פריץ נישט לייהן, אַזוי באַלד זיי וועלין עס איהם אָבברענגין, וועט ער עס אודאי דעם סלאָבידשיקר שיקין. נור האָב איך מורא גיהאַט, איפשר וועט ער דרוויל זעהן, אַז עס פעהלט אים פין זייני ביכר אַ בוך, דאָס מיין איך, וואָס אונזר פריידה האָט בייא איהם גיגנבת, וועט ער דורך דעם זיך דרבעוזרן, אונ׳ וועט שוין קיינם נישט וועלין אַבוך לייהן, אפילו דעם סלאָבידשיקר אויך נישט, ער וועט מיינן, דאָס בוך פעהלט איהם וייל ער האָט עס אימצין געליגן, בין איך גילאָפן צו פריידה, אונ׳ האָב זיא גיבעטן, זיא זאָל תיכף געהן צום פריץ אונ׳ זאָל שטילרהייד, ער זאָל זיך נישט שטויסן, דאָס בוך צוריקשטעלין, אונ׳ חאַטשי פריידה איז אויף דעם פריץ בעז גיוועזן, פרוואָס ער האָט זיא שוין עטליכי טאָג נישט גילאָזט רופין, האָב איך איהר גיזאָגט, אלא מאי אסתר המלכה האָט אַחשורוש אַ צייט נישט גילאָזט צו זיך רופין, פון דעסטוועגין אַז יודן זענין אין אַ צרה גיוועזן, איז זיא פאָרט גי-גאַנגין, מוס זיא איצט אויך געהן. איז זיא טאַקי תיכף גיגאַנגין צום פריץ אונ׳ וויא זיא איז נור צוריקגיקומין, בין איך צו איהר גיגאַנגין, האָט זיא מיר דרצעהלט, דער פריץ איז גיהאַט גיגאַנגין מיט אַ בוך פין דער שאַפי צום ליכט עפיס דרינין אַריינצוקוקין, האָט זיא דאָס גיגנבת בוך דרוויל צוריק גישטעלט, אַז ער האָט נישט גיזעהן. אונ׳ דרנאָך איז ער מיט זיין בוך פין דעם ליכט צוריק גיקומין, האָט עס אין שאַפי אַריין גישטעלט אונ׳ די שאַפי פרשלאָסין, אונ׳ דרנאָך האָט זיא זיך מיט איהם אַ שמיס גימאַכט פון טויזענד זאַכין, ביז זיא איז אַרויס גיקומין אויף דעם רעכטין בוך, האָט ער איהר

גיזאָגט, אַז שוין זייט עטליכי טאָג זעהט ער עפּיס דאָס בוך נישט. דער סלאָ-בידשיקר האָט איהם גישריבין ער זאָל עס איהם לייהן, האָט ער איהם גיענט-פערט, ער ווייסט נישט וויא עס איז איהם אַהין גיקומין. נור אָהנדעם אַפילו העט ער עס איהם אויך נישט גילֵיגען, האָט ער גיזאָגט, וואָרין ער איז אַ פּליט. אונ׳ בפרט דאָס בוך לייהט ער נישט אויס דעם הויז אַרויס, וואָרין אין דער מדינה איז עס נישט צו בעקומין. אָט דאָ פאַר עטליכי טאָג זענין בייא איהם גיוועזן עטליכי פריצים פֿין דער גובערניע, האָבין זייא איהם גיבעטין, ער זאָל זיי דאָס בוך לייהן אַהיים, האָט ער נישט גיוואָלט, נור בייא איהם דרהיים האָבין זייא עטליכי בלעטליך גילייאַנט, אונ׳ דיא וואָס האָבין קיין דייטשעריש פרשטאַנין, האָבין גיבעטין דיא איבריגי זייא זאָלין זייא עס אויף פּוליש אָדער רוסיש צו פרשטעהן געבין. האָבין אַלי דאָס בוך זעהר משונה גילאָבט. וויא ער האָט דאָס אַלץ פריידה׳ן דרצעהלט, האָט זיא איהם גיפרעגט, איז דען דאָס בוך אַזוי גראָב, אַז זייא האָבין בייא דיר נור עטליכי בלעטליך דרפין גיקענט אויסלייאַנין, האָט דער פּריץ איהר גיזאָגט, וואַרט, איך וועלעס זוכין, איפשר וועל איך עס גיפינין, וועל איך עס דיר ווייזין. אונ׳ אַזוי איז ער צוגיגאַנגין צו דער שאַפי, האָט גיזוכט אונ׳ האָט עס איר גיוויעזין. האָט פריידה דרקענט, אַז עס איז דאָס נעהמליכי בוך, וואָס זיא האָט גיהאַט גיגנבת. דער פּריץ האָט אויפגימאַכט דאָס בוך, האָט דרינין אַריין גיקוקט אונ׳ האָט גיפרעגט, פריידה, ווייסט דיא וואָהל, אַז גאָט האָט אַ ווייב אונ׳ אַ קעבס-ווייב? פריידה האָט גילאַכט דרצו. וואָס לאַכסט דוא, האָט זיך דער פּריץ אָנ-גערופין, דאָס שטעהט דעך אין ר׳ וואָלף זיטאָמירש ספר (ז). נאָכדעם האָט ער איהר גיזאָגט, דאָס בוך איז בייא מיר זעהר חשוב, אונ׳ מחמת איך האָב עס עטליכי טאָג נישט גיזעהן, מוס איך עס פרשליסין אין דעם קליינים שאַפקילי, וואָס איז אין דער גרויסער שאַפי אינוועגדיג.

וויא פריידה האָט מיר דאָס דרציילט, האָט מיך אַזשע אַציטערניש אָנ-גיהאַפּט אונ׳ טאַקי אַ כעס אויף מיין איידעם אויך. וואָרין ווען ניט ער, העט איך דעך דאָס בוך נישט גיוועזן אָבגיגעבין, נור טאַקי אין מיטען האָב איך [מיך] מישב גיוועזן, פרוואָס בין איך דאָס בעז אויף מיין איידעם, ווייל ער קען קיין דייטש נישט, נוא אדרבא, קעהר איך דרפר בעז זיין? פרקעהרט דורך דעם קעהר ער בייא מיר חשוב צי זיין אָהן איין עק. איך זעה, חאָטשי ער האָט דורך דער קורדאַניר גזירה גימוסט לערנין, קען ער פאָרט נישט דאָס הינטישי לשון, וואָס דאָס טריפה פסול איז דרמיט גידריקט. איך בין אַהיים גילאָפין פר שמחה אונ׳ האָב מיין איידימעל אויסגיקושט איטליכס גליד, וואָס ער [קען] קיין דייטש נישט, אונ׳ איך האָף, עס וועט אודאי אויס איהם אי״ה זיין אַ פייני כלי, אונ׳ מיר וועלין זיך אָהן איהם מכח דעם בוך אויך העל-פין. מילא וואָס דאַרף איך, דאָס ער זאָל קענין דייטשיריש. מאהלאַכט איז מיר טויזענד מאָהל ליעבר, מיר זאָלין גיהאָלפין ווערן דורך עפּיס אַנדערש, נישט דורך איהם.

## ה׳ פין ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

אמת, וועדליג וויא דוא שרייבסט מיר, ביסט דוא נישט פויל מכח דעם בוך אונ׳ טוהסט וואָס דוא קענסט דאָס בוך צו בעקומין, אונ׳ מן הסתם וויל נאָך דער רבי זאָל לעבין נישט, מיר זאָלין עס בעקומין. נור וואָס זאָל איך דיר זאָגין, דער חילול השם פר דיא גוטי יודן אונ׳ פר אַלי אונזערי לייט ביי דיא גוים איז גאָר קיין פשוט נישט, אַלי טאָג ווירד ער גרעסיר.

היינט האָט מיר אונזר ר׳ אהרן לאָזירס דער וויינשענקיר דרצעהלט, נעכטען בייא נאַכט האָבין בייא איהם עטליכי גובערסקי טשינאָווניקיס געשכורת, האָבין זייא דיא גאַנצי צייט כל הגילעכטיר און כל הגישפעט גימאַכט אויס דעם רבין זאָל לעבין, אויס אַלי צדיקים אונ׳ אויס אַלי אונזרי לייט. איינר האָט איהם גיפרעגט, אָב אַ חסיד קען פון ווייַן אויך בעקומין התלהבות וויא פין מעד (א). איין אַנדרר האָט איהם גיזאָגט, זעהסט דוא אהרן, איך זיטץ מיר דאָ אונ׳ טרינק מיר וויין, אַזוי וויא דער בן מלך, און איז זיך טאַקע אַזוי מדבק צום טאַטין צום מלך (ב). דאָס טעכטירל ר׳ אהרנס האָט גיהאַט איינם פין דיא שכורים דרלאַנגט אַ ביטעלקי וויין, האָט זיא דער כלב גיפרעגט, אָב זיא ווייסט, אַז מען לערנט תורה, מיס מען דער תורה דיא קליידר אויסטוהן, וואָרין דיא תורה איז גיגליכן צו אַ כלה (ג). אונ׳ אַזעלכי ניבול פה האָבין דיא שכורים גירעד, וואָס אונזר ר׳ אהרן האָט עס נישט גיקענט אויסהאַלטין אונ׳ איך אַפילו, בייאם דרצעהלען נור, האָב איך גימיינט, איך פאַל אַנידר. פר גרויס עגמת נפש, וואָס עס האָט מיך אַזשע בייאם האַרץ אָנגיהאַפּט, בין איך גיגאַנגין צו ר׳ יוסל פראַדילס. דיא קענסט איהם בודאי, ער איז פון דעם רבינס לייט. ער איז אַ משונהנר בריה, זיין כתב איז פלאי פלאי פלאים, אונ׳ האָב איהם דרצעהלט די גאַנצי מעשה, ער האָט כמעט גיוויינט וויא ער האָט עס גיהערט, איז ער גיגאַנגין אונ׳ האָט מיר גיגעבין אַ פרחתמיט פוליש בריבל פין דעם וויצי-גובערנאַטיר צו דיין פריץ. אין דעם בריבל בעט דער וויציגובערנאַטיר דיין פריץ, ער זאָל איהם לייהן דאָס רעכטי בוך אויף עטליכי טאָג. ר׳ יוסל האָט מיך פרזיכירט, אַז ווער עס קען דעם וויציגובערנאַטירס כתב, וועט שווערין, אַז ער האָט דאָס בריבל מיט זיין אייגינר האַנד גישריבין. מילא עלכן זעה נור למען השם דאָס בריבלי וואָס איך שיק דיר דאָ, זאָל אַזוינר וואָס דיין פריץ קען איהם נישט דיין פריץ איברגעבין. ער זאָל איהם זאָגין, ער איז אַ שליח מיוחד מיט דעם בריבל, אונ׳ אַזוי וועלין מיר דאָס בוך אַודאי בעקומין, וואָרין דעם וויציגובערנאַטיר וועט דעך דיין פריץ נישט מעיז זיין. בפרט דעם שבת אויף דעם שלש סעודות האָט

דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט, ר׳ יוסל פראַדילס איז אַ גרויסר בריה. מילא דאַכט זיך מיר׳, אַז דער רבי האָט אַ קוק געטוהן, אַז נור דורך ר׳ יוסל פראַדילס וועט מען דאָס בוך בעקומין. דוא ווייסט דעך, אַז אַלי אונזרי הייליגי ספרים, בפרט דער „נועם אלימלך״ זאָגט, אַז אַלצדינג וואָס אַ גוטר יוד זאָגט, טוהט אונ׳ מאַכט, איז אַלץ נישט פשוט, נור מעשה נסים (ד). זייא גיזונד.

## י. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך שיק דיר אַ שליח מיוחד, וואָרין דער אינטעריס איז גאָר קיין קאַ־טאָוויס נישט. וויא איך האָב דיין בריבל דרהאַלטין, בין איך אַרויסגיגאַנגין אויף דעם מאַרק, איך זאָל מיך אומקיקין אויף אַ מענשין, וואָס דער פריץ קען איהם נישט אונ׳ וואָס מיר זאָלין זיך קענין אויף איהם פרלאָזין, האָב איך דרזעהן דעם מלמד פין ווערביטש. ער איז פין דעם רבינס לייט אונ׳ מחמת ער קנעלט שוין כמה שנים אין דערפיר, קען ער גיט רעדין פוליש, ער איז אויך אַ שטיקל מאַרשליק גאָר קיין נאַר נישט. האָב איך איהם גיגעבין דעם בריב בסוד, ער האָט גימיינט דיא וועלט איז זיין, אונ׳ האָט דעם פריץ דעם בריב גיגעבין. דער פריץ האָט איהם גיזאָגט, אין צווייא טאָג געהט דיא פאָטשט פין היע צי אייך, וועט ער שוין מיט דער פאָטשט דעם וויציגובער־נאַטיר אַ תשובה שרייבין אויף זיין בריבל. דער מלמד האָט זיך נישט וויסינ־דיג גימאַכט אונ׳ האָט גיפרעגט דעם פריץ, אָב ער דאַרף נישט עפיס צו שיקן דעם וויציגובערנאַטיר, האָט אים דער פריץ גיענטפערט, איך האָב איהם גאָר נישט צו שיקין. האָט זיך דער מלמד גימאַכט פר אַבהמה אונ׳ האָט גיזאָגט צום פריץ: אַז איך האָב נישט גיפועלט וואָס אין דעם בריב שטעהט, גיב זשע מיר דעם בריב צוריק. האָט דער פריץ איהם גיזאָגט, דוא ביסט אַ נאַר, דער בריב בלייבט בייא מיר, אונ׳ איך וועל מיט דער פאָטשט אויף דעם בריב אַ תשובה שרייבין.

איבערדעם שיק איך דיר אַ שליח מיוחד, איהר זאָלט זעהן צו טוהן וואָס מעגליך איז, איר זאָלט דעם בריב, וואָס דער פריץ וועט שרייבין צים ווי־ציגובערנאַטיר, פין דער פאָטשט אַראָב בעקומין, וואָרין אַז דער בריב וועט אָנקומין צום וויציגובערנאַטיר, וועט ער הייסין אונטערזוכין דעם אינטעריס, אונ׳ איפשר קען ער ר׳ יוסל פראַדילס, קען ח״ו אַרויסקומין דרפון אַ ביטער שפיעל.

## ז. פון ר׳ משה פישלס אין ניגראד
## צו ר׳ גדליהו באַלטער אין אַקלו

איך בין דיר מודיע, אַז מיר געהט עס׳בייאם שוועהר אין הויז ב״ה זעהר גיט. איך ווער בייא איהם אונ׳ בייא זיין גאַנציר פאַמיליע אַלי טאָג חשובר. דער שוועהר זאָל לעבין האַלט מיך מיט דעם עבירשטינס הילף מיט אַלעם אויס, איך זאָל קענין זיטצין אונ׳ לערנין, אונ׳ איך האָב מיך טאַקי אַוועק גילעגט פין אַלי עסקים אונ׳ זיטץ נור אין בית המדרש. הלואי דער עבירשטער זאָל מיר העלפין, ווייל איך וועל לעבין, זאָל איך מיך קענין אַזוי פיהרן. איך קען דאָס נישט וואָס אַנדרי מיינס גלייכין, אַרום צו געהן לעדיג אונ׳ צו שמיסין אַגאַנצין טאָג נאַרישקייט. איך האָב פין נישט אויף דער וועלט אַזוי אַתענוג וויא פין דעם לערנין, אונ׳ איך ווינש מיר נור טאָג אונ׳ נאַכט צי לערנין, איך זאָל זוכה זיין צו דרגרייכין דאָס, וואָס אַ מענש איז מחיוב אויף דער וועלט צו דרגרייכין. אונ׳ גילויבט איז דער עבירשטער, צעהן יאָהר ביז הונדירט יאָהר בין איך שוין בייאם שוועהר אין הויז, אונ׳ האָב נאָך ניט איין אייגציגין טאָג לעדיג צוגיבראַכט.

נור ווירד מיר אַלי מאָהל אַלאָך אין האַרץ, אַז איך דרמאָן מיך, אַז נאָך דעם דין תורה וועל איך ח״ו מיזן אַוועק פין דעם שוועהר, ווייל איך האָב קיין קינדר נישט. איך ווייס נישט צי איז דער פעהליר אין מיר צי אין מיין ווייב. מיין ווייב האָט שוין גיפריפט אַ גוזמא סגולות אונ׳ רפואות, וואָס אַלטי ווייבר, באָבים אונ׳ בעל שמות האָבין איהר גיראָטען, זיא האָט אויך שוין דיא הייליגי צדיקים אויף פדיונות גיגעבין, עס האָט אַבער אַלצ־דינג נישט גיהאָלפין. אונ׳ חאָטשי איך האָב פריהר גיוויסט, אַז דיא אַלי זאַכין זענין נישט ווערט אַ גראָשין, האָב איך גימוסט מיין ווייב נאָכגעבין, וואָרין זיא האָט מיך זעהר גידולד. אונ׳ חאָטשי זיא האָט גיזעהן, אַז וואָס זיא האָט איבערגיטוהן העלפט נישט, הערט זיא פין דעסטוועגין נישט אויף נאָך ווייטער נאָכצופרעגין אויף אַזויני, וויא דער שטייגר פין ווייבר איז. איצט האָט זיא גיוואָהר גיוואָרען, אַז אין דיין שטאָד איז עפּיס דאָ אַרבי, מאַכט זיא מיך משוגע, איך זאָל מיט איהר צו איהם פאָהרין. איך האָב מיך קוים גיקענט בייא איהר אויסבעטין, זיא זאָל מיך צירוה לאָזין, ביז איך וועל דיר שרייבין אונ׳ וועל גיוואָהר ווערין, אָב עס שטעקט עפּיס אין דעם רבין אָדער נישט. איך האָף, דוא האָסט נאָך נישט פרגעסין אויף אונזר אַלטער פריינד־שאַפט, אונ׳ וועסט מיך בודאי ראָטען וויא דער אמת איז. איך בעט דיך זעהר, ליבר פריינד, שרייב מיר דעם גאַנצין אמת, וואָרין אַז עס איז נישט, איז איין עבירה איך זאָל מיך עטליכי טאָג פין דעם לערנין מבטל זיין אונ׳ זאָל נאָך דרצו הוצאות בחנם האָבין. מיר קוקין אַרויס אויף דיין תשובה. זייא גיזונד.

## ח. פין ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

גאָטט גילויבט איז ער, טאַקי נור דעם רבין זאָל לעבין האָבין מיר עס צו פרדאַנקין, אין זיין זכות איז אונז אַגרויסר נס גישעהן. מיר האָבין דעם בריב פין דער פאָטשט בעקומין. מיר האָבין דעם פאָטשטמייסטיר דורך זיין פאַקטיר אַ מתנה גישיקט, ער זאָל דעם בריב, וואָס פין דיין פריץ וועט אָנקומין צום וויצעגובערנאַטיר, צו נעהמין אונ׳ איהם אונז געבין. וכן הוה. וואָס זאָל איך דיר זאָגין, וויא איך האָב דעם בריב בעקומין, בין איך מיט איהם גילויפין צי ר׳ יוסיל פראַדילס, איז ער מיר אַרום געפאַלין אַרום דעם האַלז אונ׳ האָט מיך אָנגיהויבין צי קישין אָהן איין עק. איהר ווייסט גאָר נישט, האָט ער מיר גיזאָגט, וואָס פר אַ טובה איהר האָט דאָ מיר מיט דעם בריב גיטוהן, איך האָב איצט אויף מיר אַ גרויסין פראָצעס, וואָס נור דער וויציגובערנאַטיר קען מיר העלפין. מילא ווען דער וויצעגובערנאַטיר העט גיוואָר גיוואָרען פין דעם בריב, העט ער מיך ח״ו גיוועןגיבראַכט פין דעם לעבין.

אונ׳ פרדעם, וואָס דוא האָסט אונז מודיע גיוועןפין דעם בריב, האָט מיר ר׳ יוסל פראַדילס גיזאָגט, איך זאָל דיך לאָזין גריסין פין זיינט וועגין, אונ׳ האָט מיר צו גיזאָגט, אַז דוא וועסט נאָך דאַרפין אַרענדרסקי קוויטיס פר דיין ברודר, וועט ער דיר אומזיסט שרייבין.

נייאס וועל איך דיר שרייבין, דער וויינשענקיר וואָלף דובניר האָט פר עטליכי וואָכין זיין טאָכטיר חתונה גימאַכט מיט אַ קורדאַניר אַלמן, ער הייסט מרדכי גאָלד. דער מרדכי קריגט משונה אויף דעם רבין זאָל לעבין אונ׳ אויף אַלי גוטי יודן. וואָס האָט מען דאָ מסופק צו זיין, אַז דער בחור איז אודאי אַ גרויסר נואף (א). ער איז אָבער נאָך איין אַרגיר שלומזל וויא זיין שוועהר, וואָרין וואָלף האָט פאָרט נאָך קיין מאָהל די העזה נישט גיהאַט עפינטליך אַקעגין דעם רבין צו געהן. דער מרדכי אָבער איז זיך אַ פראָסטי אַפיקורס אונ׳ אַ רעכטיר שמאַדילניג. ער קוקט אַריין אין די טריפהפסולן זייערי אונ׳ רעד איבר שכם אונ׳ איבר יוסף, אויף גאָט אונ׳ אויף דעם רבין זאָל לעבין. דאָס אַליין איז איהם נאָך נישט גינוג, ער רעד נאָך אָן דעם שוועהר זיינים, ער זאָל טאַקי עפינטליך געהן אַקעגין רבין, אונ׳ חאָטשי דער שוועהר האָט די העזה נישט עפינטליך עפיס צו טוהן, טוהט ער דעם רבין זאָל לעבין אונטען אַרום וואָס ער קען אונ׳ בילט אויף איהם שטילרהייד וויא ער קען נור.

אונ׳ מחמת דער מרדכי פאָהרט צו צייטין אַרום אויף דיא שטעדליך פראָדוקטין צו קויפין, איז דעך מעגליך, ער זאָל צו אייך אויך קומין, על כן זאָלסט דוא ווייסין וויא זיך מיט דעם בחור נוהג צו זיין. כדי זאָלסט איהם

אָבער תּיכּף דרקענין, וועל איך איהם דיר אָבמאָהלין וויא ער שטעהט אונ׳ געהט. ער איז אַ לוויכינדיקר יונג, אַרום אונ׳ אַרום מיט קרייזליך (פין דעסטוועגין אַז דער רבי זאָל לעבין האָט מיר אַמאָהל מיט דער האַנד אַ מאַך גיגעבין איבר דעם פּנים, האָב איך גיזעהן, אַז עס איז נור אַ פרברענטי האָלאָבני (ב) אונ׳ געהט מיט בייאהאָר, און האָט טשאַקידיגין קליידר, מיט אַ האַלז באַנד, שמיסט זיך גאַנץ פּאַוואָליטשקי, איז אַ גרויסר רעכינמייסטר (ג), קוקט אַמאָהל אויך אין אַ יודיש ספר אריין, נור פין דעסטוועגן האָט ער זינט ער לעבט ניט אָנגיקוקט אַ ספר פין אונזרי גוטי יודן. וויא מיר דאַכט זיך, איז ער אַ שטיקל משוגע. קודם לכל קען ער נישט ליידין אַפּלעקל אויף דיא קליידר (ד), גיט גווישי בעטלירס נדבות, טרינקט קיין בראָנפין נישט, רייכירט קיין לולקי אונ׳ געהט זומיר אונ׳ ווינטר אין אַ קאַפּיליש. אונ׳ מחמת אין אונזר גאַנציר גובערני איז ב״ה אַזוי אַ בחור נישט דאָ, איך בין אַפילו מסופק אָב אין אונזר גאַנציר מדינה אַזוינס איז דאָ, וועסט דוא איהם דורך דיא סימנים אודאי דרקענין אונ׳ וועסט וויסין וואָס מיט איהם צו טוהן, וואָרין ער איז קיין פּשוטר רשע נישט אונ׳ זעהר אַ גרויסר מתנגד.

## ט. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

נור וואָס דעם פּאָטשטמייסטערס פאַקטיר, וואָס איז אויך פאַקטיר בייאם וויצעגובערנאַטיר, איז פין מיר אַוועקגיגאַנגין. ער האָט מיר דרצעהלט, היינט איז דיין פריץ גיוועזן בייאם וויצעגובערנאַטיר, האָט איהם דאָס בוך גיגעבין אונ׳ האָט זיך פרענטפירט, פרוואָס ער האָט עס איהם נישט גישיקט דורך דעם שליח. וויא דער וויצעגובערנאַטיר האָט דאָס דרהערט, האָט ער זיך אָנגיהויבין צו צלמין, אונ׳ האָט גיזאָגט: „איך ווייס פין קיין בוך, פין קיין שליח אונ׳ פין קיין בריב—אונ׳ האָט גיבעטין דיין פריץ, וויא ער וועט נור אַהיים קומין דעם בריב שיקין, וואָס אַשליח האָט איהם אָבגיגעבין פין איהם. דיין פריץ האָט גיזאָגט, ער וועט עס אודאי טוהן, אונ׳ האָט גישוואָרין, ער האָט גיוואָלט דעם בריב מיטנעהמין אונ׳ האָט איהם פרגעסין אויף דעם טישל לעבין בעט; אונ׳ אַזוי באַלד ער קומט נור אַהיים, וועט ער איהם דורך אַ שליח מיוחד דעם בריב שיקין. ע״כ למען השם שלאָפט נישט, לויפט, טוהט וואָס מעגליך איז, איהר זאָלט דעם בריב בעקומין, עה דיין פריץ וועט אַהיים קומין. וואָרין נישט גיניג דער וויצעגובערנאַטיר האָט דאָס בוך גינעהמין, וועט עס לייאנין אונ׳ וועט דריבר דעם רבין אונ׳ אונזרי לייט אַזוי אַ שונא וערין וויא דיין פריץ, וועט ער נאָך הייסין סלעדסטוויס מאַכין, ווער עס האָט דעם בריב גישריבין, אונ׳ ווער עס האָט איהם גיבראַכט צו דיין פריץ,

קען דרפין אַרויסקומין אַ גאַנץ שלימזל, ניט מיט מיין מויל גירעד, פר אונז אונ׳ פר דעם שרייבר, וואָס האָט איצט אָהן דעם שוין אַ גרויסן פראָצעס אין דער גובערניע.

ע״כ למען השם דעם בריב תיכף כראות כתב זה צו בעקומין, עו״ ליגט אויף דעם טישל לעבין בעט. דוא זאָלסט אָבער נישט נעהמין איין אַנדרין בריב, עס זאָל נישט אַזוי זיין וויא מיט דעם בוך, וואָס פריידה ר׳ אייזיקס האָט גינעהמין. זאָלסט דו וויסען, אויף דער קאָנווערט פין דעם בריב איז דאָ אַ קלעק פין טינט, אונ׳ אויף דער אַנדרר זייט, וויא דיא חתימה איז, גיפונט זיך אַ קאָפּ פין טריפוואָקס, וואָס ר׳ יוסל פראַדילס האָט בעקאַפּיט בשעת מעשה וויא ער האָט דעם בריוו פרחתמיט. נור למען השם נישט פויל צו זיין אונ׳ נישט אָבצוליעגין, אונ׳ וואָס דו וועסט דרפין דרצו געלד, זאָלסט דוא נעהמין פין דעם ארץ ישראל געלד אָדער פין ר׳ מאיר בעל הנס פושקים. וואָס האָט מען דאָ צו שמיסן, מען דאַרף אודאי קיין גרעסרי מצוה וויא דיא, אַזויפיל מענשין צו ראַטעווין, אין בפרט ביא איין עסק וואָס איז נוגע דעם רבין זאָל לעבין.

גלייב מיר, וואָס זאָל איך דיר זאָגין, מיר האָבין נעכטין תענוג גיהאַט אָהן אַ שיעור אונ׳ אָהן איין ערך. אַ כפרה אַלי תענוגים פין דער וועלט אונ׳ פין יענר וועלט פר דעם תענוג, וואָס מיר האָבין נעכטן גיהאַט.

דיא לבנה האָט גישיינט גאַר אויסטריש, אונ׳ מיר זענין אַלי גיגאַנגין, דער רבי זאָל לעבין פריהר אונ׳ מיר אַלי נאָך, אַלי זענין מיר גיוועזן מבוסם (אַ טרינקל גיהאַט) פין דעם שלש סעודות, אונ׳ האָבין אַזוי מקדש גיוועזן דיא לבנה, אונ׳ דרנאָך זענין מיר גיגאַנגין צום רבין צוריק אַהיים אונ׳ האָבין דאָרט ערשט גיזונגין. העסט דוא גיזאָלט זעהן דעם רבין זאָל לעבין אין שטיב זיך אַרום געהן אַהין אונ׳ אַהער מיט דער לאַנגין לולקעצוביך אונ׳ זעהר אַ וואָהלן טשאמביר אויף דעם אַקסיל פרוואָרפין, אונ׳ אַז ער האָט חשק בעקומין האָט ער אונז עפּיס אַ זאָגיל גיטוהן, וואָס מיר זענין דרפון דיק אונ׳ פעט גיוואָרין. דאָס האָט דיר אַזוי גידויערט ביז האַלבי נאַכט. מעגסט מיר גלייבין, מעהעט מיר גימעגט געבין דאָס עשירות פון דער גאַנצין וועלט אונ׳ דעם גאַנצין עולם הבא פין אַלי רבים אונ פין אַלי לומדים וואָס זענין דאָ אויף דער וועלט, העט איך נישט גינעהמין פר דעם תענוג וואָס איך האָב גיהאַט.

מילא דאַכט זיך מיר, אַז אין איין עסק, וואָס דעם רבין זאָל לעבין געהט אָן, דאַרף מען אודאי ניט שלאָפין אונ׳ זיך עס פר אַ זכיי׳ האַלטין, אַז מעקען עפּיס טוהן פין זיינטוועגין.

## י. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

וואָס זאָל איך דיר דאָ זאָגין, — אָט דאָ האָב איך צו גיזעהן דעם זכות פין דעם רבין דעם צדיק! איך האָב דעך אַודאי דעם בריב בעקומין עה דער פריץ איז נאָך אַהיים גיקומין, אונ׳ דאָ שיק איך איהם דיר, זאָלסט זעהן אַז עס איז דער רעכטי. וויא אַזוי אָבער דער נס איז אונז גישעהן, מוס איך דיר דיא גאַנצי מעשה דרצעהלין.

אונזיר בשמים קרעמיר ר׳ יעקל רבקיס קענסט דוא דיך בודאי, ער איז פון דעם רבינס לייט אונ׳ איז זעהר גוט בעקאַנט מיט דער קליטש־ניטשקי פין אונזר פריץ. איז דער ר׳ יעקל אַריבר גיגאַנגין צו דער קליטש־ניטשקי אונ׳ האָט פר איהר ממש גיוויינט אונ׳ האָט איהר גישענקט אַ האַלב טוץ רענדליך, איז זיא מיט איהם אַודאי גיגאַנגין אין דעם פריץ שלאָף חדר אריין אונ׳ האָט דאָרט דאָס בריבל מיט דיא סימנים, וואָס דיא האָסט מיר גישריבין, פין דעם טישל גינעהמין אונ׳ האָט עס ר׳ יעקלן גיגעבין. אונ׳ מחמת אין אַלי פושקיס, אין דיא פון ארץ ישראל אונ׳ אין דיא פון ר׳ מאיר בעל הנס, איז נישט מעהר גיוועין וויא צווייא רענדליך, וואָרין ערשט פר עט־ליכי טאָג זענין היע גיוועין דעם רבים משולחים אונ׳ האָבין דיא אַלי געלדר פרנעהמין צום רבין, אונ׳ דיא קלוטשניטשקי האָט ניט אַנדירש גיוואָלט, נור מעזאָל איהר דיא זעקס רענדליך תיכף געבין, האָב איך גימוסט נעהמין דיא יד אונ׳ דיא בלעך פין דער ספר תורה (א) אונ׳ האָב זייא פרזעצט בייאם לישניצי פר פיר רענדליך אונ׳ האָב איהם צוגיזאָגט דרייא גראָשין פין דעם רענדיל אַ וואָך. אונ׳ דאָס איז נאָך אַלץ אונזר מזל גיוועין, וואָס איך האָב דעם אינטעריס געך גימאַכט, וואָרין קוים איז ר׳ יעקל מיט דעם בריב אַוועק־גיגאַנגין, איז אָנגיקומין דער פריץ, אונ׳ וויא ער איז נור פין דעם וואָגין אַראָב גיקראָכין, האָט ער תיכף אָנגיהויבין דעם בריב צו זוכין. העסט דוא דאָ גיזאָלט זעהין, וואָס דאָ האָט זיך גיטוהן, וויא ער האָט דעם בריב נישט גיפונין! ער האָט גיוואָלט אַלי אויסהרגנן. אויס זיין שלאָף שטיב אַרויס זאָל מען קענין אַ בריב גנבנן! נור אונזר פריידה, וואָס איז גיקומין כלומרשט איהם מקבל פנים צו זיין אונ׳ דיא קליטשניטשקי האָבין איהם איינגינעהמין, האָבין איהם גיבעטין, ער זאָל זיך נישט אַזוי שטאַרק מרגז זיין. בייא איהם אויס דעם שלאָפשטיבל, האָבין זייא איהם איינגירעדט, האָט אַוודאי קיינר קיין בריב גיגנבת, נור מן הסתם האָט ער איהם צו זיך גינעהמין אונ׳ האָט איהם גימוזט אויף דעם וועג ערגיץ פרליהרען, אונ׳ אַזוי איז איהם דער כעס אָבגי־גאַנגין. נור דעם קנעכט, וואָס איז בשעת מעשה וויא דער מלמד האָט איהם דעם בריב גיבראַכט אין שטיב גיוועזן, דעם האָט ער אָנגיזאָגט, ער זאָל דעם שליח פין דעם בריב זוכין, אונ׳ אַז ער וועט דעם שליח איהם ברענגין, האָט ער דעם קנעכט צוגיזאָגט אַ שעני מתנה דרפר צי געבין.

לעולם איז דעך אָבער דער מלמד גאָר נישט דאָ היא, וואָרין ער קנעלט אין אַ דאָרף, האָט איהם דער קנעכט גיזוכט גיזוכט, ביז ער איז מיד גיוואָרן זיכינדיג, אונ׳ דרווייל וועל איך דעם מלמד מודיע זיין, ער זאָל זיך נישט דרוועגין צו קומין אין שטאָד אַריין, ביז מען וועט אָן דער מעשה נישט פרגעסין.

## יא. פין ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

דיין בריבל האָב איך מקבל גיוועזן, אונ׳ דאָס רעכטי בריבלי, וואָס איז דרינין גילעגין, האָב איך אָבגיטראָגין צו ר׳ יוסל פראַדילס; האָט ער מיר גיזאָגט, אַז דאָס איז טאַקי דאָס רעכטי בריבל, וואָס ער האָט גישריבין. איך זעה בחוש, האָט ער גיזאָגט, אַז דער נס איז מיר נור גישעהן דורך דעם פדיון, וואָס איך האָב גיגעבין דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין תיכף וויא איך האָב גיוואָהר גיוואָרן וואָט עס טוהט זיך מיט דעם בריבל, אונ׳ אָווינדער זאָל מען זעהן, ניט אימזוסט האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט עטליכי מאָהל: אויף ר׳ יוסל פראַדילס ווייזט זיך עפיס נישט גיט. נור דורך דעם פדיון, זעה מיר, האָט ער ווידער אַלצדינג גוט גימאַכט. ווערליג מיין שכל, דאַכט זיך מיר, האָבין מיר איצט גאָר קיין מורא נישט צו האָבין מכח דעם אינטעריס.

נור מיט דעם בוך איז עפיס אַ גרויס שלימזל. פון דענצמאָהלאָן וואָס דער וויצעגובערנאַטיר האָט דאָס בוך גילייאַנט, ווירד ער אַלי טאָג א גרעסירר רשע. מיר קענין שוין דעם עגמת נפש פין דעם בוך גאָרנישט אויסהאַלטין. וואָס מיר האָבין שוין נישט אַלץ איבערגיטוהן היע דאָס בוך צי בעקומין, אונ׳ וויא אויס דעם שטיין אַרויס נישט מעגליך אונ׳ נישט מעגליך עס צו בעקומין.

וויא דער פאַקטיר האָט אונז מודיע גיוועזן, אַז דיין פריץ האָט דאָס בוך פין דעם וויצעגובערנאַטיר אָבגינעהמין, האָבין מיר גישיקט אַ פאָר מענשין פין אונזרע לייט אין דער סטאַנצי אַריין פין דיין פריץ, האָבין זייא צוגינעהמין אַלי בוכער זייני. וויא איך האָב זייא אָבער גיוויזין ר׳ יוסל פראַדילס, האָט ער גיזאָגט, דאָס רעכטי בוך איז צווישן דיא נישט דאָ. האָב איך מיך אַמיסטני צושמיסט מיט דעם בעל הבית, וואָס דיין פריץ שטעהט בייא איהם איין, האָט ער מיר גיזאָגט, אַז דער פריץ טראָגט בייא זיך אין בוזעמקעשיני אַ בוך, וואָס איז אַזוי גראָב וויא אַ ראש חודש סידרל (א), האָבין מיר אַלי ביכר ווידר צוריק גילעגט אין סטאַנציע אַריין, כדי ער זאָל נישט גיוואָהר ווערן, אונ׳ האָב אונזרי לייט בעשטעלט, זייא זאָלין בייא נאַכט דאָס בוך צו נעהמין ענטפר אויס דער בוזעמקעשיני אָדער איפשר וועט ער עס בייא נאַכט אַנידר לעגין אויף דעם טיש. העבט ער זיך גאָר אויף אונ׳ פאָהרט

אויף שלימזל פר נאַכט נאָך אַוועק. איז ווייטר אויס אונזר פראָיעקט נישט גי־וואָרן. מילא וואָס הילפט דאָס? דוא מוסט דאָך זעהן צו טוהן וואָס מעגליך איז דאָס בוך צו בעקומין.

## יב. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך בין דיר מודיע, אונזר פריידה האָט מיר היינט דרצעהלט, זיא איז גיוועזן בייאם פריץ, האָט ער אויסגירעכט דעם קנעכט, וואָס איז גיוועזן אין שטיב אַז דער מלמד האָט אים דעם בריב גיבראַכט, קיין פולשטין אויף דעם יריד, ער זאָל איהם דאָרט פערד קויפין. האָט ער דעם קנעכט אָנגיזאָגט, ער זאָל זיך אויף דעם יריד גוט אומקיקין, תאמיר וועט ער דאָרט דעם שליח פין דעם בריבל דרזעהן, זאָל ער איהם דאָרט לאָזין נעהמין תפוס. אונ׳ האָט איהם דעסטוועגין אַבריב מיטגעגעבין צום פולשטינר פריץ, ער זאָל איהם דרצו בעהילפליך זיין. על כן למען השם תיכף צו שיקין אַ שליח רץ אחרי רץ צו אונזרי לייט קיין פולשטין, זייא זאָלין דאָרט דעם אינטעריס אָבפולווין, ווען דער מלמד זאָל דאָרט זיין אונ׳ דער קנעכט וועט איהם ח״ו דרקענין. איך העט גיוועזן פון היע גישיקט צום מלמד, נור דאָס שלימזל איז, וויא איך האָב איהם פריהר מודיע גיוועזן, אַז דער פריץ האָט גיהייסין דעם קנעכט ער זאָל איהם היא זוכין, האָט ער דאָס קדחת בעקומין, איז אַוועק פין ווערביטש אונ׳ איז ווי אין וואַסיר אַריין. ווייס איך נישט וויא איך קען איהם אָבזוכין, איך וועל זעהן היא נאָכצופרעגין וויא ער איז, אונ׳ עטץ זעהט דאָרט דאָס אייעריגי צי טוהן. וואָרין איך זאָג דיר, עס איז גאָר קיין קלייניגקייט נישט, דער פריץ גזעהט אַרום וויא אַ רוצח. ער האָט בפירוש גיזאָגט, אַז ער וועט דעם שליח בעקומין אונ׳ ער וועט נישט ווען אָנגעבין דיא לייט, וואָס האָ־בין איהם דאָס בריבל גיגעבין, וועט ער זיין גאַנץ פרמעגין שטרעקין, מען זאָל דעם שליח שיקין אויף דעם סאַמביר.

## יג. פין ר׳ גדליהו באלטיר אין אקלו צי משה פישלס אין ניגראד

זעהר אַ לאַנגי צייט איז שוין אַוועק, אַז איך האָב פין דיר נישט גי־הערט אונ׳ האָב נישט גיוויסט וואָס מיט דיר טוהט זיך. איך האָב שוין כמעט פרגעסין אָן דיר. ביא קענסט דוא דיר משער זיין וויא איך האָב מיך גיפרייעט אויף איינמאָהל גאָר אונגירעכט פין דיר אַבריבל צי דרהאַלטין, אונ׳ דרצו וואָס פר אַבריבל, — איך זאָל דיר עפיס בעהילפליך זיין.

איך מיין גאָר דיא וועלט איז מיין, איך זאָל דיר דיין רצון טוהן. אונ׳ בפרט מוסט דוא וויסין, אַז אין דעם עסק, וואָס דיא שרייבסט מיר, קען איך דיר גאָר משונה בעהילפליך זיין, וואָרין דער רבי זאָל הינדרט יאָהר לעבין פרלאָזט זיך אויף מיר מיט דעם עבירשטינס הילף מיט אַלי זייני עסקים, הן בייאם אַרום פאָהרין אויף דער מדינה, הן מיט אַלי עסקים אונ׳ פעולות, וואָס ער בעווייזט אָהן שעור אונ׳ אָהן ערך. אָהן מיר האָט ער נאָך מיט דעם עבירשטענס הילף נישט דאָס מינדסטי געטוהן. מן הסתם האָט ער אין מיין נשמה דרשפירט אַ ניצוץ (פונקין) פין זיין נשמה. איך בין איבערדעם גאָר נישט מסופק, אַז שוין נור מיר צוליעב וועט ער טוהן וואָס מען בעדאַרף דיר צו העלפין, אונ׳ בפרט מכח קינדר. דאָס איז בייא איהם אַ גאָרנישט, אַזויני אינטערעסין האָט ער שוין בעוויזין מיליאָנין. ער איז אין דעם אינטעריס צו קינדר אַ שרעקליכר מפורסם, מעהר וויא אַלי רביס אין דער גאַנצין וועלט.

מן הסתם האָסט דוא גיהערט פין דעם גרויסן נס, וואָס דאָ נישט לאַנג איז גישעהן ר׳ שלמהן פין ראמישל דורך דעם רבין זאָל לעבין הונדרט יאָהר. ווער עס האָט נור גיהערט פין דעם נס ברענט דעך גאָר שרעקליך, ער זאָל זיך צום רבין זאָל לעבין מקרב זיין. וואָרין אַזוינס איז דעך נאָך נישט גישעהן אויף דער וועלט, אַזוינס האָט מען נאָך נישט גיהערט פין דיא אַלי צדיקים, וואָס זענין גיוועזן פין דעם בעשט׳ס צייטן אָן ביז היינט. דיא גאַנצי וועלט קלינגט דעך דרמיט, אונ׳ מן הסתם האָט מען עס בייא אייך אויך גיהערט, וואָרין פין אייער שטאָד איז דענצמאָהל היא גיוועזן ר׳ איציק קאלקער. מילא מוסט דיא פרשטעהן, אַז דיין עסק איז גאָר אַ קלייניגקייט, אונ׳ אַז דוא וועסט נור אַהערקומין, האָסט דוא גאָרנישט מסופק צו זיין, אַז דער רבי זאָל לעבין הונדרט יאָהר וועט תיכף דאָס טוהן, וואָס דיין האַרץ גילוסט נור אַליין.

נור איצט איז נישט צו טוהן, וואָרין דער רבי זאָל לעבין הונדרט יאָהר איז איצט נישט דרהיים. דעם זונטיג ערשט איז ער גיפאָהרין קיין בעלזיצי׳. וואָרין איבדיאוואָך קומין זיך אַהין צום הויף אַלי אַרענדאַריס פין אום אונ׳ אום מכח דיא אַרענדיס. מוס מען זייא אויסטהיילין פאַפיר אויף סופליקיס, מען מוס פדיונות מאַכין אונ׳ נאָך נעטהיגי זאַכין. מיך האָט דער רבי זאָל לעבין הונדרט יאָהר דרוויל גילאָזט איבר אין דרהיים, איך זאָל דיא בריב וואָס קומין דרוויל אָן צו נעהמין אונ׳ תשובות שרייבין, וואָרין ער האָט זיך אין דרהיים אויף קיינים נישט צו פרלאָזין. עס איז קיין קאַטאָוויסי אַרבייט נישט. עס קומין בריב פין ארבע פינות העולם. עס ליגין אָט איצט בייא מיר באַלד צעהן בריב, אונ׳ איטליכין מוס מען ענטפרין עס זאָל אַפנים האָבין. דרוויל איז מיר פין דעם רבין ער זאָל לעבין הונדרט יאָהר אויך אַ בריוו אָנגיקומין מיט צווייאהונדרט רובל אַסיג וואָס ער האָט אַהיים גישיקט, אונ׳ שרייבט מיר, איך זאָל קומען קיין בעלזיצי׳ אונ׳ זאָל מיטברענגין צעטליך, וואָס ער האָט פרגעסין אין דרהיים. איך מוס טאַקי בייא

איהם זיין בייא דער האַנד. איך מוס דיא לייט וואָס נעהמין פּאַפּיר אויף סופּליקיס זאָגין וואָס זייא האָבין צו טוהן אונ׳ וויא אַזוי זייא האָבין זיך נוהג צו זיין מיט דעם רביס סופר, אונ׳ נאָך אַזעלכי זאַכין.

מילא לע"ע קען איך דיר גאָר נישט העלפין, ערשט אַז דער רבי זאָל לעבין הונדרט יאָר וועט אַהיים קומין. נור אויס פריינדשאַפט ראָט איך דיך, דיא זאָלסט זעהן צו בעקומין דיא ספרים פון אונזרי צדיקים אונ׳ זאָלסט אין זייא אַריין קוקין, וואָרין אויס דיין בריב פרשטעה איך, אַז דוא האָסט נאָך קיין איינציג ספר פון דיא הייליגי ספרים פר דיר גיזעהן. מילא זעה זשע דיא ספרים צו בעקומין, אונ׳ בפרט דאָס הייליגי ספר שבחי הבעשט אונ׳ דיא ספרים פון דעם צדיק ר׳ נחמנדל זצ"ל אונ׳ בפרט זיין סיפורי מעשיות.

עס איז נישט דאָ אויף דער וועלט אונ׳ נישט אויף יענער וועלט אַ קלייני זאַך אָדער אַ גרויסי, עדלי אינטערעסין אָדער גראָבי, וואָס שטעקין נישט אין שבחי הבעשט אונ׳ אין דעם סיפורי מעשיות. קוק נור אַריין אין זייא, וועסט דוא וואונדערליכי זאַכין זעהן. פּלוטצלינג וועסט דוא זעהן מעשיות, וואָס אין פלוג דאַכט זיך עפּיס אַ גאָר נישט, אַפּראָסטי מעשה וואָס באַביציס דרצעהלין זייא זיך, אונ׳ צום סוף שטעקט אין זייא אַזויני סודות אונ׳ אַזויני הויכי זאַכין, אַז עס געהט זיך אַזשע אַ מורא נפש אָן (א). אַז דיא וועסט אָנהע-בין אין די ספרים אַריין צו קוקין, וועסט דיא ערשט בעקומין אמונה אן דיא צדיקים (גלייבין אן צדיקים), וואָרין אָהן אמונת חכמים וועסט דיא אויף דער וועלט גאָר נישט פועלן, דיין גאַנצי אַרבייט אויף דער וועלט, דיין תורה, דייני מעשים טובים זענין אָהן אמונה אן דיא צדיקים אַ גאָר נישט.

## ג. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר.

תיכף וויא איך האָב נור דיין בריבל דרהאַלטן, האָב איך גישיקט אַ שליח מיוחד קיין פילשטין, אונ׳ איך בין בטוח גיוועזן, אַז אין דעם רבינס זכות אונ׳ דורך דאָס גיטריישאַפט פון אונזרי לייט, אַז עס וועט אודאי רעכט זיין. אונזר עולם, האָב איך גיוויסט, וועלין אודאי טוהן וואָס נור אויף דער וועלט מעגליך איז, עס זאָל דאָרט זיין וויא מעדאַרף.

וכן הוה.

דער מלמד איז איצט בייאם בילקער אַרענדאַר ניט וויט פון פילשטין אונ׳ איז זיך מיט זיין אַרענדאַר אַריין גיפאָהרין אויף דעם יריד. אויף זיין שלימזל זענין זייא דורך דער טאַרגאָוויצי וויא מען פאַרקויפט פערד אין שטאָד אַריין גיפאָהרין. דאָרט איז דיין פריץ קנעכט געוועזן פערד צו קויפין אונ׳ האָט דעם מלמד דרקענט, איזט צוגעלאָפין צום אַרענדאַרס פוהר אונ׳ האָט דיא פערד בייא דיא צוגליס אָנגיהאַפּט.

אונזר מזל איז גיוועזן, וואָס אונזרי פילשטינר לייט האָבין זייער רופא יעקל בעשטעלט, ער זאָל מיט דעם קנעכט אַרום געהן אונ׳ זאָל איהם נישט אָבטרעטין אויף איין אויגענבליק.

וויא באַלד דער קנעכט האָט דעם אַרענדאַרס פערד אָנגיהאַפּט בייא דיא צוגלים, האָט איהם דער רופא אָנגיהויבין צו בעטין, ער זאָל קיין רעש נישט מאַכין אויף דעם יריד צווישין אַזויפיל מענשין — פר דיא וואָס זעניין זיך שוין צום הויף גילאָפין זאָל ער זאָגין, ער וויל בייאם אַרענדאַר אַ פערד קויפין, וואָס איז אין וואָגין אַיינגישפּאַנט,׳ אונ׳ זאָל מיט דעם מלמד געהן אין אַ שענקהויז אַריין; ער וועט אויך געהן, אונ׳ דאָרט וועט ער זיך אין אמת טוהן מיט דעם מלמד וואָס ער וועט וועלין.

דער קנעכט האָט אַלזוי גיטוהן, אונ׳ זעניין אַלי דרייא צום שענקיר ר׳ חיים חלאָדיוקער גיגאַנגין. ר׳ חיים איז אויך פין אונזרי לייט, האָט ער זייא גיגעבין מעד אונ׳ פיש, זייא האָבין גיגעסין אונ׳ גיטרינקען וואָס זייער האַרץ האָט נור אַליין גיוואָלט. אונ׳ וויא דער מלמד האָט גיזעהן, דער קנעכט האָט שוין אַ טרינקל אין קאָפּ, איז ער אַריין אין קעליר, פין דעם קעליר אויף דער גאַס אונ׳ איז בעלם גיוואָרין.

דער קנעכט האָט אָנגיהויבין צו שרייען, ער ווייסט פין וואַנין דער אַרענדאַר איז וואָס דער מלמד איז בייא איהם, אונ׳ דער פריץ פין דעם דאָרף קעהר זיך אָן מיט זיין פריץ. אויך דעם שענקיר וועט ער דאָס נישט שווייגין. יעקל רופא האָט איהם אָבער אָנגיהויבין זעהר צו בעטען אונ׳ האָט ממש פר איהם גיוויינט. גידענקסט דוא, האָט ער איהם גיזאָגט, אַז דו האָסט אַ מאָהל גיהאַט דיא נישט רייני קראַנקהייט אונ׳ איך האָב דיך אויסגיהיילט פין איהר אונ׳ האָב עס דיין פריץ נישט גיזאָגט? דאַכט זיך מיר, דוא בּיסט מחויב מיר צי ליעב דעם אינטעריס צי פרשווייגין, וואָרין מיר קען דרפין אַ גרויסי רעה אַרויסקומין. צו דעם וואָס דער רופא האָט דעם קנעכט גיבעטין, האָט דער שענקיר פין ר׳ מאיר בעלהנס פושקי גינעהמין צווייא רובל אונ׳ האָט דעם קנעכט גיגעבין, האָט דער קנעכט צוגיזאָגט, ער זאָל דעם פריץ נישט אַוואָרט זאָגין, וואָס דאָ האָט זיך גיטוהן, אונ׳ איך בין נישט מסופק, אַז ער וועט אַודאי נישט זאָגין, וואָרין לעולם וועט ער פין דעם פריץ פרשוואַרצט ווערדן, נאָכוואָס ער איז גאָר גיגאַנגין מיט זייא אין אַ שענקהויז אַריין אונ׳ האָט זיך דאָרט אָנגישכּורת. דורך דעם האָט ער אי קיין פערד גיקויפט, אי דעם מלמד האָט ער גילאָזט ענטלויפין.

נור פין דעסטוועגין, חאָטשי איך בין זיכר, דער קנעכט וועט ניט זאָגין, מוסט דוא פאָרט זעהן אין דרהיים אָפּצופּולווין, וואָס דער קנעכט וועט דעם פריץ זאָגין אַז ער וועט צוריק קומין. הודליג דער רופא האָט אונז מודיע גיוועזן, וועט דער קנעכט פין פילשטין ערשט פאָהרין צום זאַלווזינר פריץ — עפיס האָט ער צו דעם זאַלווזינר איין עסק פין זיין פריץ — אונ׳

דרנאָך ערשט, אין פיר טאָג, וועט ער צוריק קומין קיין פילשטין, און פין פילשטין וועט ער פאָהרין אַהיים. מילא זאָלסט דו וויסין.

## טו. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

אָהן דיין בריב האָב איך אויך גיוואָלט וויסין וואָס אין פולשטין האָט זיך גיטוהן אונ׳ האָב מיר דעם אינטעריס גאַנץ גיט אָבגיפּולוועט. וויא איך האָב גיוואָהר גיוואָרן, אַז פראַכט טאָגין מאָנטאָג איזט מחיוב דער קנעכט פין פולשטין צוריק צו קומין, בין איך זונטאָג אויף דער נאַכט גיגאַנגין צו יעקל רודניקער וואָס האַלט די היגי מיהלין. איך האָב גיהערט, אַז דינסטאָג דאַרף ער דעם פריץ דיא ראַטי צאָהלין, האָב איך איהם גיבעטין, ער זאָל עס טוהן דעם רבין דעם צדיק צו ליעב אונ׳ זאָל צאָהלין דיא ראַטי מאָנטאָג, אונ׳ זאָל זיא שיקין נור דורך מיר. אונ׳ חאָטשי יעקל איז צום אמת אַ גראָביר יונג, האָט ער פר דעם רבין דעם צדיק גרויס דרך ארץ אונ׳ ציטערט פאַר איהם, אונ׳ האָט מיר צוגיזאָגט עס צו טוהן. נור וויא ער האָט אָנגיהויבען דאָס געלד זיינס אויסצוצעהלין, האָט ער גיזעהן, עס פעהלין איהם צו דער ראַטי צווייאהונדרט גולדען, וואָס דיא מוטשניקיס דאַרפין איהם מאָנטאָג נאָך וואַרמיס ערשט צאָהלין פר מעהל. האָב איך מיר איין עצה גיגעבין אונ׳ בין גיגאַנגין צו שלום קאזינער, וואָס האַלט דיא זאליקר גוראַלני, איך וויס ער איז אַ שטיקל עושר אונ׳ לעבט מיט מיר גוט, האָב איך איהם גיבעטין, ער זאָל יעקל געבין אויף תבואה צווייאהונדרט גולדען. וכן הוה.

מילא, איז שוין דיא ראַטי גיווען פאַרטיג. בין איך גיגאַנגין מאנטאג מיט דיא זאָרעס צו אונזר בשמים-קרעמיר ר׳ יעקל רבקיס, לעבין זיין גיוועלב געהט דער וועג פין פילשטין אין שלאָס אַריין. האָב איך איהם גיזאָגט, ער זאָל אַכטונג געבין, אַז דער קנעכט וועט בייא זיין גיוועלב פיר פאָהרין, זאָל ער זיך מיט איהם צערשמיסין פין דעם פולשטניר יריד אונ׳ זאָל איהם אַריין בעטין אין גיוועלב אַריין אויף ליקווער אונ׳ זאָל מיר דרווייל שיקין זאָגין, אַז דער קנעכט איז שוין בייא איהם, כדי איך זאָל געהן אין שלאָס אַריין, אונ׳ אַזוי באַלד איך וועל איהם מודיע זיין, איך בין שוין גיגאַנגין אין שלאָס אַריין, זאָל ער זעהן דעם קנעכט צו פטרין, ער זאָל זיך פאָהרין.

ר׳ יעקל האָט אַזוי גיטוהן וויא איך האָב איהם גיהייסין. וויא איך בין אין הויף אַריין גיקומין, בין איך אין הויז שטעהן גיבליבין אונ׳ האָב דורך דעם פענסטיר אַרויסגיקוקט, אָב דער קנעכט פאָהרט שוין. ווי איך האָב גיזעהן ער פאָהרט, בין איך מיר אין שטיב אַריין גיגאַנגין צום פריץ. קנעכט האָט מיך אָבער פין דער ערשטער שטיב נישט גיוואָלט לאָזין ווייטר עהן צום פריץ אונ׳ האָט מיר גיהייסין דאָ וואַרטין. האָב איך איהם

דרלאַנגט אַ גריוונע און׳ האָב איהם גיזאָגט, איך האָב זעהר אַ נעטהיגען אינ־טעריס צום פריץ.

דרווייל האָט דער פריץ דרהערט, אַז איינר שפּאַרט זיך דוקא צו איהם. איז ער אַריין גיקומין אין דער ערשטר שטיב אַריין און׳ האָט מיך גיפרעגט: ווער ביסט דאָ? האָב איך מיך גינייגט און׳ האָב איהם גיזאָגט: איך האָב גיבראַכט דיא ראַטי פר דיא מיהלען. האָט ער גיזאָגט: וואַרט אַביסל. אונזר פריידה איז אָבער אויך גיווען אין דער אַנדרי שטיב, וויא דער פריץ איז פריהר גיווען. וויא זיא האָט דרהערט מיין קול, איז זיא אַריין גיקומין אין דער ערשטער שטיב אַריין. האָב איך איהר גיזאָגט גוט מאָרגין. דער פריץ האָט זיך זעהר גיחודשת און׳ האָט פריידהן גיפרעגט: איז דאָס אַבעקאַנטיר דיינר? האָט איהם דיא קליגע ממזרת גיענטפרט: פרוואָס זאָל איך איהם נישט קענין, ער איז מיין קרוב און׳ איז אַהיגר בעלהבית. איך האָב גימיינט, האָט דער פריץ גיזאָגט, ער איז אַ נאמן בייאם אַרענדאַר פין דיא מיהלען. חס ושלום, האָב איך מיך אָנגערופין, איך בין ב״ה היא אַ חשבור בעלהבית וויא יעקל, ער איז קעגין מיר אַ פּראָסטאַק און׳ אַ גראָבער יונג. נור עס האָט איהם גיפעהלט געלט צי דער ראַטי, האָט ער מיך גיבעטין, איך זאָל איהם צו לייהן עפיס געלד. האָב איך מיר גיטראַכט: איך וועל איהם לייהן געלד, איפשר וועט ער דאָס געלד ערגיץ אַנדרש פרטוהן און׳ וועט דיר דיא ראַטי נישט צאָהלין, וועסט דוא דיא מיהלין אַוועק נעהמין אינ׳ ער וועט נישט האָבן פין וואַנין מיר צו צאָהלין. בין איך איבערדעם אַליין גיגאַנגין מיט דער ראַטי.

האָט זיך דער פריץ אָנגירופין: אַז עס איז יוא אַזוי, פרוואָסזשע האָב איך דיך נאָך קיינמאָהל נישט גיזעהן אין הויף עפּיס איין עסק צו דינגין? האָב איך איהם גיענטפרט: איך בין ניט אַזוי אַמענש, איך זאָל שטעהן בייא אַסקאַרב מיט אַיאַם מענשין, וויא איינר מאַכט דעם אַנדרין אין דיא אויגין קאַלי׳. ווען דער האַר וויל דיא גנאַד האָבין מיר דיא מיהלין צו פר־דינגין, וועל איך זייא דינגין, נור עס זאָל זיין בסוד, ביז איך וועל זייא דאַרפין איברנעהמין. פרוואָס נישט, האָט דער פריץ גיזאָגט, בפרט דוא ביסט אַ קרוב פין מיין פריידה. נאָך דרייא חדשים געהט יעקלין דער קאָנטראַקט אויס, וועל איך זייא דיר פרדינגין. איך בין צו איהם צוגיגאַנגין און׳ האָב איהם גיקושט דעם שטיפיל. דער פריץ האָט אַ גישרייא גיטוהן צו אַ קנעכט, ער זאָל דעם סעקרעטער רופין דיא ראַטי בייא מיר ציצינעהמין, און׳ האָט זיך גינעהמין דיא לולקעציבוך צי רייכערן. בין איך גילאָפין אין קעך אַריין, האָב גיבראַכט אַ קויל פייער און׳ האָב זיא גילייגט אויף דער לולקע. דעם פריץ איז דאָס זעהר גיפעלין און׳ האָט מיר גיזאָגט: דוא ביסט אַ גוטר מענש, איך האָב דיך ליעב.

דערווייל איז דער רעכטיר קנעכט אַריין גיקומין. דער פריץ האָט איהם גיפרעגט: האָסט דוא גיקויפט פערד? האָט איהם דער קנעכט גיענטפרט:

ניין, אויף דעם גאַנצין יריד האָבין זיך מיר נישט גיטראָפין אַזויני, וואָס זאָלין מיר גיפעלין. איין איינציג פערד איז מיר גיפעלין בייא איין אַרענדאַר, האָב איך עס גיוואָלט בייא איהם קויפין, האָט ער מיר גיזאָגט: מיטה עס מיר גאָר אַפילו נישט אָן, דאָס פערד איז בייא מיר זעהר חשוב. שוין ניט איינמאָהל אויף שלעכטי ערטער וויא דרייא גוטע פערד האָבין נישט גיקענט דעם וואָגין אַרויס שלעפין האָט דאָס קליינע פערדל מיר דעם וואָגין גאַנץ אַליין אַרויסגישלעפט. איבערדעם האָט זיך דאָס פערדל מיר אין האַרץ איינגיבאַקין. וויא דער קנעכט האָט דאָס דרצעהלט, האָט דער פריץ אָנגיהויבן זעהר משונה צו לאַכין אונ׳ זאָגט צום קנעכט: מאַכסט דוא דיר דאָ חוזק אויס מיר? אָדער איז דאָס נישט גיוועזן דאָס פערדל וואָס עס איז גיוועזן אַגלגול פון אַבעלחוב, אונ׳ וויא דער בעש"ט האָט דעם בעל חוב גישענקט דעם חוב, איז דאָס פערדל גיפגרת (א). אוי דיא שוטה, אָט דאָס פערדל האָסט דוא גיזאָלט קויפין, האָסט גיזאָלט געבין דרפר איך וויים אַליין ניט וויא פיל, דאָס פערדל העט בייא דיר תיכף גיוועזן גיפגרט אונ׳ דורך דעם העטין דיא חסידים דיך גיוועזן אויפגינעהמין פר אַ רבי אַזוי וויא זייער בעשט.

וויא איך האָב דאָס דרהערט, האָב איך גימיינט, איך פאַל אַנידער, אונ׳ פריידה האָט זיך צו איהם אָנגירופין: איך וויים דיא מעשה, וואָרין איך האָב זיא גיליייאנט. פון וואַנין אָבער וויסט דער האַר דיא מעשה? דוא האָסט גילייאנט דיא מעשה, האָט זיך דער פריץ אָנגירופין צו פריידה. איך האָב פרגעסין, וויא דאָס ספר הייסט, וואָס דיא מעשה שטעהט דרינין, וואַרט אויס, איג׳ איז צו גילאָפין צו דער שאַפי, האָט פין דאָרט אַרויסגינעהמין דאָס רעכטי בוך, האָט דרינין אַריין גיקוקט אונ׳ האָט גיזאָגט: דאָס ספר הייסט שבחי הבעשט, דיינס איז אַודאי אויף יידיש טייטש, איז עס אוסטראהיר אָדער לאַשטשוביר דרוק.

וויא איך האָב דאָס דרהערט, האָט אונטר מיר אָנגיהויבין העגד אונ׳ פוס צו ציטערן, אונ׳ דורך דעם איז מיר דאָס ראַטי־געלט אויס דער האַנד אַרויס גיפאַלין. אונ׳ וויא איך האָב מיך אָנגיבויגין דאָס געלד אויפצוהעבין, איז מיר אויס דעם בוזעם דאָס הייליגי ספר המדות ממוהרן אַרויס גיפאַלין אויף דער ערד. פריהר האָב איך דאָס ספר אויפגיהויבין, האָב עס גיקישט אונ׳ צוריקגילעגט אין בוזעם אַריין, איג׳ דרנאָך האָב איך דאָס געלד אויפגיהויבין.

דרווייל איז דער סעקרעטאַר אַריין גיקומין די ראַטי צוצונעהמין, אונ׳ דער פריץ האָט ווייטר אין דעם בוך אַריין גיקוקט אונ׳ זאָגט צו מיר: דאָס ספרל וואָס דיר איז דאָ אַרויסגיפאַלין איז אודאי דאָס ספר המדות פין ר׳ נחמן דעם בעשטס איין ענקיל, דוא ביסט אויך אַ חסיד. אַז עס איז אַזוי, וועל איך דיר דיא מיהלין נישט פרדינגין, וואָרין אין דעם ספר שטעהט, אַז איהר מעגט אונז בעטריגין. חס ושלום, האָב איך אַ גישרייא [גי]טוהן, דאָס

שטעהט בשום אופן נישט אין דעם ספר. ער האָט גיזוכט אין זיין בוך און רופט זיך אָן צו מיר: זעה נור אין דף י״ד סימן .

איך האָב אויפגימישט דאָס בלעטיל אונ׳ האָב איהם גיזאָגט: אדוני, דאָ שטעהט עכום מעג מען בעטריגין, דאָס הייסט בייא אונז דוא וואָס דיענין דיא שטערן אונ׳ דיא מזלות פין דעם הימעל. וויא איך האָב דאָס אַרויס גי־רעד, האָב איך גימיינט טאַקי דער רוח נעהמט איהם אַוועק. איך וויס, האָט ער גיזאָגט, אַז איהר דראַביס זאָגט אונז אַזוינס פיר. אין דעם ספר המדות תּיכף פין פאָרן שטעהט אַזוי אַ מודעה גידריקט וויא אויף אַלי יודישי ספרים, פין דעסטוועגין וויס איך זעהר גוט, אַז אין דער גמרא אונ׳ אין אַנדרי יודישי ספרים, אַז עס שטעהט דאָס וואָרט עכום מיינט מען נור דיא אומות וואָס זענין דענצמאָהל גיוועזן, וואָס האָבין גידיענט צו די געטצין. איך וויס אַפילו, אַז אין דער גמרא שטעהט, יודען זאָלין בעטין פאַר דאָס מלכות. אָבער בייא אייערי ספרים, ווי עס שטעהט (דאָ האָט [ער] ווידר אין בוך אַריינגי־קוקט אונ׳ גיזאָגט) עכום, אומות, נכרי אָדער גוי, מיינט מען נור אונז. דיא משנה וואָס זיא הייסט בעטין פר דאָס מלכות לייגט איהר אויס אויף אייערי שטותים (ב). זאָג מיר, איך בעט דיך, צו וואָס האָט דער רבי נחמן אין זיין ספר קיצור ליקוטי מוהרן גישריבין, אַז עס איז אַ מצוה, דער צדיק זאָל דעם עכום שוחד געבין? (ג) מיינט ער דאָ אויך, דער צדיק זאָל שוחד געבין דיא דאָזיגי וואָס האָבין פר אַכטצעהן הונדרט יאָהר גידיענט צו דיא געטצין?

דוא שוטה, דיא מיינסט, דער וואָס האָט דאָס בוך גימאַכט איז אַזוי אַשוטה וויא עטץ. אוי, ער קען אייך אונ׳ אייערי צדיקים זעהר וואָהל, אונ׳ פר איין בלעטיל פין זיין בוך וועל איך נישט נעהמין אַלי אייערי חסידישי ספרים וואָס זענין פיל שטותים. אָט דאָס ספר המדות טראָגסט דוא בייא דיר אין בוזעם, ווייל אייער ר׳ נחמנדל האָט אַזוי צוואהה גילאָזט (ד), אונ׳ גיקישט האָסט דוא עס אויך. דאָס בוך איז טויזענד מאָהל מעהר ווערט מע זאָל עס קישין. אונ׳ וויא ער האָט דאָס אַרויס גירעד, איז ער צו מיר ציגילאָפין טאַקי וויא אַ רעכטיר גזלן—און האָט מיר דאָס בוך גישטיפט אין מויל אַריין, איך זאָל עס דוקא קישין.

וואָס זאָל איך דיר זאָגין, איך האָב גימיינט איך לאָז די נשמה. מיין מזל איז גיוועזן, וואָס פריידה איז דרבייא גיוועזן, האָט זיא מיך מיט איהר חכמה מציל גיוועזן. זי האָט דעם פריץ גיבעטין, ער זאָל מיך גימאַך לאָזין. זיא האָט איהם גיזאָגט, מיר טוהרן קיין שום בוך נישט קישין, נור אַ יודיש ספר. האָט ער מיך ערשט גימאַך גילאָזט אונ׳ האָט גיזאָגט: ער איז נישט ווערט דאָס בוך צו קישין; דאָס בוך וועט טמא ווערין פון זיין טמא מויל. אונ׳ האָט אויף מיר אַ גישרייא גיגעבין, איך זאָל געבין דיא ראַטי אונ׳ זאָל תּיכף אַוועק געהן. דעם קוויט אויף דער ראַטי, האָט ער גיזאָגט, וועל איך שוין יעקלין אַליין געבין אונ׳ האָט מיך אויס דעם שלאָס אַרויס גישטופט.

איך בין אַהיים גיגאַנגין זעהר פרמרהשחורת. נור וויא איך בין אַהיים

גיקומין האָב איך אַ גוטין טרונק אָקוויט גיטוהן. האָב איך מיר מישב גיווען: פּרוואָס זאָל איך דאָס זיין אין עצבות? אַלצדינג וואָס איך האָב דאָ גיטוהן האָב איך דעך נור גיטוהן פין דעם רבינס וועגין. מילא וואָס געהט דאָס מיך אָן, וואָס אַזאַ אַגוישטשא בילט אויף גיטע יודען? אויך מיר אַ זאַך! טא אַז דער רבי דער צדיק וועט נור וועלין, וועט ער דעך איהם בעגראָבין טויזענד עלען אין דער ערד אַריין. אויך מיר אַ זאַך! אַז דער רבי דער צדיק קען דעם שר פון איין אומה אין הימל בעגראָבין (ה), מילא איז עפּיס אַ קונץ אַזאַ אַפּרחיוואַטי פּריציל צו בעגראָבין? אַז דער שלימזלני פּריץ וועט וועלין אונז עפּיס שלעכטס טוהן אָדער מיר אַליין נור, דאַרף דער רבי דער צדיק נור אַ תּרעומות אויף איהם האָבין, וועט ער דעך אַ מיתה משונה איינ־נעהמין (ו).

נור דאָס האָב איך יוא מורא גיהאַט. דער פּריץ האָט אַ ברירה צו שי־קין נאָך יעקלין, ער זאָל איהם דעם קוויט אויף דער ראַטי געבן, וועט ער פון יעקלין גיוואָהר ווערין, אַז דאָס גאַנצי געלד פּר דער ראַטי איז זיינס גי־ווען אונ׳ ער האָט פון מיר גאָר קיין געלד נישט גיליגען, נור איך האָב איהם גיבעטין, איך זאָל געהן דיא ראַטי אָבטראָגין. וועט דער פּריץ אָנהעבין חוקר ודורש זיין, פּרוואָס איך האָב מיך גינעט מיט דער ראַטי צו געהן. אונ׳ אַז מעוועט דעם גראָבין יונג יעקל נעהמין אויף אַ דעפּראָס (אונטרזוכונג), איין פרעג אַז מעוועט איהם טוהן, וועט ער זאָגין וויא אויס אַרייסטיר, אַז איך האָב איהם גיזאָגט, ער זאָל עס טוהן פין דעם רבינס וועגין. וועט דער פּריץ נישט רוהין אונ׳ וועט טוהן איך וויס אַליין נישט וואָס. האָב איך מיר אַזוי איין עצה גיגעבין.

איך בין גיגאַנגין צו יעקל אונ׳ האָב איהם גיזאָגט, איך האָב איהם עפּיס אַ סוד מגלה צו זיין. ער מוס מיר אָבער שווערין בייא אַ ספר תּורה, עס זאָל נישט אַרויסקומין, וואָרין איך קען דורך דעם קומין אין אַ גרויסר סכּנה אַריין. ער האָט נישט גיוואָלט שווערין בייא אַספר תּורה אונ׳ האָט גישוואָרין בייא תּפילין.

האָב איך איהם גיזאָגט: גיט אַכטונג, פּר דער טובה וואָס איהר האָט היינט גיטוהן דעם רבין דעם צדיק האָט אייך דער עבירשטער קודם לכל אַ חלק שכר שוין אויף דער וועלט אָבגיגעבין, חוץ וואָס איהר האָט אייך נאָך שכר פּרדיענט אויף יענר וועלט. וויא איך בין היינט גיקומין מיט דער ראַטי אין שלאָס אַריין, האָב איך אין דער ערשטיר שטיב אַקנעכט גיפרעגט, אָב דער פּריץ איז דאָ אין דרהיים, האָט ער מיר גיזאָגט, ער איז אין דער אַנדרר שטיב מיט נאָך אימצין. האָב איך איהם גישענקט אַ גולדין, ער זאָל געהן זאָגין דעם פּריץ, אַז איך האָב גיבראַכט דיא ראַטי פּר דיא מיהלין. דער קנעכט איז אַריין גיגאַנגין אין דער אַנדרר שטיב אַריין, איז צוריק גיקומין אונ׳ האָט מיר גיזאָגט, דער פּריץ האָט גיזאָגט איך זאָל וואַרטין; אונ׳ איז זיך אַוועקגיגאַנגין.

איך בין זעהר ציקאַווי גיוועזן צו זעהן, ווער דאָ איז מיט דעם פּריץ אין אַנדרן חדר און בין גאַנץ שטילרהייד צו גיגאַנגין צו דער טיהר פין דעם אַנדרן חדר אונ׳ האָב אַריין גיקוקט דורך דעם שליסל לאָך. וואָס זאָל איך אייך זאָגין, עס איז מיר אַזשע אין האַרץ פרקיהלט גיוואָרין, וויא איך האָב דרזעהן דיא קורווע פריידה ר׳ אייזיקס (דאָ האָב איך אויסגישפּיגין) ימח שמה וזכרה מיט איהם אויף דעם בעט. איך האָב טאַקי ממש דאָס רעכטי שפּיל גיזעהן.

דרווייל האָב איך דרהערט אייער נאָהמין מזכיר זיין. האָב איך גאַנץ גוט דעם אויער צוגעלעגט אונ׳ האָב גיהערט, וויא דיא נפקה ימ״ש האָט גיזאָגט: דער וואָס האַלט דיא מיהלין גיווינט אָן דיא מיהלין אַ יאָם געלד. האָט זיך דער פּריץ אָנגירופין: דוא זעהסט דעך, דער וואָס פריהר האָט גיהאַלטין דיא מיהלין, האָט קיין מאָהל נישט גיצאָהלט דיא ראַטי צו דער צייט, אונ׳ ווען ער איז בייא מיר גיוועזן האָט ער תמיד גיבעטין אַ הנחה, אונ׳ יעקל צאָהלט דאָס נעהמליכי וואָס יעניר אונ׳ צאָהלט זעהר פּונקטליך. אָט גיב אַכטונג, מאָרגין איז ערשט דיא צייט פין דער ראַטי אונ׳ ער האָט זי שוין היינט גישיקט.

פרוואָס נישט? האָט זיך דיא קורווע אָנגירופין: ער גיווינט אָן דיא מיהלין צווייא מאָהל אַזוי פיל וויא פיל ער צאָהלט. פריהר, פר יענים, איז תבואה זעהר וואָהלפייל גיוועזן. איצט גילט תבואה, אונ׳ דרצו האָט ער אין מיהל אַ גרויס מעסטיל אויך. ער איז פין דעם האַרנס מיהלין אַ גרויסר עושר גיוואָרן.

נוא, האָט דער פּריץ גיזאָגט, וואָס קען איך איצט טוהן, ער האָט נאָך דרייא חדשים צו האַלטין. אַז עס וועט זיך מיר דרנאָך טרעפין איין אַנדריר, וועל איך זיא דעם פרדינגין אויף דרייא יאָהר. האָט דיא נפקה גיזאָגט, זיא וועט איהם געבין איין עהרליכין מאַן אונ׳ אַבטוח, וואָס ער וועט דיא מיהלין דונגין. דרווייל האָב איך גיזעהן, דער פּריץ שטעהט אויף פון דעם בעט, בין איך גאַנץ שטילרהייד צוריקגיגאַנגין אונ׳ האָב מיך גישטעלט בייא דער טהיר פין דעם ערשטין חדר. איז דער פּריץ אַריין גיקומין אונ׳ האָט מיך גיפרעגט: דוא האָסט גיבראַכט דיא ראַטי? איך האָב מיך גינייגט אונ׳ האָב איהם גיזאָגט יוא. האָט ער מיך גיפרעגט: ביסט דוא אַ נאמן בייא דעם וואָס האַלט דיא מיהלין? דרווייל איז דיא ימח־שמוניצקי פריידה דורך איין אַנדערר טהיר אין דער שטיב אַריין גיקומין, מען זאָל מיינין, זיא קומט דאָס ערשט איצט צום פּריץ.

האָב איך דעם פּריץ גיענטפערט: ניין. איך בין אַ היגער בעל הבית, נור דעם פין דיא מיהלין האָט גיפעהלט געלד צו דער ראַטי, האָב איך איהם צו דער ראַטי זעקס הונדרט גולדין צו געליגען. אונ׳ מחמת ער האָט גימוסט אַוועקפאָהרין קיין ליטין, דעם פראַקאַשטשיק, וואָס זיצט דאָרט פון דעם פּאָדראַטשיק, תבואה פר דעם פּודראַט צו פרקויפין, האָט ער מיך גיבעטין,

איך זאָל די ראַטי אָבטראָגין. האָט מיך דער פּריץ גיפרעגט: פרוואָס האָט איהם גיפעהלט געלד צו דער ראַטי, ער גיווינט דעך אַ יאָם געלד אָן דיא מיהלין?

האָב איך איהם גיזאָגט: אדוני, דיא גאַנצי וועלט ווייסט, אַז יעקל האָט גידונגין דיא מיהלין איז ער גיוועזן אַ גוואַלדאָווני עושר, אונ׳ האָט אין דיא מיהלין אַ יאָם געלד אָנגיוואָרן, נור מחמת ער איז איין עהרליכר מאַן, זוכט ער צו טוהן איך ווייס אַליין נישט וואָס, ער זאָל תמיד פּונקטליך צאָהלין דיא ראַטי, אונ׳ שמיסט קיין מאָל נישט פין אַ הנחה.

וויא איך האָב דאָס גיזאָגט, האָט זיך דער פּריץ אויסגידרעהט צו דער נפקה אונ׳ האָט זיא אָנגיקוקט וויא איינר רעד, וואָס טוהט זיך דאָס, זיא האָט אָבער אויף איהם גיווינקין, האָט ער קיין וואָרט גיזאָגט. דער פּריץ האָט אַ ציה גיטוהן ביים שטריקל וואָס איז צוגעביגדן אָן אַגלאָק, וואָס איז אין דעם חדר וויא דיא קנעכט זיטצין. איז אַ קנעכט אַריין גיקומין, האָט ער גי־הייסין דעם סעקרעטאַר זיינעם רופין, ער זאָל צו נעהמין דיא ראַטי, אונ׳ ער אַליין איז אַריין גיגאַנגין אין פערטין חדר אַריין דעם קאָנטראַקט אונ׳ דיא רייסטערס צו נעהמין, דיא ראַטי איינצושרייבין. אונ׳ איך בין מיט דער נפקה גיבליבין אין דעם ערשטין חדר.

איך האָב מיך נישט גיקענט איינהאַלטין, בין צו איהר צוגעגאַנגין, נור איהר היריש פּאַרציף האָב איך נישט אָנגיקוקט, אונ׳ האָב איהר גיזאָגט: איך האָב אַלצדינג גיהערט אונ׳ גיזעהן, וואָס דוא האָסט מיט דעם פּריץ אין דער אַנדרר שטיב פרפיהרט. איך וועל דאָס אַלצדינג שרייבין דעם רבין דעם צדיק, דיין מאַן אונ׳ דיין גאַנציר משפחה וועל איך דאָס דרצעהלין. עס האָט אָנגיהויבין מיט איהר צו וואַרפין, בפרט וויא זיא האָט דרהערט דעם רבינס נאָמין, האָט זיא אָנגיהויבן מיך זעהר שטאַרק צו בעטין. אום גאָטס ווילין, האָט זי גישריגין, וואָס ווילט איהר פין מיר האָבין? וואָס האָב איך אייך גי־טוהן? פרוואָס ווילט איהר מיך פין דעם לעבין ברענגין? האָט רחמנות אויף מיר!

איך זאָל אויף דיר, הירישטשי, רחמנות האָבין? פרוואָס האָסט דוא קיין רחמנות נישט אויף דעם וואָס האַלט דיא מיהלין אונ׳ האָסט איהם גיוואָלט קוילין מיט ווייב אונ׳ קינדר? ער איז אַ כשרר יוד, איין עהרליכר יוד, אונ׳ איך וועל נישט נעהמין דיין גאַנץ לייב אונ׳ לעבין פר זיין מינדסטין פינגער.

ווייסט איר זשע וואָס, האָט זיא מיר גיזאָגט, אַז עס געהט אייך יוא אום דעם, וועל איך זעהן צו מאַכין, עס זאָל ווידער אַלץ רעכט זיין אונ׳ ער זאָל בלייבין בייא די מיהלין. נור למען השם איר זאָלט מיר קיין שלעכטס טוהן. האָב איך איהר גיזאָגט: ווערסט דוא מיר אָבער שווערן דרויף? האָט זיא גיזאָגט: יוא, אַזוי באַלד איהר וועט פון דאַנין אַוועק געהן, קומט צו מיר אַהיים, וועל איך אייך שווערין.

דרווייל איז דער פּריץ מיט דעם סעקרעטאַר אַריין גיקומין. זייא האָבין

בײא מיר צו גינעהמן דיא ראַטי אונ׳ דער פריץ האָט גיזאָגט, ער האָט איצט קײן צײט נישט דעם קוויט צו געבין. זאָלט איהר שיקין נאָך דעם קוויט. איך בין אָבער דרבײא גישטאַנין, וויא ער האָט אַלצדינג אין רײסטער אַרײן גישריבין אונ׳ אויך אויף דעם קאָנטראַקט האָט ער אויפגישריבין דיא קבלה. מילא האָט איהר גאָר נישט אין זין צו האָבין, נור ווײל איך האָב גיזאָגט, איהר מוסט קײן ליטין פוהרן תבואה פרקויפין, פאָהרט זשע איהר תיכף אַוועק, אונ׳ זאָגט דאָ אָן אײער משרת, ער זאָל אין אַ פאָר שעה אין הויף אַרײן געהן נאָך דעם קוויט. אונ׳ איך וועל דרווײל געהן צו דער נפקה, זיא זאָל מיר שווערין, זיא זאָל ווידער אַלץ פררעכטין, וואָס זיא האָט קאַלי גי־מאַכט. אונ׳ וויא הײסט פררעכטין! ווען זיא וועט אַ כפרה ווערין, מוז אײך דער פריץ געבין דיא מיהלין אויף דרײא יאָהר, נאָך מיט אַהנחה.

וויא יעקל האָט דאָ פון מיר דיא מעשה גיהערט, האָט ער גיזאָגט. איצט זעה איך טאַקי, אַז עס איז אויף דער וועלט טאַקי נישט פרהאַנדין איבר דיא גוטי יודין. דעם גולדין, וואָס איך האָב גיזאָגט, איך האָב גיגעבין דעם פריץ קנעכט, האָט ער מיר אומגעקעהרט, אונ׳ פר מײן טרחא האָט ער מיר צוגיזאָגט הײנטיגין טאָג נאָך אין הויז אַרײן צו שיקין אַ קאָריץ קאָרן־מעהל, אַפירטיל קאָריץ ווײצינ־מעהל אונ׳ אײן האַלבין קאָריץ הרעטשיני גרויפין. אונ׳ דעם נאמן זײנעם האָט ער אַ בעפעהל גיגעבין, דעם רבין דעם צדיק אָבצישיקין אַ גילאַדנוויטע פוהר מיט אַלי גאַטונקיס מעהל אונ׳ גיפליגעל־וואַרק. אונ׳ מחמת דער נאמן איז פין אונזרי לײט, וועט ער מן הסתם בודאי אויסזוכין דאָס שענסטי אונ׳ דאָס וואָהלסטי מעהל אונ׳ אַודאי דיא פעטסטי עופות.

וויא איך בין מיט דעם אונטעריס בײא יעקלן פרטיג גיוואָרין, בין איך גיגאַנגין צו אונזר פרײדין, איך זאָל זיא פרעגין, אָב דער פריץ האָט נאָך מײן אַוועקגעהן מיט דעם קנעכט עפיס גישמיסט פין דעם שליח מיט דעם בריבל, וואָס ער האָט אים גיהײסין זיך אויף איהם אין פילשטין אומ־ציקוקין. נור אויף דעם וועג, געהענדיג צו פרײדה, האָב איך דעם מוכ״ז גיטראָפין, אונ׳ ער אײלט זיך זעהר, האָב איך מיר גיטראַכט, איך זאָל דיר דרווײל שרײבין וואָס עס טוהט זיך. אוך בעט דיך זעהר דעם רבין דעם צדיק צו זאָגן, אַז דעם וואָגין מיט מעהל אונ׳ עופות האָב איך אים צו גישאַנצט אונ׳ האָב יעקלן פר זײן מענש גימאַכט (ז). ער בלײבט דעם רבינס מענש, אונ׳ דוא מוסט וויסין, ער איז אַ גרויסר עושר אונ׳ אַ גראָביר ברודיר. מילא, זאָל מיך דער רבי דער צדיק אין זין האָבין חאָטשי בײאם רײכערן דיא לולקע.

אונ׳ ווײל דער מוכ״ז אײלט זיך זעהר משונה, מוס איך זעהר קורץ דיר שרײבין. אַזוי באַלד עס וועט זיך טרעפין דורך אימצין צו שרײבין, וועל איך דיר מודיע זײן, וואָס דער פריץ האָט מיט דעם קנעכט גישמיסט מכח דעם שליח פון דעם בריבל, דעם מלמד מײן איך.

## טז. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

דיין בריבל האָב איך מקבל געווען. אונ׳ נעכטין איז אָנגיקומין דיא פוהר מיט אַלירליי׳ מעהלין אונ׳ זעהר וואָהלי עופות, אונ׳ וויא זיא איז אָנגיקומין, האָב איך דעם רבין זאָל לעבין גיזאָגט, אַז דאָס איז דיין אַרבייט גיוועזן ביא דעם וואָס האַלט אין דיין שטאָד דיא מיהלין, ווייל דוא האָסט איהם אַ טובה גיטוהן ביא דיין פריץ.

אינדעם איז דיא רעביצין דיא צדקת זאָל לעבין הונדרט יאָהר אַריין געקומין אונ׳ האָט גיפרעגט דעם רבין זאָל לעבין, אָב זיא זאָל צו נעהמין דיא מעהלין מיט דיא עופות (א). האָט דער רבי זאָל לעבין מיט אַ פרעהליך פנים איהר גיזאָגט: נעהם צו. ווייסט דוא אָבער וואָהל, האָט ער איהר ווייטר גיזאָגט, אַז דוא דאַרפסט דרפר אונזר ר׳ זיינוויל קריפינער צו דאַנקין? האָט איהם דיא קליגע צדקת גיענטפערט: דאַנקין קענסט דוא, נישט איך. האָט זיך דער רבי זאָל לעבין אָנגירופין: האָסט גוט גיזאָגט. אונ׳ וויא ער האָט דאָס אַרויס גירעד, האָט ער אָנגיהויבין גאַנץ געך צו רייכרין דיא לולקע אונ׳ האָט אַרויך אַרויס גילאָזט, אַז עס איז זיך אַמורא אָנגיגאַנגין. מעהאָט גיזעהן, אַז ער האָט דיך אין זין.

איך האָב מיר מישב גיוועזן, איצט איז צייט מיט איהם אַגוט וואָרט צו רעדין פר אימצין, האָב איך איהם דרצעהלט, אַז פריידה ר׳ אייזיקס האָט אונז אונ׳ דיר שוין כמה פעמים גרויסי טובות גיטוהן. האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט, זיא האָט אַ גרויסי נשמה. איהר נשמה איז גינעהמין גיוואָרן פין יעל חבר הקני׳ס ווייב (וואָס האָט סיסרא׳ן גיהרגת). האָב איך אַ פרעג גיטוהן, אָב דיין פריץ איז אַ גלגול פון סיסרא. האָט דער רבי זאָל לעבין אויף מיר אַ קרומין קיק גיטוהן אונ׳ האָט מיר גיענטפערט: וואָס פרעגסט דוא אַזוינס, וואָס קעהר נישט צו דיר? האָט אויפגיהערט צו רעכרין, אונ׳ וויא איך האָב גיוואָלט צו נעהמין דיא לולקעצוביך אונ׳ זיא אויף דעם פענסטר שטעלין, האָט ער נישט גיוואָלט. האָב איך גיזעהן, אַז דאָס איז גיוועזן איין עונש פר מיר, פר וואָס איך האָב איהם מיט מיין נאַרישר שאלה מבלבל גיוועזן דיא כוונות בייאם רייכרין, האָט ער מיר נישט צוגעלאָזט דיא מצוה, איך זאָל איהם אַשירות טוהן.

וואָס זאָל איך דיר זאָגין, איך עס מיר אוּדאי דאָס האַרץ אויס, נאָך וואָס איך האָב עס גיטוהן. עס איז אודאי גיוועזן מעשה שטן. נור דער עבירשטר ווייסט דעם אמת, מיין גאַנצי כוונה איז נור גיוועזן גיוואָהר צו ווערן, אָב דיין פריץ איז אַ גלגול פין סיסרא, ווערט ער בודאי אַ מפלה האָבין וויא סיסרא, אונ׳ מיר ווערין פטור ווערן אַזאַ אַ גרויסן שונא. אונ׳ אַז גאָט ווייס מיין עהרליך האַרץ, ווייסט דעך דער רבי זאָל לעבין עס אודאי אויך (ב).

מילא וואָס האָב איך זשע מיך דאָ מצער צו זיין? מן הסתם דאָס וואָס ער האָט מיך נישט גילאָזט נעהמין דיא לולקע צוביך, איז גיוועזן ער זאָל מיר אַ בזיון אָנטוהן פון מיין טובה וועגין (ג). אונ׳ נור פר דעם אַליין בין איך שוין מחיוב פין דעם רביס וועגין מיך אין פייער אַריין צו וואַרפין.

דיין בריבל האָט מיר גימאַכט גרויס עגמת נפש. איך ווייס גאָר נישט וואָס דאָס איז אַזוינס, דיין פריץ פלעגט גאָר נישט צו זיין אַזאַ אַרשע. איך גידענק אפילו, ער איז אַמאָל דורך אונזר שטאָד דורך גיפאָהרין, האָט ער אפילו גיפרעגט אויף דעם רבין, אונ׳ איצט זעה איך פין דיין בריבל, אַז ער איז עפיס אונז אונ׳ די גוטי יודן אַשרעקליכר שונא, אונ׳ וויא עס האָט אַפנים, איז דאָס אַלץ נור דורך דעם בוך.

איך ווייס אַליין [ניט] וואָס דאָ טוהט זיך. תחלת האָב איך גימיינט, דאָס בוך האָט גימוסט עפיס אַ גוי מאַכין. פין דעסטוועגין האָט עס מיך אויך זעהר משונה גיוואונדרט, וואָרין פון כמה שנים שוין האָבין אפילו אונזרי גוים אָנגיהויבין אונזרי לייט עהרליך צו האַלטין, ווער שמיסט אונזרי רביס האָבין דעך אָנגיהויבין אַלי פריצים גרויס כבוד אָנצוטוהן. עפעס אַקאַטאָווים האָבין זייא שוין דיא רביס געלד אויף פדיונות איברגיגעבין? אודאי מיליאָנין. אונ׳ וויא פיל פריצים זענין גיקומין צוא דיא רביס אונ׳ האָבין פר זייא גאָר גיחלשת, זייא זאָלין זייא העלפין אין זייערי עסקים. וואָס דאַרף מען מעהר, פר עטליכי חדשים בין איך גיוועזן אין דעם קורדאן, האָב איך דאָרט גיזעהן אַ וואָליך, וואָס איז גיפאָהרין קיין קאַלשקי צו איינים יאַקילצי, וואָס דיא קורדאניר חסידים רופין איהם רבי. מילא, זייא דיר נור משער וואָס דאָס מוז זיין פר אַפרשוואַרצדיגר רבי, אַז דיא קורדאניר חסידים דיא שוטים רופין איהם רבי. מן הסתם איז ער אודאי אַ פראָסטי יאַקילצי. אַ טהייל שוטים רופין איהם גאָר יאַקילצי דער נביא! האָסט דוא דאָס גיהערט, הייגטיגי צייטין אַ רבי רופין נביא. איך בין נישט מקנא נישט דיא קורדאניר רביס אונ׳ נישט זייערי לייט משטייגס גיזאָגט, אונ׳ פין דעסטוועגין זאָלסט דוא זעהן, וויא מען פאָהרט צו זייא טאָג אונ׳ נאַכט.

אונ׳ דער וואָליך דער גוי איז פליטצלינג גיפאָהרין צו יאַקילצי מכח אַקאַחאַנקי זייני, וואָס ער האָט בייא זיך גיהאַט. אונ׳ עס האָט זיך איהם גידאַכט, אַז דיא קאָחאַנקי, אַ וואָליכטי טאַקי, האָט איהם פאַק נישט אַזוי ליעב וויא פריהר. זיא זאָל זיך גאָר זאַקאָכיט האָבין אן איין אַנדרין. איך בין מיך מיט איהם אין בוטשאטש צום הויף גיקומין, וויא ער איז צריק גיפאָהרין פין דעם ליעבן רבין. העסט דוא גיזאָלט הערין דיא וואונדר וואָס ער האָט אַלץ דרצעהלט פין דעם רבין. אונ׳ אַז ער האָט זיין נאָמין נור גידאַכט, האָט ער דרביא גיזאָגט, גאָט זאָל איהם דאָס לעבין שענקין. וויא ער איז נור צום רבין אין שטיב אַריין גיקומין, האָט ער דרצעהלט, האָט איהם דער רבי תיכף גיזאָגט נאָך וואָס ער איז צו איהם גיקומין אונ׳ האָט איהם אַלצדינג גיזאָגט

וואָס בייא איהם אין דרהיים טוהט זיך אונ׳ האָט איהם איין עצה גיגעבין, וואָס ער זאָל טוהן מיט דער קאָחאַנקי.

וואָס זאָל איך דיר זאָגין, איך האָב מיר אָקערשט נישט דיא צונג אָבּ־גיביסין, איך זאָל איהם ניט לאַכין אין פּנים אַריין. דער גוי, דער איוואַן, האָט זיך נישט גיקענט משער זיין, אַז דער וואָס האָט איהם אין דרהיים גי־ראָטהין ער זאָל פאָהרין צו יאַקילצי׳ איז אַודאי פין יאַקילציס לייט אונ׳ האָט יאַקילצין גישריבין, אַז דער וואָליך פאָהרט צו איהם אונ׳ אין וועלכין עסק ער פאָהרט צו איהם; אונ׳ אַזוי האָט ער איהם אַודאי אויך גישריבין דיא איבריגי עסקים פין דעם וואָליך אין דרהיים. אונ׳ אַזוי געהן אַודאי אַלי יאַ־קילציס אינטערסין אין דעם שטייגר.

איך העט דיר אַ יאָם צו שרייבין גיהאַט פין דעם יאַקילצי, נור לאָמיר דאָס לאָזין אויף איין אַנדרטמאָהל. גינוג מיר זעהן, אַז ערשט פר עטליכי חדשים זענין גוים נאָך גיפאָהרין צו דיא שלימזלני קורדאַניר רביס אונ׳ מכּל שכּן דמכּל שכּן צו אונזרי רביס, אונ׳ פליטצלינג זאָל מען אָנהעבין אויס אַלעם צו לאַכין אונ׳ איינר זאָל גאָר אַ בוך דריקן? מילא דאָס אַליין האָט מיך שוין זעהר משונה גיוואונדרט.

ציינד אָבער זעה איך אויס דיין בריבל, אַז אין דעם בוך שטעהן גאָר אַ יאָם זאַכין אויס אונזרי הייליגי ספרים. מילא האָט דעך אַפּנים, אַז דאָס בוך האָט גאָר גימוזט אַ יוד מאַכין, ווייס איך שוין גאָר נישט וואָס צו טראַכטין. וואָס טייטש, וויא איז דאָס נור מעגליך, בייא דער איטציגר צייט זאָל זיך קענין אַ יוד אונטרשטעהן עפענטליך אָקעגין אונז צו געהן?

אדרבא, איך בעט דיך, זאָג דוא, וואָס פר אַ יוד קען דאָס זיין. דיא דייטשי יודן, וואָס בייא זייא איז נאָך גאָר פינסטער, וויילּ אונזר הייליג ליכט פין אונזר כּתה לייכט נאָך בייא זייא נישט, זייא קענין אונז נישט, ווייסן אונזרי שטיקליך נישט אונ׳ קענין אפילו אונזרי ספרים נישט. דיא פולישי, וואָלאַכישי, מאָלדויאישי און דער גרעסטי טהייל פין אונגאַרין ביז אין פעסט זענין כּמעט אַלי אונזרי לייט, אונ׳ אפילו ווען עס גיפונט זיך שוין אונטר טויזינד איינער איפשר, וואָס אין האַרץ האָט ער אונז נישט ליעב, האָט ער דעך דאָס ניין יעהריגי קדחת פר אַ קרומין קוק פין דיא גוטי יודין אונ׳ פר אונזרי לייט, וואָרין זיי האָבין בעשיינפערליך גיזעהן די שוואַרצי מפּלה וואָס אונזרי שונאים האָבין גיהאַט (ד). וויא פיל האָבין איינגיגנעהמין אַ מיתה משונה, וויא פיל זענין גיוואָרין קבצנים אונ׳ האָבין גימוסט אויף דיא טהירן געהן, וויא פיל זענין נישט פרברענט גיוואָרן אונ׳ זענין גיקומין אום זייערי הייזר אונ׳ אום זייער גאַנץ האָב? וויא פיל זענין נישט איבּרגיבליבין גאַנץ אַליין, וויילּ ווייב אונ׳ קינד אונ׳ קרובים האָבין זייא פרלאָזט, וואָס זייא האָ־בין מורא גיהאַט פר אונז מיט זייא אין איינעם צו זיין. וויא פיל זענין נישט גישטאָרבין אין תּפיסה?

וואָס דאַרפין מיר מעהר ראיות אויף דיא גרויסע מופתים, אַז אפילו

אין דער ליטיא, וויא אונזר גרעסטר מתנגד אלי ווילנער האָט גילעבט, וואָס האָט אונזר גאַנצי כּתּה מחרים גיוועזן, אונ׳ אין דער גרויסי שטאָדט מינסק מיט נאָך אַנדרי שטעד דאָרט האָט מען אָקעגין אונז גאַנצי בּונטעס גימאַכט אונ׳ כּתבים פירכטערליכי גישריבּין, אַזוי וויא מעזעהט דאָס אַלץ אין דעם רשעת ספר ויכּוח, פין דעסטוועגין איז גאַנץ ליטיא איצט אונזר. אונ׳ וואָס דאַרף מען מעהר, דעם ערשטין שבחי הבעשט וויא האָט מען גידריקט? אַודאי אין קאָפּוסט, קאָפּוסט איז אין דער ליטיא. מילא, וויא פרשטעהט מען דאָס, אַז אַ יוד, וואָס קען אונזרי לייט אַזוי גוט אונ׳ ווייסט דאָס גרויסקייט פין אונזרי רביס אונ׳ פין זייערי לייט, זאָל זיך קענין דאָוואַזשין אונ׳ עפינטליך אַקעגין אונז אַזויני אַפּקורסישי זאַכין צו שרייבּין?

איבּרדעם זענין מיר מחויב צו טוהן וואָס נור מעגליך איז, מיר זענין זיך אַפילו מחויב דאָס לעבּין איינצושטעלין אונ׳ דאָס בּוך צו בּעקומין, אונ׳ איך האָף אין דעם רבּינס זכות, אַז מיר וועלין עס נור בּעקומין, וועלין מיר שוין גיוואָהר ווערין, ווער דער מחבר איז דרפון, וויא ער וואָהנט; אונ׳ דר נאָך וועלין מיר מיט איהם טוהן וואָס מיר וועלין אַליין נור וועלין. זייא גיזונד.

עיקר שכחתּי. שרייבּ מיר וויא אַם געכסטין אָבּ דיין פריץ האָט גישמוסט מיט דעם קנעכט מכּח דעם מלמד, אונ׳ אָבּ יעקל רודניק מיינט נאָך אין דראמתין, אַז דוא האָסט איהם גיפּועלט דיא מיהלין אויף דרייא יאָהר מיט אַ הנחה.

## יז. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך דאַנקין דיר טויזינד מאָהל, וואָס דוא האָסט בּייאַם רבּין דעם צדיק פר מיר אַ גוט וואָרט גירעדט. פין דיין בּריבעל האָבּ איך גרויס תּענוג גיהאַט, בּפרט פין דעם, וואָס דער רבּי דער צדיק האָט דער רעבּצין דער צדקת גי־זאָגט, זיא דאַרף מיר דאַנקין פר דער פוהר מיט מעהל אונ׳ עופות אונ׳ דיא צדקת האָט איהם גיענטפערט: דאַנקין קענסט דוא, נישט איך. נור אויף דיר האָבּ איך פראיבּעל, פר וואָס דוא האָסט דעם גאַנצין אינטעריס וואָס דער רבּי דער צדיק האָט גיהאַט, וויא ער האָט אָנגיהויבּין געך צו פּאַקין דיא לולקע, נאָך וואָס האָסט דוא אָנגיהויבּין צו שמיסין פין דעם פּריץ. נאָך מיין נאַרי־שין שכל נאָך, חאָטשי איך פרשטעה מיך נישט אויף זאָלכי זאַכין, דאַכט זיך מיר, וויא דער רבּי דער צדיק האָט אָנגיהויבּין דיא לולקע געך צו רייכערן, האָט ער אַודאי מיך אין זין גיהאַט, אונ׳ מיט זיין גרויס דביקות האָט ער גימאַכט אַ יחוד גאָט מיט דער שכינה, אונ׳ וויא דוא האָסט מזכּיר גיוועזן דעם רשע דעם פּריץ מיינעם, וואָס ער איז אַ גרויסר גזלן אונ׳ פרבּרענט

אויף געלד, וואָס דורך אַזויני רשעים, זאָגט דער ליקוטי מוהרן, בעקומט דיא שכינה דם נידה, איז דורך דעם גיוואָרן אַ פּרוש צווישין קוב"ה אונ' דער שכינה (א). נמצא האָסט דוא דאָס גאַנצי שפּיל קאַלי גימאַכט, איבּרדעם איז דער רבי דער צדיק אויף דיר בעז גיוואָרן.

איך זאָג דאָס נישט פר אַודאי. איך ווייס זעהר גוט, אַז איך פרשטעה אפילו נישט וואָס דער נאָגיל פין דעם רביס מינדסט פינגערל פין דעם פוס קען משיג זיין. נור איך מיין, אַז צווישין דיא מיליאָנין כוונות וואָס דער רבי דער צדיק האָט דענצמאָהל גיקענט האָבּין איז מעגליך, אַז דאָס זאָל ער אויך גימיינט האָבּין. מילא בעט איך דיך נור, אַז ווען איך וועל נאָך אַמאָהל דיא זכייה האָבּין דעם רבין דעם צדיק אויף דעם מוח צו קומין, זאָלסט דוא נישט אַוואָרט רעדין. זאָלסט אפילו קיין שום מיעני מאַכין. זאָלסט שטעהן וויא אַ שטיק האָלץ, באימה וביראה, אונ' זאָלסט נור גאַנץ גוט אַכטונג געבּן אויף דיא זיסע תנועות פין דעם רבין דעם צדיק (ב).

מכח דעם שליח האָבּ איך גיפרעגט אונזר פריידה, האָט זיא מיר גיזאָגט, דער פריץ האָט גיפרעגט דעם קנעכט אויבּ ער האָט גיזעהן דעם שליח, האָט דער קנעכט גיזאָגט, ער האָט איהם נישט גיזעהן. עפּיס אַמאָהל האָט זיך איהם פון ווייטענס אויף איינעם גידאַכט, ער איז עס, וויא ער איז אָבּער צו איהם צו גיקומין, האָט ער גיזעהן, אַז ער האָט זיך טועה גיוועון.

דער פריץ האָט פריידה'ן גיזאָגט: איך העט גיגעבּין, איך ווייס אַליין נישט וויא פיל, איך זאָל דעם שליח בעקומין. איך ווייס זיכר, אַז דעם בריב האָבּין דיא חסידים גילאָזט שרייבּין. איך ווייס וואָס זייא זענין אים שטאַנד צו טוהן פין זייערי רביס וועגין אונ' פר זייער כתה. וויסט דוא, אַז זיי זענין זיך מתיר אַלצדינג צו טוהן? אפילו מתיר דם זענין זייא אויך! אוי, דער מחבר פין דעם בוך קען זייא דאָס גוט. מוסט אָבּער וויסין, וואָס ער שרייבּט אין זיין בוך פין זיי בעווייזט ער אויס זייער[י] אייגיני ספרים. ער ברענגט זאַכין אויס זייערי גידרוקטי ספרים וואָרט פר וואָרט.

פון דעם גזלנס ווערטיר קענסט דוא דיר משער זיין, אַז דאָס בוך האָט אַודאי אַ יוד גימאַכט. דאַכט זיך מיר, אַז מיר זענין איבּרדעם נאָך מעהר מחיובּ, מיר זאָלין נאָך פאָרשין ווער ער איז, כדי מעזאָל איהם אויסרייסין מיט דעם שורש. למען השם אַלי אונזרי לייט אָנציזאָגין, זייא זאָלין אַרבּייטין אויף אַלי זאַסטאַוואָקיס אין דעם אינטעריס, איך אונ' אונזרי לייט היא וועלין בודאי אויך טוהן וואָס מיר וועלין נור קענין. מיר פין דאַנין אונ' עטץ פין דאָרט. מיר האָבּין, דאַכט זיך מיר, שוין עפּיס גרעסירי עסקים גיהאַט וויא אַזאַ אַפרשמאָדערט בוך. וויפיל שווערי מלחמות האָבּין מיר דאָס שוין נישט גיהאַט אויף אונז זינט מיר האָבּין אָנגיהויבּין לייט צו ווערין? וויפיל שונאים האָבּין מיר דאָס שוין גיהאַט אַקעגין אונז, וויפיל ספרים האָט מען שוין גע- דריקט אַקעגין אונז, וויפיל מענשין זענין אַרום גיפאָהרין פין שטאָד צו שטאָד אונ' האָבּין עפינטליך גידרשת אַקעגין אונז? געדענקסט דוא נאָך וואָס דער

הינטישי ליטוואק מיט דעם ספר ויכוח האָט פרפיהרט. מעהאָט גימיינט דיא וועלט געהט אונטר, פין דעסטוועגין האָבין מיר טאַקי אין דעם זכות פין אונזרי גוטי יודין אן אַלי נקמות דרלעבט. זייא זענין כפרה גיוואָרין, אונ׳ אונזר כּתּה לעבט, אונ׳ אַלי מאָהל קומין טאַקי מענשין צו.

ווייסט דוא, אַז אין דעם בעשטס צייטין האָבין אַ יאָם מענשין אויף איהם אויך גיקריגט. זאָגט זשע מיר ווער וועט זיך דאָס איצט דאַוואַזשין אויף איהם אַ קרום וואָרט צו רעדין ח״ו? און אַזוי איז טאַקי גיוועזן מיט אַלי אונזרי פר צייטיגישי גוטי יודין. דער עולם פלעגט תּמיד מיט אונזרי גוטי יודין ערשט נאָך זעהר טויד צו האַלטין. איצט אָבער האַלט שוין דיא וועלט אונזרי גוטי יודין אפילו בייאם לעבין פר גרויס. מען ווייסט, אַז טאַקי נור אויף זייא שטעהט דיא וועלט. זייא זענין דיא זיילין פין דער וועלט. מילא, דאַרף מען מסופק זיין, אַז אין זייער זכות ווען מיר דרלעבין אַ גרויסי נקמה אן דעם מחבר פין דעם בוך אויך, אונ׳ ווען אַודאי נאָך אַלצדינג רעכט זיין?

## יח. פין ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

איך בין דיר מודיע אין גרויס איילעניש, זאָלסט למען השם זאָלסט דיך תּיכּף אַריבר חאַפּין אַהין וויא דער מלמד איז. קענסט דיא דעם פּילשטיניר רופא דעם שכּור? ער האָט אודאי די גאַנצי מעשה מיט דעם מלמד אויף דעם פּילשטניר יריד איינים אַ מתנגד דרצעהלט, אונ׳ דער האָט עס דעם זאַסידאַ= טיל צו גיטראָגין, האָט דער זאַסידאַטיל גישריבין צום קלוטשוואָיט, ער זאָל דעם מלמד נעהמין אין דער תּפיסה אַריין אונ׳ זאָל איהם אָנטוהן דיבעס. מילא למען השם נישט צו פרשלאָפין דאָס עסק.

אונזר מזל איז גיוועזן, וואָס ר׳ אהרן לאַזירס, אונזר וויינשענקיר, איז דענצמאָהל בייאם זאַסידאַטיל אין שטיב גיוועזן, וויא דער שרייבר דעם זאַסי= דאַטילס האָט איהם גיבראַכט דיא פּקודה צום קלוטשוויט, וואָס ער האָט גישריבין, צום חתמנין. אונ׳ דער זאַסידאַטיל האָט דעם שרייבר גיפרעגט וואָס איז דאָס פר אַ פּקודה, האָט איהם דער שרייבר גיזאָגט, זיא איז צום קליטש= וואָיט, ער זאָל דעם מלמד נעהמין תּפוס. דער זאַסידאַטיל האָט זיך אונטר= גיחתמיט אויף איהר אונ׳ האָט דעם שרייבר גיזאָגט: שיק זשע דיא פּקודה תּיכּף אויף דער פּאָטשט, דוא ווייסט, עס איז אַ נעטהיגיר אינטעריס. איז ר׳ אהרן גיקומין צו מיר צו לויפין אונ׳ האָט דאָס מיר דרצעהלט, האָב איך גישיקט דעם פּאָטשטמיינסטערס פּאַקטיר צום פּאָטשטמייסטיר מיט אַ מתּנה, האָט ער דיא פּקודה גיעפענט אונ׳ האָט זיא דעם פּאַקטיר פירגיליי‏ענט. איז אין איהר גישטאַ= נין, מען זאָל נעהמין דעם מלמד פין דעם בריב אין דיביס אונ׳ מען זאָל איהם

אהער צו שטעלין. האט דער פאקטיר דעם פאטשטמייסטיר גיבעטען, ער זאל דרוויל די פקודה א פאר טאג בייא זיך האלטין. האט דער פאטשטמייסטיר איהם צוגיזאגט, ער זאל זיא ערשט אין א פאר טאג אוועקשיקין.

דרוויל זעה דוא דעם מלמד אוועק צו שיקין אין איין אנדער איעזד ארין, אדער גיב דיר איין אנדרי עצה, אבי׳ עס זאל רעכט זיין אונ׳ איך וועל דא זעהין צו טוהן וואס מעדארף.

## יט. פון ר׳ גדליה באלטיר אין אקלו צו ר׳ גרשון קאריצער אין ניגראד

דיין בריבל מיט דיא זעקס אונ׳ דרייסיג זילברני גולדין, וואס דיא האסט גישיקט אויף א פדיון פר דיין בן יחיד, האב איך מקבל גיוועזן. מוסט וויסין, אז פראכטעטאגין שבת בייאם שלש סעודות האט דער רבי, זאל הונדרט יאהר לעבין, גיזאגט, דיא וואך וועט מען איהם ברענגין צווייא פדיונות; אויף איינים זעהט ער דינים. ער האט אבער נישט גיזאגט פין וועמין דיא פדיונות וועלין זיין אונ׳ אויף וועלכין ער זעהט דיא דינים. אונ׳ וויא מען האט איהם נעכטין גיבראכט אויף א פדיון זעקס רויטי רענדליך פין ר׳ פנחס לובינקער, האט ער גימאכט דעם פדיון אונ׳ האט גיזאגט: חאטשי רענדליך זענין רויט, זענין זייא דעך פין דעם מדת הדין. האב איך דעם אינטערעס פרבעסרט אין דעם שטייגיר פין דעם פסוק וואס ער זאגט: אונ׳ דאס גאלד פין דעם דא־זיגין לאנד איז גוט. פין דעם האב איך מיר משער גיוועזן, אז אויף דעם פדיון האט דאס דער רבי, זאל הונדערט יאהר לעבין, אויף דעם שלש סעודות גימוסט זאגין זעהט ער דינים. איבערדעם וויא דער שליח פין דיר איז אנגי־קומין אונ׳ האט גיבראכט זילבער געלד, בין איך גיווארין מלא שמחה, ווארין זילבער איז ווייס אונ׳ ווייס איז רחמים, מילא וועט דעך אודאי זיין א גוטיר פדיון.

איך האב אבער דרנאך גיזעהן, אז איך האב מיך גאר טועה גיוועזן. ווארין וויא איך האב דעם רבין, זאל הונדרטיאהר לעבין, דאס געלד אנידר גילעגט, האט ער זיך זעהר גיוואונדרט אונ׳ האט עס כמעט גאר נישט גיוואלט צו נעהמין, נור איך האב איהם אנגיהויבין זעהר צו בעטין אונ׳ האב איהם גיזאגט, דיא שטעלסט דיר צו צייטין דיין לעבין איין פין זיינט וועגין, אט וויא בייא דער מעשה פין דיא פערל. האט ער צו גימאכט דיא אויגין אונ׳ האט אנגיהויבין גאנץ געך צו רייכערן דיא לולקע, האט א שטארקין רויך ארויס־גילאזט אונ׳ האט אזוינע תנועות גימאכט, אז ער האט אזשע אנגיהויבין צו שוויטצין, אונ׳ איז גיווארין גאר משונה ברענינדיג אונ׳ גישריגין: „צוריק, צוריק!“ אונ׳ דרנאך האט ער געשריגין „חי חי יודיך“ (דאס איז טייטש: דיא

לעבינדיגי, דיא לעבינדיגי וועלין דיך לויבין). אונ׳ מיט דעם זאָגיכץ איז דער פדיון גימאַכט גיוואָרין.

וויא ער איז ווידר צו זיך גיקומין, האָט ער גיזאָגט: ר׳ גרשון האָט זעהר גיט דינג גימאַכט, וואָס ער האָט גישיקט צווייא מאָל ח״י זהובים אונ׳ עס האָט אַפנים ער מוז זיין אַשטיקל בעל מקובל. האָב איך דעם רבין, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, גיפרעגט, וואָס דאָס בעטייט, וואָס ער האָט גישריגין צוריק, צוריק. האָט ער מיר גיזאָגט, וויא ער האָט דיא אויגין צוגימאַכט, האָט ער דרזעהן, וויא דער מלאך המות געהט אַראָב אויף דער וועלט מיט גרויס שמחה, אונ׳ האָט פאַרשטאַנין ער וויל געהן צו דיין בן יחיד, האָט ער כמעט אַליין נישט גיוויסט וואָס ער זאָל טוהן, ער האָט זיך אָבער טאַקי דעם אויגענבליק דרמאָנט דיא כוונות פין דעם רייכערין דיא קטורת וואָס העלפין צו אַ מגיפה, האָט ער דיא כוונות מכוון גיוועזן. איברדעם האָט אָנגיהויבין דער רויך פון דער לולקע שטאַרק צו געהן. וויא דער מלאך המות האָט גי־זעהן, עס איז שלעכט אַרום אים, האָט ער זיך אָנגיהויבן מיט דעם רבין, זאָל הונדרטיאָהר לעבין, צו קריגין, אונ׳ האָט גישריגין: איך בין אַ שליח פין דעם עבירשטין. דער רבי, זאָל הונדערט יאָהר לעבין, האָב איהם אָבער גיענטפערט: איך האָב אָבער דאָס געלד אויף דעם פדיון שוין צוגינעהמין. קורץ, זייא האָבין זיך משוה גיוועזן, דיין זוהן זאָל צווייאמאָהל קראַנק ליגין, אונ׳ אין דער אַנדרער קרענק זאָל ער ליגין אין הינערבעט ווייל דאָס איז אַ שטייגר פין דעם טאָד. פין רעכטסוועגין, העט ער שוין איצט אין דער קרענק גיזאָלט ליגין אין הינערבעט, נור איצט האָט ער קיין כח נישט דאָס אויסצוהאַלטין.

איצט האָב איך פרשטאַנין וואָס דער רבי, זאָל הונדרטיאָהר לעבין, האָט מיט דעם גימיינט, וואָס ער האָט גיזאָגט חי חי יודוך, וואָרין ער וועט צווייאמאָהל קראַנק זיין, אונ׳ פון ביידעמאָהל וועט ער בלייבין בייאם לעבין. איברדעם הייסט עס צווייאמאָהל חי חי — אונ׳ וואָס ער האָט גיזאָגט יודוך, האָט ער גימיינט, דיין זוהן וועט דרנאָך לאַנג לעבין אונ׳ וועט אי״ה דעם עבירשטין דינען צום אמת. אונ׳ דאָס האָט דאָס דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, גימיינט מיט דעם, וואָס ער האָט צווייא מאָהל גישריגין צוריק, צוריק, ווייל דער מלאך המות וועט מוזין צווייאמאָהל צוריק געהן פין דיין בן יחיד, וואָרין איך ווייס בודאי, אַז דער רבי, זאָל הונדערט יאָהר לעבין, לאָזט פין זיין מויל אַרויס נישט איין וואָרט אומזיסט.

היינט האָט מיר דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, נאָך גיזאָגט, אַז דורך דעם זילבר געלד, וואָס דוא האָסט גישיקט, איז ער גיוועזן אין אַ גרויסר סכנה, וואָרין האָטשי זילבר איזט רחמים, זענין אָבער פרהאַנדין צווייא ערליי־טייטשין פין דעם וואָרט כסף. איין כסף איזט פין דעם שטייגר גליסטען (אין לשון הקודש הייסט כוסף גליסטען), דאָס איזט רחמים. עס איז אָבער ווידער פרהאַנדין כסף וואָס בעטייט שעמין, אַזוי זאָגט מען נהמא דכסיפין, דאָס איז

טייטש בראָד וואָס מען עסט מיט בושה, הייגו בעטילבראָד; דאָס לאָז גאָט מציל זיין, דאָס איז סאַמיראָדני דין. מילא קענסט דוא דיר משער זיין, וואָס דער רבי האָט פין דיינטוועגין גיטוהן, וויא ער האָט זיך אין אַזוי אַסכּנה אַריין גילאָזט, אַבי׳ דיר צו העלפין. איבערדעם דאַכט זיך מיר, אַז דוא זאָלסט זעהן פין דעם רביס וועגין אויך עפּיס צו טוהן.

נאָך מיין דעה נאָך זאָלסט דוא דאָס טוהן.

בייא אייך אין שטאָד איז דאָ אַ למדן, ער הייסט משה פישלס. אַזוי וויא איך קען איהם, איז ער אַגרויסער תּם. ער ווייסט נישט מעהר וויא פון דרהיים צו געהן אין בית־המדרש אַריין, אונ׳ איך ווייס בייא אייך אין שטאָד האַלט מען זעהר אויף איהם. ע״כ זאָלסט דוא זעהן דיך מיט איהם בעקענט צו מאַכין, אונ׳ ער זאָל ווערין פון אונזרי לייט. איך בין נישט מסופק, אַז ער וועט נור זיין אונזר, וועט דער גאַנציר עולם אין אייער שטאָד זיין פין דעם רביס לייט. עס וועט אונז זיין אַ כּבוד און שען אַודאי אויך. זייא גיזונד.

## כ. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

תיכף וויא איך האָב דיין בריבל מקבל גיוועזן, בין איך אַרויסגילאָפין אויף דעם מאַרק. דאָס איז גיוועזן אָן אַ פרייאטאָג. גיב אַקוק שטעהט אַ יונ־גיל מיט אַ פיהר מיט דרייא פערד. פרעג איהם: פון וואַנין ביסט דוא? זאָגט ער מיר: פין פולשטין. אונ׳ עס איז טאַקי אמת גיוועזן, ער האָט גיבראַכט עפּיס אַ סוחר אונ׳ האָט גיזאָלט צוריק פאַהרין לעדיג.

איך האָב דעם בעל עגלה גידונגין אונ׳ בין אַנגיקומין קיין פילשטין זייגר איינס נאָך וואַרמיס אונ׳ האָב דאָרט דעם מלמד גיטראָפין. ער איז אַהין גיקומין אויף שבת איינקויפין. ביך איך תיכף מיט איהם גיפאָהרין אין זיין דאָרף אַריין קיין בילקע אונ׳ האָב דעם אַרענדר גיזאָגט, אַז דער מלמד מוז זיך בעהאַלטין אויף עטליכי טאָג אין איין אַנדרן אויעזד. איז זיך דער מלמד דרווייל שטיללרהייד אויף שבת גיגאַנגין אין איין אַנדר דאָרף אַריין, נור אַמייל פין דאָרט, כּדי ער זאָל זיך זונטאָג פין דאָרט אַוועקגעהן אין איין אַנדרן אייעזד אַריין, אונ׳ איך בין גיבליבין אויף שבת אין דעם מלמדס דאָרף. האָב איך גיפרעגט דעם אַרענדאַר, אָב ער קען נישט בעקומין פיש, האָט ער גיזאָגט, עס איז גאָר אונמעגליך. האָב איך איהם גיפרעגט, אָב דאָ אין דאָרף איז דאָ אַריקע, האָט ער גיזאָגט, עס זענין דאָ אַפּילו צווייא רי־קעס. האָב איך גינעהמין אַשטעקין, האָב אָן איהם אָנגעבונדין אַ פאָדים אונ׳ האָב דאָס אַוואָרף גיטוהן אין דער ריקע אַריין אונ׳ האָב אַרויף בעקומין אַ גרויסן פיש (א). האָב דעם פיש גיגעבין דעם בעל הבית, האָט ער איהם גי־מאַכט אויף שבת.

דעם שבת האָב איך גרויס תענוג גיהאַט, וואָרין פין פילשטין זענין עטליכי יונגי לייט אַהין אַרויסגיקומין, זייא זאָלין דאָרט מיט מיר שבת האַלטין, מחמת אין פולשטין איז נאָך נישט דאָ קיין רבי. דער פילשטינר רופא האָט אויך דאָרט שבת גיהאַלטין, מחמת דער פריץ פון דעם דאָרף איז חולה גיוועזן. איך האָב דעם רופא מקרב גיוועזן וויא נור מעגליך איז גיוועזן, וואָרין ער איז אַ מענש וואָס קען אונז אין פיל עסקים צו נוטץ קומין. אויך אַ פריקאַשטשיק פין דעם קאָוונער פּאָדראַטשיק קלמן ביסינגיר האָט דאָרט שבת גיהאַלטען. נור דעם פייגים בריה האָב איך נישט גיזעהן, וואָרין ער איז זעהר חשוב בייא דעם פריץ, האָט איהם דער פריץ טאַקי אין הויף אָבגיגעבין אַ דירה, אונ׳ פון דעם אַרענדאַר האָט מען איהם אַהין גישיקט עסין אונ׳ טרינקין.

פר גרויס תענוג וואָס איך האָב דאָרט גיהאַט האָב איך בייא נאַכט נישט גיקאָנט שלאָפין אונ׳ בין זעהר צייטליך פריה אויפגישטאַנין אונ׳ בין תיכף גיגאַנגין אין דעם וועלדיל וואָס בייא דער קרעטשמי איז שפּאַצירין. וויא איך בין מיר אין וועלדיל אַזוי אַרום גיגאַנגין, העהר איך פלוטצלינג אַ וויינינדיג קול, איך בין נאָכגיגאַנגין נאָך דעם קול אונ׳ בין צוגעקומין צו זעהר איין אַלטין בוים. האָב איך גיהערט, וויא איינר יאָמערט אין דעם בוים, האָב איך גיפרעגט: ווער ביסט דוא? האָט מיר דאָס קול אויס דעם בוים אַרויס גיענטפערט: איך בין דער שד, וואָס דער בעשט האָט מיך אין וואַלד איינגיזעצט תפוס (ב). האָב איך איהם גיזאָגט: וואָס טייטש? דער בעשט איז דעך דאָ נישט גיוועזן קיין שענקיר! האָט ער מיר גיענטפערט: עס איז אמת, דער בעשט איז דענצמאָהל גיוועזן אַ שענקיר זעהר ווייט פין דאַנין אונ׳ האָט מיך איינגיזעצט דאָרט אין וואַלד, נור דער פריץ פין יענעם וואַלד האָט דרנאָך גיהייסין דעם גאַנצין וואַלד אויסהאַקין, העט איך גיבליבין אָהן אַ תפיסה, אונ׳ אין איין אַנדערן וואַלד מיך איינצוזעטצען האָט מען נישט גיוואָלט, וואָרין דער בעשט האָט מיך אין דעם פריץ וואַלד איינגיזעצט, וואָס ער איז אונטער איהם גוט גיזעסין איינגיזעטצט, דאַרף מען מיך נישט אונטער איין אַנדרן פריץ תפוס האַלטין אונ׳ דעם פריץ, וואָס דער בעשט איז בייא איהם גיוועזן אַ שענקיר, איין עולה טוהן. האָט מען אין הימל מיט דעם בעשט דעה גוזר גיוועזן, דער שר אים הימל וואָס איז איבר דיא וועלדיר זאָל מיך איבערטראָגין אַהער קיין בילקע, וואָרין בילקע האָט דענצמאָהל גיקעהרט צו דעם נעהמליכין פריץ, וואָס יענץ דאָרף איז זיין גיוועזן וואָס דער בעשט איז גיוועזן דאַרינען אַ שענקיר.

לסוף האָט דער שד אָנגיהויבין מיט ביטערי טהרערין מיך צו בעטין, איך זאָל אַגוט וואָרט פר איהם רעדין בייאם רבין דעם צדיק, וואָרין ער קען איהם אַרויסלאָזין אויס דער תפיסה. האָב איך איהם גיפרעגט: וואָס וועסט דוא מיר געבין, אַז איך וועל דיר דאָס פועלין בייאם רבין דעם צדיק? האָט ער גיזאָגט: איך וועל דיר אַזוי אַ מתנה געבין, וואָס זיא איז נישט צי-

בעצאָהלין מיט דעם עשירות פין דער גאַנציר וועלט. איך האָב איהם אָבער גיזאָגט: דיין צוזאָגין גלייב איך נישט, וואָרין עטץ האָט שוין כמה פעמים אייער וואָרט נישט גיהאַלטין, אונ׳ אפילו אַקעגין בעשט האָט עטץ אויך לי־גין גיזאָגט (ג). מילא, איך ווע̃ל דיר אַטובה טוהן אונ׳ דרנאָך וועסט דוא מיר אַ פייג אַרויסשטעלין! גיב מיר תיכף דיא מתנה, אונ׳ איך ווע̃ל אָדז. מיין וואָרט האַלטין אונ׳ ווע̃ל טוהן דאָס מייניגי. אין דעם אויגענבליק איז אויס דעם בוים אַרויסגיפאַלין אַ שטיקל גלאָז, אונ׳ דער שד האָט זיך אויס דעם בוים אָנגירופין: דאָס שטיקל גלאָז איז פין דער שויב אויס דעם פענ־סטערל, וואָס אויס דעם קלייניִם פענסטערל פין איין שויב בין איך אַריין צו דער מכשפה אונ׳ האָב זיא גישעדיגט, ווייל זיא האָט מיך אָנגישיקט אויף דעם בעשט (ד). איך האָב דאָס שטיקל גלאָז גינעהמין צו מיר אין קעשיני אַריין, אונ׳ חאָטשי עס איז׳ דאָרט קיין עירוב נישט גיווען, האָב איך מיר גיטראַכט, פון אַזוי אַ גרויסן אינטעריס וועגין איז׳ אַ מצוה מחלל שבת צו זיין. אונ׳ אַזוי טרוג איך דאָס שטיקל גלאָז אין מיין טלית קטן.

אויף דעם שלש סעודות האָב איך גיזאָגט זעהר ברייטי תורה בע״ה, אונ׳ איך ווייס, אַז דאָס האָב איך נור צו פרדאַנקין דעם שטיקל גלאָז, וואָס איז׳ דורך דעם בעשט צעבראָכען גיוואָרין. יענעם שבתות צו נאַכט איז׳ מיר דער בעשט צו חלום געקומין אונ׳ האָט מיר גיזאָגט: ציגד איז׳ נאָך דיא צייט נישט געקומין, דוא זאָלסט ווערין אַ מפורסם אויף דער וועלט. זאָלסט אָבער וויסין, אַז דורך דעם שטיקל גלאָז וואָס דוא האָסט בייא דיר אין דיין טלית קטן וועסט דוא ווערין אַ גרויסר מפורסם. דרפין האָב איך מיך אויפגי־חאַפט אונ׳ האָב שוין מעהר נישט גיקענט שלאָפין.

זונטאָג פריה בין איך מיט דעם רופא אַריין גיפאָהרין קיין פילשטין. ער איז אַריבר גיגאַנגין צום קלוטשוואָיט אונ׳ האָט איהם אַ מתנה גיגעבין. האָט דער קלאַיטשוואָיט צוגיזאָגט, ער זאָל אַלצדינג טוהן, אונ׳ טאַקי דעם נעהמליכן טאָג איז איהם אָנגיקומין דיא פקודה פין דעם זאַסידאַטיל, איז׳ ער גיפאָהרין קיין בילקע דעם מלמד פלומרשטין צו זוכין. ער האָט דעך איהם אָבער נישט גיפינין, האָט ער צוריק גישריבין צום זאַסידאַטיל אַ ראַפּורט פין דעם אַלעם.

מילא, איצט טוהט עטץ דאָרט וואָס מעבעדאַרף, דעם זאַסידאַטיל צו שטילין. אויף מיר קענט איהר אייך איצט גאָר קיין חשבון מאַכין. איך קען גאָר נישט טוהן, וואָרין איך געה מיט גרויס דבקות אַרום אין דיא עברשטי עולמות (וועלטין). דאָס שטיקל גלאָז טראָגט מיך אַרום פין איין עולם צום אַנדערן, פון איין היכל צום אַנדערן, אונ׳ אַלי מאָהל ווערין בייא מיר דיא חושים ווייניגר, אונ׳ גוף־זאַכין הערין בייא מיר אַלי מאָהל מעהר אויף. והא ראי׳, שוין פיר נעכט שלאָף איך נישט, אונ׳ אַז גאָטס ווילין וועט זיין, וועט איהר אין אַ קורצר צייט זעהין וואָס אויס מיר וועט ווערין.

## כא פון ר' זעליג לעטיטשיבער
## צו ר' זיינוויל ווערחיעווקיר

נאָך עדער איך האָב דיין בריבל מקבל גיוועז, האָב איך שוין גיוויסט, וואָס דיר האָט זיך אין וואַלד גיטראָפין מיט דעם שד, וואָרין דער פּרעקאַשטשיק וואָס האָט דענצמאָהל שבת גיהאַלטין אין בילקע אַז דוא ביסט דאָרט גיוועזן אויף שבת, דאָס איז' גיוועזן דער קורדנאר רשע מרדכי גאָלד, וואָס איך האָב דיר אַמאָהל פין איהם גישריבין. ער איז' דאָס גיוועזן אין וואַלד, מן הסתם האָט ער דאָרט אין וואַלד גיהאַט אַ נפקה. פרייאַטאָג צו נאַכטס האָט איהם זיין משרת דרצעהלט, אַז אין קרעטשמי האַלט אַ חסיד שבת מיט עטליכי יונגעלייט. וויא ער האָט דיך שבת אין דער פריה דרזעהן אין וואַלד, האָט ער זיך גיטראַכט, דאָס איז' בודאי דער חסיד וואָס האַלט שבת אין קרעטשמי אונ' האָט זיך בעהאַלטין אין אַ לעדיגין בוים וואָס אין וואַלד איז' דאָ; אויס דעם בוים אַרויס האָט ער מיט דיר גירעד וואָס דוא האָסט מיר גישריבין. אונ' האָט דיר אויס דעם בוים אַרויסגיוואָרפין דאָס שטיקל גלאָז וואָס שקצים אָדער פעגיל האָבין אין דעם בוים אַריין גיוואָרפין.

אונ' תיכף מוצאי שבת האָט ער גישיקט אַ שליח מיוחד צו זיין שוועהר דעם ווײנשענקיר אונזר מתנגד אונ' האָט איהם די גאַנצי מעשה גישריבין. מאַכט מען איצט אויס דיר היע דאָס גרעסטי גילעכטיר. אויך דער רבי זאָל לעבין וויא ער האָט עס גיהערט האָט ער מיט דעם קאָפּף גישאָקעלט אונ' מיט אַגילעכטערל גיזאָגט: זיינוויל ווערחיעווקיר חלמת זיך אַרבי צו ווערין.

ע"כ למעה"ש זאָג מעהר קיינעם נישט דרפין, דאָס שטיקל גלאָז וואַרף תיכף צו אַלדיא שוואַרצי יאָהר אַוועק, אונ' תיכף וויא דיא ווערסט נור דאָס בריבל פון מיר דרהאַלטין, זאָלסט דוא מיר שרייבין אַ בריבל, אַז דענצמאָהל וויא דוא האָסט שבת גיהאַלטין אין בילקע ביסט דיא גיגאַנגין מכח נקיות אין וועלדיל אַריין בייא דער קרעטשמי; האָסט דיא דאָרט גיטראָפין דעם ימח שמוניק מרדכי גאָלד מיט אַ גויה אַנפקה דאָס רעכטי שפּיל טרייבין, האָסט דוא מיט נאָך צווייא זייא גיחאַפּט. מרדכי איז אָבער אין הויף אַריין ענ'זלאָ-פין אונ' האָט זיך דאָרט בעהאַלטין, האָט עטץ דיא גויה אויך גילאָזט.

דוא מוסט אָבער אויך אין דיין בריבל שרייבין, אַז דער ימחשמ'ניק מרדכי איז' איינגישטאַנין בייאם פריץ אין הויף אונ' האָט טאַקי בייאם פריץ כסדר טריפות גיגעסין. אונ' זעה אויך מיט דעם אַרענדאַר דרפון צו רעדין, אַז אימציר וועט איהם פרעגין אויף דער מעשה, זאָל ער מיט דיא פלעטציס אויפ-ציהן אונ' זאָל זאָגין: וואָס געהן מיך אַזויגי מעשהת אָן. מיין פריץ וואָס איך זיטץ בייא איהם איז מרדכי גאָלד'ס אַ גוטר פריינד. איך וויס פון נישט. איך הער נישט, איך זעה נישט. דוא מיסט אויך מיט אַ פּאָר מענשין פין

דיא וואָס זענין דאָרט בייא דיר גיוועזן אויף שבת רעדין, זייא זאָלין זאָגין, אַז זייא ווייסין זעהר גוט פון דער מעשה, אונ׳ צווייא פין זייא זענין טאַקי מיט דיר אין וועלדיל גיוועזן אונ׳ האָבין דעם רשע דעם נואף ימחשמו טאַקי גיחאַפּט.

מכח דעם זאַסידאַטיל האָבין מיר גיטוהן דאָס אונזריגי. אונזר ר׳ אהרן לאַזירס איז׳ בייא איהם אונ׳ בייא נאָך אַנדרי שררות חשוב, האָט ער דעם זאַסידאַטיל גישענקט אַטוץ בוטעלקיס גוטין וויין, האָט ער צוגעזאָגט דעם אונטעריס צו לאָזין איינשלאָפין. נור האָט אונז ר׳ אהרן גיזאָגט, דער זאַסי־דאַטיל האָט איהם גיראָטהין, מען זאָל זעהן, אַז דער ימחשמוניק מרדכי גאָלד זאָל דאָס עסק נישט אויפריהרן, וואָרין ער האָט מורא דיא זאַך איז׳ שוין צו בעקאַנט, מען שמיסט זעהר פין איהר, קען דער וויצעגובערנאַטיר דרפין גי־וואָהר ווערין, וועט ער אַליין אויך אַשוואַרצין סוף האָבין. האָבין מיר גיזעהן, אַז מען מוז דעם רבין זאָל לעבין פאָרט עפיס חאָטשי פון דער מעשה דרצעהלין, ווען אַפילו נישט אין גאַנצין.

וויא מיר האָבין איהם נור דרצעהלט, האָט ער זיך אויף אונז אַבע־זיר גיטוהן: וואָס האָט איהר דאָס מורא צו האָבין? עס וועט בודאי אַלץ רעכט זיין.

זאָל מען זעהן אַ וואונדר, דעם רבינס זכות איז דעך אונז אודאי בייאגישטאַנין. יענע נאַכט איז׳ אָנגיקומין פין דעם קורדאן ר׳ ברוך דובנער, וואָלף דובנערס דעם מתנגדס אַ ברודער, מיט סחורה, אונ׳ וואָלף האָט אויף זיין תקיפות דיא סחורה צו זיך אין קעליר אריין גינעהמין. דער ר׳ ברוך אָבער איז׳ פין דעם רביס לייט, דער רבי זאָל לעבין איז׳ איהם תמיד משונה מקרב, אונ׳ דיאזעלביגי נאַכט האָט ער גאָר גינעכטיגט בייאם רבין, אונ׳ בשעת מעשה, וויא ער איז׳ גיוועזן בייאם רבין, איז׳ אונז גישעהן אַ גרויס נס. דער זאַסידאַטיל האָט גיוואָהר גיוואָרין פין דעם אינטעריס, איז׳ וואָלף דובנער איבערגיפאַלין אונ׳ האָט איהם גימאַכט אַ פאָיעמקי. וואָלף האָט איהם אַ יאַם געלד גיגעבין, עס האָט אָבער אַלץ נישט גיהאָלפין. דער זאַסידאַטיל האָט איהם פין דעם שפיל נישט גיוואָלט אַרויסלאָזין ביז ער האָט אַ שטר חוב איינגילעגט אונ׳ גישוואָרין האָט ער, אויך אַז זיין איידים, דער רשע מרדכי, זאָל מכח דעם שליח קיין מענשין נישט מגלה זיין.

עיקר שכחתי. מכח דעם בוך האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט, אַז מיר וועלין עס בודאי בעקומין. מילא קענסט דוא בטוח זיין, אַז באַלד וועלין מיר עס בעקומין. איברדעם פרלאָז זשע דיך אויף דעם רבינס זכות אונ׳ טוה וואָס מעגליך איז׳.

## כב. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך דאַנק דיר טויזינד מאָהל פר דעם וואָס דיא האָסט מיר מודיע גי־וועז פין דער מעשה פין דעם רשע מרדכי גאָלד ימ״ש. איך שיק דיר דאָס בריבל, וואָס דוא האָסט מיר גישריבין, איך זאָל דיר שיקין. צווייא עהרליכי יודן האָבין זיך אויף דעם בריב גיחתמת, אַז אַלץ וואָס אין דעם בריב שטעהט איז׳ אמת אונ׳ אַז זייא זענין פאַרטיג צו שווערין דרויף ביי אַספר תורה אין דער האַנד.

אונ׳ צום אמת זאָג איך דיר, איך גידענק טאַקי דענצמאָהל, אַז איך האָב מיט דעם שד גירעד, וואָרין לעולם איז׳ דעך טאַקי מרדכי אַ רעכטיר שד, האָב איך גיזעהן אין וואַלד געהן אַ גויה, אונ׳ דיא צווייא מענשין, וואָס האָבין זיך אויף דעם בריב גיחתמית, זענין דענצמאָהל אויך גיוועזן אין וואַלד, זייא האָבין אַפילו גינעכטיגט דיא גאַנצי נאַכט אין וואַלד. האָב איך גירעד מיט דעם אַרענדאַר אונ׳ מיט דיא צווייא מענשין, האָבין זיי מיר גיזאָגט סימנים אָן דער גויה. וואָרין איך בין דענצמאָהל זעהר פרטראָגין גיוועזן; וויא איך האָב מיט דעם שד גירעד, האָב איך זיא נישט גיקענט אַזוי גיט זעהן, וויא דיא צווייא מענשין. זייא האָבין זיא גיזעהן פין אַלי זייטין. האָט דער אַרענדאַר אָן דיא סימנים דיא גויה דרקענט אונ׳ האָט גיזאָגט, אַז זיא איז׳ אַ יונגי אַלמנהרע אונ׳ איז׳ אַפראָסטי היר. האָב איך דעם אַרענדאַר אָנגיזאָגט, ער זאָל אַכטונג געבין אויף דער בחורתה, טאָמיר וועט זיא משוגעבערות ווע־רין, זאָל ער מיר מודיע זיין. דער אַרענדר האָט מיר דאָס צוגיזאָגט אונ׳ וועט אַודאי זיין וואָרט האַלטין, וואָרין ער איז׳ פון דעם רבינ׳ס לייט, אונ׳ עס וועט אַודאי רעכט זיין. אונ׳ דיא גאַנצי וועלט וועט מיט דעם עבערשטענס הילף זעהן, אַז בייא אונז איז׳ דער אמת, ובפרט דיא צווייא יודן, וואָס האָ־בין זיך אויף דעם בריב גיחתמיט זענין כשרי יודן. אייגר איז׳ אין פילשטין אַ גובה פין ארץ ישראל געלדר אונ׳ דר אַנדריר איז׳ אַ ממונה אויף ר׳ מאיר בעל הנס ליכט און דרצו אַ גרויסר עסקן אין מצות; ער איז׳ ר׳ יונה קאַ־מינקערס אַ לייבליך עניקל.

פין דעם בוך בין איך דיר מודיע, אַז זייט דיא מעשה מיט דעם שליח האָט זיך גיטראָפין זעהט דאָס בוך דיא וועלט נישט. אונ׳ אַז דער פריץ וויל אַ מאָהל דריבין עפיס איינזעהין, געהט ער דרמיט פין דר שאַפי נישט אַוועק, טאַקי בייא דער שאַפי זעהט ער דריבין איין, אונ׳ שטעלט עס תיכף ווידער צוריק. פין דעסטוועגין בין איך פאָרט גאָר נישט מסופק, אַז מיר וועלין עס בעקומין, וואָרין דוא האָסט מיר גישריבין דער רבי דער צדיק האָט גי־זאָגט, מיר וועלין עס בעקומין, וועלין מיר דעך עס אַודאי בעקומין, אונ׳ איך פרייע מיך משונה אויף דעם וואָס דער פריץ ציטערט אַזוי דריבער.

וואָרין ווייל ער היט דאָס בוך אַזוי שטאַרק, האָט אַברירה דער רבי דער צדיק איהם בלינד צו מאַכין, מען זאָל קענין פין איהם בעקומין דאָס בוך, וועל איך דרבייא אַ נקמה האָבין אן דעם גזלן, וואָס ער האָט גיזאָגט, ער וועט מיר דיא מיהלין נישט פרדינגגין, ווייל איך בין אַחסיד.

עיקר שכחתי. איך בעט דיך, זאָלסט מיך פר דעם רבין דעם צדיק פרענטפערן. איך פרשטעה אויס דיין בריבל, אַז דער רבי דער צדיק מיינט, איך וויל זיין אַ רבי. איך האָב דאָס ח"ו קיין מאָהל נישט אין זון גיהאַט, נור דאָס וואָס איך האָב דיר דענצמאָהל גישריבין, אַז איך האָב דיר דיא מעשה מיט דעם שד מרדכי גאָלד ימ"ש גישריבין, איז' גיוועזן מחמת די מוחות זענין מיר דענצמאָהל גאָר מבולבל גיוועזן, וואָרין איך האָב פיר נעכט נישט גישלאָפין, אונ' וואָס בין איך שולדיג, וואָס איך האָב דענצמאָהל גיגלייבט אן אַזוינע זאַכין. האָט זשע נישט דער רבי רב נחמנדל, אין גן עדן איז' ער, גיזאָגט, מען זאָל בעסיר גלייבין אָן שטותים אונ' שקרים, כדי מען זאָל גלייבין אויך אָן דעם אמת (א)?

## כג. פון ר' זעליג לעטיטשיבער צו ר' זיינוויל ווערחיעווקיר

האָסט זעהר גוט גיטוהן, וואָס דוא האָסט גילאָזט אויף דעם גוטין בריבלי דיא צווייא מענשין זיך חתמנין. דאָס זענין זנאַטשני מענשין, וואָס מען קען זייא היע אין שטאָד אויך זעהר גוט, אונ' ווער עס זעהט נור דיין בריבל מיט זייער חתימה, איז גאָר נישט מסופק, אַז דער ימחשמוניק מרדכי האָט אַודאי אין וואַלד מיט דער גויה גיהאַט צו טוהן אונ' כדי ער זאָל נישט קומין צו לייטיש גילעכטיר האָט ער זיך אַמוסטני דיא מעשה מיט דעם שד אויסגיטראַכט. אויך דעם רבין זאָל לעבין האָב איך דיין בריבל גיוויזין, האָט ער גיזאָגט: זיינוויל ווערחיעווקיר איז' נישט פין דיא שלימזלניקים. ווייסט דוא, איך האָב עס איהם טאַקי אָנגיזעהן, אַז דער אינטעריס גיפעהלט איהם זעהר.

לעת עתה איז' דער רשע מרדכי ימ"ח נאָך נישט אַהיים גיקומין. אַז ער וועט צוריק קומין, וועט ער זיך אַודאי שעמין דאָס פנים אויף דער גאַס אַרויס צו ווייזין, וואָרין דיא גאַנצי שטאָד ווייסט שוין פין דער מעשה מיט דער גויה. ווייל וויא מיר האָבין דאָס רעכטי בריבל פין דיר דרהאַלטין, האָבין מיר דיא גאַנצי מעשה פין דער גויה אונ' פין דעם טרפות עסין בייאם פריץ אויפגישריבין אויף צעטליך, אונ' דיא צעטליך האָבין מיר אויפגיקלעבט אויף דער שול, אויף די בתי מדרשים, אויף וואָלף דובנירס הויז אונ' נאָך אויף אַ יאַם הייזר פין פראָסטי בעלי בתים; אויף דעם רבינס הויז, אויף אונזר קלייזל אונ' אויף דער באָד האָבין מיר נישט אויפגיקלעבט. העסט דוא גיזאָלט זעהן, וואָס דאָ האָט זיך גיטוהן אין דער פריה אין מרחץ. ווער עס איז נור

דאָרט גיווען, דער האָט דרפון גירעד אונ׳ איטליכר האָט גיזאָגט: דער מרדכי ימח שמו— דאָס הייסט אַרשע(א)!

וואָס דיא האָסט מיך גיבעטין איך זאָל דיך בייאם רבין זאָל לעבין פרענטפערן, קענסט דוא זיכר זיין, אַז איך וועל עס בודאי טוהן אַזוי באַלד עס וועט זיך נור לאָזין. לע״ע איז דער רבי זאָל לעבין אַ גרויסר טרוד. אַזוי באַלד איך וועל מיט איהם דרפון רעדין, וועל איך דיר מודיע זיין איטליכס פוטצעלי׳ וואָס ער וועט נור זאָגין.

## כד. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

דוא קענסט זיך משער זיין וואָס פר אַ שמחה איך האָב גיהאַט פין דעם וואָס דוא האָסט מיר גישריבין, אַז דיא גאַנצי שטאָד רעד בייא איך פין דער מעשה מיט דעם ימ״ש מרדכי אונ׳ דער גויה.

בייא אונז איז אויך דיא גאַנצי שטאָד אויף מיט דער מעשה, איך האָב זייא היע דרצעהלט די גאַנצי מעשה בפרוטרוט, ובפרט וויא איך האָב זייא דרנאָך דרצעהלט פין דיין בריבל, אַז בייא אייך האָט דרמיט גאָר דיא וועלט צו טוהן, געהן זייא היע טאַקי גאָר אויס. איך ווייס, דעם רשע זאָל נור אַמאָהל איינפאַלין אַהער צו קומין, העט מען איהם היע מיט דיא צונגען דרשלאָגין, וואָרין וויא זעהט מען דאָס אין אונזר מדינה אַזוי אַרשע. איך העט דעם ימח שמוניק נישט מעהר געווינשען נור ער זאָל אַמאָהל אַהער קומין צו אונז אונ׳ זאָל זיך היע באַזעצין. איך בין דיר איין ערב, אין איין פירטיל יאָהר העט מיט איהם איין עק גיווען. עס העט איהם אודאי דער חשק פרגאַנגין זיך אין איין בוים אַריין צו שטעלין, אויס עהרליכי יודן זיך קאָמעדיעס צו מאַכין. עפּיס אַמלאכה אַזוי אַ הונד צו בעגראָבין? אויך מיר איין אינטעריס, מיר דאַכט זיך, מיר האָבין שוין עפּיס גרעסערי מדריך גיווען.

לעולם ווייס איך נישט וואָס איהר שווייגט דעם הונד דאָרט. איך ווייס, ווען עטץ העט נור גיוואָלט, העט איהר איהם שוין לאַנג באַגראָבין, אָדער ער העט זיך גימוסט אינטערגעבין. נור איפשר וויל דער רבי דער צדיק נאָך נישט? בכן שרייב זשע מיר, איך זאָל וויסין וויא מיך מיט איהם נוהג צו זיין. וואָרין איך הער, ער האָט בדעה אַבאַלד היע צו זיין. ער וויל מיט אונזר פריץ עפּיס אַמשא ומתן מאַכין.

## כה. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

דיר קען אויך פליטצלינג איינפאַלין מיך צו פרעגין פר וואָס מיר שווייגין

דעם ימ"ש מרדכי. וואָס, דוא ווייסט איפשר נישט, אַז בייא אונז איז' דאָס גאָר אַשפּייא אַזוי אַ בחור אין איין מינוט צו איבּרקעהרן? נור מן הסתם איז' זיין צייט נאָך נישט גיקומין. פרשטעהסט דיא, פריהר מוז מען מיט זיין שוועהר אָבּלערנין; חאָטשי ער איז' אָפּראָסטי מענש אונ' איז' קיין מאָהל נישט פּאָבּליטשני אַקעגין אונז גיוועזן, מוז ער פּאָרט פריהר צום טאַנץ געהן. אַזוי האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט, אונ' מיר זעהן עס איז' טאַקי אַזוי. העך אויס גאָטס ניסים.

פּראַכטטאָגין שבת האָט דער רבי זאָל לעבין אויף דעם שלש סעודות קיין וואָרט תורה גיזאָגט. ער האָט דעם קאָפּף אויף דער רעכטיר האַנד אויף דעם טיש אַנידר גילעגט אונ' איז' זיך אַזוי גילעגין אַקעגין אַ גוטי האַלבּי שעה. אויף איינמאָהל האָט ער זיך אויפגיהויבין אונ' האָט זיך אַ זאָג גיטוהן: וואָלף בן רחל, מרדכי גאָלדס שוועהר, וועט האָבין אַ מפּלה. מילא זייא דיר משער, וואָס פר אַ שמחה דאָ איז' אויף איינמאָל אויף אונז גיוואָרין. מיר האָבין אָנגיהויבין צו זינגין אונ' אין ראָד צו טאַנצין; נישט קשה, דיא שכינה האָט זיך אַודאי אַרום דעם ראָד אַרום גידרעהט, אַזוי אַשטייגר וויא אַז מען האָט בייאם בעשט גיטאַנצט (א). אונ' העך זשע נור ווייטר.

זונטאָג פר דעם דאַבנין, וויא איך קום נור אין באָד אַריין, העך איך שוין בּייאַס. דיא דיענסט-מויד פון וואָלף דובּניר איז' צו מזל מעוברת גיוואָרין—אַז פין מרדכי, האָט מען נישט מסופּק צו זיין. אונ' דיא מויד איז' שוין נישט דאָ, זיא איז' אַוועק. וואָס טוהט מען דאָ? געה אַ ביסל אַרויס אויף דער וועלט, ווער איך גיוואָהר, וואָלף דובּנירס ווייַן משרת, איז' פּאַק אויך אַוועק פין איהם. בין איך גיגאַנגין צו אונזר ר' אהרן לאָזירס אונ' האָב איהם צו-גערעדט, ער זאָל דעם יונג צו זיין ווייַנשענק צונעהמין. אַזוינס דאַרף ער דעך. דעם יונג האָב איך גיזאָגט, מעקל-געלד וויל איך פין איהם נישט, נור ער זאָל מיר זאָגין וויא דיא מויד שטעקט. דער יונג האָט מיר צוגיזאָגט אין אַ פּאָרטאָג צו זאָגין. ער וועט ערשט רעכט גיוואָהר ווערדין.

מילא זעסט דוא שוין, וואָס עס טוהט זיך. אַיוא מען דאַרף מרדכי נאָך נישט זאַטשעפּין. גיב נור אַכטונג פרוואָס האָט דער רבי זאָל לעבין גי-זאָגט: וואָלף בן רחל, מרדכי גאָלדס שוועהר. פרוואָס האָט ער נישט גיזאָגט: וואָלף בן רחל דער ווייַנשענקיר, אָדער דער דובּניר? העטין מיר נישט גי-ווייסט וועמין ער מיינט? צו וואָס מרדכי גאָלדס שוועהר? דאָס איזט גיוועזן, כדי מיר זאָלין וויסין, אַז פריהר וועט וואָלף געהן אין טאַנץ אונ' דרנאָך ערשט מרדכי. פרשטייסט דוא שוין?

מילא וואָס טויג עס מיר, זייא וועלין דעך אַודאי זעהר משונה פר-שוואַרצט ווערין, טאַקי וויא זייא אָנשטעהט. וואָרט נור אַביסל. אייל דיך נישט. איך האָף אָן דעם רבינס זכות, אַז גיך אונ' באַלד וועל איך דיר האָ-בּין אַ יאַם צו שרייבין. וועסט אַודאי תענוג האָבין.

## כו. פון ר׳ גרשון קאָריצער
## צו ר׳ גדליה באַלטיר

נעכטין בין איך גיגאַנגין צו משה פישלס, אַזוי וויא דוא האָסט מיר גישריבין, אונ׳ האָב איהם נישט גיטראָפין דרהיים. זייני לייט האָבין מיר גיזאָגט, ער איז׳ אין אַלטין בית המדרש. בין איך אַהין צו איהם גיגאַנגין אונ׳ האָב איהם דאָרט גיטראָפין זיטצין איבר אַ גמרא מיט עפיס אַ ישיבה בחור, אונ׳ האָט זיך דעם קאָפף צעבראָכין, ער זאָל דעם ישיבה בחור עפיס אַ משנה געבין צו פרשטעהן, אונ׳ האָט מיט איהם גיחזרת אונ׳ גיחזרת אָהן איין עק.

האָב איך גיוואַרט, ביז ער האָט אויפגיהערט, וואָרין מען האָט מיר גיזאָגט, אין מיטין לערנין וויל ער בשום אופן מיט קיינים נישט אַוואָרט רעדין. האָב איך איהם גיפרעגט, פרוואָס ער מיטשיט זיך אַזוי מיט דעם בחור, ער איז׳ דעך איין אָרמיר בחור, וואָס מעצאָהלט פר איהם אודאי קיין רבי געלד נישט. האָט ער מיר גיענטפערט: איך האָב קיין קינדר נישט, האָב איך מיר פירגינאהמין מיט איין אָרם קינד אומזיסט צו לערנין. אונזרי חכמים זאָגין: ווער מיט אַ פרעמד קינד לערנט, איז׳ אַזוי גוט, גלייך דאָס קינד איז׳ זיין.

האָב איך איהם גיפרעגט, פרוואָס ער פאָהרט נישט פין קינדר וועגין צו עפיס אַ צדיק, ער זאָל פר איהם מתפלל זיין ער זאָל קינדר האָבין. האָט ער מיר גיוויזין דיין בריבל, אונ׳ איך האָב איהם דרצעהלט דיא מעשה פין דעם פדיון פר מיין בן יחיד אונ׳ אויך דיא מעשה פין ר׳ משה ראמישלר; איז׳ ער שטעהן גיבליבין פרטראַכט, עפיס וויא גלייבט ער יוא אונ׳ גלייבט נישט. איך האָב מיר גיטראַכט, קענין קען ער מיך נישט, האָב איך מיך נישט גיוואָלט שווערין פר איהם; שוין גלייבט ער מיר! האָב איך מיר גיטראַכט, דרווייל וועל איך בייא איהם דורך דיא שבועות נאָך מבוזה ווערין אונ׳ ער וועט מיר דרנאָך קיין מאָהל נישט גלייבין ווע׳לין.

וויא איך האָב גיזעהן, ווייסט ער גאָר נישט, וואָס קבלה איז׳. ער האַלט זיך אָן דעם שולחן ערוך שטאָהל אונ׳ אייזין. זייא דיר משער, מנחה מוז ער דאַוונין עה שטערן שטעהן, אונ׳ אין דער פריה דאַוונט ער דיר גאָר וותיקין. פין אונזרי הייליגי נייא ספרים ווייסט ער דיר נישט אַוואָרט. ער זיצט נור אין אַלטין בית המדרש, דאָרט האָב איך נישט מעהר גיזעהן וויא עטליכי אַלטי גמראות, דוא ארבע שולחן ערוכס, אַ חובת הלבבות אונ׳ נאָך עפיס אַזאָלכי ספרים. מיט דיא ברענגט ער צו זיינע יאָהר אונ׳ זייני טעג. עטליכי מאָהל האָט ער מיך אַלץ גיפרעגט: זאָל דאָס אמת זיין, אַז דער אַקליר האָט אייער זוהן לעבינדיג גימאַכט? אונ׳ האָט זיך אַלץ גיחודישת פין וואַנין דאָס קומט, אַז איצט זאָל אַבשר ודם קענין דעם מלאך המות אויפהאַלטין דורך דעם רויך פון אַ לולקע. איך פרשטעה נישט, האָט ער מיט מיר גיטענית:

ווּיא קען מען דיא לולקע רייכערן פרגלייכין צו אהרן הכהנס קטורות? אהרן איז׳ גיווען הייליג, די קטורות זענין גיווען הייליג אונ׳ דער עבערשטיר האָט דורך משה רבנו איהם גיהייסין רייכערן מיט דיא קטורות. אָבער איצט מיט אַ לולקע? אונזרי קדמונים האָבין שוין לאַנג גיזאָגט, דיא שפעטערי קענין זיך נישט גלייכין צוא דיא פריהרידיגי. זייא האָבין שוין אויף זיך גיזאָגט, אַז דיא פריהרידיגי זענין גיוועזן וויא דיא מלאכים, זענין זייא וויא מענשין; אונ׳ אַז דיא פריהרידיגי זענין גיוועזן מענשין, זענין זייא נור וויא עזלין. מילא, אַז די קדמונים האָבין דאָס אויף זיך גיזאָגט, וואָס קענין זשע מיר איצט אין דעם דור שוין זיין?

אַזויני זאַכין האָט ער מיט מיר איינגיטענית, אַז אַ ציטירניש האָט מיך אָנגיכאַפּט, ער זאָל מיך נישט ח״ו אָבפיהרן פון דעם אמתין וועג, אונ׳ האָב אָנגיהויבין מיט איהם פין עפּיס אַנדרש צו שמיסין. איך האָב איהם גיפרעגט וואָס זיין ווייב זאָגט דרצו, וואָס זיא האָט קיין קינדר נישט. האָט ער מיר גיזאָגט, זיא האָט שוין צו עטליכי רביס גישיקט אויף פדיונות ווידר זיין רצון.

על כן איז מיין עצה: אַז זיין ווייב, וויא איך זעה, האַלט יוא אויף גוטי יודן, זאָלסט דוא איהם שיקין אַ מתנה אַ שבחי הבעשט, אונ׳ מיר שיק ווידר אַ טייטשין שבחי הבעש״ט, איך זאָל דעם זיין ווייב געבין; וועל איך זעהן זיא פּאַוואָלי צוצורעדין, זייא זאָלין פּאָהרין צום רבין זאָל לעבין. אַז זיא האָט גיקענט אויף פדיונות שיקין, חאָטשי ער האָט נישט גיוואָלט, וועט זיא איהם דרצו ברענגין, ער זאָל פּאָהרין צום רבין זאָל לעבין אויך.

לעת עתה זאָלסט דוא וויסין, ער הייסט משה בן רבקה. איפשר וועט דער רבי זאָל לעבין עס דאַרפין צו וויסין, ער זאָל איהם דאָס האַרץ איבר קעהרן, ער זאָל ווערין אונזר.

## כז. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

דיר דאַכט זיך איפשר, מיר זענין גאָר שלימזלניקיס, אונ׳ ווייסין שוין גאָר נישט וואָס עס טוהט זיך אויף דער וועלט. נישט קשה, מיר זענין אויך עפּיס לייט. מילא וויא איזט וואָלף דובנירס מויד, דיר וועט דעך דער משרת אין אַ פּאָר טאָג זאָגין. וואַרטזשע דוא ביז דער משרת וועט דיר זאָגין. מיר ווייסין אָהן אַ משרת וויא זיא איז. וואָלף דובניר האָט זיא גאַנץ שטילרהייד אָבגישיקט צו איהר פּאָטיר קיין פּולשטין. ווייסט דוא אָבער ווער איהר פּאָ-טיר איז׳? אַודאי ליבלי חדוה, וואָס איז׳ בייאם רבין דעם צדיק אַמאָהל גיוועזן אַ משרת, אַ כשרר יונג. אונ׳ וואָס האָט מען דאָ מסופק צו זיין אַז וואָלף האָט זיא נור פין דעסטוועגין קיין פּולשטין גישיקט, יעקל רופא זאָל איהר דאָס שפּיל אָבטרייבין? בין איך אַ בעל עסקן גיוועזן אונ׳ האָב מיך אַריבר

גיחאַפּט קיין פּולשטין צו יעקל רופא, האָב איהם פירגיזאָגט, איך בין
גיקומין צו איהם מכּח די מערידין, בין דאָרט אַוועקגיזעסין עטליכי טאָג, האָב
יעקלן מקרב גיווען וויא ווייט איך האָב נור גיקענט אונ׳ יהאָב איהם גיגע־
בין תּמיד אַ טרינק.

אַמאָהל, וויא איך האָב גיזעהן ער איז׳ גוט שכּור, האָב איך מיך מיט
איהם צעשמיסט פון וואָלף דובנירס מויד אונ׳ האָב גיזעהן, דער בּחור ווייסט
גאָר אַלצדינג. ער האָט מיר דרצעהלט, אַז וואָלף דובנירס וויינמשרת יהודא,
וואָס איז׳ איצט בייא ר׳ אהרן לאָזירס, איז׳ גיהאַט גיקומין צו ליבלין דער
מוידס פּאָטיר, אונ׳ האָט איהם גיזאָגט, ער וויל דיא מויד נעהמין, ווייל זיא
איז׳ פון איהם מעוברת. האָב איך איהם גיזאָגט, אַז דער גאַנציר אינטעריס
איז׳ איין אָנשטעל. דיא מויד איז׳ גאָר נישט מעוברת פין דעם משרת. דעם
משרת האָט מען גיצאָהלט, ער זאָל דאָס נעהמין אויף זיך, אונ׳ לעולם איז דיא
מויד טאַקי מעוברת פין מרדכי גאָלד, וואָלף דובנירס איידים.

יעקל האָט מיך אָבער גיוואָלט אָפּשפּאַרין דרפון. ער האָט גיזאָגט: וויא
איז׳ דאָס מעגליך? איך ווייס, האָט ער גיזאָגט, אַז מרדכי גאָלד איז׳ שוין
כּמה פּעמים גיווען בייאם מינקאָוויצר דאָקטיר, ווייל ער טויג צו קיין קינדר
נישט; האָט איהם דער מינקאָוויצר דאָקטיר גיגעבין אונ׳ גיגעבין רפואות
אונ׳ דרנאָך האָט ער איהם גיזאָגט, אַז איצט איז׳ איהם נישט צו העלפין.
איפשר אַז ער וועט עלטיר ווערד׳ן, וועט מעגליך זיין, מען זאָל איהם
העלפין.

האָב איך ערשט יעקלן צו פרשטעהן גיגעבין, אַז דיא דאָקטאָרים
האָבין אַזוי אַטבע, זייא זאָגין תּמיד, אַז זייא זעהן זייערי רפואות העלפין
נישט: איצט קאָן מען דעם חולה נישט העלפין, שפּעטיר איז׳ מעגליך יוא.
אונ׳ לעולם קענין זייערי רפואות נישט העלפין, אַז מען גוט פריהר נישט
אויף אַ פּדיון (א). טאָ ווען זייא העטין עהרליכי לייט גיווען, העטין זייא
גאָר נישט אָנגיהויבין רפואות צו געבין, ביז מען העט זייא נישט מברר גי־
ווען, אַז מען האָט זיך שוין געלאָזט מאַכין אַ פּדיון. נור זייא געבין רפואות
אונ׳ פרעגין גאָר נישט, וואָרין וואָס שאַד עס זייא? ערשט אַז זייא זעהין, דיא
רפואות זייערי העלפין נישט, זאָגין זייא, איצט קען מען דעם חולה נישט
העלפין. זייא זאָלין פּאָפּראָסטי זאָגין: דיא רפואות העלפין נישט, וואָרין מען
האָט דעם חולה אַודאי נאָך קיין פּדיון גימאַכט — איז׳ דעך פר זייא אַ גרויסה
בושה, זייא האָבין דעך אַ פּנים וויא אַשוואַרץ יאָהר! זאָגין זייא נור: איצט
קען מען נישט העלפין, אונ׳ טראַכטין זיך, דרווייל וועט מען דעם חולה
מאַכין אַ פּדיון. מילא דאָס וואָס דער מונקאָוויצר דאָקטיר האָט מרדכין גי־
זאָגט, איצט איז׳ איהם נישט צו העלפין, איז׳ נור גיווען איבּרדעם, ווייל
מען האָט איהם דענצמאָהל נאָך נישט גיהאַט גימאַכט אַ פּדיון. דרנאָך אָבער
האָט מען מרדכין שוין גיהאַט גימאַכט אַ פּדיון, טויג ער דעך אַודאי יוא, אי־
אָהן אַ דאָקטיר.

יעקל האָט מויל און אויגין אויפגימאַכט. דרצו האָב איך איהם דרצעהלט, וואָס פר אַ חשובקייט ער איז׳ בייאם רבין, אונ׳ וויא דער רבי שיקט איהם תמיד חוליים צו, אונ׳ אַפילו מיר האָט דער רבי גיזאָגט, אַז נור ער קען מיר אַ רפואה טוהן. האָט ער גרויס הנאה גיהאַט, אונ׳ האָט מיר גיזאָגט, ער וועט אַבאַלד זיין בייא אייך. ע"כ זעה איהם דאָרט מקרב צו זיין, וועסט דוא זעהן, ער וועט אייך געבין אַ גביות-עדות, אַז וואָלף דובניר איז׳ בייא איהם גיוועזן אונ׳ האָט איהם גיבעטין, ער זאָל דער מויד אַזוינס געבין, זיא זאָל דרפין מפיל זיין.

## כח. פין ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

פר דרייא טאָג איז׳ דער פולשטיניר רופא היא גיוועזן אונ׳ האָט בייא מיר וועטשירי גיגעסין. איך האָב איהם צוליעב נאָך עטליכי מענשין פין אונזרי לייט אויף דער וועטשירי פרבעטין. ער האָט גימיינט דיא הונד טאָרין איהם. ער האָט אונז גיגעבין אַ גביות עדות, אַז וואָלף דובניר האָט גישיקט צו איהם, ער זאָל דער מויד אַזוינס איינגעבין, זיא זאָל דרפין מפיל זיין. בייא דער וועטשירי האָב איך אונטרגיריקט מעד וויאפיל עס האָט גיקענט אין איהם אַריין, אונ׳ ער העט אונז גיוועזן גיגעבין אַ גביות-עדות אַפילו, אַז וואָלף דובניר אַליין האָט איהם גיבעטין, ער זאָל דער מויד אַזוינס גע-בין זיא זאָל דרפון מפיל זיין. נור מיר האָבין זיך אָבער מישב גיוועזן, אַזוי אַ גביות עדות טויג אונז נישט, וואָרין וואָלף קען עדות שטעלין, אַז דענצ-מאָהל ווען אין גביות עדות שטעהט, וואָלף האָט איהם גיבעטין, איז׳ וואָלף גאָר ערגיץ אַנדרש גיוועזן, נישט אין פולשטין; אונ׳ אַז מיר וועלין שרייבין אַ טאָג, וואָס יעקל איז היע גיוועזן, וועט וואָלף שטעלין איפשר עדות, אַז ער איז׳ דעם טאָג נישט היע גיוועזן. אַז מען זאָגט אָבער: ער האָט גישיקט צו איהם, קען מען נישט איברווייזין, אַז עס איז׳ ליגין. וואָרין פר נויטה וועט איינר פון אונזרי לייט זאָגין, אַז וואָלף האָט איהם בסוד גישיקט צו יעקלן אָדער מיר ווען זיך איין אַנדרי עצה געבין, אַז מעווועט בעדאַרפין.

פון דעסטוועגין האָבין מיר פון דעם גביות עדות נאָך מיט קיינים נישט גישמוסט, וואָרין מיר ווען בעסיר וואַרטין ביז דיא צייט וועט דרצו קומין, אונ׳ דאָס וועט דעך נישט לאַנג דויערן, וואָרין דער רבי זאָל לעבין האָט גיזאָגט: וואָלף וועט האָבין אַ מפלה; וועט ער דעך אַודאי האָבין אַ מפלה. מילא זעה זשע דוא נור פולווע אָב למען השם. אַז דוא וועסט ווידר עפיס גיוואָהר וועריו, זייא מיר תיכף מודיע, מיר זאָלין וויסין וואָס עס טוהט זיך.

## כט. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

מילא עס איז׳ דעך אודאי טאקי אזוי וויא דער רבי דער צדיק, זאל לעבין טויזינד יאהר, האט גיזאגט. דער סלאבודשיקר פריץ האט בייא וואלף דובניר זיך גיקויפט אבארילקי ווייו. אין דער היים האט ער גיהייסין דעם ארענדאר זיינים ר׳ פסח, וואס איז אמאהל גיוועז א משרת ביי ר׳ אהרן לאזירס (ער איז׳ אויך ר׳ אהרנס א קרוב) ער זאל איהם אין קעליר דען ווייו אבציהען אין בוטעלקיס ארייז. וויא ר׳ פסח האט אבער נור אנגיהויבען דעם וויין אבצוציהען, איז׳ ער גיקומין אויס דעם קעליר מיט א גיוואלד צום פריץ ארויף צו לויפין אונ׳ האט גישריגין: אין וויין איז׳ דא סם, איך וויל דעם וויין נישט ציהין; דער פריץ האט גינעהמין א ביסל פין דעם וויין אונ׳ האט גיגעבין אקליין הינטל צו טרינקן, איז׳ עס אויף דער שטעל גיפגרת. האט דער פריץ גיוואלט תיכף מיט דעם וויין ארייז פאהרין אין דער גובערני ארייז. דער ארענדאר אבער האט איהם גיבעטין, ער זאל רחמנות האבין אויף דובניר אונ׳ זאל נישט ארייז פאהרין, ווארין ער קען דעך איהם ח״ו פין דעם לעבין ברענגין, אונ׳ האט דעם פריץ גישווארין, עס וועט אודאי פר איהם טויזינד מאהל חשבור זיין, ער זאל איהם מיט דעם וויין שיקין צום רבין דעם צדיק. איז׳ דער פריץ דרויף צוגישטאנין. מילא וועט מארגין אדער איברמארגין ר׳ פסח מיט דער באריליקי וויין צום רבין דעם צדיק ארייז פאהרין. זאלסט דוא ווי־סין וואס צו טוהן, אז וואלף וועט נישט וועלין דעם רבין דעם צדיק צייח זיין, וועט ער אויסגעריסן ווערן, ווארין דער פריץ נעהמט פריהר ארויס אזאסוויאטשעני פון זיין דארפסשופט אונ׳ פון אנדרי מענשין, וואס זענין דרבייא גיוועז וויא דיא מעשה מיט דעם וויין איז׳ גישעהן.

## ל. פין ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

איך בין דיר מודיע, אז נעכטין איז׳ ר׳ פסח מיט דער באריליקי וויין ארייז גיקומין. דיא באריליקי וויין איז גיוועז פרחתמיט מיט דעם פריץ חתימה. וויא וואלף דובניר האט דרפון גיוואהר גיווארין, האט ער אנגיהויבין צו שפרינגין אונ׳ צו שרייען, דאס געהט איהם נישט אן. זיין וויין איז׳ נישט מיט סם. מען קען זיין גאנצין קעליר וויין פרובין, אין דער באריליקי האט פסח גימוסט סם ארייז ווארפין.

דרנאך אבער האט ער זיך מישב גיוועז: אונ׳ וואס וועט זיין, אז דער אינטעריס וועט קומין צו דער גובערני? אי א יאג געלד וועט דאס שפיל

איהם קאָסטין, אונ׳ זיין ווין וועט פאַרט אין אַ בעזין שם אַריין קומין. בעסיר דאָס עסק אָפצוטוהן שטילערהייט. האָט ער גישיקט אַ שליח מיוחד נאָך זיין ברודר ר׳ ברוך, ער זאָל קומין און זאָל איהם העלפין בייאם רבין זאָל לעבין. וואָרין ר׳ ברוך איז׳ בייאם רבין אַ גרויסיר תקיף.

דרווייל אָבער האָט דער גאָראָדניטשי פין דעם אינטעריס גיוואָהר גי־וואָרן, חאָטשי מיר האָבין עס גיהאַלטין בסוד, האָט ער תיכף דעם אַרענדאַר ר׳ פסח גינעהמין אויף אַ דעפּראָס, אונ׳ דער אַרענדאַר האָט דיא גאַנצי מעשה דרצעהלט אַזוי וויא זיא איז גיוועזן, וואָרין ער האָט מורא גיהאַט, אַז ער וועט אַנדירש זאָגין, דרנאָך וועט מען דעם פריץ נעהמען אויף דעם דעפּראָס, וועט דער אַרויסקומין, אַז ער האָט ליגין גיזאָגט, קען ער אַ סוף האָבין. וואָלף דובניר איז גישטאַנין נאָך פסח׳ס דעפּראָס גאַנץ גוט פאַרשוואַרצט צו ווערן.

זיין מזל איז׳ גיוועזן, וואָס זיין ברודר ר׳ ברוך איז׳ פריהר אָנגיקומין עהדער דאָס עסק איז נגמר גיוואָרין בייאם גראָדניטשי. האָט דער ברודר דעם רבין זאָל לעבין גיבעטין, ער זאָל וואָלפין אַטובה טוהן, אונ׳ האָט צוגיזאָגט, אַז וואָלף זאָל פין היינט מאָהל אָן דעם רבין זאָל לעבין אין אַלעם צייט זיין מקטון ועד גדול, אַבי ער זאָל איהם אַרויס העלפין אויס דעם גראָדניטשיס הענד אַרויס אונ׳ דאָס גאַנצי עסק זאָל בלייבין בסוד. האָט דער רבי זאָל לעבין גישיקט נאָך דעם גראָדניטשיס פאַקטיר, אונ׳ מען האָט אַזוי לאַנג גי־אַרבייט אונ׳ אַסך געלד פרטהיילט דעם גראָדניטשי און זיין סעקרעטאַר אונ׳ נאָך אַזאַלכי, ביז דער גראָדניטשי האָט צוגיזאָגט, אַזוי באַלד וואָלף וועט זיך משוה זיין מיט דעם פריץ, וועט ער דעם דעפּראָס צערייסין.

דרווייל האָב איך ליבלה חדוה, דער מוידס פאַטיר, פין דעם אינטעריס מודיע גיוועזן, איז׳ ער גיקומין צום רבין זאָל לעבין מיט דער גביות עדות פין יעקל רופא וואָס איך האָב איהם גיגעבין, אונ׳ האָט דעם רבין זאָל לעבין געבעטין, ער זאָל אויף איהם נישט פרגעסין, וואָלף זאָל איהם זיין בושה און זיין אונגליק עהרליך בעצאָהלין, וואָרין נור איצט איז׳ צייט. האָט דער רבי זאָל לעבין גישיקט נאָך ר׳ ברוך אונ׳ האָט איהם גיזאָגט, עה ער העבט גאָר אָן פין דעם עסק צו שמיסין, מוז מען זיין ליבלי מפשר זיין. האָט ר׳ ברוך ליבלין משוה גיוועזן. נישט קשה, וואָלף האָט איהט אַודאי גינוג געלד גיגעבין. דרנאָך ערשט האָט דער רבי זאָל לעבין מכח דעם ווין גיפּסקית, וואָלף [זאָל] דעם סלאָבאָדשיקר פריץ לייהין פיר הונדרט רענדליך אויף דרייא יאָהר אָהן רוחים, אונ׳ דרצו זאָל ער איהם געבין אַ גוט פאַס ווין פין דעם בעסטין אַ מתנה, אונ׳ דעם אַרענדאַר ר׳ פסח זאָל ער געבין פר זיין טרחא דרייסיג רענדליך.

נאָך אַלעם איז׳ וואָלף דובניר דער מתנגד ערשט גיקומין צום רבין זאָל לעבין בקידה ובהשתחויה, האָט דעם רבין זאָל לעבין טויזינד מאָהל איבערגיבעטין אונ׳ האָט איהם אַמתנה גיגעבין אַ וואָהל כשר פאַס ווין, עס איז׳ אַודאי ווערט פיפציג רויטי רענדליך. אונ׳ וויא מיר דאַכט זיך, וועט איהם דער חשק

פרגעהן אַ מתנגד צו זיין אַקעגין רבין זאָל לעבין. אונ׳ אַפילו דיא איבריגי מתנגדים דאַכט זיך מיר, אַז זייא וועלין זעהן וואָס דער רבי זאָל לעבין אונ׳ מיר אַלי קענין טוהן אויף דער וועלט, זענין זייא מחיוב דאָס נייניעהריגי קדחת צו האָבין דאָס מויל נור אויף צו מאַכין אַקעגין אונז. אונ׳ געך אונ׳ באַלד וועלין מיר בודאי אָן דעם ביסל עולם נקמות דרלעבין, וואָס טראָגין אונז אַפילו נור אין האַרץ נאָך אַ שנאה.

## לא. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

וואָס זאָל איך דיר זאָגין, דורך דיין בריבל מיט דער מעשה פון וואָלף דובנירס באַרילקי וויין האָסט דוא מיך גאָר מחיה גיוועזן.

איך בין אַרום גיגאַנגגין עטליכי טאָג אין גרויס עגמת נפש. דער רשע מרדכי גאָלד האָט בייא אונזר פריץ אַוועק גידונגגין דיא שטאָד אַרענדא מיט דיא דערפיר. ביז אַהער איז׳ בייא אונז גיוועזן פראָפינאַציע. האָבין דיא שענקירס גיזעהן, אַז פון דיא פיינסקי שענקין קענין זייא נישט לעבין, זענין זייא אונטער גיפאַלין דעם ימחשמוניק מרדכי גאָלד, ער זאָל נעהמין דיא אַרענדי. ער איז׳ בייא אונזר פריץ זעהר חשוב, וויל ער זיצט מיט איהם איבר דיא טריפה פסולים. האָט ער דיא אַרענדי מיט אַ קוואָטי בראָנפין איבערגיניהמן בייאם פריץ אונ׳ האָט מיט דיא שענקירס גימאַכט אַ מקח אויף דעם בראָנפין אויף אַ גאַנץ יאָהר.

דרוויל איז׳ בראָנפין טהייער גיוואָרין, אונ׳ ער העכירט פין דעסטוועגין דעם מקח נישט, איז דער ימחשמוניק אין שטעדל זעהר חשוב דריבר גיוואָרין. נור מיר וויל דער רשע קיין בראָנפין נישט געבין, וויל מיין ברודר וואָס זיצט אין בילטשיק האָט בייא איהם גינעהמין בראָנפין אויף באָרג אונ׳ האָט איהם בעהאַלטין פיר הונדרט גולדין. זאָגט ער יאָגבי, אַז ער האָט מיין ברודר גיגעבין דעם בראָנפין, בין איך איין ערב גיוועזן. איך גידענק נישט, איפשר האָב איך דענצמאָהל גיזאָגט איך בין איין ערב; נור וואָס האָט איינס צום אַנדערן? פון דעסטוועגין בין איך מיט דעם עבערשטינס הילף מיר היא אַזוי אַבעל הבית וויא אַלי בעלי בתים אונ׳ העט גיקענט זיין אַ שענקיר אַזוי גיט וויא אַנדרי שענקירס. פרוואָס וויל דאָס מיר דער ימחשמוניק קיין בראָנפין געבין, איך זאָל אויך עפיס פרדינין.

מילא בין איך אַרומגיגאַנגין אין גרויס עגמת נפש. נור וויא איך האָב דרהאַלטין דיין בריבל, האָב איך דרפון אַזוי אַתענוג גיהאַט, אַז איך האָב אויף דעם עגמת נפש גאָר פרגעסין, בפרט איך האָב מיר גיטראַכט, אַז דעם ימח-שמוניקס שוועהר וואָלף דובניר האָט אַמפלה גיהאַט, וועט דעך דער רשע אַודאי אויך האָבין אַמפלה! נור דאָס בעט איך, אַז זיין צייט וועט

קומין, זאָל דער רבי דער צדיק איהם נישט אַרויס העלפין אויס דעם שלימזל, ער זאָל איהם בעסיר בעגראָבין צעהן עלען אונטר דער ערד.

## לב. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

ר׳ ברוך דובניר, וואָלפס ברודר, איז היאַרום דורך גיפאָהרין, האָב איך איהם גיבעטין, ער זאָל פאַר מיר אַגוט וואָרט רעדין בייא מרדכי גאָלד, ער זאָל מיר גיטרויען בראָנפין אַזוי גוט וויא אַלי שענקירס. האָט מיר דאָס ברוך בייא איהם גיפועלט. ער האָט מיר גיטרויעט אויף דרייאהונדרט גולדין בראָנפין. איך האָב איהם דעם טערמין אָבגיפולוויט אונ׳ האָב איהם צו דער שעה זיין געלד אַריין גיבראַכט אין שטיב אַריין, האָט ער מיר דרנאָך מעהר בראָנפין גיטרויעט. אָט דאָ זעהט מען אויך וואָס אונזרי לייט זענין. דאַרף מען אַגרעסערן ימחשמוניק וויא מרדכי גאָלד איז? אונ׳ פון דעסטוועגין, אַז אונזר ר׳ ברוך האָט איהם נור אַ וואָרט גיזאָגט, האָט ער טאַקי דאָס ניין יעהריגי קדחת בעקומין ער זאָל איהם אָבזאָגין אונ׳ גוט מיר בראָנפין וויא פיל איך וויל נור אַליין.

מילא, אַז עס איז׳ יוא אַזוי, האָב איך מיר פירגינעהמין אויף אַלי שבת דעם רבין דעם צדיק צווייא טעפ בראָנפין צו שיקין. וואָס קען איך דאָ נישט בעשטעהן, אַז מרדכי דער ימחשמוניק וועט וועניגיר האָבין עטליכי טעפ בראָנפין? וואָס וועט ער מיר דאָס טוהן דרפאַר? פין עטליכי טעפ בראָנפין ווע־גין וועט ער מיר דאָס הויז נישט אַוועק נעהמין, ובפרט דער הונד וועט דעך דרווייל אַודאי אַ שוואַרצי מפלה האָבין. מילא, דרווייל טרינקט זשע דאָרט אויף מיין גיזונד. אַז איך וועל צייט האָבין, וועל איך מיך אַביסל אַריבר חאַפין אויף אַ שבת צום רבין דעם צדיק אונ׳ וועל מיטברענגין בראָנפין גע־ניג, אונ׳ מיר וועלין הולין וויא אונז אָנשטעהט.

לעת עתה האָב איך נישט צו זאַרגין. איך בין מיר אַ שענקיר אַזוי גיט וויא אַלע היעגי שענקירס. אין הויז איז׳ דאָ פין אַלעם גוטין, אַ מזומניר גראָשין דרעהט זיך אויך, אַ טרונק בראָנפין אַ גוטיר איז׳ אַודאי דאָ, — הכלל עס איז׳ גוט.

## לג. פין ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

איך שיק דיר אַ שליח מיוחד, וואָרין עס איז׳ אַראַפטאָווני אינטעריס. דער בילקער אַרענדאַר איז׳ פין דעסט וועגין אַמיסטני אַריין גיקומין. פין

דיין פריץ איז׳ צום בילקער פריץ אַבריב אָנגיקומין, ער זאָל דיא גויה, וואָס איז׳ דענצמאָהל אַז דוא האָסט דאָרט שבת גיהאַלטין אין וואַלד גיוועז, נעה־מין אויף אַ דעפראס אונ׳ זאָל זעהן צו טוהן וואָס נור מעגליך איז׳ פין דער גויה אַרויסצוברענגען פין ועמין זיא איז׳ משוגעבערת גיוואָרין. דער בילקער פריץ האָט דאָס גאַנצי עסק אַזוי בסוד גיהאַלטין, אַז דער אַרענדאַר האָט פריהר גאָר נישט גיקענט טוהן דרצו. ער האָט פּליטצלינג גילאָזט דיא גויה נעהמין צום דעפראס, האָט זיא אויסגיזאָגט, אַז עס זענין דענצמאָהל אין וואַלד גיוועז צווייא יודין, וואָס האָבין טאַקי אין וואַלד גינעכטיקט. מיט דיא צווייא האָט זיא צו טוהן גיהאַט, אונ׳ פין אַ סימן וועגין האָט זיא בייא איינים אַ בריבל אויס דער קעשיני אַרויסגיגנבת.

דאָס בריבל האָט זיא דעם פריץ בייאם דעפראס גיגעבין. דער אַרענדאַר האָט זיך גיפּרופט דאָס בריבל צו בעקומין אָדער עס חאָטשי נור צו זעהן, עס איז׳ אָבער אונמעגליך גיוועז. דער פריץ האָט עס איהם אַפילו נישט גיוואָלט ווייזין. ער האָט גיזאָגט, אַז מרדכי גאָלד וועט בייא איהם זיין, וועט ער עס איהם געבין, ער זאָל עס איהם אויף פּוליש איבר זעצין, כדי ער זאָל וויסין ווער דיא צווייא מענשין זענין, וואָס האָבין מיט דער גויה אין וואַלד צו טוהן גיהאַט, אונ׳ זאָל זייא פרשיקין אויף דעם סאמביר.

מילא זעהסט דוא, אַז עס איז׳ קיין קלייניגקייט נישט. דער אַרענדאַר איז׳ צו מיר גיקומין ממש אָהן אַ נשמה. ער האָט מיר גיזאָגט, וויא ער האָט גי־זעהן, אַז דער פריץ גיטרויעט איהם אַזוי ווייט נישט, אַז ער וויל איהם אַפילו נישט ווייזין דאָס בריבל, איז׳ ער תיכף אַהער אַריין גיפאָהרין, וואָרין ער שרעקט זיך זעהר, דער פריץ זאָל נישט צו איהם זיין בעז האַרץ אויסלאָ־זין. ער האָט גאָר גיחלשת פר מיר, איך זאָל מיט דעם רבין זאָל לעבין פון זיינטוועגין רעדין, אונ׳ האָט נאָך זיין כח נאָך אויף אַ פדיון אויך גיגעבין. מילא, דאָ איז׳ קיין אַנדרר ספּאָסיב פרהאַנדין, נור דו מוסט זעהין אַ כתב פין מרדכי צו בעקומין, זיין אייגין כתב טאַקי, אונ׳ עס מיר צושיקין, וועל איך בייא ר׳ יוסל פראַדילס לאָזין אַבריבל מאַכין אָדער עפּיס אַנדערש פין זיין כתב. תּאמיר וועט אונז דער עבירשטיר אין דעם רבים זכות אַ נס טוהן אַז דער אַרענדאַר וועט קענין בעקומין דאָס כתב, וואָס דיא גויה האָט אַנידר־גילעגט, אונ׳ וועט דרפר אַריין דרעהין מרדכיס כתב. מילא דרנאָך, אַז דאָס כתב וועט פירקומין פר אַ קאָמיסיע, וועט זיך טאַקי אַרויס ווייזין, אַז מרדכי האָט מיט דער גויה צו טוהן גיהאַט, טאַקי וויא איהם אָנשטעהט. אי דיא צווייא פּילשטניר עהרליכי יודן וועלין מיר מציל זיין פין אַבלבול, אי אָן דעם ימחשמוניק וועלין מיר אַ נקמה דרלעבין. נור למען השם נישט צו פר־שלאָפין דאָס עסק, וואָרין ווער ווייסט וועמיס מאָרגין עס איז׳.

## לד. פין ר׳ גדליה באַלטיר צו ר׳ גרשון קאָריצער

איך דאַנק דיר זעהר פר דער עצה, דעם תם משה פישלס אונ׳ זיין ווייב דעם שבחי הבעשט צו שיקין. נור מוסט דוא פריהר זעהן, אָב ער וועט דאָס קענין פרטראָגין. ווער ווייסט, איפשר האָט ער קיין רייני נשמה? עס קען זיין, עס שלעפט זיך איהם נאָך עפיס נאָך פין זיין פאָטיר אַשלימזל, אָדער פין דעם מלמדס תורה, וואָס ער האָט בייא איהם גילערנט, אונ׳ דורך דעם וועט ער אויס דעם שבחי הבעשט נאָך לאַכין. מילא נישט געניג מיר וועלין איהם נישט בעקומין, וועט ער נאָך ווערין עפענטליך אַקעגין אונז, אונ׳ אַזוי אַ מענש, וואָס מעהאַלט איהם אין שטאָד פר אַ שטיקל למדן, קען נאָך אַנדרי מענשין אויך פרפיהרן. ער האָט בדעה צו שרייען, ער האָט אין דעם שבחי הבעשט מיאוסי זאַכין גיפונין, וועט איהם דער עולם גלייבין.

אמת איך קען איהם, אין דער יוגענד איז׳ ער גיוועזן אַ כשרר יוד, פין דעסטוועגין קען מען נישט וויסין וואָס אויס איהם איז׳ דרנאָך גיוואָרן; בפרט אויס זיינס אַ בריף, וואָס ער האָט מיר גישריבין, זעה איך אָן איהם אַ שטיקל אַפיקורסות רחמנא יצילנו. ער שרייבט מיר, דאָס ווייב זיינס האָט שוין גישיקט אויף פדיונות צו עטליכי רבים, חאָטשי ער ווייסט, דאָס איז׳ נישט ווערט אַגראָשין. איבערדעם דאַכט זיך מיר, דוא זאָלסט איהם נישט געבין דעם גאַנצין שבחי הבעשט אויף איינמאָהל. פריהר גיב איהם נור אַפּאָר בלעטליך פון איהם, וועלין מיר זעהן, וואָס ער וועט זאָגין דרצו. שרייב עס מיר, וועלין מיר זעהן, וואָס צו טוהן.

יענע נאַכט האָבין מיר דאָס תענוג גיהאַט בייאם רבין, זאָל הינדרט יאָהר לעבין, אָן איין ערך. דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, האָט עטליכי מאָהל גיזאָגט, ווייסט דוא—אָבער גיזאָגט וואָס גיזאָגט הייסט. ער האָט גיזאָגט דעם פסוק פתחו לי שערי צדק, אונ׳ ר׳ יוסף האָט גיטאַנצט פר איהם. פלוטצלינג, אום האַלבר נאַכט, איז׳ ער אויפגישטאַנין. דאָס פנים איז׳ גיוועזן פלאַם פייער. ער האָט זיך די הענד גיוואַשין אונ׳ האָט גיזאָגט מיט אימה אונ׳ מיט יראה: גלויבט איז׳ דער עבערשטיר, וואָס האָט מיך מקרב גיוועזן, איך זאָל איהם, גילויבט איז׳ ער, דינען. אונ׳ האָט אויך אַ ביסל גיטאַנצט. דרנאָך האָט ער גיהייסין דעם עולם וואָס זענין לעבין איהם גישטאַנין שטיל זיין אונ׳ האָט פר אונז גיזאָגט תורה מיט שרעקליכי גישרייאין אונ׳ גיוואַלדיס, אונ׳ מען האָט פאָרט קיין וואָרט גיהערט, ביז ער האָט ווידער גיזאָגט: גלויבט איז׳ דער עבערשטיר וואָס האָט מיך מקרב גיוועזן, איך זאָל איהם, גילויבט איז׳ ער, דיענין. דרנאָך, וויא ער איז׳ ווידער צו זיך געקומין, האָט ער זיך אויף דעם בעט צוגעלייגט, ער זאָל זיך אַביסל אָברוהין אונ׳ האָט גיהייסין איטליכין געבין צו צווייא פאָרציעס בראָנפין. וויא איך האָב גיזעהן, אַז דער בראָנפין

פון דיא שענקירס איז׳ נישט גוטס, האָב איך אַ שפּרינג גיטוהן צו מיר אַהיים אונ׳ האָב גיבראַכט פין דעם בראָנפין וואָס דוא האָסט מיר גישיקט. וויא ר׳ שלמה און דער אַלטיר ר׳ משה האָבין איהם פרזוכט אונ׳ האָבין איהם פר דעם רבין, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, גילויבט, האָט מיך דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, גיפרעגט, איך זאָל איהם דעם אמת זאָגין, וויא צו מיר קומט אַזוי אַבראָנפין. האָב איך איהם גימוסט דעם אמת זאָגין, איך האָב איהם פון דיר. האָט ער זיך זעהר גיחודישת, פר וואָס האָסט דוא איהם נישט גישיקט. האָב איך גאָר גיציטירט, ער זאָל נישט ח״ו אין כעס עפּיס אַקעגין דיר זיך אַרויסהאַפּין מיט אַ שלעכט וואָרט. אונ׳ איך וויים, אַז דאָס וואָרט וואָס איהם חאַפּט זיך אַרויס אין כעס איז׳ וויא אַ שאַרף שווערד (א). האָב איך דיך תיכף פרענטפירט. איך האָב גיזאָגט, מן הסתם האָסט דוא ביז אַהער נישט גיהאַט קיין גוטין בראָנפין, איצט האָסט דוא גישיקט אויף אַ פּרוב, אַז ער וועט גיפעלין, וועסט דיא איהם אודאי שיקין נאָך בעסרין. מילא זעה זשע דעם רבין, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, צו שיקין וואָהלין בראָנפין. איך שיק דיר דאָ איצט געלד אויף צווייא פעסלין בראָנפין. זעה מיר זייא צו שיקין לא יאוחר אויף דעם זונטאָג וואָס וועט קומין, וואָרין ירידֹ איז׳ בייא אונז. מיט דעם בראָנפין, וואָט דוא האָסט מיר גישיקט פראַכטטאָגין, איז׳ ב״ה אַלץ רעכט גיוועז. דיא אַרענדא האָט נישט זוכה גיוועז איהם אָנצוקיקין. זייא גיזונד.

## לה. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

וואָס זאָל איך דיר זאָגין, וויא איך האָב דיין בריבל גילייאנט, האָט מיך אַ ציטערניש אָנגיחאַפּט, אַז איך האָב גימיינט איך האַלט עס נישט אויס. ווער האָט זיך גיזאָלט רעכטין אויף אַזאַ אַשלימזל? איך האָב גימיינט דוא וועלט איז׳ מיין, אַז מיר האָבין פרזאָרגט דעם מלמד, — שפּרינגט אַרויס איין אַנדרי צרה, וואָס זיא איז׳ גאָר מיט דעם לעבין גישפּילט. איך האָב נאָכגיפרעגט דיא מענשין וואָס קומין צו אונזר פּריץ, זאָגט מען מיר, ער געהט אַרום גאָר גזלן אויף דער מעשה, וואָרין דער ימחשמוניק מרדכי האָט בעקומין אַ צעטיל פון דיא וואָס עטץ האָט דאָרט אויפגיקלעבט אויף דיא הייזר אונ׳ האָט עס איבר גיזעצט אויף דייטשעריש אונ׳ האָט עס גיגעבין אונזר פּריץ. מעדאַרף אַודאי נישט מסופק זיין, אַז ער האָט מעהר נאָך גישריבין וויא אין אייערי צעטליך איז׳ גישטאַנין אונ׳ האָט דעם פּריץ גיזאָגט, אַז דאָס איז׳ אַלץ אייער אַרבייט אונ׳ אַז צווייא פין אונזרי לייט האָבין מיט דער גויה צו טוהן גיהאַט אונ׳ האָבין איבר דעם גינעכטיגט אין וועלדיל. איבר דעם איז׳ אונזר פּריץ דער גזלן אויף אונז נאָך מעהר רוצח גיוואָרין וויא פריהר אונ׳ האָט גישוואָרין, ער וועט אַזוי לאַנג נישט רוהין אונ׳ וועט באָדיי׳ זיין גאַנץ האָב דראָן

שטרעקין, ער מוז דעם אינטעריס אַרויסברענגין; אונ׳ האָט תיכף אַ שליח גישיקט צום בילקער פריץ, ער זאָל דאָס טוהן, וואָס דער אַרענדאַר האָט דיר דערצעהלט.

דאָס גרעסטי שלימזל איז, וואָס אַלי פריצים ציטערן איצט פר אונזר פריץ, וואָרין מעהערט, ער זאָל באַלד ווערין וויצעגובערנאַטיר, ווייל דער איטציגי וויצעגובערנאַטיר זאָל גובערנאַטיר ווערין. איין גוטר פריינד פון אונזר פריץ אין פעטערבורג האָט איהם גישריבין, אַז דער אימפעראַטאָר האָט שוין אַפילו זיין וויצעגובערנאַטערסטווע אונטרגישריבין, איך געה דורך דעם אַרום וויא משוגע, וואָרין עטץ ווייסט וואָס דאָס פר אַגזלן איז׳. ווען ער וועט קומין צו דער גובערני׳, איך וויל מיין מויל צום בעזין נישט עפנין, וועלין אַלי שררות, וואָס האַלטין איצט מיט אונז, אונז גרויסי שונאים ח״ו ווערין.

וועדליג וויא איך האָב גיהערט, וויל דער גזלן אונזרר שרייבין אין דער גובערני׳, מען זאָל דיא גויה גאָר אַהין נעהמין, וואָרין עס האָט אַפנים אַז ער גיטרויעט דעם בילקער פריץ אויך נישט. ווייס איך זשע? מיין שכל זאָגט מיר, מעזאָל אַמאָהל מיט דעם עסק איין עק מאַכין אונ׳ מען זאָל דעם רבין דעם צדיק אַלצדינג זאָגין אונ׳ מעזאָל איהם טאַקי בעטין, ער זאָל זעהן למען השם מכח דיא צוייא פולשטניר עפיס צו טוהן.

איהר קענט דעך זייא. זייא זענין בודאי זעהר כשרי יודין. אונ׳ לאָמיר שוין זאָגין, זייא האָבין אין וועלדיל טאַקי עפיס גיטוהן, נאָ, זענין זייא אין אמתין אין דער תנועה גיחאַפט גיוואָרין; פין דעסטוועגין זענין זייא פאָרט זעהר פרומי יודן, כשרי אונ׳ זענין גרויסי עסקנים אין מצות, אונ׳ אַז מען וועט נישט זעהן איצט עפיס אין דעם עסק צי טוהן, קענין זייא קומין ח״ו פין דעם חיות, אונ׳ איך מיט דעם אַרענדאַר וועלין אויך קיין האָניג לעקין.

נאָך מיין שכל נאָך, מוז מען זעהן צו שמיסין מיט יעקל רופא, ער זאָל דער גויה דאָס שפיל אָבטרייבין. קודם לכל לאָז האָטשי קיין שרץ זיין. אַז עס וועט נאָך אַ שרץ אויך זיין, קען דעך אויס דעם עסק זעהר אַביטיר שפיל ווערען. דיא לייט וועט מען נעטהין, זייא זאָלין דיא גויה מיט דעם שרץ אויסהאַלטין, אונ׳ דיא חרפה וועט דעך נישט זיין צום אויסהאַלטין. אַזוי וועט מען אונז האָטשי נישט האָבין מיט וואָס אין דיא אויגין צו שטעכין.

ע״כ למעה״ש שרייב מיר, אָב דאָס געהט דיר איין, וועל איך מיך אַריבר חאַפין קייך פולשטין צו יעקלן. נור שיק מיר אויף הוצאות, וואָרין איך האָב נישט אַ גראָשין, אונ׳ אין עטליכי טאָג אַרום איז דיא צייט דעם ימ״ש מרדכי פר דעם בראָנפין צו צאָהלין. אונ׳ חוץ דעם פעהלט מיר געלד פר דעם בראָנ־ פין וואָס איך האָב עטליכי מאָהל דעם רבין דעם צדיק גישיקט.

איין אַנדרטמאָהל העט איך אויס דעם ימחשמוניק מיך אויסגילאַכט. איצט אָבער האָב איך מורא, דער רשע וועט דעך מיינין גאָר דיא וועלט [איז] זיין, אַבי׳ ער וועט האָבין אַזאַטשעפקי אויף מיר, ער זאָל מיך צוקלאָגין צום פריץ, אונ׳ דער פריץ וועט מיך הייסין פרנעהמין פון קאָפ ביז פוס.

איך מוז זעהן צו טוהן וואָס צו טוהן, איך זאָל דעם רשע דאָס מויל פרשטאָפען. איך וועל מיר דעם קאָפּ פרזעטצין איהם צו צאָהלין, בפרט אַז איך וועל איהם דאָס געלד אָבברעננגין, וועל איך זעהן, ער זאָל מיר געבין אַ קוויט פין זיין אייגניר האַנד, וועל איך איהם דיר שיקין, זאָלסט האָבין זיין כתב צו וויזין ר׳ יוסל פראַדילס. הגם מיר דאַכט זיך, עטץ זאָל דאָס נישט טוהן, וואָרין אונזר פריץ האָט אָהנדעם אַחראַפּ אויף ר׳ יוסל. ער זאָגט, דעם בריב פין דעם וויצעגובערנאַטיר צו איהם מכח דעם בוך האָט אַודאי ר׳ יוסל גישריבין. פון דעסטוועגין, אַז דוא וועסט וועלין קאָנעטשני, וועל איך איהם דיר שיקין. וואָרין אַז עטץ וועט דאָס טוהן, וועט עטץ דעך עס אַודאי מיט דעם רבינס דעם צדיקס דעה טוהן, וועט דעך אַודאי רעכט זיין.

## לו. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

דיין בריבל האָב איך מקבל גיוועזן. וואָס דיא שרייבסט מעזאָל דעם גאַנצין עסק דעם רבין דרצעהלין, האָבין מיר היא איין עצה גיהאַלטין, איז׳ גיבליבין, מעזאָל דעם רבין זאָל לעבין נאָך נישט זאָגין, מעזאָל נאָך וואַרטין.

מיט דעם אינטעריס אַליין וויים איך מיר גאָר קיין עצה צו געבין. לע״ע איז׳ דאָס עסק זעהר שלעכט. אונזר נאַדזיע אויף דעם בילקער אַרענדאַר איז, אויך קאַלי׳ גיוואָרין. מען האָט מיר דרצעהלט אין מן הסתם האָסט דוא אויך שוין דרפון גיהערט, אַז דער בילקער פּריץ האָט דעם אַרענדאַר זיינים אויך שוין תפוס גינעהמין, ווייל דיא גויה האָט אויף דעם דעפּראס אויסגיזאָגט, אַז דער אַרענדאַר האָט זיא אָנגירעדט, זיא זאָל זאָגין אויף מרדכי, וואָרין ער איז׳ אַ גרויסר עושר, וועט ער איהר געבין אַיאַם געלד. דאָס האָט דעם פּריץ משונה פרדראָסין, וואָרין ער איז בעוה״ר מרדכין אַ גרויסר פריינד, האָט ער גיהייסין תיכף דעם אַרענדאַר נעהמין תפוס אונ׳ פר דער ראַטי האָט ער איהם פרנעהמין פין קאָפּ ביז פוס. דרבייא האָט גיטראָפין אַ גרויס אונגליק: אין דעם קאַסטין דעם אַרענדאַרס, וואָס דער פּריץ האָט גילאָזט אַוועק נעהמין, האָט מען גיפינין אַ קוויט אויף ראַטי פין ר׳ יוסל פראַדילס מלאכה, איז צו זיין גרויס שלימזל נאָך איז׳ אויף דעם קוויט גישטאַנין אַזוי אַ טאָג גישריבין, וואָס דער פּריץ איז׳ אַ וואָך פר דעם טאָג אונ׳ אַ וואָך דרנאָך גאָר נישט גיוועזן דרהיים. ער איז׳ גיוועזן בייא איין אַנדרין פּריץ עטליכי מייל וויים פין דרהיים, האָט ער תיכף דעם פאַלש דרזעהן.

איבערדעם ווילין מיר שוין מיט מרדכיס כתב קיין מלאכות מאַכין, חאָטשי איך האָב גיהאַט אַ ידועה, אַז דער בילקער פּריץ וויל פין דעם קוויט גאָר נישט רעדין, וואָרין ער טראַכט זיך, עס איז גימאָהלט דיא וועלט וועט זאָ-

גין ער לייקענט דעם אַרענדאַר אָב אַקוויט אונ׳ זוכט זיך נאַפּאַסציס, דער קוויט איז׳ פאַלש. וויל ער באַדיי׳ דעם קוויט אָננעהמין אין חשבון, אַבי׳ מען זאָל נישט שמיסין פון איהם. פון דעסטוועגין וועט ער אַודאי טראַכטין, אָז דעם אַרענדאַר אונ׳ אָן אַלי וואָס שטעקין נור אין דעם אינטעריס זיך נוקם צו זיין. מילא, אַז מיר וועלין עפיס מאַכין מיט מרדכי[ס] כתב, וועט ער מייניֿן דיא וועלט [איז] זיין, אַז ער וועט קענין דורך אַ פרעמד עסק, נישט דורך זיין עסק, זיך אָן ר׳ יוסלן אונ׳ אונז אַלי (זיך קענין) נוקם זיין.

איבּרדעם איז׳ בּייא אונז גיבּליבּין מיט ר׳ יוסלן לע״ע גאָר נישט צו טוהן. מען מוז נור מיט יעקל רופא שמיסין, ער זאָל קודם לכל זעהן דעם אינטעריס אָבצוטרייבּין. דרנאָך וועלין מיר זעהן וואָס צו טוהן. זאָרג נישט. וועסט דוא זעהן דעם רבינס זכות וועט אונז בּייאשטעהן אונ׳ עס וועט בודאי רעכט זיין.

אויף הוצאות קיין פולשטין זעה דיר צו לייהן בּיי יעקל רודניקיר, זאָג איהם, פין דעם רבינס וועגין זאָל ער עס טוהן. דאַכט זיך מיר, ער וועט דיר נישט אָבּזאָגין אונ׳ וועט דיר בודאי לייהען. נור למען השם דיא צייט נישט צו פרשלאָפין אונ׳ צו טוהן אַלץ געך וויא מעגליך איז׳.

## ל״ז. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך האָבּ אַידועה גיהאַט, אַז אונזר פריץ האָט גישריבּין צום בּילקער, ער זאָל זעהן דער אַרענדאַר זאָל אויסזאָגין, ווער עס האָט איהם גיהייסין דיא גויה אָנרעדין, זיא זאָל זאָגין אויף מרדכי, אונ׳ באם ער וועט אויסזאָגין זאָל ער איהם אַלצדינג מוחל זיין. האָבּ איך זעהר מורא, אַז דיא גויה וועט דעם אַרענדאַר אין דיא אויגין אַריין זאָגין, אַז ער האָט זיא אָנגירעד, זיא זאָל אויף מרדכי זאָגין, איז׳ ער דעך לעולם אַ גראָבּר יונג אונ׳ וועט זאָגין וויא אויס אַ רייסטיר. האָבּ איך גיזעהן עס איז׳ קיין אַנדרי ברירה נישט, איך מוז פאָהרין קיין פולשטין אונ׳ זעהין יעקל זאָל דער גויה אַזוינס געבּין, זיא זאָל מפּיל זיין. אַז זיא וועט מפּיל זיין, וועט זיא דעך בודאי חולה ווערין אונ׳ וועט נישט קענין אַזוי געך דעם אַרענדאַר אין דיא אויגין אַקעגין שטעהן. אונ׳ דרוייל וועט זיך אונז אין דעם רבינס זכות ווייזין עפּיס אַ ספּאָסיבּ וויא אַזוי מיר זאָלין זיך אַרויסהעלפין אויס דעם שלימזל. אונ׳ מחמת איילינעש צו פאָהרין, שרייבּ איך דיר בקיצור.

## לח. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

ווייל עס האָט זיך גיטראָפֿין, אַז מוכ״ז פאָהרט צו אייך, שרייב איך דיר דורך איהם, דוא זאָלסט מיר שרייבין וואָס דוא האָסט אין פולשטין גי־טוהן, אָב עס איז׳ דאָרט אַלץ רעכט. מוכ״ז איז פון דעם רבינס לייט, דורך איהם קענסט דוא שרייבין וואָס דוא ווילסט. מיר קוקין אַרויס אויף אַ ידועה פון דיר, וואָרין מיר געהן דאָ אַרום אין גרויסי פחדים. חאָטשי אין דער גוּ־בערני ווייס מען נאָך נישט פון דעם עסק, האָבין מיר פאָרט זעהר מורא, עס זאָל דרויס נישט ווערין אַ גרויס שפּיל. בפרט מעשמיסט שוין אום אונ׳ אום דרפון, אַז אייער פריץ זאָל וויצעגובערנאַטיר ווערן. אַנימעלד האָט מען בייאם רבין זאָל לעבין דרפון גישמיסט, האָט זיך דער רבי זאָל לעבין אָנגירופין: דער קריפּינער פריץ זאָל ווערין וויצעגובערנאַטיר? אונ׳ האָט דאָס גיזאָגט מיט אַ ניגון, וויא אַז מעתידושת זיך איבער עפּיס. מילא האָט דעך אַפּנים ער וועט נישט ווערן (א). פון דעסטוועגין האָבין מיר פאָרט מורא, ער זאָל עס נישט ח״ו ווערן. וואָרין ווער ווייסט, איפשר האָט דער רבי זאָל לעבין מיט דעם ניגון עפּיס אַנדירש גימיינט. איבר דעם העטין מיר גערן שוין גיוויסט, אָב דיא ביסט שוין גיוועזן אין פולשטין אונ׳ וואָס יעקל האָט גיזאָגט אויף דעם עסק.

## לט. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

דיין בריבל האָט מיך גאָר דרקוויקט. עטץ זענט מסופק אָן דעם רבינס דעם צדיקס ווערטיר מכּח אונזר פריצס וויצעגובערנאַטיסטווע. איך בין אסור גאָר נישט מסופק, אַז אונזר פריץ וועט עס אַודאי נישט ווערין. איך פרשטעה נישט, דער רבי דער צדיק האָט גיזאָגט מיט אַ פרווינדרליכין ניגון: דער קריפּינער פריץ זאָל ווערין וויצע גובערנאַטיר? נוא, וועט ער זשע עס יוא ווערין? אמת, דער רבי דער צדיק האָט גיקענט דרבייא האָבין נאָך טויזינד אַנדרי כוונות, וואָס איך קען זייא גאָר נישט אָנהעבין צו פרשטעהן. פון דעסטוועּ־גין פשוט איז׳ פשוט. דער רבי דער צדיק האָט גיזאָגט מיט אַ שאלה ניגון: דער קריפּינער פריץ זאָל ווערין וויצעגובערנאַטיר? נוא אדרבא, האָט גיקענט דער ניגון זיין ווייל ער האָט גיפרעגט, אָב ער וועט זיין, וואָס ער העט דאָס נישט פריהר גיוויסט פון אייך. נור ער האָט עס איבר דעם מיט דעם ניגון גי־זאָגט, וויא איינר רעד: דער קריפּינער פריץ זאָל ווערין וויצעגובערנאַטיר? אַודאי נישט! אונ׳ איך בין טאָקי נישט מסופק, אַז ער וועט עס טאָקי נישט דרלעבין

צו זיין, וואָרין איהר ווייסט וואָס דאָס פר אַ גזלן, פר אַ דאמניק איז!
אין פילשטין בין איך גיוועזן אונ׳ האָב גיטוהן וואָס מעהאָט בעדאַרפט. דוא גויה איז׳ אין דעם זכות פון דעם רבין דעם צדיק קראַנק גיוואָרין, אונ׳ מחמת יעקל איז׳ בייאם בילקער פריץ אויך רופא האָט דער פריץ נאָך איהם גישיקט, ער זאָל דיא גויה היילין. האָט איהם יעקל גיזאָגט: רפואות האָט ער דער גויה מורא צו געבין, וואָרין בייא רפואות מוז ימען זיך פּאָלגען אונ׳ מוז זיך האַלטין מיט עסין און טרינקין. דאָס וועט מען דעך בייא אַ גויה נישט פּועלין, וועט זיא נאָך קראַנקיר ווערין. איז׳ בעסיר, זיא זאָל בלייבין רוהיג אין שטיב אונ׳ זאָל קיין שום משקה טרינקין. דרנאָך האָב איך אַ ידועה גיהאַט דורך דער בילקער אַרענדאַרקי, אַז דיא גויה ווערט אַלי טאָג קראַנקיר אונ׳ זיא וועט דאַכט זיך מיר נישט קענין דעם אַרענדאַר אין דיא אויגין שטעהן.
דער אַרענדאַרקי האָב איך גיזאָגט, זיא זאָל דער גויה פּאָדאַווין בראָנ־פין וויא פיל זיא וועט נור אַליין וועלין. וואָרין יעקל האָט גיזאָגט, אַז ציגד איז׳ בראָנפין פר דער גויה טאַקי ממש סם המות. דאָס וואָס מעהאָט איהר פריהר גיגעבין, האָט איהר דיא אַרענדאַרקי אויך גיגעבין אין אַפּאָרציע בראָנפין. איך האָב דער אַרענדאַרקי צוגעזאָגט אַזויפיל בראָנפין אָבצוגעבין וויפיל זיא וועט דער גויה געבין.

## מ. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זייבוויל ווערח־יעוקיר

וואָס זאָל איך דיר זאָגין ברודר, דוא האָסט דורך דיין בריבל אין אונז טאַקי אַ נייע נשמה אַריין גיזעצט. מיר זענין אַרום גיגאַנגין גאָר אָהן אַנשמה. אַסאָוועטניקס פּאַקטיר האָט אונז דרצעהלט, ער האָט גיהערט ביי זיין גוי שמיסין פון דער בילקער מעשה, אונ׳ חאָטשי זייא האָבין גיזאָגט, אַז אין דער גובערני איז׳ נאָך גאָר נישט דאָ דרפון, האָבין מיר פּאָרט זעהר מורא, עס זאָל נישט קומין צו גרויסין ח״ו, וואָרין מיר זעהן דעך, דיין פריץ מאַכט זיך דרויס אַ גאַנץ גירעכט. מן הסתם האָט ער שוין גישריבין דרפין צי אַטהייל שררות פון דער גובערני. אונ׳ אויף דעם אַרענדאַר קען מען זיך נישט פרלאָ־זין, וואָרין ער איז׳ זעהר אַ גראָביר יונג, אונ׳ אַזוי באַלד די גויה וועט איהם נור אין די אויגין אַריין זאָגין, וועט ער שטעהן בלייבין טויט אונ׳ וועט זאָגין וויא אויס אַ רייסטיר מעהר וויא מען בעדאַרף, אַפילו וואָס מעוועט איהם נישט פרעגין. מילא איז דעך דאָס אַ גרויסר נס, וואָס דיא גויה איז חולה גיוואָרין, אונ׳ פין דעם האָבין מיר זיך געשטויסין, אַז דער רבי זאָל לעבין ווייסט פין דעם גאַנצין אינטעריס, חאָטשי מיר האָבין איהם נישט גיזאָגט, אונ׳ האָט שוין גימאַכט זיין שטיקל דרבי״א. בפרט ער האָט די צייטין עטליכי

מאָהל גיזאָגט, אַז עס ווייזין זיך גרויסי דינים (א) און מען מוז אַרבייטין, מעזאָל זייא מבטל זיין; אונ׳ מיר זעהן בחוש, אַז בייא איהם איז׳ קיין שום זאַך שווער. ער טוהט וואָס ער וויל.

וואָס דאַרף מען מעהר? הערסט גיזאָלט זעהן נאָך דעם פסק, וואָס ער האָט גימאַכט אויף וואָלף דובניר מכח דעם סלאָבידשיקר פריץ; איז׳ דער פריץ גיקומין אַמוסטבי אַריין צום רבין זאָל לעבין אונ׳ איז פר איהם גישטאַנין — ווייס איך, אַלאָקייא פר זיין פריץ קען נישט מיט אַ גרעסערן דרך ארץ שטעהן, וויא ער איז גישטאַנין פר דעם רבין זאָל לעבין. זעטצין האָט ער זיך בשום אופן נישט גיוואָלט, ביז דער רבי זאָל לעבין האָט איהם נישט עטליכי מאָהל גיזאָגט, ער זאָל זיך אַנידרזעטצין; האָט ער זיך בלאָס גיזעצט, וויל דער רבי זאָל לעבין האָט גיהייסין, מוס ער איהם פאָלגין.

דאָס האָט ער טאַקי בפירוש גיזאָגט. ער האָט דעם רבין זאָל לעבין דרצעהלט, בייא זיין קרוב דעם קריפּיניר פריץ איז׳ דאָ אַ בוך, וואָס עס שטעהט דרינין פיל שטותים אויף דיא גוטי יודין אונ׳ אויף אַלי חסידים, אונ׳ דער קריפּיניר מאַכט אויך כל הגישפּעט אויס חסידים; נור ער קוקט אויף דעם נישט, ער האָט אַלי מענשין ליעב וואָס האַלטין זייער אמונה גיטרייא, עס מעג זיין אַ טערק, אַ טאַטיר, אַ גוי אָדער אַ יוד המבדיל, אַבי׳ ער איז׳ פרום. דער רבי זאָל לעבין האָט איהם מיט זייני ציקרדיגי ווערטער גיזאָגט: דיין קרוב דער קריפּיניר איז׳ נאָך אַ יונגר מאַן, אַז ער וועט עלטיר ווערין, וועט ער ווייסין מיט וועמין צו האַלטין אונ׳ אויס וועמין צו לאַכין.

דער סלאָבידשיקר האָט דעם רבין זאָל לעבין גיגעבין אויף אַ פיינים פדיון אונ׳ האָט דעם רבין זאָל לעבין גיזאָגט, ער האָט גרויס הנאה, וואָס ער האָט די זכיה גיהאַט איהם צו זעהן אונ׳ מיט איהם צו שמיסין; אונ׳ אַז ער וועט זיין בייאם קריפּיניר, וועט ער איהם זאָגין, אַז דאָס בוך זיינס האָט גי־מוסט שרייבין עפּיס אַ מיאוסר ליגניר. אונ׳ איז׳ פון דעם רבין זאָל לעבין אַוועק גיגאַנגין מיט גרויס תענוג.

מילא וואָס האָט מען דאָ מסופק צו זיין; אַז דער רבי זאָל לעבין וועט נור וועלין, וועט דיין פריץ אַודאי איין אַנדרר מעגש ווערין, בפרט אַז דער סלאָ־בודשיקר וועט איהם נור פין דעם רבין דערצעהלין, וועט ער אַודאי אָנהעבין דרך ארץ צו האָבין פר דעם רבין זאָל לעבין. ע״כ זאָלסט דוא בעשטעלין דעם סלאָבידשיקרס אַרענדאַר ר׳ פסח, ער זאָל זיין פריץ דרמאָנין, אַז ער וועט זיין בייא דיין פריץ, זאָל ער נישט פרגעסין מכח דעם רבין זאָל לעבין צו רעדין. אַז דער סלאָבידשיקר וועט אַלצדינג טוהן פין דעם רבינס וועגין אַזוי׳ באַלד ער וועט נור נישט פרגעסין, בין איך גאָר נישט מסופק. בפרט פר עטליכי טאָג האָט ר׳ פסח בעקומין פון אַסוחר, וואָס איז׳ בייא איהם איינגישטאַנין, זעהר וואָהלין זטערקישין טוטין, האָט ער פון דעם טוטין גינעהמין איין אָקי אונ׳ האָט זיין פריץ גיגעבין אונ׳ האָט איהם גי־

זאָגט, דעם טיטון האָט דער רבי זאָל לעבין בעקומין פון ארץ ישראל, שיקט ער איהם דרפון אַמתנה.

דער פריץ איז׳ זעהר קאָנטענט גיוועזן. עס האָט איהם הנאה גיטוהן, וואָס ער איז׳ חשוב בייאם רבין זאָל לעבין, אונ׳ דערצו איז׳ דער טיטון גיוועזן משונה וואָהל. מיר האָבין איהם גיזעהן, וואָרין דער אַרענדאַר האָט דעם רבין זאָל לעבין אויך איין אָקי גיבראַכט. אונ׳ וויא דער אַרענדאַר האָט גיזעהן, אַז דער פריץ זייניר איז זעהר צופרידין פון דער מתנה, האָט ער איהם גיבעטין, ער זאָל עס טוהן פין דעם רבינס וועגין אונ׳ זאָל בייאם קריפיניר פריץ דאָס בוך לייאנין אונ׳ זאָל אַכטונג געבין וועך עס האָט עס גימאַכט, פין וואַנין ער איז׳ אונ׳ טאָקי וואָס עס שטעהט דרינין. דער פריץ האָט עס איהם צוגיזאָגט. ער האָט גיזאָגט, ער וועט באַלד זיין אין קריפען דיין פריץ צו ווינשוועץ מיט דעם וויצעגובערנאַטיסטווע. מילא על כן פולווע זשע נור אָב, אַז ער וועט דאָרט זיין, זאָל מען איהם נור דערמאַנין אָן דעם וואָס ער האָט צוגיזאָגט.

## מא. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך שיק צו דיר דעם מוכ״ז אַ פרטרויעטין מענשין אַמוסטני, ווייל עס איז׳ גאָר נישט גוט. וואָס מיר האָבין איברגיטוהן מיט דער גויה איז׳ אַלצדינג אומזיסט גיוועזן. דער רופא זאָגט, דאָס האָט מען בעדאַרפט אַלץ תיכף אין דער התחלה צו טוהן. איצט איז שוין דיא זאַך פראַלטירט, איז׳ שוין צו שפעט. אַ שלימזל מיט דיא לייט. ווי עס טויג זייא, אַזוי זאָגין זייא. אייב־מאָהל זאָגין זיי: עס איז׳ נאָך צו פריה, אונ׳ איין אַנדרטמאָהל זאָגין זייא: איצט איז׳ שוין צו שפעט. וואָס העלפט דאָס אָבער? ער זאָגט, עס איז׳ נישט מעהר צום העלפין, אונ׳ איך זעה בעוה״ר דיא גויה העבט אָן צו זיך צו קומין אונ׳ אַלי טאָג ווערד איהר אַלץ בעסיר, אונ׳ עס איז׳ זעהר שלעכט; אַזוי באַלד זיא וועט גאַנץ גיזונד ווערין, ווייל זיא דער פריץ אַריין שיקין צו דער גובערני. עס איז׳ עפיס גאָר אַבעזינדר מזל, אַז אין דעם רבינס זכות איז איצט אונז אַנס גישעהן, וואָס אַזוינס איז׳ נאָך נישט דרהערט גיוואָרין זינד דיא וועלט שטעהט.

דיא בילקער אַרענדאַרקי האָט מיר דרצעהלט, דער גויהס פאָטירה איז׳ גיוועזן אין קרעטשמי שכוררהייד, האָט ער איהר גיזאָגט, ער האָט בדעה צו ענטלויפין פון היא אין קורדאן אַריין. האָט זיא איהם גיפרעגט, אָב ער וועט דיא טאָכטער זייני אויך מיט נעהמין. האָט ער גיזאָגט, ער האָט מורא זיא מיטצונעהמין, וואָרין ער איז׳ איין אָרם מאַן, וועט ער מוסין צו פיס ענטלויפין, אונ׳ זיא איז׳ איצט אַ שוועהר מענש, וועט זיא איהם אויף דעם וועג מאַכין איין עיכוב. האָט איהם

דיא אַרענדאַרקי גיפרעגט: אונ׳ אַז מע זאָל דיר געבין למשל אַפוהר אונ׳ אַפּאָר גולדין אויף הוצאות, העסט דוא זיא יוא מיט גינעהמין? פרוואָס נישט, האָט איהר דער גוי גיענטפרט: אַז מעזאָל מיר געבין אַ פוהר אונ׳ אַכט גולדין מזומן, וועל איך מיט מיין טאָכטיר אַוועק. היינט איז׳ שוין דער גוי אַמיסטני גיקומין צו דער אַרענדאַרקי גאַנץ ניכטערן אונ׳ האָט זיא שוין אָנגיהאַפּט. נוא, האָט ער זיא גיפרעגט, וויא וועט זיין? וועט מען מיר געבין אַ פוהר און אַכט גולדין? האָט איהם דיא אַרענדאַרקי גיענטפרט: איך וויס נישט, איך וועל נור מיט איינים שמיסין, וועל איך דיר זאָגין אַ תשובה. האָט דער פויער גיזאָגט: גוט, איך וועל וואַרטין; אַזוי באַלד מעוועט מיר געבין אַ פוהר אונ׳ אַכט גולדין נעהם איך מיין טאָכטיר מיט אין קורדאַן אַריין.

בייא אונז איז גיבליבין די דעה, דיא גויה מיט שלימזל אַוועקצושיקין. נור האָבין מיר מורא אַפוהר צו דינגין, וואָרין עס קען אַמאָהל דורך דער פוהר דאָס גאַנצי שפּיל פּרראָטן ווערין, אונ׳ דאָס איז׳ קיין קליניגקייט נישט, אַ גאַנצי משפחה אויס דער מדינה אַרויסצופיהרן — אַזוינס שמעקט מיט סימביר. איבערדעם שיקין מיר פין אונז דעם מוכ״ז, דוא זאָלסט אונז אַהער שיקין דעם רבינס מרכבה, טאַקי מיט זיין בעל עגלה. נור אויף דעם רבינס מרכבה קענין מיר בעשפּעטשני זיין, עס וועט זיין וויא אין וואַסיר אַריין. קיין האָן וועט דרנאָך קרעהין.

ווען עטץ ווילט אָבער נישט דעם רבין דעם צדיק פון דעם אינטעריס זאָגין, איפשר האָט עטץ איהם פון דער מעשה נאָך גאָר נישט דרצעהלט, דאַכט זיך מיר, איהר זאָלט איהם זאָגין, אַז איהר שיקט דיא מרכבה זייני מיט ר׳ ליב שופּריס נאָך ארץ ישראל געלדיר אונ׳ נאָך ר׳ מאיר בעל הנס געלדיר, ער זאָל בייא אונז אונ׳ בייא די שטעד אַרום אונז צום הויף נעהמין, אין מיר וועלין שוין היא בייא ר׳ ליב שופּריס נעהמין דיא מרכבה אונ׳ די גויה מיט איהר פּאַטירהה צו אַלדוא רוחות אין קורדאַן אַריין שיקין. אין אַזוי וועלין מיר אין דעם רבינס זכות אויף איינמאָהל אַלי צרות פּטור ווערין. נור למען השם וויא אם געכסטין אַלץ צו טוהן, וואָרין אַזוי באַלד דיא גויה וועט נור גאַנץ גיזונד ווערן, וועט ח״ו צו שפּעט זיין, וואָרין דער גזלן אונזר פּריץ וועט זיא תיכף שיקין אין דער גובערני אַריין.

## מב. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

הגם מיר האָבין גיהאַט גרויסי יגיעות ביז מיר האָבין דעם רבין זאָל לעבין איינגיבעטין, ער זאָל ר׳ ליב שופּריס דרלויבין צו פאָהרין נאָך ארץ ישראל געלד אונ׳ נאָך ר׳ מאיר בעלהנס געלד, טוהט מיר פאָרט פון דיין עצה גרויס הנאה, זיא איז׳ גאָר אַווינדר, מיר וועלין אויף איינמאָהל דאָס

גאַנצי שלומזל אויף עביג פטור ווערן. נור למען השם מאַך עס וויא אים געכסטין אונ׳ שיק זייא נור איבר קאַבריפּקי וואָס איז׳ לעבין דער גרעניץ. דער אַרענדאַר דאָרט ר׳ משה האמערניק איז׳ אַ גרויסר נכנע דעם רבינס זאָל לעבין אונ׳ איז׳ אַ גרויסר חשוב בייא אַלי גרענצלייט. ער וועט פון אונזרט־וועגין בודאי אַלצדינג טוהן. אונ׳ למען השם דיא מרכבה ניט לאַנג צי האַל־טין, וואָרין דער רבי זאָל לעבין האָט אָנגיזאָגט, זיא זאָל אויף שבת צו־ריק זיין.

## מג. פון ר׳ גרשון קאָריצער
## צו ר׳ גדליה באַלטיר

איך האָב אַזוי גיטוהן, וויא דוא האָסט מיר גיהייסין. איך האָב גי־נעהמין אַפּאָר בלעטליך פון דעם שבחי הבעשט, וואָס דוא האָסט מיר גישיקט, אונ׳ האָב זייא אַריין גילעגט בגנבה אין אַלטין אין בית המדרש אין אַספר (אַריין גילעגט). דעם אַנדרין טאָג, וויא איך בין גיקומין אין בית המדרש אַריין, האָב איך גיטראָפין דיא בלעטיר ליגין אויף משה פישילס שטענדר אונ׳ בייא דיא זייטין פון דיא בלעטיר זענין גיוועזן צייכינדליך מיט טינט. האָב איך מיר משער גיווען, אַז ער האָט שוין גימוזט אַריין קוקין אין זייא. וואָס דיא צייכינדליך בעטייטין, האָב איך נישט גיקענט וויסין: צו זענין מיט זייא גיצייכענט אַזויני זאַכין, וואָס זענין איהם גיפעלין, צו פרקעהרט.

האָב איך מיך נישט ווייסינדיג גימאַכט אונ׳ האָב איהם גיפרעגט, וואָס דאָס זענין פר אַבלעטיר. האָט ער מיר גיזאָגט: עפּיס אויס אַ ספר וואָס הייסט שבחי הבעשט. איך האָב זייא דאָ אין בית המדרש אין אַספר גיפונין, איך ווייס אָבער נישט וואָס דאָס איז׳ פר אַספר אונ׳ ווער דאָס ספר האָט גימאַכט. איך ווייס אויך נישט, וואָס דאָס וואָרט בעשט בעטייט: איז׳ דאָס אַ נאָמין פון אַמענש אָדער פון אַמלאַך. צו בעטייט עס עפּיס אַנוטריקון? אַמאָהל ווייסט ער מיר אויס וויא אַמענש. ער עסט אונ׳ טרינקט, שלאָפט אַפילו מיט דעם ווייב אין איין בעט, וויא אַפּראָסטי גראָביר דאָרפסמאַן (ב), האָב איך מיר בייא דוא מעשיות אַ צייכין גימאַכט. אַמאָל ווייסט ער מיר אויס וויא אַ מלאך. עס רעדין מיט איהם מלאכים, משיח, אליהו הנביא אונ׳ מתים. אונ׳ מיינס אַחבר, ר׳ גדליה פון אַקלו, האָט מיר אַמאָהל גישריבין, אַז ווער עס זאָגט דעם שבחי הבעשט, דעמס תפילה ווערד אָנגינומין, אַזוי וויא מיט תהלים. איך האָב שוין עטליכי מאָהל אין זון גיהאַט, איך זאָל איהם שרייבין, ער זאָל מיר דאָס ספר שבחי הבעשט שיקין, האָט זיך מיר קיינר גיטראָפין, וואָט ער זאָל מיר עס קענין ברענגין.

האָב איך איהם גיזאָגט, אַז דורך מיר קען ער עס בעקומין, אונ׳ וואָס

ער וועט נור וועלין, וועל איך איהם דרצו בעהילפליך זיין. איבר דעם ספר אליין אָבער האָב איך מיט איהם נישט געוואָלט שמיסין.

מילא דאַכט זיך מיר, דוא זאָלסט מיר שרייבין אַ בריבל אונ׳ אין דעם בריבל זאָלסט דוא שרייבין, אַז דוא שיקסט דאָס ספר אונז ביידי. דורך דעם וועל איך קענין מיט איהם אין איינעם אין דעם ספר לערנין אונ׳ וועל געוואהר ווערן וואָס אין איהם טוהט זיך אונ׳ דיר מודיע זיין. נור דאָס בעט איך דיך, זאָלסט דעם רבין זאָל לעבין בעטין, ער זאָל פר מיר מתפלל זיין, אַז דער משה זאָל מיך נישט ח״ו אַראָב פיהרין פון דעם רעכטין וועג אונ׳ דער עבערשטיר זאָל מיר העלפין, איך זאָל איהם קענין ברענגין אונטר דעם רבינס פליגיל, וואָרין אַזאַ אַלעדיגין מענשין אין אונזרי צדיקימס ספרים וויא דער משה איזט האָב איך נאָך אין מיין לעבין נישט גיזעהן.

זאָג אויך דעם רבין זאָל לעבין, אַז דער שוטה שמואל סאַקלופקיר פאָהרט אַמיסטני דעם רבין זאָל לעבין אויסצופרופין. אָב ער ווייסט וואָס זיין פריץ האָט איהם גיענטפערט אויף דער סופליקי, וועט ער דעם רבין זאָל לעבין געבין וויאפיל ער האָט איהם צוגעזאָגט. ווען נישט, וויל ער איהם גאָר נישט געבין. מילא זאָלסט דוא וויסין, אַז איך בין אַמוסטני גיפאָהרין צו זיין פריץ אונ׳ האָב בייא איהם גיקויפט הונדרט קאָריץ גערשטין, נור איך זאָל גיוואָהר ווערן, וואָס ער האָט שמואל אויף דער סופליקי גיענטפערט; אונ׳ האָב טאַקי גיוואָהר גיוואָרן, אַז דער פריץ האָט איהם צוגיזאָגט פר עבר אַ הנחה צו געבין אונ׳ אויף להבא זאָל ער איהם מעהר תבואה צים קאָנטראַקט צו געבין. מילא, וויא שמואל וועט נור קומין צום רבין אויף דער טהיר, זאָל איהם דער רבי זאָל לעבין שעלטין אונ׳ מבזה זיין, פרוואָס ער קומט צו איהם, איהם צו פריפין (ג), כדי ער זאָל פון הייגטמאָהל אָן אויף דעם רבין נישט איברטראַכטין, אונ׳ דרצו וועט דאָס צו משהס אינטעריס אויך צונוטץ קומין. אַז ער וועט אַזוינס הערין פון דעם רבין זאָל לעבין, וועט ער אַודאי אויך ווייכר ווערן אונ׳ שמואלן וועט משה גלייבין, וואָרין ער איז׳ משה׳ס שוויגרס אַברודר אונ׳ לעבט מיט איהם גוט.

## מד. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

מחמת איך ווייס, אַז דיא ווילסט משונה וויסין, וואָס דאָ האָט זיך גיטוהן מיט דער מרכבה, בין איך דיר מודיע, אַז וויא ר׳ לייב שופריס איז נור אַהער אַקעגין נאַכט אָנגיקומין, האָב איך גינעמין דיא גויה אונ׳ האָב זיא דורך דער בילקער אַרענדאַרקי גילאָזט אָנטוהן יידיש אונ׳ אַזוי האָט זיא זיך מיט אונזרס אַ יונגין מאַן אַריין גיזעצט אין דער מרכבה אַריין אונ׳ דער גויה׳ס פאָטירה איז געזעסין אויף דער קעלני וויא אַ פוהרמאַן. אונ׳ אַזוי זענין זייא

גיפאָהרין וויא מאַן און ווייב פאָהרין זיך מיט אַ גוישין פוהרמאַן. אונ׳ דוד דעם רביס בעל עגלה איז מיט זייא מיט גיפאָהרין פר אַמשרת, וואָרין איך האָב מיר גיטראַכט, תּאמיר בעגענט זייא עפּיס אויף דעם וועג, אונ׳ דוד איז׳ אַ גרויסר גברן.

דעם יונגן מאַן האָב איך אָנגיזאָגט, ער זאָל פאָהרין איבר קאָברופקי אונ׳ זאָל ר׳ משה האמערניק פון דיינטוועגין זאָגין, ער זאָל זייא בעהילפליך זיין אויף דער גרעניץ. פין דעסטוועגין זאָלין זיא איהם נישט זאָגין פון דעם אינטעריס. וואָס טויג דאָס אונז, פיל מענשין זאָלין דרפון וויסין? איך האָב איהם אָנגיזאָגט, ער זאָל זאָגין, אַז זיין ווייב (דיא גויה מיין איך, וואָס דער אַרענדאַר וועט זיא האַלטין פר דעם יונגין מאַנס ווייב) איז׳ פּליטצלינג שטים גיוואָרן רחמנא יצילנו (וואָרין איך האָב בלאָז אָנגיזאָגט דיא גויה זאָל זיך שטים מאַכין, כּדי מען זאָל זיא נישט דרקענין, אַז זיא איז׳ אַ גויה), איז׳ ער מיט איהר בייאם רבין דעם צדיק גיוועזן, ער זאָל איהר העלפין, אונ׳ דער רבי דער צדיק איז׳ טאַקי אַקרוב זיינר, האָט ער איהר גימאַכט אַ פּדיון אונ׳ האָט איהם גיגעבין זיין מרכבה מיט זיין בעל עגלה פר אַ משרת אונ׳ אַ גוי פר איין אָנטרייבר, ער זאָל פאָהרין צום לעמבערגר דאָקטיר. וואָרין ער האָט אַקוק גיטוהן, אַז נור דורך דעם לעמבערגר דאָקטיר קען זיא גיהיילט ווערן. אונ׳ וויל ר׳ משה האמערניק אין קאָברופקי, האָסט דוא מיר גישריבין, איז׳ אַ נכנע פון דעם רבין דעם צדיק, האָט מען נישט מסופּק צו זיין, אַזוי באַלד ער וועט נור דרזעהן דעם רבינס מרכבה מיט זיין בעל עגלה, וועט ער זיך אַודאי קאָפּ אין דער וואַנד שלאָגין, מען זאָל זייא אויף דער שטעל צופּוס אַריבר לאָזין איבר דער גרעניץ. איך האָב זייא אָנגיזאָגט, זייא זאָלין נור צופּיס אַריבר געהן, זייא זאָלין זאָגין, דער רבי דער צדיק האָט זייא נישט פאַזוואָליט מיט דער מרכבה איבר דער גרעניץ אַריבר צו פאָהרין.

דיא אַכט גילדען דעם פויער צו געבין, האָב איך גינעהמין בייא ר׳ ליב שופריס אונ׳ איך האָף, אין דעם זכות פון דעם רבין דעם צדיק, אַז דיא מרכבה וועט באַלד צוריק קומין אונ׳ עס וועט בודאי אַלץ רעכט זיין. וואָס זאָל איך דיר זאָגין, אָט אן דעם אינטעריס אַליין האָב איך גיזעהן, וואָס דאָס הייסט אמונת חכמים. וואָס דאַרף מען מעהר? איך, וואָס איך האָב נאָך נישט דוא זכיה דוא רעכטי אמונת חכמים צו האָבין, נור פון דעם ביסלי אמונת חכמים וואָס עס שטעקט אין מיר, האָב איך מיך גיקענט דאוואַזין אַזוי אַגרויסין אינטעריס אָבצוטוהן אונ׳ האָב קיין שום מורא גיהאַט. פרקעהרט, איך האָב עס נאָך גיטוהן מיט גרויס שמחה, וואָרין איך האָב גיוויסט, איך וועל אודאי מצליח זיין (א). מילא, וואָס האָב איך דאָ מורא צו האָבין? איין אַנדרר אָבער, נישט פין אונזרי לייט, וואָס ווייסט גאָר נישט וואָס דאָס איז׳ אמונת חכמים, העט דעך אַודאי דאָס קדחת גיהאַט פין אַזוי איין עסק צו שמיסין. איך האָב אָבער גיוויסט, אַז אין דעם רבינס זכות וועט מיר גאָר נישט גישעהן. בפרט איך האָב זייא גישיקט מיט דעם רבינס מרכבה. אָט אַפילו איצט, דיא

מרכבה איז' נאָך נישט צוריק גיקומין, האָב איך עס אסור גאָר נישט אין זין, וואָרין איך ווייס, עס וועט בודאי רעכט זיין. וואָס געהט מיך אָן סכנות נפשות אַהין, סכנות נפשות אַהער! דאָס מאַכט אַלץ נור דאָס שטיקל אמונת חכמים מיינס. מילא קאָן איך מיר משער זיין, מיט דער רעכטער אמונת חכמים קען מען דעך אַודאי מויערן דורך ברעכין, גאַנצי וועלטין איברקעהרין.

בכן בעט איך דיך, אַז עס וועט זיך לאָזין, זאָלסט דוא דעם רבין דעם צדיק אַמאָהל דרפין אַווינק געבין, ער זאָל מיר העלפין, איך זאָל אַלי מאָהל מעהר בעקומין אמונת חכמים.

## מה. פון ר' זעליג לעטיטשיבער צו ר' זיינוויל ווערחיעווקיר

מיט דיין בריבל האָסט דיא אין מיר אַ שטיק גיזונד אַריינגיזעצט, וואָס דוא האָסט מיר גישריבין, אַז דוא האָסט די גויה מיט איהר פאָטירע אַוועק גישיקט אין דעם קורדאָן אַריין. בפרט איז' מיר גיפעלין דיין עצה, וואָס דוא האָסט דיר גיגעבין, דיא גויה יידיש אָנצוטוהן. דאָס האָט דעך גאָר קיין שאַך נישט. איך האָף, אַז זייא זענין אַודאי בשלום דיא גרעניץ איברגיקומין, בפרט וויא איך הער זאָל איצט אויף דיא גרעניצין זעהר גרינג זיין. אין דעם רבינס זכות וועט אַודאי אַלץ רעכט זיין.

אַזוי באַלד עס וועט זיך נור לאָזין מיט דעם רבין זאָל לעבין דרפין צו שמיסן, דאַרפסט דיא גאָר נישט מסופק זיין, אַז איך וועל איהם אַ ווינק געבין פון דייני עשיות. ביז אַהער האָב איך מיט איהם נישט גיקענט דרפין רעדין. דער רבי זאָל לעבין רעד פון דעם אינטעריס ניט אַפּיטצעל, חאָטשי מיר ווייסין בבירור, אַז ער זאָל לעבין ווייסט בודאי אַלצדינג; זינסט העט ער זיין מרכבה נישט גיוועהן גיגעבין!

אונ' וואָס טויג מיר דאָ אַפילו דאָס דרינגיכטעך? ער האָט טאַקי איינמאָהל בפירוש גיזאָגט: העט מיין בעל עגלה דוד נישט גיוועהן אין דרהיים, העט איך מיין מרכבה נישט גיוועהן גיגעבין, וואָרום איין אַנדרר פוהרמאַן קען דיא פערד נישט אַזוי אָנטרייבין וויא ער. מילא, וואָס דאַרף מען מעהר? וואָס האָט דער רבי זאָל לעבין גימיינט מיט דעם „איין אַנדרר פוהרמאַן קען דיא פפערד נישט אַזוי אָנטרייבין"? האָט ער נישט דרמיט דער גויהס פאָטירע גימיינט, וואָס טרייבט איצט אָן זייני פערד? אדרבא, האָט מען דאָ נאָך עפיס מסופק צו זיין?

דרצו האָט ער זיין מרכבה אַוועק גיגעבין אין אַ צייט, וואָס ער האָט זיא דעך זעהר משונה גינעטיג בעדאַרפט. דיא וואָך איז' גיוועהן לג בעומר, אונ' אים לג בעומר איז' זיין שטייגיר פון עביג אָן אין פעלד אַריין צו פאָהרין אונ' דאָרט צו שיסין מיט דעם פאַלמבויגין. ער האָט אונז אַפילו מיט זיין גרויס ענוותקייט גיזאָגט, ער טוהט עס, זויל עס איז' בייא אונז יודן אַזוי אַמגהג. לעולם אָבער ווייס מיר דעך דעם אמת, אַז ער שיסט מיט דעם

פאַלמבויגין טאַקי פאַפראַסטי נור נאָך דעם בעלדבר, אונ׳ מען האָט גאָר נישט מסופק צו זיין, אַז טאַקי אַלי יאָהר הרגיט ער איהם.

דעם ל״ג בעומר האָט ער אויך גיוואָלט פאָהרין, דיא מרכבה איז׳ אָבער נישט גיוועזן דרהיים. האָבין מיר גישיקט צו מענדל אָדעלס נאָך זיין פוהר, חאָטשי ער איז׳ אַפילו נישט פון אונזרי לייט, האָבין מיר גימיינט, ער וועט קיין העזה האָבין אונז אָבצוזאָגין, וואָרין אַדרבא ואדרבא, ער האָט ביז אַהער אָקעגין אונז קיין מאָהל נישט מעיז גיוועזן, אונ׳ צום סוף האָט ער דיא פוהר פאַרט נישט גיוואָלט געבין. ער האָט זיך אַ תירוץ אויסגיזוכט, ער דאַרף פראָוויאַנט פר דיא זעלניר צו פיהרין.

זענין מיר דאָ גיבליבין וויא איינגיזייפט. דאָס מזל איז׳ גיוועזן, ר׳ משה סלאפקיוויציר איז׳ צום רבין זאָל לעבין אָנגיקומין אויף ל״ג בעומר, האָט ער אונז גיגעבין זיין בויד מיט פיר וואָהלע קאָניס.

האָבין מיר דאָס געפיהרט דעם רבין זאָל לעבין אַביסל מיט פראַדי, אַז עס איז׳ אַ תענוג גיוועזן צו צו זעהן. פר דער מרכבה איז׳ גיגאַנגין דער פידלער ר׳ יהודא מיט דעם פידיל, און זיין ברודר ר׳ יוסף איז׳ לעבין איהם מיט אַ פייקיל מיט גלעקליך גיגאַנגין אונ׳ האָט איהם דעם טאַקט צוגיפויקט אונ׳ צו געקלינגין. אונ׳ מיר זעהר אַ יאַם מענשין אָהן עין הרע זענין גיגאַנגין לעבין וואָגין אונ׳ נאָך דעם וואָגין, אונ׳ האָבין זעהר לעבינדיגי ניגונימליך גיזונגין. דער רבי זאָל לעבין איז׳ זיך גיזעסין אין דער מרכבה מיט ר׳ משה סלאפקיוויציר אונ׳ עטליכי יונגי לייט. ווער דאָס שענקייט האָט נישט גיזעהן, דער האָט אין זיין לעבין קיין שענס נישט גיזעהן.

וויא מיר זענין אָנגיקומין אין פעלד אַריין, האָט דער רבי זאָל לעבין גיהייסין שטעהן בלייבין. מיר האָבין איהם אַראָב גינעהמין פון דער בויד, איז ער זיך פון דעם וועג אַראָב גיגאַנגין אין פעלד אַריין, דאָרט האָט ער גינעהמין דעם פאַלמבויגין, האָט איהם גאַנץ גוט אויסגיצויגין אונ׳ האָט אַ שאָס גיטוהן. איז דיר דיא פייל אַוועק גיפלויגין איפשר אויף אַתחום שבת ווייט, זענין זיך דיר דאָ מענשין צילויפין נאָך דער פייל כחול הים. איך אָבער בין נישט גילאָפין, איך האָב גיוואָלט דעם רבין זאָל לעבין גוט אָנקוקין, וואָס ער וועט טוהן בייאם שיסין אונ׳ נאָך דעם שיסין.

וועל איך דיר דאָס בעשרייבין, גלייך דוא העסט דרבייא גיוועזן.

מילא איז אַזוי גיוועזן. וויא ער האָט גיוואָלט שיסין, האָט ער ביידי העגד אויפגיהויבין און אַזוי האָט ער גישאָסין ביידי העגד אין דער העך. נאָך דעם שיסין האָט ער ביידי העגד אַראָב גילאָזט. בייאם שיסין האָט ער דעם פאַלמבויגין גיהאַלטין אין דער לינקער האַנד אונ׳ דיא פייל אין דער רעכטיר האַנד. דיא פייל האָט ער אַרויף גישטעלט אויף דעם שנירל פון דעם בויגען, דרנאָך האָט ער בייאם שנירל אַ ציה גיטוהן, איז דיא פייל אַוועקגיפלויגין, אונ׳ דעם בויגין האָט ער גינעהמין אין דער רעכטיר האַנד אַריין. אַז דאָס האָט איטליכס זיין כוונה גיהאַט, דאַרף מען נישט מסופק צו זיין,

וואָרין גלאַטי מענשין דאַכט זיך דעך, אַז עס דאַרף גראָד פּרקעהרט צו זיין, וויא עס שטעהט גישריבין, לעולם זאָל דיא רעכטי האַנד דאָס צו נעהמין וואָס דיא לינקי האַנד האָט אַוועק גישטיפּט. מילא, העט דעך דער רבי זאָל לעבין בעדאַרפט דיא פייל מיט דער לינקער האַנד אַוועקשטיפין אונ׳ ער האָט דעך דעם שטופּ אַוועק דיא פייל מיט דער רעכטער האַנד גיטוהן. דריבער האָב איך [מיך] גישטויסין, אַז דריבין מוז שטעקין אַ גרויסי כוונה אונ׳ מן הסתם בייא דיא איבריגי זאַכין אויך, אונ׳ איבערדעם האָב איך מיר פין מיין צו־קוקין אַזוי אַתענוג גיהאַט אונ׳ איפשר נאָך מעהר וויא דיא וואָס האָבין דיא פייל צוריקגיבראַכט.

היינט מוז איך דיר נאָך מודיע זיין, אַז דער רבי זאָל לעבין האָט זיך דעם לג בעומר גאַנץ אַנדרש נוהג גיוועזן וויא תמיד. דוא ווייסט דיך, איך בין שוין בייאם רבין זאָל מאריך ימים ושנים זיין דרייצעהן יאָהר ביז הונ־דרט יאָהר אונ׳ האָב נאָך נישט פּר פעהלט איין איינציגס מאָהל לג בעומר בייאם שיסין מיט דעם פּאַלמבויגין צו זיין, האָט ער נאָך קיין איינציגין ל״ג בעומר מעהר וויא איינמאָהל גישאָסין, אונ׳ דעם איטציגין לג בעומר, וויא מען האָט איהם דיא פייל צוריקגיבראַכט, האָט ער זיך אויסגידרעהט צו דער זייט וויא דיין שטאָד שטעהט אונ׳ האָט ווידר אַ שאָס גיטוהן. ווייסטו, אַ שאָס— עס איז׳ גאָר אַ פּחד גיוועזן, אונ׳ ווער עס האָט נור אַביסל שכל, דער האָט גיזעהן, אַז מיט דעם שאָס האָט ער געצילט אויף דעם סמך מם (קליפּה), וואָס אין דיין שטאָד איז׳, דיין פריץ מיין איך עס. איך שרייב דיר דאָס טאַקי פין דעסטוועגין, זאָלסט אַביסל תענוג האָבין. ציגד וועט דעך אודאי רעכט זיין. דאָ האָט מען אודאי גאָר נישט מסופּק צו זיין.

אַבאַלד העט איך דיר פרגעסין צו שרייבין, אַז אַן מענדיל אָדילס האָ־בין מיר אַ גרויסי נקמה דרלעבט. מיינסטו איפשר עס האָט עפּיס לאַנג גי־דויערט? ח״ו. טאַקי תיכף דיא נאַכט נאָך לג בעומר האָט מען איהם דיא פערדליך וואָס ער האָט אונז פין דעם רבינסוועגין נישט גיוואָלט לייהין פּאָפּראָסטי אַוועקגיגנבת, און איך בין גאָר נישט מסופק, אַז מיט דעם וואָגין וועט ער אודאי אויך אַשוואַרצין סוף האָבין. ענטפר ער וועט צערבראָכין ווערן אָדער ער וועט פרברענט ווערן. זאָגזשע מיר, איך בעט דיך, וואָס ווען איצט דיא רשעים זאָגין? ווייס איך זשע? מיר דאַכט זיך, זייא האָבין גינוג וואָס זאָל זייא דיא אויגין אויסשטעכין, זייא זאָלין זעהן וואָס מיר קע־נין, אונ׳ וויא מעקעהר זיך אָבהיטין מיט אונז צו זאַטשעפּין.

איך האָב גיוואָלט דיר דיא פייל שיקין וואָס דער רבי זאָל לעבין האָט מיט איהר דעם רעכטין בעל דבר אין דיין שטאָד צו רעכט גימאַכט. זאָלסט אָנקוקין מיט וואָס דער רבי זאָל לעבין מאַכט זיך זייני אינטערעסליך אונ׳ זאָלסט טאַקי הנאה האָבין, אַז בייא דיר גיפונד זיך דאָס גיצייגל וואָס מען האָט דרמיט דיין בעל דבר אַזוי אַביטערן קאָנעץ גימאַכט. נור וויא דער רבי זאָל לעבין האָט דעם אַנדרן שאָס גיטוהן, איז זיך דער פייל אַריין גיפאַלין

גלייך אין דער מרכבה אַריין, אויף דעם אָרט, וויא דער צייכין איז נאָך גי־ וועזן פין דעם רבינס מושב. מילא דאָ האָבין מיר גיזעהן בעשיינפּערליך, אַז דאָס איז׳ נישט אומזיסט. דאָס בעטייט, אַז דיין בעל דבר וועט אַ גרויסר נכנע זיין דעם רבין זאָל לעבין אונ׳ וועט איהם קריכין אונטערן מושב. עה דער עולם איז צו גישפּרונגין צו דער מרכבה, האָט דער בעל עגלה פון ר׳ משה סלאָפּקיוויציר דרוויי״ל דיא פייל צוגיחאַפּט אונ׳ האָט זיא נישט גיוואָלט אָבגעבין בשום אופן. אונ׳ אַז מעוויל, האָט ער טאַקי חלעבין אי נישט אונ־ רעכט. מהיכא תיתי, אַז זיא איז יוא אין זיין בויד אַריין גיפאַלין, איז עס טאַקי אין זיין מזל.

איבערדעם האָבין מיר איהם גישוויגין, וויא ער האָט דיא פייל פּרקויפט אַ גריידיגר יונגין מאַן וואָס איז׳ צום רבין זאָל לעבין גיקומין אויף ל״ג בעומר׳ דער יונגיר מאַן האָט זיך אויך נישט גירעכט, אַז דער וועג זאָל איהם אַזוי גיראָטין. וואָרין לעולם בלייבט אַ בעל עגלה טאַקי נור אַ בעל עגלה. האָט דער יונגר מאַן בייא איהם דיא פייל בעקומין בחצי חנם. מסתמא איז עס אין זיין מזל. ער איז אָבער אויך אַפּיין קינד, מען קען אַנדרש נישט זאָגין.

דעם פאַלמבויגין האָבין דיא צווייא ברודר ר׳ יהודא אונ׳ ר׳ יוסף בייאם רבין זאָל לעבין צוגינעהמין, האָבין זייא בייא אַלדעס חיות דעם פאַלמ־ בויגין קיינים נישט גיוואָלט—אַפילו איינר דעם אַנדערן האָט איהם אויך נישט גיוואָלט גיטרויאין. דאָס זענין, מוסטו וויסין, פיינע קינדרליך. אונ׳ לעולם האָבין זייא רעכט גיהאַט, וואָרין זייא האָבין דעך איהם פין דעם רבינס הייַ ליגי האַנד גינעהמין, אונ׳ דער רבי זאָל לעבין האָט זייא אַפילו צוריק וועגס נישט גיהייסין שפּילין.

העסט דוא גיזאָלט זעהן וויא זייא זענין זיך אַזוי ביידי גיגאַנגין. איט־ ליכר האָט אין איין האַנד גיהאַלטין דיא כלי וואָס ער האָט אויף איהר גי־ שפּילט, אונ׳ מיט דער אַנדרר האָט ער גיהאַלטין דעם פאַלמבויגין. אונ׳ אַזוי האָבען ביידי גיהאַלטין דעם פאַלמבויגין, עס האָט דעם זיבענטין חן גיהאַט.

וויא זייא זענין דרנאָך אַהיים גיקומין האָט זיך דאָ עפּיס גיטוהן צווישין זייא, ווענמיס זאָל דער פאַלמבויגין בלייבין. האָט זיך אייגר [אָנ]גירופין, מען זאָל אַ גורל מאַכין, וועמ עס זאָל נעהמין דיא רייף אונ׳ וועמ דאָס שנירל. דער אַנדרר האָט אָבער גיזאָגט, עס איז׳ איין עולה: וויא קומט דיא רייף צום שנירל? דאָס שנירל איזט דער עיקר, וואָרום לעולם קומט דעך דער שטופּ פון דער פייל נור פין דעם שנירל. אמת אַז דער רבי זאָל לעבין העט גיוואָלט העט דיא פייל גיפלויגין אי אָהן דעם שנירל. ער האָט דעך עס אָבער נישט גיטוהן. ער האָט טאַקי דאָס שנירל גיהאַט, אונ׳ אַז ער האָט גיוואָלט שיסין, האָט ער טאַקי בייאם שנירל אַגאַנץ גיטין ציה גיטוהן, אונ׳ דער בויגין איז׳ זיך גיוועזן וויא פריהר אונ׳ האָט גאָר נישט גיטוהן דרבייא. צום סוף וויל מען פרגלייכין דוא רייף צום שנירל.

האָט ר׳ חיים קאַליניר דיא ברודר משוה גיוועזן, מען זאָל טאַקי מאַכין

אַ גורל, נור אויף דעם וואָס עס וועט גיפאַלין דאָס שנירל, זאָל יענעם פון דער רייף אַזויפיל און אַזויפיל צו צאָהלין; נור מיט דעם תנאי, אַז עס וועט זייא ווידער אַמאָהל גיראָטהין דעם רבינס פאַלמבויגין צו בעקומין, זאָל שוין קיין גורל זיין, נור דער וואָס איצט דיא רייף, זאָל דרנאָך נעהמין דאָס שנירל, אונ׳ דער וואָס איצט וועט נעהמין דאָס שנירל זאָל דרנאָך נעהמין דיא רייף. דאָס האָט מען נישט צו שמיסין, אַז דער וואָס וועט איצט נעהמין דאָס צוצאָהליכץ צו דער רייף זאָל עס דרנאָך דעם אַנדערן צוריק געבין.

מילא, האָט מען גיוואָרפין גורל, זאָל מען זעהן גאָטס ניסים. איז דעך אַודאי גיפאַלין אויף ר׳ יהודא דאָס שנירל אונ׳ אויף ר׳ יוסף דיא רייף. אָט דענצמאָהל העט איך גיווינשין אַפאָר רשעים פין דיא מתנגדים העטין אין שטיב גיוועזן אונ׳ העטין צוגיזעהן, אַז אַלץ דינג וואָס בייאם רבין זאָל לעבין אין הויז איבערטהוט זיך, איז׳ אַלץ אָהן אַדרך הטבע. למשל וואָס פר אַפנים העט עס גיהאַט ווען דיא רייף העט גיפאַלין אויף ר׳ יהודא אונ׳ דאָס שנירל אויף ר׳ יוסף? פעה, חלשות העט זיך אָנגיגאַנגין. וואָס העט דיר גיטוהן מיט דער רייף און דער מיט דעם שנירל? אַזוי אָבער האָט ר׳ יהודא דאָס שנירל זיך אַרום גיבינדען אַרום דעם פידל וויא אַסטרונגי אונ׳ ר׳ יוסף האָט זיך דיא רייף אַרום דעם פייקל אַרום גינעהמין, איז׳ אַודאי זעהר וואָהל אינ׳ זעהר גוט.

נור בין איך נישט אַ נאַר, אַז איך זוך נאָך ראיות דאַרויף, אַז וואָס בייאם רבין זאָל לעבין אין הויז איבער טוהט זיך איז׳ נור מעשה נסים? טא, ווער עס האָט נור אָפעני אויגין, זעהט דעך דאָס צו אַלי אויגענבליק פיפציג־טויזענדמאָהל. חלעבין מיר קעהרין טאָקי צו הולען וואָס מיר האָבין דיא זכייה פין דעם רבינס לייט צו זיין. אַזוינס איז׳ דעך טאָקי נישט פרהאַנדין, מען זאָל אויסגעהן פין איין עק וועלט צו דער אַנדערר. מילא טוהזשע מיט חשק וואָס מעדאַרף צו טוהן פין דעם רבינס וועגען אונ׳ זעה דיך צו שטאַר־קין אין אמונת חכמים—אָהן אמונה אין גוטי יודין איז׳ מען דעך אַ גאָר נישט.

הכלל, אָהן דעם קען דיא וועלט נישט בעשטעהן, אָט פשוט גיב אַכטונג—אַ פעגלי אַז עס וויל עסין, פליהט עס זיך פליטצלינג אַרויס אויס דער נעסט אַרויס אויף דער וועלט, עס זאָל זיך זוכין עסין. וואָס פליהט עס פון אַזוי אַ וואַרמיר נעסט אַרויס אָהן איין אפענטשי, אָהן אַלים, אַזוי אויף דער וועלט אַרויס, בפרט אַז עס געהט אַ רעגין, אָדער עס איז׳ אַגלימערדיקער פראָסט? וואָס פליהסט דוא, שוטה, פין וואַנין ווייסט דוא, אַז דוא וועסט בעקומין צו עסין? נור דיא אמונה וואָס עס האָט, אַז עס וועט אַרויספליהן וועט עס בע־קומין צו עסין, גיט דעם פעגלי כח אונ׳ חשק, עס זאָל אַרויס פליהן.

מילא דרמאן זשע דיך נור, אַז אַפעגלי, אַ באַשעפניש אָהן שכל, לעבט נור פין אמונה, מכל שכן מיר מענשין.

## מו. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

דיין בריבל האָב איך מקבל גיווען און׳ איך בין דיר מודיע, אַז אין דעם רבינס זכות איז דעם רבינס מרכבה מיט זיין ב״ע דוד און׳ מיט אונזר יונגען מאַן שוין צוריק גיקומין און׳ דיא גויה מיט איהר פּאַטירע זענין צופוס אַריבר גיגאַנגין אין קורדאן אַריין אָהן אַשום אונפאַל. נור דיא יידישי קליי־דיר האָט דיא טמאה נישט גיוואָלט צוריקגעבין. אויף דער זייט האָט מען זייא נישט געקאָנט בייא איהר צונעהמין, וואָרין זיא האָט זייא בעדאַרפט מיט זייא אַריבערצוגעהן, מען זאָל מיינין זיא איז אַ יידיני. און׳ וויא זיא איז׳ שוין גיווען אויף יענער זייט, האָט דיא כלבתי גיזאָגט, נישט קשה דיא צווייא לייט, וואָס זענין מיט איהר גיוועזן אין ווערדיל, מעגין צאָהלין פר דיא קליידר. און׳ אונזר יונגער מאַן וואָס איז מיט איהר אַריבר גיגאַנגין אויף דער אַנדרר זייט האָט מורא גיהאַט דאָרט זיך מיט איהר אַייד צו מאַכין, וואָרין דיא קור־דאניר לייט העטין מעהר נישט בעדאַרפט. דער אַרענדאַר אַפילו וואָס זיצט אויף יענער זייט גרעניץ, איז׳ פין משה שרעגס לייט, האָט אונזר יונגער מאַן פּאָרט מורא גיהאַט מיט איהם פין דעם עסק צו שמיסין — און׳ האָט זעהר רעכט גיהאַט.

דיא אַליין האָסט מיר אַמאָהל גישריבין, וואָס דיא קורדאניר חסידים זענין, און׳ בפרט משה שרעג׳ס לייט, וואָס ער איז׳ כלימיר גיווען אַפּאַקינ־טרעגיר און׳ איז׳ פלוטצלינג פון העליר הויט בייא דיא קורדאניר חסידים גיוואָרין אַ רבי, מאַכט פדיונות, בענטשט און׳ נעהמט געלד און׳ טוהט מעשים.

דאָס שענסטי איז׳, דיא קורדאניר חסידים זאָגין אויף איהם, ער איז אַ גרויסר בריה אין שמוש תהלים. איז׳ עס נישט אַ גילעכטיר? אויף יאקילצין פון קאלאשקי זאָגין זייא נביא, אויף משה פון שרעג אַ בריה אין שמוש תהלים. וואָס טוהט זיך דאָס מיט דיא שוטים? איך ווייס אַז אָסור נישט, צו מיינין זייא אין אמת, אַז אין זייערי רביס שטעקט עפּיס, אָדער ווייסין זייא זעהר גוט, אַז אַלי זייערי רביס זענין אַגאַר נישט, נור מחמת אין ברירה, וויל זייא האָבין קיין רעכטס נישט, חאַפּין זייא זיך בעפּיך אָן אָן וועמין עס טרעפט זיך זייא. ווער עס וויל ביי זייא נור אַרבי ווערן, איז פר זייא כשר (א).

נור וואָס האָבין מיר דאָ פין דיא שוטים צו רעדין? לאָמיר שמיסין בעסיר פין אונזער אינטעריס.

מילא דיא גויה מיט דעם גאַנצין פעקיל איז שוין אין קורדאן. וואָס זשע וועט איצט אונזר גזלן טוהן? מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט דאָש גיוואָהר ווערן, וועט ער זיך אַודאי אַ מעשה אָנטוהן. וויא וועט ער דאָס קענין אויס שטעהן?

פון דעם רבינס נסיעה אים ל"ג בעומר האָב איך גרויס תענוג גיהאַט, אונ' עגמת נפש אָבער אויך. תענוג האָב איך געהאַט פין דעם גאַנצין אינ־טעריס ובפרט פין דעם שאָס אַקעגין אונזר שטאָד אונ' וואָס דיא פייל איז גיפאַלין אויף דעם צייכין פין דעם רבינס זיטץ. וואָס האָט מען דאָ צו שמי־סין, אַז דער גזלן וועט אַודאי פרשוואַרצט ווערין מיט אַשטייגר. פין דעסט־וועגין אָבער האָב איך עגמת נפש גיהאַט, וואָס איך האָב נישט גיהאַט דיא זכייה דעם אינטעריס צו זעהן. נור איך האָב מיך דרמיט גיטרייסט, אַז איך האָב דיא זכייה גיהאַט איין עסק אָבצוטוהן פין אונזרט וועגין אונ' פין דעם רבינס וועגין און וואָס איך ווייס, דער רבי דער צדיק וועט אַודאי דרפון גרויס נחת האָבין (ב).

אונ' איך האָף אַז דער עבערשטיר וועט מיר העלפין נאָך גרעסרי עסקים פין דעם רבינס וועגין צו טוהן (ג) אונ' דעם רבין דעם צדיק אָבצוהיטין, ער זאָל נישט האָבין קיין שום צער ח"ו, אונ' זיין זכות וועט מיר אי"ה תמיד בייאשטעהן אכי"ר.

## מז. פון ר' זעליג לעטיטשיבער
## צו ר' זיינוויל ווערחיעווקיר

איך בין דיר מודיע, אַז ר' ליב שופריס איז' למזל בשלום צוריק גי־קומין פין דעם וועג אונ' האָט ארץ ישראל געלדר אונ' ר' מאיר בעל הנס גיבראַכט אַיאַם. דער רבי זאָל לעבין האָט גרויס תענוג גיהאַט וואָס ר' ליב איז' מיט דער מרכבה צוריק גיקומין; אונ' וויא ר' ליב האָט גיזעהן, אַז דער רבי זאָל לעבין איז אין גרויס חדוה, האָט ער אָנגיהויבין דיך פר דעם רבין זאָל לעבין צו לויבין אונ' האָט איהם גיזאָגט, אַז דיא ביסט איהם דאָרט משונה בעהילפליך גיוועזן; אונ' איך האָב מיך אָנגירופין, אַז דוא טוהסט תמיד פין דעם רבינס וועגין וואָס נור מעגליך איז', אַפילו אַזויני' עשיות, וואָס זענין מיט דעם לעבין גישפילט.

האָט ר' ליב גיזאָגט: איין עבירה, ר' זיינוויל האָט איצט קיין פרנסה נישט, וואָרין מרדכי דער ימ"ש האָט אויפגיהערט דיר צו געבין בראָנפין. האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט: ר' זיינוויל ווערחיעווקיר האָט קיין פרנסה נישט? דאָס האָט ער אָבער גיזאָגט מיט אַ ניגון, אַזוי וויא מעהידושט זיך, אונ' האָט דרבייא דיא אויגין אויפגיהויבין אַקעגין דעם הימל. האָב איך דרפין גרויס תענוג גיהאַט. וואָרין איך ווייס אַודאי, אַז דורך דעם זאָג וועסט דוא אַודאי אי"ה פרנסה האָבין. נור צו דעם ראטה איך דיך, זאָלסט אַלי אין דער פריה נאָך דיא נקיות זאָגין צוועלף מאָהל (א) דאָס וואָס עס שטעהט אין דעם שבחי הבעשט מיט דעם לשון (ב): די מלאכים האָבין גיזאָגט צו דעם בעשט, וואָס שווייגסט דוא? דער ראַשקובר רב האָט קיין פרנסה נישט! וואָרין

איך האָב גיהערט פין דעם רבין זאָל לעבין, אַז דיא מעשה צו זאָגין זאָל משונה העלפין צו פרנסה.

פרגעס נישט למען השם דעם אַרענדאַר ר׳ פסח צו דרמאנין, ער זאָל זיין פריץ דרמאנין, אַז ער וועט זיין בייא דיין פריץ, זאָל ער מיט איהם זיך מאַכין אַ שמיס פין דעם רבין זאָל לעבין; אונ׳ איך בין נישט מסופק, אַז דיין פריץ מוז איין אַנדרר מענש ווערין. וואָרין חוץ דער מעשה, וואָס דיא פייל איז גיפאַלין אין דער מרכבה אַריין פין דעם רעבין, איז דיין פריץ מחיוב צו זעהן, אַז טאַקי וואָס דער רבי זאָל לעבין וויל אַזוי בלייבט עס. וואָס דאַרף מען מעהר? ער האָט גיזעהן, וויא דער בילקער פריץ האָט זיך גיוואָלט ערנסט נעהמין צו דער גויה, אונ׳ ער אַליין האָט אַלץ אַרויסגיקוקט, וויא באַלד דיא גויה וועט נור גיזינד ווערן, זאָל ער זיא שיקין צו דער גובערני׳, איז׳ זיא אויף איינמאָהל פליטצלינג מיט דעם פאָטירע גאָר פרשווינדין גיוואָרן, אונ׳ דער בילקער פריץ איז׳ דרבייא גיקומין אום צווייא פאָדאַניס. מילא אַז דער סלאָבידשיקר פריץ וועט איהם דרצו נאָך דרצעהלין דעם רבינס תנועליך אונ׳ זייני צוקר זיסי רעדליך, וועט ער אַודאי דעם רבין זאָל לעבין אַ גרויסר נכנע ווערן. אונ׳ דורך דעם דאַכט זיך מיר, וועסט דוא אַודאי פרנסה האָבין בריוח, וואָרין ער וועט דעך אַודאי ציהערן וואָס דער רבי זאָל לעבין וועט איהם זאָגין, וועט ער זשע דרנאָך קענין מרדכי נור אָנקוקין? ער וועט דעך איהם טרייבין וויא אהונד אונ׳ וועט דיר דיא אַרענדי, דיא מיהלן אונ׳ אַלי זייני עסקים איברגעבין.

מילא למען השם נור אָפצופילווען אונ׳ נישט פויל צו זיין

## מח. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך וויים חלעבין נישט מיט וואָס איך זאָל עס דיר אונ׳ ר׳ ליב שופריס אָב דאַנקין פר דעם וואָס עטץ האָט בייאם רבין זאָל לעבין אויף מיר אַפאָר גוטי ווערטיר גירעד אונ׳ האָט מיך פר איהם גילויבט. טאַקי פין דענצמאָהל אָן איני׳ דרצו וואָס איך האָב דיין עצה צוגיהערט אונ׳ האָב אָנגיהויבין צו זאָגין דאָס שטיקל אויס דעם שבחי הבעשט, האָב איך אָנגיהויבין פרנסה צו האָבין. יעקל רודניקיר האָט דרהאַלטין דיא מיהלן אויף ווייטערי דרייא יאָהר, אונ׳ זיין נאמן וואָס ער האָט גיהאַט האָט גידינגין דיא אַרענדא אין איוואַניק, איז יעקל גיבליבין אָן איין נאמן. אונ׳ יעקל ווייסט בייא זיך, ווערליג וויא איך האָב איהם דרצעהלט, אַז דאָס וואָס ער איז׳ ווייטר גיבליבין בייא דיא מיהלין, האָט ער מיר צו דאַנקין, האָט ער מיך איברדעם צו גינעהמין פר אַנאמן, אונ׳ איך האָב מיר פרנסה. איך קען נישט זאָגין איך האָב פרנסה בריוח, פין דעסטוועגין נומער אַרגיר. איך האָף אין דעם רבינס זכוס, אַזוי באַלד איך וועל מיך נור גוט דרקענין מיט דיא בעקיר, מיט דיא מוטשניקיס אונ׳ מיט דיא פודראַטשי־

קיס וואָס מאָהלין אין די מיהלין, וועל איך אַודאי האָבין פּרנסה בריוח. איך וועל זייא אַמאָהל אַטובה טוהן, אונ׳ דרפר וועלין זייא זיך וויסין נאַר־דעטשאַך.

מיט דער בילקיר אַרענדאַרקי ווייס איך מיר גאָר קיין עצה נישט צו געבין. זיא האָט דענצמאָהל דער גויה איהרי שבתדיגי קליידרליך גיגעבין, וואָס דיא גויה האָט זייא צוגינעהמין, אונ׳ איצט וויינט זיא איבר מיר. דער מאַן זיצט תפוס. דער פּריץ האָט זייא פּרנעהמין דרויף אונ׳ דרונטיר, נור איהרע קליידרליך האָט ער איהר פר רחמנות גילאָזט. יצינד האָט זיא נישט פין וואַנין צו לעבין. ווען זיא אָל האָבין דיא קליידרליך, העט זיא זייא פּרקויפט אויף פּרנסה. בעט איך דיך זעהר, גיב מיר איין עצה וואָס זאָל איך טוהן.

איך בעט דיך אויך, זאָלסט מיר שרייבין, וואָס עס טוהט זיך. בייא אונז איז׳ אַ קול אַרויס גיקומין, יאַגבי׳ מענדיל אָדילס האָט זייני פערד, וואָס ער האָט לג בעומר אייך נישט גיוואָלט לייען פין דעם רבינס וועגין, אין אכזיב אָבגיזוכט אינ׳ האָט אויסגעוויזען, אַז חיים ליב, דער רביצינס זאָל לעבין אַ קרוב, האָט זייא גיגנבת אונ׳ מען האָט איהם שוין אַפילו תפוס גינעהמין. הגם איך ווייס אַז דאָס קען גאָר נישט זיין, בין איך זעהר ציקאַווי צו וויסין פין וואַנין האָט זיך אויף דער וועלט אַזאַ אַשם גימאַכט, כדי איך זאָל קענין דעם עולם וואָס שמיסין היא דרפין דרצעהלין פין וואַנין דער ליגין וואַקסט אַרויס אונ׳ זאָל דעם רבין דעם צדיק מציל זיין פין אַזוי אַשם רע (א).

איך בעט דיך זעהר נישט אָבצולעגין אונ׳ מיר תיכף צו שרייבין דיא גאַנצי מעשה, וואָרין איך האָב גרויס עגמת נפש פין דער מעשה. איך הער, מען שמיסט היא פין איהר גאַנץ עפענטליך, אַז איך אונ׳ אונזר גאַנ־ציר עולם שעמין זיך זעהר, וואָרין מיר וייסין גאָר נישט וואָס דרצו צו זאָגין.

## מט. פין ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

איך האָב פין דיין בריבל גרויס תענוג גיהאַט, וואָס דיא האָסט מיר גישריבין, אַז דוא האָסט פּרנסה; אונ׳ איך בין נישט מסופק, אַז דוא וועסט אַודאי האָבין פּרנסה בריוח. דאָס וואָס דיא האָסט איצט נישט פּרנסה בריוח איז׳ נור איבדעם, ווייל דער רבי זאָל לעבין האָט נור גיזאָגט: ר׳ זיינוויל האָט קיין פּרנסה נישט? — האָסט דיא בעקומין פּרנסה. העט ער אָבער גיוועזן גיזאָגט: ר׳ זיינוויל האָט קיין פּרנסה בריוח נישט, העסט דוא גיוועזן בעקומין פּרנסה בריוח אַודאי מיט דעם פילין מויל.

דיא מוסט פֿאַק ווייסין, אַז דיא מעשה מיט דעם ראַשקובר רב אין דעם שבחי הבעשט איז׳ אויך מחיוב צו העלפֿין נור אויף גלאַטיר פרנסה אונ׳ נישט אויף פרנסה בריוח. וואָרין דיא מלאכים האָבין דעם בעלשם גיזאָגט: וואָס שווייגסט דוא? דער ראַשקובר רב האָט קיין פרנסה נישט! זייא האָבין אָבער נישט גיזאָגט: דער ראַשקובר רב האָט קיין פרנסה בריוח נישט. בא בא! העטין זייא גיוועזן גיזאָגט: דער ראַשקיבר רב האָט קיין פרנסה בריוח נישט, העט דעך דיא מעשה גיוועזן גיהאָלפֿין צו פרנסה בריוח. איצט זעה איך ערשט, וויא עס קעהר אונז באַנג צו טוהן, וואָס דער ראַשקיבר רב האָט גאָר קיין פרנסה נישט גיהאַט. אַמעהר העט ער גיוועזן גיהאַט פרנסה, נור נישט פרנסה בריוח, העטין דעך דיא מלאכים גיוועזן גיזאָגט דעם בעשט: וואָס שווייגסט דוא, דער ראַשקובר רב האָט קיין פרנסה בריוח נישט, — העט דיא מעשה גיוועזן גיהאָלפֿין צו פרנסה בריוח. איצט אָבער האָט זיא דיר נישט גיקענט מעהר העלפֿין נור צוא גלאַטיר פרנסה אונ׳ נישט צוא פרנסה בריוח.

פֿין דעסטוועגין אָבער זאָלסט דוא דיך נישט זאָרגין. אַזוי באַלד עס וועט זיך נור לאָזין וועל איך דעם רבין זאָל לעבין זאָגין, אַז דוא האָסט קיין פרנסה בריוח נישט, אונ׳ אַז דער רבי זאָל לעבין וועט נור זאָגין: ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר האָט קיין פרנסה בריוח נישט, וועט אַודאי רעכט זיין. איך האָב מכח דעם מיט ר׳ ליב שופריס גירעד. ער וועט אַודאי דאָס זייניגע טוהן, אונ׳ דיא וועסט אי״ה נישט האָבין צו זאָרגין.

מכח דיא קליידר פֿין דער בילקר אַרענדאַרקי האָבין מיר איין עצה גיהאַלטין צווישין אונז, איז׳ גיבליבין מען זאָל שיקין ר׳ חיים קאַליניר ער זאָל אַרום פֿאָהרין אויף פדיון שבוים. מיר וועלין נור נאָך זעהן מיט דעם רבין זאָל לעבין דרפין אַ שמיס צו טוהן. לע״ע ווייסט נאָך דער עולם נישט פרוואָס דער בילקער אַרענדאַר זיצט תפוס. מען מיינט, ער זיצט פר דער ראַטי. וואָס ער האָט נישט צי צאָהלין. וועט ר׳ חיים אַודאי מאַכין שען געלד, אַזוי באַלד מען וועט נור ווייסין, אַז דער רבי זאָל לעבין האָט איהם גיהייסין פֿאָהרין; וועסט דוא פֿין דעם געלד צאָהלין פר די קליידר.

מכח מענדל אָדעלס פערד האָבין מענשין עדות גיזאָגט, אַז מענדל האָט די פערד פרקויפֿט חיים קאַזיניר. נור מענדל האָט זיך בעריהמט, אַז ער וועט שטעלין עדות דרייא פריצימליך, וואָס זענין דרבייא גישטאַנין וויא מיר האָבין צו איהם גישיקט דיא פערד לייהן, אונ׳ איז תיכף אויף זייער פוהר מיט זייא גיפֿאָהרין קיין מיטניצי בייאם פריץ דאָרט תבואה צו קויפֿן, אונ׳ איז׳ אין מיטניצי גיבליבן איבר נאַכט, אונ׳ אין דער נאַכט האָט מען איהם דוא פערד דרוויל אין דרהיים גיגנבת. וויא מענדל איז׳ גיפֿאָהרין צו די פריצימליך פֿין זייא דאָס גביות עדות אַרויס צו נעהמין, איז׳ אונז אַ נס גישעהן, אַז ער איז׳ דרוויל אין דרהיים אָב גיברענט גיוואָרן, דאָס הויז מיט אַלעם, עס איז איהם נישט גיבליבען אַ פלאַקען. וויא ער איז׳ אַהיים גיקומין,

האָט ער גיזעהן בחוש, אַז ער איז נור איבּרדעם אַזוי גישטראָפט גיוואָרין, וואָס ער האָט גיוואָלט דורך פאַלשי גוישי עדות דיא וואָס האָבּין גישוואָרין, אַז ער האָט דיא פערד פרקויפט, ברענגין אויף דעם סאמבּיר. איז׳ ער אַודאי גיקומין צום רבין זאָל לעבּין אונ׳ האָט פר איהם כורעים ומשתחוים גיוועזן, האָט דעם רבין זאָל לעבין זעהר שטאַרק מפייס גיוועזן, אונ׳ האָט צו־גיזאָגט, ער זאָל אַקעגין חיים ליב גאָר נישט מעהר טוהן.

מענדל האַלט אויך וואָרט, דער סאַנד אָבּער וויל לע״ע חיים ליב׳ן נאָך נישט אַרויסלאָזין. מיר האָפין אָבּער, באַלד וועלין מיר [איהם] אויס דער תפיסה אַרויס נעהמין.

## ג. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך דאַנק דיר טויזנד מאָהל דרפאַר וואָס דיא האָסט מיר צוגיזאָגט זאָלסט מיט דעם רבין דעם צדיק רעדין מכח דעם וואָס איך האָב קיין פרנסה בּריוח. אַז עס זאָל מיר גיראָטהין דער רבי דער צדיק זאָל אַזוי זאָגין וויא מיר וויל מיר, וועט אי״ה אַודאי גוט זיין. לע״ע שיק איך פר דעם רבין דעם צדיק קאָרן מעהל, וויצין מעהל, מלכס גרייפליך אונ׳ פערלגרויפין, אונ׳ פר דיר שיק איך אויך אַהאַלבין קאָריץ קאָרן מעהל. אונ׳ דוא האָסט גאָר נישט מסופק צו זיין, אַז דער רבי דער צדיק וועט מיר העלפין וועל איך אַודאי מעהר שיקין. איך זאָל דורך דעם פרטרייבין פין מיר די פחדים אונ׳ דאָס עצבות אונ׳ זאָל דיא שונאים מכניע זיין (א) וואָס איך האָב איצט זעהר איאָם.

מכח דער אַרענדאַרקיס קליידר בעט איך דעך זעהר וויא אָם געכסטין איין עק צו מאַכין. נעכטין איז׳ זיא בייא מיר גיוועזן אונ׳ האָט גישריגין, עס קומט איהר מיט דיא קינדר אויסצוגעהן פר הונגר. פין דעם שענקיל וואָס דער פריץ האָט איהר פר רחמנות גילאָזט, זיא זאָל עס פיהרן אויף זיין חשבון, קען זיא נישט לעבין. איך האָב זיא קוים מיט לייד איינגיבעטין, זיא זאָל מיר נאָך אַפּאָר טאָג וואַרטין. זיא האָט אָבּער גיזאָגט, אַז זיא וועט נאָכ־אַמאָהל קומין אונ׳ איך וועל איהר קיין געלד נישט געבין, וועט זיא מיט אַגיוויין געהן צום פריץ אונ׳ וועט איהם אַלצדינג דרצעהלין. וואָס האָט זיא אָנצו וועהרין, האָט זיא גיזאָגט, זיא האָט בלאָס נישט פין וואָנין צו לעבין. מילא קענסט דוא אַליין פרשטעהן, אַז עס איז׳ קיין קלייניגקייט נישט.

דער סלאָבּודשיקר פריץ איז ביזאַהער נאָך נישט גיוועזן בייאם היעגין. נור זיין אַרענדאַר איז׳ היא גיוועזן, האָט ער מיר גיזאָגט, אַז זיין פריץ וועט באַלד היא זיין. האָב איך דעם אַרענדאַר אָנגיזאָגט, ער זאָל זיין פריץ [דרמאַ־נין], ער זאָל מיט דעם היגין רעדין מכח דעם רבין דעם צדיק. האָט ער

גיזאָגט, ער וועט זיין פריץ דרמאנין אונ׳ מען האָט גאָר נישט מסופק צו זיין, אַז זיין פריץ וועט מיט דעם היעגין רעדין אונ׳ וועט זיך לעגין דורך דער לענג אונ׳ דורך דער ברייט, אַז אונזר פריץ זאָל ווערין דעם רבין אַ פריינד. וואָרין דער רבי דער צדיק האָט איהם מיט דער הלואה, וואָס ער האָט גיהייסין וואָלף דובניר זאָל איהם געבין, זעהר אַ גרויסי טובה גיטוהן. ער איז׳ זעהר פרענגט גיווען, מען האָט איהם גיוואָלט [אַוועקנעהמען] דאָס דאָרף טראַדיווין פר אַ חוב. האָט ער זיך מיט דעם געלד פין וואָלף דובניר אַרויסגיהאָלפין.

האָב איך אָנגיזאָגט דעם אַרענדאַר, אַז זיין פריץ וועט אַהער פאָהרין, זאָל ער זעהין אויך אַריין צו קומין, כדי ער זאָל זיין פריץ דרמאנין אָן זיין הבטחה. אונ׳ זייא בטוח, אַז איך וועל אַודאי דעם אינטעריס אָבפּולווין.

## נא. פון ר׳ גדליה באַלטיר צי ר׳ גרשון קאָריצער

דיין בריבל האָב איך דעם רבין, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, גיוויזען, אונז׳ עס איהם זעהר גיפעלין, אונ׳ האָט תיכף גיהייסין דעם גבאי זיינים, ער זאָל ברענגין דעם שבחי הבעשט, מען זאָל איהם דיר שיקין, אונ׳ האָט דיר אַליין אַבריבל גישריבין (א). מחמת איך האָב אָבער גרויס חשק, בייא מיר זאָל בלייבין דעם רבינס אייגעני האַנד, האָב איך פר דיר נור אַ העתקה גי־מאַכט פין דעס רבינס בריעף, אָבער אות באות. אָט דאָס שטעהט אין דעם רבינס בריבל:

„אַלי ברכות אונ׳ שפע פין די עבערשטי רינגוועס זאָלין קומין אויף דעם קאָפּ פון די בני גרשון. חאָטשי ביסט גיוועזן אַ גר אין אַ פרעמד לאַנד, האָט דיך אָבער גאָט אַהין גישיקט זאָלסט דר פררעכטין אַטהייל זאַכין וואָס קעהרן צו דיין נשמה, אונ׳ מיסט וויסין, אַז גאָט וועט דיר דרצו העלפין, שטאַרק דיך אונ׳ מציוועדיך״.

אָט דאָס איז׳ ביז אַהער דעם רבינס גילדיני בריבל.

מילא גיבזשע גיט אַכטונג, נישט חאַפּידיג מיט משה פישלס זיך נוהג צי זיין. פריהר זאָלסט זעהן א) אָב ער האָט נישט איינים פין דיא אַלטי אפיקורסים פר אַגוטין פריינד, וואָס דרלאָזט איהם נישט, ער זאָל געהן אין דעם רעכטין וועג. ב) זאָלסט דוא מיט [איהם] אַלי טאָג נישט מעהר וויא איין בלאַט פון דעם שבחי הבעשט לערנין. ג) זאָלסט דוא זעהן איהם צו פרבעטין, ער זאָל צו דיר אַהיים קומין. בייא דיר אין דרהיים זייא אים מכבד מיט בראָנפין, דורך דעם וועסט דוא זיין האַרץ גיווינין. ד) זאָלסט דיא בע־שטעלין עטליכי פין אונזרי לייט דאָרט, זייא זאָלין זעהין זיך אָפּט אַרום איהם צי דרעהן. ה) זאָלסט דוא זעהן, ער זאָל אַלי טאָג מיט דיר געהן אין

מקוה אַריין. דאָס איז׳ דער עיקר, וואָרין דאָרט וועט ער הערין אַיאַם אינ־טערעסין וואָס טויגין צו אונזרי עסקים אונ׳ וועט דורך דעם פרשמיסין, פרזוימען דאָס דאַבינגין אין בית המדרש אונ׳ וועט מוזין דאַבנין אין אייער קלייזיל. ו) זאָלסט דוא זעהן בייא זיין ווייב צו פועלן, זיא זאָל אַליין פאַה־רין צים רבין זאָל לעבין. וד״ל. דוא מוסט אָבער זעהן איהם אין קאָפּף אַריין צו שלאָגין, אַז ווער עס האַלט נישט אויף אונזרי זאַכין איז׳ איין אַפּיקורוס; דאָס איז׳ אַ וואָרט וואָס עס שרעקט איצט מענשין זעהר אָב.

איך בין בטוח אין דעם רבינס זכות, אַז משה׳ס האַרץ וועט איבערגי־קעהרט ווערן, וואָרום דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, האָט דאָס אַמאָהל אַרויס גירעד אויס זיין מויל, מוז דעך אַזוי זיין. —

## נב. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

דער עבערשטיר האָט גיהאָלפין, דער רבי זאָל לעבין האָט פאַזוואָליט ר׳ חיים קאַלינער זאָל פאָהרין אויף פדיון שבוים. ער איז׳ נור גיוועזן אין עטליכי נאָהנטי שטעד אונ׳ האָט גיבראַכט אַיאַם געלד, אונ׳ מיר שיקין דיר דורך דעם מוכ״ז צו צאָהלין דער בילקער אַרענדאַרקי פר דיא קליידר וויא פיל דו וועסט דיך מיט איהר משוה זיין.

פין דעם געלד וואָס ר׳ חיים האָט גיבראַכט, האָבין מיר אַפּדיון שבוים אויך גימאַכט, וואָרין מיר האָבין חיים ליב׳ן אויס דער תפיסה אויסגילעזט. עס האָט אונז פיל געלד גיקאָסט, דער סענדזי זייניר איז׳ אַ גרויסר געלד פרעסיר, אונ׳ אַנדרי פריצים אין סאָנד האָבין מיר אויך גימוזט אַיאַם געלד געבין. פר איין אנדרין העטין זייא אויך ווענעגיר גיוועזן גינעהמין, פר חיים ליב׳ן אָבער האָבין זייא וועניג נישט גיוואָלט נעהמין, ווייל זייא האָבין גי־וויסט, ער איז׳ דער רעביצינס דער צדקת אַקרוב. פין דעסטוועגין מעג זיין וויא עס וויל, מייגין מיר דיא וועלט איז׳ אונזר, אַז מיר האָבין דעם אינטע־ריס גיעקט עה ער איז׳ גיקומין צו דער גובערני׳, וואָרין דיא שנאה פין דיא גובערסקי אדונים אַקעגין דעם רבין זאָל לעבין אונ׳ טאַקי אַקעגין אונז אַלי ווערד אַלי טאָג גרעסיר.

אונ׳ דאָס איז׳ אַלץ נור איבר דיין פריץ מיט זיין רוחיש בוך. ע״כ למען השם פרגעס נישט, אַז דער סלאָבודשיקיר פריץ מיט זיין אַרענדאַר וועט זיין בייא אייער פריץ, אַפּצופולווין דער אַרענדאַר זאָל איהם דרמאַנין, ער זאָל חאָטשי לייגין דאָס בוך בייא דיין פריץ, אַזוי וויא ער האָט איהם שוין לאַנג צוגיזאָגט, וואָרין לכל הפחות דאַרפין מיר וויסין, וויא דאָס בוך הייסט אונ׳ ווער עס האָט עס גימאַכט, כדי מיר זאָלין וויסין וואָס צו טוהן.

עס העט אויך גיט גיוועזן, ער זאָל גיוואָהר ווערין וויא ער האָט דאָס

בוך גיקויפט. אַז מיר זאָלין דאָס וויסין, וועלין מיר אַלי ביכר וואָס זענין נאָך דאָ אַוועק קויפין אונ׳ פרברענין צו אַלדוא שוואַרצי יאָר, אַזוי וויא מיר האָבין אַמאָהל גיטוהן מיט דעם ויכוח פין דעם ווילניר. מען דאַרף קיין המבדיל נישט זאָגין. טאַקי פין דענצמאָהל אָן זעהט מען קיין ויכוח נישט. פרברענין איז׳ טאַקי איין תכלית. מיט דעם בוך מוז מען זיך אויך אַזוי נוהג זיין, עס איז׳ דעך עפיס קיין קאַטאָוויס נישט. מיר זענין זיך מחויב דאָס לעבין איינ־צושטעלין, מיר זאָלין עס בעקומין.

## נג. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

דיין בריבל האָב איך מקבל גיוועזן. מיט דער בילקער אַרענדאַרקי האָב איך מיך פר דיא קליידר משוה גיוועזן, אונ׳ דער מופ״ז האָט איהר גיצאָהלט. איך מיין דיא וועלט איז מיין, וואָס איך בין דער וויינירענס פטור גיוואָרין. זיא האָט מיר קיין צוריה גילאָזט. טאָג פר טאָג איז׳ זיא אובר מיר גילאָפין אונ׳ האָט מיך בעוויינט. בראָש בין איך דורך איהר אין עצבות אַריין גיקו־מין, אונ׳ דאָ האָב איך מורא גיהאַט, זיא זאָל נישט געהן צו דעם ימח שמוניק צו מרדכי, ער זאָל איהר העלפין בייאם פריץ, אונ׳ העט אַברירה גיהאַט איהם פון אלף ביז תיו צו דרצעהלין. דאָ העט מען מעהר נישט בעדאַרפטן! ער העט דעך דאָס גאַנצי נאָך מיט טויזענד ליגין גיוועזן דעם פריץ דרצעהלט. זאָל זשע גאָט זיך מרחם זיין וואָס דאָ העט זיך גיוועזן גיטוהן.

אונזר פריץ איז׳ אָהן דעם אויך איצט טויזענד מאָהל אַרגיר וויא ער איז׳ גיוועזן. פון דענצמאָהל אָן וויא דיא גויה איז׳ ענטלאָפין גיוואָרין געהט ער אַרום וויא אַ רעכטיר רוצח. אונזערס אַסוחר האָט מיר דרצעהלט, ער איז׳ גיהאַט בייא איהם גיוועזן, האָט איהם דער פריץ גיזאָגט: איך וויס גאַנץ זיכר, אַז דאָס וואָס דיא גויה איז׳ ענטלאָפין גיוואָרין איז׳ נור דיא חסידימס קאָפּ. נור וואָס זאָל איך טוהן? איצט מוס איך נאָך שווייגין, מען קען עס נאָך נישט בעווייזין. אַזוי באַלד איך וועל נור אַליצע אויף זייא בעקומין, וועל איך זייא אויסרייסין מיט דעם וואָרציל.

מיר דאַכט זיך, מען זאָל דעם אַרענדאַר אויס דער תפיסה אַרויסגנבנין אונ׳ אַוועק פוהרין אין איין אַנדרער גובערני׳ אַריין, מיט דעם וייב אַפילו, וואָרין כל זמן ער וועט זיך גיפונין אין אונזר גובערני׳ האָב איך מורא פר דעם גזלן פר דעם רוצח. ער וועט נישט רוהין, ער וועט טוהן איך ווייס אַליין נישט וואָס דעם אינטעריס אַרויסצוברענגין, — איך וויל מיין מויל נישט צו בעזין עפנין.

דער סלאָבידשיקיר פריץ איז׳ היינט היא גיוועזן, ער האָט זיך אָבער נישט לאַנג פר זוימט אונ׳ איז׳ נישט ווייט פין היא צו אַפריץ גיפאָהרין,

און׳ וועט ערשט אין דרייא טאָג אַרום אַהער ווידער קומין, און׳ וועט היא זיטצין אַ צעהן צוועלף טאָג. איך האָב שוין היינט צו זיין אַרענדאַר אַרויס גישריבין, ער זאָל זעהין דענצמאָהל ווען זיין פריץ וועט היא זיין אויך אַהער אַריין צו קומין, און׳ איך וועל אַודאי אַרבייטין אויף אַלי זאַסטאַווקיס, אונזר פריץ זאָל אונז אַזוי אַ פריינד ווערין וויא דער סלאָבודשיקר אַליין.

## נד. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

היינט איז׳ צום רבין זאָל לעבין צו גאַסט גיקומין דער לאַטקאר רב פון דעם קורדאן, האָט ער מיר דרצעהלט, וויא ער איז׳ דורך גיפאָהרין דורך דער שטאָד צידון הרבה, האָט ער גימוזט געהן מיט זיין פּאַשפּאָרט אין קרייז־אַמט אַריין זיך מעלדען, האָט ער אין קרייז גיהערט, וויא דיא קרייזלייט האָבין צישין זיך גישמישט, אַרוסישי גויה איז׳ מיט אַ פּאָטירע אַריבערגיקומין צו זייא אין קורדאן אַריין. דיא גויה איז׳ משוגעבערות און זאָגט זיא טראָגט פון צווייא יודין. דיא קרייזדייטשין האָבין זעהר גילאַכט, און׳ אַ יוד וואָס איז׳ דאָרט חשוב בייא דיא דייטשין איז׳ דרבייא גיוועזן און׳ האָט אויך גי־לאַכט. אַטהייל דייטשין האָבין גיזאָגט, מען זאָל דיא גויה פרעגין ווער דיא יודין זענין און׳ וויא זייא הייסין. נור דער עלצטער האָט זיך אָנגירופין: וואָס גייט דאָס אונז אָן?

דער לאַטאקר רב האָט דאָס מיר אַמוסטנע דרצעהלט, וואָרין בייא איהם איז׳ קיין אַנדרי הוה אמינא גיוועזן נור אַז דיא גויה איז׳ משוגעבערת פון צווייא מתנגדים. וואָרין דאָס ווייסט דעך איטליכר, אַז דיא מתנגדים זענין גרויסי נואפים. מילא, האָט ער זיך גיטראַכט, דיא מעשה קען אונז צו נוטץ קומין, אַז מיר וועלין היא גוט נאָכפאָרשין וועלין מיר גיוואָהר ווערין ווער דיא לייט זענין. האָט ער זיך יוא גיזאָלט רעכטין, אַז פון דער פּאָטשט האָט אונטר מיר אָנגיהויבין העגד און׳ פוס צו ציטערן? געכיר העט איך מיך אויף דער גויה אַפּגירה גירעכט, עהדער זיא זאָל אין קורדאן דרצעהלין, זיא האָט היא מיט צוויי יודין צו טוהן גיהאַט.

מילא קודם לכל גיב דאָרט אַכטונג, אָב עס וועט נישט ח״ו עפּיס פון דעם קורדאן צו דיין פריץ אַפּאַפּיר אָנקומין, וואָרין דאָס שמיסין דרפון אין קרייז גיפעלט מיר נישט. און׳ ווידער האָבין מיר היא דריבר איין עצה גי־האַלטין, איז׳ בייא אונז גיבליבין, מעזאָלמיר דעסטוועגין אַמוסטני אַ מענשין אונזערן שיקין אין קורדאן אַריין, ער זאָל זיך דאָרט דרעהן אַרום אין קרייז און׳ אַכטונג געבין וואָס דאָרט טוהט זיך. נור מוז מען זעהן צו שיקין אַ מענש וואָס איז׳ דאָרט אַ בעל משפחה, תּאמיר וועט איהם דאָרט עפּיס צו־שטויסין, זאָל אימציר האָבין פר איהם צו לויפין, און׳ דרצו מוז ער זיין אַ

מענש וואָס קען זיך פרשטעלין, מען זאָל דאָרט נישט גיוואָהר ווערין, אַז ער איז׳ פין אונז אונ׳ זאָל קענין שמיסין מיט דיא בריות דאָרט.

דוא האָסט דעך אַודאי אויך גיהערט, אַז אין דער שטאָד וויא דאָס קרייז איז׳ זענין דאָ מענשין וואָס מען רופט זייא בריות. מען האַלט זייא פר בריות אין אַלי שבע חכמות. מיר ווייסין לעולם, אַז זייא זענין פראָסטי אַפּי־קורסים. דער לאַטקאַר רב האָט מיר אויך גיזאָגט, אַז זייא זענין דאָרט פראָסטי אַפּיקורסים אַזוי וויא אַלי בריות זענין.

מילא פרשטייסטו, דאַרף מען זיך נישט נאַרן אונ׳ אויסזוכין אַ מענש, וואָס מען זאָל זיך קענין אויף איהם מיט אַלעם פערלאָזין. דורך אַזוינעם קען מען אין קורדאן זאַכין חוץ דער גויה פועלין. ער וועט אונז שרייבין וואָס דיא קורדאניר לייט טוהן אונ׳ וועט קענין פיל קורדאניר מקרב זיין צום רבין זאָל לעבין.

דיא הוצאות זייני אַרויס צי ברענגין איז׳ גאָר אַ קלייניגקייט. מיר וועלין איהם מיטגעבין אין קורדאן אַריין אונזרי ספרים צו פרקויפין. וויא איך הער, איז׳ איצט גאָר אַ גישפּעט אין קורדאן אַריין ספרים צי פוהרין. מילא חוץ דעם וואָס אונזרי ספרים וועלין דאָרט אויסגיבּרייט ווערין, וועלין מיר דאָרט, האָף איך, שען געלד אויך מרויח זיין. וואָרין דאָרט גולטין אונזרי ספרים זעהר שטאַרק. וואָס דאַרפסט דוא מעהר, פר אַ תולדות יעקב יוסף איז׳ דאָרט גאָר אַפּשוט צווייא זילברני ריבל צו נעהמין.

עס איז נאַרישקייט חלעבין, אַז מען קוקט זיך נור אַביסל אום אויף דער וועלט, זעהט מען פאָרט, אַז מיר פיהרן אויס וואָס מעוויל נור. דרמאן דיך נור: פר דעם תולדות יעקב יוסף, וואָס מען האָט איהם תחלת אין בראָד אויף עפינטליכר גאַס פרברענט, גיט מען איצט צוויי רובל אונ׳ מען זוכט איהם מיט ליכט. מילא וואָס זשע האָט מען דאָ מסופק צי זיין,—אַז מיר וועלין דאָרט זיטצין האָבין אונזרס אַ מענש וואָס אַ מענש הייסט, וועט אַודאי אַלצדינג רעכט זיין.

## נה. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך שיק דיר דעם מוכ״ז ר׳ מאיר יעקב פון זאַסלאַב. ער האָט אַיאַר־ליק אונ׳ האָט קרובים אין דער שטאָד נחל המצה, וואָס זיא איז׳ נישט ווייט פין דער קרייזשטאָד.

דיא קרובים זייני זענין נישט פין אונזרי לייט. דאָס האַלט איך פר אַ מעלה, וואָרין אין יענעם קרייז זענין לע״ע דיא לייטי דיא גרעסטי תקיפים. ר׳ מאיר יעקב איזט אויך אַ גרויסר מעורב צישין מענשין אונ׳ וועט אַודאי מיט יעני בריות קענין דורכקומין, וואָרין ער איז׳ טאַקי אַ גיבאָרניר אַקור־

דאניר. עס איז׳ נאָך קיינע צעהן יאָהר, אַז ער האָט זיך אין אונזר מדינה באַזעצט. ער קען דיא קורדאניר רביס אונ׳ דיא סוחרים פון דער שטאָד אכזיב, וואָרין ער האָט מיט זייא ניט איינמאָהל שוין געהאַנדילט. אויף דער גרעניץ איז׳ ער אויך אַ בריה נפלאה, אַז מעוויל איז ער פּאַק אַ פּעקילמאַ־כיר. וויא האָב איך דאָס אַ צעהנט חלק מיין אייגענס, וואָס ער האָט שוין דיא גרעניצלייט פּעקילגעלד איבערגיגעבין. אויף דער גרעניץ ווערין זייא נאָך איהם גאָר דיא כפרה.

איך וויס, אין קורדאן וועלין מיר דורך איהם טוהן וואָס מיר וועלין נור אַליין וועלין. נור דאַכט זיך מיר, עטץ זאָלט איהם פון אייערי סוחרים בריבליך מיט געבין צו קורדאניר סוחרים, וואָרין אייערי סוחרים זענין אין קורדאן פרנאַנט. עס העט אַפילו גוט גיוועזן, זייא זאָלין שרייבין, אַז זייא שי־קין איהם, ער זאָל פון זייערט וועגין דאָרט סחורה איינקויפין.

נאָך בעסיר העט גיוועזן, עטץ זאָלט איהם אַ בריב מיטגעבין פון אייער וויינשענקיר ר׳ אהרן לאַזירס צו דיא וויינשענקירס פון צידון הרבה, וואָרין דאָרט זענין דאָ אַ יאַם וויינשענקירס, אונ׳ אייער ר׳ אהרן האַנדעלט תמיד מיט זייא. זאָל ער שרייבין, אַז ער שיקט איצט ר׳ מאיר יעקב נאָך ווין. אַפילו ווען ער דאַרף איצט קיין ווין נישט, וואָס וועט איהם שאדין אַזוי־אַבריבל? פון דעסטוועגין וועט ר׳ מאיר יעקב נישט קויפען. עפּיס אַ מלאכה, ער וועט זאָגין, דער ווין גיפעלט איהם נישט, אָדער זייא האַלטען זיך טייער. דרוויל וועט ער איין אויסרעד האָבין אין צידון הרבה צו זיטצין אונ׳ וועט זיך דאָרט בעקענט מאַכין מיט דיא נגידים דאָרט אונ׳ מיט דיא בריות, וואָ־רין ער איז׳ אַ מענש וואָס קען מיט אַלי מענשין דורכקומין.

## נו. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

פון דעם ר׳ מאיר יעקב וואָס דוא האָסט אונז גישיקט האָב איך גרויס תענוג גיהאַט. אין הימל העטין מיר אונז קיין בעסרין גיקענט אויסקלויבין.

היינט איז׳ ער אַוועק גיפאָהרין אין קורדאן אַריין, אונ׳ מחמת אונזר ר׳ אהרן לאַזירס האָט טאַקי בעדאַרפט ווין צו קויפין אונ׳ האָט גישיקט זיינס אַ משרת קיין צידון הרבה, האָבין מיר ר׳ מאיר יעקב מיט דעם משרת גי־שיקט. אין קורדאן וועט ר׳ מאיר יעקב הייסין ר׳ אהרן לאַזירס נאמן, אַפילו דער משרת האַלט איהם פר זיין בעל הבית נאמן. וואָרין ר׳ אהרן האָט דעם משרת גיזאָגט, ער זאָל דעם ווין אָבקלויבין אונ׳ ר׳ מאיר וועט פר איהם צאָהלין. מילא האָט מען גאָר נישט מסופק צי זיין, אַז דורך דעם וועט ער מיט דיא וויינשענקירס אין צידון הרבה בעקאַנט ווערין; אונ׳ צו אַ וויינשענ־קיר קומין אַריין דיא קרייזלייט אונ׳ אַנדרי שררות, אונ׳ אַז מען גיט אַ

טריגק, פלוידערט מען אויס זאַכין וואָס ניכטערנהייד האַלט מען בסוד. דורך דעם וועט ער קענין גיוואָהר ווערין וואָס מיר ווילין דאַרפין. אונ׳ חוץ דעם האָט אונז ר׳ אהרן גיזאָגט, אַז אין צידון ; הרבה זענין דיא ויינשענקירס דיא גרעסטי חשובים. מילא ווען עס זאָל זיך ר׳ מאיר יעקב׳ן דאָרט ח״ו עפיס איין אונגליק טרעפין, וועלין זייא אַודאי פר איהם לויפין אום אונ׳ אום וויא מען וועט נור דאַרפין, עס זאָל איהם נישט גישעהן עפיס שלעכטס ח״ו.

מיר האָבין אויך ר׳ מאיר יעקבן מיטגיגעבין אַ כח הרשאה פין דער מעזבושר דרוק, דער דריקר, דער רב רבי יעקב פנחס, איז׳ אויף איהר גי־חתמית, ער זאָל אין קורדאן פרקויפין די נייע תולדות יעקב יוסף. אין דער כח הרשאה שטעהט בפירוש, אַז חוץ ר׳ מאיר יעקב טוהר קיין מענש אין קורדאן דאָס ספר פרקויפין.

דרצו מוסט דוא וויסין, אַז די כח הרשאה איז׳ נישט אַ גישריביני נור אַגידריקטי. זיא איז׳ טאַקי אַמיסטני אין דער מעזבושר דרוק גידריקט גיוואָ־רין. אונ׳ וויא מיר דאַכט זיך, מוזין אַפילו דיא גרעסטי קורדאניר אַפיקורסים פר אַזוֹיני זאַכין וואָס אין מעזבוש ווערד גידריקט דאָס ניין יעהריגי קדחת האָבין. אַקאַטאָוויס איז׳ דאָס מעזובוש, וואָס דאָרט איז תמיד דער רבי פין אַלי רבים. אונ׳ דאָס מוזין אַלי אַפיקורסים מודה זיין, אַז דער רבי וואָס זיצט אין מעזבוש איז׳ אַודאי אַזאַך. אונ׳ הייבטשי פר דעם דריקער ר׳ יעקב פנחס אַליין, וואָס איז׳ דעם רבי רבי ברוכלס אַ לייבליכר איידים, אונ׳ וואָס זיין וויב דיא צדקת הייסט אָדל טאַקי נאָך דעם רבי רבי ברוכלס מאַמי ז״ל, מוזין זייא בודאי אויך גרויס דרך ארץ האָבין (א).

חוץ דעם אַלעם האָבין מיר ר׳ מאיר יעקבן מיט גיגעבין בריוו פון אונזרי סוחרים צו אכזיבר סוחרים אונ׳ נגידים, וואָס זענין פון אונזרי לייט. אין אַכזיב זענין דאָ אונזרי ברודר גינוג, כמעט דיא גאַנצי שטאָד איז׳ אונזר, חאָטשי דאָרט איז דאָ אַ יאַם שררות. מעהאָט אונז דרצעהלט, אַז עס קומט צו זייא אַפילו אַפרהוֹאַטי קורדאניר רבי ווערד צישין זייא אטאַרטיס גלייך עס העט דאָ אָנגיקומין איך וויס אַליין נישט ווער אונ׳ מען טראָגט איהם געלד צו פין אַלי זייטין. יעני לייט קענין אונז דאָרט זעהר צו נוטץ קומין.

אַכלל, איך האָף, אַז דורך ר׳ מאיר יעקב ווילין מיר אין קורדאן קע־בין גרויסי זאַכין מתקן זיין, וואָס מיר ווילין נור דאַרפין.

## נז. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
### צו ר׳ זייבוויל ווערהיעוקיר

דער לאָטקאָר רב וואָס זיצט נאָך בייאם רבין זאָל לעבין (ער וויל דער רבי זאָל לעבין זאָל איהם איבערגעבין דאָס רבנות אין דער מדינה עיבא־ריסעב) האָט זיך אַנימעלד פר דעם רבין זאָל לעבין זעהר גיקלאָגט אויף

דעם עולם פון צידון הרבה וואָס ער האָט דורך זייא אין קרייז דאָרט גרויס עגמת נפש גיהאַט. איין דייטש דאָרט אין קרייז האָט איהם גאָר מעשים גי־טוהן. ער האָט איהם גישאָלטין אונ׳ שרעקליך מבזה גיוועזן, אונ׳ ער ווייסט זיכער, אַז דאָס איז׳ אַלץ נור איבערדעם וואָס דאָרט זענין דאָ גרויסי מתנגדים.

האָט איהם דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט: דאָס זענט איהר אייך טאַקי נור אַליין שולדיק. פרוואָס טוהט ער גאָר נישט מכח דער שטאָט? עס זענין דאָרט אַודאי דאָ מענשין וואָס מען קען אויס זייא מאַכין וואָס מען וויל. איך דרמאָן מיך, צווייא יונגי לייט פין דאָרט האָבין בייא מיר ראש השנה גיהאַלטין, האָבין זייא מיר גיזאָגט: אמת בייא [זייא] זענין זעהר וועניג חסידים דאָ, פין דעסטוועגין האָבין זייא זייער מנין טאַקי בייא איינעם פין זייא, אונ׳ אַז עס קומט אַהין אַצדיק געהן טאַקי אַיאַם בעלי בתים נגידים אונ׳ לומדים אַזוינם מקבל פנים צו זיין. אונ׳ אַפילו דער רב זייערר, האָטשי ער איז׳ נישט פין אונזרי לייט אונ׳ איז׳ איפשר אין האַרץ אַפילו אי אַ מתנגד, געהט ער פאָרט צו אַרבין אַז ער קומט אַהין. וואָס ווילט איהר מעהר, איך גידענק, אַז איך האָב נאָך גיוואָהנט אין קורדאן האָט מען תמיד גיהערט, אַז צדיקים וואָס זענין גיקומין קיין צידון הרבה האָבין דאָרט גרויס עגמת נפש אונ׳ יסורים גיהאַט אונ׳ האָבין חרפות אונ׳ בושות איינגינעהמין. אַקאַטאָוויס האָבין זייא דאָס אָנגיטוהן דעם האניפאָלער צדיק ע״ה? אָדער דעם טשארנא אוסטראר, דעם פרשעוואָרסקר? זינד זייא לעבין האָבין זייא דאָרט נישט גילאָזט אַגוטין יודען זיך מנין מאַכין אָדער פר דעם עמוד דאַבנין. אפילו נור עטליכי טאָג דאָרט אַוועק צו זיטצין האָבין זייא נישט גילאָזט. דער פרשעוואָרסקר האָט זייא גיוואָלט צעהן רענדליך געבען, מען זאָל איהם לאָזין אין שול פר דעם עמוד דאַבנין, ווייל ער האָט אויף דער שול אַ גרויסין אור גיזעהן לייכטען (א), האָבין זייא נישט גיוואָלט. וואָס דאַכט זיך אייך, עפיס וועניג צדיקים האָט מען פון דאָרט שוין אַרויסגיטריבין? דער זיידי זכרונה לברכה, וואָס איז דאָרט אַפילו גיוועזן אַבעל משפחה, האָט גימוזט פין דאָרט אים שבתות צו נאַכט אַנטלויפין; אונ׳ אַיאַם מענשין דאָרט זאָגין נאָך, אַז דער דאָזיגער וואָס האָט דעם זיידין גימסרת איז׳ כמה שנים גיוועזן אַגרויסר חולה, אונ׳ פין דענצמאָהל אָהן איז׳ ער גיוואָרן גיזונד אונ׳ שטאַרק. זאָגין זייא אַז דאָס איז׳ גיוועזן אין דעם זכות, וואָרין בייא זייא איז׳ דאָס גיוועזן נאָך אַ גרויסי מצוה. זייא האָבין גיוואָלט, מען זאָל איהם אים שבת אַרויס טרייבין. נור אַטהייל מענשין האָבין זיך דרינין אַריין גילעגט, האָט מען איהם גילאָזט ביז שבתות צו נאַכט, ער זאָל אַוועק. אונ׳ אין דעם יאָהר איז׳ אפילו דער זיידי גי־שטאָרבין.

וואָס דאַרפט איהר מעהר, האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט, איך האָב גיהערט פין ר׳ בערלן דעם ליניציר שוחטס אַזוהן עטליכי מעשיות פין דעם בעש״ט אַליין, וואָס ער האָט זייא אין שבחי הבעשט נישט אַריין גישטעלט מחמת כמה טעמים וואָס מען דאַרף זייא נישט זאָגין (ב). זעהט מען אויס דיא

מעשיות, אַז אַפילו דער בעשט אַליין, וואָס ער האָט גיטוהן כמה המצאות ער זאָל דעם עולם פין צידון הרבה בעקומין, האָט דאָרט אויך גרויס עגמת נפש און בושות גיהאַט.

וויא דער לאטקאר רב האָט דאָס גיהערט, האָט ער אָנגעהויבען דעם רבין זאָל לעבין זעהר מפציר צו זיין, ער זאָל איהם דרצעהלין דוא מעשיות. אונ׳ מחמת דער לאטקיר איז׳ בייאם רבין זאָל לעבין זעהר חשוב, וואָרין ער איז׳ אַמאָהל אין קורדאַן גיוועזן אַ גרויסר גביר, ער איז׳ אַ בריה נפלאה אונ׳ חאַטשי אַלס רב איז ער פון דעסטוועגין מאַגיזאַניק אויך, אונ׳ איז׳ פין עבוג אָן גיוועזן פון אונזרי לייט, האָט איהם דער רבי זאָל לעבין זעהר ליעב אונ׳ האָט איהם דרצעהלט וואָס דעם בעשט האָט זיך אין צידון הרבה גיטראָפין, מעגסט עפנין מויל און אויגין.

דענצמאָהל אַז דער בעשט איז׳ גיוועזן אין צידון הרבה, האָט מען אַ בעל הבית דאָרט בעגנבת אויף ציהרונג אונ׳ זילבער, אַ שטאַרקי גנבה. דער בעל הבית איז׳ גיקומין מכח דער גניבה צום בעש״ט, זוויטשייני וויא מען געהט צו אַבעלשם, וואָרין אין צידון האָט מען דעם בעשט גיהאַלטין פר אַפראָסטי בעלשם (ג). וויא דער בעל הבית האָט דעם בעש״ט דרצעהלט פון דער גניבה, האָט איהם דער בעשט גיפרעגט אויף ווענין ער האָט דעם חשד. דער בעל הבית האָט איהם גיזאָגט, ער האַלט אין חשד טאַקי׳ זיין אייגינעם משרת. האָט זיך דער בעשט אָנגירופין צום בעל הבית: איך בין אויף דיר גוזר, זאָלסט מיר דעם שבת וואָס וועט קומין שיקין דורך דעם נעהמליכין משרת הונדרט זעכציג מאַנדלין אונ׳ צווייא מאָהל אַזויפיל ראָזינקיס אונ׳ דרייא מאָהל הונדרט זעכציג טירקישי נוס. נור אָבער מיט דעם תנאי, זאָלסט קיין מענשין נישט זאָגין וויא פיל דוא שיקסט מיר.

וויא עס איז׳ גיקומין שבת, האָט דער בעלהבית דעם בעשט גישיקט דורך דעם משרת אויף אַזילברניר טאַץ אַזוי פיל מאַנדלין אונ׳ ראָזונקיס אונ׳ טירקישי נוס וויאפיל דער בעשט האָט גיהייסין.

וויא דער משרת איז אַריין גיקומין צום בעשט מיט דיא זאַכין, האָט איהם דער בעשט גיפרעגט אויף דעם הויכין קול: פון ווענין בוסט דוא? דער משרת האָט איהם גיזאָגט: פין דעם אונ׳ דעם. וויא דער בעשט האָט דרהערט דעם נאָמין פין דעם בעלהבית, וואָס בייא איהם איז דיא גניבה גישעהן, האָט ער אויף נאָך אַ העכיר קול, דרצו מיט משונהנה הויות, אַגישרייא גיטוהן: דוא גנב איינר, וויא ביסט דוא דיך אונטר גישטאַנין פין זאַכין וואָס מען שיקט מיר אַראָבצוגנבנין?

דער משרת האָט זיך אָנגירופין: איך האָב פין דעם שיקיכץ נישט אַפיטצל אַראָבגינעהמין.

אַזוי, האָט דער בעשט גיזאָגט: דוא לייקענסט? נוא וואַרטשי דוא נור דאָ, איך וועל געהן אין מיין שטיבל אַריין, וועל דאָרט עפיס גיברויכין און

וועל באַלד צוריקקומען. דוא זאָלסט אָבער דרווייל נישט אַוועק לויפֿין, נעהם איך דיא טאַץ מיט דיא זאַכין מיט.

דער בעשט איז׳ זיך מיט דיא זאַכין אין שטיבל אַריין גיגאַנגין, האָט זיך דאָרט דיא מאַנדלען, דיא ראָזינקיס אונ׳ דיא נוס איברגיצעהלט, איז׳ צוריק גיקומען אין שטיב אַריין ווי דער משרת איז׳ גיוועזן, האָט דעם משרת אָנגינעהמין בייאם דפק (ד) אונ׳ האָט גישריגין מיט אַ שרעקליך קול: דוא האָסט גיגנבת פינף אונ׳ צוואַנציג מאַנדלין! האָט זיך אַביסל אָבגירוהט—אונ׳ האָט זיך גימאַכט גלייך ער צעהלט וויא פיל דער דפק שלאָגט אונ׳ האָט ווידער אויף אַ משונה קול אַ גישרייא גיטוהן: האָסט אויך גיגנבת צווייא אונ׳ דרייסיג ראָזינקיס! אונ׳ האָט זיך ווידער אַביסל אָבגירוהט וויא פריהר אונ׳ ווידער אַ גישרייא גיטוהן: אונ׳ איין אונ׳ פינפציג נוס! בעזוכט תיכף דעם גנב! מען איז׳ תיכף צו גילאָפין, מען האָט דעם משרת בעזוכט אונ׳ גיפונין פין איטליכין אַקוראַט אַזויפיל וויאפיל דער בעשט האָט גיזאָגט, נישט מעהר אונ׳ נישט ווענינער. דער משרת האָט אָנגיהויבין צו ציטערין אין אַלע גלידר, וואָרין ער האָט גיזעהן, אַז דאָס איז׳ עפיס גאָר קיין קאַטאָוויס נישט.

וויא דער בעשט האָט דאָס גיזעהן, האָט ער אָנגיהויבין דיא אויגין צו איברקעהרן, משונהנה הויות צו מאַכין אונ׳ צו שרייען אויף אַ ווילד קול: רשע! זאָג תיכף וויא דוא האָסט אהין גיטוהן דיא זאַכין, דאָס ציהרינג אונ׳ זילבר וואָס דוא האָסט בייא דיין בעל הבית גיגנבת, וואָרין איך וועל דיך אויסרייסין!

דער משרת האָט גימיינט, דער רוח נעמט איהם דאָ תיכף אַוועק, אונ׳ האָט מודה גיוועזן דיא גאַנצי גנבה אונ׳ האָט גיזאָגט וויא זיא ליגט, אונ׳ דער בעל הבית האָט זיא אין גאַנצין אָבגיזוכט.

דער בעשט האָט דאָ גימיינט דיא וועלט איז׳ זיין, וואָס עס איז׳ איהם דאָ אַזוי גיראָטהין. איצט, האָט ער זיך גיטראַכט, וועט אודאי דיא גאַנצי שטאָד צו איהם צושטעהן. וואָס האָט דאָס אָבער גיהאָלפין? דער בעל הבית אַליין, וואָס דער בעשט האָט איהם דיא גניבה אָבגיזוכט, האָט דיא גאַנצי מעשה דרצעהלט וויא דער בעשט האָט מיט איהם אָבגישמיסט וויאפיל מאַנדלין, וויאפיל ראָזונקיס אונ׳ וויאפיל טירקישע נוס ער זאָל איהם שיקין. איז גי־וואָרין אין שטאָד אַ גישפעט אויס דעם בעשט נאָך מעהר וויא פריהר.

אַרב האָט דאָרט גיוואָהנט חוץ דעם שטאָד רב, מען האָט איהם גירופין מוהרי״ל. ער איז׳ גיהאַט גיוועזן גיפאָהרין קיין ארץ ישראל, איז׳ פין דאָרט צוריק גיקומען אונ׳ האָט זיך בעזעצט אין צידון הרבה. האָט ער גיהאַט פרבע־טין דעם בעשט צו זיך אויף איין אָנבייסין. דער בעשט האָט גימיינט, ער לעגט אויף איהם כבוד וואָס ער האָט איהם צו זיך פרבעטין. צים סוף האָט זיך אויסגעוויזין, אַז ער האָט איהם נור פין דעסטוועגין צו זיך פרבעטין, מען זאָל דאָרט אויס איהם שפעטין, וואָרין תיכף נאָך דעם עסין איז דעם רבס משרת אַריין גיקומען אונ׳ האָט דעם רב גיזאָגט: מען האָט צישין דיא פליישיגי

לעפיל וואָס מען האָט אַראָב גינעהמין פין דעם טיש אַמילכיגין לעפיל גיפי־
נין. וויא דער משרת האָט דאָס אַרויסגירעד, האָט דער עולם, וואָס איז׳ בייאם
רב גיוועזן, אָנגיהויבין צו שרייען: אַשעניר בעשט איז׳ דאָס, אַ גניבה ווייסט
ער ווער עס האָט גיגנבת, אונ׳ אַז אַ מיליכגיר לעפיל איז׳ בייאם טיש גיוועזן
צישין דיא פליישיגי בייאם טיש, האָט ער נישט גיוויסט!

איינמאָהל האָט מען איהם דאָרט אין בית המדרש וויא ער האָט גיהאַט
גידאַבינט אויפגירופין, אונ׳ דרנאָך, וויא מען האָט מיט דעם אַנדרן נאָך איהם
גילייענט, האָט מען גיפינין אין דער ספר תורה אַ פסול. האָט דער גאַנציר
עולם אין דעם בית המדרש אָנגיהויבין זיך אויס איהם גישפעט צו מאַכין
אונ׳ האָבין גישריגין: אַבעשט זאָל נישט דרקענין, אַז דאָס ספר איז׳ פסול
אונ׳ זאָל מאַכין אַ ברכה לבטלה!

עס איז׳ אַזוי וויט גיקומין, אַז ער האָט גימוסט פר בושה אַנטלויפין
אויס דעם בית המדרש אונ׳ האָט אַזשי פר איילעניש אונ׳ דרשרעקניש אַ
פּאַנטאָפּיל אין בית המדרש פרלאָהרין (א).

אָט דיא אַלי מעשיות האָב איך גיהערט פין דעם לאטקאר, אונ׳ דער
לאטקאר האָט זייא גיהערט פין דעם רבינס מויל זאָל לעבין.

איך שרייב זייא דיר אַמיסטנע, זאָלסט זעהן דעם חיליק פין פרצייטין
צו איצט, וויא מיר אונ׳ אונזרי צדיקים ווערין אַלי מאָהל שטאַרקיר — אַז
אַפילו אין צידון הרבה, וויא מען האָט פרצייטין דעם בעשט אַליין מעשים
אָנגיטוהן, זענין איצט אויך שוין דאָ אַביסל פין אונזרי לייט. אונ׳ איך
בין גאָר נישט מסופק, אַז גיך און באַלד וועט דער גאַנץ עולם דאָרט זיין
אונזר.

דאָש וואָס זייא זענין עס נאָך נישט, איז׳ נור ווייל דיא קורדאניר
רבים זענין גרויסי פּארחים אונ׳ טוהן גאָר נישט. איברדעם זענין לע״ע דאָרט
נאָך דאָ מתנגדים. אַז מיר וועלין אָבער נור אָנהעבין זיך דאָרט נור אַביסל
אומצוקוקין, וועט אַודאי רעכט זיין. דער גאַנציר עולם דאָרט וועט אַודאי
ווערין פין דעם רבינס לייט, וואָרין דאָס וואָס דער רבי זאָל לעבין האָט דעם
לאטקאר גיזאָגט: פר וואָס טוהט איהר נישט עפּיס מכח דער שטאָד, — האָט
ער אַודאי נישט אומזיסט גיזאָגט. ער האָט אַודאי דרמיט דאָס גימיינט.

## כח. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

יענע וואָך איז׳ דער סלאָבודשיקר אַרענדאַר ר׳ פסח אַהער אַריין גיקו־
מין, איז׳ היא גיזעסין אַפּאָר טאָג אונ׳ האָט בייא זיין פריץ גיפועלת, ער זאָל
מיט אונזר פריץ שמיסין פין דעם רבין דעם צדיק. זיין פריץ האָט איהם

אָבער גיזאָגט, אונזרר איז׳ אַזוי אַגרויסר שונא אונז אַלי, אַז זייני רעד האָבין גאָר נישט גיהאָלפין.

האָב איך דעם אַרענדאַר גיפרעגט, וואָס עס טוהט זיך מכח דעם בוך, האָט ער מיר גיזאָגט, זיין פריץ האָט אונזרן גיבעטין, ער זאָל עס איהם לייהין, האָט אונזרר איהם גיזאָגט, אַהיים ווערט ער עס איהם בשום אופן נישט לייהען. בייא איהם אָבער קען ער עס לייאנין.

וויא דער סלאבידשיקר האָט אָנגיהויבין דאָס בוך צו לייאנין, האָט איהם דער אַרענדאַר גיפרעגט וואָס אין בוך שטעהט אונ׳ ווער עס האָט עס גימאַכט, האָט איהם דער פריץ גיזאָגט, ער האָט לע״ע נישט מעהר גילייאנט וויא נור דעם שער און דיא הקדמה, אונ׳ אויף דעם שער שטעהט נישט ווער עס האָט עס גימאַכט. נור ער ווייסט זיכר, אַז אַ יוד האָט עס גימאַכט אין קורדאן בייא אַרבין אין הויז.

וויא דער אַרענדאַר האָט דאָס מיר דערצעהלט, האָב איך מיר גיטראַכט, עס קען טאַקי שטאַרק מעגליך זיין, אַז דיא קורדאניר רבים האָבין דאָס אַמוסטני גיטוהן אַקעגין אונזרי צדיקים, וואָרין זייא ציטערן גאָר, עס זאָל נישט קומין איינער פון אונזרי צדיקים אַהין, וועלין זייא אַפּנים האָבין וויא חוזק אונ׳ וועלין שטאַרבין פר הונגר.

פין דעסטוועגין האָב איך הנאה גיהאַט וואָס דער סלאבידשיקר לייאנט דאָס בוך, וואָרין איך בין נישט מסופק גיוועזן, אַז ער ווערט דאָס בוך אויס־לייאנין, ווערט ער אַודאי זאָגין, אַז דער מחבר פון דעם בוך איז׳ אַגרויסר ליג־ניר, וואָרין ער איז׳ דאך געוועזן בייאם רבין דעם צדיק אונ׳ קען אונז. מילא ווייסט ער, אַז אַלצדינג וואָס אין בוך שטעהט איז׳ שקר וכזב.

דער אַרענדאַר האָט מיר אָבער דרצעהלט, אַז אין אַפּאָר טאָג שפּעטער האָט ער ווידער זיין פריץ גיפרעגט, אָב ער האָט שוין דאָס בוך אויסגילייאנט, האָט איהם דער פריץ גיזאָגט, ער האָט עס גאַנץ אויסגילייאנט אונ׳ ווערט שרייבין קיין אכזיב, מען זאָל איהם אויך אַזוי אַבוך שיקין, וואָרין עס גיפעלט איהם משונה.

האָט איהם דער אַרענדאַר גיפרעגט: וואָס שטעהט דאָס אַזוינס דרינין? האָט איהם דער פריץ זעהר אַיאַם רשעות אויס דעם בוך אויס דרצעהלט אונ׳ האָט אָנגיהויבין צו בילין דיא גאַל אויס זיך אַרויס אויף אונז, אויף אַלי צדיקים ובפרט אויף דעם רבין דעם צדיק. ער האָט גיזאָגט, דורך דעם בוך האָט ער ערשט גיוואָהר גיוואָהרין, וואָס עס האָט זיך גיטוהן מיט דעם ווין פון וואָלף דובנר.

בקיצור, האָט דער אַרענדאַר גיזאָגט, וואָס זאָל איך אייך זאָגין? ער איז׳ דעך קיין שלעכטיר פריץ נישט, איך זיטץ אונטער איהם ניט שלעכט. ער האָט זיך אָבער דערנצמאָהל אַזוי צערבילין, אַז מען האָט איהם גימעגט דיא צונג דורך דעם האַלז און נאַקין אַרויסשלעפין.

דער אַרענדאַר האָט מיר אויך דרצעהלט, דער פריץ איז׳ דורך דעם

בילין אַזוי אין כעס אַריין גיקומין, אַז ער האָט איהם גיזאָגט: הער אויס, פסח, וואָס דוא האָסט ביזאַהער גיטוהן בין איך דיר מוחל, דאָס זאָג איך דיר אָבער — וועל איך אָבער פין היינט אָן גיוואָר ווערין, אַז דיא ביסט צישין דיא חסידים, וועל איך דיך אַרויסוואַרפין פין דער אַרענדי.

דער אַרענדאַר איז' אַוועקגיגאַנגין פון דעם פריץ נעביך מיט אַ ביטר האַרץ אונ' איז גיקומין צו מיר, ער זאָל מיר אַלצדינג דרצעהלין. וואָס זאָל איך דיר זאָגין? וויא איך האָב דאָס פון דעם אַרענדאַר גיהערט, האָט מיך אַציטערניש אָנגיחאַפּט, וואָרין איך זעה, אַז אויף דעם סלאַבידשיקר פריץ האָבין מיר זיך שוין אויך נישט צו פרלאָזין, אונ' דער אינטעריס איז עפּיס גאָר קיין קאַטאָוויס נישט.

על כן למען השם שרייב צו ר' מאיר יעקב, ער זאָל זעהן אין קורדאַן עפּיס צו טוהן מכח דעם בוך.

## נט. פין ר' זעליג לעטיטשיבער צו ר' מאיר יעקב, דעם משולח אין קורדאַן

איך ווייס גאָר נישט וואָס דאָס בעטייט, וואָס איהר האָט אונז ביזאַהער גאָר קיין שום תמונת אות פין דעם קורדאַן גישריבין. איהר ווייסט דעך וואָהל, אַז מיר קוקין משונה אַרויס אויף אייער בריב, וואָרין מיר דאַרפין זעהר נעטהיג צו וויסין, וואָס איהר האָט דאָרט גיטוהן. מילא למען השם אונז תיכף צו שרייבין כל דבר שורש.

איהר זאָלט אויך זעהן צו טוהן וואָס צו טוהן אונ' זאָלט אייך אַריבר חאַפּין קיין אַכזיב. דאָרט זענין דאָ אַיאַם נגידים וואָס זענין פון אונזרע לייט, אונ' חאָטשי' זייא זענין אין קורדאַן פין דעסטוועגען טוהן זייא פון אונזרט־וועגין וואָס זייא קענין מיט זייערי קלייני מוחין טוהן. זייא וועלין אייך אַודאי מיט אַלעם וואָס מעגליך איז' בעהילפליך זיין.

מילא זעהט אייך אַהין אַריבר צו חאַפּין, אונ' אַז איהר וועט דאָרט זיין, זאָלט איהר זעהן דיא ביכער, איהר ווייסט שוין וועלכע, אַוועק צו קוי־פין. מען האָט מיר גיזאָגט, אַז דאָרט זענין דאָ גאַנצי גיוועלבין מיט טריפה פסולים, אונ' אַפילו יודין האַנדלין אויך דרמיט. וועט דאָרט מן הסתם דאָס רעכטי בוך אויך צו בעקומין זיין, בפרט דער סלאַבודשיקר פריץ האָט גי־זאָגט, ער וועט אַהין שרייבין, מען זאָל איהם פון דאָרט דאָס בוך שיקין. על כן למען השם נישט פויל צו זיין אונ' אַלי דיא ביכר אַוועק צו קויפין, נישט איין איינציגס דאָרט איבר צו לאָזין, אונ' אַלי אַהער צו שיקין.

איהר מעגט אויך מיט דיא קורדאַניר רבים מכח דעם עסק אַשמים טוהן, זייא זאָלין אויך זעהן עפּיס צו טוהן אין דעם אינטערעס. חאָטשי זייא זענין קייני גרויסי זאַכין נישט, מוז מיר זיך איצט מיט זייא צום הויף נעהמין,

מחמת אין ברירה, מען זאָל זעהין מכח דעם הינטישין בוך עפּיס צו טוהן, דאָס רשעות צו שטילין, וואָרין אין אונזר מדינה ווערד דאָס רשעות אַלי טאָג שטאַרקיר.

שרייבט אונז אויך וואָס מען הערט דאָרט מכח דיא צווייא מענשין וואָס זענין פין אונז אַהין ענטלאָפין גיוואָרן, וואָרין איך האָב זעהר מורא, דיא קליידרליך וואָס דיא (איהר ווייסט שוין ווען מיין איך מיין) האָט מיט גינעהמין זאָלין דאָרט נישט ח״ו עפּיס אַ שלימזל אָנאַרבייטין.

למען השם שרייבט אונז וויא אַם געכסטין אַ ידועה ברורה, אונ׳ טאַקי וואָס איהר וועט דאָרט הערין עפּיס נייאס שרייבט אונז.

שרייבט אונז אויך פין דיא קורדאניר לייט, וואָס זייא זענין פר אַ מענשין, בפרט פין דיא אין צידון הרבה. צו זענין זייא טאַקי באמת אַזויני גרויסי מתנגדים, צי זענין זייא עס נור איבערדעם, ווייל דיא קורדאניר רבים זענין גרויסי שלימזלניקיס?

## ס. פין ר׳ גדליה באַלטיר
## צו ר׳ גרשון קאָריצער

איך בין דיר מודיע עפּיס נייאס, וואָס בייא אונז האָט זיך גיטראָפין. פּראַכטאָגין שבת נאָך מוסף קדושה בין איך אַהיים גיגאַנגין קידוש מאַכין, וואָרין דאָס האַרץ האָט מיר עפּיס וועה גיטוהן, איז׳ דעם רבינס גבאי אָנגיקומין אונ׳ האָט מיר גיזאָגט, דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, האָט נאָך מיר גישיקט, איך זאָל קומין איהם מטיב חלום זיין.

וויא איך בין גיקומין, האָב איך גיטראָפין דעם רבין, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, זיטצין אויף זיין שטיהל לעבין טיש, אונזר עולם אַרום איהם, אונ׳ דרייא פּילי בוטעלקיס בראָנפין שטעהן פר זייא.

דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, איז׳ גיזעסין אין טלית אונ׳ אין דער ווייסר זופּצי וויא אַמלאך, דיא פּאַרב פין דעם פּנים האָט זיך געמונעט. אויף איינמאָהל איז׳ ער גיוואָרין פלאַם פייער, דאָס פּנים איז׳ גיוואָרין רויט רויט, אַז איך האָב אַזשע מורא גיהאַט איהם אין פּנים אַריין צו קוקין. דרנאָך האָט ער אָנגיהויבין צי ציטערן אונ׳ שרעקליך צו פלאַקערן וויא אַ ברענינדיג פייער אונ׳ האָט גישריגין אויף איין הויך קול דרייא מאָהל אַזוי וויא עס שטעהט אין סידור: חלמא טבא חזאי—אונ׳ מיר האָבין איהם דאָס גיענטפערט וואָס אין סידור שטעהט.

דרנאָך האָט ער דרצו צוגיזעצט זייני עטליכי פּסוקים.

ער איז׳ אָבער נאָך נישט אָבגיקוהלט גיוואָרן אונ׳ האָט זיך גיהייסין נאָך אַמאָהל מטיב חלום זיין.

נאָך דעם אַנדערן מאָהל איז ער פאָרט נישט קיהלער גיוואָרן, האָט ער זיך גיהייסין צום דריטין מאָהל מטיב זיין.

נאָך דעם דריטין מאָהל איז׳ ער אַביסל קיהלער געוואָרן, נור אין גרויס עצבות איז ער גיוועזן. וויא מיר האָבין דאָס גיזעהן, זענין מיר גאָר אויסגיגאַנגין. מיר האָבין גיוויסט, דאָס איז׳ אַודאי נישט אומזיסט, אונ׳ ווער ווייסט וואָס ער האָט גיזעהן אָדער גיוואָהר גיוואָרן. אונזר גאַנציר עולם האָט מיך אָנגיקוקט, וואָרין זייא האָבין זיך גיטראַכט, איך מוז אַודאי וויסען וואָס דאָ טוהט זיך. אונ׳ איך בין גישטאַנין וויא פר שטיינירט. וואָס טייטש, דער רבי, זאָל לעבין הונדערט יאָהר, זאָל מיר נישט פריהר זאָגין וואָס עס טוהט זיך? איך האָב מיר גיטראַכט, עס קען נישט אַנדערש זיין, ער האָט גימוזט טאַקי אויף מיר עפיס אַ גזר דין דרזעהן, איבר דעם האָט ער מיר דרפין נישט גיוואָלט זאָגין.

אויף איינמאָהל האָט ער גיהייסין דעם גאַנצין עולם מודיע זיין, זייא זאָלין זיך נאָך וואַרמיס צום הויף קומין, זייא זאָלין דעם גאַנצין שבחי הבעשט אויסזאָגין פון דעם אָנהעב ביז צום סוף. דאָ האָב איך מיך נאָך מעהר דרשראָקין. איך האָב פרשטאַנין, עס מוז עפיס אַ וויכטיגי זאַך זיין, וואָרין פין אַקלייניגקייט וועגין העט ער נישט אַזוי מרעיש עולם גיוועזן.

דער גאַנציר עולם זענין אַהיים גיגאַנגין גאָר דרשלאָגין, נור איך בין איבערגיבליבין, בין אַפילו נישט אַהיים גיגאַנגין עסין, בין גיבליבין בייאם רבין, זאָל הונדערט יאָהר לעבין, צו טיש. איך האָב אָבר פר דאגה אַליין נישט גיוויסט וואָס איך עס, אונ׳ דעם עולם אין דרהיים איז עס אַודאי אויך אַזוי דרגאַנגין, וואָרין איך האָב שוין גיזעהן, דער גאַנציר בראָנפין אונ׳ דאָס איינגימאַכץ, וואָס מען האָט זיי בייאם רבין, זאָל הונדערט יאָהר לעבין, נאָך דעם דאַבנין גישטעלט, איז׳ אין גאַנצין שטעהן גיבליבין, נישט אָנגירוהרט האָבין זייא עס. מילא קענסט דיא דיר שוין משער זיין, וואָס פר אַ מרה שחורה דאָ האָט גימוזט זיין.

נאָך טיש איז׳ זיך דער גאַנציר עולם צום הויף גיקומין, האָבין מיר אָנגיהויבין צו זאָגין דעם גאַנצין שבחי הבעשט מיט גרויס אימה און יראה. וויא מיר האָבין אַזוי אַדרייא בלאַט אָבגיזאָגט, האָט דער רבי, זאָל הונדערט יאָהר לעבין, מיט דער האַנד אַקלאַפּ גיטוהן אויף דעם שבחי הבעש״ט, זענין מיר גאַנץ שטיל גיבליבין.

אונ׳ דער רבי, זאָל הונדערט יאָהר לעבין, האָט זיך אויפגישטעלט אונ׳ האָט צו אונז גיזאָגט: וויא לאַנג נאָך וועט איהר מיך נישט צוהערין? עפיס אומזיסט האָב איך אייך גילאָזט צום הויף רופין, איהר זאָלט דאָס הייליגי ספר אויסזאָגין? איהר ווייסט זעהר גוט, אַז שוין נישט איינר איז׳ אויף אונז אונ׳ אויף אונזרי לייט אויפגישטאַנין. אין איטליכין דור שטעהט מען אויף אונז אויף. איצט אָבער איז׳ איינר אויפגישטאַנין וואָס האָט כח אונז גאָר מיט דעם וואורצל אויסצורייסין אונ׳ זאָל איברגעבין דיא גאַנצי ממשלה אַזוי וויא פרצייטין דיא לומדים אין דיא הענד אַריין, וואָס גלייבין נור אן דער גמרא, אן פוסקים, אן תוספות אונ׳ אן אַנדרי אַזויני מפרשים, וואָס לעגין אַלצדונג

אויס נור אין דעם פשוטין שטייגר, אונ׳ אַז זייא קומין אויף איין אָרט וואָס מען פרשטעהט נישט אויף דעם פשוטין שטייגר זאָגין זייא: דאָ שטעקט אַודאי עפיס אַ סוד, נור וואָס געהט דאָס אונז אָן? מיר דאַרפין קיין סודות נישט וויסין. אונ׳ אַז זייא זעהן עפיס אַ ספר פין אונזרי הייליגי ספרים וואָס אונזרי צדיקים האָבין גימאַכט, וויא למשל דעם תולדות יעקב יוסף, דיא ליקוטי מוהרן, דעם שבחי הבעשט אָדער זייערס גלייכין, זענין זייא זיא מבזה אונ׳ לעגין דיא ספרים צישין אַנדרי מינישע ספרים. אַזויני לייט׳ זענין רעכטי אפיקורסים, זייא גלייבין נישט אן דעם בעשט, נישט אן דיא איציגי צדיקים, נישט אן דיא נסים ונפלאות וואָס דיא צדיקים קענין בעווייזין, אפילו נישט אן דעם, וואָס דרפון העגנגט אָב דאָס גאַנצי יידישקייט, דהיינו מען זאָל פאָהרין צום אמתין צדיק. אונ׳ דורך דעם גלייבין זייא אן קיין שום צדיק נישט. אונ׳ אַז עס קומט שוין אַצדיק צו זייא אין שטאָד אַריין, געהן זייא נישט איהם שלום צו געבין. אונ׳ אַז זייא זעהן, אַז אונזרי לייט געהן צו איהם, לאַכין אונ׳ שפעטין זייא אויס זייא אונ׳ זאָגין: קוקטס נור אָן דיא שוטים, זייא זענין פאָפּראָסטי בלינד, וויא קען מען אויף אַזוינים זאָגין ער איז אַ צדיק, ער האָט אַרוח הקודש אונ׳ קען נסים בעווייזין? אונ׳ ברענגין זיך דרצו ראיות אויס דער גמרא, ווייל דיא גמרא זאָגט, אַזויני מענשין קענין קיין רוח הקודש האָבין, אונ׳ פון דעם מדרש, ווייל ער זאָגט, אַז אין מצרים האָט אויף משה רבינו דיא שכינה נישט גיקענט רוהין, ווייל אין חוץ לארץ רוהט דיא שכינה אויף קיינעם נישט. וואָרין זייא לערנין אַלצדינג נור נאָך דעם פּראָסטין פשט נאָך. שוין טויזינד מאָהל האָט זיך אונז אַזעלכי זאַכין גיטראָפין. דענצמאָהל, אַז מען האָט גיברענט דעם תולדות יעקב יוסף, האָבין זייא גיוואָלט אונזר זֵכֶר אויסרייסין. ווען נישט דער בעשט העט זיך אונזרר אָנגינעהמין אונ׳ האָט זיך אין הימל אַרום גיהרגת פין אונזרטוועגין, אַזוי וויא דיא מעשה איז בעשריבין אין דעם שבחי הבעשט דף ל״ו עמוד ד׳, העט שוין דענצמאָהל פין אונז איין עק גיווען.

איבר דעם האָב איך גיהייסין איצט זאָגין דעם שבחי הבעשט, ווייל איך וויל דעם בעשט אויפוועקין, ער זאָל זיך איצט פר אונז אָננעהמין, אונ׳ צום סוף זאָגט ער דעם שבחי הבעשט וויא אויס דעם שלאָף. ריהרט אייך! זייט לעבינדיג אונ׳ בעט דעם בעשט, ער זאָל אונז העלפין!

מיר האָבין אָנגיהויבין ווידער פון פאָרן גאָר איברנייס צו זאָגין דעם שבחי מיט גרויס ברענינדיגקייט אונ׳ דביקות, עס איז׳ זיך אַזשע אַמורא אָנ־גיגאַנגין. אונ׳ וויא מיר האָבין גיהאַלטין בייא דער מעשה פון דעם תולדות יעקב יוסף האָט זיך דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, אַליין גישטעלט פר דעם עמוד אונ׳ האָט אָנגיהויבין צו זאָגין.

וויא ער איז׳ דרצו גיקומין, אַז דאָס בית דין של מעלה האָט גיהייסין ר׳ יוסלי דעם מגידס זאָל צוריק געהן אויף דער וועלט, אונ׳ דיא וואָס זענין מיט איהם גיגאַנגין האָבין איהם גיהייסין אַריין קריכין אין אַ נבלה אַריין,

און׳ דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, האָט גיזעהן, אַז דיא ברדיטשבר דריקערס, וויא זייא האָבין דעם קאָפּוסטער שבחי הבעשט בייא זיך איבערגי-דרוקט, האָבין זייא דאָס נישט אַריין גישטעלט, האָט דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, גישריגין: גיוואַלד, אַז אונזרי לייט קענין אַזוינס טוהן, וואָס זשע זאָלין שוין אונזרי מתנגדים טוהן? דאָ שטעקט דעך אין דעם אינטעריס זעהר הויכי און׳ גרויסי סודות — זאָלין זיך מענשין אונטרשטעהן און׳ אַזוינס אַרויס וואַרפין!

וויא מיר האָבין דעם שבחי הבעשט גאַנץ אויסגיזאָגט, האָבין מיר דיא דרייא בוטעלקיס בראָנפין ווידער גישטעלט אויף דעם טיש, דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, האָט גיהייסין דרלאַנגין דעם זילבערנים בעכיר און׳ האָט איהם אָנגיגאָסין פיל מיט דעם אויג און׳ האָט פריהר אַליין אַטרונק גיטוהן, אַזוי מעהר וויא דיא העלפט, און׳ דרנאָך האָט ער אונז אויס דעם בעכיר גיגעבין צו טרינקין.

וויא דער גאַנציר עולם איז׳ זיך צו גאַנגין און׳ איך בין נור אַליין גיבליבין בייאם רבין, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, איך זאָל איהם בעדינין, און׳ דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, איז׳ זיך אין זיין חדר אַריין גיגאַנגין אָברוהן, און׳ איך האָב איהם דיא זופּצי אויסגיטוהן און׳ דיא שיך אַראָבגיצויגין, און׳ ער האָט זיך צוגעלעגט אויף דער קנאַפּע, האָב איך איהם גיפרעגט: וואָס איז׳ דאָס אַזוינס גיוועו, וואָס ער האָט גיזעהן?

האָט ער מיר גיזאָגט: ער האָט גיזעהן איין אַלטין מאַן, וואָס איז׳ זיך בייא זיך אין דרהיים גיזעסין און׳ האָט פאַר זיך גיהאַט ליגין דעם ליקוטי מוהרן און׳ נאָך אַנדרי אַזוֹיני הייליגי ספרים פון אמתי צדיקים. איז׳ גיגאַנגין דער אַלטיר און׳ האָט גינעהמין עפּיס אַ דקדוק ספר און׳ האָט עס אַרויף גי-לעגט אויף דיא הייליגי ספרים. מילא פין דעם קענסט דוא זעהן, וויא ווייט דיא אינטערעסין געהן. זייא גיזונד.

## סא. פין ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך בין דיר מודיע אין גרויס איילעניש, אַז מיר האָבין אַ גרויסי האָפ-נונג, אַז אונזר פריץ זאָל זיך איברקעהרין און׳ זאָל ווערין אונזר פריינד.

איך האָב דיר שוין גישריבין, אַז פין דענצמאָהל אָן וויא דער סלאָ-בודשיקר פריץ האָט גילייענט דאָס בוך, איז ער אונז גיוואָרין אַ שונא, און׳ מיר האָבין זיך שוין אויף איהם מעהר נישט גיקענט סומך זיין. מילא, וואָס איז׳, לאָזט זיך שוין פין דעסטוועגין איפשר דיא וועלט אויס? אַודאי נישט. אין דעם רבונס זכות מוז דעך אַודאי פריידה ר׳ אייזיקס, וואָס איז׳ שוין עטליכי חדשים איין אַלמנה, נאָך דעם מאַנס טאָד מעוברת ווערין, און׳ דרפין ווייסט

נאָך קיין מענש, נור דער פריץ אונזרר מוז וויסין, וואָרין מן הסתם איז זיא דעך פון איהם מעוברת.

האָט זיא זיך נישט גיוויסט קיין עצה צו געבין אונ׳ האָט זיך מיר פערטרויעט, אונ׳ האָט מיך גיבעטין, איך זאָל איהר בעהילפליך זיין, זיא זאָל קודם לכל דאָס קינד נישט האָבין ביי אונז אין שטאָד, וואָרין דיא בושה פר איהר משפחה וועט גאָר נישט זיין צום אויסהאַלטין.

האָב איך איהר איין עצה גיגעבין, זיא זאָל זיך מאַכין קראַנק אונ׳ זאָל זאָגין, זיא וויל פאָהרין צום רבין דעם צדיק, דאָס וועט איהר דיא משפחה מן הסתם בודאי נישט פרוועהרין, אונ׳ דאָרט וועסט דוא שוין זעהן, זיא זאָל איברקומין שטילרהייד ביא איינים פין אונזרי לייט, קיין מענש זאָל וויסין. מילא נישט גינוג אונזר פריץ וועט אונז דרפר צאָהלין וויא פיל מיר וועלין נור אַליין וועלין, וועט ער פאַק נאָך מוזין אָנהעבין מיט אונז צו האַלטין, מיר זאָלין דעם סוד נישט אויסזאָגין, וואָס ער קען קומין דורך דעם צו גרויסי חרפות אונ׳ בושות.

אונ׳ ממה נפשך: וועלין מיר זעהן, אַז ער איז׳ טאַקי ווייטר אַקעגין אונז אַכלב, וועלין מיר אויסזאָגין דעם גאַנצין אינטעריס, וועט ער פרשוואַרצט ווערין מיט אַ שטייגר. קודם לכל וועט מען איהם אַוועק נעהמין דאָס וויצעגובערנאַטערסטווע, וואָרין ביא זייא איז׳ דאָס אַשרעקליכי עבירה מיט אַ יודיני אַ קינד צו האָבין, וואָס דאָס קינד בלייבט צישין יודין. עהדער פריידה וועט פאָהרין צו אייך, וועל איך נאָך מיט איהר שמיסין, אונ׳ אַז איך וועל פרשטעהן, עס איז׳ בעסיר מיט יעקל רופא דרפין אַ שמיס צו טוהן, וועל איך מיך מיט איהם זעהן, ער זאָל איהר עפיס געבין, זיא זאָל דאָס שלימזל פטור ווערין. דאָס וועט בייאם פריץ נאָך מעהר אָנגילעגט זיין.

וויא גיפעלט דיר דער גאַנציר אינטעריס? אַזוי אַנס ווייס איך נישט אָב עס איז׳ גישעהן זייט דיא וועלט שטעהט. דאָס זעהט מען דעם רבינס שטיקליך. עטץ האָט דעך איהם אַלץ נאָך גאָר נישט גיזאָגט, מילא ווייסט ער פון דעם גאַנצין אינטעריס נישט, אונ׳ עס טוהט זיך פאָרט איבר זאַכין, וואָס זענין נישט גיהערט גיוואָרין זייט דיא וועלט שטעהט.

## סב. פין ר׳ זעליג לעטיטשי- בער צום קאלניר רב

שוין אַלאַנגי צייט, אַז איך האָב אייך קיין חידושים גישריבין, חאָטשי בייא אונז האָבין מיר אַלי טאָג אונ׳ אַלי שעה חידושים, וואָס דער רבי, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, בעווייזט, גרויסי אינטערעסין גאָר אָהן איין עק. מיר זעהן פון איהם מיליאָנין מופתים, וואָס זענין גאָר קיין פשטות נישט, איך בין

אָבער אַזוי שטאַרק אַטרוד גיווען, אַז איך האָב אַפילו קיין צייט גיהאַט מיך צו קראַטצין.

אַלי טאָג קומין אורחים צום רבין זאָל לעבין אַפילו פין זעהר ווייט אָהן צאָהל און אָהן מספר יודין, להבדיל גוים, וואָליכין אונ׳ נאָך טויזענד אַנדרי, וואָס איז׳ זיך גאָרנישט צום אָנגידענקין, אונ׳ איטליכר האָט עפּיס איין אַנדר עסק צום רבין זאָל לעבין, אַז איך ווייס אַזשע צו צייטין אַליין נישט, וויא מיר דער קאָפּף שטעהט. דאָ מוז איך אָבפּילווען, עס זאָל קיינער צום רבין זאָל לעבין אַריין געהן, סיידין דער רבי זאָל לעבין הייסט. דאָ מוז איך מיט אַטהייל אורחים פריהר רעדין, עהדער זייא געהן צום רבין זאָל לעבין. צו אַטהייל אורחים ווידער מוס איך אין זייערי גאַספּאַדיס געהן, איך זאָל זייא דאָס זאָגין, וואָס דער רבי זאָל לעבין הייסט זייא זאָגין.

אונ׳ חוץ דעם אַלעם האָב איך זעהר פיל צו טוהן. דאָס מוז איך דעם רבין זאָל לעבין בעדינין, דאָ מוז איך מיט איהם פון אַזויגי עסקים שמיסין, וואָס מענשין בעטין מיך איך זאָל מיט איהם דרפין שמיסין, אונ׳ דעסגלייכין.

קענט איהר אַליין פרשטעהן, אַז עס איז׳ מיר אונמעגליך גיווען, איך זאָל אייך שרייבין. נור איצט האָט דער רבי זאָל לעבין התבודדות אין זיין התבודדות שטיבל. אונ׳ זיין שטייגר איז׳, אַז ער האָט התבודדות, טוהר קיין מענש צו איהם אין שטיבל אַריין נישט קומין, אַפילו איך אויך נישט, סיידין ער רופט מיך. וויל איך איצט מיין וואָרט האַלטין, וואָס איך האָב אייך צו־גיזאָגט אַז איהר זענט גיווען בייאם רבין זאָל לעבין אויף ימים נוראים, איך זאָל אייך אַלי מאָהל שרייבין פין דאַנין.

קודם כל דבר בין איך אייך מודיע, אַז דער רבי זאָל לעבין האָט אייך משונה ליעב. ווען ער דאַבינט פר דעם עמוד, נעהמט ער תמיד דאָס פּושקילי וואָס ער האָט פון אייך. אונ׳ אַלי שבתות צו נאַכט נאָך הבדלה, אַז ער געהט זיך אין שטיב אַרום אַהין אונ׳ אַהער אונ׳ זינגט זמירות, איז׳ נישט גיפעהלט, הענגט איהם אייער טשאמביר איבר דיא פּלעטציס. אונ׳ אַז איך גידענק נור אייער נאָמין, פרעגט ער מיך תמיד, אָב איך האָב פון אייך אַ בריבל גיהאַט.

יענע וואָך, וויא אייער מחותן ר׳ אברהם שאטצער וואָס איהר האָט איהם מקרב גיווען צום רבין זאָל לעבין האָט מיר אייער בריבל גיבראַכט, האָב איך דעם רבין זאָל לעבין דרצעהלט וואָס איהר שרייבט מיר, האָט ער גרויס תענוג גיהאַט. אונ׳ אַז אייער מחותן האָט איהם גיפרעגט אום איין עצה אין זיין עסק אונ׳ האָט איהם גיגעבין שען געלד אויף אַ פּדיון, האָט איהם דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט, עס וועט אַודאי אַלצדינג רעכט זיין, וואָרין דיין מחותן האָט פר דיר ממליץ גיווען.

דרנאָך וויא אייער מחותן איז׳ אַוועקגיגאַנגין אונ׳ איך האָב גיזעהן, אַז דער רבי זאָל לעבין איז׳ זעהר אויפגיהויבין, האָב איך איהם דרצעהלט, אַז איהר בעט מיך, איך זאָל אייך עפּיס תורה שרייבין פון דער תורה וואָס ער איז׳ מחדש. האָט ער מיר גיזאָגט, ער פּאַזוואָליט מיר, איך זאָל אייך שרייבין,

כדי איהר זאָלט בייא אייך אויף דעם שלש סעודות דיא תורה פון זיינט וועגין נאָך זאָגין. בפירוש האָט ער אָבער גיזאָגט, נור אייך צו שרייבין פאזוואָליט ער, נישט אָבער איין אַנדערן. אי דאָס זאָל איך אייך נור שרייבין פרישי תורה, וואָס איז׳ נאָך נישט אַלט אַוואָך.

עלטרי טוהר איך אפילו אייך אויך נישט שרייבין, איך זאָל נישט קאַלי׳ מאַכין דעם אינטעריס. אונ׳ דאָס ווייסט איהר דעך אַודאי פין דער מעשה מיט דעם שד, וואָס איינר האָט דעם בעשטס תורה גישריבין אָהן זיין רשות (א). מילא וועט איהר מיר נישט פראיבל האָבין, אַז איך וועל אייך נישט אַזוי אָפט קענין שרייבין דעם רבינס תורה, וואָרין אַז איך פרדרעה מיך נור אַ וואָך, טוהר איך שוין דרנאָך די פריהרידיגי תורה נישט שרייבין, חאָטשי עס וועט זיך מיר דאַכטין, דיא תורה וועט אייך אין דרהיים משונה צו נוטץ קומין.

אונ׳ מחמת דער רבי זאָל לעבין האָט מיר אָנגיזאָגט, איך זאָל גוט השגחה געבין אויף דיא טעמים פין יודישי מנהגים וואָס ער זאָגט צו צייטין, וואָרין אין פלוק דאַכט זיך, דיא טעמים וואָס ער זאָגט זענין פשוטי זאַכין, עס שטעקט אין זייא ניט פיעל. דער רבי זאָל לעבין האָט אָבער גיזאָגט, דיא טעמים זענין גאָר קיין קאַטאָוויס נישט; עס שטעקט אין זייא פרבאָרגני אונ׳ זעהר טיעפי זאַכין, אונ נישט איטליכר האָט דיא זכייה זייא צו פרשטעהן.

אונ׳ זינט דער רבי זאָל לעבין האָט מיר דאָס גיזאָגט, זעה איך טאַקי אַלי מאָהל מעהר אונ׳ מעהר אַז דיא טעמים זענין עפיס אַזוינס וואָס עס איז׳ נאָך נישט גיהערט גיוואָרן זונט דיא וועלט שטעהט. זייא זענין בוקע רקיעים, אונ׳ נישט איטליכר מוח קען זייא דרטראָגין.

איך וויל אייך איצט אַפּאָר טעמים שרייבין, וואָס דער רבי זאָל לעבין האָט ערשט יענעם שבת גיזאָגט, נור זעהר בקיצור וועל איך זייא אייך שרייבין, דאָס שפריכוואָרט זאָגט, אַ קלוגין איז׳ גענוג אַ ווינק.

דאָס וואָס דער מאַרשליק איבערשלוגט דיא דרשה דעם חתן אויף דער חתונה איז׳ פון דעם שטייגר, וואָס משה רבינו האָט דיא לוחות צעבראָכין (ב). וואָס מען בעוואַרפט דעם חתן צים באַדעקענס מיט האָפּען איז׳ אין דעם שטייגר, וויא עס שטעהט אין פסוק: וויא אַהין דער ווינד האָט גיוועהיט, אַהין זענין גיגאַנגין דיא רעדיר. דיא רעדיר הייסין אין פסוק אויף לשון הקודש האופנים, דאָס זענין דיא אותיות פין האָפּען, אונ׳ אַ חתן איז׳ אַ שטייגר פון אַ ווינד (ג). דיא פּריסידקוס וואָס מען טאַנצט זענין אין דעם שטייגר וויא עס שטעהט אין פסוק: איך וועל מיט דיר אַראָב געהן קיין מצרים אונ׳ וועל ווידער מיט דיר אַרויף געהן (ד). פרשטעהט איהר, וואָרין בייאם טאַנצין פריסידקיס זעצט מען זיך אַראָב אונ׳ האַפּט זיך ווידער אויף.

דרווייל האָט איהר דאַכט זיך מיר גינוג מיט דיא עטליכי טעמים. אין קורצען וועל איך אייך אי״ה נאָך ברייטערי תורה פין דעם רבין זאָל לעבין שרייבין, וואָרין דער רבי זאָל לעבין האָט מיר פאזוואָליט, איך זאָל אָנהעבין

אויף צו שרייבין זיין תורה, זיא זאָל בלייבין אויף דורי דורות אונ׳ אַז איך וועל דיא זכייה האָבין גיוואָהר צו ווערין דעם טעם פין דיא איציגי התבודדות וואָס דער רבי זאָל לעבין האָט, וועל איך אייך אויך מודיע זיין. איך בעט מיר צי שרייבין אָפט וואָס מען הערט נייאס בייא אייך בפרט פין מענדל באַרער וואָס איז׳ חשוב בייאם דישפאליר שווינדליר אָב ער בעקומט מענשין פר זיין שווינדלער בייא אייך אין שטאָד.

## סג. פין דעם קאלניר רב
## צי ר׳ זעליג לעטיטשיבער

אייער ליעבן בריב האָב איך מקבל גיוועזן, און איך האָב גרויס תענוג גיהאַט, וואָס איך האָב גיהערט פון דעם רבינס גיזונד אונ׳ פון אייער גיזונד גאָט זאָל געבין איך זאָל תמיד הערין פין אייך בשורות טובות ביז משיח וועט קומין אמן סלה ועד (א). דורך דעם מוכ״ז שיק איך אַ לאַנגין טירקישין ציביך מיט אַ בורשטיינינעם מושטיק, וואָס אַהיגער סוחר האָט מיר גיבראַכט פון יאַס, איך בעט דעם צוביך מיט דעם מושטיק דעם רבין דעם צדיק זאָל לעבין צו געבין. עס איז׳ אַשעניר אינטעריס, איך האָב היא גיפרעגט מבינים האָט מען זייא גישאַצט צעהן רענדליך פר אַמציאה. דער סוחר וואָס האָט מיר זייא גיבראַכט וועט אין קורצין זיין בייאם רבין דעם צדיק זאָל לעבין, ער זאָל איהם פרעגין אום איין עצה מכח דיא חובות וואָס ער איז אין יאַס שולדיג גיבליבין יודין אונ׳ וואָליכין להבדיל קרוב צו דרייא טויזינד רענדליך באַטרעפט עס, אונ׳ ווען ער זאָל דיא חובות בעצאָהלין בלייבט איהם נישט אַגראָשין איבריג, אונ׳ ער איז׳ אַפיינר מענש, אסטאָוועגאגע אונ׳ דרצו אַירא שמים, איין עבירה אַזוינר זאָל בלייבין אָהן געלד. ער האָט גיוואָלט תיכף פאָהרין, נור לע״ע קען ער נאָך נישט אַוועק פין דרהיים. ער וועט אָבער באַלד אי״ה פאָהרין צי אייך אונ׳ וועט ברענגין דעם רבין דעם צדיק זאָל לעבין טהייערי יאַסיר סחורות, אונ׳ חוץ דעם וועט ער געבין אויף אַפדיון וויא איהם אנשטעהט.

דיא טעמים פין דיא מנהגים וואָס איהר האָט מיר גישריבין, האָבין מיך גאָר דרקוויקט, אַזוינס האָב איך נאָך נישט גיהערט, זונט איך לעב, מען זעהט אַז דיא תורה איז׳ טאַקי אין הימעל אָנגישריבין גיוואָרן נור פין דעם רבינס וועגען דיא וועלט זאָל זעהן זיין גרויסקייט. איך בעט אייך איהר זאָלט מיר אָפט אַזוי אַתורה שרייבין וואָס דער רבי זאָל לעבין וועט זאָגין. פון אייערטוועגין שיק איך אַטירקישין טלית קטן זעהר אַ וואָהלין וואָס איך האָב בעקומין פין יאַס, איך בעט אייך איהם צי נעהמין אונ׳ צו האַלטען פר איין איינדענקעניש פין מיר אייער פריינד.

עיקר שכחתי. מענדל בארער דעם דישפאלער ליגנירס מענש אַרבייט

אויף אַלי זאַסטאַוועקיס דעם היגין עולם צו ברענגין אונטער דיא פליגל פון זיין ליגניר. פון דעסטוועגין אָבער זאָלט איהר אייך גאָרנישט זאָרגין, ער וועט גאָר נישט פועלין, וואָרין כמעט דער גאַנצער עולם היא הערין מיך צו ב"ה אין אַלעם אונ' וועלין זיך אָהן מיר נישט רוהרען. גם זאָלט איהר וויסין, אַז פראַכטטאָגין פרייאַטאָג איז דער קאוונער רב, וואָס איז' גיוועזן פון דעם דישפאליר ליגנירס לייט, גישטאָרבין, אונ' מיינס אַגוטער פריינד האָט מיר גישריבין, אַז אַטהייל נגידים דאָרט וואָס זענין פין דעם רבינס לייט ווילין האָבין, איך זאָל דאָרט רב ווערין. נור אָהן דעם רבינס דעה וויל איך נישט טוהן דאָס מינדעסטע, וואָרין איך וויס, אַז דעם דישפאליר ליגנירס לייט וועלין זיך לעגין אין דער לענג אונ' אין דער ברייט, זאָלין מיך נישט צו־לאָזין צו דעם רבנות. נור אַז דער רבי זאָל לעבין וועט מסכים זיין, איז' עס אַודאי פין גאָט, וועט מן הסתם רעכט זיין.

## סד. פין ר' חיים גבריאל אין קאוועז
## צו ר' יעקל פולנאער אין דישפאל

איך בין דיר מודיע, אַז פראַכטטאָגין פרייאַטאָג איז' דער היגער רב גישטאָרבין אונ' איך האָב גיוואָהר גיוואָרן, אַז דער קאלניר רב פין דעם זאליניר ליגנירס לייט האָט גרויס חשק בייא אונז רב צו ווערין, אונ' האָט שוין אַפילו מכח דעם צו זייני פריינד אַהער גישריבין אונ' דיא לייט האָבין שוין אָנגיהויבין צו אַרבייטין דורך דעם היעגען פאָדראַטשיק קלמן ביסינגער, וואָס איז אַ גרויסר חשוב אין דער גובערני', אונ' אויך מיט אַנדרי היעגי נגידים האָבין זייא שוין גישמיסט. מיר שלאָפין אָבער אויך נישט אונ' טוהן דאָס אונזריגי'.

דרוויל האָבין מיר ב"ה אויף אונזר זייט חיילה דעם פודראַטשיקס ווייב, וואָרין איהר בן יחיד האָבין מיר בעקומין. ער איז' פין דעם רבינס לייט, ער איז' אַ גוט קינד אונ' איז' בייא דער מיטער דאָס רעכטי אויג אין קאָפף. האָט ער דיא מוטער אַזוי לאַנג גיקופעלט ביז זיא האָט איהם צוגי־זאָגט, זיא זאָל בייאם פאָטיר פועלן, ער זאָל זיין אויף אונזר זייט. איך האָף, דער בן־יחיד וועט טוהן פין אונזרט וועגין וואָס מען וועט נור אַליין וועלין, וואָרין צום אמת איז ער נאָך גאָר אַ קינד אונ' האָט אין מילי דעלמא גאָר קיין שכל נישט אונ' ווייסט נאָך נישט וואָס ער זאָל יוא וועלין אונ' וואָס נישט. איז' אַכלל, וואָס מיר זאָגין איהם פיר פון דעם רבינס וועגין, דאָס וויל ער אונ' דאָס טוהט ער.

איך האָב שוין לאַנג אַקוק גיגעבין, אַז דאָס יונגלי קען אונז משונה צו נוטץ קומין, האָב איך מיך פרלעגט דעם קליינעם צו בעקומין. איך האָב אָבער גינוג צו טוהן גיהאַט ביז איך האָב איהם בעקומין, וואָרין ער איז'

געווען אַלמדן אונ' האָט גאָר געהאַנגען אָן דעם הייגען מיכל דיין, וואָס ער האָט טאַקע ביי איהם געלערנט.

מילא וואָס זאָל איך דיר זאָגען, וואָס איך האָב איבערגעטוהן דעם קליינען צו בעקומען, איז' אַלץ אומזיסט געווען. איינמאָהל בין איך געפאַלען אויף אַהמצאה. ליבלי חמעלניקר, דעם קליינימס אַ קרוב, איז גראָד געהאַט געקומען פון דעם רבין. ער האָט דאָרט שבת געהאַלטען. האָב איך געהייסען ליבלי זאָל דעם בן יחיד דרצעהלען, אַז צום שלש סעודות, וויא ער איז' געווען בייאם רבין, האָט דער רבי זאָל לעבען אין מוטין שלש סעודות תורה דעם קאָפּף אַנידר געלעגט אויף דעם טיש אונ' איז' אַזוי געלעגען אַקעגען איין פירטיל שעה, דרנאָך האָט ער פליטצלינג אויפגעהויבען דעם קאָפּף אונ' האָט אַ גרויסין געשריא געטוהן: אלי' בן חייה אין קאוון האָט אַ נייע נשמה אונ' זעהר אַ הויכי אונ' איך זעה אויף איהם אַ גרויס אור לייכטין.

ליבלי חמעלניקער האָט דאָס דעם בן יחיד דרצעהלט, אונ' פון דער צייט אָן האָט דער בן יחיד אָנגעהויבען מיט אונז צו האַלטען אונ' אַלי טאָג זיך מעהר צו אונז מקרב צו זיין; אונ' איך האָב אויך געזעהן, איך זאָל איהם אַלי מאָהל מעהר צו אונז צוציהען, אונ' ער וועט אונז תמיד צו אונזרי עסקים זעהר פיל קענען נוטצין.

פראַכטטאָגין האָב איך איהם געגעבין דאָס הייליגי ספר שבחי הבעשט. וויא ער האָט איהם געלייאענט, האָט ער מיך געבעטין, איך זאָל פון זיינטוועגין זעהן צו בעקומין אַטהייל זאַכין וואָס אין דעם הייליגין ספר שטעהן, וואָרין ער העט זעהר גערן געהאַט אַזאַלכי טהייערי אונ' הייליגי זאַכין, וואָס נישט איטליכר קען צו זייא קומין. אונ' ער וויל אויף זייא שפענדיר'ן אַיאַם געלד, אַבי' ער זאָל זייא בעקומין.

בייא איהם איז' געלד קיין זאַך נישט, וואָרין דער פאָטיר זיינר איז' משונה רייך, געלד איז' בייא איהם דאָ וויא מיסט. איך האָב איהם געזאָגט, מיר דאַכט זיך בייאם רבין זאָל מאריך ימים זיין מוזין זיך אַזויני זאַכין אודאי געפונין, ווייל ער איז' אַ לייבליך ענקיל פון דעם בעשט; אונ' בייאם רבינס גולדינר משפחה מוזין אויך זיין אַ יאַם זאַכין, דיא וועט דער רבי זאָל לעבין בייא זייא קענין נעהמין. אונ' אַפילו אַזויני זאַכין וואָס ליגין נאָך גאָר פרבאָרגין אונ' האָבין דיא וועלט נישט געזעהן, אַז דער רבי זאָל מאריך ימים זיין] וועט נור וועלין, וועט ער זייא בעקומין.

מיינע ווערטיר זענין איהם איינגעגאַנגין, אונ' ער האָט מיר אַ צעטיל איבערגעגעבין פון דיא זאַכין, וואָס ער האָט אַרויסגעשריבין אויס דעם ספר שבחי הבעשט, וואָס ער וויל זייא האָבין. על כן האָב איך דרוייל עטליכי זאַכין אויס דעם צעטיל אַרויס געשריבין, זאָלסט זעהן צו טוהן וואָס מעגליך איזט זייא צו בעקומין אונ' מיר אַהער צו שיקין.

דיא זאַכין זענין:

דער געטר אונ' שטאַרקר שטעקין, וואָס דער בעשט האָט מיט איהם

(נאָך אַז ער איז׳ גיוועזן אַבהעלפיר) דעם וואיקאלאק גיהרגת, אונ׳ אַז נישט דעם גאַנצין שטעקין, לאָז זיין חאָטשי אַ שטיק אָדער אַ שפענדיל פין איהם (א).

אַביסלי אַש פין דער אקאפיר שריפה, וואָס זיא איז׳ גיוועזן דורך דעם שר של אש, ווער שמיסט אַ האָלאָווני פין דער שריפה איז׳ אַודאי בעסיר (ב).

דאָס קירצי פעלצילֿ אונ׳ דעם ברייטין ריעמנעם גאַרטיל, וואָס דער בעשט איז׳ אין זייא גיוועזן אָנגיטוהן, אַז ער איז׳ גיקומן צו ר׳ גרשון קוטיבר (ג).

דיא האַק אָדער חאָטשי דיא טאָפּאָריסקי פין איהר, וואָס דער גזלן האָט מיט איהר גיוואָלט הרגנין דעם בעשט, אונ׳ ווען אויף איהר איז׳ נאָך דאָ אַביסל בליט פין דעם גזלן, איז׳ אַודאי גוט (ד).

אַביסל פעדערין פין דעם בעטגיוואַנד, וואָס דער בעשט האָט דרויף מיט דעם ווייב אין איינעם גישלאָפין דענצמאָהל, אַז ר׳ גרשון קוטיברס אַ תלמוד האָט בייא איהם שבת גיהאַלטין; ווער שמוסט אַ גאַנץ קישין העט בודאי זעהר פיין גיוועזן (ה).

אַנאָגיל פין ר׳ סענדר שוחטס נעגיל, וואָס זענין איהם פין דיא פינגיר אַראָב גיפאַלין דענצמאָהל וויא ער האָט דעם רוח אַפּאַטש גיגעבין (ו).

אַ שטיקל ביליעה פין דעם בעשט׳ס זיפצע, וואָס זיין ווייב דיא צדקת זכרונה לברכה האָט איהם גימאַכט פין דעם געלד, וואָס זיא האָט גילעזט פר דיא מאַרדערני פעליכר, וואָס זיא האָט בעקומין פין אַ קאַראוואַני. ווער שמיסט אַ שטיקל ביליעה פין דער צדקת קלייד אַליין, איז׳ אַודאי זעהר וואָהל (ז).

עטליכי זערניס תבואה פין דער תבואה, וואָס איז׳ גילעגין אין פעסיר, אונ׳ וויא דער בעש״ט האָט דאָרט גידאַבינט, האָבין זייא אָנגיהויבין צו ציטערן. אַ גאַנץ פאַס מיט דער תבואה איז׳ אַודאי בעסיר (ח).

אַ שטיקל פין דעם זייגר, וואָס דער בעשט האָט זיך גישטעלט דענצמאָהל פררעכטין וויא מתים האָבין אָנגיהויבין צו געהן טשערידיס ווייז צו ר׳ גרשון קוטיבער, ער זאָל זייא העלפין דורך דיא כוונות וואָס דער בעשט האָט איהם אויסגילערנט (ט).

אַביסל אַש פין דער שאַריגראָדר שריפה, וואָס זיא האָט גיזאָלט דיא גאַנצי שטאָד איברקעהרן אויף איינמאָהל, נור דער בעשט האָט נישט דרלאָזט אונ׳ האָט אַ פשרה גימאַכט, מען זאָל דיא שריפה אָבלעגין אויף צוואַנציג יאָהר. אַלי יאָהר זאָל אַ שריפה זיין, ביז אין צוואַנציג יאָהר זאָל דיא גאַנצי שטאָד זיין אָבגיברענט איינציג ווייס (יוד).

באַם בייאַם רבין זאָל לעבין וועלין זיך דיא זאַכין נישט גיפינין, זאָלסט דוא מיר מודיע זיין, וועל איך דיר אויס דעם צעטיל אַרויס, וואָס איך האָב פין דעם בן יחיד, אַנדרי זאַכין אַרויסשרייבין. איפשר ווערסט דוא פין דיא זאַכין אַטהייל קענין בעקומין.

## סה. פין ר׳ יעקל פולנאער צו ר׳ חיים גבריאל

דיין בריבל האָב איך מקבל געווען און׳ האָב מיט דעם רבין זאָל לעבין גישמיסט מכח אייער רבנות, האָט ער מיר גיהייסין דיר שרייבין, איהר זאָלט טוהן וואָס מעגליך איז׳, עס זאָל אייך קיין שום זאַך צו שווער זיין, דער קאַלניר זאָל נישט ווערין בייא אייך רב, און׳ האָט אייך גיהייסין זאָגין איהר זאָלט זעכיר זיין, אַז עס וועט נישט אַזוי זיין וויא דער קאַלניר וויל. דער רבי זאָל לעבין האָט דאָס אויך גיהייסין שרייבין צו אַלי זייני לייט דאָרט, זיא זאָלין אַרבייטין וואָס זייא קענין אַקעגין דעם קאַלניר, וואָרין דער רבי זאָל לעבין האָט בפירוש גיזאָגט, אַז דער קאַלניר איז׳ פין דיא וואָס הייסין בעלי ראתן (א) און׳ זענין דיא יידישי שדים (ב). אַז מיר ווענין פין היא אין דעם אינטעריס דאָס אונזריגי טוהן, האָסטו דוא נישט מסופק צו זיין.

איך האָב אויך דעם רבין זאָל לעבין דרצעהלט פין אַלי׳ דעם פודראַטשיקס בן יחיד, וואָס דיא האָסט איהם גיבראַכט אונטר דעם רבינס פליגיל. האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט, דער בן יחיד וועט פיל קענין פועלן דורך זיין מיטר. נור ער האָט גיזאָגט, מען מוז זעהן צו טוהן וואָס צו טוהן, מען זאָל [איהם] אָברייסין פין דעם דיין מיכל כהנא וואָס ער האָט גילערנט בייא איהם, וואָרין דער דיין איז׳ אויך פין דיא יידישי שדים, און׳ די קליפה קען בשום אופן נישט ליידין אַפילו נור דעם ריח פון דער קדושה, וועט ער אַודאי נישט דרלאָזין, אַז דער בן יחיד זאָל זיין פין אונזר זייט.

מכח דיא זאַכין וואָס דוא האָסט מיר גישריבין איך זאָל דיר שיקין פר דעם בן יחיד, איז׳ איצט נישט דיא צייט דרצו, וואָרין איצט, אַז מיר דאַרפין זיינר מכח דעם רבנות, וועסט דוא בייא איהם פר דיא זאַכין נישט קענין נעהמין געלד. איבר דעם מוז מען מיט דיא זאַכין וואַרטין ביז עס וועט איין עק זיין מיט דעם רבנות, ווענין מיר קענין דרנאָך בייא איהם אַיאָם געלד נעהמין פר דיא זאַכין וואָס ער וויל האָבין. נור פין דעסטוועגין, אַז דוא ווערסט זעהן, מען מוז איהם עפיס פין דיא זאַכין געבין איצט שוין, שרייב מיר, וועל איך איהם זעהן דרוויל עפיס צו שיקין. שרייב מיר אָבער נאָך זאַכין אויס דעם צעטיל אַרויס וואָס ער האָט דיר גיגעבין. איפשר וועל איך פין יענע געכיר עפיס קענין בעקומין.

מכח אייער רבנות האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט, כדי מען זאָל קענין דעם עסק געכיר איין עק מאַכין, זאָל מען זעהן ר׳ שמערל ר׳ יעקב ליב׳ס איידעם בייא אייך אויפצונעהמין. דער רבי זאָל לעבין האָט בפירוש גיזאָגט, חאָטשי ר׳ שמערל האָט שוין גיהאַט אויף זיך כמה אינטערעסין פין גנבות און׳ פין ניאוף, האָט ער פאָרט אַ הויכי נשמה און׳ וועט פר אונז גוט זיין. און׳ מיר זעהן טאַקי בחוש, אַז ר׳ שמערל איז׳ קיין קליינקייט

נישט. עפּיס אומזיסט איז׳ איהם דער רבי זאָל לעבין אַזוי שטאַרק מקרב? אונ׳ דרצו איז זיין שוועהר זעהר אַ גרויסר עושר אונ׳ איז׳ זיך אַ גלאַטיר פּראָס־טאַק, איז׳ חשוב בייא אַלי סאַנדיס. איך האָב אַפּילו שוין מכח דעם עסק צו ר׳ שמערל גישריבין פין דעם רבינס וועגין, אַז דער רבי זאָל לעבין אונ׳ אַלי אונזרע לייט ווילין, ער זאָל ווערן רב. מילא זעה זשע מיט איהם דרפין צו רעדין, ער זאָל דאָס רבנות אָננעהמין.

## סו. פון ר׳ זעליג לעטיטשי־ בער צים קאלניר רב

אייער בריבל האָב איך יענע וואָך דורך מוכ"ז מקבל גיוועזן. דעם צי־בוק מיט דעם בורשטינים מושטיק האָב איך דעם רבין זאָל לעבין פון איי־ערטוועגין איבערגיגעבין, אונ׳ איך זעה בחוש, אַז איהר זענט אַגרויסר בר מזל. וואָרין וויא איך האָב איהם דעם ציבוק מיט דעם מושטיק איבערגיגעבין, איז ער גיוועזן אין גרויס חדוה אונ׳ האָט תיכף גינעהמין דעם ציבוק אונ׳ האָט איהם אַריין גישטעקט אין דער לולקע וואָס ער האָט פון ר׳ משה פעסטיר אונ׳ טאַקי תיכף אויס זייא גירייכירט. ווער דעם רבין זאָל לעבין האָט דענצ־מאָהל נישט גיזעהן אויס אייער ציבוק רייכערן, דער האָט אין זיין לעבין קיין שענס נישט גיזעהן.

וויא ער האָט אַזוי מיט גרויס דביקות אויס אייער ציבוק קעגין אַפּירטיל שעה גירייכירט, האָט ער מיך גיפרעגט: וואָס שרייבט דער קאלניר רב? האָב איך איהם אַלצדינג גיזאָגט וואָס איהר שרייבט. אויך מכח דעם קאוונער רבנות האָב איך איהם גיזאָגט, אַז איהר ווילט אָהן זיין דעה דאָס רבנות נישט אָננעהמין, האָט ער דרויף אַקעגין פינף מינוט גישוויגין, דרנאָך האָט ער מיר גיהייסין שרי־בין צו אונזרי לייט אין קאוון, זייא זאָלין מכח דעם עסק שמיסין מיט דעם פודראַטשיק ר׳ קלמן ביסינגיר. איך האָב אויך תיכף צו זייא גישריבין אונ׳ האָב שוין אַפּילו אַ גוטי תשובה דרהאַלטין. אונ׳ וויא איך האָב דעם רבין זאָל לעבין גיזאָגט, אַז דער פודראַטשיק האָט אונזרי לייט צוגיזאָגט אין דער גו־בערני פר אייך דאָס רבנות אויסצואַרבייטין, האָט דער רבי זאָל לעבין אַביסל גישוויגין אונ׳ דרנאָך האָט ער זיך אָנגירופין: איך האָב נור גיהייסין מען זאָל מיט דעם פודראַטשיק שמיסין, וואָרין מען האָט אַזוי בעדאַרפט. אָבער בייא דער גובערני צו אַרבייטין דאַרף מען גאָר נישט אַזוי גינעטהיג.

איך בין אייך דאָס אַלץ מודיע, כדי איהר זאָלט וויסין, וואָס עס טוהט זיך.

פר דעם טלית קטן וואָס איהר האָט מיר גישיקט דאַנק איך אייך. ער איז׳ זעהר פיין.

## סז. פון ר׳ חיים גבריאל
## צו ר׳ יעקל פולנאיר

ווי איך האָב דרהאַלטין דיין בריבל האָט איך מיך זעהר גיפרייעט גלייך איך העט איין אוצר גיפונין, וואָס איך האָב גיוואָהר גיוואָרין, אַז דער רבי זאָל מאריך ימים זיין רופט דעם קאלנער רב אונ׳ דעם היגין דיין מיכל כהנא יודישי שדים אונ׳ בעלי ראתן. איך קען זייא ביידי ניט ליידין אונ׳ איך בין בטוח, אַז מען וועט דעם קאלניר היא אַודאי נישט אויפנעהמין. נור למען השם זעה מיר חאַטשי עפּיס פין דיא זאַכין פר דעם פודראַטשיקס בן יחיד צו שיקין, וואָרין איך האָב אַ קלאָהרי ידועה גיהאַט, אַז דער פודראַטשיק האָט יענעם צד צוגיזאָגט בייא דער גובערני דאָס רבנות פר דעם קאלנער אויסצואַרבייטין אונ׳ אַז דער בן יחיד וועט אונז דורך דער מוטיר זייניר נישט העלפין, וועט אונזר גאַנצי אַרבייט ח״ו גאָר אומזיסט זיין.

מכח ר׳ שמערל׳ין, וואָס דוא האָסט אונז גישריבין, האָבין מיר מיט זיין שוועהר ר׳ יעקב ליב שוין גישמיסט. וואָס העלפט דאָס אָבער,—ער איז׳ זעהר אַ גראָביר יונג אונ׳ זעהר אַספּאָיקויני מענש; זאָגט ער, ער האָט מורא פר דעם אַנדערן צד, עס זאָל דרויס נישט ווערין אַמחלוקת אין שטאָד.

מיר דאַכט זיך אָבער, אַז דאָס איז׳ נישט דער אמתר טעם זייניר. ער האָט נור מורא, דער אינטעריס זאָל איהם נישט געלד קאָסטין, וואָרין ער איז זעהר אַקאַרגיר מענש, אונ׳ אַז מיר וועלין איהם צו זאָגין, מיר זאָלין אַלי הוצאות אויף אונז נעהמין, דאַכט זיך מיר, ער וועט אַודאי מסכים זיין.

אונ׳ לעולם איז הוצאות גאָר קיין זאַך נישט. אונזרי׳ לייט זענין מחויב געלד צו געבין בשמחה רבה, וואָרין דער אינטעריס איז׳ קיין קאַטאָוויס נישט; אונ׳ אָהן געלד בין איך זעהר מסופק מיר זאָלין עס קענין אויספוהרן, ר׳ שמערל זאָל היא רב ווערין; אונ׳ איך וויל מיין מויל נישט צום בעזען עפנין, דער קאלנער וועט צום רבנות ח״ו קומין אונ׳ דער גאַנציר היגיר עולם וועלין ווערין פין דעם זאליניר ליגנירס לייט, אַזוי וויא איצט כמעט גאַנץ קאלנע איז׳ זיין. ע״כ למען השם נישט פויל צו זיין אין דעם עסק אונ׳ צו טוהן וואָס מען בעדאַרף.

עיקר שכחתי. איך שרייב דיר דאָ נאָך זאַכין אויס דעם בן יחידס צע־טיל אַרויס. וואָס איך שרייב דיר נישט אָב דאָס גאַנצי צעטיל איז ווייל דאָס צעטיל איז׳ זעהר משונה גרויס. עס איז׳ בעשריבין אַ בויגין פּאַפּיר פין אַלי זייטין. עס איז׳ פר מיר אַגרויסי טרחה עס אָבצושרייבין, אונ׳ דרצו האָב איך טאָקי קיין צייט אויך נישט. איבערדעם שרייב איך דיר נור אַטהייל זאַכין דרויס אַרויס, היינו:

אַשטיקל פון דער איבערגיקעהרטר ווילטשערי, וואָס דער בעשט איז׳ אין איהר גיזעסין, אַז ער האָט דעם מוכיח גילאָזט ליגין אין בעט צום הויף

גיקויקילט וויא אַ קנויל אונ׳ האָט איהם אויס אַספר אַרויס עפּיס פיר גילייאַנט, אונ׳ דער מוכיח האָט גיהערט קולות משונהנה אונ׳ האָט גיזעהן בליטצען אונ׳ פלאַמען פערכטערליכי, וואָס האָט גידויערט אַקעגין צווייא שעה, וואָרין עס איז׳ דענצמאָהל גיוועזן קבלת התורה, אַזוי וויא אויף דעם באַרג סיני (א).

דעם בעשט קישין, וואָס דער סופר זיינר ר׳ הירש האָט דעם קאָפּף אַריין גישטיפּט דרינין, וויא צווייא שדים זענין אין שטיב אַריין גיקומין אונ׳ האָבין לצנות גימאַכט אויס דעם בעשט אונ׳ האָבין גיזינגין לכה דודי מיט דעם בעשטס ניגון (ב).

אַצווייג פין דעם בוים, וואָס דער בעשט האָט אין איהם אַשד תּפוּס איינגיזעצט; אונ׳ ווען עס זאָל מעגליך זיין אַיאַם צווייגין פין דעם בוים צו בעקומין, מען זאָל אויס זייא קענין מאַכין אַ באָד בעזימל, העט זעהר וואָהל גיוועזן (ג).

אַ שטיקל פין דעם שטעקין, וואָס דער בעשט האָט איהם אַקעגין ר׳ שמערל׳ס ווייב אויפגיהויבין אונ׳ האָט איהר גיזאָגט: זעה דוא זאָלסט האָבין אַ יונגיל, וואָרין אַז ניט וועל איך דיר מיט דעם שטעקין דיא ביינר צרברעכין — וכן הוה (ד).

אַ שטיקל ריעמענדל פין דעם שוך, וואָס דער בעשט האָט גיהייסין אַמת דרמיט שמייסין, אונ׳ דרנאָך זאָל מען האַלטין דעם מת פרשלאָסין אין אַהויז דרייא וואָכין ביז פסח, אונ׳ פסח צום סדר זאָל מען דעם מת זעטצין צו דער הסיבה בעט אונ׳ זאָל איהם אונטרלעהנין מיט קישין, אונ׳ וויא מען האָט דאָס אַלצדינג גיטוהן, איז דער מת בייאם דריטין כּוס פין דיא ארבע כּוסות פון דער הסיבה בעט ענטלאָפין גיוואָרן (ה).

אַ ברעט פין ר׳ משה דעם קוטיבר רב׳ס סטעלי, וואָס מעהאָט אין שטיב גיזעהן חזרים אויף איהר אַרום געהן, וואָרין אַלץ איז׳ דאָרט גיוועזן. איז׳ דער בעשט גיגאַנגין שלאָפין אין דער שטיב וויא דער מוכיח איז׳ גיוועזן אונ׳ פלעגט צו קלאַפין אָן דער וואַנד אונ׳ אָן דיא פענסטער, אונ׳ וויא מען האָט נור גיזאָגט דעם לץ: ישראל בן אליעזר איז׳ דאָ, האָט ער נישט מעהר גישלאָגין (ו).

אַ שטיקל פון דעם שאַט האָלץ, וואָס ר׳ גרשון קוטיבר האָט דר מיט אַזוי לאַנג גישלאָגין אָן דיא טויערין פון דעם בית דין של מעלה, ער זאָל קענין בייא דער פמליא שלמעלה טענין פר דעם בעשט, ביז דיא טויערן האָבין זיך פין דעם שלאָגין טאַקי אויפגימאַכט אונ׳ ר׳ גרשון האָט אַזוי לאַנג גיטעניתּ בייא דער פמליא של מעלה, ביז ער האָט דעם בעש״ט פין דעם טאָד מציל גיוועזן. עס זאָל גימאָלט זיין דאָס גאַנצי שאַטהאָלץ צו בעקומין, העט אַודאי בעסיר גיוועזן (ז).

דעם לייכטר פון דעם צדיק, וואָס דאָס ליכט וואָס האָט אין איהם גיברענט האָט דרצעהלט דעם בעשט, אַז דער צדיק האָט מיט דעם ווייב צו טוהן גיהאַט, אַז דאָס ליכט האָט גיברענט. ווען מען זאָל קענין בעקומין טאַקי דיא שנויץ פין דעם ליכט איז׳ אַודאי בעסיר (ח).

דיא פּאָפּרעטשקי פֿין דעם אדווירעק אין דער קרעטשמי, אַ קלייני מייל ווייט פֿון ברעזני, וואָס זיא האָט זיך מיט דעם גאַנצין געבייא איבר איהר אַליין אויפגיהויבין, כדי דעם בעשט'ס וואָגין זאָל קענין אַריין אין קרעטשמע אַריין. אונ' נאָך צוואַנציג יאָהר האָט ר' אליעזר ברעזניר גיזעהן דיא פּאָפּרעטשקי, איז' זיא נאָך אַלץ גישטאַנין אין דער העך אונ' איז' נישט צוריק אַריין אויף איהר אָרט (ט).

דעם בעשטס לולקע, וואָס ער האָט אויס איהר אויף דעם וועג גירייכערט, אונ' מחמת דער צובוק איז' זעהר לאַנג גיוועזן, האָט דיא לולקע אַרויסגישטעקט אויס דעם וואָגין אַרויס, דרווייל זענין זעלניר פֿרבייא גערייטין אונ' האָבין זיך דיא לולקע צוגינעהמין. אַשעה דרנאָך האָט דער בעשט גיזאָגט צו זיין משרת: שפּאַן אויס אַ פֿערד אונ' לויף נאָך דיא זעלניר אונ' נעהם אָב דיא לולקע. דער משרת האָט אַזוי גיטוהן, אונ' וויא ער האָט דריאָגט דיא זעלניר, האָט ער גיזעהן וויא זייא זיטצין אויף דיא פֿערד אונ' שלאָפֿין, האָט ער צוגינעהמין דיא לולקע אונ' איז' זיך זיין וועג צוריק גיריטען.

## סח. פֿון דעם קאַלנער רב צום דיין מיכל כהנא אין קאָוועןן

עס איז' מיר אַגרויסי תמיה אויף אייך, פֿר וואָס איהר האָט מיר שוין אַזוי אַלאַנגי צייט נישט גישריבין. האָט איהר נישט גיהערט וואָס מיין געגין צד אַרבייט, אַז שמערל יעקב ליבס איידעם זאָל דאָרט ווערן רב? זייא בערוהמין זיך שוין אַפילו, אַז דער גביר ר' קלמן ביסינג'ר דער פּודראַטשיק האָט זייא מבטיח גיוועזן, ער זאָל זייא העלפֿין מיט וואָס עס וועט נור מעגליך זיין.

הגם איך קען ר' קלמנ'ן זעהר גוט און ווייס זיין נאַטיר, אַז עס איז' כמעט אונמעגליך ער זאָל דרויף בעשטעהן אַזוי אַשמערל זאָל רב ווערן, אַמענש וואָס איז' בעקאַנט אויף דער וועלט פֿר אַגנב אונ' פֿר אַנואף, אויף איהם איז' דער פּסוק אין תהלים (קאַפּ' נ' פּסוק ט"ז) גיזאָגט גיוואָרין: וואָס האָסט דוא צו שמיסין פֿין מיין תורה, אַז דוא זעהסט אַגנב פֿיהרסט דוא דיך מיט איהם אַרום אונ' מיט נואפֿים גיבסט דוא דיך אָב. נור, האָב איך מיר גיטראַכט, אויף דער וועלט איז' אַלצדינג מעגליך. אַזויני מעשיות האָבין זיך שוין אין דער וועלט פֿרלאָפֿין. עס איז' מעגליך, דעם דושפּאַלירס לייט האָבין ר' קלמנ'ן פֿרפֿיהרט. לכן בעט איך אייך זעהר, איהר זאָלט מיר שרייבין כד"ש וואָס דאָרט טוהט זיך, כדי איך זאָל וויסין וויא מיך נוהג צו זיין.

איך בין בטוח אין אונזר אַלטער פֿריינדשאַפֿט, אַז איהר וועט אייך מיינר אָננעהמין אונ' וועט אַזריז זיין אין דעם עסק מיט ר' קלמן צו רעדין, ער זאָל זיך פֿון דעם אַנדערן עולם נישט לאָזין פֿרפֿיהרן. איך ווייס, אַייערי ווערטיר זענין בייא איהם חשוב.

איך מוס אייך אויך בעטין, איהר זאָלט מיר נישט פראיבל האָבין וואָס איך האָב מיך אָבגיגעבין צום זאלינער, ער זאָל מיר בעהילפליך זיין אונ' אויך זייני לייט. איהר ווייסט זעהר גוט, אַז דיא לייט זענין איצט בעוה"ר גרויס ביז אין הימל אַריין. אַלמדן איז' בייא זייא אין דיא אויגין וויא אַשפּין, דער המון עם קוקט נור זייא אין מויל אַריין, וואָס זייא זאָגין דאָס איז' גיזאָגט.

אַזוינר וויא איך, אַז ער האָט נישט ערגיץ איין אָנשפּאַרינגיש אָן אַרבין, קען ער קיין קיום האָבין אונ' קען טאָקי ממש פר הונגיר שטאַרבין, אַזוי וויא מיר האָבין שוין דאָס גיזעהן בייא אַ יאַם רבנים, לומדים, גרויסי חריפים אונ' אמתי פרומי לייט: אַז זייא האָבין מיט דער משפחה נישט גיהאַלטין, זענין זייא מחוסר לחם גיוואָרן, אונ' מען האָט זייא אָנגיטוהן עונים קשים.

מילא פרעג איך אייך, וואָס האָב איך גיזאָלט טוהן. איהר ווייסט מיין מעמד, דרצו בין איך אַ מטופל אויך, בין איך אַ מוכרח גיוועזן אונ' האָב מיך גימוזט צו מאַכין צום זאלינר אונ' צו זיין סעקרעטאַר. איך זאָג אייך דעם אמת, איך האָב זייא מתנות אויך גישיקט, אונ' זייא האָבין מיר צוגיזאָגט, זייא זאָלין פון מיינטוועגין טוהן וואָס מעגליך איז'. ע"כ בעט איך אייך, איהר זאָלט מיך דן זיין לכף זכות.

איך שיק אייך דאָ אַ העתקה פין טעמים אויף יידישי מנהגים, וואָס דעם זאלינירס סעקרעטאַר האָט מיר גישיקט פין זיין רבינס וועגין. ער האָט גימיינט, ער מאַכט מיך רייך מיט דער תורה. בייא איהם איז דאָס גיוועזן דיא גרעסטי מתנה פין דער וועלט. איך ווייס, זייא וועלין אייך אַזוי גיפעלין וויא מיר.

נור למען השם עס זאָל בלייבין בסוד, וואָרין חאָטשי בייא אייך אין שטאָד זענין דיא לייט נישט אַזויני תקיפים וויא ערגיץ אַנדרש, זענין זייא פאָרט זעהר מסוכנה מענשין אונ' קענין מיך פין דאָרט אויך טרעפין. פר זייא קען זיך קיין מענש נישט בעהאַלטין, אונ' ווען זייא וועלין מיר אַפילו דאָרט קיין שלעכטס טוהן קענין, וועלין זייא עס מודיע זיין דעם היגין עולם, אונ' היא זענין זייא בעוה"ר גרויסי תקיפים.

## סט. פון מיכל כהנא צום קאלנער רב

אייער בריב האָב איך מקבל גיוועזן. ער האָט מיך גאָר דרקוויקט, וואָרין צום אמת האָב איך אייך מייאש גיוועזן. איך האָב אייך גיהאַלטין פר פרלאָהרן. איך האָב אייך גירעכענט צו דיא לייט, וואָס אין מייני אויגין זענין זייא אַלי געטצינדיענר (עובדי עבודה זרה) — אַזוי וויא איך וויל עס

בעווייזין אי"ה אין מיין ספר וואָס איך האָב בדיעה עס אַרויס צו געבין (א).

נור וויא איך האָב אויס אייער בריב גיזעהן, אַז איהר גיבט אייך מיט זייא נור אויס אין ברירה אָב, אונ׳ צום אמת אָבער קעהרט איהר אייך מיט זייא גאָר נישט אָן, האָב איך אייך ווידער אַזוי ליעב וויא פריהר, נור בעט איך אייך, היטה אייך למען השם איהר זאָלט אין זייער וועג נישט אַריין געהן. זייא זענין גרויסי מייסטערס מענשין צו זיך אַריין צו חאַפין אונ׳ כשרה נשמות צו פרפיהרן אונ׳ מען זאָל פאָרט זאָגין, מען איז׳ פּרוּם.

מכח דעם היגין רבנות קענט איהר בטוח זיין, אַז איך האָב מיט ר׳ קלמן ביסינגיר גירעד, אונ׳ ער האָט מיר צוגיזאָגט, ער זאָל אייערי שונאים נישט צוהערין אונ׳ זאָל טוהן אייערטוועגין וואָס ער וועט נור קענין. אויך מיט אַנדרי היגי נגידים האָב איך גירעד.

הכלל איך טוה וואָס איך קען אונ׳ זאָרגט גאָר נישט. חאָטשי דעם דיש־פּאלירס לייט האָבין זיך אַריין גיחאַפּט צי ר׳ קלמנס בן יחיד, מיין תלמיד, אונ׳ ער האָט דיא מיטער מפציר גיוועזן, זיא זאָל בייאם פאָטיר פועלן, ער זאָל זיין אויף זייער זייט, קען איך אָבער ר׳ קלמנ׳ן און קען פאַר איהם איין ערב זיין, אַז ער וועט זיין וואָרט נישט משנה זיין. בפרט ער איז זעהר דר־ביטערט אויף דער משפחה, וואָס זייא האָבין איהם דעם ליבען בן יחיד קאַלי גימאַכט; וועט ער אַודאי טראַכטין, ער זאָל זיך אָן זיי נוקם זיין אונ׳ זאָל זייא פין היא אויס עסין.

## ע. פין ר׳ יעקל פולנאער צו ר׳ חיים גבריאל

איך בין דיר מודיע, אַז עס איז׳ אונמעגליך גיוועזן עפּיס צו בעקומין פון דיא זאַכין וואָס דוא האָסט מיר גישריבין איך זאָל דיר שיקין פר דעם פודראַטשיקס בן יחיד; וואָרין דער רבי זאָל לעבין איז׳ איצט אַ גרויסר טרוד, האָב איך מיט איהם דרפון גאָר נישט גיקענט רעדין. נור יעני וואָך האָבין מיר אָנגיהויבין פר דעם רבינס הויז אַ ברוני צו גראָבין; מיר האָבין גיזעהן עס איז משונה גינעטהיג פר דעם רבינס הויז זאָל זיין אַ ברוני אונ׳ דיא ברוני זאָל מען רופין דעם רבינס ברוני, אַזוי וויא מען רופט דיא ברוני בייא מעזבוש דעם בעשט ברוני (א).

אונ׳ חוץ דעם אַפּילו דאַרף דעם רבינס הויז זעהר אַיאַם וואַסיר. איך האָב באַרעכענט, אַז פר אַיאָהר האָב איך פר וואַסיר צום רבינס הויז אַליין קרוב צו זעכציג זילבערני רובל גיצאָהלט. איבערדעם האָבין מיר אָבגיקלעהרט, מיר זאָלין פר דעם רבינס הויז מאַכין אַ ברוני. אונ׳ וויא דוא גוים האָבין אָנגיהויבין דיא ברוני צו גראָבין, האָבין זייא גיפונין זעהר איין אַלטי ערדר־ני לולקי. האָב איך דיא לולקע בייא דוא גוים אַוועק גינעהמין אונ׳ שיק זיא

דיר איצט, דוא זאָלסט זיא געבין דעם פּודראַטשיקס בן יחיד אונ׳ זאָלסט איהם זאָגין, אַז דאָס איז׳ דעם בעשטס לולקע אונ׳ דער רבי זאָל לעבין שיקט זיא איהם.

ער וועט דיר גלייבין, וואָרין דיא לולקע איז׳ זעהר אַלט; אונ׳ דרצו האָט מען זיא גיפונין טאַקי אויף דעם רבינס פּלאַטץ, אונ׳ דאָס איז׳ אודאי טאַקי גיוועזן אַ השגחה פּרטיות, וואָרין וויא קומט אַזאַ אַלולקע אַזוי טיף אין דער ערד צו ליגען אונ׳ זאָל נאָך זיין גאַנץ אונ׳ דרצו זאָל מען זיא גראָד דענצ־מאָהל גיפונין, אַז מען האָט זיא בעדאַרפט? מילא מן הסתם איז׳ דיא לולקע בודאי אַ גאַנץ גרויסי זאַך אונ׳ איז׳ אַזוי לאַנג גילעגין אין דער ערד, מיר זאָלין זיא איצט קענין שיקין דעם פּודראַטשיקס בן יחיד.

בכדי אָבער דער בן יחיד זאָל גאָר נישט מסופק זיין, אַז דאָס איז טאַקי דיא רעכטי לולקע, לעג איך דיר אין דעם בריב אַריין איין אַנדרן בריב, וואָס דיא זאָלסט איהם וויזין, דעם בן יחיד, וועט ער דיר בודאי גלייבין.

נור למעה״ש זעה בייא איהם פּר דער לולקע זעהר אַסך געלד צו נעה־מין, וואָרין דער רבי זאָל לעבין איז׳ אַ שרעקליכר בעל הוצאה. מעגסט מיר גלייבין, אַז פּר האָלצהאַקין אַליין האָב איך דאָס יאָהר גיצאָהלט מער וויא הונדרט צוואַנציג קערבליך. מעדאַרף מיר קרוב צו טויזינד פוהרין האָלץ, דיא חדרים אין דעם רבינס פּאלע צו פרהייטצין, אונ׳ אויף דער קעך.

די אורחים זענין גאָר קיין קאַטאָוויס נישט, אַלי טאָג פרמעהרין זייא זיך. דיא קענסט דיר שוין פין דעם משער זיין, וואָס עס טוהט זיך מיט אורחים, אַז וואָך בייא וואָך דאַרף מען קרוב פין הונדרט אָקיס ציבילים; אונ׳ דיא ברוני, וואָס מיר לאָזין איצט גראָבין, וועט אויך קאָסטין געניג.

מילא וואָס האָט מען דאָ מסופק צו זיין, אַז דיא לולקע האָט דער עבירשטר טאַקי נור איברדעם צו געשיקט, דער רבי זאָל לעבין זאָל זיך דורך איהר אָבזוכין דיא הוצאות פין דער ברוני? וואָרין דער רבי זאָל לעבין דאַרף איצט זעהר גינעטהיג געלד.

אמת, דער רבי זאָל לעבין איז׳ אָהן עין הרע אַ גרויסר עושר. פין דעסט[וועגין] טרעפט זיך עס זעהר אָפט, אַז מען האָט אין הויז נישט אויף צעהרונג, וואָרין דאָס גראָבע געלד וואָס ער בעקומט פרלייהט ער אויף היתר עיסקא, אונ׳ דיא עיסקא וואָס איך קאַסיר איין אַלי קוואַרטיל פרלייה איך ווי־דער מיטעלי מענשין אויף משכנות אויף וואָכין געלדר. דער עולם מיינט אַפילו, אַז דוא געלדר וואָס איך פרלייה אויף משכנות זענין מיין. דאָס האַרט מיך נישט, דורך דעם האָב איך קרעדיט. הכלל, עס פיהרט זיך בייאם רבין זאָל לעבין אַזוי, אַז געלד טוהר נישט ליגען. וואָס עס פאַלט נור צו, מוס תּיכף פרליגען ווערדען. איברדעם טרעפט זיך זעהר אָפט, אַז אין הויז איז׳ נישט דאָ אַגראָשין אויף צעהרונג, בפרט איצט דיא ברוני עסט אויף אַיאָם געלד. מילא זעה זשע, דער בן יחיד זאָל פר דער לולקע געבין אַיאָם געלד. איך וועל עס דעם רבין זאָל לעבין געבין אונ׳ וועל בשעת מעשה

מיט איהם פין דיר אַ שמיס טוהן אונ׳ איהם זאָגין, אַז דאָס איז׳ דיין מלאכה גיוועזן.

מכח דיא הוצאות, וואָס דיא שרייבסט מיר, מען וועט דאַרפין אויף ר׳ שמערל׳ס רבנות, האָב איך מיט דעם רבין זאָל לעבין נישט גישמיסט. איך האָב נאָר דאָס הארץ נישט איצט דעם רבין זאָל לעבין צו זאָגין, ער זאָל הייסין בייאם עולם אויף דעם אַנדבה מאַכין. האָט אַפּנים, אַז דער עולם גיט אויף עפּיס אַ נדבה, געבין זייא זייער געלד? זייא געבין דאָס טאַקי דעם רבינס געלד, וואָרין דענצמאָהל אַז זייא געבין אויף עפּיס אַ נדבה, געבין זייא דעם רבין זאָל לעבין וועניגער געלד.

זאָל איך איצט מיט דעם רבין זאָל לעבין פין נדבות שמיסין, אַז איך זעה ער איז׳ אַזוי אַגרויסר בעל הוצאה אויף דער ברוני? נור איצט זאָלין אָנקומין דיא גבאים פין ארץ ישראל געלדר אונ׳ דיא פאן ר׳ מאיר בעל הנס פושקיס, אונ׳ זענין מחויב צו ברענגין אַסך געלד פין דעם קוואַרטיל, וועל איך זעהן, אַז עס וועט זיך דענצמאָהל לאָזין מיט דעם רבין זאָל לעבין דרפון שמיסין, וועל איך עס טוהן.

ווען עטץ זאָלט אָבער נישט קענין ביז דענצמאָהל וואַרטין, מוסט דוא זעהן בייא אַזויני מענשין נדבות צום הויף צו נעהמין, וואָס דוא ביסט מיט זייא מקורב; אָדר גיב דרוויל ר׳ יעקב ליבן ר׳ שמערל׳ס שוועהר אַוועקסיל אויף דיא הוצאות וואָס מען וועט דאַרפין אויף דעם רבנות, אונ׳ אַז ר׳ שמערל וועט ווערין רב, וועלין מיר אַודאי זעהר גרינג קענין צאָהלין דעם וועקסיל, וואָרין דער רבי זאָל לעבין וועט תיכף קומין צו אייך אונ׳ וועט מן הסתם דאָרט איאַם געלד מאַכין. איך הער דעם זאליניר׳ס לייט מאַכין דאָרט אַרום אין דיא דערפיר תמיד זעהר איאַם געלד. מילא, אַז זייא קענין פר זייער ליגניר איאַם געלד מאַכין, האָט מען נישט מסופק צו זיין, אַז דער רבי זאָל לעבין וועט זיך דאָרט נור אַוויעז געבין, וועט ער אַודאי מאַכין געלד אָהן איין ערך — אונ׳ פר נאָטה וועלין מיר זיך דענצמאָהל שוין איין עצה געבין איינצוברענגין דיא הוצאות פון דעם רבנות.

לאָז נור ר׳ שמערל ווערין רב, וועט שוין רעכט זיין.

## עא׳ דער בריב וואָס ר׳ יעקל פולנאער האָט גישריבין דעם בן יחיד צו ווייזין

עס איז׳ מיר אויף דיר אַ גרויסי תמיה, וויא דיר קען איינפאַלין, איך זאָל דיר שיקין אַזויני טהייערי אונ׳ הייליגי זאַכין פין דיא אוצרות, וואָס דער רבי זאָל לעבין האָט גערירשת פון זיין זיידין דעם הייליגען בעשט זכרונו לברכה. ווייסט דוא דען נישט, אַז דאָס קליינסטי שטיקל פין זייא וואָס עס איז׳ נור אַזוי גרויס וויא אַ זאַמדיל איז׳ מעהר ווערט וויא אַלי אוצרות

און׳ שאַטצקאַמערין פין אַלי מלכים אויף דער וועלט? איך העט גאָר דיא העזה נישט גיהאַט מיט דעם רבין זאָל לעבין דרפון צו שמיסין, נור איך זעה בחוש, אַז דער יונגר מאַן ר׳ אליהו דעם פּודראַטשיקס זוהן איז׳ זעהר אַ גרויסר בר מזל.

פראַכטטאָגין שבת׳צונאַכט בין איך מיט דעם רבין זאָל לעבין אַליין גי־וועזן אין זיין חדר. דער רבי זאָל לעבין האָט גירייכירט דיא לולקע מיט אַ דבקות וואָס עס איז אַ פּחד גיוועזן. זיין רייכערן איז׳ דעך תּמיד מיט אַ שרעק־ליך דבקות; אַזוינס אָבער וויא דעם שבת׳צונאַכט, האָב איך נאָך קיין מאָהל נישט גיהאַט דיא זכייה צו זעהן.

פליטצלינג אין מיטין דעם רייכערן ריפט זיך דער רבי זאָל לעבין אָן צו מיר: איך זעה אַז אליה׳ בן חייה וועט פרגעסין דיא גאַנצי תּורה וואָס ער האָט גילערנט בייא דעם יודישין שד מיכל כהנא און׳ וועט ווערין אַ צייל פון דער וועלט, אַז ער וועט זיך נעהמין צו דער אמתיר תּורה נאָך אונזר שטייגר. נור דאָס איז׳ נאָך אַ גרויסי אַרבייט. לע״ע מוז מען איהם נאָך אונטרלעהנין און׳ העלפין דרצו, ער זאָל זיך קענין אויסאַרבייטין.

וויא איך האָב דאָס דרהערט, האָב איך מיך אָנגירופין מיט גרויס שמחה און׳ מיט ציטערניש: רבי, ווער קען איהם אונטערלעהנין, אַז נישט דער רבי זאָל לעבין אַליין?

וויא איך האָב דאָס גיזאָגט, האָט דער רבי זאָל לעבין אַראָבגינעהמין דיא לולקע פין דעם ציבוק וואָס ער האָט גירייכירט און׳ האָט צו מיר גי־זאָגט: נעהם דיא לולקע וואָס איך האָב בירושה פין דעם זיידין דעם בעשט זכרונו לברכה און׳ שיק זיא דעם אלי׳ בן חייה; נור זאָל ער אויס איהר נישט רייכערן, ער זאָל זיא נור אַזוי האַלטין; און׳ דיא לולקע וועט איהם שוין אונטרלעהנין און׳ וועט איהם העלפין צו אַלעם גוטין.

איך האָב מיר דיא האַנד גיוואַשין, האָב דיא לולקע דורך אַמזוזה גי־נעהמין און׳ האָב זיא אַריין גילעגט אין אַ בייטעלי און׳ דאָס בייטעלי ווידער אין אַ בייטעלי. ביז אין דער פריה איז׳ זיא בייא מיר גיוועזן, און׳ איצט שיק איך דיא לולקע דיר, דוא זאָלסט זיא געבין דעם ר׳ אלי׳.

זאָלסט אָבער וויסין, אַז דאָס איז׳ דיא נעהמליכי לולקע וואָס דער בעשט זכרונו לברכה האָט אויס איהר גירייכירט. און׳ אַמאָהל איז׳ ער גיפאָהרין און׳ האָט אויף דעם וועג גירייכירט אויס אַלאַנגין ציבוק, אַז דיא לולקע האָט אַזשע אַרויסגישטעקט אויס דעם וואָגין אַרויס. דרווייל איז איהם אַקעגין גיקומין אַ שררה און׳ צווייא זעלניר רייטינדיג און׳ האָבין דיא לולקע צוגי־נומן. זייא זענין זיך זייער וועג ווייטער גיריטען, און׳ דער בעשט איז׳ זיך זיין וועג ווייטער גיפאָהרין. אין אַ שעה אַרום איז׳ דער בעשט שטעהן גי־בליבין און׳ האָט גיזאָגט צום משרת זיינעם: נעהם אַ פערד און׳ רייט דרויף, זאָלסט אָניאָגין דיא זעלניר און׳ נעהם בייא זייא דיא לולקע. דער משרת האָט אַזוי גיטוהן. וויא ער האָט דיא זעלניר דעריאָגד, האָט ער גיזעהן, זייא

זיטצין אויף דיא פערד אונ׳ שלאָפין. האָט ער גינעהמין דיא לולקע אונ׳ איז׳ צוריק גירימין.

נאָך דעם בעשטס טויד איז דיא לולקע גיפאַלין בירושה זיין טאָכטיר דיא צדקת אָדל זכרונה לברכה, וואָס זיא איז גיוועזן גאָר פייערדיג, וואָרין דער בעשט האָט איהר נאָהמין אויס דער תורה אַרויס גינעהמין אויס דעם פסוק אש דת למו, דיא ערשטי אותיות פין דיא דריי ווערטיר זענין אדל (א).

אונ׳ איבּרדעם איז׳ זיא טאַקי גיוועזן גאָר פייער, אַזוי וויא דיא מעשה ווייזט אויס פון דיא פּאָר שוך, וואָס זיא האָט גיגעבין דעם בעשטס אַתלמוד, אונ׳ פון דיא שוך איז אַרויס גיקומין דער צדיק ר׳ ברוכל טילטשינר (ב).

אונ׳ פין דער צדקת האָט דער רבי זאָל לעבין דיא לולקע געירשת. מילא זעהסט דוא שוין, אַז דיא לולקע איז אַגרויסי זאַך. איך בין דעם יונגין מאַן ר׳ אלי׳ מיט דער לולקע זעהר מקנא. דוא ווייסט, איך בין קיין עושר נישט, אונ׳ וויא דוא זעהסט מיך, העט איך בשמחה רבה פר דער לולקע אַוועק גיגעבין מיין הייזיל. נור מסתמא ווייסט דער רבי זאָל לעבין פר וואָס ער גוט דוקא דיא לולקע דעם ר׳ אלי׳. אונ׳ נאָך מיין נאַרישין שכל נאָך דאַכט זיך מיר, אַז איינס פין דיא טעמים וואָס דער רבי זאָל לעבין האָט דר־בייא גיהאַט קען זיין, ווייל דיא לולקע האָט דעם כח רשעים איינצושלעפערין; אונ׳ צום צדקת וואָס אַלולקע קען העלפין האָט מען דעך אַודאי ניט צו שמיסין. בפרט די לולקע וואָס דער בעשט האָט אויס איהר גירייכירט (ג).

מילא נמצא איז עס גאָר אַ פשטות: דיא לולקע וועט פועלן, אַז דער רשע מיכל דיין וועט שלאָפין, אונ׳ דער בן יחיד ר׳ אלי׳ וועט בעקומין גרויס התלהבות אונ׳ וועט פלאַמין צום עבערשטין; אונ׳ דאָס איז׳ דעך דאָס עיקור צדקות.

איך בעט דיך זאָלסט מיר שרייבין ווען דוא האָסט איהם דיא לולקע גיגעבין.

## עב. פון ר׳ חיים גבריאל
## צו ר׳ יעקל פולנאַער

אין דיא ערשטי פּאָר שורות פין דיין בריבל האָב איך גיזעהן, אַז דער רבי זאָל מאריך ימים זיין איז׳ אַ גרויסר טרוד, האָב איך דרפון גרויס תענוג גיהאַט. איך ווייס, דעם רביס גאַנצי טרדות זענין דעך נור פר אונזרי לייט, ער זאָל אונז געבין אונזר בעדערפניש, קינדר, לעבין און פרנסה, וואָרין נור ער אַליין דאַרף דאָס אַלץ פרזאָרגין, נישט גאָט (א).

מילא, אַז ער איז׳ טרוד, האָט מען נישט מסופק צו זיין, אַז מיר וועלין האָבין אַלץ דאָס גוטס, אונ׳ איך האָב טאַקי גיזעהן בחוש, אַז עס איז׳ אַזוי. וואָס דאַרפסט דוא מעהר? וויא איך האָב דעם פודראַטשיקס בן יחיד

גיגעבין דיא לולקע אונ׳ האָב איהם גיוויזין דיין בריב וואָס דו האָסט מיר גישריבין, איך זאָל איהם ווייזין, איז׳ עס בייא איהם גיוועזן וויא איין אוצר. אונ׳ וויא איך האָב גיזעהן, אַז דיא מתנה איז׳ בייא איהם אַזוי חשוב, האָב איך איהם גיזאָגט, עס העט רעכט גיוועזן, ער זאָל דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין דרפר אויך עפיס אַ שעני מתנה שיקין. אמת, האָב איך איהם גיזאָגט, עס איז׳ אויף דער וועלט נישט פרהאַנדין אַזוינס, וואָס זאָל דאָס ווערט זיין וואָס דיא לולקע, נור פין דעסטוועגין ביזט דוא מחויב צו שיקין וואָס דוא קענסט, גאָט קוקט נור אויף דעם האַרץ.

האָט ער מיר צוגיזאָגט פר דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין צו געבין אַ שעני כּלי, אונ׳ דאָנערשטאָג בין איך בייא איהם גיוועזן, האָט ער מיר גי־געבין אַ גרויסין סטרעכאַן זעהר אַ שענים, וואָס איז׳ איפשר בודאי ווערטה פופציג רויטי רענדליך. נור האָט ער מיך גיבעטין, איך זאָל קיינים דרפון נישט זאָגין, וואָרין דער סטרעכאַן איז׳ דעם פּאָטירס, אונ׳ איך אַליין זאָל פּאָהרין מיט דעם סטרעכאַן אונ׳ זאָל איהם דעם רבין געבין.

איך האָב איהם גיזאָגט, איך העט אַודאי בשמחה רבה אַליין גיפאָהרין, נור איך האָב נישט אויף הוצאות, אַפילו אויף אַ פוהר צו דינגין האָב איך נישט. האָט ער גיזאָגט, ער וועט מיר געבין אויף אַ פוהר אונ׳ אויף הוצאות, נור איצט האָט ער נישט. ער האָט אָבער גיהערט פון דעם פּאָטיר, אַז ער האָט אָבצונעהמין געלד פר פודראַט; אַז דער פּאָטיר וועט אָבנעהמין, וועט ער מיר געבין וויא פיל מען דאַרף. וכן הוה.

נעכטין האָט ער גישיקט נאָך מיר אונ׳ האָט מיר גיגעבין צווייא פונפיר באַמאַשקיס. דאָ האָב איך גיזעהן בחוש, אַז נור דעם רבין זאָל מאריך ימים ושנים זיין האָב איך דיא פּאַר רובל פרדינגסט צו דאַנקין. איך האָב נאָך קיין מצות נישט גיהאַט אויף פסח.

דעם בן יחיד האָב איך גיזאָגט, איך פוהר תיכף מיט דעם סטרעכאַן צום רבין. איך האָב אָבער צום אמת מורא אַליין צו פאָהרין, תּאמיר ווערט דער פודראַטשיק גיוואָהר, אַז עס פעהלט איהם דער סטרעכאַן, אונ׳ אַז ער וועט וויסין איך בין דיא טעג אַוועק גיפאָהרין צום רבין, וועט ער האָבין אַחשד אויף מיר אונ׳ אויף דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין. איבּרדעם בין איך אַוועקגיפאָהרין קיין חלובניק, דער בן יחיד זאָל מיינין איך בין צום רבין גיפאָהרין. אין חלובניק האָב איך מיר גיקויפט בייא ר׳ אהרן שמורה, אונ׳ דוא קוק דיך דאָרט אום, תּאמיר וועט אימציר פון אונזרי לייט אַהער פּאָהרין, זאָלסט איהם הייסין בּייא מיר נעהמין דעם סטרעכאַן.

## עג. פון ר׳ יעקל פולנאער
## צו ר׳ חיים גבריאל

מוכ״ז ר׳ דוד צעריס פאָהרט צו אייך. בעט איך דיך, זאָלסט איהם

איבערגעבין דיא כלי, וואָס דוא ווייסט שוין גוט פרפאַקט און פרחתמית; אונ׳ ער וועט זיא שוין מיר ברענגין. עס וואונדרט מיך זעהר, פרוואָס דוא האָסט מיר קיין וואָרט גישריבין מכח אייער שטאָד רבנות. ע״כ שרייב מיר דורך ר׳ דוד כד״ש.

## עד. פון ר׳ חיים גבריאל
## צו ר׳ יעקל פולנאער

דורך ר׳ דוד מוכ״ז שיק איך דיר דיא חשובה כלי פר דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין אונ׳ בעט דיך זעהר בשעת מעשה, אַז דוא וועסט זיא דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין געבין, זאָלסט דוא פון מיר לאָזין אַ וואָרט פאַלין.

מכח דעם היגין רבנות האָב איך מיט ר׳ יעקב ליב ר׳ שמערלס שווער גירעד אונ׳ האָב פין איהם קיין רעכטי תשובה גיהאַט. וויא איך האָב גיזעהן, אַז מיט דעם גראָבין יונג איז׳ נישט אויסצוקומין, בין איך אַריבר גיגאַנגין צו זיינס אַ שוועסטר שרה ר׳ מאירס אונ׳ האָב מיט איהר אַ שמיס גיטוהן, זיא זאָל יעקב ליב׳ן צו רעדין מכח דעם אינטעריס; וואָרין לעולם איז׳ עס אַכבוד פר דער גאַנציר משפחה איהרר, אַז איהר ברודרס איידים זאָל קומין צו אַזוי אַ גדולה.

זיא איזט צו יעקב ליב׳ן גיגאַנגין אונ׳ האָט מיט איהם אַסך גירעד דרפין. האָט ער איהר צוגיזאָגט, אַז דער איידים וועט וועלין, זאָל ער נישט דרווידר האָבין.

האָב איך זיא צו גירעד, זיא זאָל טאַקי אַליין געהן צו ר׳ שמערל. איז זיא גיגאַנגין. בייא איהם אָבער האָט זיא נישט גיקענט פועלין, ער וויל בשום אופן נישט. ער האָט מורא, האָט ער גיזאָגט, מיכל דיין זאָל איהם נישט מעשים טוהן. ער איז׳ אַ גרויסר למדן אונ׳ אַ חריף.

איך בין דיר דאָס מודיע, וואָרין איך וויים מיר היא שוין גאָר קיין עצה צו געבין אין דעם עסק. איך האָב אַיאַם גוטי פריינד ר׳ שמערלס אויפגי-שטעלט, זייא זאָלין איהם צו רעדין צום רבנות. ער וויל אָבער בשום אופן נישט, אונ׳ איך וויים בבירור, אַז ער וועט נישט ווערין רב בייא אונז, וועט מען אַודאי׳ דעם קאַלנער אויפנעהמין. ע״כ זאָלסט דוא זעהן מיט דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין דרפין צו שמיסין אונ׳ זאָלסט מיר שרייבין וואָס צו טוהן איז׳ אין דעם עסק.

## עה. פון ר׳ יעקל פולנאער
## צו ר׳ חיים גבריאל

דיא כלי וואָס דוא האָסט גישיקט האָב איך דרהאַלטין אונ׳ האָב זיא

דעם רבין זאָל לעבין אַליין פרייטאָג צו נאַכט איבערגיגעבין. דער רבי זאָל לעבין האָט פין איהר גרויס תענוג גיהאַט. ער איז׳ אַהין אונ׳ אַהער אין שטיב אַרום גיגאַנגין מיט גרויס דבקות אונ׳ איז׳ זעהר אויפגיהויבין גיוועזן אונ׳ האָט זיך גיזונגין דעם אזמר בשבחין. דרנאָך האָט ער קידוש גימאַכט מיט גרויס התלהבות אויס דער כלי וויא זיין שטייגער איז׳. בייאם גאַנצין קידוש האָט ער נישט איין אויג אַראָב גילאָזט פון דער כלי, בפרט בשעת מעשה וויא ער האָט גיזונגין בחמרא גוי כסא (מיט דעם וויין אין דעם בעכיר). וויא איך האָב דאָס גיזעהן, האָב איך מיר גיטראַכט, אָט דער כוס מוס אַודאי זיין איינר פון דיא צווייא כוסות וואָס דער קייזיר האָט צוגינעהמין בייא ר׳ אדם, אַז ער איז׳ בייא איהם גיוועזן אויף דער סעודה, אונ׳ האָט זייא בעהאַלטין (א), אונ׳ צינד איז׳ דער כוס גיקומין צום רבין זאָל לעבין, ער זאָל איהם מתקן זיין; איברדעם האָט איהם גימוזט דער פודראַטשיק אונוועהרין (ב).

מוצאי שבת נאָך הבדלה האָב איך דעם רבין זאָל לעבין גיזאָגט, אַז איך האָב גיהאַט פין דיר אַ בריבל, אונ׳ האָב איהם דרצעהלט, וואָס דוא שרייבסט מיר מכה ר׳ שמערל ר׳ יעקב ליב׳ס איידעם. האָט ער מיר גיהייסין דיר שרייבין, זאָלסט זאָגין ר׳ שמערלן פין זיינט וועגין, ער זאָל אָנגעהמין דאָס רבנות אונ׳ זאָל פר דעם דיין גאָר קיין שום מורא נישט האָבין, וואָרין ער האָט זיך פר איהם גאָר נישט צו פרכטין.

מילא זאָג זשע דאָס ר׳ שמערל׳ן, וועט ער אַודאי קיין מורא נישט האָבין; וואָרין אַז דער רבי זאָל לעבין האָט אַזוי גיזאָגט, וועט ער אַודאי אויף דעם ערשטין שבת פין דעם רבנות אַליין צו אייך אַראָב פוהרען. אונ׳ אַז דער דיין וועט יוא חשק האָבין אַקעגין ר׳ שמערלן דעם עזות פנים אַרויס צו ווייזין, וועט איהם דער רבי זאָל לעבין אַודאי דאָס ביסל תורה אַוועק נעהמין, אַז ער וועט נישט וויסין פין זיין לעבין צו זאָגין,—אַזוי וויא דער בעשט זכרונו לברכה האָט צוגינעהמין דיא תורה בייאם הראדניר דיין מיכל, אַז מען האָט דאָרט אויף גינעהמין ר׳ יחיאל׳ן פר אַ רב, אונ׳ דער דיין האָט איהם עגמת נפש אָנגיטוהן (א). וועט דער אַודאי רעכט זיין.

עיקר שכחתי. דוא האָסט מיר גישריבין, דעם פודראַטשיקס בן יחיד האָט דיר גיגעבין צווייא פינפרליך באמאַשקיס; אונ׳ איך וייס בבירור, אַז דאָס זענין גיוועזן צווייא הונדרטר. דוא מוסט וויסין: תחלת וויא איך האָב דאָס גיוואָהר גיוואָרין, האָב איך גיוואָלט תיכף לויפין צום רבין אונ׳ איהם עס דרצעהלין, נור איך האָב אויף דיר רחמנות גיהאַט. איך האָב מיר גיטראַכט, איפשר בשעת מעשה, וויא דוא האָסט זייא צו גינעהמין, האָסט דוא אַליין אויך נישט גיוויסט וואָס פר אַבאַמאַשקיס זייא זענין. צינד אָבער זאָג איך דיר, זאָלסט עס דיר נישט פרגרינג האַלטין אונ׳ זאָלסט מיר תיכף דאָס איבריגי פין דיא צווייא באמאַשקיס, היינו הונדרט אונ׳ ניינציג, אָבשיקין, איך זאָל זייא געבין דעם רבין. דאָס ווייסט דיא גאַנצי וועלט, אַז דער בן יחיד האָט דיר אויף הוצאות נישט גיגעבין צווייא הונדרט רובל. פר דיר אויף

הוצאות איז׳ צעהן רובל איבר גינוג, אונ׳ דיא הונדרט נײַנציג רובל האָט ער אודאי גיגעבין פין דעם רבינס וועגין, כדי דער רבי זאָל לעבין זאָל פין איהם דיא כלי צו נעהמין.

אַז דוא ווערסט דאָס איבריגי נישט אָפּשיקין, ווערסט דוא משונה חרטה האָבין. וואָרין אַז מען וויל, קומט דיר פון דעם געלד אַפילו קיין צעהן רובל אויך נישט, וואָרין דוא ביסט דעך אַפילו מיט דער כלי נישט גיפאָהרין.

נור פין דיא צעהן רובל שמיס איך נישט, אָבער דאָס איבריגי שיק אָב אונ׳ רעד דיר נישט איין, אַז דוא ווערסט מיר גאָר אָבלייקנין דעם אינטעריס, וואָרין דוא מוסט וויסין, אַז אונזר וויינשענקיר ר׳ הירש איז׳ פין אייך אַהיים גיקומין, ער האָט דאָרט בייאם פודראַטשיק ר׳ קלמן ביסינגיר געלד אָבגיגעבעהמין פר ווין, אונ׳ דער ר׳ הירש איז׳ דעם רבין זאָל לעבין שולדיג געלד, האָט ער דיא עיסקא אָבגיבראַכט אין גרויסי אַסיגנאַציעס אונ׳ האָט מיר דרצעהלט, דיא אַסיגנאַציעס האָט ער פון ר׳ קלמן ביסינגיר. ער האָט איהם גיהאַט גיבעטין, ער זאָל איהם געבין קליינירי, האָט איהם דער פודראַטשיק גיזאָגט, דער קאָמיסיאָניער האָט קיין קלייני גיהאַט, נור סאַמי הונדרטר.

דרביי האָט ער מיר דרצעהלט, ר׳ קלמן האָט זיך פר איהם גיקלאָגט, ער האָט מיט דעם קאָמיסיאָניער אַטעות גיהאַט מיט צווייא הונדרטר: וויא ער איז׳ נור אַהיים גיקומין מיט דיא אַסיגנאַציעס פין דעם קאָמיסיאָניער אונ׳ האָט זייא אַנידר גילעגט אויף דעם טיש אונ׳ האָט זייא אָנגיהויבין צו צעהלין, האָט ער גיפונין אין איין פעקיל האָבין צווייא אַסיגנאַציעס גיפעהלט, אונ׳ דאָ איז׳ קיין שום פרעמדיר מענש אין שטיב גיוועזן, וויא ער, דאָס ווייב אונ׳ דער בן יחיד. איז׳ ער תיכף מיט דעם פעקיל אַסיגנאַציעס אַריבר גילאָפין צום קאָמיסיאָניער אונ׳ האָט איהם גיזאָגט, אַז אין דעם פעקיל פעהלין צווייא הונדרטר, האָט דער קאָמיסיאָניער נאָך אויף איהם אַ גרויסין גישרייא גיטוהן. איך האָב דיר דיא באַמאַשקיס צו גיצעהלט, האָט ער גיזאָגט; אַז דוא האָסט אין דר היים בייא דיר גנבים, געהט מיך נישט אָן.

מילא ע״כ בין איך דיר מתרה, זאָלסט מיר אָבשיקין דאָס איבריגי פין דיא צוויי באַמאַשקיס, זאָלסט נישט דאַרפין חרטה האָבין דרויף.

## צו. פון דעם קאלנער רב
## צום דיין מיכל כהנא

פראַכטטאָגין פרייאטאָג האָב איך דרהאַלטין אייער בריבל. איך ווייס פון לאַנג אַז איהר טוהט פון מיינטוועגין אַלצדינג וואָס איהר קענט נור, נור איצט האָט איהר מיך מיט אייער בריבל גאָר מחיה גיוועזן. בפרט מיט דעם וואָס איהר שרייבט מיר, אַז איהר זענט מיך דן לכף זכות. הש״י זאָל אייך אויף אַלי אייערי וועגין דן זיין לכף זכות; אונ׳ אַז הש״י ווערט מיך מזכה זיין, איך

זאָל קומין צו אייך אונ׳ זאָל מיך מיט אייך משתשע [זיין], אַזוי וויא מיר פלעגין זיך אין אונזרע יונגי יאָהר משתשע צו זיין ביים רבין רבי אליהו זכרונו לברכה, וועט איהר אי״ה זעהן, אַז איך געה אין דעם וועג וואָס ער האָט אונז גיוויזין, אונ׳ וואָס מיר האָבין בייא איהם גילערנט איז מיר נאָך איינגיגראָבין אין האַרץ.

נור וואָס קען מען אין דיא שלעכטי צייטין טוהן? איך הער, איהר זאָגט תמיד אייער דעה אַקעגין דער משפחה אָפען אַרויס. ניט איטליכר האָט אָבער דיא זכייה אויף אַזוי אַמדרגה צו זיין וויא איהר, איהר זענט אין אַ גרויסר שטאָד אָהן עין הרע צישין פייני מענשין בעלי שכל, אונ׳ דער גאַנציר עולם פין קליין ביז גרויס הערט אייך צו. דרצו האָט אייך גאָט גיגעבין אַ שען מויל אונ׳ אַ ברייט האַרץ, איהר קענט אין אמת אַקעגין דער משפחה בעשטעהן.

נישט אָבער איך, וואָס איך בין צישין לויטר דראַביס, ניט איינר אַרעכ־טיר, זייא קענין גאָט נישט, זייער גאַנצי זאַך איז נור דעם רבין זייערן פר הייליג צו האַלטין, איהם צו לויבין אונ׳ צו שרייען, ער איז׳ אַ גאָט. אונ׳ ווען אימציר זאָל זיך דרוועגין אַקעגין זייא דאָס מינדסטי וואָרט צו רעדין, שטעלט ער זיך דאָס לעבין איין (א).

אַ מענשין מתיר דם צו זיין איז׳ בייא זייא גרינגיר וויא בייא איין אַנדרין אַפליג צו הרגנין. וואָס עס איז׳ אַז מען רעד נור אויף זייא, איז׳ מען איין אַפקורוס, אַרשע, מען מעג נאָך אַזוי גוט און פרום זיין. דריבער גיפינין מיר אין זייער ספר המדות שטעהט גישריבין: מען טוהר נישט בעטין אויף קיין שום מענשין ער זאָל שטאַרבין, וואָרין עס איז׳ בעסיר מען זאָל איהם הרגנין לאָזין דורך מענשין וויא דורך גאָט (ב).

ווער פרשטעהט עס נישט נאָך וואָס זייא האָבין דאָס אין דעם ספר אַריין גישריבין? דרצו האָבין זייא בעוה״ר זעהר דיא עברהאַנד בעקומין, אַז אפילו אַזוי מענשין וואָס זענין נישט פין זייערי לייט, אַז זייא הערין דיא משפחה שרייעט אויף איינעם, ער איז איין אַפקוריס אַרשע, גלייבט מען זייא תיכף אונ׳ מען וויל גאָר נישט נאָכקלערין, אָב עס איז עפיס דראן אָדער דיא משפחה מאַכט איהם נור אַזוי אַשם, ווייל ער האַלט מיט זייא נישט. וואָס דאַרף מען מעהר? זייא שעהמין זיך נישט אין זייערי ספרים עפענטליך צו זאָגין, אַז אויס איטליכעם וואָרט וואָס אויס זייער צדיקס מויל געהט אַרויס ווירד בעשאַפין אַמלאך (ג), אונ׳ זייער צדיקימס ווערטער זענין חשבור וויא תורת משה (ד), אונ׳ דורך איין וואָרט פין זייער צדיק בעקומט מען עולם הבא (ה), אונ׳ אַז מען איז׳ דעם צדיק מקבל פנים, זעהט מען דאָס גיהנם נישט (ו).

ניא, פרעג איך אייך: איז׳ עס אַ חידוש, אַז דער עולם העגגט אַזוי שטאַרק אָן דיא לייט? ווער וויל נישט דורך אַזויני גרינגי זאַכין עולם הבא האָבין אין קעשיני אונ׳ זיכר צו זיין דאָס גיהנם נישט אָנצוקוקין?

נוא אַדרבה, קענט איהר מיר פראיבל האָבין, וואָס איך מאַך מיך צו צום זאלינר, אַז איך זעה, ער איז׳ ביים עולם אַ גאָט אונ׳ איך קען בלייבין

אָהן אַ שטיקל בראָד, אַזוי באַלד ער וועט מיר אַשונא ווערין. דיא גמרא זאָגט: חנניה מישאל אונ׳ עזריה האָט מען גיוואָרפין אין אַ ברענינדיגין אָפען אַריין, האָבין זייא פאָרט נישט גיוואָלט דיענין איין עבודה זרה; העט מען זייא אָבער גיוועזן גישלאָגין, העטין זייא פר יסורים גיוועזן גידיענט צו דער עבודה זרה. דאגת פרנסה איז נאָך אַרגיר וויא שלאָגין, בפרט בייא מיר, וואָס דער עבירשטער האָט מיך מזכה גיוועזן מיט איין עהרליך ווייב און מיט זעקס קינדער.

גלייבט מיר, אַז מיין גאַנציס גארען בייא אייך רב צו ווערן איז׳ מייס־טענס נור דאַריבער וואָס איך העט גערן דאָס פאַסקידני פערשטעליכץ פין מיר אַראָב גיוואָרפין אונ׳ זאָל מיך אַזוי ווייזין וויא איך בין, איטליכער זאָל זעהן, אַז דאָס פאַלשי פּנים וואָס איך האָב מיר ביז אַהער אָנגיטוהן איז׳ נור גי־וועזן אויס צרות, וואָס איך האָב קיין ברירה נישט גיהאַט. פין דער צייט אָן, וואָס איך האָב פין אייך אַ בריב דרהאַלטין אונ׳ האָב מיך דרמאָנט אין אונזרי יונגי יאָהר, וויא מיר האָבין פון קיין שום זאַך חוץ דעם לערנין הנאה גיהאַט אונ׳ דאָס וואָס מיר האָבין ביים רבין זכרונו לברכה גילערנט איז׳ גיוועזן ריין, קיין איינציג מאָהל האָבין מיר גיהערט עפּיס איין אונריין וואָרט, אונ׳ איצט, אַז איך קוק אַריין אין דיא ספרים פון דיא לייט, זעה איך פיל נבול פּה אונ׳ הולטייסקי זאַכין, וואָס איין עהרליכר פרומיר מענש קען זייא נישט סובל זיין (ז) — פין דער צייט אָן ברען איך גאָר שרעקליך, דער עבירשטער זאָל מיר העלפין, איך זאָל קענין דיא פרשוואַרצטי תּורה פין דער משפחה פּטור ווערן.

על כן בעט איך אייך זעהר, טוהט דאָס אויס אַלטיר פריינדשאַפט אונ׳ דרלעזט מיך אויס דער פינסטעריר תּפוסה. גלייבט מיר, איהר דאַרפט קיין גרעסרי מצוה וויא דיא. אונזרי חכמים ז״ל האָבין שוין גיזאָגט: ווער עס דרהאַלט איין יודישי נשמה איז׳ אַזוי גוט גלייך ער העט דרהאַלטין דיא גאַנצי וועלט.

## עז׳ פין דעם דיין ר׳ מיכל כהנא צום קאַלנער רב

איך האָב אייך שוין פריהר גישריבין, אַז ר׳ קלמן ביסינגער האָט מיר צוגיזאָגט פין אייערט וועגין צו טוהן וואָס מעגליך איז׳. נור זיין ווייב האָט דעם בן יחיד צו ליעב איהם זעהר געדולד, ער זאָל זיך על כל פּנים אין דעם עסק פון רבנות גאָר נישט מישין. אונ׳ הגם זיין טבע איז׳ וואָרט צו האַלטין, האָט ער דאָס עסק ביז אַהער אָבגישלעפּט אונ׳ האָט דרינין גאָר נישט גיטוהן, נישט פר אייך נישט אַקעגין אייך. ער האָט זיך גיטראַכט: לאָז דיא זאַך אַזוי הענגין, ביז זיין ווייב וועט נישט דרווידר זיין, — וועט ער דענצמאָל זיין וואָרט האַלטין.

פר פינף טאָג האָט ער אָבער פון זיין בן יחיד אַזויני שגעונין גיזעהן דורך דעם חסידות וואָס ער איז אַריין דרינין, אונ׳ האָט מיך גיבעטין, איך זאָל מיט דעם בן יחיד רעדין אונ׳ זאָל איהם אויסשטראָפין, ער זאָל פרלאָזין דעם שלעכטין וועג וואָס ער האָט אָנגיהויבין זיך אין איהם אַריין צו לאָזין.

איך האָב עס איהם צו ליעב גיטוהן אונ׳ בין גיגאַנגין צום בן יחיד אין זיין חדר אַריין. וויא איך בין צו איהם אַריין גיקומין, האָב איך גיזעהן, ער זיצט עפיס איבר אַספר, אונ׳ וויא ער האָט מיך דרזעהן, האָט ער עס גיוואָלט בעהאַלטין. עס איז׳ אָבער שוין צו שפעט גיוועזן, וויל איך האָב עס שוין גיזעהן. איך בין דרצו צוגיגאַנגין, האָב איך גיזעהן, עס איז׳ דאָס ספר שבחי הבעשט. מחמת איך האָב גיהערט דרפון אונ׳ האָב עס נאָך נישט גיהאַט גיזעהן, האָב איך עס גינעהמין, איך זאָל אַביסל דרינין אַריין קוקין. וויא איך האָב עס אויפגימאַכט, האָב איך גראָד גיטראָפין דיא מעשה, וויא דער בעשט האָט גיוואָלט מיט אַשטורם ווינד לעבינדיגרהייט געהן אין הימל אַריין וויא אליהו הנביא. נור מחמת דאָס וייב איז׳ איהם גישטאָרבין, איז׳ ער גיוואָרין אַ האַלבר מענש אונ׳ האָט עס נישט גיקענט אויספיהרן (א).

וויא איך האָב דאָס דרזעהן, האָט מיך אַציטרניש אָנגיחאַפט אונ׳ איך האָב מיך אָנגירופין צום בן יחיד מיין תלמיד: קענסט דוא אַזויני אַפקורסישי זאַכין גלייבין? פרוואָס נישט? האָט ער מיר גיענטפרט. איך גלייב משונה דראָן, פר וואָס נישט? איך האָב אין דעם ספר גיזעהן זאַכין, וואָס דער בעשט האָט בעוויזען בייא זיין לעבין, זעה איך, ער איז׳ גרעסיר גיוועזן וויא אליהו הנביא. אַלי נסים וואָס אליהו הנביא האָט גיטוהן, האָט דער בעשט נאָך מיט מעהר חידושים בעוויזן. גיט נור אַכטונג:

אליהו הנביא האָט זיך גילעגט אויף דער ערד אונ׳ האָט דעם קאָפף צווישין די קניעס גילעגט, עס זאָל געהן אַרעגין; אונ׳ דער בעשט האָט נור פשוט תפילה גיטוהן, איז׳ גיגאַנגין אַ רעגין (ב).

אליהו הנביא האָט זיך גילעגט אויף אַ טויד קינד אונ׳ האָט גאָט גיבעטין, דאָס קינד זאָל לעבינדיג ווערין; אונ׳ דער בעשט האָט אַ קינד וואָס איז׳ שוין עטליכי טאָג גילעגין טויד נור מיט דיא פאָר ווערטיר לעבינדיג גימאַכט וואָס ער האָט גיזאָגט: דרהאַלט דאָס קינד דעם פאָטיר אונ׳ דער מיטער (ג).

אליהו הנביא האָט גיזאָגט אין גאָטס נאָמין צו איין אלמנה, דער קריג מיט מעהל אונ׳ דאָס קריגל מיט עהל זאָלין נישט לעדיג ווערין; אונ׳ דער בעשט האָט ר׳ מאָטיל פולנאער דורך היידעיס גיגעבין דרייצעהן הונדרט גילדין מזומנים נור פון צווייא קוואָרט בראָנפין (ד).

אליהו הנביא האָט זיך אָנגינעהמין גאָטס קריוודי אונ׳ האָט גאָט משונה גיבעטין, ער זאָל שיקין אַ פייער פין דעם הימל אַראָב, כדי דיא וועלט זאָל זעהן, אַז נור דער יודישיר גאָט איז׳ אַ גאָט; אונ׳ דער בעשט האָט נור

מיט דעם פינגער אַבוים אָנגעריהרט, האָט דער בוים אָנגעהויבּען תּיכף צו ברענען — אונ׳ צום סוף איז׳ דאָס אפילו נישט געווען פון גאָטס קריוודע וועגין, נור זייני לייט איז׳ זעהר קאַלט געווען, זאָלין זייא זיך בייאם פייער דרוואַרמין אונ׳ זיין פוהרמאַן, אַ גוי, זאָל זיך דרבייא טריקענין דיא האָניטשיס פין דיא פיס (ה).

אליהו הנביא האָט מורא גיהאַט פר איזבל אונ׳ איז׳ ענטלאָפין גיוואָרין און דער מדבר אַריין אונ׳ דאָרט האָט ער זיך גיווינשין דעם טויד; דער בעשט אָבער האָט פר אַ פריץ, אַשונא זיינר, וואָס האָט גיזאָגט, אַזוי באַלד ער וועט איהם זעהן וועט ער איהם דרשיסין מיט אַ ביקס, גאָר קיין מורא נישט גיהאַט אונ׳ איז׳ אַמיסטני גיגאַנגין צום שטאָד קאָמיסאַר דענצמאָהל אַז דער פריץ דער שונא זיינר איז׳ גיווען ביים קאָמיסאַר; אונ׳ דער פריץ האָט איהם נישט גיזעהן, חאָטשי ער איז׳ לעבין איהם גישטאַנין. דרנאָך וויא דער קאָמיסאַר האָט דעם פריץ גיזאָגט, אַז דער בעשט איז׳ לעבין איהם גישטאַנין אונ׳ ער האָט איהם פאָרט נישט גיזעהן, האָט דער פריץ גיזאָגט: אַז ער איז׳ יוא אַזאַ אַמענש, מוס איך איהם איברבעטין; אונ׳ האָט טאַקי אַזוי גיטוהן (ו).

אליהו הנביא, אַז ער איז׳ גיווען אין דער מדבר, האָט איהם אַ מלאך גיבראַכט אַ קיכל אונ׳ אַ קריגל וואַסיר; אונ׳ דער בעשט האָט אַמאָהל אויף דעם וועג אין פעלד פר זייני תּלמידים אַסעודה גימאַכט מיט כּמה מיני מאכלים, אי דאָס גאָר אָהן אַמלאך (ז).

אונ׳ נישט דאָס אַליין, וואָס ער האָט נישט בעדאַרפט דיא מלאכים׳ס טובה, האָבין דיא מלאכים נאָך צו איהם בעדאַרפט. אַז זייא האָבין גיוואָלט, דער ראַשקובר רב זאָל האָבין פרנסה, האָבין זייא דעם בעשט גיזאָגט: וואָס שווייגסט דוא צו דעם וואָס דער ראַשקובר רב האָט קיין פרנסה נישט? (ח).

אליהו הנביא האָט גימוזט צווייא מאָהל עסין פין דעם וואָס דער מלאך האָט איהם גיבראַכט, כּדי ער זאָל קענין אונגיגעסין געהן; אונ׳ דער בעשט איז׳ גיגאַנגין דרייא טאָג אין גרויס פרטראָגגיש אונגיגעסין, האָטשי אַ מלאך האָט איהם גאָר נישט גיבראַכט קיין עסין (ט).

אליהו הנביא האָט נביאות גיזאָגט פין גאָט, אַז דיא הונד וועלין לעקין אחאב׳ס בליט אונ׳ איזבל׳ן וועלין זייא אופעסין; אונ׳ דער בעשט האָט גיהייסין זיין ווייב בייא אַ קאַראוואַני גיגנבתי מאַרדערני פעליכר אָבקויפין, ווייל ער זעהט, אַז גזלנים וועלין דיא גאַנצי קאַראוואַני אויסהרגנין—אונ׳ עס איז׳ אַזוי גיווען (יוד).

אליהו הנביא האָט גיזאָגט נביאות, אַז אחזיהו וועט פין דעם בעט וואָס ער ליגט דאַרויף קראַנק נישט אויפשטעהן; אונ׳ דער בעשט האָט גיזאָגט אויף אַ גיזינדין אַרענדאַר, וואָס איז׳ גאָר נישט קראַנק גילעגין: היינט אָדער מאָרגין וועט ער שטאַרבין, — אונ׳ איז׳ טאַקי גישטאָרבין (יא).

אליהו הנביא, אַז ער האָט גיזאָלט איבר דעם ירדן אַריבר געהן, האָט ער גימוסט פין זיך דיא דערי אַראָב נעהמין אונ׳ מיט איהר שלאָגין דעם

ירדן, ער זאָל זיך שפּאַלטין; און׳ דער בעשט, אַז ער האָט בעדאַרפט צו געהן פון איין באַרג צום אַנדערן פרטראַכטרהייד, און׳ צווישין ביידע בערג איז׳ גיוועזן זעהר אַטיעפער טאָהל, וואָס ער האָט גיקענט האַלז און׳ לייב ברעכין,— וויא ער איז׳ נור גיקומין צום עק פון דעם באַרג, איז׳ דער אַנדרר באַרג צום ערשטין צו גיקומין פין זיך אַליין, ער האָט אַפילו קיין וואָרט גיזאָגט; דרנאָך איז׳ זיך דער באַרג צוריק גיגאַנגגין אויף זיין אָרט. און׳ וויא דער בעשט איזט צוריק גיגאַנגין, איז׳ ווידער דער ערשטר באַרג צום אַנדערן צוגיגאַנגגין אַזוי וויא פריהר דער אַנדרר, און׳ דאָס האָט זיך אַזוי גיטוהן עטליכי מאָהל, אַזוי לאַנג דער בעשט איז׳ זיך אויף דיא בערג אַרום גיגאַנגין (יב).

היינטשי, מוסט איהר וויסין, שטעהן אין דעם ספר נאָך אַזויני מופתים פון דעם בעשט, וואָס אליהו הנביא האָט אַזויני אין זיין לעבין נישט בעווי־זען און׳ האָט זייא אַודאי אויך נישט גיקענט בעווייזין.

אויף דעם אַלעם האָב איך איהם גיפרעגט: פין וואַנין ווייסט דוא, אַז אַלצדינג וואָס עס שטעהט אין דעם שבחי הבעשט איז׳ אמת? קענסט דוא דען דעם ליניצר שוחט, וואָס האָט דעם שבחי הבעשט גימאַכט, אָדער האָט אַ בית דין מיט עדות מקיים גיוועזן, אַז אַלע מעשיות וואָס שטעהן אין דעם שבחי הבעשט זענין אמת? און׳ פרוואָס האָט מען דיא מעשיות נישט אַרויס גיגעבין ביים בעשט׳ס לעבין? דענצמאָהל האָטשי, וויא עס האָבין נאָך גילעבט דיא מענשין וואָס האָבין איהם נאָך גיקענט? פרוואָס האָט מען אַזוי לאַנג גי־וואַרט מיט דיא מעשיות, ביז אַלי דיא מענשין זענין אויסגישטאָרבין, וואָס האָבין איהם און׳ זייני עסקים גיקענט? איך וויים, דער רבי אונזרר, דער גדול בישראל, דער רבי רבי אליהו עליו השלום, האָט אונז גיזאָגט, ער האָט דעם בעשט גוט גיקענט: ער איז׳ גיוועזן אַפּראָסטי בעל שם וויא אַנדרע זיינס גלייכין און׳ האָט נישט גיקענט לערנין, נור ער האָט גיהאַט גרויס חוצפא און׳ איז׳ גיוועזן אַ שרעקליכר שווינדלער מעהר וויא אַנדרי זיינס גלייכין (יג).

וויא איך האָב דאָס אַרויס גירעדט, איז׳ דער בן יחיד גיוואָרין וויא אַנ־געצונדין, האָט אָנגיהויבין מיך און׳ דיא תורה וואָס ער האָט בייא מיר גילערנט שרעקליך מבזה צו זיין און׳ צו מיר צו שרייען: דוא מין, אַפיקורוס! און׳ איז צו געלאָפין צו דער שאַפי מיט אַ שרעקליכין כעס, האָט פין דאָרט אַרויס גיחאַפט עפיס אַ לולקע איין ערדיני און האָט זיך צו מיר אָנגערופין: זעהסט דוא דיא לולקע? פר איהר וועל איך נישט נעהמין דיין גאַנצי תורה און׳ דיא תורה פין אַלי רבנים אין איינים וואָס זענין נור דאָ אויף דער וועלט!

ער האָב אָבער אַזוי גישריגין, אַז דער פּאָטיר האָט בייא זיך אין שטיב דאָס גישרייא גיהערט און׳ איז׳ גיקומין צום בן יחיד אין שטיבל אַריין צו לוי־פין. דעם בן יחיד אָבער איז׳ דאָס גאָר נישט אָנגיגאַנגין. ער איז׳ אין שטיב אַרום גילאָפין מיט דער לולקע אין דער האַנד וויא אַ רעכטיר משוגע, האָט גישריגין און׳ מבזה גיוועזן מיך און׳ דעם פּאָטיר, האָט איבר גירעדט אויף אַלי רבנים און׳ אויף אַלי לומדים וואָס זענין קיין חסידים נישט, אַז מעזאָל אַזוינס

נישט הערין. נאָך איצט, אַז מען דרמאנין זיך דראן געהט אונז אַ מורא; מיר האָבין דענצמאָהל נישט גיוויסט וואָס מעזאָל מיר זיך טראַכטין. מעהאָב מיר גיזעהן, אַז עפּיס אַ נישט גוטר וואָיוועט אין דעם יונגין מאַן (יד).

דער פּאָטיר איז׳ פר ווייטאָג צו איהם צו גילאָפין אונ׳ האָט איהם גי־וואָלט שלאָגין. איך האָב איהם אָבער נישט דרלאָזט. איך האָב איהם גינעהמין מיט גיוואַלד אונ׳ האָב איהם אין זיין שטיב אַריין גיפיהרט. וויא מיר זענין דאָ גיזעסין רופט זיך ר׳ קלמן אָן צו מיר: איך זע, עס איז׳ משונה צייט דעם קאלנער היא אויף צו נעהמין. נור וואָס העלפט עס, איך הער, ער איז׳ אויך אַ חסיד; ער קעהר צום זאלינירס לייט. האָב איך איהם ערשט דרצעהלט פון אייך, וויא דער אמת איז׳, אַז איהר זענט פין דיא אונסים, וואָס פרקריכין זיך פר מורא מיט דעם יודישקייט אין קעלירס אונ׳ אין גריבער אַריין. אַזויני מענשין האָבין מיר איצט בעוה״ר געניג. האָט ער מיר גיגלייבט.

בין איך אייך דאָס מודיע, איהר זאָלט זיכר זיין, אַז אין עטליכי טאָג אי״ה וועל איך אייך שיקין אַ העתקה פון אייער רבנות בריב.

## עח פון דעם קאלנער רב
## צום דיין מיכל כהנא

איך האָב מיך נישט גיקענט גינוג פרחידושין, וויא איך האָב גיזעהן אויס אייער בריב, אַז איהר ווייסט גאָר נישט וואָס עס טוהט זיך אויף דער וועלט. ווען איך העט נישט גיקענט אייער כתב, העט איך עס בשום אופן נישט גיגלייבט, אַז אין דעם איציגין וואָהלין דור זאָל זיך נאָך גיפונין אַ מענש, וואָס זאָל דעם שבחי הבעשט נאָך נישט גילייאנט האָבין. אַספר וואָס איז׳ שוין פינף מאָהל איבערגידריקט גיוואָרין אונ׳ אין אַ צייט פון צווייא יאָהר האָט מען דרפון פרקויפט איבר זעקס טויזינד שטיק, זאָל מען נאָך נישט האָבין גילייאנט? אויף אייך און אויף אייערס גלייכין האָט דער נביא גיזאָגט: פר־פעטסט איז׳ זייער האַרץ, זייערי אויערן זענין טויב אונ׳ זייערי אויגין זענין פרקלעבט.

טא ווער עס לייאנט נור דיא הקדמה פין דעם שבחי הבעשט, קען זיך שוין נישט איינהאַלטין דאָס גאַנצי ספר צו לייאנין. דער וואָס האָט גימאַכט דאָס ספר, זאָגט בפירוש אין דער הקדמה: מען זאָל וויסין, אַז איך האָב אין דעם ספר נישט אַריין גישריבין דיא מעשיות, מען זאָל עס לייאנין וויא אַ מעשה בוך. דער וואָס לייאנט עס מוז דריבין גוט אַריין קוקין אונ׳ דעם קאָפּ דרצו גאַנץ גוט צולעגין, וועט ער זעהן אין איטליכר מעשה בעזונדר גאָטס וואונדר אונ׳ וועט זיך דרויס אַ קלוגין מוסר אַרויס נעהמין, ער זאָל זיך צירין זיין האַרץ אין גאָטס פורכט אונ׳ מיט אמונה אין דער הייליגר תורה וואָס געהט אַרויס אויס דיא מעשיות.

און׳ וויא איך זעה האָט איהר אַפּילו דיא הקדמה דרפון נישט גע־לייאנט און׳ ווייסט נישט, אַז ווער עס לויבט דיא צדיקים איז׳ אַזוי גוט גלייך ער העט גילערנט דיא מעשה מרכבה.

פרעג איך אייך: וויא איז פרהאַנדין אַיין עהרליכר יוד, וואָס זאָל נישט וועלין לערנין דיא מעשה מרכבה? איך האָב אויף אייך און׳ אויף אייער נשמה גרויס רחמנות וואָס זיא איז׳ אין אַזוי אַגראָבין גוף. ביי אייך איז׳ דאָס אַ חידוש, וואָס דער בעשט איז׳ ביא דיא חסידים חשוביר וויא אליהו הנביא, און׳ בייא מיר איז׳ גאָר אַפּשוט. און׳ אַז דער עברשטיר וועט אייך העלפין אין זייערי ספרים אַריין צו קוקין, וועט איהר גיוואָהר ווערן, אַז דער בעשט איז׳ גרעסיר גיוועזן פון גאָט, און׳ נישט דער בעשט אַליין, נור אַפּילו איט־ליכר צדיק אין אונזר דור איז׳ גרעסיר פין דיא אבות (א), פין משה רבנו (ב) און׳ פון גאָט (ג).

זעהט נור אין דער הקדמה פון דעם שבחי הבעשט, אָבער נור אין דעם וואָס דאָס ערשטי מאָל איז׳ גידרוקט גיוואָרין אין קאָפּוסט, וואָרין אין דיא איבריגי האָבין זייא דאָס נישט אַריין גידרוקט, וועט איר זעהין—שטעהט, דער צדיק ר׳ מענדלי האָט גיזאָגט מיט דעם לשון: גאָט האָט זיין וואָרט (דיא נביאה) גיגעבין דעם בעשט, ער איז׳ איינר גיוועזן אויף דער וועלט, פר איהם איז׳ זיין גלייכין נישט גיוועזן און׳ נאָך איהם וועט אַזוינס נישט זיין.

און׳ אַז ר׳ מענדלי האָט דאָס יוא גיזאָגט, האָט מען דעך גאָר נישט מסופק צו זיין, אַז עס איז׳ אַודאי אַזוי, וואָרין דער בעשט אַליין האָט גי־זאָגט, אַז ר׳ מענדלי האָט אים דרמאָנט דעם שטייגר פון דאַבינין. און׳ דער בעשט האָט איהם תמיד אָבגיטרעטין בייא זיך זיין התבודדות שטיבל, אַז ער איז׳ בייא איהם צו גאַסט גיוועזן (ד).

איך ווייס, אייך קען דאָס נישט אין קאָפּ אַריין, אַז איצט זאָל אימציר גרעסיר זיין פין דיא אָבות, וואָרין אייך דרעהט זיך נאָך אין קאָפּ אַרום דאָס שטיקל רמבן, וואָס ער זאָגט אויף דעם פסוק, אַז אברהם אבינו׳ס קנעכט אליעזר האָט דיא קעמלין גיעפּענט דיא שלעסיר פין דעם מויל, וואָרין אויף דעם וועג זענין זייא גיגאַנגין דיא מיילער פרשלאָסין, זיי זאָלין נישט עסין פרעמדי תבואה—זאָגט דער רמבן, עס בלייבט אַ גרויסי קשיא, וויא איז׳ דאָס גימאָהלט בייא ר׳ פנחס בן יאיר אין הויז זאָל דיא פרומקייט גרעסיר גיוועזן זיין וויא בייא אברהם אבינו אין הויז? (ה).

נור וואָס האָט מען דאָ צו שמיסין, איהר און׳ אַלי לומדים וואָס זענין גיוועזן עה דער בעשט איז׳ גיוועזן אויף דער וועלט לערנין דיא תורה אַזוי וויא זיא געהט אָנגיטוהן אין דיא מלבושים, דיא איציגי צדיקים אָבער, וואָס מען האָט זייא דיא תורה אין דיא הענד אַריין גיגעבין, זייא זאָלין מיט איהר טוהן וואָס זייא ווילין (ו), זייא לערנין דיא תורה ערשט אַז מען טוהט איהר אויס דיא קליידר, נאַקיטרהייד, איבר דעם ווייסין טאַקי נור זייא דעם אמתן וועג, און׳ מיר דאַרפין נישט מעהר נור זייא צו צו הערין, זייא צו פאָל־

גין. אונזר שכל אונ׳ אונזר הבנה מוזין וויר אויף דער זייט לעגין אונ׳ זיך נור אויף זייא פרלאָזין, האָטשי אונז דאַכט זיך, אַז זייא טוהן אַזוינס וואָס איז אַקעגין דער תורה (ז).

אַז איך וועל קומין אי״ה צו אייך, וועל איך מיט אייך לערנין דיא נייע תורה אונ׳ וועל אייך ווייזין דעם רעכטין וועג, וואָס אָהן איהם טאַפּין מיר נור אַרום וויא בלינדע, אונ׳ דורך דעם נייען שטייגר יידישקייט וועל איך אייער גוף אונ׳ אייער נשמה מציל זיין פין דעם גיהנם.

## עט. פון ר׳ חיים גבריאל צו ר׳ יעקל פולנאער

דיין בריבל האָב איך מקבל גיוועזן אונ׳ האָב אַזוי גיטוהן וויא דוא האָסט מיר גישריבין פון דעם רבינס וועגין. איך האָב ר׳ שמערל׳ן גיזאָגט, ער זאָל דאָס היגע רבנות אָננעהמין אונ׳ זאָל פר דעם דיין גאָר קיין מורא נישט האָבין. עס האָט אָבער אַלץ נישט גיהאָלפין, ער וויל בשום אופן נישט; אונ׳ וויא איך זעה, איז׳ דאָס נור איבּרדעם טאַקי וואָס דער שוועהר זיינער איז׳ זעהר אַגראָבער יונג אונ׳ האָט מורא, ער זאָל דרבייא נישט האָבין גרויסי הוצאות. איך וויים בודאי, ווען דוא העסט מיר נור געלד גישיקט אויף הוצאות, העט איך בייא איהם גיוועזן גיפועלט, ער זאָל דאָס רבנות אָננעהמין. ע״כ זעה למען השם געלד צו שיקין. דוא מוסט וויסין דעם זאלינירס לייט היא שלאָפין נישט, אונ׳ עס העט שוין לאַנג איין עק גיוועזן, נור איך האַלט נאָך דאָס עסק אויף. איך האָב צוגיזאָגט געלד, אונ׳ דיא ווייסט זעהר גוט, אַז איך האָב ניט אַפּרוטה. אונזרי לייט היא זענין ניט פיל, אונ׳ דאָס ביסל זענין לויטר אביונים. מעגסט מיר גלייבין, דיא צווייא הונדרטר וואָס דער ידוע האָט מיר גיגעבין האָב איך תחלת גאָר נישט גיוויסט אַז דאָס זענין הונדרטר, איך האָב גימיינט, עס זענין פינפר, ערשט ר׳ אהרן חלובניקר האָט מיר גיזאָגט, דאָס זענין הונדרטר; האָב איך פון זייא אויף יום טוב אויסגיגעבין אַכציג רובל. פרוואָס נישט, האָב איך מיר גיטראַכט, אַז דער עבירשטר האָט מיר יוא אין דעם רבינס זכות צווייא הונדרטר בעשערט, פר וואָס זאָל איך פּסח לעב נישט שען צו נעהמין? פר וואָס זאָל איך מיר קאַרגין? אונ׳ דאָס איבריגע האָב איך איינעם פין דער פרעסודסטווע שוחד גיגעבין מכח דעם רבנות. ווען נישט דאָס, העט שוין דער קאלנער לאַנג היא רב גיוועזן. ע״כ זעה מיר צו שיקין געלד, וואָרין איך האָב נאָך מענשין צוגיזאָגט געלד, אונ׳ אַז דוא וועסט נישט שיקין, וועט ח״ו זיין שלעכט, וועסט זעהן, נישט מיט מיין מויל גירעד, אין קערצין וועט דער זאלינר ליגנר אַהער אַראָב קומין אונ׳ וועט פיהרן דיא וועלט ביד רמה, וויא זיין שטייגר איז׳.

## פ. פון ר׳ יעקל פולנאער
## צו ר׳ היים גבריאל

אויס דיין בריבל זעה איך, אַז עס איז זעהר גינעטהיג צו אַרבייטען מכח אייער רבנות וויא וויית מען קען. אונ׳ וויא יעני וואָך זענין אָנגיקומין דיא גבאים פין דיא ארץ ישראל געלדר אונ׳ פין ר׳ מאיר בעל הנס פושקיס אויס דיא אַלי שטעד וואָס קעהרן צום רבין זאָל לעבין, האָב איך מיר גי־טראַכט: איצט איז׳ צייט מיט דעם רבין זאָל לעבין פון דעם אינטעריס צו שמיסין.

וויא איך האָב אָבער נור גיוואָלט צום רבין זאָל לעבין אין זיין שטיבל אַריין געהן, איז אָנגיקומין דיא רעביצין דיא צדקת זאָל לעבין אונ׳ איז׳ אין שטיבל אַריין גיגאַנגין. איך בין זעהר ציקאָווי גיוועזן וואָס דער רבי זאָל לע־בין וועט מיט דער צדקת זאָל לעבין שמיסין, וואָרין דאָס וואָס ער שמיסט מיט איהר אָב, אַז ער איז׳ מיט איהר אַליין אין זיין התבודדות שטיבל, מוס עפיס גאָר קיין קיטאָוויס זיין. דאָ מוסין שטעקין סודות גאָר אָהן איין עק. דוא קענסט דיר שוין אויס דעם משער זיין, אַז דענצמאָהל דאַרף קיין שום בן אדם אַהין אַריין קומין, עס זאָל אַפילו גילטין אום דאָס חיות.

איך בין אָבער גישטאַנין אונטער דער טהיר אַקעגין אַ גוט פירטל שעה אונ׳ האָב נישט אַוואָרט גיהערט רעדין. דרנאָך האָב איך גיהערט, וויא דיא צדקת האָט זיך אָנגירופין: נוא וואָס וועט זיין מכח דיא פערל? האָט איהר דער רבי זאָל לעבין גיענטפערט: מיר דאַכט זיך, פיפציג רענדליך איז׳ גענוג.

האָט זיא זיך אָנגירופין: דוא ביסט דעך תמיד נור אויף מיר קאַרג. אַז אַזויפיל אורחים עסין דיך אויף אונ׳ טרינקין דיך אויס, איז׳ גאָר נישט קשה. אויף דעם ביסט דוא גאָר נישט קאַרג, אונ׳ נור אָן מיר ברענגסט דוא דיין קאַרגשאַפט אָן; אַז עס קומט עפיס אויף מיר אויס צו געבין איז גאָר קריעת ים סוף.

דרויף האָט איהר דער רבי זאָל לעבין גיענטפערט: וואָס איך קאַרג דעם עולם דאָס עסין נישט, פרשטעהסט דוא נישט, מן הסתם דאַרף אַזוי צו זיין; אונ׳ דרצו האָב איך דיר טאַקי נישט מעהר צוגיזאָגט נור פיפציג רענדליך.

וואָס דאָ טוהט זיך! האָט זיך דיא צדקת זאָל לעבין אָנגירופין: דוא האָסט מיר נישט מעהר צוגיזאָגט, וואָרין דוא האָסט דיך נישט גירעכט, מען זאָל דיר אַזויפיל געלד ברענגין. אַז מען האָט דיר אָבער איצט אַזויפיל אָהן עין הרע אָנגיבראַכט, פרוואָס זאָלסט דוא מיר נישט געבין על כל פנים האָטשי פינף און זיבציג?

האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט: וואָס זאָל איך מיט דיר טוהן, דוא

ביסט דעך תמיד אַ גרויסר עקשן. אונ׳ וויא ער האָט דאָס גיזאָגט, האָב איך גיהערט וויא ער האָט אָנגיהויבין געלד צו צעהלין.

אונ׳ וויא דיא צדקת איז׳ אויס דעם רבינס התבודדות שטיבל אַרויס גיקומין, האָט זיא מיר גיהייסין געהן נאָך דער פערל האנדלרין רבקה פעסיס.

איך האָב זיא גיבראַכט, אונ׳ דיא צדקת האָט בייא איהר גיקויפט פערל פר הונדרט רענדליך; האָט איהר תיכף גיגעבין פינף אונ׳ זיבציג רענדליך, אונ׳ פינף אונ׳ צוואנציג איז׳ זיא איהר שולדיג גיבליבין. האָב איך אַ קוק גיגעבין, אַז איצט [איז] בחנם צום רבין זאָל לעבין צו געהן אונ׳ בין ערשט דעם אַנדערן טאָג צו איהם גיגאַנגין אונ׳ האָב איהם אַלצדינג דרצעהלט מכח דעם רבנות אַזוי וויא דוא האָסט מיר גישריבין.

תחלת האָט ער מיר גאָר נישט גיענטפרט. דרנאך האָט ער זיך צו מיר אָנגירופין: שמערל דער שוטה איז׳ נישט ווערט אין קאווען רב צו זיין. אונ׳ וויא איך זעה, איז׳ שמערל טאַקי באמת אַ גרויסר שוטה, וויא איז׳ ער נישט אַ שוטה, אַז דוא האָסט איהם בפירוש ג׳זאָגט פין דעם רבינס וועגין, ער זאָל פר דעם דיין מיכל כהנא קיין שום מורא נישט האָבין, אונ׳ צום סוף וויל דער שוטה פאָרט דאָס רבנות נישט אָננעהמין אונ׳ זאָגט, ער האָט פאַק מורא פר דעם דיין. וואָס קען איהם דער דיין טוהן, אַז דער רבי זאָל לעבין האָט איין מאָל גיזאָגט, ער האָט פר איהם גאָר קיין מורא נישט צו האָבין?

פון דעם וואָס איך האָב דיר דאָ גישריבין, ווערסט דוא אַליין פרשטעהן, אַז איך האָב מיט דעם רבין זאָל לעבין שוין נישט מעהר גיקענט רעדין פין דעם עסק.

## פא. פין ר׳ חיים גבריאל
## צו ר׳ יעקל פולנאער

כדי דער רבי זאָל מאריך ימים זיין זאָל אויף מיר דרנאָך ח״ו קיין תרעומות נישט האָבין, בין איך דיר מודיע, אַז דער פודראַטשיק קלמן ביסינגיר האָט זיך זעהר דרבעזרט אויף זיין בן יחיד, וויל ער האָט אַקעגין גירעד דעם יודישין שד דעם ימ״ש מיכל כהנא. בייא מיר איז׳ עס אַפילו אַפשיט, ער איז׳ נור איבר׳דעם אין כעס אַריין גיקומין, וויל ער האָט דעם דיין דעם ימ״ש אין פנים אַריין גיקוקט (א) אונ׳ האָט אַזוי אין כעס גיהייסין דעם קאַלבער שרייבין אַרבנותבריב אונ׳ אַלי היגי נגידים האָבין זיך דרויף גיחתמית, אויך דעם זאליניר ליגנירס לייט, אונ׳ דאָ איז׳ קיינר דאָ וואָס זאָל זיך זייא אַקעגין שטעלין.

איך האָב גרויס מורא, אַז דיא ווערסט נישט זעהן צו טוהן עפיס אַ גיוואַלד זאַך, ווערט דיא פרעסודסטווע דעם קאָנסעס בעשטעטיגין, אונ׳ מיר וועלין בלייבין חוזק. על כן למען השם זעה דאָס דעם רבין זאָל מאריך ימים

זיין צו דרצעהלין. ממה נפשך, אַז מיר וועלין זעהן דער רבי זאָל מאריך ימים זיין וויל אַקעגין דעם נישט טוהן, וועל מיר וויסין, אַז עס איזי רעכט אַזוי אוני עס דאַרף אַזוי צו זיין.'

## פב. פון ר׳ יעקל פולנאער צו ר׳ חיים גבריאל

דיין בריב האָב איך מקבל גיווען אוני האָב דעם רבין זאָל לעבין אַלצ-דינג דרצעהלט וואָס דוא האָסט מיר גישריבין. האָט מיר דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט: איך האָב דעך דיר שוין לאַנג גיזאָגט, אַז שמערל דער שוטה איזי נישט ווערט רב צו זיין אין קאווען, אוני דער קאלנער איזי נישט פון דיא שלימזלניקיס.

האָב איך שוין מעהר דערפין נישט גירעד, וואָרין איך האָב פרשטאַנין, אַז עס בעדאַרף אַזוי צו זיין.

על כן זאָלסט דוא דיך זעהן צום קאלנער צו צו מאַכין, תיכף וויא ער וועט נור צו אייך אַריין קומין, וואָרין דאָס וואָס דער רבי זאָל לעבין האָט גיזאָגט: דער קאלנער איזי נישט פין דיא שלימזלניקיס, האָט ער נישט אומזיסט גיזאָגט. דער רבי זאָל לעבין האָט מן הסתם אַקוק גיטוהן, אַז ער וועט מיט דעם זאליגיר כזבן כפרות שלאָגין אוני וועט ווערין פון דעם רבינס לייט.

מילא ע״כ זאָלסט דוא מיר זעהן צו שרייבין תיכף וויא דער קאלנער וועט נור צו אייך אָנקומין, אָב דער זאליגיר ליגניר איזי מיט איהם גיקומין אוני וואָס דער קאלנער טוהט, וואָס דוא טוהסט. וועט ער אָבער אָהן דעם זאליגיר ליגניר קומין, זאָלט איהר אַלי איהם אַקעגין געהן אוני זאָלט איהם כבוד אָנטוהן. אַזוי האָט דער רבי זאָל לעבין גיהייסין.

## פג. פון דעם דיין מיכל כהנא צו קאלנער רב

איך האָב גיוואָלט אייך שיקין אַ העתקה פין דעם קאָנסעס אויף דעם היעגין רבנות, איך זעה אָבער, עס איזי נישט גינעטהיג, וואָרין אין אַפאָר טאָג פאָהרין דיא משולחים שוין פין היא אַרויס מיט דעם קאָנסעס צו אייך, זייא זאָלין אייך טאַקי אָהער ברענגין. אַלי היגי נגידים האָבין זיך אויף דעם קאָנסעס גיחתמית, אויך דער איבריגער עולם; בלאַז עטליכי מענשין פין דעם דישפאלירס לייט האָבין זיך נישט גיוואָלט חתמנין. איהר דאַרפט זייא אָבער גאָר נישט אין זין צו האָבין, וואָרין בייא אונז קוקט מען זיך אויף דיא לייט גאָר נישט אום.

אייער קאָנסעס איז׳ שוין פין דער פרעסודסטווע בעשטעטיגט. ע״כ זאָלט איהר זעהן אייך פאַרטיג צו מאַכין אויף דעם וועג, אונ׳ אַז איהר וועט אי״ה אַהער קומין, וועל איך זיין אייער תלמיד, איך זאָל לערנין בייא אייך דיא נייע תורה, וואָס זיא איז אַזוי וויא דיא מעשי מרכבה. איך זאָג אייך דעם אמת, דיא נייא תורה האָב איך אין מיין לעבין נישט גיזעהן אונ׳ נישט גיהערט. ערשט אין אייער בריב האָב איך זיא דאָס ערשטע מאָל גיזעהן.

## פד. פון ר׳ זעליג לעטיטשי־ בער צום קאַלנער רב

בזו הרגע האָב איך דרהאַלטין אַ בריב פון קאָווען, האָב איך גרויס תענוג גיהאַט. מען שרייבט מיר, אַז מען האָט אייך שוין דאָרט פר אַרב אויפגינעהמין. איהר מיסט אָבער וויסין, אַז דעם דישפאַלירס ליגנירס לייט האָבין גאָר זייער ביסל כח צוגילעגט, זייא זאָלין עס נישט דרלאָזין. וואָס האָט דאָס אָבער גיהאָלפין? ליגין האָט קיין קיום נישט. איך האָב אייך שוין לאַנג גישריבין, דער רבי זאָל לעבין האָט גיזאָגט, איהר וועט ווערין רב אין קאָ־ ווען. ניא, גילויבט איז דער הייליגר רבי (א), עס איז׳ מקוים גיוואָרין וואָס דער רבי זאָל לעבין האָט גיזאָגט, אונ׳ דיא גאַנצי אַרבייט פין דעם דישפאַליר ליגנירס לייט איז׳ אומזיסט גיוועזן; אונ׳ מיר זעהן בחוש, אַז דאָס איז׳ נור גישעהן, ווייל דער רבי זאָל לעבין האָט גיזאָגט, עס וועט אַזוי זיין (ב).

איצט האָט מיר דער רבי זאָל לעבין גיהייסין אייך שרייבין מיט דעם לשון: אַז איהר וועט אָנקומין קיין קאָווען, וועלין זייא אייך אָנטוהן גרויס כבוד; אַז איהר וועט אייך ח״ו נישט שטאַרקין (קיין גדלות צו בעקומין), וועט איהר אָנוועהרין דאָס וואָס איהר אַהער איז׳ גיוועזן (ג).

היינט בין איך אייך מודיע, אַז אייער רבנות האָט דעם רבין זאָל לעבין אַסך געלד גיקאָסט; אונ׳ איהר ווייסט גוט, אַז דער רבי זאָל לעבין האָט איצט קיין אייגען געלד נישט, איז׳ ער דורך אייך אַבעלחוב גיוואָרין. ע״כ אַזוי באַלד איהר וועט נור אָנקומין קיין קאָווען, זאָלט איהר זעהן דאָרט מיט דיא נגידים צו אַרבייטין, זייא זאָלין דעם רבין זאָל לעבין אַהין אַראָב ברענגין אויף שבת. דורך דעם וועט אייך אויך אַ גרויסה טובה אַרויסקומין; וואָרין וויא איך הער, גיפונט זיך דאָרט אַ דיין אַ גרויסר שונא פון גיטי יודין אונ׳ אונזרי לייט. דער וועט דעך אַודאי זוכין אייך אָנצוטוהן עגמת נפש; אַז דער רבי זאָל לעבין וועט אָבער דאָרט זיין, וועט ער אַודאי דיא העזה נישט האָבין אַוואָרט צו רעדין; אונ׳ ווען אַפילו נישט, וועט דער רבי זאָל לעבין הייסין אים דיא תפילין איברזעהן אונ׳ זייא וועלין אַודאי פסולדיג זיין, וועט ער פר בושה מוזין אויס דער שטאָד ענטלויפין (ד); אונ׳ איהר וועט אייך זיטצין בלייבין במנוחה.

און׳ מחמת דער עולם פין קאווען ווע̃לין אייך אודאי אַקעגין פאַהרין און׳ איהר וועט דאַרפין זייא תורה זאָגין, שרייב איך אייך אַ פּאָר ווערטיר פון דעם רבינס תורה, איהר זאָלט זייא דעם עולם זאָגין. חאָטשי איך שרייב זיא אייך זעהר קורץ, זענט איהר דעך אָבער אַמבין און׳ פרשטעהט אַז דאָס איז׳ זעהר ברייטי תורה. איהר ווייסט ב״ה, אַז דער רבי זאָל לעבין איז׳ פין דיא צדיקים וואָס דאָ הינטין זאָגין זייא זייער תורה גאַנץ קורץ, צו ביס̃ליך; אָבין אָבער איז׳ זיא זעהר גרויס און׳ משונה ברייט (ה).

דער פסוק זאָגט: זמרי בן סלוא נשיא בית אב לשמעוני, דאָס איז׳ טייטש: זמרי דער זוהן פין ס̃לוא דער ע̃לצטיר פין שמעונס הויז. דיא ווער־טער האָבין גאָר קיין פירוש נישט. נור דיא זאַך איז׳ אַזוי: עס שטעהט גי־שריבין, אַז דער יצר הרע פאַ̃לט אָן דעם מענשין, זאָל ער איהם שלעפין אין קלייזל אַריין. אָט דאָס מיינט דער פסוק. זמרי הייסט שניידין, סלוא הייסט אַדאָרען, זמרי בן ס̃לוא, אַז דוא ווי̃לסט פרשניידין דעם ס̃לוא, דעם יצר הרע, וואָס איז׳ גיג̃ליכין צו אַדאָרין, נשיא בית אב — טראָג איהם אין טאַטינס הויז אַריין, דאָס מיינט מען, ער זאָל טראָגין דעם יצה״ר אין צדיקס הויז אַריין. זאָגט דער פסוק ווייטער: וואָס וועט זיין? לשמעוני — דער יצר הרע וועט דורך דעם מיך צו הערין.

דער פסוק זאָגט: על פי התורה אשר יוריך. דער פסוק האָט אויך גאָר קיין פירוש נישט. ער וויל אָבער אונז דאָס זאָגין: וואָס זאָל נעביך אַזוינר טוהן, וואָס ווייס נישט מיט וואָס דעם עבירשטין צו דיענין? צו דעם איז פר־האַנדין אַ ספּאָסיב—ער זאָל מפרנס זיין דעם צדיק. אָט דאָס זאָגט אונז דער פסוק. על פי הייסט צום מויל; התורה וועט אָנגירופין דער צדיק; מיינט דער פסוק: על פי התורה — גיב דעם צדיק וואָס הייסט תורה צום מויל, היינו גיב איהם פרנסה, דורך דעם אשר יוריך, וואָס ער וועט דיך לערנען, דאָס מיינט מען דורך דעם וואָס דוא וועסט דעם צדיק געבין פרנסה צום מויל, וועט ער דיר ווייזין וויא אַזוי דעם עבירשטין צו דיענין (ו).

נאָך זאָגט דער פסוק: ולבני קהת לא נתן כי עבודת הקדש עליהם בכתף ישאו. דעם פסוק פרשטעהט מען גאָר נישט. וואָס איז׳ דאָס: קהת קינדר האָט ער נישט גיגעבין, וואָרין דיא הייליגי אַרבייט איז׳ אויף [זייא], זייא טראָגין מיט דער אַקסיל? נור דער אינטעריס איז׳ אַזוי. איטליכר ווייסט, אַז דער צדיק איז מחויב צו געבין דער וועלט שפע, און׳ איבּרדעם מוז דער צדיק זיך מדבק זיין מיט רשעים און׳ מוס אי אַפילו אַליין אויך איין עבירה טוהן, כדי ער זאָל קענין דעם רשע אויך געבען שפע. אָט דאָס זאָגט דער פסוק: ולבני קהת און׳ דיא קינדר פין קהת וואָס זענין גיוועזן צדיקים, אויף זייא איז׳ גיוועזן דיא הייליגי אַרבייט — דאָס מיינט מען, זייא האָבין גיהאַט דיא אַרבייט בכתף ישאו — אין קב̃לה לשון הייסט דיא שפע כתף, דיא האָבין זייא גימוזט דעם עולם געבין (ז).

איך האָב אייך איבר דעם דיא דריי שטיקליך תורה אויסגיקליבין, ווייל

דורך דער תורה וועט דער עולם זעהן, אַז זייא דאַרפין גינעטיג שיקין נאָך דעם רבין זאָל לעבין, זייא זאָלין צו איהם אין הויז אַריין דעם יצה"ר אַריינ־טראָגין, זייא זאָלין איהם פרנסה געבין, און ער זאָל זייא שפע געבין, וד"ל.

איהר וועט זעהן, אַז דער רבי זאָל לעבין וועט דאָרט זיין, וועט פר אייך זעהר גוט זיין; אונ' פר דעם קאוונער עולם האָט מען נישט צו שמי־סען, אַז עס וועט גוט זיין; איהר ווייסט דעך אַודאי דרפין, אַז דער צדיק איז' זיך מטלטל פון דער היים אין אַנדרי ערטיר אַריין, טוהט ער עס נור פין דעסטוועגין, כדי אַז ער וועט קומין אויף יענער וועלט אונ' דרמאנט זיך אָן דיא ערטער וואָס ער [איז] גיוועזן אין זייא, קומט דורך דעם דיא ערטיר גרויסי טובות אַרויס (ח).

## פה. פון ר' חיים גבריאל
## צו ר' יעקל פולנאער

איך בין דיר מודיע, אַז דער נייער רב איז' שוין גיקומין צו אונז. דער עולם האָט איהם גרויס כבוד אָנגיטוהן. דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין טוהט מען כמעט נישט מעהר כבוד אָן.

אַלי היעגי נגידים זענין איהם אַ מייל וויט ביז צום דאָרף ברעסט אַקעגין גיפאָהרין, דאָרט האָבין זייא זיך מיט איהם אויפגיהאַלטין לענגיר וויא צווייא שעה בייאם אַרענדאַר, האָבין גיגעסין אונ' גיטרינקין, אונ' דער רב האָט זייא תורה גיזאָגט. דרנאָך זענין זייא מיט איהם אין איינעם אַהער גיפאָהרין.

דרווייל איז נאָך איין עולם פין היא אַקעגין גיגאַנגין, אונ' וויא זייא האָבין זיך בעגעגענט, זענין אַלי אַראָב אין אַ וועלדיל, האָבין אויס צווייגין אַ שטיהל אויס גיפלאָכטין, האָבין דעם רב אויף דער שטיהל אַרויף גיזעצט אונ' האָבין איהם אַזוי גיקרעגט בייא זיך פר רב (א).

ער האָט זייא תורה גיזאָגט אונ' זייא האָבין פין דער תורה גאָר דיא פינגיר גילעקט. בייא מיר איז' עס אַפּשוט, וואָרין זייא האָבין נאָך אין זייער לעבין דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין נישט גיהערט תורה זאָגין.

ציגד האַלט מען איהם אין שטאָד זעהר בכבוד. מיט אַלי עסקים לויפט מען צו איהם. ער עקט אַלצדינג, אונ'ביידי צדדים זענין קאָנטעט, וואָרין ער גיבט ביידי צדדים צו פרשטעהן, פרוואָס ער האָט אַזוי אונ' אַזוי גיפסקת. פר אַפּאָר טאָג בין איך גיגאַנגין צו איהם, אַזוי וויא דוא האָסט מיר גיהייסין. איך האָב אָבער נישט גיקענט מיט איהם פיל רעדין, וואָרין ער האָט זעהר פיל צו טוהן גיהאַט. בייא איהם אין שטיב אַפילו האָב איך גיזעהן, אַז דעם רבינס ווערטיר זענין אַתורה. מען זעהט, אַז דער רב איז' טאַקי נישט פון דיא שלימזלניקיס. נור טאַקי איבר דעם האָב איך מורא, דעם גאַנצין עולם

ווערט ער דורך זיין בריהשאַפט בעקומין, אונ׳ דרנאָך ווערט ער זייא אונטר דעם זאליניר ליגנירס פליגל ברענגין.

נור בין איך ניט אַנאַר, אַז איך קלעהר נאָך אַזויני עסקים, וואָס דער רבי זאָל מאריך ימים זיין האָט אויף זייא מסכים גיוועזן? מן הסתם ווייסט דער רבי זאָל מאריך ימים זיין, וואָס ער טוט. בפרט איך זעה, ער איז׳ שוין היא איבר צווייא שבתים אונ׳ מען האָט נאָך דעם זאליניר נישט גישיקט; אונ׳ וויא איך הער, האָט ער אַפילו שוין אַפאָר מאָהל גישפעט גיטריבין אויס דעם זאליניר. מילא דאַרף מען זשע מסופק זיין, אַז ער ווערט פון דעם שקרן אָבלאָזין הענד און פוס אונ׳ ווערט זיך מקרב זיין צום רבין זאָל מאריך ימים זיין אונ׳ ווערט אַלץ רעכט זיין.

## פו. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

איך האָב גרויס תענוג גיהאַט פון דיין בריב. דער נס וואָס אונז איז׳ דאָ גישעהן, וואָס פריידה ר׳ אייזיקס איז׳ מעוברת גיוואָרין, האָט דעך גאָר קיין שאַך נישט. מיר דאַכט זיך, דיין שרה ווערט אַליין זעהן, אַז זיין גאַנץ פרשוואַרצט ווערען איז׳ נור איבערדעם וואָס ער פלעגט אויס דעם רבין זאָל לעבין אונ׳ אויס אונזרי לייט צו שפעטין.

דיין עצה פריידה׳ן אַהער צו שיקין איז׳ זעהר וואָהל. אַז זיא ווערט אַהער קומין, ווערט איהר דער רבי זאָל לעבין זאָגין, זיא זאָל היא אַוועק זיצין עטליכי וואָכין, זאָל זיך היילין; אונ׳ איך וועל זיא שיקין צו איצק אברהמס קיין קראסני. איך האָב שוין מיט איהם גישמיסט דרפין, ער האָט זיך דראָן אָנגיהאַפט מיט בּיידי הענד, וואָרין חאָטשי ער איז׳ איין עושר, קען איך איהם פר אַבן נח, וואָס קומט איהם פר אַ שילינגר; פר עטליכי קערבליך פרקויפט ער ווייב אונ׳ קינד. בייא איצק׳ן ווערט פריידה שטילרהייד איבערקומין, אונ׳ קיין מענש ווערט וויסין; וואָרין איך האָב מיט איהם אויסגינעהמין, אַז עס ווערט פון [איהם] נור וואָס עס איז׳ אַרויסקומין, זאָל ער ניט נעהמין אַ שילינגר; אונ׳ בייא איהם איז׳ אַקערבל אַסך געלד. פר איין קערביל קען ער זיך אַ מעשה אָנטוהן, אונ׳ מכלשכן פר עטליכי קערבליך ווערט ער טוהן איך ווייס אַליין נישט וואָס, עס זאָל קיין מענש דרפין עפּיס וויסין. ובפרט איצט איז׳ זיין ווייב מעוברת, זאָגט ער, ער ווערט דרנאָך זאָגין, זיין ווייב האָט אַצווילינג גיהאַט; אונ׳ אַזוי בלייבט דער אינטעריס אויף איביג אַסוד. נור וויל ער, דיין פריץ זאָל איהם געבין אַכתב אויף אַיאַם געלד פר דעם וואָס ער ווערט דאָס קינד האַלטין, אונ׳ מיר וועלין דורך דעם דיין פריץ תמיד בייאם קאָפּ האָבין אונ׳ ווערט תמיד פר אונז דאָס קדחת האָבין.

וואָס דוא שרייבסט, דוא ווילסט נאָך פר פריידה׳ס אַהער פאָרין דאָרט

מיט דעם רופא שמיסין דרפין איז׳ אַ גרויס שטות. למעה״ש טוה דאָס נישט, צו וואָס טויג דאָס אונז, זיא זאָל מפיל זיין? פר אונז איז׳ בעסיר, זיא זאָל האָבין אַ לעבינדיג קינד אונ׳ עס זאָל גיזונד אונ׳ שטאַרק זיין. אַז זיא וועט מפיל זיין, וועט דער פריץ דרנאָך דיא גאַנצי מעשה אָבלייקנין אונ׳ וועט אונז נאָך אַ גרעסירר שונא ווערין.

## פז. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך האָב מיט דעם רופא שוין גיהאַט גישמיסט, אַז דיין בריבל איז מיר אָנגיקומין. נור פין דעסטוועגין האָב איך מיין שכל בייא מיר גיהאַט אונ׳ האָב איהם נישט גיזאָגט פין וועמינס וועגין איך דאַרף דיא רפואות. ער האָט מיר דיא רפואות גיגעבין, זייא האָבין אָבער נישט גיהאָלפין, נור האָבין זיך איהר פין דיא רפואות דיא דמים זעהר גילאָזט, זיא איז׳ זעהר קראַנק און קאָן צו אייך איצט בשום אופן נישט פאָהרין. איך געה אַרום וויא משוגע, וואָרין איך האָב זעהר מורא, זיא זאָל נישט ח״ו שטאַרבין אונ׳ נישט גינוג מיר וועלין קיין האָפונג האָבין, דער פריץ זאָל מיט אונז האַלטין, וועט ער אונז פאַק נאָך אַ גרעסרר שונא ווערין וויא איצט, וואָרין איפשר האָט זיא איהם גיזאָגט, זיא האָט בייא מיר רפואות גינעהמין, אונ׳ אַז זיא וועט שטאַרבין, וועט מיך דער גזלן פין דעם חיות ח״ו ברענגין. איך וויל מיין מויל נישט צו בעזין עפנין. איך בעט דיך זעהר, זעה למעה״ש דער רבי דער צדיק זאָל לעבין זאָל איהר אַ פדיון מאַכין, אָדער ער זאָל הייסין אימצין אַנדרש פר איהר שטאַרבין אונ׳ זיא זאָל בלייבין לעבין (א).

## פח. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

איך שיק דיר דורך דעם שליח מיוחד אַקוואָרט ווייַן מיט מיין חתימה פרחתמית. פין דעם וויין זאָלסט דוא תיכף אויף דער שטעל געבין פריידה׳ן צו טרינקין, וואָרין ער איז׳ פון דעם וויין, וואָס דער רבי זאָל לעבין האָט זיך אין איהם אָנגיקוקט (א). פין איהם וועט זיא אַודאי גיזונד ווערין.

איך האָב דעם רבין זאָל לעבין נישט גיקענט זאָגין, ער זאָל פריידה׳ן אַ פדיון מאַכין, ווייל זיא האָט קיין געלד אויף אַ פדיון גישיקט, אונ׳ דוא ווייסט וואָהל, אַז אויף אַ פדיון מוס מען געלד געבין (ב). נור דאָס מזל איז׳ גיוועזן, וואָס אַ לאַביטשר האָט צום רבין זאָל לעבין גישיקט אויף אַ פדיון, אונ׳ וויא דער פדיון איז׳ אָנגיקומין, איז׳ דער רבי זאָל לעבין גיוועזן אין

זיין התבודדות שטיבל, האָב איך בייאם שליח דאָס געלד מיט דעם צעטיל אויף דעם פדיון צוגינעהמין, איך זאָל עס דעם רבין זאָל לעבין געבין, האָב איך דאָס לאביטשר צעטיל בייאהאַלטין אונ׳ האָב דעם רבין זאָל לעבין איין אַנדר צעטיל גיגעבין, דרויף איז גישטאַנין פריידה׳ס אונ׳ איהר מוטירס נאָה־מין מכח פיל דמים אונ׳ נישט מפיל צו זיין. אונ׳ אַזוי האָט דער רבי זאָל לעבין אַ פדיון גימאַכט, וועט אודאי רעכט זיין. למעה״ש שרייב מיר, וואָס זיא טוהט, וואָרין דורך איהר קראַנק זיין געה איך אויך אַרום אין עצבות.

עיקר שכחתי. למעה״ש אַז פין דעם ויין וועט עפּיס איבערבלייבין, שיק מיר צוריק, וואָרין ער איז׳ זעהר אַטהייערי זאַך; נור איין שטשיגולני איינ־ציג מאָהל, אַז דער רבי זאָל לעבין איז׳ גיוועזן אין גרויס חדוה אונ׳ איז פין מיר זעהר קאָנטענט גיוועזן, האָט ער מיר פין דעם ויין וואָס ער האָט זיך אין איהם אָנגיקוקט פיר קוואַרט גישענקט, ווער ווייסט אָב איך וועל ווייל איך וועל לעבין נאָך איינמאָהל די זכייה האָבין פון דעם ויין נאָך עפּיס צו בעקומין.

## פט. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

פריידה האָט דעם וויין וואָס דוא האָסט גישיקט נישט גיוואָלט טרינקין, זיא האָט גיזאָגט, זיא האָט גיהערט פון אַ גרויסין דאָקטאָר, אַז ויין שאַד זעהר צו דער קרענק. איך שיק דיר דורך דעם שליח צוריק דריי קוואַרטיר־ליך, אונ׳ איין קוואַרטירל האָב איך מיר גינעהמין. וואָס העסט דוא גיטוהן, אַז פריידה העט גיוועזן דיא גאַנצי קוואַרט אויסגיטרינקין, אָדער אַז איך העט דיר גישריבין, זיא האָט איין קוואַרטירל גיטרינקין? נור איך זאָג דיר דעם אמת. קעהרסט דוא מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב מיר אַקוואַרטירל אַראָב גינעהמין; פר הונדרטערלייא, מען זאָל נישט בעדאַרפין, תּאמיר ווערט אַמאָהל בייא איינעם פין אונזרי לייט אַ ווייב ח״ו קראַנק.

פריידה׳ן העבט אָן פון דעם פדיון און אין רבינס זכות בעסיר צו ווערין, אונ׳ אַבאַלד וועט [זיא] צופאָהרין צום רבין צום צדיק זאָל לעבין. וואָרין איך האָב גירעד מיט שלמה אומניר, דעם רבינס אַמקורב אונ׳ פריידה׳ס אַקרוב, ער זאָל שמיסין מיט פריידה׳ס משפּחה, זייא זאָלין זיא לאָזין פאָהרין צום רבין צום צדיק זאָל לעבין. וואָרין פון דער גאַנציר משפחה ווייסט קיינר פון דעם סוד נישט נור שלמה.

האָט מיר שלמה גיזאָגט, דיא משפּחה איז׳ מסכּים, אַזוי באַלד עס וועט איהר נור אַביסל בעסיר ווערין, זאָל זיא פאָהרין צום רבין, אונ׳ איפשר וועל איך מיט איהר פאָהרין. איך האָב אָהן דעם איצט אין ,דרהיים נישט וואָס צו טוהן. דער גראָביר יונג יעקל רודניקער האָט מיך אָפּגישאַפט פון דיא

מיהלין דורך דעם רשע מרדכי גאָלד ימ"ש וזכרו, געה איך אַרום גאָר אָהן פרנסה. אַז איך וועל פאַהרין מיט פריידה, וויא וועל איך נישט עפּיס פר מיין וועג בעקומין, אונ' וועל דורך דעם בייאם פריץ אויך חשוב ווערין. ער וועט זעהן, חאָטשי ער האָט מיך מבזה גיוועזן אונ' האָט מיך אַרויסגישטיפּט דענצ־מאָהל אַז איך האָב איהם דיא ראַטי פר דיא מיהלין גיבראַכט, פין דעסט־וועגין, אַז ער דאַרף איצט מיין טובה, טוה איך איהם וואָס ער וויל נור אַליין.

שרייב מיר, אָב דיא ביסט שוין מיט אַלעם פרטיג פריידה'ן צוצונעהמין. וואָרין נאָך מיין דעה נאָך זאָל זיא זיך בייא אייך נישט לענגיר פרזוימין נור וואָס זיא וועט זיין בייאם רבין דעם צדיק זאָל לעבין אונ' זאָל תיכף פאַהרין קיין קראסני, כדי עס זאָל קיינער נישט גיוואָהר ווערין וואָס עס טוהט זיך.

## צ. פון ר' יקותאל קלינקוויציר
## צו ר' זעליג לעטיטשיבער

אַז איך בין יענעם חודש גיוועזן בייאם רבין זאָל הונדרט אונ' צוואנציג יאָהר לעבין, האָט איהר מיר צוגיזאָגט, איהר זאָלט מיר בייאם רבין, זאָל הונדרט אונ' צוואנציג יאָהר לעבין, בעהילפליך זיין מכח פרנסה. איצט ווייזט זיך מיר אַ מראה מקום עפּיס אַשירות צו בעקומין, אונ' עס ווענד זיך נור אָן אייך, אַז איהר וועט מיר וועלין בעהילפליך זיין, וועל איך קענין האָבין פרנסה בכבוד.

איהר ווייסט וואָהל, אַז יעקל רודניקער האָט גיהאַט צוגינעהמין ר' זיינוויל ווערחיעווקיר פר אַנאמן אין דיא מיהלין אַריין. ר' זיינוויל האָט פין דעם נאמנות גיהאַט פרנסה מיט דעם פילין מויל. יעני וואָך אָבער האָט יעקל ר' זיינוויל'ן אָבגישאַפט, אונ' וועדליג וויא יעקל האָט מיר דרצעהלט זאָל ר' זיינוויל יאַגבי' גישווינדעלט האָבין מיט דיא בעקיר אונ' מיט דיא מוטש־ניקיס אונ' פודראַטשיקיס וואָס האָבין אין יעקלס מיהלין געמאָהלין. למשל אַז איינר האָט גימאָהלין הונדרט קאָריץ תבואה, האָט ר' זיינוויל פרשריבן נור זיבציג קאָריץ, אונ' פר דיא איבריגי דרייסיג קאָריץ האָט ער בייא זייא נור דיא העלפט מיהל געלד גינעהמין אונ' זיך בעהאַלטין.

אונ' מיט דעם ווימיאַר וואָס אין דיא מיהלין איז' גיפאַלין האָט ער אויך גרויס שווינדל גימאַכט. אַז ער האָט פרקויפט הונדרט קאָריץ למשל, האָט ער אין רייסטיר נור אַכציג קאָריץ פרשריבין, אונ' פר דיא איבריגי צוואנציג קאָריץ האָט ער זיך גיטהיילט מיט דיא פודראַטשיקיס וואָס האָבין בייא איהם דיא תבואה גיקויפט פר דעם פודראַט.

היינטשי האָט ער זיך מיט דיא מילניריס אונ' מראטשניקיס איין האַנד גימאַכט, אונ' האָבין אויס דיא מיהלקאַסטענס אַרויסגיגנבת מעהל אונ' האָבין זיך דרמיט גיטהיילט.

אַרויסגיקומין איז׳ עס דורך מרדכי גאָלד. דער מרדכי האָט גיהאַט גי־נעהמין אַ פודראַט. בייא דעם פודראַט האָט ער גיהאַט אַ פּרעקאַשטשיק אַ קורדאניר. דער פּרעקאַשטשיק האָט מיט ר׳ זיינוויל דעם שווינדיל גימאַכט וואָס אַלי אַנדרי האָבין גימאַכט, דיא גניבה אָבער האָט ער נישט זיך בע־האַלטין, נור האָט זיא אין בוך פרשריבין, ווייל ער איז מרדכי׳ן גיטרייא גי־ווען. וויא מרדכי האָט דאָס אין בוך דרזעהן, האָט ער זיך אויף זיין פּרי־קאַשטשיק זעהר צו בעזערין, נאָך וואָס ער לאָזט [זיך] אַריין אין גנבות: ער ווייסט זעהר גוט, אַז דיא מיהלין קעהרן נישט צו ר׳ זיינווילי׳ן נור צו יעקל רודניקער; אונ׳ האָט גיזאָגט, ער וויל פון גניבות קיין הנאה נישט האָבין, אונ׳ האָט תיכף גילאָזט רופין צו זיך יעקל רודניקיר אונ׳ האָט איהם דיא גאַנצי מעשה דרצעהלט. יעקל האָט אָנגיהויבין נאָכצופרעגין אויף ר׳ זיינוויל׳ס עשיות, זענין זייא אַרויסגיקומין בולט.

אַזוי האָט מיר יעקל רודניקיר דרצעהלט. אונ׳ הגם איך גלייב דיא גאַנצי מעשה נישט, וואָרין ר׳ זיינוויל׳ן האַלט מען בייא אונז פר אַ חשוב׳ן יוד אונ׳ ער איז׳ אויך אַ גרויסר מקורב צום רבין, זאָל הונדרט אונ׳ צוואנציג יאָהר לעבין, נור לאָז זיין וויא עס וויל, יעקל האָט ר׳ זיינוויל׳ן אָבגישאַפט אונ׳ בעדאַרף אַמענש צו דיא מיהלען. אונ׳ איך וויים, אַז יעקל ווען אייך צו הערן.

ע״כ בעט איך אייך, איהר זאָלט מיך מיט ווייב אונ׳ קינדר בייאם לע־בין דרהאַלטין אונ׳ זאָלט שרייבין צו יעקלן, ער זאָל מיך צו נעהמין פר אַ נאמן. פר אייער שכר טרחא וועל איך אייך אַודאי זעהר עהרליך בעצאָהלין.

## צא. פון ר׳ זיינוויל וועַרחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

דיא מוכ״ז פריידה פאָהרט צום רבין דעם צדיק זאָל לעבין, זיא זאָל גיהיילט ווערן. איך האָב גיזאָלט מיט איהר פאָהרין, נור מיין ווייב האָט מיך נישט גיוואָלט לאָזין, אונ׳ פריידה׳ס משפחה האָט אויך נישט גיוואָלט, זיא זאָל נישט האָבין גרויסי הוצאות; איך בין איבערדעם נישט גיפאָהרין. איך בעט דיך אָבער, זאָלסט איהר דאָרט בעהילפליך זיין אין אַלעם, וואָס זיא וועט דאַרפין.

דוא ווייסט, אַז זיא האָט אונז שוין כמה פעמים גרויסי טובות גיטוהן. זיא איז׳ אַ גרויסי בריה, אַז עס איז׳ ממש איהר גלייכין אויף דער וועלט נישט דאָ. אונ׳ זיא וועט אונז ווייטר אויך קענין גרויסי טובות טוהן אין אַלי אופנים, וואָס מיר וועלין נור דאַרפין. ע״כ זאָלסט דוא איהרענטוועגען רעדין מיט דעם רבין דעם צדיק זאָל לעבין, וואָרין פר דעם רבין דעם צדיק זאָל לעבין האָט זיא גרויס בושה אונ׳ וועט נישט קענין איהם אַלץ דרצעהלין פין איהר קרענק.

איך בין בטוח, דוא ווערסט מיין בקשה צו הערן אונ׳ וועסט טוהן פין איהרענט־וועגען וואָס מען בעדאַרף.

היינט האָב איך צו דיר נאָך אַבקשה. איך הער דיא העלפסט ר׳ יקותאל קלינקוויציר, יעקל רודניקיר זאָל איהם צו נעהמין פר אַנאמן צו דיא מיהלין אויף מיין אָרט. אמת, איך זעה אַליין, אַז איך קען ווייטר בייא יעקלין נישט זיין. ער איז׳ זעהר אַגראָבער יונג אונ׳ הערט אויף מיר צו פלאָטקיס פין דעם ימ״ש מרדכי גאָלד. מילא איז׳ מיר אַודאי מעהר ניחא, ער זאָל אויף מיין אָרט ר׳ יקותאל׳ן צו נעהמין וויא איין אַנדערן.

נור פון דעסטוועגין איז׳ אַיושר, אַז ער וועט צונעהמין ר׳ יקותאל׳ן, זאָל ר׳ יקותאל אַקעגין מיר עפיס פרזעהן. לאָז זיין וויא עס וויל, עס איז׳ פאָרט גיוועז מיין שטעל אונ׳ איך האָב זיא אַוועק גילאָזט, איז׳ קיין יושר נישט, איך זאָל פון איהר מיט לעדיגי הענד אַוועק געהן. לעולם בעקומט ר׳ יקותאל פאָרט נור איבערדעם דיא שטעל, ווייל איך בין פין איהר אַוועק גיגאַנגין. דאָס ווייסט היא דיא גאַנצי שטאָד, איך זאָל נור וועלין שמיסין מיט דעם גראָבין יונג, בעהמט ער מיך נאָך היינטיגין טאָג צוריק, נור איך וויל נישט. מילא פרוואָס זאָל מיר ר׳ יקותאל דרפר נישט געבין עפיס אַ מתנה, צו געלד צו עפיס תבואה? מילא בעט איך דיך, אַז דוא וועסט ר׳ יקותאל׳ן פר העלפין צו דער שטעל, זאָלסט דוא מיך אין זין האָבין, וואָרין איך זיטץ גאָר אָהן פרנסה.

## צב׳ פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ יקותאל קלינקוויציר

דיין בריבל האָב איך מקבל גיווען. פר מיר איז׳ אַודאי זעהר רעכט, אַז יעקל רודניקער זאָל דיך צו געהמין פר אַ נאמן צו דיא מיהלין. נור דעם אמת וועל איך דיר זאָגין, דער יושר איז׳, זאָלסט פריהר רעכט מאַכין מיט אונזר ר׳ זיינוויל׳ן, וואָרין לעולם האָט דעך יעקל איהם אומזוסט אין איין בעזען שם אַריין גילעגט.

דאָס גאַנצי איז׳ אַודאי שקר וכזב. מן הסתם האָט ר׳ זיינוויל איהם אָבגיזאָגט, אָדער דער רשע מרדכי גאָלד האָט יעקל׳ן צו גירעד דרצו, ער זאָל ר׳ זיינוויל׳ן דאָס שטיקל בראָד אַוועק נעהמין. איבערדעם איז זעהר רעכט, זאָלסט ר׳ זיינוויל׳ן געבין אָבטרעט געלד איצט, אָדער זאָלסט איהם דרנאָך געבין תבואה. דיא וועלט פיהרט זיך אַזוי פין אייביג אָן.

אַז דוא וועסט דאָס טוהן, וועל איך יעקל׳ן שרייבין מכח דיר, אונ׳ אַז עס וועט זיך לאָזין, וועל איך אַפילו מיט דעם רבין זאָל לעבין רעדין, ער זאָל פין זיך הייסין צו יעקל׳ן שרייבין, וועט ער דיך אַודאי צו נעהמין, וואָרין דעם רבינס בעפעהל מוס ער האַלטין (א).

## צג. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך דאנק דיר טויזענד מאָהל, וואָס דוא האָסט צו יקותאל קלינקוויציר פין מיינטוועגין גישריבין. ער האָט מיר דיין בריבל גיוויזין אונ׳ האָט [מיט] מיר אָבגימאַכט, אַז יעקל וועט איהם צו נעהמין, זאָל ער מיר דאָס ערשטי יאָהר געבין אַלי חודש איין האַלבין קאָריץ קאָרינמעהל, איין פירטיל ווייצינ־מעהל אונ׳ איין פירטיל גרויפין. הגם דער אינטעריס איז׳ נאָך נישט אויסגי־פיהרט גיוואָרין, וואָרין דער גראָביר יונג יעקל איז׳ בעקאַנט גיוואָרין מיט דעם ימ״ש מרדכי גאָלד אונ׳ טוהט נישט דאָס מינדסטי אָהן מרדכי ימ״ש, אונ׳ וויא ער האָט גיוואָלט יקותאל׳ן צו נעהמין, האָט ער אויך גיפרעגט דעם ימחשמוניק, האָט ער דעך אַודאי נישט מסכים גיוועזן, ער זאָל יקותאל׳ן צו נעהמין, וואָרין וויא קען דער רשע דרויף בעשטעהן, אַז דורך איהם אָדער דורך דוא וואָס הערן איהם צו, זאָל איינר פון אונזרי לייט האָבין אַ שטיקל בראָד? האָט ער יעקל׳ן אַודאי גיהייסין עפיס אַקורדאניר אחברוש צו נעהמין, וואָס איז אַהער צו איהם גיקומין, אונ׳ יעקל האָט איהם צו גינעהמין.

וואָס זאָל איך ד״ר זאָגין, איך זעה, דער ימחשמוניק מרדכי לעגט זיך מיט גיוואַלד אויף אונזר שטעדיל. דיא אַרענדי האָלט ער, זייני לייט בעזעצט ער אין שטעדיל. אַכּלל ער טוהט וואָס ער וויל, אונ׳ אַלץ אויף דעם פריץ תקופות. ווען נישט דאָס, העט ער דיא העזה נישט גיהאַט, דאָס שטעדיל מיט קורדאניר דראַביס צו בעזעצין.

איך ווייס נישט, וואָס איהר טראַכט אייך דאָרט. איך זאָג דיר, עס איז׳ קיין קאַטאָוויס נישט, וואָס אַטאָג מאַכט זיך דער ימ״ש מעהר בעלי בתים פר פריינד. אַיאַם פראָסטי בעלי בתים, וואָס פלעגין פון אייביג אָן נור אונז אין מויל אַריין צו קוקין, קוקין זיך אויף אונז שוין גאָר נישט אום, אונ׳ אַטהייל מאַכין אויס אונז זיך גאָר גישפעט. אונ׳ דאָס איז׳ אַלץ נור איבר דעם רשע מיט זייני לייט, וואָס דופין אויף דעם פריץ תקיפות.

איך בין מחויב צו טוהן דאָס מייניגי אונ׳ דיר אַלצדינג מודיע זיין. מיר דאַכט זיך, דוא ביזט מחויב צו טוהן וואָס צו טוהן מכח דעם. איך זאָג דיר ניט איינמאָהל — טויזינד מאָהל: עס איז׳ קיין קלייניגקייט נישט.

## צד. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

איך ווייס גאָר נישט וואָס פר אַמענש דוא ביסט. האָסט מיר טויזינד מאָהל אַלץ גישריבין, פריידה איז׳ מעוברת פון אייער פריץ, צונד זעה איך־

דוא ווייסט גאָר נישט אויב דוא לעבסט. עהנעכטין האָט זיא אָנגיהויבין וועהין צו בעקומין אונ׳ איז׳ זעהר שווער צו קינד גיגאַנגין, האָט זיא נאָך מיר גישיקט אַשליח מיוחד, איך זאָל צו איהר אַרויס קומין קיין קראסני. וויא איך בין אַהין גיקומין, האָב איך זיא דרווישט זעהר קראַנק, איך האָב מורא גיהאַט, זיא זאָל ח״ו ניט שטאַרבין. וויא זיא האָט מיך דרזעהן, האָט זיא אָנגיהויבין פר מיר זעהר צו וויינין, האָב איך איהר גיזאָגט, זיא זאָל מתודה זיין פון וועמין זיא איז׳ מעוברת. איצק אַברהמ׳ס איז דרביא גיוועזן.

איך האָב עס איבּרדעם גיזאָגט, איך האָב מיר גיטראַכט, אַז זיא וועט זאָגין פין וועמין, אַפילו ווען זיא וועט שטאַרבין, וועל איך אונ׳ איצק זיין עדות, אונ׳ דער פריץ וועט תמיד פר אונז מורא האָבין. צום סוף איז׳ זיא פר מיר אונ׳ פר איצק׳ן מתודה, אַז זיא איז׳ מעוברת פון הירצלי דעם רבינס זוהן. וויא זיא האָט דאָס אַרויס גירעד, האָט מיך אַ ציטעריניש אָנגיחאַפּט, וואָרין איך קען איצק׳ן דעם בן נח: אַז ער וועט זעהן, ער וועט נישט קענין בייאם פריץ געלד שלעפּין, וועט ער דעם עולם אַלצדינג דרצעהלין. איך האָב איהם גיזאָגט, ער זאָל איהר נישט גלייבין וואָס זיא האָט גיזאָגט, זיא האָט דאָס גיזאָגט מחמת בושה, וואָרין אַלץ איז׳ פר איהר שענער פון הירצלי מעוברת צו זיין, וויא פין אַ פריץ. אונ׳ דרנאָך האָב איך איהם גיבעטין, ער זאָל אָבטרעטין, איך האָב עפּיס מיט פריידה׳ן אַליין צו רעדין.

אונ׳ וויא איך בין מיט איהר אַליין גיבליבין, האָב איך איהר גיזאָגט, זיא מוז מיר צוזאָגין, אַז איך וועל איהר העלפין זיא זאָל דאָס קינד האָבין, זאָל זיא נישט זאָגין אויף הירצלי דעם רבינס אונ׳ זאָל איציק׳ן זאָגין זיא האָט גיזאָגט אויף הירצלין נור מחמת בושה. אונ׳ האָב איהר גיוויזין מיט ראיות, אַז פר איהר איז׳ גאָר נישט גוט, זיא זאָל זאָגין אויף הירצלי, בפרט דער רבי זאָל לעבין וועט אויף איהר אַתרעומות האָבין. זיא האָט מיר צוגיזאָגט אַזוי צו טוהן. אונ׳ דרפר האָב איך איהר צוגיזאָגט, איך זאָל איהר העלפין זאָל האָבין דאָס קינד. וכן הוה. איך האָב זיא גיהייסין שמירין מיט ווין, וואָס איך האָב מיט מיר גיבראַכט, פון הונטין אונ׳ פון פאָרין, אונ׳ וויא מען האָט דאָס גיטוהן, האָט זיא תיכף גיהאַט אַ קינד (א). נור טויד איז׳ עס גיוועזן.

נעכטין איז שלמה אומניר גיוועזן בייאם רבין זאָל לעבין, האָט ער מיך גיפרעגט אויף פריידה׳ן, וויא זיא איז׳ אונ׳ אויב זיא איז׳ שוין גילעגין גיוואָרין, האָב איך איהם גיזאָגט, אַז זיא האָט גיהאַט אַ טויד קינד. האָט ער זיך צו מיר אָנגירופין זעהר לוסטיג: זעליג ברודר, דוא ביסט בייא מיר ווערט אַגרויסי מתנה. איך פרייא מיך זעהר מיט דער בשורה.

און אין שמיסין מיט מיר האָט ער מיר גיזאָגט, אַז זיא איז׳ פין הירצלי דעם רבינס מעוברת גיוואָרין. האָב איך איהם גיזאָגט: איך האָב דעך גיהערט, אַז זיא [איז] מעוברת גיוועזן פין אייער פריץ! האָט ער אָנגיהויבין אויס מיר זעהר צו לאַכין. דער פריץ, האָט ער גיזאָגט, האָט זיא זיבט ער לעבט

נישט אָנגיריהרט (ב). עס איז׳ גאָר זיין טבע נישט. זיין גאַנץ פריינדשאַפט צו פריידה איז׳ נור איבר דעם, וואָס זיא איז׳ אַמחוכמת, אונ׳ דרצו האָט איהר פאָטיר דעם פריץ אַרויסגיהאָלפין אויס אַ נויטה, טוהט ער דרפר זייני קינדר אָב טובות. דער פריץ, האָט מיר שלמה גיזאָגט, ווייסט אַפילו נישט אַז זיא איז גיוועזן מעוברת. ער זאָל דאָס וויסין, העט ער אויף איהר משוגה בעז גיוועזן אונ׳ העט זיא נישט אַריין גילאָזט אין הויף אַריין.

מילא פרשטעה איך נישט, וויא דוא האָסט מיר גיקענט איפשר טויזינד מאָהל אַלץ שרייבין, זיא איז׳ מעוברת פין דעם פריץ. איך האָב גימיינט, פריידה האָט עס דיר גיזאָגט. איך זעה ערשט וואָס פר אַנס אונז איז׳ דאָ גישעהן, וואָס זיא האָט גיהאַט אַ טויד קינד. אַז דאָס קינד העט ח״ו גילעבט, העט דעך דער גאַנצר אינטעריס נישט גיוועזן גיקענט בלייבין אַסוד פר דעם פריץ. מילא דער פריץ העט אויף [אונז], בפרט אויף דעם רבין זאָל לעבין, גיוועזן גזלן. ער העט אונז נאָך אַ גרעסירר שונא גיוואָרין וויא פריהר. היינט דיא בושה פר דער וועלט, מעוברת איז׳ זיא גיוואָרין פון דעם רבינס זוהן אונ׳ מיר האָבין זיא גיהאַלטין און קראסני. אַדרבא קוק דיך אום וואָס פר אַלייד דוא העסט גיקענט אָנאַרבייטין מיט דייני פּאָטשטין וואָס דוא האָסט גישריי-בין, גלייך דיא ווייסט זיא גאַנץ זיכר.

זעה חאָטשי פון היינט אָן, וויא זיך נוהג זיין בייא עסקים וואָס אונז אָנגעהן.

## צה. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

וואָס זאָל איך זאָגין, דוא ביסט אַודאי גירעכט, וואָס דוא בעזערסט דיך אויף מיר אין דיין בריבל, וואָרין דער אמת איז׳ טאָקי, אַז איך האָב מיט פריידה קיין מאָהל נישט גירעד מכח דעם גוף אינטעריס, פין וועמין עס איז׳. בייא מיר איז׳ עס גיוועזן בלי שום ספק, אַז זיא איז׳ אַודאי מעוברת פון דעם פריץ. איך האָב גיוויסט, זיא שטעקט בייא איהם טאָג אונ׳ נאַכט, אונ׳ דרצו האָב איך גיזעהן, אַז אונז קען דורך דעם אַ גרויסי טובה אַרויסקומין, האָט זיך מיר שוין גידאַכט, אַז עס איז׳ אַודאי אַזוי.

צינד ערשט זעה איך, וואָס פר אַנס אונז איז׳ דאָ גישעהן, וואָס זיא האָט אַ טויד קינד גיהאַט, וואָרין וויא איך האָב דרהאַלטין דיין בריבל, האָב איך אונזר בשמים קרעמיר ר׳ יעקל רבקיס אַמיסטני גישיקט צום פריץ קלוטש-ניטשקי, ער זאָל זיך מיט איהר צישמיסין פין פריידה, האָט זיא איהם דר-צעהלט, אַז פריידה איז׳ גיוועזן בייאם פריץ זיך גיזעגענען, האָט זיא דעם פריץ גיזאָגט, זיא פאָהרט צו אַ קרוב עטליכי מייל ווייט אונ׳ וועט זיך דאָרט פרזוימין עטליכי וואָכין; זיא דאַרף דאָרט איין עק מאַכין מכח אַ ירושה.

מילא זעה איך דעך, דער פריץ ווייסט גאָר נישט אויב זיא איז׳ מעוברת גיוועז אונ׳ וויא אַהין זיא איז׳ גיפאָהרין.

אַבזונדר מזל האָב איך, וואָס דוא האָסט מיר מודיע גיוועז, אַז איך לעב איין טעות, וואָרין אַזוי וויא איך זיץ איצט גאָר אָהן פרנסה אונ׳ האָב אַמאָהל אַפילו אויף שבת נישט גיהאַט, האָט עס מיך אַזוי צוגישפּאַרט, אַז איך האָב שוין נור וואָס גיוואָלט געהן צום פריץ אונ׳ האָב איהם גיוואָלט זאָגין, ער זאָל מיר געבין חאָטשי עפּיס תבואה פר דעם וואָס איך האָב מיר דאָס לעבין אייגגישטעלט איין פרײדה׳ס אינטערעס פין זיינטוועגין, אונ׳ איך בין נישט מסופק גיוועז, אַז ער איז׳ מיר מחויב צו געבין. דרוייל איז מיר דיין בריבל אָנגיקומין.

וואָס זאָל מען דאָ שמיסין, אַז איך העט גיוועז צו דעם גזלן גיקומין מכח דעם אינטערעס, העט ער דעך מיך אַוודאי גיוועז גיהרגת אויף טאָד. האָב איך נור צו דאַנקין, וואָס דוא האָסט מיר בייאצייטינס גישריבין, אַז איך לעב גאָר איין טעות.

איך בעט דיך זעהר, אַז דוא וועסט זעהן שלמה אומניר, זאָג איהם, לאָז ער מיר חאָטשי געבין אַ פּאָר גולדין. איך געה אַרום אונ׳ האָב כמעט נישט צו עסין. לאָז זיין וויא עס וויל, קודם לכל האָב איך זייער משפּחה אַ גרויסי טובה גיטוהן. יוא איך האָב גימיינט דעם פריץ. זייא איז׳ דעך אָבער פּאָרט אַ גרויסי טובה דרפין אַרויס גיקומין, זעגין זייא מחויב מיר איין אַ נויטה אויסצוהעלפין. איך בין בטוח אָן דיר, דיא וועסט דאָס פין מיינטוועגין [טוהן].

## צו. פון ר׳ מאיר יעקב אין קורדאן צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

אייער בריב האָב איך דורך איין אורח פין אייער שטאָד מקבל גיוועז. לע״ע קען איך אייך נישט מעהר שרייבין, אַז פין דיא צווייא לייט וואָס זענין פון אייך ענטלאָפין גיוואָרן ווייסט מען אין צידון הרבה נישט. עס איז׳ מעגליך, אַז דער וואָס איז׳ חשוב אין קרייז אונ׳ וואָס דער לאטקאר רב האָט איהם דענצמאָהל גיזעהן, ווייסט יוא עפּיס דרפון, אָבער אויך נישט דעם גאַנצין אינטעריס, אונ׳ ווען ער זאָל אַפילו דעם גאַנצין אינטעריס וויסין, האָט מען פר איהם אויך גאָר קיין מורא צו האָבין. ער איז׳ אַהיים זיטציר, ער האָט נישט צו טוהן מיט פיל מענשין אונ׳ האָט אויך דיא טבע נישט צו דרצעהלין וואָס ער הערט אָדער זעהט אין קרייז. מילא פר איהם העט מען קיין מורא גיהאַט צו האָבין, ווען ער העט אַפילו גיוויסט כד״ש, ובפרט ער ווייסט נישט דעם גאַנצין אינטעריס. אונ׳ חוץ איהם ווייסט קיין מענש נישט אַ וואָרט אין צידון הרבה פין דיא צווייא לייט.

נור פר עטליכי טאָג בין איך גיוועזן בייא אַ וויינשענקיר אין צידון הרבה, וואָס איך בין מיט איהם בעקאַנט גיוואָרין דורך דעם ווייל וואָס איך האָב בייא איהם פר אייער ר' אהרן לאָזירס [גיקויפט], איז' בייא איהם איינ־גישטאַנין אַ פריץ וואָס האָט עפיס איין עסק גיהאַט אין קרייז. איז צו דעם פריץ אָנגיקומין זיינס אַ קנעכט פון זיין דאָרף מיט אַ בריבל פון דער פריצה, ער זאָל איהר עפיס זאַכין אַהיים שיקין. האָט דער פריץ גיפרעגט דעם קנעכט: וואָס הערט מען אין דרהיים? האָט איהם דער קנעכט גיזאָגט: דיא גויה וואָס צו אונז איז' גיקומין אין דאָרף אַריין האָט גיהאַט אַצווילינג. האָט דער פריץ אָנגיהויבין צו לאַכין אונ' רופט זיך אָן צום קנעכט: גוט, איצט האָ־בין מיר פיר נפשות מעהר, די גויה, איהר פאַטיר אין דעם צווילינג. דער וויינ־שענקיר אונ' זייני היימישי מענשין זענין דענצמאָהל אויך גיוועזן אין שטיב, זייא האָבין אָבער ניט אַזוי אַכטונג גיגעבין אויף דעם שמיס וויא איך. כדי זייא זאָלין אָבער נישט דרפין מיט דעם פריץ צושמיסין (דרפין), האָב איך אָנגיהויבין מיט זייא פון עפיס אַנדערש צו רעדין.

דרנאָך האָב איך גיזאָגט צום וויינשענקיר: עפיס איז מיר דער פריץ קענטליך. האָט מיר דער וויינשענקיר גיזאָגט, דער פריץ איז' פון דעם דאָרף פאַנקיעוויץ. בין איך תיכף דעם אַנדערן טאָג אַהין גיפאָהרין. איך האָב מיר איין אויסרעד גימאַכט, איך וויל פאָהרין קיין לעמבערג, ווייל איך מיר דאָרט עפיס וואָל קויפין, איך זאָל מיר דיא הוצאות אויסשלאָגין. דאָרט אין דאָרף בין איך מיט דעם אַראנדר בעקאַנט גיוואָרין. ער הייסט ר' ישראל בער אונ' איז' פון אונזרי לייט.

מיר האָבין זיך צרשמיסט, האָבין מיר גיוואָהר גיוואָרין, אַז מיר זענין נישט פרעמד. פון דעסטוועגין האָב איך איהם פאָרט נישט גיוואָלט זאָגין נאָך וואָס איך בין דאָ אַהער גיקומין. נור וויא איך בין אַזוי בייא איהם אין קרעטשמי גיזעסין, הער איך, וויא איין פויער דרצעהלט דיא איבריגי פויערן וויא עס פיהרט זיך אין אונזר מדינה. האָב איך מיר תיכף משער גיוועזן, אַז דאָס מוס דער גויס פאַטיר זיין.

האָב איך מיך אָנגירופין צום אַרענדאַר: וויא איך זעה, איז' דער גוי פון אונזר מדינה. יוא, האָט דער אַרענדר גיזאָגט, ער איז' פון אייך ענטלויפין גיוואָרין אונ' אָט דאָ ניט לאַנג האָט ער זיך דאָ אין דאָרף בעזעצט מיט אַ זאכערעה.

האָב איך איהם גיפרעגט: מעג מען דאָ צו נעהמין מענשין וואָס ענטלוי־פין פון אונז? פרוואָס נישט, האָט מיר דער אַרענדאַר גיענטפערט. מען נעמט בייא אונז גאַנץ שטאַרק אַזויני מענשין צו. אונ' אַז מען שרייבט פון אונזר גובערני צו אייך מען זאָל זייא צוריק געבין, האָב איך איהם גיפרעגט, גיבט מען זייא צוריק? ח"ו, האָט מיר דער אַרענדר גיענטפערט, סיידין אַז דער ענט־לויפעניר האָט אין דער היים עפיס אַ גניבה גיטוהן, אָדער איין אַנדרי מעשה רע פרשטיפט, גיבט מען זייא אַרויס. אָט דאָ נישט לאַנג האָט אונזר קרייז־

אַמט איין קנעכט פין אייך צוריק גישיקט, ווייל ער האָט בייא זיין פריץ דאָרט געלד גיגנבת אונ׳ איז׳ אַהער אין אונזר דאָרף אַריין ענטלאָפין גיוואָ־רין. אָבער אָהן אַ גניבה אָדער איין אַנדרי מעשה רע גיבט מען קיינעם נישט אַרויס, זייא זאָלין אַפילו פון אייך הונדרט מאָל שרייבין.

וויא איך האָב דאָס פין דעם אַרענדר גיהערט, האָב איך אָנגיהויבין מיט איהם פין עפיס אַנדרש צו שמיסין, אונ׳ דרנאָך האָב איך גיזאָגט, דיא וואָל איז פר מיר זעהר טהייער; אין בין ציריק גיפאָהרין קיין צידון הרבה. איך האָב גרויס תענוג גיהאַט, וואָס איך האָב גיוואָהר גיוואָרין וויא דיא צווייא לייט זעניך, ובפרט איך ווייס, זייא האָבין אין דרהיים נישט גיגנבת, נור וואָס דיא יודישי קליידר. פון דעם ווייסט אָבער אינזר גובערני נישט אונ׳ דיא אַרענדרקא פין דיא קליידר וועט דעך נישט קלאָגין, וואָרין מן הסתם האָט איהר דעך איהר פר זייא גיצאָהלט. מילא ווייס איך בודאי, אַז מען וועט זייא פין היא נישט צוריק שיקין.

וויא איך האָב גיזעהן איך האָב אין צידון הרבה נישט צו טוהן, האָב איך מיך אַריבר גיהאַפּט קיין נחל המצה צום רבי׳ שלמיאל בן למך. חאָטשי ער קומט דעך נישט צו דער פאַדעשוועע פון אונזרי רביס, איז׳ ער אַ פשוטר מענש אונ׳ איצט אַפילו פיהרט זיך אַנדרש וויא פריהר. ער פלעגט זיך קיין מאָהל נישט צו מישין אין שטאָד זאַכין, עס האָט זיך גימעגט אין שטאָד איברקעהרן, איז׳ איהם גאָרנישט אָנגיגאַנגין. זינד אָבער ער האָט איין איידים בעקומין פין אונזר מדינה, דער ווייסט זעהר גוט, אַז צו אַרבין קעהרן אַלי שטאָד זאַכין (א), האָט ער איהם דרצו גיבראַכט, אַז ער מישט זיך אין אַלי שטאָד אינטערעסין.

לע״ע בין איך אין דער מדינה נערגיץ גיוועזן, נור אין צידון הרבה אונ׳ אין נחל המצה, האָב איך אייך נישט מעהר צו שרייבין. איצט אָבער האָב איך בדעה מיך אַריבר צו חאַפּין קיין אַכזיב אונ׳ אין נאָך אַפּאָר שטעט אַריין, האָף איך פין דאָרט אייך אַיאָם נייאס פין דיא קורדאנר לייט אונ׳ פין זייערי רביס צו שרייבין.

## צז. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

מאָנטאָג איז׳ פריידה צוריק גיקומין, אונ׳ וויא איך האָב גיזעהן, אַז זיא איז׳ שוין גאָר אין גאַנצין גיזונד, בין איך אַריבר גיגאַנגין צו שלמה אומניר, ער זאָל מיר עפיס פר מיין טרחא געבין. האָט ער מיר גיגעבין עפיס גאָר אַ קלייניגקייט. האָב איך עס איהם צוריק גיגעבין אונ׳ האָב איהם גיזאָגט: וואָס איז׳ דאָס גאָר פר מיין טרחא בייא אַזוי איין עסק? איז׳ ער אין כעס אַריין גיקומין אונ׳ האָט צו מיר אַ גישרייא גיטוהן: אַז דוא ווילסט דיין גוטס

האָבין, געה זשע מיר אויס דיא אויגין אַרויס, וואָרין אַז ניט וועל איך דיר מאַכין אַ שוואַרצין סוף, אַז דוא וועסט מיך האָבין צו גידענקין!

בין איך גיגאַנגין צו פריידה אונ׳ האָב מיך פר איהר זעהר גיקלאָגט, וואָס איך בין זעהר מחוסר פרנסה. האָט זיא מיר צוגיזאָגט אַ טובה צו טוהן אונ׳ האָט וואָרט גיהאַלטין. זיא האָט גיבעטין דעם פריץ, דער פריץ זאָל שמיסין מיט דעם ימ״ש מרדכי גאָלד, ער זאָל מיר ווידער בראָנפין געבין אויף באָרג. תחלת האָט איהר דער פריץ גיזאָגט, איך בין דאָס נישט ווערט, ער זאָל פר מיר אַגוט וואָרט רעדין. זיא האָט איהם אָבער זעהר שטאַרק גי־בעטין, האָט ער עס איהר צוליעב גיטוהן, האָט גישמיסט מיט מרדכי, אונ׳ מרדכי גוט מיר שוין ווידער בראָנפין אונ׳ איך האָב פון דעם שענק פרנסה בכבוד.

איך וויים דעך אָבער, אַז דאָס וועט נישט לאַנג דויערן, דער רשע וועט דעך באַלד וויעדער אויפהערן מיר בראָנפין צו געבין, בכן בעט איך דיך, זאָלסט פין מיינטוועגין שרייבין צו פריידה אונ׳ צו שלמה. דיר צוליעב ווע־לין זייא אודאי אַלצדינג טוהן. אַז איך [בין] בייא זייא אַנימילטין גיוועזין, האָבין זייא דיך משונה גילויבט פר אַגוטין מענש אונ׳ פר אַ גרויסין בעל טובה, וואָרין זייא דאַכט זיך דעך, אַז אַלצדינג וואָס דוא האָסט גיטוהן האָסט דוא נור זייא צוליעב גיטוהן.

## צח. פון ר׳ מאיר יעקב צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך האָב אין זין גיהאַט, אַלי קורדאַניר חידושים אייך מיט אַמאָהל צו שרייבין. וויא איך זעה אָבער איצט, וועל איך אייך האָבין פון דער מדינה זעהר פיל חידושים צו שרייבין. איבערדעם האָב איך מיר מישב גיוועזן, איך זאָל אייך בעסיר אַלי מאָהל אַטהייל חידושים פין דאַנין שרייבין.

קודם לכל מוז [איך] אייך זאָגין, אַז דיא קורדאַניר לייט זענין טאַקי אין דראמת אַקוראַט אַזוי וויא דער רבי רבי נחמנדיל זצ״ל שרייבט פון זייא (א). זייערי רביס אָבער זענין נישט ווערט אַגראָשין. הלואי העטין אין דער מדינה גיוועזין צווייא רביס אונזרי אָדער חאַטשי נור איינער, העט איהר גיזעהן, אין אַקורצר צייט העט דער היגיר עולם גאָר איבערגיקעהרט גיוואָרין. זייא זענין אַלי פאַרטיג, זאָלין ווערין פון אונזרי לייט, ווען זייא העטין נור גיהאַט גו־טי רביס. וואָס ווילט איהר מעהר, מען בעדאַרף אודאי קיין גרעסרי אַפיקורסים וויא דיא אין צידון הרבה. דאָרט זענין דעך אונזרי גרעסטי שונאים, פין דעסטוועגען מעגט איהר מיר גלייבין, אַז אין צייט פון עטליכי טאָג כמעט העטין זייא גיוואָרין פון אונזרי לייט, ווען אין דער מדינה העטין נור גיוועזן רביס אַזוינע וויא מעבעדאַרף. וואָס העלפט דאָס אָבער, ווען אַלי קורדאַניר רביס זענין גאָר נישט ווערטה אַשוס פולוויר.

אַז איך בין גיוועזן אין אכזיב, האָט מען מיר דאָרט אָנדערצעהלט מעשיות פין אַ קורדאנער רבי יאקילצי מקאלאשקי, וויל איך אַמוסטני אַפּאָר פון זייא שרייבין.

וואָליכישי אָקסינסוחרים האָבין אין דיא זוראוונער פּאַשיס גיהאַט אָקסין. דרווייל איז גיקומין אין פּאַשי אַריין אָלמיצר דייטש אונ' האָט גיוואָלט דיא אָקסין קויפין אונ' האָט זייא גיוואָלט געבין אַ גוטין פּרייז, אַז עס העט זייא גיבליבין ריוח ת"ן רענדליך. דיא שוטים האָבין אָבער אָהן דעם רבינס ידועה דיא אָקסין נישט גיוואָלט פרקויפין, ווי אַזוי זאָגט מען דאָס אָבער דעם דייטש? האָבין זייא איהם גיזאָגט, זייא האָבין עטליכי מייל פין היא נאָך אַשיתוף, מוזין זייא זיך ערשט בייא איהם אָנפרעגין, אָב זייא זאָלין פרקויפין אָדער נישט. דער דייטש האָט גימיינט דאָס איז' אמת אונ' האָט גיזאָגט, ער וועט דאָ וואַרטין, ביז זייא וועלין האָבין תשובה פון דעם שיתוף.

איינר פין דיא וואָליכשי סוחרים איז' גיפאָהרין צום רבי יאקילצי אונ' האָט איהם גיפרעגט, אָב זייא זאָלין פרקויפין דיא אָקסין. דער רבי האָט נישט גיהייסין פרקויפין, נור זייא אַליין זאָלין מיט דיא אָקסין געהן קיין אָלמיץ. זייא זאָלין אָבער זיכר זיין, אַז זייא וועלין אין אָלמיץ פרדיענען אַיאַפּ געלד, האָט יאקילצי גיזאָגט, ער איז' אַחבר צום משא ומתן.

דאָס איז' אָבער נור גיוועזן פון כדי וועגין, נישט אין ערנסטין. דאָס אַליין איז' אָבער אויך שוין גיגוג; אַז ער שטעקט נור דרינין, האָט מען דעך נישט מסופק [צו] זיין, אַז עס וועט אַודאי גוט זיין. דער רבי האָט אויף דעם שותפות מיט דעם אָקסין סוחר אַהאַנדשלאג גיהאַט, אונ' דער אָקסינסוחר האָט איהם גיגעבין דרייסיג רענדליך פר דער עצה, איז צוריקגיקומין קיין זוראוונ' אונ' האָט דעט אָלמיציר דייטש גיזאָגט: דער שיתוף הייסט נישט פרקויפין דיא אָקסין.

דער דייטש איז' זיך אַוועק גיפאָהרין אונ' דיא וואָליכישי סוחרים זענין מיט דיא אָקסין גיגאַנגין קיין אָלמיץ אונ' האָבין דאָרט פין קרן אָנגיוואָהרין דרייצעהן הונדרט רענדליך, חוץ דיא פירהונדרט פיפציג רענדליך, וואָס דער אָלמיציר דייטש האָט זייא אין זוראוונא גיוואָלט געבין ריוח אויף דיא אָקסין.

דורך דעם גרויסין היזק זענין דיא וואָליכישי סוחרים אין דרהיים אָנ־זעצירס גיוואָרין, קענין נישט אַהיים קומין אונ' מוזין זיך אַרום דרעהן אין קורדאן. דיא וואָליכשי נאַרנים האָבין נישט גיוויסט, אַז דער ליבר רבי גיט זייא דיא עצה דיא אָקסין נישט צו פרקויפין אין זוראוונא, וויל איהם האָט זיך גידאַכט, אַז אַדייטש קומט אַראָב פון אָלמיץ קיין זוראוונ' אָקסין קויפין, מן הסתם מוזין אין אָלמיץ אָקסין מיט גאָלד גלייך זיין, מילא אַמעהר געהן זייא אַליין מיט דיא אָקסין קיין אָלמיץ, וועלין זייא גאָר נתעשר ווערין. ער ווייסט נישט, אַז אין אָלמיץ קען מען אויף איין מאַרק אָקסין צאָהלין ביז אין הימל אונ' תיכף אויף דעם אַנדערן מאַרק זאָל זייא ליגין גאָר אין דער

ערד. נור יאקילצי איז׳ פין דיא רביס וואָס ווייסין פין זייער חיות נישט וואָס אין אולמיץ טוהט זיך.

נאָך איין שעני מעשה.

אַפריץ האָט אַלאַנגי צייט גיקרענקט אויף פּאָדאַגרי, נישט פר אונז גי־זאָגט. ער האָט זיך גידאָקטירט אונ׳ גידאָקטירט, עס האָט אָבער אַלצדינג נישט גיהאָלפין. איין אַרענדר האָט דער פריץ גיהאַט פין יאקילצים לייט. דער אַרענ־דר האָט איהם צוגירעדט, ער זאָל שיקין צו יאקילצין אויף אַ פדיון. דער פריץ האָט איהם צוגיהערט, האָט גישיקט אויף אַ פדיון אונ׳ האָט גיזאָגט צום אַרענדר: אַז דער פדיון וועט פועלן, וועל איך דעם רבין נאָך חוץ דעם מייני צווייא בעסטי פערד שענקין. דער אַרענדר איז׳ מיט דיא פערד דעם פריצס אַריין גיפאָהרין צום רבין אונ׳ האָט דעם רבין גיגעבין אויף דעם פדיון. וויא דער רבי האָט נאָך דעם פדיון דעם אַרענדר גיזאָגט, אַז דער פדיון איז׳ זעהר וואָהל גיראָטהען, האָט ער דעם רבין דיא צווייא פערד אַוועק גיגעבין, וואָרין ער איז׳ דעך גאָר נישט מסופק גיוועזן, אַז דער פריץ וועט אַודאי גיזונד ווערין. דער רבי האָט דיא פּאָר פערד פרקויפט איין אכזיבר רויסטייטשיר פר זעקס אונ׳ דרייסיג רענדליך.

אין עטליכי וואָכין אַרום וויא דער פריץ האָט גיזעהן, ער איז׳ טאַקי אַזוי קראַנק וויא פריהר, האָט ער גיזאָגט דעם אַרענדר, ער זאָל איהם אָבגע־בין דיא צווייא פערד, אונ׳ ווען נישט וועט ער דעם רבין זיינים פרקלאָגין בייאַם קרייז. דער אַרענדר איז׳ אַריבר גיפאָהרין צום רבין אונ׳ האָט איהם דאָס דרצעהלט. דער רבי האָט זיך זעהר משונה דרשראָקין אונ׳ האָט דעם אַרענדר גיזאָגט, אַז ער האָט דיא פערד פרקויפט אונ׳ ער זאָל זעהן זיך מיט דעם פריץ משוה צו זיין. דער אַרענדר האָט גיהאַט מיט דעם פריץ גינוג צו טוהן, ביז ער האָט איהם משוה גיוועזן פר זיבציג רענדליך. יאקילצים לייט האָבין זיך גימוזט צום הויף לעגין, דעם פריץ דיא זיבציג רענדליך מסלק צו זיין.

נוא אדרבא, גיפונד מען בייא אונז אַזוי אַרבי? טא דער מינדסטיר רבי בייא אונז העט דיא פערד נישט גיוועזן צוגינעהמין, סיידין ער העט פריהר גיפרעגט, אויב דער פריץ גיט נישט דיא פערד נור אויף אַתנאי, אַז ער וועט גיזונד ווערין, אונ׳ אויף אַתנאי העט ער זייא גאָרנישט גיוועזן צוגינעהמין. דער שוטה יאקילצי אָבער האָט גאָר נישט גיפרעגט אונ׳ האָט דיא פערד צוגינעה־מין. אונ׳ ווען איך זאָל איהם שוין דאָס מוחל זיין אַפילו, פרעג איך אַקשיה: האָסט דוא זייא שוין צוגינעהמין, וואָס האָסט דוא זייא נאָך פרקויפט? העט זשע אונזרס אַרבי יוא פרקויפט פערד, וואָס אַפריץ העט איהם גי־שענקט? ווייסט זשע אַזוי אַשוטה יאקילצי, וואָס דאָס איז׳ ווערטה, אַז אַרבי פאָהרט מיט וואָהלי פערד, אונ׳ דעם רביס לייט ווייזין איטליכין דיא פערד אונ׳ זאָגין: זעהסט דוא דיא פערד, דיא האָט דער רבי בעקומין אַ מתנה פין דעם אונ׳ דעם שרהה אונ׳ האָט איהם פּאַק חוץ דעם נאָך גישיקט אויף

אַפּדיון אויך. דער שוטה יאקילצי אָבער האָט גיחאַפּט זעקס אונ׳ דרייסיג רענד־ליך אונ׳ האָט דיא פערד אַוועקגיגעבין.

די ליעבי סגולות וואָס דער רבי יאקילצי האָט, זענין אויך גאָר אַגאַנץ וואונדר.

איינר פון אכזיב האָט איהם גיבעטין, אַקינד פרקייכט זיך בייא איהם זעהר שטאַרק, זאָל ער דעם קינד העלפין. האָט יאקילצי גיהייסין, מען זאָל דאָס קינד בייאם פרקייכין שמייסין מיט אַהושענא, אונ׳ אויף דעם באַלקען אין שטיב זאָל מען דרייא מאָל אויפשרייבין דעם קינדס נאָהמין מיט דעם נאָהמין פון דעם קינדס מוטיר. דער פּאָטיר האָט דאָס גיטוהן. וויא דאָס קינד האָט אָנגיהויבין צו קייכין, האָט מען עס מיט אַהושענא גישמיסין. דורך דעם האָט זיך דאָס קינד נאָך מעהר פרקייכט. מען האָט אָבער דרויף נישט גי־קוקט אונ׳ האָט עס וויטער גישמיסין. דאָס האָט אַזוי גידויערט אַלאַנגי צייט, ביז דאָס קינד האָט אויפגיהערט צו קייכין. וואָרין מיט דעם דרך הטבע דוי־ערט דאָס פרקייכין זיך בייא אַ קינד איין האַלב יאָהר, אונ׳ דאָ האָט מען דאָס קינד גישמיסין מיט הושענות עפּיס מעהר נאָך פון אַהאַלב יאָהר. האָט דרוויל דאָס פרקייכין זיך ממילא אויפגיהערט.

איינר פון אכזיב האָט יאקילצין גיגעבין פר זיינס אַטיליפיל מיט דעם ספּאָדיקיל אונ׳ אַליילכיל צווייא טויזינד רייניש. וויא יאקילציס לייט האָבין אָבער גיוואָהר גיוואָרין, אַז דיא וועלט שמיסט זעהר דרפון, וויא מען קען פר אַזויני זאַכין אויף אַסגולה אַזוי פיל געלד אויס נאַרין, האָבין זייא אַשם גי־מאַכט, אַז טויזינד רייניש האָט יאקילצי דעם דאָזיגין טאַקי תיכף צוריק גי־געבין אונ׳ דיא אַנדרי טויזינד רייניש האָבין זיך בייא איהם אַפילו נישט דרוואַרמיט, ער האָט זייא תיכף ציטהיילט אָרמי לייט. איי׳ נאָך וואָס האָט ער בייא דעם דיא טויזינד רייניש גינעהמין, אַז ער האָט זייא איהם יוא תיכף צוריק גיגעבין? אויף דעם האָט ער מן הסתם אַטעם גיהאַט.

צו איין אַנדרן קורדאניר רבי זענין אַמאָל צווייא מענשין גיקומין מכח קינדר. איך קען זייאביידי, איינר איז׳ דער טילאקסר רב אונ׳ דער אַנדרר הייסט נאָך אַדאָרף באקי זאבר; האָט דער רבי גיהייסין, זייא זאָלין זיך ביידי משדך זיין. דער רב, האָט ער גיזאָגט, וועט האָבין אַ טאָכטיר אונ׳ דער אַנדרר אַזוהן. האָט דער רב אָנגיהויבין דעם רבין צו בעטין, ער זאָל האָבין דעם זוהן אונ׳ דער אַנדרר דיא טאָכטיר, האָט דער רבי נישט גיוואָלט. אַז איהר וועט האָבין דעם זוהן, האָט ער צום רב גיזאָגט, וועט איהר דרנאָך נישט וועלין דעם שידוך. האָט דער רב גימוזט אויף דעם צושטעהן. מען האָט גישריבין תנאים, מען האָט טעפּ גיבראָכין אונ׳ שדכנות גיגעבין. הכלל מען האָט אַלצדינג גיטוהן אַזוי וויא מען טוהט בייא רעכטי תנאים. וואָרין בייא דיא לייט זענין דאָס טאַקי גיוועזן רעכטי תנאים, אַז דער רבי האָט גיזאָגט וועט דעך אַודאי אַזוי זיין. פון דעסטוועגין האָבין זייא טאַקי קיין קינדר גיהאַט, אי דער רבי איז׳ שוין גישטאָרבין, אונ׳ זייא האָבין אַלץ קיין קינדר נישט.

איך האָב נאָך איאַם צו שרייבין פון דיא קורדאניר רביס, נור דער בעל עגלה וואָס וויל מיט נעהמין דאָס בריבל וויל שוין פאָהרין, מוז איך אויפהערין.

## צט. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

נעכטין בייא נאַכט איז׳ צו מיר געקומין דער פאַקטיר פון אסאוועטניק אונ׳ האָט מיר מודיע גיוועזן, אַז דיין פריץ האָט גישריבין, ער האָט גיוואָהר גיוואָרין, אין וועלכין דאָרף דיא גויה מיט דעם פאָטיר זענין, אונ׳ מען זאָל שרייבין צום קורדאניר גובערני, מען זאָל זייא אַרויסגעבין, וואָרין זייא האָבין אין אונזר מדינה פרשטיפט אַקרימינאַל זאַך אונ׳ וועדליג זייערי דינים מוז מען אַזאָלכי מענשין אַרויסגעבין. בכן זעה למעה״ש אויס צו פאָרשין פון וואַנין ער האָט דאָס גיוואָהר גיוואָרין, וויא דיא גויה מיט דעם פאָטיר זענין, כדי מיר זאָלין וויסין ווייטיר פר וועמין מען האָט זיך צו היטהען.

און איך שרייב צו ר׳ מאיר יעקב, ער זאָל תיכף פאָהרין קיין צידון הרבה, קיין פאנקיעוויץ, אונ׳ זאָל דיר גיוואָהר ווערין וואָס עס טוהט זיך; אונ׳ דוא וואָס דוא קענסט בייא דיר אין דרהיים טוהן, טוה אויך. למעה״ש נישט צו שלאָפין אין דעם עסק, אונ׳ מיר וועלין היא טוהן וואָס מעקען מיר נור טוהן, מען זאָל דיא זאַך אויפהאַלטין דרוויל, מען זאָל זיא נישט שיקין צו דער קורדאניר גובערני. כדי ר׳ מאיר יעקב זאָל דרוויל צייט האָבין דאָרט צו טוהן פר דעם עסק וואָס נעטהיג איז׳. נור אויף איהם אַליין טוהרען מיר זיך נישט פרלאָזין, ער איז׳ אין אַפרעמדיר מדינה, ווער ווייסט, אָב ער וועט דאָרט קענין אַלצדינגג אויספיהרין וואָס מען דאַרף.

איבערדעם טוהרין מיר דאָ ח״ו נישט שלאָפין אונ׳ טוהן וואָס נור מעגליך איז׳, אונ׳ למעה״ש שרייב מיר אַלי מאָהל, וואָס עס טוהט זיך.

## ק. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ מאיר יעקב אין קורדאן

איך ווייס נישט פון וואַנין דאָס שלימזל האָט זיך גינעהמין, וואָס דער קריפינער פריץ האָט גיוואָהר גיוואָרין, וויא דיא גויה מיט דעם פאָטיר איהרן האָבען זיך בעזעצט, אונ׳ האָט צו אונזר גובערני גישריבין, זיא זאָל שרייבין צו דער קורדאניר גובערני, מעזאָל דיא צווייא פאָדאַניס פין דאָרט אַרויסגעבין, וואָרין זייא האָבין היא אַקרימינאַל זאַך פרשטיפט, אונ׳ וועדליג דיא פראַוועס וואָס זייא האָבין צישין זיך מוז מען אַזאָלכי לייט צוריק

געבין. ע"כ זאָלט איהר למעה"ש תיכף פאָהרין קיין צידון הרבה אונ' קיין פאנקיעוויץ, אונ' אויך אין דער גובערסקי שטאָד דאָרט זאָלט איהר זעהן צו טוהן וואָס איהר קענט אונ' אונז שרייבין וואָס עס טוהט זיך דאָרט, וואָס איהר האָט דאָרט גיטוהן מכח דעם עסק אונ' מכח אונזר כלל זאַך.

גם בין איך אייך מודיע, אַז איך האָב אייך נעכטין אַריבר גישיקט צעהן שטיק תולדות יעקב יוסף וואָס מען האָט איבערגידריקט. איך האָב זייא גישיקט צום קאַבריפּקיר אַרענדר אויף דער גרעניץ, אונ' ער וועט זייא אייך שוין דורך איינעם פין זייני לייט צו שטעלין אין קורדאַן אַריין. איהר קענט דאָרט אַקאָנטראַקט מאַכין אויף עטליכי הונדרט שטיק, וואָרין חאָטשי מען רייסט זייא היא אויס דיא הענד, העטין מיר פאָרט גערן חאָטשי זעקס הונדרט שטיק אין קורדאַן אַריין גישיקט, כדי דער קורדאַניר עולם זאָלין זיך אַלי מאָהל מעהר גיוועגין צו אונזרי ספרים אונ' זאָלין מיט זייא מעהר בעקאַנט ווערין. אונ' הייגטשי אַז מיר וועלין זעהן, מען קען דאָרט אַיאַם אָנברענגין פון דיא ספרים, וועט דער מעזבישור דרוקיר נאָך הייליגי ספרים אונזרי אָנדרי־קין, אונ' מיר וועלין זוכה זיין אונזרי הייליגי ספרים אויף דער וועלט צו פרמנאָזין אָהן איין עק.

נאָך עפּיס מוז איך אייך מודיע זיין. דעם רבינס זוהן האָט זיך גיגט מיט זיין ווייב, ע"כ איפשר וועט זיך אייך אין קורדאַן טרעפין פר איהם עפיס אַ שעניר שידוך. דער רבי זאָל לעבין האָט גראָס חשק פין דעם קורדאַן זיך משדך צו זיין מיט אַגביר אַגרויסין. דורך דעם העטין מיר אין דעם קור־דאַן גיהאַט אַ גרויסי פּודפּאָרי. עס העט אין כמה אופנים זעהר גוט גיווען פין דעם קורדאַן זיך משדך צו זיין.

## קא. פון ר' זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר' זעליג לעטיטשיבער

וויא איך האָב דיין בריבל איבערגילייאַנט, האָב איך גימיינט, איך לאָז די נשמה, אונ' בין אַריבר גילאָפין וויא אַ משוגענער צי פריידה אונ' צי ר' יעקל רבקס. איך האָב פר זייא גיוויינט מיט בוטערי טרעהרין אונ' האָב זייא דרצעהלט אין וואָס פר אַ סכנה איך שטעה איצט. זענין זייא גיגאַנגין וויא אַהין מען האָט בעדאַרפט אונ' האָבין אַזוי לאַנג גיאַרביט ביז זייא האָבין אַלצדינג גיוואָהר גיוואָרען.

די מעשה איז' אַזוי גיווען. בייאם ליפּניקר פּריץ, אַ שכן פון אונזערן, האָט אַקנעכט גיגנבת אַיאַם געלד אונ' טייערי זאַכין אונ' איז' מיט אַ ליפּ־ניקר פּאָדאַני אין איינעם ענטלאָפין גיוואָרין אין קורדאַן אַריין. דער פּאַנ־קיעוויצר פּקיד איז' דעם קנעכטס אַברודר, איז' זיך דער קנעכט צו זיין ברודר [אַוועק]. דער ליפּניקר פּריץ האָט אָבער נישט גערוהט אונ' האָט גישיקט

שלוחים אין קורדאן אַריין דעם קנעכט צו זוכען, אונ׳ דיא שלוחים האָבין איהם אַזוי לאַנג גיזוכט, ביז זייא האָבין איהם גיפונין אין פּאַנקיעוויץ. האָט דער ליפּניקר פּריץ גישריבין צום פּאַנקיעוויצר, אַז דער קנעכט האָט בייא איהם גיגנבת אַיאַם זאַכין אונ׳ געלד, האָט דער פּאַנקיעוויצר גיהייסין בייאם קנעכט זוכין דיא גנבה. מען האָט גיזוכט אונ׳ גיפונין. האָט דער פּאַנקיעוויצר בעשריבין דיא גאַנצי זאַך צו זיין קרייז אונ׳ דאָס קרייז האָט גיהייסין דעם קנעכט אַרויסגעבין צוריק אין אונזר מדינה אַריין.

וויא מען האָט דעם קנעכט גיבראַכט קיין ליפּניק, איז׳ אונזר פּריץ גראָד גיוועזן בייאם ליפּניקר צו גאַסט. וויא דער ליפּניקר האָט נור דעם קנעכט דרזעהן, האָט ער איהם אָנגיהויבין צו פּאַטשין אונ׳ גישריגין: זאָג מיר וויא איז׳ דער פּאָדאַני, וואָס איז׳ מיט דיר אין איין נאַכט ענטלאָפין גיוואָרין? דער קנעכט האָט זיך אָנגיהויבין דיא בייגר אָבצושווערין, אַז ער ווייסט נישט פין דעם פּאָדאַני׳, וואָרין פין דער גרעניץ האָבין זייא זיך צערטהיילט. ער איז׳ גיגאַנגין צו זיין ברודר קיין פּאַנקיעוויץ, אונ׳ דער פּאָדאַני האָט זיך אין איין אַנדרן וועג אַריין גינעהמין, אונ׳ ער האָט איהם פין דעמצמאָהל אָן נישט גי- זעהן. האָט דער פּריץ אָנגיהויבין זיך נאָך מעהר צו בעזערין אונ׳ צו שרייען אונ׳ האָט גיזאָגט: איך וועל אַמוסטני ש׳קין קיין פּאַנקיעוויץ, אונ׳ אַז מען וועט דאָרט דעם פּאָדאַני גיפינין, הרגע איך דיך אויף טויד. דער קנעכט האָט אָנגיהויבין נאָך שטאַרקיר צו שווערין, אַז אין פּאַנקיעוויץ האָט ער קיין אַנדרן גויה פון אונזר מדינה גיזעהן חוץ איין איינציגי גויה מיט איהרס אַפּאָטיר, וואָס זענין פין בילקע ענטלאָפין גיוואָרין.

וויא אונזר פּריץ האָט דאָס דרהערט, האָט ער אָנגיהויבין דעם קנעכט מיט גוטי רעד צו פרעגין, אויב דיא גויה האָט אַקינד אונ׳ ווען זיא איז׳ אַהין גיקומין אונ׳ אויב זיא איז׳ דאָרט גיבליבין אָדער האָט גיוואָלט פין דאָרט ערגיץ אַנדרש געהן, אונ׳ האָט דעם קנעכט צוגיזאָגט אַ מתנה צו גע- בין, באם ער וועט איהם זאָגין דעם אמת. דער קנעכט האָט דעם פּריץ גי- ענטפערט: איך וועל דעם האַרין דעם אמת זאָגין. איך ווייס אַלצדינג פין דער גויה, וואָרין זיא דיענט בייא מיין ברודר, בייאם פּאַנקיעוויצר פּקיד. איך האָב פון איהר אונ׳ פון איהר פּאָטיר גיהערט, אַז זייא האָבין בדעה צו בלייבין אין פּאַנקיעוויץ. זייא האָבין מיר אויך דרצעהלט, אַז זיי זענין אַוועק פין דרהיים, איז׳ דיא גויה גיוועזן מעוברת, אונ׳ אין קורדאן האָט זיא גיהאַט אַצווילינג. מעהר אָבער ווייס איך פון זייא נישט צו זאָגין.

האָט זיך אונזר פּריץ אָנגירופין: איך דאַרף נישט מעהר צו וויסין. ער איז׳ גיוואָרין מלא שמחה, האָט דעם קנעכט גישענקט אַ מתנה אונ׳ האָט גי- בעטין דעם ליפּניקר פּריץ, ער זאָל דעם קנעכט קיין שלעכטס נישט טוהן, אונ׳ איז׳ תיכף צו זיך אַהיים גיפאָהרין אונ׳ האָט אין דרהיים דאָס גיטוהן וואָס דוא ווייסט שוין.

מילא, ע״כ למעה״ש זעה דורך ר׳ מאיר יעקב צו טוהן וואָס מעגליך

איז׳, וואָרין דאָ געהט עס טאַקי אום נפשות, זאָל גאָט מציל זיין. דוא קענסט דיר גאָר נישט משער זיין דאָס רשעות אונ׳ דיא רציחה פין אונזר פריץ. איך האָב דיר שוין לאַנג גישריבין, אַז דורך דעם רשעות פין דעם פריץ אונ׳ פין מרדכי גאָלד ימ״ש מיט זייני לייט ווערין אונזרי לייט היא אַלי טאָג וועניגר. והא ראי׳, אַז איך האָב אַפילו פין דעם נישט גיוויסט, אַז דער פריץ האָט גישריבין צו דער גובערני מכח דער גויה. פריהר, אַז דער פריץ האָט בייא זיך אַפילו אין דרהיים נור אַוואָרט גירעד וואָס אונז איז אָנגיגאַנגין, האָב איך עס שוין תיכף גיוויסט, אונ׳ איצט ווער איך נישט אַוואָרט גיוואָהר, וואָרין כמעט דיא גאַנצי שטאָד הענגין אָן דעם ימ״ש מרדכי גאָלד, אונ׳ אַיאַם פרכטין זיך פר איהם אונ׳ פר דעם פריץ.

איך האָב דיר דאָס שוין לאַנג גישריבין, אונ׳ דוא טוהסט דרצו גאָר נישט. איך וואָרין דיך צווייא מאָהל אונ׳ דרייא מאָהל אונ׳ וועל אייך נאָך וואָרנין טויזינד מאָהל: אַז עטץ וועט דאָרט נישט עפיס אַזוינס טוהן, וואָס זאָל הייסין גיטוהן, עס זאָל גוט זיין, איך וויל מיין מויל נישט צו בעזין עפנין, וועט ח״ו זעהר נישט גוט זיין. בפרט פר עטליכי טאָג האָט דער ימ״ש מרדכי בייאם פריץ גיפועלת, ער זאָל דעם היגין עולם געבין אַפּראַוועע אויף דיא הייזר, וואָרין זייא האָבין ביז אַהער גאָר קיין פּראַווע גיהאַט.

עס איז׳ אַזוי גיוועזן. וויא דעם פריץ איז׳ אָנגיקומין פין פעטערבאַרג, אַז ער איז׳ גיוואָרין אין אונזר גובערני וויצעגובערנאַטער, איז׳ מרדכי דער ימ״ש מיט עטליכי בעלי בתים גיגאַנגין צום פריץ ווינטשווין, אונ׳ מרדכי האָט פר דעם פריץ גיהאַלטין אַראַציע אויף דייטשירש, מן הסתם גרויסי שטותים, וואָרין ער איז׳ דעך אַודאי אַ גרויסר פתי, והא ראי׳ ער איז׳ אַגרויס גע־וויקסיגיר (א). האָט ער אין דער ראַציע אייגגישטעלט אַ בקשה צום פריץ, ער זאָל דעם עולם געבין פּראַוועס אויף דיא הייזר. דער פריץ האָט פין דיא שטותים אונ׳ פין דיא חנופות, וואָס ער האָט איהם דאָ אין דער ראַציע פיר־גיפלוידערט, גרויס תענוג גיהאַט אונ׳ האָט זייא צו גיזאָגט צו געבין פּראַוועס אונ׳ האָט זייא טאַקי גיגעבין.

פין דעם טאָג אָן זענין אַלי, ובפרט דיא וואָס האָבין הייזר, גיוואָרין צוגיקלעבט צו דעם ימ״ש מרדכי, אונ׳ דורך דעם וועדר בייא אונז אין שטאָד דאָס רשעות אַלי טאָג גרעסיר, אַז עס איז׳ שוין כמעט נישט אויסצוהאַלטין. נור נאָך דאָס ביסל אָרמי לייט אין אונזר קלייזיל האַלטין נאָך מיט אונז צום אמת, אונ׳ אַפילו צווישין אונזרי קלייזל עולם זענין דאָ אַטהייל, וואָס האַלטין מיט דעם רשע, ווייל ער האָט זייא טובות גיטוהן. וואָרין צום אמת איז׳ זיין שטייגר אַלי מענשין טובות צו טוהן. עס קען צו איהם קומין יהי׳ מי שיהי׳.

איך וויים לעולם דעם אמת, אַז דער רשע טוהט דאָס נישט אויס גיטס־קייט אָדער פרומקייט, נור פון בעריהמעריי׳ וועגין, אונ׳ טאַקי ער זאָל חאַפין כשרי נשמות נעביך אונ׳ זאָל זייא פרפיהרין אין דער העל אַריין, וואָס

העלפט דאָס אָבער? דאָס זעה איך אין אמת, דער איבריגער עולם אָבער פר־שטעהן דעך דאָס נישט אונ׳ מיינין, ער טוהט דאָס אויס פרומקייט, אונ׳ ווערין צו איהם גאָר צוגיקלעבט, אונ׳ דאָס איז׳ גאָר נישט גוט.

ע״כ בין איך דיר דאָס אַלץ מודיע, כדי עטץ זאָלט דרנאָך מיך נישט פר אַ חייב מאַכין, וואָס איך האָב אייך דרפין גאָר נישט גישריבין.

## קב׳ פון ר׳ מאיר יעקב צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

אין קאַלגציג אַז איך בין גיוועוען, האָב איך דרהאַלטין אייער בריבל אונ׳ בין תיכף גיפאָהרין קיין אכזיב. דאָרט האָב איך גישמיסט מיט עטליכי נגידים וואָס עס האָט זיך מיר גידאַכט, אַז איך קען מיך אויף זייא סומך זיין, אונ׳ האָב זייא דיא מעשה מיט דער גויה אַזוי דרצעהלט:

אַמתנגד אין אונזר מדינה האָט צו טוהן גיהאַט מיט אַגויה, אונ׳ זיא איז׳ פון איהם מעוברת גיוואָרן. וויא ער האָט גיזעהן אַז עס איז׳ שלעכט, איז׳ ער אונטרגיפאַלין דעם פריץ פון דער גויה, וואָס האָט מיט איהם גוט גילעבט, ער זאָל די גויה צו רעדין, זיא זאָל זאָגין אויף אַכשרן יוד, וואָס ער האָט זינד ער לעבט קיין יודיני נישט אָנגיקוקט, ניט אַזוי אַגויה ח״ו. וויא מען האָט אָבער דיא גויה גיזאָלט שוין נעהמין צום פרהער, האָט דער מתנגד אַקוק גיטוהן, אַז דער אינטעריס שטעהט איין בייא אַ סענדזי׳ וואָס איז׳ אַ גרויסר בעל ישרן, קיין לוקח שוחד אונ׳ איז׳ דרצו זעהר אַשאַרפיר מענש, האָט ער פרשטאַנין, אַז בייא דעם סענדזי׳ וועט ער שלעכט אָבשניידין. איז׳ ער גיגאַנגין אונ׳ האָט דורך זיין נאמנ׳ס ווייב דער גויהס פאָטיר גישענקט געלד, האָט ער אונ׳ דעם נאמנס ווייב, חאָטשי איהר מאַן איז׳ פון אונזרי לייט, דיא גויה צוגירעדט, זיא זאָל מיט דעם פאָטיר ענטלויפין אין קורדאן אַריין. וכן הוה. דרווייל איז׳ דער עהרליכר סענדזי׳ אַוועק אין איין אַנדערן אייעזד, אונ׳ דער מתנגד האָט דעם נאמן זיינים אָבגישאַפט. וויא דער מתנגד האָט גיזעהן, אַז דער נייער סענדזי׳ וואָס אויף יענעמס אָרט איז׳ גיקומין איז׳ אַ גרויסר בעל שוחד אונ׳ דרצו נאָך זיינס איין אַלטיר גוטר פריינד, האָט ער זיך מישב גיוועוען: אַם בעסטין איז׳ איצט דעם אינטעריס פטור צו ווערין, וואָרין מיט דעם סענדזי׳ וועט ער טוהן וואָס ער וויל. נור וויא נעמט מען דאָ דיא גויה? האָט ער גימסרת דעם נאמנס ווייב, אַז זיא האָט דיא גויה צוגירעדט, זיא זאָל ענטלויפין. אונ׳ מחמת דעם וואָס ער האָט דאָס גימסרת, מיינט דער סאָנד אַודאי, אַז דיא גויה איז׳ מעוברת פין דעם כשרן יוד. אונ׳ איברדעם האָט דעם נאמנס ווייב דעם יוד גיוואָלט העלפין, ווייל איהר מאַן דער נאמן איז׳ אויך פון אונזרי׳ לייט, אונ׳ ווען אַפילו דער נאמן מיט זיין ווייב וועלין דעם מתנגד אין דיא אויגין אַריין זאָגין דעם אמת, אַז ער האָט

גיהייסין דיא גויה אָנרעדין, זיא זאָל ענטלויפין, וועט דער סאָנד זייא נישט גלייבין, ווייל דער מתנגד אַליין האָט בייאם סאָנד דיא גאַנצי זאַך אָנגיגעבין. קורץ פון דער זאַך, דער מתנגד האָט גימאַכט, אַז מען האָט פין אונזרי מדינה אין דער קורדאניר גובערני אַריין גישריבין, מען זאָל זייא צוריק געבין דיא גויה מיט דעם פּאָטיר.

אַזוי האָב איך דיא אכזיבר נגידים דיא מעשה דרצעהלט אונ׳ האָב זייא גיבעטין, זייא זאָלין אונז בעהילפליך זיין מיט וואָס מעגליך איז׳, וואָרין אַז מען וועט ח״ו דיא גויה מיט דעם פּאָטיר אַהיים שיקין, וועט אַודאי דער כשרער יוד אונ׳ דער נאמן מיטן ווייב אין אַ גרויסר סכנה אַריין קומין. וואָרין ווען דיא גויה וועט אַפילו נישט זאָגין אויף דעם פרומין יוד, וועט דער סענדזי אין דעם פרהער אַריין שרייבין, אַז זיא האָט יוא אויף איהם גיזאָגט; איבערדעם איז׳ עס אַגרויסי מצוה מען זאָל זייא העלפין.

דיא אכזיבר נגידים האָבין מיר גיגלייבט, אַז דיא מעשה איז׳ אמת, אַזוי וויא איך האָב זיא זייא דרצעהלט, אונ׳ האָבין אַפילו נאָך גיזאָגט, זייא האָבין שוין כמה פּעמים גיהערט וואָס פר איין עולות אונזרי סענדזיס טוהן, אונ׳ האָבין מיר זעהר שטאַרק צוגיזאָגט צו העלפין.

איך האָב אָבער גיזעהן, זייא שלעפין מיך פון איין טאָג צום אַנדערן, אויף זייערי ווערטיר איז׳ זיך נישט סומך צו זיין, וואָס אויס זייער מויל אַרויס געהט איז׳ סאַמי ליגין. זיי קענין נישט מער נור חנופליך אונ׳ שווינדיל אונ׳ זיך צו ווייזין פר חסידים. צום אמת אָבער זענין דיא מייסטי פין זייא גרויסי בעל תאוות, זייא האַלטין כלומרשט מיט אונז, נור כדי מען זאָל מיינין זייא זענין גוט אונ׳ פרום. צום אמת אָבער שטעקט אין זייא גאָר נישט קיין תורה, קיין יראה, קיין גוטי מדות. דיא קורדאניר אַפּיקורסים זענין חאָטשי על פּי רוב אין משא ומתן עהרליכי לייט, די פרשטעלטי מענטשין אָבער זענין אַפילו אין משא ומתן גרויסי פסלנים, גנבים, גזלנים, ליגנירס, הולטייעס אונ׳ האַלטין נור איבר דעם מיט אונז, ווייל זייא ווייסין גאַנץ גוט, אַז אונזרי צדיקים זענין מקרב אַזוני מענשין אונ׳ נעהמין בייא זייא געלד, אונ׳ וואָס זיי טוהן, זאָגין דיא צדיקים זייא האָבין רעכט גיטוהן (א). דורך דעם האָבין זייא חאָטשי אַפּנים פון מענשין, זונסט העטין זייא אַפּנים גיהאַט וויא אַשוואַרץ יאָהר.

וויא איך האָב דאָס גיזעהן, האָב איך דיא לייט כפרות גישלאָגין אונ׳ האָב מיר מישב גיוועזן, איך זאָל בעסיר פאָהרין קיין צידון הרבה. איך האָף דאָרט בייא דיא מתנגדים מעהר צו פּועלן וויא אין אכזיב בייא די וואָס האַלטין מיט אונז. היינט פאָהר איך טאַקי אַהין אַוועק, אונ׳ פון דאָרט וועל איך אַודאי קענין שרייבין אַקלאָהרי ידועה.

דיא צעהן שטיק תולדות יעקב יוסף האָב איך דרהאַלטין אונ׳ האָב זייא גיגעבין דעם רבין רבי אשר דן אין קאלקציג, וואָרין איך האָב מיט איהם גימאַכט איין קאָנטראַקט אויף זעקס הונדרט שטיק אונ׳ האָב בייא איהם

גינעהמין איין אַדרויף הונדרט פיפציג זילבערני רובל. ע״כ זאָלט עטץ זעהן מיר דיא ספרים קיין ראדוויל צו שיקין. לא יאוחר פין ר״ח טבת זאָל איך זיי דאָרט האָבין.

## קג. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

דורך דיין בריבל בין איך אין גרויס עצבות אַריין געקומין. מיין מזל איז׳ גיוועזן, וואָס מען האָט מיך גראָד תיכף גירופין צום רבין זאָל לעבין. מן הסתם האָט דער רבי זאָל לעבין אין דרהיים דרפיהלט, אַז איך בין אין עצבות, אונ׳ האָט מיך טאַקי איברדעם גילאָזט רופין. אונ׳ וואָס זאָל איך דיר נישט זאָגין, וויא איך בין נור צו איהם גיקומין אונ׳ האָב זיין ליכטיגי צורה דרזעהן, גלייך מע העט מיר דאָס עצבות מיט דער האַנד אַוועק גינעהמין (א) אונ׳ איך בין דיר גיוואָרן מלא שמחה, אַז איך האָב איהם אַזשע פרגעסין צו דרצעהלין וואָס אין אייער שטעדיל טוהט זיך.

נור דרנאָך האָב איך גיזעהן, אַז איך האָב רעכט גיטוהן וואָס איך האָב איהם נישט דרצעהלט, וואָרין מיר האָבין צווישין זיך איין עצה גיהאַלטין, איז׳ גיבליבין, מען זאָל דעם רבין זאָל לעבין נאָך קיין וואָרט זאָגין פון דעם גאַנצין עסק. נור דאָס איז׳ בייא אונז גיבליבין, אַז הירצלי דעם רבינס זאָל נעהמין פריידה׳ן, דאָס וועט פר אונז דאָס בעסטי זיין. וואָרין מיר זעהן דעך, אַז פריידה קען מיט אייער פריץ מאַכין וואָס זיא וויל נור אַליין. וואָס דאַרף מען מעהר, אַז זיא האָט בייא איהם גיקענט פועלן, מרדכי זאָל דיר געבין בראָנפין, וואָס מיר ווייסין זיכיר, אַז ער קען דיך נישט ליידין. מילא אַז זיא וועט זיין דעם רבינס שניר, וועט זיא דעך פין דעם רבינס וועגין אודאי פועלן אַלדאָס גוטס. וואָרין לעולם קען דעך דיין פריץ דעם רבין זאָל לעבין נישט, אונ׳ דאָס וואָס ער [איז] אונזרי לייט אַ שונא אַפילו שאד גאָר נ״שט. מעזעהן מיר אַיאָם מענשין, וואָס זענין גרויסי מתנגדים אונ׳ זענין אונז גרויסי שונאים, אונ׳ פון דעסטוועגין האַלטין זיי פון איין רבי, צו צייטין אַפילו פין אַלי רביס. אַטהייל זאָגין, דיא רביס זענין טאַקי גוט, נור זייערי בייאלייפירס זענין נישט גוט (ב).

מילא לאָס זיין וויא עס וויל זיך, ווען אַפילו דיין פריץ איז׳ אונז אַשונא, קען זיין דורך פריידה׳ן וועט ער דעם רבין זאָל לעבין אַפריינד ווערין, אונ׳ אַזוי באַלד דער רבי זאָל לעבין וועט מיט איהם נור איינמאָהל אַשמיס טוהן, וועט ער אַודאי גאָר איבערגיקעהרט ווערין אונ׳ וועט אונז זיין דער גרעסטי פריינד, אונ׳ עס וועט אודאי רעכט זיין.

ע״כ זאָלסט דוא זעהן מיט פריידה׳ן דרפון צו שמיסין, אונ׳ אַז דער שידוך וועט אויסגיפיהרט ווערין, וועט אַודאי אַלצדינג ר׳עכט זיין. עס וועט פר

דעם רבין זאָל לעבין, פר אונז אונ׳ פר דיר אונ׳ אַפילו פר אַלי אונזרי לייט זעהר וואָהל זיין. מיט דעם רבין זאָל לעבין האָבין מיר שוין דרפין אַשמיס גיטוהן. אמת, ער האָט נישט מיט דעם פילין מויל גיזאָגט, ער וויל דעם שידוך, נור דוא קענסט דעך איהם. נישט אַזוי געך זאָגט ער: איך וויל. וואָרין אַזוי באַלד ער לאָזט נור דאָס וואָרט אויס דעם מויל אַרויס: איך וויל, מוז דעך שוין אַזוי זיין (ג). אונ׳ מן הסתם בייא דעם אינטעריס דאַרף מען, פריידה זאָל אַליין פון איהר גוטין ווילין זאָגין יוא, ניט איבּרדעם וואָס דער רבי זאָל לעבין האָט גיזאָגט, ער וויל. אונ׳ חוץ דעם איז׳ עס טאַקי נישט דעם רבינס טבע, ער זאָל זאָגין תיכף: איך וויל, אונ׳ מענשין זאָלין דורך זייני ווערטיר געצווינגין זיין דאָס צו טוהן וואָס ער האָט אַרויס גירעד. מיר האָבין זיך גישטויסין נור פין זייני זיסי תנועליך, אַז ער וויל דעם שידוך.

מיר האָבין אויך מיט דער רבצין דער צדקת זאָל מאריך ימים זיין דרפון גירעד. האָט זיא גיזאָגט: איך וועל מסכים זיין אויף דעם שדוך, אַז פריידה׳ס משפחה וועט מיר געבין אַשעני מתנה, לכל הפחות פערל פר הונדרט רענדליך. האָבין מיר איהר גיזאָגט: גוט. מילא זעה זשע מיט פריידה׳ס משפחה דרפון צו רעדין, וועלין זייא געבין וועלין פערל, איז׳ גוט, אונ׳ ווען ניט, וועלין מיר מיט דער צדקת נאָך אַמאָהל שמיסין, תאמיר וועט זיא וועניגיר נעהמין פון הונדרט רענדליך; וועלין מיר מוזין דאָס געלד צום הויף מאַכין, אַבי׳ דער שידוך זאָל אויסגיפיהרט ווערין.

דער שידוך איז׳ קיין קלייניגקייט נישט, דורך איהם וועלין מיר אַלי שונאים דיא מייליר פרשליסין, אונ׳ נור דורך פריידה קען מען דאָס צו וועגין ברענגין. בפרט איך גידענק גאַנץ גוט, אונ׳ דוא מוסט נאָך אויך גידענקין, אַז דער רבי זאָל לעבין האָט אַמאָהל גיזאָגט, אַז פריידה איז׳ אַגלגול פין יעל (דאָס ווייב פון חבר הקיני). מילא, דאַכט זיך מיר נאָך מיין נאַרישין שכל נאָך, אַז ער האָט דרמיט גימיינט, אַזוי וויא דורך יעל האָט דיא מלחמה אַקעגין דיא יודן אויפגיהערט, אַזוי וועלין דורך פריידה אונזרי שונאים אויפהערין.

מילא זייא נישט פויל אין דעם אינטעריס אונ׳ מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט אויסגיפיהרט ווערין, ווערסט דוא מרדכיס טובות נישט מעהר דאַרפין. גיכיר וועט ער דייני טובות דאַרפין.

## קד. פין ר׳ מאיר יעקב צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

איך האָב אַזוי גיטוהן וויא איך האָב אייך גישריבין אונ׳ בין גיפאָהרין אַהער קיין צידון הרבה אונ׳ האָב היא דורך דיא וויינשענקירס בעקענטשאַפט גימאַכט מיט איינעם וואָס איז׳ חשוב אין קרייז, אונ׳ ער האָט מיר צוגי-

זאָגט צו טוהן וואָס עס וועט נור מעגליך זיין. וויא איך האָב מיך אַמאָהל מיט איהם צושמיסט, האָב איך איהם גיפרעגט, אויב דיא היגי גובערני גיבין אַרויס אַזויני מענשין וואָס ענטלויפין פון אונזר מדינה אַהער. האָט ער גיזאָגט: ח"ו, נור אַזוינים וואָס האָט אין אונזרי מדינה אַ גניבה גיטוהן אָדער האָט אַמענשין גיהרגת, אָדער אָב[ער] ער האָט עפיס איין אַנדר קרימינאַל זאַך פרשטיפט, אַזוינים גיט מען אַרויס. אַזוינים אָבער וואָס האָט אין אונזר מדינה קיין קרימינאַל זאַך פרשטיפט גיט מען בשום אופן נישט אַרויס. ער האָט מיר אויך דרצעהלט כמה מעשיות פון אַזויני עסקים, וואָס מען האָט פון אונזרי מדינה גישריבין, מען זאָל זייא מענשין אַרויס געבין, אונ׳ מען האָט זייא נישט אַרויסגיגעבין. איך זיץ שוין היא באַלד צווייא וואָכין, אונ׳ עס איז׳ אַהער אין קרייז אַריין נאָך נישט אַוואָרט גיקומין מכח דעם עסק.

דאָס בין איך אייך מודיע אויף מיין נאמנות, אַז דיא היגי מענטשין, חאָטשי זייא האָבין אַ שם פר גרויסי מתנגדים, פון דעסטוועגין זענין זייא מיר ליעבער טויזינד מאָהל וויא אונזרי לייט אין אַכזיב, אונ׳ צינד פרשטעה איך ערשט וואָס איהר האָט מיר אַמאָהל דרצעהלט פון דעם רבינס וועגין, אַז ער האָט דעם לאטקאר רב גיזאָגט: איהר זענט אייך אַליין שולדיג, וואָרין איך זעה טאָקי בחוש, אַז דער עולם פין צידון הרבה זענין מוכן ומזומן זאָלין ווערין אונזרי לייט, ווען עס האט נור גיוועין עפיס אַגוטער רבי. איהר זאָלט אָבער זעהן אַז עס איז׳ אַזוי, שיק איך אייך דאָ אַבריב, וואָס אַהיגיר דיין האָט גישריבין צו דעם פרנאַנטין רבי רבי נחורי, דעם רעקציצר רבים אַזוהן, מכח אַשוחט. פון דעם בריב וועט איהר זעהן, אַז דעם בריב האָט דער רב אונ׳ אַלי נגידים גיהייסין שרייבין. מילא דאַרפט איהר מעהר, דעם רעכטין בריב, טאָקי דעם דיינס האַנד, האָב איך בייא מיר. וואָרין איך ווייס, אַז איך וועל דאָס אימצין דרצעהלין, וועט מען דעך מיר נישט וועלין גלייבין. איבר דעם האָב איך איהם בייא מיר בעהאַלטין, איך זאָל איהם ווייזין ווער עס וועט איהם וועלין זעהן. אונ׳ אייך שיק איך נור אַהעתקה פון איהם.

איך זאָג אייך, איך וועל קענין היא פועלן וואָס איך וועל נור דאַרפין. מחמת איך האָב אָבער היא איצט נישט וואָס צו טוהן, וואָרין אַזוי באַלד עס וועט נור אַוואָרט פון דער גובערני אַהער צום קרייז קומין אין אונזר עסק, וועט מען מיר מודיע זיין איטליכס פיטצל, וועל איך אייך נאָך עטליכי מעשיות פין דיא קורדאניר רבים שרייבין, וועט איהר פין זייא זעהן, אַז טאָקי נור זייא זענין אין דעם שולדיג, וואָס מיר האָבין דאָ נאָך שונאים, וואָרין זייא ווייסין גאָר נישט, וויא אַזוי מען בעדאַרף מיט אַזויני מענשין צו שמיסין.

אין אכזיב האָט מען מיר דרצעהלט, אַבעל תאוה איינער איז גיקומין צו אַ קורדאניר רבי, האָט דער רבי איהם גיזאָגט: דוא האָסט קיין צלם אלקים נישט. האָט איהם דער מתנגד דרויף גיענטפערט: עס שטעהט אין דער תורה, ומוראכם וחתכם יהי׳ על כל חיית הארץ, דאָס הייסט אייער פורכט

און׳ אייער אַנגסט זאָל זיין אויף אַלי חיות פון דער וועלט. איטליכר יוד ווייסט, אַז חיות האָבין נור איבר דעם מורא פר מענשין, ווייל אַמענטש האָט אַצלם אלקים; און׳ דאָס וואָס עס טרעפט זיך אַמאָהל, אַז אַוואָלף אָדער איין אַנדרי חיה רעה עסט אַמענשין אויף, איז׳ איבר דעם וואָס פון דעם מענשין האָט זיך דער צלם אלקים אָבגיטוהן, האָט דיא חיה רעה שוין פר איהם קיין מורא נישט. נוא האָט זיך מיר דאָ פר עטליכי טאָג גיטראָפין, וויא איך בין פרבייא גיגאַנגין פר אַ גויש הייזיל, איז׳ מיך אַהונד אָנגיפאַלין און׳ האָט מיר אַ ביס גיטוהן. האָב איך מיר בייא מיר גיטראַכט, מן הסתם האָב איך איצט קיין צלם אלקים, איבר דעם האָט מיך דער הונד גיביסין, וואָרין ווען איך העט גיהאָט דעם צלם אלקים העט מיך דער הונד נישט גיוועזן גיביסין. וויא איך בין אַביסל ווייטר גיגאַנגין, קוק איך מיך אום, וויא אַ גויה געהט פר דעם הונד פרבייא, נישט גינוג דער הונד האָט איהם נישט גיביסין, לעשטשיט ער זיך פּאַק נאָך גאָר אַרום דעם גוי. איז מיר תחלת קשה גיוועזן. וואָס טוהט זיך דאָס דאָ, האָב איך מיר גיטראַכט, דער גוי האָט דעך אַודאי קיין צלם אלקים נישט, און׳ פון דעסטוועגין האָט ער דעם גוי נישט גיביסין און׳ לעשטשיט זיך נאָך אַרום איהם? דרנאָך אָבער איז׳ מיר אייגגיפאַלין: דאָס קען נישט אַנדרש זיין, נור דער גויה מוז דעם הונד אַמאָהל וואַרפין עפּיס אַביסין, איבערדעם בייסט ער איהם נישט. איך בין אַבעל עסקן גיוועזן און׳ האָב דעם גוי גיפרעגט, אויב ער גיט אַמאָהל עפּיס דעם הונד צו עסין. אוי אוי, האָט מיר דער גוי גיענטפערט, איך האָב איהם שוין כמה פעמים גיגעבין צו עסין! דורך דעם האָב איך מיר מיין קשיא פון דעם גוי מיט דעם הונד פרענטפערט. און׳ איצט פרענטפר איך מיר דאָ אויך אַ קשיא, וואָס מיר איז׳ דאָ בייאם רבין אין שטיב איינגיפאַלין. איך ווייס, איהר זענט תמיד מקרב גרויסי רשעים, וואָס איך און׳ איהר אַליין קענט זייא פר זעהר גרויסי רשעים. און׳ ציגנד וויא איך בין גיקומין צו אייך, האָט איהר מיר גיזאָגט, איך האָב קיין צלם אלקים נישט, איז׳ דעך מיר דאָס משונה קשה גיוועזן. נור דער אמת איז׳, דיא רשעים וואָס זענין צו אייך מקורב, געבין אייך צו עסין, איבערדעם זענט איהר זייא מקרב און׳ זענט אייך מיט זייא משתשע (א). איך האָב אָבער דעם רבין גאָר נישט גיגעבין, האָט איהר איבערדעם גיזאָגט, איך האָב קיין צלם אלקים נישט.

אָט דאָס קען אַקורדאניר זייערס אַרבין זאָגין. האָט איהר זיגד איהר לעבט אַזוינס גיהערט פין אונזירס אַרבי, ער זאָל זאָגין אַבעל תאוה, וואָס ער ווייסט, ער איז׳ נישט פון זייני לייט, אַז ער האָט קיין צלם אלקים נישט? דיא בעלי תאוות, וואָס קומין צו אונזרי רביס און׳ ווילין זיך צו דיא רביס מקרב זיין, און׳ דיא רביס ווייסין בבירור, אַז זייא בלייבין שוין זייער און׳ מען וועט זייא מיט שטעקינס פון זייא ניט אַוועק טרייבין קענין, זאָגין אונזרי רביס זייא דברים הרעים, שעלטין זייא און׳ זענין זייא מבזה מיט דער בלאָטי. אַזויני רשעים און׳ בעלי תאוות אָבער וואָס זענין פון דעם

רבין נאָך גאָר פין ווייטין וועט אונזרס אַרבי איהם אַודאי קיין קרום וואָרט זאָגין. אַזוינס וועט אונזרס אַרבי זעהר פיין צו נעהמין אונ׳ איהם כל הכבוד אָנטוהן, אונ׳ טאַקי נור איבּרדעם זענין בייא אונז פרהאַנדין אַזוי אַיאָם מענ-שין, וואָס האַלטין מיט דיא רביס, וואָרין אַפילו דיא גרעסטי בעל תאוות אונ׳ דיא גרעסטי רשעים האַלטין מיט אונז, ווייל דיא רביס טוהן זייא כבוד אָן אונ׳ זאָגין זייא קיין מאָהל נישט: פר וואָס טוהסט דוא דאָס אונ׳ דאָס. דיא קורדאַניר רביס אָבער דיא שוטימ׳ האָבין אַודאי גימוסט הערין, אַז אונזרי רביס שרייען צו צייטין אונד שעלטין אַטהייל מענשין וואָס קומין צו זייא, מיינין זייא אַז עס דאַרף אַזוי תמיד צו זיין אונ׳ טוהן עס נאָך. וויא האָבין זייא שכל צו פרשטעהן, אַז אונזרי רביס טוהן דאָס נור אַזויני מענ-שין, וואָס ליגין שוין גאָר אין דער ערד אונ׳ קומין שוין אָהן אַנשמה צום רבין פר גרויס פּחד אונ׳ קומין צום רבין תּשובה צו טוהן? אַזוינים שרייעט דער רבי אָן, כּדי ער זאָל פר איהם נאָך מעהר דאָס קדחת האָבין אונ׳ זאָל פר דעם רבין אַלצדינג זאָגין וואָס ער האָט נור אונטערן האַרץ. אָדער ווען דער רבי זעהט אַז אַזוינר קומט צו איהם אונ׳ איז׳ זיך בייא זיך אין בויך נאָך עפּיס אַזאַך, זאָגט איהם דער רבי אויף דער שטעל גאַנץ גוט דיא קשיא אָב, ער זאָל איהם פר דעם עולם וואָס זענין דרבייא בעגראָבין אונ׳ זאָל דאָס ביסל גאוה צעשלאָגין.

הכלל אונזרי רביס ווייסין גאַנץ גוט, וואָס זייא זאָלין טוהן אונ׳ נאָך וואָס מען דאַרף עפּיס צו טוהן. דיא קורדאַניר שוטים אָבער רעדין איטליכין דברים רעים, וואָרין זייא טוהן זייערי אינטערעסין אָהן שכל, וויא איין אַף טוהט דאָס נאָך וואָס ער זעהט אַמענשין טוהן אונ׳ האָט קיין שכל נישט צו ווייסין, ווען מען בעדאַרף עפּיס יוא טוהן אונ׳ ווען נישט.

מילא זאָל מען זיך יוא חידושין, וואָס אין קורדאַן האָבין אונזרי לייט אַזוי פיל שונאים? דיא קורדאַניר זענין גאָר נישט שולדיג. אַקלייניִם אינטע-ריס וועל איך אייך דרצעהלין, וועט איהר זעהן, אַז איך בין גירעכט.

פר עטליכי טאָג בין איך היא גיזעסין בייא אַ ווייִנשענקיר, איז אַריין גיקומין איינער וואָס ער קעהר צו די היגי בריות. מיך האָט ער נישט גיקענט אונ׳ האָט אָנגיהויבין צו שמיסין מיט דעם עולם וואָס זענין דאָרט גיזעסין אין שטיב. אין דעם שמיסין זענין זייא אַרויסגיקומין אויף דעם אינטעריס וואָס מען שטעלט אַרויף אויף אַדאַך, דער דיניר אָדער דער בליץ דאַכט זיך מיר, האָבין זייא גיזאָגט, זאָל נישט אַריין שלאָגין אין דעם הויז אַריין. האָט דער עולם וואָס דאָרט זענין גיזעסין דעם בריה גיפרעגט, פין וואַנין דאָס קומט, אַז דער אינטעריס לאָזט דעם דיניר נישט אין הויז אַריין. האָט ער אָנגיהויבין דאָס זייא צו פרשטעהן צו געבין מיט זייני שטותים און הסברה-ליך, וואָס עס איז׳ זיך דרפר חלשות אָנגיגאַנגין, אונ׳ זייא האָבין גאָר דיא פיגגיר דרנאָך גילעקט.

איך האָב מיך נישט וויסינדיג גימאַכט. וויא דער שוטה דער בריה איז׳

אָבער אָוועק גיגאַנגין, האָב איך מיך אָנגירופין צו דעם עולם: איך פרשטעה נישט וואָס מען דאַרף זיך דאָ אַזוי דעם קאָפּף צעברעכין אונ׳ אויסזוכין אַזויני וויטי המצאות. מיר דאַכט זיך, דער אינטעריס איז׳ גאָר אַפּשוט. ווער ווייסט דאָס נישט, אַז דער דיניר שלאָגט נור דאָרט איין וויא אַקליפה איז׳ דאָ? אונ׳ דאָס ווייסט אויך איטליכר יוד, אַז פר דער תקופה לעגט מען אָן אויף עסינוואַרג אונ׳ גיטרענק איין אייזין, מחמת אייזין איז׳ מסוגל פר קליפות. וואָרין אייזין הייסט אויף לשון הקודש ברזל אונ׳ ברזל ווערט גישריבין בית, ריש, זיין, למד. דיא בית מאַכט בלהה, דיא ריש רחל, דיא זיין זלפה אונ׳ דיא למד לאה, אַזוי האָבין גיהייסין דיא אַרבע אמהות. מילא איז׳ דען עס גאָר אַפּשוט: דער אינטעריס וואָס מען שטעלט אַרויף אויף אַ דאַך איז׳ דעך, וויא איך הער, אויס אייזין, מילא דאָס אייזין לאָזט נישט אין הויז אַריין קיין קליפה, אונ׳ אַז אין הויז איזט נישט דאָ קיין קליפה, פרוואָס זשע זאָל דאָ דער דיניר איינשלאָגין?

דרויף האָט זיך איינר פון דעם עולם וואָס דאָרט איז׳ גיזעסין אָנגירופין: מיר דאַכט זיך, אַז דער טעם איז׳ זעהר אמת, והא ראי׳ איך האָב גיהערט, אַז דער עיפּוש איז׳ היא גיוועזן, ניט איצט גידאַכט, איז׳ צווישין דיא מענטשין אַלי טאָג אַרום גילאָפין אשוואַרציר הונד, דאָס איז גיוועזן דיא קליפה פין דעם עיפּוש. מען האָט דעם הונד נישט גיקענט פּטור ווערין, ביז מען האָט איהם נישט גיהרגת מיט איין אייזערנין ריסקאל. אונ׳ וויא מען האָט איהם נור גיהרגת, האָט תיכף אויפגיהערט דער עיפּוש. מילא זעה מיר דעך, אַז דער הונד, היינו דיא קליפה, איז׳ טאַקי נור גיפּגרת מחמת מען האָט איהם מיט דעם אייזין פין דעם ריסקאל גיהרגת.

האָט זיך איין אַנדערר אָנגירופין: אונ׳ תאמיר איזט דער הונד טאַקי נור גיוועזן אַ הונד? האָבין דיא איבריגי אָנגיהויבין אויס איהם צו לאַכין אונ׳ זיך אָנגירופין: פּשיטא, שוין גוט אַ הונד גיוועזן.

דרווייל האָט זיך ווידער איינר אָנגירופין: איך פרשטעה נישט, מיר זעהן דעך אַז מען קען אַ קליפה הרגנין אויך מיט אַ הילצירנים שטעקין, וואָרין אין שבחי הבעשט שטעהט דעך, אַז דער בעשט האָט גיהרגת דעם וואיקילאַק, וואָס איז׳ בודאי אַ קליפה גיוועזן, מיט אַ שטאַרקין שטעקין אַגוטין (ב).

האָט איהם איין אַנדרר דאַרויף גיענטפרט: פון דעם איז׳ קיין ראיה [צו] נעהמין. שטעהט דען אין שבחי הבעשט, אַז דער שטעקין איז׳ גיוועזן אַ הילצרנר? איפשר איז׳ ער גיוועזן איין אייזירנר? (ג). אונ׳ אַפילו מעוועלמיר אָננעהמין, דעם בעשט שטעקין איז׳ גיוועזן אַ הילצרנר, איז׳ פּאָרט קיין ראי׳ נישט, וואָס דער בעשט האָט גיקענט, דאָס קען קיין אַנדרר נישט. אויף דעם האָט מען זיך נישט צו חידושין. וואָס דאַרפט איהר מעהר? איך בין גיוועזן אין טלוסט, וויא דער בעשט האָט גיהאַט גיוואָהנט (ג), דאָרט איז נאָך דאָ דיא מקוה זייני. האָט מיר דרצעהלט דער בעלהבית, וואָס איך בין גיהאַט בייא איהם איינגישטאַנין, ער האָט גיהערט פון איין אַלט ווייבערל, וואָס האָט גיזאָגט, ער

האָט גיקענט דעם בעשט, אַז דער בעשט איז׳ אַמאָהל אים ווינטער אין אַגרי=מידיגין פראָסט פרטאָג גיהאַט גיוועזן אין מקוה אונ׳ דער בעדיר האָט איהם גיהאַט גילייכט מיט אַ קליין שטיקל ליכט אין מקוה אַריין. דער בעשט האָט זיך זעהר לאַנג גיהאַט גיזוימט אין דער מקוה, אונ׳ וויא דער בעדיר האָט גיזעהן, דאָס שטיקל ליכט געהט אויס, האָט ער גיזאָגט צום בעשט: רבי, געהט אַרויס אויס דער מקוה, וואָרין דאָס ליכט געהט אויס. האָט דער בעשט אָנגיהויבין צו לאַכין אונ׳ האָט זיך אָנגירופין צום בעדיר: נוא וואָס איז׳, דוא מיינסט נור אַליכט קען ברענין אונ׳ לייכטין? אַסטאַמפּיל קען אויך לייכטין. אונ׳ וויא ער האָט דאָס אַרויס גירעד, האָט אַ סטאַמפּיל פין דיא סטאַמפּילים וואָס האָבין אין דער מקוה אַראָב גיהאַנגין אָנגיהויבין צו ברענין, אונ׳ עס איז׳ גיוואָרין זעהר ליכטיג. מילא קען מען זיך אַראיה נעמין פין דעם בעשט? ער האָט גיקענט אַקליפּה הרגנין מיט אַ הילצרנים שטעקין אויך, אַזוי גוט וויא מיט איין אייזערנים.

אַמאָהל האָבין דיא לייט וואָס קומין זיך דאָ צום הויף בייאם ווינשענקיר עפּיס צעשמיסט פין תמריל, ר׳ בערקיס וויב אין וואַרשי. האָט זיך איינר פון זייא אָנגירופין: ער ווייסט נישט, פרוואָס דער לובלינר צדיק האָט זיא גי=הייסין רופין ר׳ תמריל אונ׳ דיא חסידים רופין זיא אויך אַזוי. וויא שיקט זיך דאָס, האָט ער גיזאָגט, מען זאָל רופין אַ יודיני ר׳?

האָט איהם איינר גיענטפרט: אין זהר שטעהט, אַז תמר איז׳ זכריש אונ׳ נקבהיש, אונ׳ דאָס האָט מען נישט צו שמיסין, אַז תמרל איז׳ פון תמר. מילא, מן הסתם האָט דער לובלינר גיזעהן, אַז אין תמרל ר׳ בערקיס וויב שטעקט אַ ניצוץ פון תמר, אָדער איפשר איז׳ זיא גאַר אַ גלגול פון תמר, האָט ער זיא גיהייסין רופין ר׳, איבר דעם זכרישין וואָס אין איהר שטעקט. דער עולם וואָס ווייסט דאָס אָבער נישט רופט זיא נישט ר׳, איבער דעם נקבהישין וואָס אין איהר שטעקט.

מילא פון דעם אַלעם וואָס איך שרייב אייך דאָ קענט איהר אייך משער זיין, וואָס פר אַמענטשין עס זענין אין צידון הרבה אונ׳ וועט דורך דעם פרשטעהן דעם רבינס הייליגי ווערטיר, וואָס ער האָט גיזאָגט דעם לאַטקאַר רב: איהר זענט אייך אַליין שולדיג.

## קה. די העתקה פון דעם בריבל וואָס דער דיין פון צידון הרבה האָט גישריבין צום רבין רבי נחורי אין רעקציץ

ב״ה יום... לפ״ק, צידון הרבה. צום כבוד פון אונזר האַרין אונזר לעהרר אונ׳ אונזר רבין, דער רבי פון כל ישראל, דאָס גילוסטין פון אונזרי אויגין, דיא פרייד פון אונזר שטאַרקייט, דיא שענקייט פון אונזר דור, דיא הייליגע

זרע וואָס דאָס הויז ישראל בעריהמט זיך מיט זייא אונ׳ לעהנט זיך אָן זייא אָן, דאָס יודישי ליכט, דער רעכטיר סלופּ, דער שטאַרקיר האַמיר, היי־ליג זאָגט מען איהם, דער כּבוד פון זיין הייליגין נאָמין, דער לעהריר אונזרר, אונזר רבי, דער רבי נחורי דעם רבס, זיין ליכט לייכט.

היות מען בעדאַרף היא אויפצונעהמין נאָך איין שוחט, אונ׳ אַרום אונז גיפינט זיך אַ שוחט, וואָס האָט אַקבּלה פון דעם רב פון דעם מפורסם, וואָס איז׳ גיוועזן אין בוטשאטש ז״ל, וויל איהם דער היגיר רב דער גאון דער מפורסם אויפנעהמין, וואָרין ער האָט פר איהם גישטעלט דיא חלפים אונ׳ ער האָט גיזעהן, אַז ער איז׳ אַבריה אין זיין זאַך צו אין שחיטות צו אין בדיקות. נור מחמת דער פרומיר אונזר לעהריר אונ׳ אונזר רבי דער רב שמשון, זיין ליכט לייכט, דער זוהן פין דעם צדיק דעם רב דעם מפורסם פון זבריז ז״ל, האָט דעם שוחט גילעגט אונ׳ האָט פר אונזר רב דעם גאון אויף דעם שוחט גי־קריגט, אונ׳ חאָטשי נאָך אונזר הייליגין דת בלייבט דער שוחט בייא דער חזקה פין פריהר, אַז ער איז׳ גוט—אונזר רב אָבער דער גאון וויל קיין שוחט אויפ־נעהמין, סיידין דער גאַנציר היעגיר עולם זאָל אויף איהם מסכּים זיין. איבר־דעם איז׳ איהם איינגיפאַלין, אונ׳ אַלי היגי נגידים אונ׳ גבירים האָבין דרויף מסכּים גיוועזן, איך זאָל שרייבין צום גלאַנץ פון זיין הייליגקייט, אונ׳ זאָל איהם בעטין אונז אין דעם עסק זיין דעה צו זאָגין. אַקליגר איז׳ בעסיר פון אַנביא. אַז ער ווערט מסכּים זיין דעם שוחט אויפצונעהמין, איז׳ גוט; ווען ער וועט אָבער נישט מסכּים זיין, חלילה מיר זאָלין איהם אויפנעהמין.

איך בעט זעהר, איהר זאָלט מוחל זיין אויף דעם כּבוד פין דער היי־ליגקייט אונ׳ אונז מודיע זיין כּל דבר שורש, כּדי מיר זאָלין וויסין וויא זיך נוהג צו זיין, וואָרין עס איז׳ זעהר נעטהיג פר דעם היעגין עולם.

דאָס זענין דיא רעד פין דער שוועל וואָס איז צרטרעטין פר זייני תּלמידים, אונ׳ שרייבט אויף בעפעהל פון דעם היעגין רב דעם גאון אונ׳ מיט דעם הסכּם פון דיא היעגי נגידים אונ׳ וואַרט אויף זיין רייגר תּשובה—הק׳ רקמה במוהר״ר טויץ הלוי.

דער היעגיר רב דער גאון גריסט דעם שלום פין זיין הייליגקייט דעם רייגען אונ׳ בעט פר איהם אַלצדינג וואָס אויבין שטעהט.

## קי. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר
## צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

וויא איך האָב נור דיין בריבל דרהאַלטין, בין איך מיט איין שמחה גילאָפין צו פריידה אונ׳ האָב איהר גיזאָגט פין דעם שידוך וואָס דוא האָסט מיר גישריבין. האָט זיא זיך אָנגיחאַפּט אָן דעם שידוך מיט ביידי הענד. נור האָט זיא גיזאָגט, זיא קען אָהן איהר משפחה׳ס דעה אונ׳ אָהן דעם פּריץ

דעה קיין שידוך טוהן, וואָרין אַלצדינג וואָס זיא האָט, האָט זיא נור דעם פריץ צו פרדאַנקין, אונ׳ דרצו האָט דער פריץ איהר צוגיזאָגט צו דער חתונה צווייא הונדרט רענדליך מזומני צו געבין. זיא האָט מיר צוגיזאָגט, אין דרייא טאָג זאָל זיא מיר אַתשובה זאָגין מכח דעם שידוך.

דרוייל האָב איך גיטוהן וואָס איך האָב נור גיקענט, אַז איהר משפחה זאָל אויף דעם שידוך מסכים זיין. נור פר מרדכי דעם ימ״ש האָב איך מיך גיפאָרכטען, וואָרין איך וויס, פריידה׳ס משפחה גלייבין אָן איהם זעהר. האָב איך איבר דעם מיט זייא מכח דער מתנה פר דער רבצין דער צדקת גאָר נישט גיוואָלט שמיסין, וואָרין מרדכי וועט דעך דאָ האָבין אַזאַטשעפקי (האָבען) דעם שידוך קאַלי צו מאַכין.

דרנאָך האָב איך גיוואָהר גיוואָרין, אַז דיא משפחה האָבין מיט מרדכי גירעד מכח דעם שידוך אונ׳ מרדכי האָט גיזאָגט: וואָס טויג עס מיר צו אַ שידוך אַדעה צו זאָגין? פריידה איז׳ קיין קינד נישט מעהר, געפעלט איהר דער שידוך, לאָז זיא איהם טוהן, גיפעלט ער איהר נישט, לאָז זיא איהם נישט טוהן.

וויא איך האָב דאָס גיוואָהר גיוואָרין, האָב איך גימיינט דיא וועלט איז׳ מיין, וואָרין דער שידוך איז׳ בייא מיר גיוועזן וויא אין קעשינֿי.

היינט בין איך גיגאַנגין צו פריידה מכח אַתשובה, האָט זיא מיר גיזאָגט, וויא זיא האָט דעם פריץ נור גיזאָגט פין דעם שידוך, האָט ער זיך אָנגיהויבין צו צלמין אונ׳ האָט זיך צו איהר אָנגירופין:

פריידה, ביזט דוא משוגע גיוואָרין? הער אויס, פריידה, קורץ זאָג איך דיר, אַז דוא וועסט מיר נאָך שמיסין פון דעם שידוך, נעהם איך דיר דאָס הויז אַוועק וואָס איך האָב דיר גיגעבין אונ׳ טרייב דיך אויס דער שטאָד אַרויס. וואָרין איך זאָג דיר, דיא גאַנצי קאָלוויקאטי מיט זעהר רבין זענין נישט ווערט וואָס זייא לעבין! אונ׳ האָט אָנגיהויבין צו בילין אויף אונז אונ׳ אויף דעם רבין דעם צדיק זאָל לעבין, טאַקי וויא אַרעכטער הונד. צום סוף האָט ער גיזאָגט: אַבאַלד אי״ה וועסט דוא זעהן, אַז איך וועל זייא לכל הפחות אויס אונזר גובערני אויסרייסין מיט דעם וואורציל. העט איך גיוויסט, אַז דוא קענסט דיא לייט אונ׳ ווילסט דיך פאָרט מיט זייא משדך זיין, העט איך דיך תיכף אויס דער שטאָד אַרויס גיטריבין. נור איך בין דיך דן לכף זכות. דוא קענסט זייא נישט, איבּרדעם וואָרען איך דיך: היטה דיך פר זייא וויא ווייט דיא קענסט, אונ׳ איך בעט דיך, זאָלסט מיט מיר נישט מעהר רעדין פון דיא לייט. דוא מיינסט אין אמת, זייא ווילין דיך אַלי? איך קען זייא זעהר גוט. זייא ווילין דיך נור פין דעסטוועגין, דוא זאָלסט מיך זייא צו אַפריינד מאַכין. זייא ווייסין אַודאי זעהר גוט, אַז איך אַרבייט איצט אין איין אינטעריס, וואָס איך וועל זייא קענין אויסרייסין, קיין סיביריען שיקין. זייא ווייסין עס אַודאי, פר זייא איז׳ קיין סוד פרהאַנדין. אימציר זאָל אַקעגין זייא עפיס אַרבייטין, עס מעג זיין אין דעם פרבאָרגענסטין חדר, וועלין זייא עס גיוואָהר

ווערין. זייא האָבין אין איטליכין הויז, אין איטליכים ווינקעלי זייערי שפּי־גיס. מייני קנעכט אודאי געבין זייא געלד, זייא זאָלין זייא מודיע זיין וואָס איך טוה. איטליכר אין שטעדיל, אפילו דיא וואָס זייא האַלטין נישט מיט זייא, איז׳ זייער שפּיג, ער ווייסט עס אפילו נישט. צו צייטין ווייסט אַפּילו דער וואָס שמיסט מיט זייא נישט, אַז זייא האָבין פין איהם אַזוינס גיוואָהר גיוואָרין וואָס זייא דאַרפין צו וויסין. זייא שמיסין מיט איינים אַזוי לאַנג, ביז זייא ווערין פאַן איהם דאָס גיוואָהר וואָס זייא דאַרפין צו וויסין. הער אויס: ווילסט דוא גיוואָהר ווערין, אַז זייא ווילין דיך גאָר נישט אונ׳ ווילין מיט דיר נור איבּרדעם זיך משדך זיין, וויל זייא ווייסין, איך בין דיר אַפּריינד—מאַך אַ פריב, זאָג זייא, דוא ווילסט דעם שידוך טוהן, נור מחמת איך וויל נישט מסכים זיין אויף דעם שידוך, מוזט דוא דיך מיט מיר צערקריגין אונ׳ מוזט דיך פון היא אַרויסציהן אונ׳ דיך בעזעצטין אין זאלין. אַט דאָ וועסט דוא זעהן, אויב זייא ווערין שוין ווערין מיט דיר ווייטיר שמיסין דרפון.

אָט דאָס אונ׳ נאָך אַזעלכי רשעות האָט דער גזלן אויס זיך אַרויס גי־בּילין. וואָס זאָל איך דיר דאָ זיין גאַנץ ביליכץ שרייבין? דאָס וואָס איך האָב דיר גישריבין איז׳ אויך גיניג. מילא זעה זשע אַליין, אַז זאָלסט דיר דיא זאַך נישט האַלטין פר גרינג, וואָרין אַז ער זאָגט, ער פּאָריט זיך עפּיס אַרום איין עסק, שלאָפט ער אודאי נישט, אונ׳ איך וויל מיין מויל נישט צו בעזין עפּענין, עס וועט ח״ו נישט גוט זיין. למען השם רייסט קברים, טוהט וואָס איהר קענט. עס איז׳ אַחרפּה אונ׳ אַבושה פר אונז, וואָס מיר האָבין נאָך דאָס בוך נישט בעקומין. גאָט ווייסט וואָס אין דעם בוך שטעהט.

עס איז׳ דעך עפּיס קיין קאַטאָוויס נישט, אַז אַבוך זאָל אונז קענין אָנ־מאַכין אַזויפיל דם שונאים. אַז מיר ווערין עס האָבין, ווערין מיר חאָטשי וויסין וואָס עס טוהט זיך דרינין. דאָס בוך האָט גימוזט עפּיס אַ כישוף מאַ־כיר שרייבין. איך פרשעלט איצט מיין איידים דיא בייניר, וואָרין איבר איהם האָב איך עס צוריק גיגעבין. איך האָב דעך עס שוין גיהאַט אין מייני הענד. וויא העט עס דער וויצעגובערנאַטער גיוועזן גילייענט, אונ׳ מיר העטין נישט גיהאַט דעם גרויסין עגמת נפש, וואָס מיר האָבין פין דענצמאָהל אָן. בשעת מעשה האָט זיך מיר נישט גיחלומת, אַז דורך דעם בוך זאָלין אונז ווערין דיא פּריצים אַזויני גרויסי שונאים, האָב איך דענצמאָהל נאָך תענוג דרפון גיהאַט וואָס מיין איידים קאָן קיין דייטש נישט. איצט אָבער זעה איך, הלואי העט ער יוא גיוועזן גיקענט דייטש, הלואי העט ער אַפּילו גיוועזן גוט גיקענט, העט דאָס בוך שוין לאַנג נישט גיוועזן אויף דער וועלט, אונ׳ אונזרי לייט העטען נישט גיוועזן דורך דעם בוך גיהאַט דיא צרות אונ׳ דיא בלבולים וואָס זייא האָבין איצט דורך דעם בוך אויסצושטעהן. אונ׳ ווער ווייסט צו וואָס עס וועט נאָך קומין?

איך ווייס נישט, וואָס עטץ שוויגט. מיר דאַכט זיך, מען זאָל דעם רבין דעם צדיק זאָל לעבין אַלצדינג דרצעהלין. עס קען דעך זיין, ער האָט אַטעם דרויף, וואָס ער וויל אַליין אין דעם אינטעריס נישט טוהן. איפשר

מוז מען איהם פריהר דרצעהלין אונ׳ איהם בעטין, ער זאָל עפּיס טוהן צו דעם אינטעריס.

## קז. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ מאיר יעקב אין קורדאן

איך שיק אייך אַשליח מיוחד, וואָרין דער אינטעריס איז׳ זעהר וועכ־טיג, עס געהט ממש אום נפשות. איך האָב גיהאַט אַ קלאָהרי ידועה, אַז דער קריפינר פריץ שלאָפט ניט אין דעם אינטעריס וואָס איהר ווייסט. בכן זאָלט איהר תיכף למען השם פאָהרין אין דער גובערני אַריין אונ׳ זאָלט זעהן גי־וואָהר צו ווערין וואָס דאָרט טוהט זיך. זייא האָבין דאָרט אַודאי שוין דרהאַל־טין דאָס גישריפטס וואָס מען האָט פין אונזר גובערני אַהין גישריבין, מען זאָל דיא צווייא מענשין, וואָס איהר ווייסט, אַרויס געבין.

אונ׳ זעהט דאָרט מיט דיא נגידים פון יעניר גובערסקי שטאָד דרפין צו רעדין. וואָרין חאָטשי איהר שרייבט, אַז די לייט פין צידון הרבה ווילין אייך העלפין, זאָג איך אייך, איהר זאָלט אייך אויף דיא מענשין נישט פרלאָזין. איהר מוזט וויסין, חאָטשי דער עולם פון דער גובערסקי שטאָד זענין פון דיא קורדאניר רביס לייט, זענין זייא פאָרט אונזר. דיא לייט פין צידון הרבה אָבער, חאָטשי איהר שרייבט זייא זענין פאַרטיג אונזרי לייט צו ווערין, איז׳ בייא זייא פאָרט נאָך נישט לעכטיג, אונ׳ זייא גלייבין פאָרט נאָך נישט אן צדיקים, אונ׳ אויף אַזויני מענשין טוהר מען זיך נישט פרלאָזין (א). וואָרין אַז עס איז׳ צווישין זייא אַפילו נור איינר דאָ, וואָס איז׳ אונז אַ שונא אונ׳ וויל אונז ח״ו שלעכטס טוהן, וועלין זיך די איבריגי איהם נישט אַקעגין שטעלין. וואָרין כל זמן זייא זענין נישט אויף דער מדרגה, זייא זאָלין גלייבין אן דיא צדיקים, קענין זייא נישט זיין ברענינדיג. ווער אימציר אונז עפּיס אַ טובה טוהן, וועט איפשר פר זייא רעכט זיין. אַז אימציר וועט אָבער אונז עפּיס וועלין שלעכטס טוהן, אונ׳ אַפילו משונה שלעכטס, וועט פר זייא אַודאי כשר זיין. עס איז׳ אַפילו גימאָהלט, אַז אימציר וועט אונז וועלין שלעכטס טוהן, וועלין זייא אויף אונז רחמנות בעקומין, אונ׳ דורך דעם רחמנות וועלין זייא אי מעהר מקורב מיט אונז ווערין, פון דעסטוועגין אָבער וועלין זייא זיך פר אונז פאָרט נישט אָננעהמין אונ׳ וועלין אונזרטוועגין נישט טוהן אַפיצל נישט.

איבּרדעם וואָרען איך אייך, ניט אייגמאָהל נור טויזינד מאָהל, איהר זאָלט אייך אויף דעם עולם אין צידון הרבה נישט פרלאָזין אונ׳ זאָלט נור פאָהרין אין דער גובערסקי שטאָד אַריין אונ׳ זאָלט זעהן דורך יעני לייט דאָרט צו אַרבייטין אין אונזר עסק, אַז מען זאָל דיא צווייא מענשין נישט אַרויס געבין. אונ׳ זאָלט אויך זעהן למען השם דאָס רעכטי בוך צו בעקומין.

איך הער, אַיונגר מאַן דאָרט וואָס קען לייאנין דייטשירישי ביכר איז

גיוואָרין פון אונזרי לייט. זאָלט איהר זעהן מיט איהם בעקענט צו ווערין, וועט איהר דורך איהם אַודאי קענין דאָס בוך בעקומין, אונ׳ דרנאָך זאָלט איהר איהם בעטין, ער זאָל אייך אויס דעם בוך פירלייאנין, מיר זאָלין קודם וויסין וואָס עס שטעהט דרינין אונ׳ וועך עס האָט עס גימאַכט. אונ׳ אויב מען וועט דאָרטין קענין בעקומין אַיאָם ביכר דרפון, זאָלט איהר זייא אַלי אַוועק קויפין, געלד וועט איהר דעך דאָרט האָבין פר דיא תולדות יעקב יוסף׳ס, וואָס איך האָב אייך גישיקט תיכף וויא איך האָב נור אייער בריבל דרהאַלטין.

נור למען השם נישט פויל צו זיין אין דעם עסק, וואָרין איך קען אייך גאָר איבר פעלד נישט שרייבין, וויא וויט דאָס רשעות געהט דורך דעם בוך.

## קח. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

אַזוי וויא איך האָב דיר אין מיין פריהרדיג בריבל גישריבין, אַזוי איז׳ טאַקי דיא שנאה אונ׳ דאָס רשעות פון דעם גזלן פון דעם רוצח ווערד אַלי טאָג גרעסיר אונ׳ שטאַרקיר. איך פאַרכט מיך אַפילו זיין נאָמען איבר מיין מויל צו ברענגין אָדער איהם דיר אין אַבריב צו שרייבין. בכן זאָלסט דוא וויסין, אַז איך וועל דיר סתם שרייבין גזלן, רשע אָדער רוצח, מיין איך דאָס אונזר פריץ.

איך שטעל מיר איצט דאָס לעבין איין, וואָס איך שרייב דיר דאָס. פון היינטמאָהל אָן וועל איך דיר זיין נאָמין נישט מזכיר זיין, וואָרין דאָס רשעות אין אונזר שטעדל איז׳ קיין פשטות נישט. אונזרי לייט ווערין אַלי טאָג ווע־ניגר, אין דיא פושקיס אויף ארץ ישראל אונ׳ אויף ר׳ מאיר בעל הנס גי־פאַלט אַלי טאָג וועניגר, אונ׳ איך האָב מורא ווייטר ווייטר וועט גאָר נישט גיפאַלין, אונ׳ אַנדרי שטעד זאָלין אונזר שטאָד נישט נאָכטוהן.

אונזרי מתנגדים היא פרמעהרן זיך אַלי טאָג מעהר, אונ׳ איך האָב אַ ידועה גיהאַט, אַז אין רעקציץ האָבין די מתנגדים גינעהמין אַפלעטשיסטי יונג מיט אַ גוטין קאַרג אונ׳ אַגרויסין בויך אונ׳ רופין איהם אויף ליצנות רבי. זייא האָבין איהם גימאַכט אַ ווייסי זופצי מיט ווייסי טרעסטליך בעלעגט, אונ׳ אַזוי וויא אונזרי לייט דאָרט פיהרין זייער רבי אַלי פרייאטיג אין מרחץ אַריין, אַזוי פיהרין דיא מתנגדים זייער יונגאַטש אויך אין מרחץ אַריין. אונ׳ וויל זייא האָבין גיזעהן, אַז דער רעכטיר רבי דאָרט האָט אַ בעזונדערן קאַפּ־ליש, וואָס ער געהט אין איהם אַז מען פיהרט איהם אין מרחץ אַריין פרייא־טיג, האָבין זייא פר זייער רבי אויך גיקויפט אַקוראַט אַזוי אַקאַפּיליש אונ׳ פיהרין איהם מיט דעם קאַפּיליש אין מרחץ אַריין. אַלי שבת מאַכין זייא זיך בייא זייער רבי אַשלש סעודות, דאָרט קומין זייא זיך צום הויף, אונ׳ דער

רבי זאָגט זייא חסידישי תורה. קורץ, וואָס זייא זעהן יעני חסידים טוהן בייא דעם אמתין רבי, דאָש טוהן זייא בייא זייער ליצנותשין רבי, אונ׳ קיין מענש וועהרט זייא דאָס. מילא קענסט דוא דיר משער זיין, וואָס פר אַגילעכטיר אונ׳ וואָס פר אַגישפּעט אין דער שטאָד טוהט זיך דורך דעם.

אָט דאָ פר עטליכי טאָג האָט זיך גיהאַט בייא אונז ר׳ יקותיאל קלינק-וויציר עפּיס גיקריגט מיט אַפריקאַשטשיק פון דעם ימ״ש מרדכי גאָלד. האָט ר׳ יקותיאל דעם פריקאַשטשיק גיזאָגט אפיקורוס, רשע אונ׳ דעסטגלייכין. מילא קיין ליגין האָט ער נישט גיזאָגט. איז׳ דער פריקאַשטשיק גילאָפין אין הויף אַריין קלאָגין. האָט דער פּריץ גיהייסין דיא עדות אויסהערין, אונ׳ דרנאָך האָט ער גיפסקת, מען זאָל ר׳ יקותאל׳ן געבין דרייסיג קאַנטשיקיס. האָב איך זעהר מרעיש עולם גיוועז. זענין אַיאַם מענשין אַרויף גילאָפין אין הויף אַריין אונ׳ האָבין דעם פריץ גיבעטין פר ר׳ יקותיאל׳ן, עס האָט אָבער נישט גיהאָלפין. ערשט דרנאָך איז׳ דער רשע מרדכי גאָלד מיט דעם פריקאַשטשיק גיגאַנגין צום פריץ אונ׳ האָבין איהם גיבעטין, האָט ער זייא צוליב גיזאָגט, מען זאָל איהם ניט שמייסין נור מיט דעם תנאי, ער זאָל אַרויס אויס דער שטאָד. איז׳ ר׳ יקותאל דרויף צו גישטאַנין. האָט מען איהם גישטעלט אַ פוהר אונ׳ מען האָט פרנעהמין זיין בני בית מיט זיין ביסל אָרימקייט וואָס ער האָט נעבין גיהאַט אונ׳ האָט איהם אַזוי אַרויסגיפיהרט אויס דער שטאָד אַרויס.

וואָס זאָל איך דיר זאָגין, איך פארכט מיך איצט אַוואָרט צו רעדין פר דעם רוצח. איך געה דיר איצט על פי רוב אַרום שטאַרק פרמרהשחורה׳ת. מיין מזל איז׳ נאָך, וואָס דער ימ״ש מרדכי גאָלד באָרגט מיר נאָך בראָנפין, האָב איך חאָטשי אַטרונק בראָנפין צו דער האַנד. נור וואָס העלפט עס, ניט תמיד ווען איך וויל קען איך טרינקין, וואָרין מיין ווייב גיט מיר נישט אונ׳ איך זעה, זיא האָט רעכט. וואָרין וואָס וועט זיין, אַז איך וועל נור איינמאָהל דעם ימ״ש פר דעם בראָנפין נישט צאָהלין, וועט ער דעך מיר אויפהערין צו באָרגין, וועל איך מיט ווייב גאָר פר הונגר שטאַרבין! אמת, איך האָב איצט אויך נישט פיל פון דעם שענקיל, פון דעסטוועגין האָב איך מיר דרפון מיין פרנסה, וואָרין איך האָב אַרום היא עטליכי אַרענדריס וואָס זענין נאָך פין אונזרי לייט, פוהרין זייא מיר אַלי מאָהל אונטער באַרילקיכר בראָנפין בשתיקה. האָב איך דרפין מיין אויסקימיניש. נור היינטיגס יאָהר איז׳ אַיקרות, אונ׳ דרצו קוקט זיך דער עולם אויף מיר איצט נישט אום, קען איך טאַקי נישט לעבין וויא מען דאַרף.

בעט איך דיך טאַקי, אַז עס וועט זיך לאָזין, גיב מיט דעם רבין דעם צדיק זאָל לעבין אַ שמיס פין מיר.

## קט. פון ר' מאיר יעקב אין קורדאן צו ר' זעליג לעטיטשיבער

וויא איך האָב נור אייער בריבל דרהאַלטין, בין איך גיפאָהרין אין דער גובערסקי שטאָד אַריין אונ' זיטץ לע"ע נאָך דאָ.

ביז איצט איז פון אונזר גובערני אַהער נאָך נישט אוואָרט אָנגיקומין. דרווייל האָב איך מיך בעקענט גימאַכט מיט דעם יונגען מאַן וואָס איהר האָט מיר פון איהם גישריבין. נישט אומזיסט האָט דער פילזאר צדיק אויף איהם גיזאָגט, ער האָט אַ הויכי נשמה. ער איז' אַבריה נפלאה אונ' האָט דאָס הייליגי עזותקייט וויא מעדאַרף (א), אַזוי וויא דיא יונגי לייט אין אונזר מדינה. ער האַלט נישט אויס אַפילו זיין אייגיני פאָטיר אונ' מוטיר, אונ' עס איז' נישט פרהאַנדין איין מענטש וואָס ער זאָל פר איהם עפיס בושה האָבין.

וויא איך בין שוין מיט איהם גוט בעקאַנט גיוואָרין, האָב איך מיר מיט איהם אַשמיס גימאַכט פון דעם בוך. האָט ער מיר גיזאָגט: אמת ער לייאַנט זייערי ביכר, נור פון דעסטוועגין קומט ער נישט אין דיא גיוועלבין אַריין וויא מען פרקויפט דיא ביכר. ער האָט מורא בייא זייא ביכר צו קויפין וואָס קענין איהם שאַדין. ער לייאַנט נור אַזויני ביכר וואָס אַזויני מענשין געבין אַרויס וואָס פאָהרין אַרום אין דער וועלט — בייא זייא רופט מען דיא ביכר רייזי־בעשרייבונגין; אָדער ער לייאַנט דיא מפת פון דער וועלט וואָס הייסין קראָיביקעס (ב). אָבער אַנדרי ביכר האָט ער מורא צו לייאַנין, ער קוקט אַפילו אין יודישי ספרים אַזויני נישט אַריין וואָס שמיסין פין חקירות, זייא מעגין אַפילו זיין פון דיא גרעסטי גדולים (ג).

נור, האָט ער גיזאָגט, מחמת וויא ער הערט, איז' עס פר אונז זעהר משונה נעטהיג, וועט ער פריהר געהן נעהמין אַצעטיל פין דיא ביכר וואָס זייא האָבין צו פרקויפין. ער איז' גיגאַנגין אונ' האָט אַהיים גיבראַכט אַזוי אַצעטיל, איך האָב פרגעסין וויא זייא רופין אַזוי אַצעטיל. דיא צעטליך זענין אויך גידריקט אונ' איינגיבונדין טאַקי וויא אַבוך. וויא ער האָט אין דעם צעטיל גילייאַנט, האָט ער גיזאָגט, עס איז' דאָ דרינין אַזוי אַבוך, היינו ער האָט גיפינין דרינין אַבוך וואָס עס שמיסט פון חסידים. נור, האָט ער גיזאָגט, ער זעהט נישט אַז אין דעם בוך זאָל עפיס שטעקין רשעות אַקעגין אונז, וואָרין דאָס בוך שטעהט אין צעטיל הייסט עס, שמיסט פין חסידישי עסקים, אַרויס גישריבין פון חסידישי ספרים. נוא וואָס זשע קען דאָ זיין שלעכטס אַקעגין אונז?

ער האָט גיקויפט דאָס בוך אונ' האָט אָנגיהויבין דרינין צו לייאַנין. וויא ער האָט נור דיא הקדמה גילייאַנט, האָט ער גיזאָגט: דער וואָס דאָס בוך גימאַכט האָט איז אַודאי אַיוד וואָס האַלט זעהר מיט דער גמרא אונ' מיט דיא רבנים, וואָרין אין דער הקדמה פרענטפערט ער זייא פר דיא גוים

וואָס רעדין אויף זייא. נור אויף אונזרי לייט, האָז אַפּנים, קריגט ער; נור פון דעסטוועגין זעה איך נישט אַזוי אַרשעות וויא עטך מיינט.

וויא ער האָט אָנגיהויבין שוין אין דעם בוך אַליין צו לייאנין, האָט ער גיזאָגט תחלת, אַז דאָס בוך האָט אייגר גישריבין וואָס איז' אונזרס אַפריינד. וואָרין ער גיט צו פרשטעהן וואָס דער נאָמין חסיד בעטייט אונ' לויבט אַחסיד מעהר וויא אַצדיק.

וויא ער האָט אָבער נור אַביסל וויטער אַריין גילייאנט, האָט ער זיך אָנגיהויבין צו רייסין בייא דיא פּאות אונ' האָט גישריגין: גיוואַלד, אַזוי אַרשעות האָב איך זינד איך לעב נישט גיהערט אונ' נישט גיזעהן! איך האָב דעך גילייאנט דיא ספרים וואָס לומדים אונ' רבנים האָבין אַקעגין אונז גי־שריבין, איך האָב גיזעהן דאָס ספר וויכוח, דאָס ספר זמיר עריצים אונ' קברות התאוה. איך האָב גילייענט וואָס דער פּרעגר רב ר' יחזקאל לאַנדוי האָט אַקעגין אונז גישריבין אין זיין ספר נודע ביהודא, וואָס דער פּירדאר רב ר' יוסף שטיינהאַרט האָט גישריבין אין זיין ספר זכרון יוסף, וואָס דער מחבר פין דעם מרכבת המשנה אונ' אַנדרי האָבין אַקעגין אונז גישריבין. אָבער אַזוי איין רשעות וויא אין דעם בוך שטעהט האָב איך נאָך אין מיין לעבין נישט גיזעהן אונ' נישט גיהערט. איך זאָג אייך דעם אמת, האָט ער גיזאָגט: איך חידוש מיך גאָר נישט וואָס דער קריפּינר פריץ איז' אונזרי לייט אַזאַ אַגרויסר שונא גיוואָרין. אונ' האָט דאָס בוך אַוועק גילעגט אונ' האָט שוין מעהר נישט גיוואָלט לייאנין דרינין.

איך האָב מיך אָנגיהויבין מיט איהם צו ראטהען, אויב איך זאָל אַלי ביכר אַוועק קויפין אונ' זאָל זייא פרברענין. האָט ער מיר גיזאָגט: איהר זענט אייך טועה. בייא יודישי ספרים איז' עפּיס אַנדרש, אַז מיר פרברענין זייא אונ' דער עולם הערט דאָס, וויל שוין קיינר דיא ספרים נישט קויפין, יודין זענין נישט גיוואָהנט איבר אַזויני זאַכין נאָך צו קלעהרין. ער פרלאָזט זיך בעסיר אויף אַנדרי. ווען אַ יוד זאָל אַפילו אין דעם ספר וואָס מען ברענט זעהן, עס שטעהט גאָר קיין שלעכטס נישט דרינין, וועט ער פאָרט זאָגין: וואָס טויג עס מיר? מסתמא אַז מען ברענט עס, מן הסתם איז' עס עפּיס אַשלימזל. בייא זייא אָבער איז' גראָד פרקעהרט. אַז זייא הערן, מען האָט עפּיס אַבוך גיברענט, זאָגין אַלי: אָט דאָס מוז אַוואָהל בוך זיין! אונ' איטליכר איז' ציקאַווע עס צו לייאנין, אַפילו אַזויני וואָס האָבין עס פריהר גאָר נישט אין זין גיהאַט צו לייאנין, אונ' דיא דרוקירס לויכטען בייא אַזוי אַבוך, מען דריקט אַזוי אַבוך טויזענד מאָהל איבר, וואָרין מען רייסט עס אויס דיא הענד. איבּרדעם האָט ער מיך גיראָטהן איך זאָל דאָס נישט טוהן.

האָב איך איהם גיבעטין, ער זאָל חאָטשי נאָך איין בוך קויפין, איך זאָל עס אין אונזר מדינה אַריין שיקין. איז' ער גיגאַנגין אונ' האָט נור נאָך איין איינציג בוך גיטראָפין אונ' האָט מיר דרצעהלט דער וואָס פרקויפט דיא ביכר האָט איהם גיזאָגט, ער האָט גיהאַט הונדרט פיפציג ביכר אַזויני, האָט ער

זייא אַלֵי פּרקויפט אונ׳ ער האָט גישריבין מען זאָל איהם נאָך צווייא הונדרט שיקין; האָט מען צוריק גישריבין, מען קען איהם נישט מעהר שיקין וויא פיפציג, וואָרין מען האָט אַלֵי צערחאַפּט. נור מען האָט אָנגיהויבין דאָס בוך צו איבערדריקין, וועט מען איהם פון די נייא ווידער פיפציג שיקין.

שיק איך אייך דאָס בוך וואָס ער האָט פין אונזרטוועגין גיקויפט, אונ׳ איך וועל שוין דאָ היא וואַרטין, ביז עס וועט אָנקומין דאָס גישריפטס פון אונזר גובערני אַהער.

## קי׳ פון ר׳ מאיר יעקב אויס דעם קור- דאַן צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

דרייא טאָג דרנאָך אַז איך האָב אייך גישריבין פין דער גובערסקי שטאָד, איז׳ צו מיר גיקומין אַנגיד אונ׳ האָט מיר מודיע גיווען, אַז עס איז׳ שוין פון אונזר גובערני צו דער היגיר גובערני מכח דעם אינטעריס אָנגי- קומין, אונ׳ דיא היגי גובערני שיקט דיא גאַנצי זאַך צום קרייז אין צידון הרבה אונ׳ הייסין, מען זאָל דאָרט פרהערין דיא גויה מיט איהר פאָטיר. אונ׳ מחמת מען האָט מיר גיזאָגט, אַז עס וועט נאָך דויערן אַפּאָר טאָג ביז עס וועט אַהין אַוועק געהן, בין איך תיכף גיפאָהרין קיין צידון הרבה, איך זאָל דרווייל טוהן וואָס עס וועט זיך לאָזין אונ׳ זאָל אויך פון דאָרט מיך אַריבר חאַפּין קיין פאַנקיעוויץ.

אין צידון הרבה האָב איך מיט איינעם גירעד וואָס דרעהט זיך אין קרייז, האָט ער מבטיח גיווען, וויא עס וועט נור אָנקומין פין דער גובערני זאָל ער מיר תיכף מודיע זיין. בין איך דרווייל אַריבר גיפאָהרין קיין פאַנקיע- וויץ אונ׳ האָב דאָרט אָבגישמיסט מיט דעם אַרענדר, וואָס דיא גויה אונ׳ דער פאָטיר זאָלין זאָגין אויף דעם פרהער. אונ׳ איך בין נישט מסופק אַז עס וועט אַלץ רעכט זיין אונ׳ אַז מען וועט דיא גויה נישט אַרויסגעבין, וואָרין זייא קענין איהר קיין גניבה אונ׳ קיין שום קרימינאַל זאַך בעווייזין.

אַבאַלד, האָף איך, וועל איך קענין שרייבין כד"ש.

## קיא. פון ר׳ זעליג לעטיטשיבער צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

איך בין דיר מודיע, אַז איך האָב דרהאַלטין אַ בריב פין ר׳ מאיר יעקב, אונ׳ איך האָף, עס וועט אַלץ רעכט זיין. ער האָט אויך אַבוך פון אונזרטוועגין גיקויפט, אונ׳ האָט עס אונז אַהער גישיקט, וואָרין ער האָט דאָרט בעקענטשאַפט גימאַכט מיט אַיונגין מאַן אין דער גובערסקי שטאָד,

אַ בריה נפלאה, וואָס קען אונז העלפין אין כמה עסקים. וויא דאָס בוך איז אונז נור אָנגיקומין, האָב איך עס דעם רבין זאָל לעבין גיגעבין, אונ׳ פין דער צייט אָן ליגט עס אויף דעם רבינס טיש אונטער דעם קאָבריץ, אונ׳ צו צייטין קוקט דער רבי זאָל לעבין אָן דיא צורות וואָס זענין אָבגימאָהלט אויף אַבלעטיל וואָס איז פר דעם שער פון דעם בוך. אונ׳ איך בין גאָר נישט מסופק, אַז עס וועט אַודאי אַלצדינג רעכט זיין.

דוא גידענקסט נאָך אַודאי, אַז איך האָב דיר לאַנג גישריבין, דער רבי זאָל לעבין האָט גיזאָגט: מיר וועלין אַודאי דאָס בוך בעקומין. מילא זעהסט דוא שוין, אַז מיר האָבין עס בעקומין. נוא איז׳ אַודאי אַלצדינג וואָס עס האָט זיך ביז אַהער איברגיטוהן נור גיוועזן פין דעסטוועגין כדי מיר זאָלין ר׳ מאיר יעקב׳ן שיקין אין קורדאָן אַריין, כדי ער זאָל דאָרט מיט דעם יונגין מאַן בעקענט ווערין אונ׳ זאָל דאָרט דאָס בוך קויפין, כדי דעם רבינס ווערטיר זאָלין מקוים ווערין, אַז מען וועט דאָס בוך בעקומין.

מילא, אַז דער רבי זאָל לעבין קוקט איצט אויף דיא צווייא צורות וואָס אין ביך זענין, עס האָבין עס מן הסתם גימוזט צווייא מענשין מאַכין, איבערדעם שטעהן פיןביידי דיא צורות דרויף. דער רבי זאָל לעבין קוקט אַודאי נישט אומזיסט אויף זייא.

נוא וועט נישט אַלצדינג רעכט אונ׳ פיין זיין וויא פריהר? אונ׳ דיא וועסט זעהן, אַז געך אונ׳ באַלד וועט זיך גאָר אַלץ איברקעהרן אונ׳ וועט רעכט זיין, מילא דאַרפסט דוא אַודאי קיין שום מרה שחורה האָבין ח״ו.

## קיב. פין ר׳ גרשון קאָריצער אין ניגראַד צו ר׳ גדליהו באַלטיר אין אקלו

וויא איך האָב נור אָנגיהויבין מיט משה פישלס דעם שבחי הבעשט צו לערנין, האָב איך תיכף גיזעהן, אַז אַזוינע הויכי זאַכין זענין נישט פר איהם. בייא איטליכער מעשה האָט ער זיך גיפונין עפיס אַ קשיא צו פרעגין. אויף אַטהייל מעשיות האָט ער גיזאָגט, זייא זענין דרווידר דער גמרא אונ׳ זייני דינים. האָב איך דאָס ספר בייא איהם אָבגינעהמין אונ׳ האָב אויפגיהערט מיט איהם צו לערנין. נור דעם וויב זיינים האָב איך גיהאַט גיגעבין אַ טייטשין שבחי הבעשט, זיא זאָל אין איהם אַריין קוקין, אונ׳ האָב מיט איהר כמה פעמים גישמיסט אונ׳ האָב איהר כמה ניסים אויס דעם ספר אַרויס דרצעהלט, האָט זיא אָנגיהויבין צו צורעדין, זייא זאָלין פאָהרין צום רבין זאָל לעבין. ער האָט אָבער נישט גיוואָלט אונ׳ האָט נאָך גיזאָגט: פריהר האָט ער פאַז־וואָליט מען זאָל צו דיא רבים שיקין אויף אַפדיון, וואָרין ער האָט זייא נישט גיקענט אונ׳ האָט גימיינט, עס שטעקט אין זייא איפשר עפיס רעכטס. פין דענצמאָהל אָן אָבער וואָס ער האָט אָנגיהויבין אין זייערי ספרים אַריין צו

קוקין וויל ער זייא אַפילו אויף קיין פדיון נישט שיקין אונ׳ מכ״ש צו פאָהרין צו זייא. האָב איך דעם ווייב גיזאָגט, אַז איך זעה אן איהם אַ שטיקל אַפיקורסות. האָט זיא מיר גיזאָגט, זיא זעהט אויך אן איהם אַפקורסישקייט. האָב איך איהר גיוויזין מיט גיזונדי ראיות, אַז ער איז׳ אַודאי אַרעכטר אַפיקוריס.

אַמאָהל איז׳ ער אַהיים גיקומין אונ האָט גיטראָפין דאָס ווייב זיטצין איבר דעם שבחי הבעשט, האָט ער גיחאַפּט דאָס ספר אונ׳ האָט עס גיוואָרפין אין אויבן אַריין. האָט זיך דאָס ווייב אָנגיהויבין דריבר מיט איהם צו קריגין אונ׳ דער שוועהר אויך. אונ׳ עס איז׳ אַזוי ווייט גיקומין, אַז ער האָט גימוסט דעם ווייב גט געבין אונ׳ האָט פר דעם גט נישט בעקומין אַ גראָשין אונ׳ איז׳ פין אונז אַוועק קיין קאָוועןְ. דער דיין אין קאָוועןְ איז׳ זיינס אַקרוב. איידר ער איז׳ פין היא אַוועק, האָט ער זיך צורעד אויף דעם רבין זאָל לעבין אונ׳ אויף דיר וואָס איך האָב אַזוינס זייט איך לעב נישט געהערט. אויף דיר האָט ער גאָר גיזאָגט, דוא ביסט אַרגיר פון אַ משומד ר״ל (א).

עיקר שכחתי. דאַרפסט קיין גרעסערי מצוה נישט וויא דיא מעשה פין משה פישלס וואָס איך האָב דיר דאָ גישריבין מפרסם צו זיין בייא אייך אין דער שטאָד, אונ׳ טאַקי אי אַרום אַייך, דער עולם זאָל וויסין וואָס דאָס פר אַ מענש איז׳ דער משה פישלס. מיר דאַרף מיר עס אַודאי.

## קיג׳ פון דעם קאָווענר רב צו משה עקיבא׳ס אין קאלנע

פין דעם אויגינבליק אָן וואָס איך בין אַהער גיקומין ביז איצט איז׳ מיר אונמעגליך גיוועןְ, איך זאָל עפיס אַנדרש וויא שטאָד זאַכין אין זין האָבין. דוא ווייסט אַודאי אויך, וויא בייא אונז יודין דיא מאָדי איז׳, אַז אַנייער רב קומט אין אַ שטאָד אַריין, קומט מען צו איהם מיט אַלי משפטים, גרויסע, קליינע זאַכען, נייע, אַלטי משפטים. מיט אַלע קומט מען צום נייען רב, פון אַלי שוועהרע הערציר מוס ער וויסין, וואָרין בייא זייא איז׳ אַפשוט, ער איז׳ אַבריה צו אַלעם. נור אויס גרויסר פריינדשאַפט אַקעגין אייך אונ׳ וויייל איטליכר עהרליכר מאַן מוז זעהן זיין וואָרט צו האַלטין וויל איך מיר פין דעם שלאָף אָבשפּאָרין אונ׳ וויל איצט אום זייגר איילף בייא נאַכט, וויא דער היגיר עולם זענין זיך פין מיר ערשט ציגאַנגין, אייך שרייבין פין מיין מעמד היא אונ׳ וויא עס געהט מיר, אַזוי וויא איך האָב אייך צוגיזאָגט פר מיין אַוועק פאָהרין.

גילויבט איז׳ גאָט וואָס ער האָט מיך נישט פרלאָזט אונ׳ טוהט מיט מיר גרויסי חסדים. אמת, איך האָב היא זעהר פיל צו טוהן, אַזוי איך קען

כמעט דעם אָטהעם נישט שעפּין, פין דעסטוועגין, גילויבט איז׳ דער עביר־שטיר, בין איך פריש אונ׳ גיזונד. עס פעהלט מיר ב״ה ניט אַפּיטצל.

פר מיין מעמד היא גיב איך דעם עבירשטין אַ גרויסין דאַנק אָב וואָס ער האָט מיך אַהער גיפיהרט. עס איז׳ היא אַשטאָד פיל מיט חכמים אונ׳ נבונים. דיא רעכטי כּתה, איהר ווייסט שוין וועמין איך מיין, דיא גילטען היא גאָרנישט, וואָרין עס זענין ב״ה לייט דאָ וואָס לאָזין זייא ניט אַקאָפּ אויפהעבין. דאָס ביסעל עולם פין דער רעכטיר משפחה וואָס גיפונין זיך יוא היא זענין הונד אָהן צעהן, וואָס קענין אפילו נישט בילען; אונ׳ אַזוי וועניג וויא זייא זענין היא, איז׳ צווישין זייא נאָך דאָ צווייא צדדים. איין צד קעהרן צום דישפּאליר אונ׳ איין צד צום זאַלינער. אונ׳ איטליכס צד רופט דעם רבין פין דער ווידערפּאַרט דער ליגנער, אונ׳ביידי צדדים אין איינים צום הויף גינעהמין זענין לויטר שפּלים, פּאַרכים, פּאַסקודניקיס, מנוולים אונ׳ זענין בייאם גאַנצין היגין אייבר עולם משונה מבוזה.

דעם גרויסין תּענוג וואָס איך האָב היא, אַז איך קום מיך צום הויף מיט דיא היגי לומדים אונ׳ חכמים ובפרט מיט מיין פריינד פון יוגענד אויף, מיט דעם היגין ר׳ מיכל דיין, קען מען גאָר נישט בעשרייבין. ווער שמיסט, אַז איך דרמאָן מיך דרצו וויא איך בין בייא אייך פרשוואַרצט גיוואָרין, טאַקי ממש גיזעסין גיקאָוויט אין קעטין פין דער רעכטיר משפחה, ווייס איך פר גרויס תּענוג נישט וויא אַזוי דעם עבירשטין אַ שבח אָבצוגעבין פר דיא גרויסי חסדים וואָס ער האָט מיט מיר גיטוהן.

עס פעהלט מיר היא מיט דעם עבירשטינס הילף נישט דאָס מינדסטי, נור איהר, ליעבר פריינד, איהר געהט מיר היא נאָך אָב. איך בעט אייך זעהר, איהר זאָלט צו אונז אַהער קומין חאָטשי נור אויף עטליכי טאָג, מיר זאָלין זיך משתּשע זיין מיט אייך, אַזוי וויא עס ווינשט אייער פריינד.

## קיד. פון ר׳ זעליג לעטיטשי־

## בער צו ר׳ זלמן ברעזניר

איך בין דיר מבשר אַבשורה טובה. נעכטיגין טאָג זענין צום רבין זאָל לעבין אָנגיקומין דיא משולחים פין דעם גאַלאַציר גרויסין גביר ר׳ בירך מלכּיס אונ׳ האָבין דעם רבין זאָל לעבין גיזאָגט, אַז זייער גרויסר גביר האָט זייא גישיקט, דעם רבינס זוהן זאָל נעמין זיין טאָכטיר. וויא זייא האָ־בין דעם רבין זאָל לעבין דאָס עסק פאָרגישטעלט, איז׳ עס איהם גיפעלין, אונ׳ האָט תּיכּף גיהייסין קומין דעם סופר, ער זאָל צו מזל שרייבין דיא תּנאים.

וויא מען האָט גיזאָלט דיא תּנאים שרייבין, האָבין זיך דיא משולחים אָנגירופין: איהר מעגט אין דיא תּנאים אַריין שרייבין וואָס איהר ווילט, וועט

אונזר גביר אויף אַלעם צו שטעהן, נור זאָל מען דיא חתונה נישט אויף לאַנג אָבלעגין. דיא חתונה מוז זיין שבת נאָך שבועות. דער רבי זאָל לעבין האָט אָבער דרויף נישט גיוואָלט בעשטעהן, נור חצי אלול זאָל זיין דיא חתונה. האָבין דיא משולחים גימוזט נאָכגעבין: וואָס פר אַברירה האָבין זייא גיהאַט? מסתמא האָט דעך דער עבירשטיר אַזוי גיהייסין.

איך האָב דרפין גרויס תענוג גיהאַט, וואָרין דיא חתונה וועט אַודאי וועניגסטענס צווייא וואָכין דויערן. קומט דעך שוין ראש השנה אַריין, וועט דער מחותן מיט זייני קרובים וואָס ער האָט אין אונזר גובערני בלייבין גאַנץ ימים נוראים שוין בייאם רבין זאָל [לעבין]. אַפילו דיא לייט וואָס פאָהרין איין אַנדרט מאָהל צום דישפאַליר ליגניר וועלין אויך דאָ בלייבין. מילא דאַרף מען מסופק זיין, אַז זייא וועלין נור איינמאָהל דעם מלך אין זיין גאַנציר שענ־קייט זעהן (א) אונ׳ וועלין דיא זכייה האָבין נור איינמאָהל חאָטשי דורך דעם צו פיהלען דעם אמתין טעם פון ארץ ישראל (ב), וועלין זייא אַודאי בלייבין פין דעם רבינס לייט?

איך בין דיר דאָס מודיע, כדי זאָלסט דיך פאַרטיג מאַכין אויף דער חתונה אונ׳ זאָלסט מיטברענגין וואָהל דרשה גישאַנק אונ׳ זאָלסט אונזר עולם דאָרט אַרום דיר אויך מודיע זיין, זייא זאָלין קומין אויף דער חתונה, מיר זאָלין הילען ווי אונזרי לייט אָנשטעהט.

איך האָב גרויס צער גיהאַט וואָס דוא ביסט נישט גיוועזן אויף דיא תנאים. מיר זענין אַלי זעהר אויפגיהויבין גיוועזן. דיא שמחה איז׳ גיוועזן אָהן איין עק. זיא איז׳ גרעסיר גיוועזן וויא שמחת בית השואבה. מילא פין דעם קענסט דיא דיר משער זיין וואָס דאָ וועט זיך טוהן אויף דער חתונה. אונ׳ איצט פאַלט מיר איין, אַשבת פר דיא תנאים האָט דער רבי זאָל לעבין גי־זאָגט אויף דעם שלש סעודות תורה אויף דעם פסוק: ויראו בני האלקים את בנות הארץ כי טובות הנה ויקחו להם מכל אשר בחרו. האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט: בני האלקים הייסין דיא צדיקימס קינדר, וואָרין דיא צדיקים הייסין אלקים (ג), אונ׳ בנות הארץ הייסין דיא טעכטיר פון פראָסטי מענ־שין. פין דער תורה זעהין מיר בחוש, אַז שוין דעם שבת פר דיא תנאים האָט דער רבי זאָל לעבין גיזעהן אויף דעם שלש סעודות, אַז עס וועלין קו־מין פין דעם גאַלאַציר גביר משולחים צו איהם, זיין זוהן זאָל זין משדך זיין מיט דעם גבירס טאָכטיר.

## קטו. פון ר׳ זלמן ברעזניר צו ר׳ זעליג לעטישיבער

איך וויים נישט ווער פין אונז האָט מעהר תענוג, צו דוא פון דיא

תנאים, צו איך פון דער פּאָטשט, אַז דער רבי דער הייליגר צדיק האָט תנאים גישריבין מיט דעם גאַלאַציר גביר ר׳ בירך.

וואָרין איך קען דעם ר׳ בירך. ער איז׳ אַ שרעקליכר גביר, איך בין בייא איהם אַמאָהל גיוועזן אים שבועות. איך בין גיהאַט דענצמאָהל גיפּאָהריין קיין סטאַמבול, האָב איך בייא איהם אין הויז גיזעהן זילבער וויא מיסט. דער קיזר האָט נישט אַזויפיל זילבער וויא ער. איך האָב דאָרט גיזעהן אַ זילבערנים לייכטיר, וואָס איז׳ גישטאַנין יו״ט אויף דעם טיש, איז׳ דער לייכטיר גיוועזן גימאַכט וויא אַבוים מיט בלעטיר, אונ׳ דיא בלעטיר זענין דיר גיוועזן גרין טאַקי וויא רעכטי בלעטיר. דיא מוסט אָבער וויסין, אַז דער לייכטיר ליגט דיר אַ גאַנץ יאָהר פרשלאָסין אין קאַסטין, אַגאַנץ יאָהר נוצט מען איהם גאָר נישט, מען האַלט איהם נור אויף שביעות. דער לייכטיר איז ווערטה אַגוזמא געלד, איך וויים אַליין נישט וויא פיל. הייגטשי האָט ער דיר פּאַק אויף איטליכין יום טוב איין אַנדרין לייכטיר. למשל, אויף סוכות האָט ער דיר אַלייכטיר מיט אתרוגים, לולבין, הדסים אונ׳ הושענות. אויף פסח איז׳ ווידער דאָ אַלייכטיר מיט מצות, מרור, כרפס אונ׳ חרוסת. אויף ראש השנה איז׳ דאָ אַלייכטיר מיט אַשופר, אויף שמיני עצרת אונ׳ שמחת תורה אַ לייכטיר מיט אַפוהן, הבדלות אונ׳ ראַציעס. וואָס דאַרפסט דוא מעהר, אַפילו אויף פורים האָט ער דיר אַבעזונדערן לייכטיר מיט גראַגירס, המן קלעפּערליך, המן טאַשין אונ׳ המנס תלויה מיט דיא עשרת בני המן. אָט דיא לייכטירס אַליין מאָגין ווערטה זיין עטליכי הונדרט טויזינד רויטי רענדליך.

וואָס זאָל איך דיר דאָ מאריך זיין פין זיין עשירות? אויף דער חתונה וועט עטץ זעהן, אַז וואָס איך האָב דיר דאָ גישריבין פין זיין עשירות איז׳ אַגאָר נישט אַקעגין דעם עשירות וואָס ער האָט (א). מילא דאַרף מען זשע מסופק זיין, אַז איך האָב אַוודאי שרעקליכין תענוג גיהאַט, וואָס דער רבי דער הייליגי צדיק האָט זיך מיט דעם גביר משדך גיוועזן? אונ׳ בפרט דורך דעם שידוך וועט דער רבי דער הייליגיר צדיק דעם גאַנצין גליל פין גאַלאַץ ביז סטאַמבול אונטר זייני פליגיל בעקומין אונ׳ אונזרי לייט וועלין זיך אויסשפרייטין אין גאַנץ טורקייא. דיא וועסט אויך זעהן וואָס אויף דער חתונה וועט גיפּאַלין דרשה גישאַנק פון כלה׳ס צד.

מילא ע״כ שרייב זשע צו אונזרי לייט, זייא זאָלין אַלי קומין אויף דער חתונה, אונ׳ ווער עס וועט נישט קענין קומין זאָל אָבשיקין אַיאַם דרשה גישאַנק. צו אונזרי לייט וואָס אַרום היא זענין, וועל איך דאָס נעהמליכי שרייבין, כדי דער רבי דער הייליגי צדיק זאָל זיך אויף דער חתונה נישט צו שעמין האָבין, עס זאָל איהם זיין לכבוד ולתפארת. איך וועל אַוודאי אויך ברענגין פיין דרשה גישאַנק, אונ׳ אויף דער חתונה וועלין מיר פריסידקיס מאַכין וויא אונז אָנשטעהט.

## קטז. פון ר׳ זעליג לעטיטשי

## בער צו ר׳ זלמן ברעזניר

איך בין דיר מודיע, אז יעני וואך איז׳ דעם רבין זאָל לעבין אָנגי־קומין אַ כתב פון ארץ ישראל, אַז זייא האָבין איהם דאָרט אויפגינעהמין פר אַנשיא. ביז אַהער האָבין זייא גיהאַט אַ קורדאניר רב פר אַ נשיא, וואָרין דער רב איז׳ אַגרויסיר עושר אונ׳ איז׳ רב אין אַגרויסיר קהלה, האָבין אונזרי צדיקים איהם גיוואָלט חנפנין אונ׳ האָבין איהם איבערדעם גימאַכט פר אַנשיא אונ׳ האָבין איהם טאַקי דורך דעם בעקומין אויף אונזר זייט. נור דיא קור־דאניר רשעים האָבין איהם כיט דעם נשיאות גימסרת, האָט דער קורדאניר גימוזט דאָס נשיאות אַנידר לעגין; האָט מען איצט דעם רבין זאָל לעבין אויפ־גינעהמין אונ׳ האָבין איהם גיבעטין, ער זאָל אַלי ארץ ישראל געלדיר צום הויף נעהמין אַפילו פין דיא הויפט גבאים, אונ׳ זאָל דיא געלדיר קיין ארץ ישראל איברשיקין דורך זיין מחותן דעם גאַלאַציר וואָס האָט אַ גרויסין משא ומתן אין סטאַמביל.

דאָס כתב אויף דעם נשיאות האָט טאַקי אַמשולח פון דעם מחותן דעם רבין זאָל לעבין גיבראַכט, אונ׳ דרצו האָט ער דעם רבין זאָל לעבין גיבראַכט אַ לאַנגין ציבוק, זעהר אַלאַנגין, אַזוינס האָב איך נאָך נישט גיזעהן. דער ציבוק האָט גיוואַקסין אויף דעם קבר פון ר׳ יוסא קטנתא. דיא קענסט דיר משער זיין, וואָס פר אַטהייערי זאַך דאָס מוז זיין, אַז דער עולם אין ארץ ישראל האָבין נור דעם פּאַשי אַליין, וואָס בייא דעם קבר איז׳ גישטאַנין אויף דער וואַך, גיגעבין פיר בייטיל געלד. אין איין בייטיל געלד, דאַכט זיך מיר, זענין דאָ פיפצעהן הונדרט לעבין טהאָליר. דאָס האָט מען דעם פּאַשי נור דרפר גיגעבין, ער זאָל זיא פאַזוואָלין דעם ציבוק אָבצושניידין פר דעם רבין זאָל לעבין. פרוואָס אָבער זייא האָבין זיך גילאָזט קאָסטין אַזויפיל געלד דעם רבין זאָל לעבין דעם ציבוק צו שיקין, איז׳ דיא מעשה אַזוי גיוועזן.

איינר פין דיא ארץ ישראל לייט איז׳ גיוועזן אויף דעם קבר פון ר׳ יוסא קטנתא אונ׳ האָט דאָרט תפלה געטוהן. דורך די תפילות אונ׳ בקשות איז׳ ער זעהר מיעד גיוואָרין אונ׳ איז׳ ענטשלאָפין גיוואָרין. וויא ער האָט אַזוי גישלאָפין, איז׳ איהם ר׳ יוסא קטנתא צו חלום גיקומין אונ׳ האָט איהם גיזאָגט, אַז דער רבי זאָל לעבין איז׳ אַניצוץ פון איהם (א). אונ׳ מען האָט נישט מסופק צו זיין, אַז דאָס איז׳ אַודאי אמת, וואָרין דער רבי האָט טאַקי דיא צורה פון ר׳ יוסא קטנתא (ב). איבערדעם האָט דער ארץ ישראל עולם פרשטאַנין, אַז מן הסתם דאַרף דער רבי זאָל לעבין מיט דעם ציבוק אַיאַם אינטערעסין מתקן צו זיין, אונ׳ האָבין איהם דעם ציבוק גישיקט.

יענעם שבתות צו נאַכט האָט דער רבי זאָל לעבין דיא לולקי גירייכירט מיט דעם ציבוק. ווער דאָס האָט נישט גיזעהן, דער האָט וויל ער לעבט

קיין שענס נישט גיזעהן אונ׳ וועט אויך נישט זעהן. וואָס זאָל איך דיר זאָגין? מיט דעם רייכערן האָט ער אונז אַלי גאָר שרעקליך אויפגיהויבין. פון דענצמאָהל אָן האָט ער אויס דעם ציבוק נישט גירייכירט. וויא ער האָט דאָס ערשטי מאָהל דעם ציבוק אָבגירייכירט, האָט ער מיר גיהייסין דעם ציבוק בעהאַלטין אין דעם איברציה אַריין, וואָס מען האָט איהם טאַקי מיט דעם ציבוק גישיקט, אונ׳ זאָל איהם לעגין אין קאַסטין אַריין. ווער ווייסט, ווען דער רבי זאָל לעבין וועט זיך ווידער הייסין געבין דעם ציבוק צום רייכערין. וועט ער זיך אָבער יוא אַמאָהל הייסין דעם ציבוק ווידער געבין צום רייכערין, וועט דעך אַודאי דענצמאָהל עפיס אַגרויסיר אונטעריס זיין מתקן צו זיין, וועל איך דיר מודיע זיין.

## קי״ז פון דעם קאָוונער רב צו משה עקיבאס אין קאלנע

עס איז׳ שוין אַלאַנגי צייט, אַז איך האָב אייך גישריבין וויא עס געהט מיר היא, אונ׳ ביז איצט האָב איך פון אייך קיין שום תמונת אות דרהאַלטין, איך ווייס, איהר זענט קיין מאָהל נישט פויל געוועזן אויף דעם שרייבין, בפרט תשובה צו שרייבין אויף אַ בריב. די עסקים אייערי זענין אויך נישט אַזוי גרויס, איהר זאָלט דורך זייא מיר נישט קענין אַקליין בריבל שרייבין. ווייס איך נישט וואָס איך זאָל איברטראַכטין, צו זענט איהר נישט ח״ו נישט גיזונד, אָדער האָט איהר מיין בריבל נישט דרהאַלטין. איצט פאָהרט דאָ מוכ״ז, אַגוטער פריינד פון מיר, בעט איך אייך איהר זאָלט מיר דורך איהם שרייבין כל דבר שורש.

דורך איהם קענט איהר מיר שרייבין וואָס איהר ווילט. איהר מעגט אייך אויף איהם סומך זיין מיט אַלעם. ער איז׳ זעהר אַ פיינר מענש, אַ חכם, ער איז׳ דעם בעריהמטין ר׳ מיכל דיין׳ס אַ זוהן. אַז איהר וועט אייך מיט איהם צערשמיסין, וועט איהר פון איהם תענוג האָבין.

חידושים זענין היא וועניג. נור דאָס בין אייך מודיע, אַז דיא זאליניר נגידים האָבין צו מיר גישיקט צווייא מענשין, זאָלען מיך פרעגין, אָב איך וויל ניט דערער רבנות אויך אָננעהמין. תחלת האָב איך עפיס קיין חשק גיהאַט דאָס רבנות אָנצונעהמין, מחמת דאָרט איז׳ דיא גנאַזדי פון דעם רבין. דרוויל אָבער האָב איך אַידועה גיהאַט, אַז געך און באַלד וועט דיא גאַנצי משפחה דאָרט האָבין אַ גרויסי מפלה. מען האָט כמה מיאוסי אינטערעסין גיוואָהר גיוואָרן וואָס דיא לייט האָבין גיטוהן. האָב איך זייא בדעה צו שרייבין, אַז איך וויל זייער רבנות אויך אָננעהמין אונ׳ וויל באַלד צו זייא פאָהרין, אונ׳ אַלי יאָהר אי״ה האָב איך בדעה אויף אַ קורצר צייט צו זייא צו קומין. ע״כ, אויב איהר קענט אַהער צו אונז נישם קומין, זאָלט איהר איבד־

חודש קומין קיין זאלין, וועט זיך דאָרט מיט אייך משתשע זיין אייער פריינד, וואָס האָפט אייך אי״ה באַלד צו זעהן.

## קיח. פין משה עקיבאס אין קאלנע צום קאווענר רב

קודם לכל בעט איך אייך, איהר זאָלט אויף מיר נישט בעז זיין וואָס איך האָב אייך אַזוי לאַנג נישט גישריבין. דרמאנט אייך נור, נאָך אַז איהר זענט היא גיוועזן, בין איך גיזעסען וויא אין אַ תפיסה גיקאָוויט אין דיא קייטין וואָס דיא בעקאַנטי משפחה האָט מיך מיט זייא גיקאָוויט. פין דער צייט אָן וואָס איהר זענט אַוועק פון היא, איז׳ שוין גאָר נישט צום אויסהאַלטען פון דער ליעבר משפחה.

תחלת, וויא איהר זענט אָנגיקומין קיין קאווען, האָט זיך דיא משפחה גיפרייעט אָהן איין עק. בייא זייא איז׳ קיין אַנדרי הוה אמינא גיוועזן, נור אַז דורך אייך וועלין זייא נקמות דרלעבין אָן דיא רשעים וואָס זענין דעם דישפאליר ליגנירס לייט. זייא האָבין גיזאָגט, איהר וועט דעם ליגניר מיט זייני לייט, וואָס גיפונין זיך דאָרט אַרום אונ׳ אַרום, אויסרייסין מיט דעם וואָרציל אונ׳ וועט זעהן דעם זאליניר דאָרט גרויס צו מאַכין. וויא זייא האָבין אָבער דרנאָך פין זייערי לייט דאָרט גיהערט, אַז איהר שפעט אייך אויס דעם זאליגיר, אויס זייני לייט אונ׳ אויס דער גאַנציר קאלוועקאטי אונ׳ טראַכט נור טאָג אונ׳ נאַכט דרויף פון אייך אונ׳ פון אייערי לייט דעם יאָך פון דער משפחה אַראָב צו וואַרפין, האָבין זייא זיך ערשט דרפיהלט אונ׳ האָבין אָנגיהויבין אויף אייך אונ׳ אויף אייערי גוטי פריינד צו רעדין כל הרעות. אונ׳ צו מיר, וואָס איך בין נאָך צווישין זייא, לאָזין זייא גאָר זייער ביטער האַרץ אויס.

אונ׳ טאָקי איבערדעם האָב איך מורא גיהאַט צו אייך צו שרייבין, וואָרין קען מען זיך דען פר זייא בעהאַלטין? דאָ העט איך גישריבין, העטין זייא שוין מיין בריב גיוועזן בעקומין. איצט אָבער, אַז הש״י האָט מיר גיהאָלפין צו זעהן אייער פריינדס זוהן אונ׳ מיך מיט איהם משתשע צו זיין אַפּאָר טאָג אונ׳ האָב פון איהם [גיוואָהר] גיוואָרין, אַז עס זענין בעז״ה נאָך פרהאַנדין קהלות קדושות, וואָס דיא משפחה האָט בייא זייא נאָך נישט דיא אייבר האַנד, האָב איך מיך פון דעם שלאָף, וואָס דער פחד פר דיא לייט האָט מיך ביזאַהער איינגישלעפירט, [אויפגיחאַפּט]. איך פיהל מיך איצט דרקוויקט, אונ׳ איך זאָג אייך צו, אין קורצין אי״ה זאָל איך צו אייך קומין, אונ׳ דאָרט וועל איך מיך משתשע זיין אי׳ מיט אייך אי׳ מיט אייערי גוטי פריינד וואָס איהר האָט דאָרט, אַזוי וויא איהר אונ׳ איך ווינשין עס.

## קיט. פון ר ישראל בער אין פאנקיע·
## וויץ צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

ר׳ מאיר יעקב האט מיר גיהייסין, איך זאל אייך שיקין אשליח מיוחד, שיק איך אייך — אונ׳ בין אייך מודיע, אז מען האט ר׳ מאיר יעקב׳ן פון אונזר קרייז תפוס גינעהמין.

דיא מעשה איז׳ אזוי גיווען. אזוי וויא ער האט אייך גישריבין פון צידון הרבה, אז ער פאהרט צו מיר, האט ער אויך אזוי גיטוהן, איז׳ צו מיר גיקומין, האט מיט מיר אבגישמיסט וואס ער האט בעדארפט אונ׳ איז׳ צוריק גיפאהרין איבר נחל המצה קיין צידון הרבה, איז׳ אין נחל המצה גיבליבין איבר שבת אונ׳ האט דארט בייאם רבין אין קלייזיל גידאוונט.

פליטצלינג איז א קאמיסאר פון דעם קרייז מיט מאגיסטראטס לייט אונ׳ פאליצייניקיס איבר גיפאלין דעם רבים קלייזיל אונ׳ האבין עס צו קבלת שבת ארומגירונגעלט פון אלי זייטין, האבין דיא ספר תורות אוועק גינעהמין אונ׳ אלי מענשין וואס זענין דארט גיווען בייאם דאוונין אויפגישריבין. דעם היימישין עולם האבין זייא אהיים גילאזט, דיא אורחים אבער האט מען גינעהמין תפוס, אונ׳ צווישין זייא האט מען ר׳ מאיר יעקב׳ן אויך גינעהמין אונ׳ אלי כתבים וואס ער האט בייא זיך גיהאט האט מען פרנעהמין אין קרייז ארײן. על כן זאלט איהר זעהן למעה״ש צו שיקין מיר געלד, וועל איך זעהן איהם מציל צו זיין, ווארין אהן געלד קען איך גאר נישט טוהן פון זיינט וועגין.

## קכ. פון ר׳ שמואל בער אין ניגראד
## צו ר׳ משה פישלס אין קאווען

איך בין עס שולדיג פון דיינטוועגין צו טוהן אונ׳ דיר מודיע צו זיין וואס עס האט זיך בייא אונז יעני וואך פרלאפין.

וויא דיא ביסט פין היא אוועק, האבין דיא רעכטי משפחה אין שטאד אשם גימאכט, דיין ווייב האט פון דיר גיזעהן אפיקורסישי אונטערעסין אונ׳ איבר דעם האסט דוא גימוזט איהר גט געבין. הגם דיא האסט מיר פר דיין אוועק פאהרין פין היא דיא גאנצי מעשה דרצעהלט, האב איך עס קיין מענטשין גיוואלט מגלה זיין.

פר אפינף אדער זעקס וואכין אבער האט גרשון קאריצר אשם גי־מאכט, ער האט זיין ווייב דרטאפט מיט א יונגין מאן, אונ׳ צווייא מענטשין פין דער רעכטיר משפחה האבין איהם דרויף עדות גיזאגט. מען האט גרשונ׳ס ווייב גינעט, אונ׳ זיא האט גימוזט בייא גרשונין אגט נעהמין. קוים האט גרשון זיין ווייב גיגט, האט ער חתונה גיהאט מיט דיין ווייב וואס דיא האסט

גיגט. אונ׳ מחמת דער גאַנציר היגיר עולם וואָס זענין נישט פון דער רעכ־טיר משפחה האָבין גיהאַלטין גרשונ׳ס ווייב פר אַפרומי כשרי יודיני, האָט מען אָנגיהויבין צו רעדין פון גרשוני׳ן אונ׳ פון זייני עדות. מען האָט אָנגי־הויבין צו שמיסין, גרשון האָט גיוואָלט זיין ווייב פטור ווערין, כדי ער זאָל בעהמין דיין ווייב, איבר דעם האָט ער איהר דעם שם גימאַכט. וויא איך האָב דאָס גיהערט, האָב איך אָטהייל מענטשין דרצעהלט, וואָס צווישין דעם גרשון אונ׳ דיין ווייב האָט זיך גיטוהן אונ׳ פרוואָס [דוא האָסט] דיין ווייב גיגט.

דאָס איז׳ אָנגיקומין צו אונזר רב, האָט ער גישיקט נאָך איין עדות פון גרשונס עדות, וואָס מען האָט גיוויסט, עס שטעקט אין איהם נאָך אַביסל עהרליכקייט, ווערין ער קעהר זיך נאָך נישט אין גאַנצין אָן מיט דער ליעבר משפחה. דער רב האָט אָנגיהויבין אין דעם עדות ערנסט אַריין צו רעדין אונ׳ האָט איהם צו פרשטעהן גיגעבין וואָס פר אַהאַרבי עבירה דאָס איז׳ פאַלש עדות צו זאָגין. האָט דער עדות מודה גיווען באלה ובשבועה, אַז ער האָט פון גרשונס ווייב ח״ו קיין שום שלעכטס גיזעהן, נור גרשון האָט איהם גי־בעטין, ער זאָל זיין זיין עדות אונ׳ האָט איהם דרפר צוגיזאָגט, ער זאָל איהם חשוב מאַכין בייאם אקלור רבין, דורך דעם וועט ער פרנסה האָבין.

נאָך דעם האָט דער רב גישיקט נאָך דעם אַנדרן עדות. וויא דער אַנדרר עדות האָט גיזעהן, אַז דער ערשטיר עדות האָט דעם אמת אויסגי־זאָגט, האָט ער אויך מודה גיווען, אַז ער האָט פאַלש עדות גיזאָגט אַקעגין גרשונ׳ס ווייב.

מילא קענסט דוא דיר משער זיין וואָס בייא אונז טוהט זיך איצט. דער גאַנצר עולם שרייעט גיוואַלד אויף גרשונין אונ׳ אויף דער גאַנציר ליעבר משפחה, אונ׳ אונזר רב האָט צו טוהן. ער שרייבט שאלות ותשובות איבר דעם אינטעריס.

איך שרייב דיר איבר דעם דיא גאַנצי מעשה, ווערין איך וויס זעהר גוט, אַז דיא ליעבע משפחה האָט נאָך דיין אַוועקפאָהרין פין היא דיר קיין קאווען נאָך גישריבין בריב אונ׳ האָבין דעם טעם גיזאָגט פר וואָס דוא האָסט דיין ווייב גימוסט אַגט געבין אַזוי וויא זייא האָבין היא דעם שם אויף דיר גימאַכט.

## קכא. פון ר׳ מאיר יעקב אין קורדאן צו ר׳ זעליג לעטיטשיבער

גאָט האָט מיר גיהאָלפין, מען האָט מיך אויף ערבות אויס דער תפיסה אַרויס גילאָזט. נור מחמת מיך האָט איינר פין דעם קרייז אָהן דעם קרייז וויסין אַרויס גילאָזט, האָב איך מורא גיהאַט אין צידון הרבה עפינטליך אַרום צו געהן. ווערין איך זעה, איהר האָט רעכט גיהאַט וואָס איהר האָט מיר

אַמאָהל גישריבין, אַז אויף דיא ליבע לייט קענין מיר זיך נישט פרלאָזין, ווייל זייא זענין נאָך נישט אונזר, איז׳ פר זייא אַלדינג רעכט. טוהט אימציר עפיס אַקעגין אונז, איז׳ גוט; טוהט אימציר עפיס אונז אַטובה, איז׳ פר זייא אויך כשר. איבערדעם האָב איך דאָרט מורא גיהאַט מיך אויף דער גאַס צו ווייזין אונ׳ האָב מיך שטילרהייד אַריבער גיכאַפּט קיין נחל המצה, פון וואַנין איך שרייב אייך אויך דעם בריב.

אונ׳ מחמת איך וויים, ר׳ ישראל בער האָט אייך נור סתם גישריבין, מען האָט מיך גינעהמין תפוס אונ׳ האָט אייך נישט גישריבין כל דבר שורש, שרייב איך אייך איצט דיא גאַנצי מעשה. אין קורדאן טוהר קיינר קיין מנין נישט מאַכין, סיידין ער האָט אַדרלויבניש פון דעם קרייז. האָבין דיא טוטין שטראַזניקיס דעם היגין רבין אונ׳ נאָך אַנדרי מענטשין גימסרת, אַז זייא מאַכין מנין אָהן אַדרלויבניש. איבערדעם האָט דאָס קרייז איינעם פון זיך אַהער אַראָבגישיקט, איז׳ ער אָנגיקימין אַהער אים פרייאטאָג צו נאַכטס צום דאַווינין, האָט צוגינעהמין דיא ספר תורות אונ׳ האָט אויפגישריבין אַלע וואָס זענין גיוועזן בייאם מנין. דיא היימישי מענטשין פון נחל המצה האָט ער אַהיים גילאָזט, נור דיא אורחים האָט ער גינעהמין אין תפיסה אַריין. דרנאָך האָט דאָס קרייז אַלע אַנדרי אורחים אַוועקגישיקט מיט שטראַזיס, איטליכין אַהיים פון וואַנין ער איז׳. נור מיך האָט מען גיהאַלטין, ווייל צווישין מייני כתבים, וואָס מען האָט בייא מיר, וויא מען האָט מיך תפוס גינעהמין, צוגינעהמין, דיא כתבים גיפינין, וואָס איך האָב מיט דעם קאַלקציגר רבי אונ׳ מיט אַנדרע מענטשין גימאַכט, איך זאָל צושטעלין דיא ספרים תולדות יעקב יוסף, דעם עץ חיים אונ׳ דעם פרי עץ חיים. אונ׳ וויא עס הערט זיך, האַלט מען מיך נאָך, ביז זייא וועלין מכח דיא ספרים אַפּסק מאַכין.

מיין מזל אונ׳ אייער מזל איז׳ גיוועזן, וואָס איך האָב אייערי בריב נישט גיהאַט. איך וויים נישט וויא זיי זענין מיר אַהינגיקומין (א). נור אַזוי פיל ווייס איך זיכר, אַז דאָס קרייז האָט זייא נישט. איך האָב מיך גאָר נישט אין זין, זייא זאָלין מיט מיר טוהן וואָס זייא ווילין, האַרט מיך גאָר נישט. נור אויף דעם עס איך מיך זעהר, וואָס דורך דעם קען איך גאָר נישט טוהן אין דעם אינטעריס מכח דער גויה, אונ׳ אויף דעם ישראל בער קען איך מיך נישט פרלאָזין. אַז איך וועל אַהיים קומין, וועל איך אייך דרצעהלין וואָס דאָס איז׳ פר אַמענטש.

איך מוס אייך אויך מודיע זיין, אַז אונזרי קורדאַניר חסידים האָבין אַשם גימאַכט אין דער מדינה, אַז אַמתנגד אין צידון הרבה האָט דיא גאַנצי מעשה מיט דעם היגין רבים מנין אָנגיאַרבייט, אונ׳ אַז ער מיט דעם פון קרייז אונ׳ מיט דיא מאַגיסטראַטס לייט זענין מיט פאָליציינקיס אונ׳ מיט זעלניר דעם היגין רבינס קליזיל איבערגיפאַלין, אונ׳ אַז דיא זעלניר האָבין דיא מזוזות אין דעם רבינס חדרים מיט זייערי שווערדין צערהאַקט, אונ׳ דיא

ספר תורות וואָס דאָרט זענין גיוועזן האָבין זייא גישלעפט מיט שטריק, אונ׳ נאָך אַזאָלכי זאַכין.

היינט האָבין זייא ווידער אַשם גימאַכט, אַז איין אורח פון דיא אורחים, וואָס מען האָט מיט שטראַזיס אַהיים גישיקט, איז אויף דעם וועג גישטאָרבין, אונ׳ דער גאַנציר קורדאניר עולם, אפילו די וואָס זענין נישט פון אונזרי לייט, גלייבין, אַז דאָס אַלצדינג איז׳ אמת.

מילא מוסט איר וויסין, אַז לעולם ווייס איך דעם אמת, אַז דיא אַלע פּאַטשטין זענין שוא ושקר, וואָרין איך בין דעך בייא דער גאַנציר מעשה גיוועזן. מיט דעם פון קרייז וואָס איז׳ גיקומין קיין נחל המצה איז׳ קיין שום יוד נישט גיקומין פון צידון הרבה אונ׳ מען האָט קיין מזוזות גיהאַקט אונ׳ קיין ספר תורות מיט שטריק גישלעפט. אדרבא, דער פון דעם קרייז האָט מיט דעם היגין רבין גירעט זעהר פריינדליך. ער האָט איהם קיין שום אונ־בעתרבות וואָרט גיזאָגט.

איך ווייס אויך זיכר, אַז די מסירים זענין גיוועזן דיא טוטין שטראַזני־קיס אונ׳ גאָר קיין יוד נישט. איך ווייס אויך, אַז אַלע אורחים וואָס מען האָט זייא איטליכין אָבגישיקט אין זיין היים אַריין, זענין אויך אַהיים גיקומין אונ׳ קיינר פון זייא איז׳ אויף דעם וועג גישטאָרבין.

אונ׳ גראָד פרקעהרט, אויף דעם אורח וואָס זייא האָבין גיזאָגט, ער איז׳ אויף דעם [וועג] גישטאָרבין, ווייס איך, אַז דיא מתנגדים אין צידון הרבה האָבין איהם דאָרט גיגעבין אַ פייני פוהר אונ׳ האָבין איהם מיט דער פוהר אָבגישיקט ביז אַהיים.

פון דעסטוועגין מוז איך אייך זאָגין, אַז איך האָב פון דעם אינטעריס פּאָרט גרויס תענוג גיהאַט. איך האָב דרפון גיזעהן, אַז דיא קורדאניר חסידים זענין אויך קיין שלימזלניקיס נישט אונ׳ אַז דער קורדאניר גלייבט אַזויני זאַ־כין וואָס אונזרי לייט מאַכין דאָרט אַשם. אונ׳ דורך דעם העבין אָן אַזויני מענטשין וואָס האַלטין איצט נישט מיט אונז אויף אונז רחמנות צו האָבין אונ׳ ווערין ברוגז אויף דיא מתנגדים, וואָס זייא טוהן אַזויני הולטייסקי זאַ־כין, אונ׳ אויף אַלי מתנגדים אין צידון הרבה ווערד מען אין כעס, אפילו אויף דיא וואָס האָבין נישט גישטעקט אין דעם אינטעריס.

מילא האָף איך, אַז איהר וועט מיר נור שיקין אַפּאַשפּאָרט פון דרהיים, וועלין זיך דיא מתנגדים אין צידון הרבה לייגין אין דער לענג אונ׳ אין דער ברייט, דאָס קרייז זאָל מיך לאָזין פרייא, כדי זייא זאָלין דער וועלט ווייזין, אַז זייא זענין אין דער מעשה מיט דעם היגין רבי גאָר ריין אונ׳ מען האָט זייא אומזיסט בייא דער וועלט אין אַ בעזין שם אַריין גילעגט.

ע״כ למעה״ש שיקט מיר אַגוטין פּאַשפּאָרט.

## קכב. פון ר׳ אברהם משה אין זאלין
## צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

פראַכטוגין מיטוואָך האָבין מיר איין אונגליק גיהאַט. ר׳ זעליג לעטיטשיבער האָט מען אין דער פריה גיפונין אין בעט טויד. אונ׳ מיר ווייסין נישט וואָס דאָס איז׳ גיוועז.

איך האָב זיין ווייב גיפרעגט, האָט זיא מיר דרצעהלט, דינסטאָג בייא נאַכט האָט אַשליח גיבראַכט דעם מאַן אַ בריבל פין דעם קורדאן. מחמת דער מאַן איז׳ אָבער נאָך גיהאַט גיוועזן בייאם רבין זאָל מאריך ימים זיין, האָט זיא צוגינעהמין דאָס בריבל אונ׳ האָט דעם שליח גיזאָגט, ער זאָל קומין אין דער פריה נאָך אַתשובה. וויא דער מאַן איז׳ זייגר עלף פר האַלבי נאַכט אַהיים גיקומין, האָט זיא איהם דאָס בריבל גיגעבין. וויא ער האָט נור דאָס בריבל גילייענט, האָט ער אַ גישרייא גיטוהן: אַדינער האָט מיך דרשלאָגין, ר׳ מאיר יעקבין האָט מען אין קורדאן תפוס גינעהמין אונ׳ מען האָט בייא איהם אַלי כתבים אַוועק גינעהמין אונ׳ מן הסתם מייני בריבליך אויך! וואָס וועל איך טוהן? שרה (אַזוי הייסט זיין ווייב), איך פאַל אין חלשות, גיב מיר בראָנפין! האָט זיא איהם גיגעבין אָקאָוויט, ער האָט אַביסל גיטרונקין און איז׳ צו זיך גיקומין אונ׳ האָט אָנגיהויבין אין שטיב אַרום צו געהן אַהין אונ׳ אַהער.

אונ׳ דאָס ווייב האָט זיך גילעגט שלאָפין, איז׳ ענטשלאָפין גיוואָרן אונ׳ האָט אַפילו נישט גיהערט, וויא ער האָט זיך שלאָפין גילעגט. אין דער פריה, וויא דער שליח האָט גיקלאַפט, מען זאָל איהם עפנין, איז׳ זיא אויפגישטאַנין אונ׳ האָט איהם גיעפענט. וויא דער שליח איז׳ אין שטיב אַריין גיקומין, האָט ער זיא גיבעטין, זיא זאָל איהם געבין אַ טרינק בראָנפין. וויא זי איז׳ צוגיגאַנגין צום שענקטיש דעם שליח אַטרינק בראָנפין צו געבין, האָט זיא דרזעהן, אַז אין דער פלאַש, וואָס דער אָקאָוויט איז׳ אין איהר גיוועזן, איז לעדיג, עס איז׳ אין איהר נישט אַ טראָפין גיבליבין. האָט זיא תחלת נישט גיוויסט וואָס דאָס קען בעטייטין. וויא דער שליח האָט אָבער לאַנג גיוואַרט אונ׳ דער מאַן איז׳ אַלץ נאָך נישט אויפגישטאַנין, איז׳ זיא גיגאַנגין דעם מאַן אויפוועקין. וויא זיא איז׳ צו גיקומין צום בעט, זעט זיא, דער מאַן ליגט אין בעט טויד.

האָט זיא זיך ערשט משער גיוועזן, אַז וויא זיא האָט גישלאָפין, איז׳ דרווייל דער מאַן אַודאי עטליכי מאָהל אין חלשות גיפאַלין אונ׳ האָט זיך אַלי מאָהל מיט אָקאָוויט אויס דער פלאַש דרקוויקט, ביז עס איז׳ אין דער פלאַש נישט גיבליבין אַטראָפין. וויא דיא פלאַש איז׳ שוין לעדיג גיוועזן, האָט ער ווידער גימוזט פאַלין אין אַגרויס חלשות. קיין בראָנפין איז׳ שוין נישט גיוועזן, ער זאָל זיך ראַטיווען, אונ׳ דאָ איז׳ אויך קיינר נישט גיוועזן אין שטיב, מען זאָל איהם מינטערן, איז׳ ער אַזוי צווישין יוא אונ׳ ניין פין דער וועלט אַוועק גיגאַנגין.

עס איז׳ אַבעזונדר אונגליק גיוועז, האָט דאָס ווייב גיזאָגט, וואָס קיי־נער איז׳ דענצמאָהל אין שטיב גיוועז, וויא ער האָט גימוזט שטאַרק פרשלאָפט ווערן, אונ׳ זיא האָט זעהר הארט גישלאָפין, אַז זיא האָט גאָרנישט גיהערט וואָס עס האָט זיך גיטוהן.

וואָס זאָל איך אייך זאָגין, מיר געהן אַרום וויא אָהן קעפּ, וואָרין דער רבי זאָל מאריך ימים זיין, זעהן מיר, געהט אַרום אַביסל אין עצבות, מחמת ר׳ זעליג איז׳ גיוועזן זיין רעכטי האַנד. עס איז׳ עפּיס אַ גרויס אונגליק גי־וועזן, וואָס גראָד דענצמאָהל איז׳ קיינר פון אונזרי לייט בייא איהם גיוועזן. מיר העטין איהם דרווייל גיוועזן גיטרעסט, אונ׳ דערווייל העט איהם גיוועזן אָנגיקומין דער בריב פין ר׳ מאיר יעקב וואָס ער שרייבט, מען האָט איהם אַרויסגילאָזט אויף ערבות אונ׳ אַז מען האָט ר׳ זעליג׳ס בריבליך בייא איהם נישט צו גינעהמין, וואָרין ער האָט זייא נישט גיהאַט. נור וואָס העלפט דאָס— וואָס איז׳ גישעהן, קען מען נישט אַנדרש מאַכין.

צינד ווייסין מיר נאָך נישט, ווען דער רבי זאָל מאריך ימים זיין וועט אויף ר׳ זעליג׳ס אָרט אויפנעהמין. מיר האָבין אַמאָהל מיט דעם רבין זאָל לעבין פון ווייטין אַשמיס גיטוהן, ער זאָל אייך אויף נעהמין, האָט ער אונז דרויף גיענטפערט: ר׳ זיינוויל דאַרף זיין אין קריפּען. האָבין מיר שוין מעהר מיט איהם נישט גירעד דרפון. אַפּנים האָט עס, אַז ער וועט ר׳ נתן באַקילי־ניק אויפנעהמין, וואָרין ער איז׳ איצט דער גרעסטער מקורב צום רבין זאָל מאריך ימים זיין.

## קכג. פון ר׳ אברהם משה צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

אַזוי וויא איך האָב אייך גישריבין, אַזוי האָט זיך טאַקי אויסגילאָזט. דער רבי זאָל מאריך ימים זיין האָט אויף ר׳ זעליגס אָרט אויפגינעהמין ר׳ נתן באַקיליניק, אונ׳ דורך איהם האָבין מיר ערשט גיוואָהר גיוואָרין פר וואָס ר׳ זעליג איז׳ פון דער וועלט אַוועק גיגאַנגין.

דיא מעשה איז׳ אַזוי גיוועזן. דיא טעג איז׳ בייאם רבין זאָל מאריך ימים זיין גיוועזן אַ קורדאניר, ער הייסט ר׳ ישראל ר׳ בעריש׳ס. דער ר׳ ישראל איז׳ פריהר גיוועזן אַגרויסר בעל תאוה אונ׳ האָט עובר גיוועזן אויף כל העבירות פין דער תורה. דרנאָך איז׳ ער צוגישטאַנין צו אונזרי לייט אונ׳ איז׳ גיוואָרין אַגאַנץ גרויסר מקורב צום רבין זאָל מאריך ימים זיין, אונ׳ מחמת דער רבי זאָל מאריך ימים זיין האַלט אויף דעם ר׳ ישראל זעהר, האָט ער מיט איהם גירעד באַלד אַהאַלבי שעה. אונ׳ אין דעם שמיסיכץ האָט איהם דער רבי זאָל מאריך ימים זיין גיוויזין דאָס רעכטי בוך, וואָרין ר׳ ישראל קען דייטשיריש.

ווי ר׳ ישראל האָט דאָס בוך אויפגימאַכט, האָט ער דרזעהן דיא צווייא צורות וואָס שטעהן אויף דעם ערשטען בלעטיל פר דעם שער, האָט ער אַריין גיקוקט דרינין באַלד פינף מינוטין, אונ׳ האָט זיך אָנגירופין: רשעים, ימח שמם וזכרם! האָט איהם דער רבי זאָל מאריך ימים זיין גיפרעגט: פרוואָס בעזירט איהר אייך? האָט איהם ר׳ ישראל גיזאָגט: דיא צורות וואָס שטעהן בעטייטין, וויא אַצדיקס סעקרעטאַר גיבט שלום איין אורח וואָס קומט צום צדיק אויף ראש השנה.

וויא דער רבי זאָל מאריך ימים זיין האָט דאָס גיהערט, האָט ער אָנגי־הויבין וויא צו ציטערין אונ׳ האָט גיזאָגט: זעליג, זעליג! אונ׳ איז׳ שטיל גיוואָרן, האָט אָנגיהויבין אין שטיב צו געהן אַהין אונ׳ אַהער אונ׳ האָט גי־זאָגט צו ר׳ ישראל: לאָזט מיך אַליין.

ר׳ ישראל איז אַוועק גיגאַנגין, אונ׳ דער רבי זאָל מאריך ימים זיין האָט גיהאַט אין זיין שטיבל התבודדות אַזוי אַקעגין אַ שעה, אונ׳ דרנאָך האָט ער גירופין ר׳ נתן אונ׳ האָט איהם גיזאָגט מיט אַפרייעליך פנים: נעהם דאָס בוך אונ וואַרף עס אין פייער אַריין.

וויא ר׳ נתן האָט דיא מעשה דרצעהלט, האָבין מיר זיך דיא זאַך אָבּ־גיקלעהרט: דאָ איז׳ אַודאי אַזוי גיוועזן—דאָס וואָס דער רבי זאָל מאריך ימים זיין האָט דאָס בוך אַלץ גיהאַלטין אונטר דעם קאָבריץ אונ׳ האָט צו צייטין דיא צורות אָנגיקוקט, איז׳ גיוועזן ווייל ער האָט דיא צווייא צורות גיהאַלטין פר דיא וואָס האָבין דאָס בוך גימאַכט; האָט ער זייא גיוואָלט מיט זיין ראיה ממית זיין, אַזוי וויא מיר ווייסין, אַז דער מגיד ע״ה האָט אַמאָהל אַזוי אייגים אָבגיטוהן. איין צורה איז׳ אָבער גיוועזן דיא צורה פין אַצדיקס סעקרעטאַר, האָט דעם רבינס קוק גימאַכט, אַז ר׳ זעליג איז׳ דורך דעם פון דער וועלט אַוועק גיגאַנגין. וואָרין וויא האָבין מיר אַזוי [אַ]צדיק וויא דער רבי זאָל מאריך ימים זיין? איבערדעם האָט עס גיטראָפין זיין סעקרעטאַר, אונ׳ מן הסתם איז׳ ערגיץ איין אורח אויך גישטאָרבין וואָס איז׳ בייאם רבין זאָל מאריך ימים זיין גיוועזן אויף ראש השנה, אונ׳ ר׳ זעליג ע״ה האָט איהם שלום גי־געבין, וויא ער איז אָנגיקומין (א).

איבערדעם פרשטעהן מיר דעם אינטעריס. וויא דער רבי זאָל מאריך ימים זיין האָט פון ר׳ ישראל גיהערט, אַז איין צורה איז׳ פין אַצדיקס סעקרעטאַר, האָט ער פרשטאַנגין, אַז דורך זיין קוק האָט ר׳ זעליג גימוסט פין דער וועלט אַוועק געהן, האָט ער דורך דעם תחלת אַביסל עצבות בע־קומין. דרנאָך האָט ער זיך מישב גיוועזן, אַז עס איז׳ יוא אַזוי, וויל ער איהם תאָטש אַ טובה טוהן אויף יענר וועלט, ער זאָל איהם דאָרט אַריין ברענגין אין אַגרויסין היכל (ב).

דאָס האָט ער גיטוהן בשעת מעשה, וויא ער האָט גיהאַט התבודדות אין זיין שטיבל. אונ׳ דרנאָך האָט ער גיהייסין דאָס בוך אין פייער אַריין וואַרפין, מן הסתם איז׳ דורך דעם דער תיקון גישעהן, ענטפר אין דעם שטייגר,

וויא מען גליהט אַזאַך אין פייער, זיא זאָל כשר ווערין, אָדער וויא עס שטעהט געשריבין: גאָט האָט זיין צאָרן אויסגילאָזט צו האָלץ אונ׳ צו שטיינר. אונ׳ אַזוי קען אויך זיין צו פּאַפּיר.

## קכד. פון ר׳ יוסף אהרן אין עשטבוזרק צו ר׳ שלמה חיים אין רודקי

יענע וואָך וויא איך בין גיפּאָהרין קיין צידון הרבה איבר קאחארטביס, בין איך פרייאטאָג פר וואַרמיס אָנגיקומין קיין קאחארטביס אונ׳ האָב גיוואָלט קיין צידון הרבה פאָהרין אויף שבת. וויא איך האָב אָבער גיהערט, אַז דער רבי ר׳ אברהם יעקב האָלט שבת אין קאחארטביס, בין איך אויך דאָרט גי־בליבין אויף שבת. פון דעם שבת האָב איך גרויס תענוג גיהאַט.

אויף דעם שלש סעודות האָב איך גיהערט זעהר ברייטי תורה אונ׳ האָב גישטעלט אויף דעם שלש סעודות אַגאַנץ פּאַס ביער. מוצאי שבת בין איך גיגאַנגין מיט דעם רבין אין אַבעזונדר חדרל אַריין, וואָס ער האָט דאָרט גי־האַט, איך זאָל מיך מיט איהם גיזעגנין אונ׳ זאָל מיט איהם שמיסין פון מיינע עסקים, אונ׳ ער זאָל מיך בענטשין.

איך האָב מיט איהם גירעדט אונ׳ ער האָט מיר מכח מייני עסקים גי־זאָגט וואָס מען האָט בעדאַרפט, האָב איך אין דער האַנד גיהאַלטין אַרענדיל, איך זאָל איהם געבין פר דער ברכה וואָס ער וועט מיך בענטשין (א).

וויא איך האָב איהם גיבעטין, ער זאָל מיך בענטשין, האָט ער אָנגי־הויבין מיט מיר צו שמיסין פון דיא שלעכטי צייטין אונ׳ פון דעם וואָס ער דאַרף זעהר גינעטהיג געלד. וויא איך האָב דאָס גיהערט, האָב איך פרשטאַ־בין, אַז איין רענדיל איז׳ פר איהם וועניג, אונ׳ האָב אַרויס גינעהמין דרייא רענדליך אונ׳ האָב איהם גיגעבין. ער האָט אָבער גיזאָגט, איך מוז איהם גע־בין אויף אַפּדיון צוועלף רענדליך. איך האָב איהם דרצעהלט, אַז איך האָב דאָס יאָהר כמה היזיקות גיהאַט, האָט ער מיר גיזאָגט, ער ווייסט דאָס אַלץ. עס מוז אָבער אַזוי זיין, אונ׳ איך זאָל גאָר קיין שאלות פרעגין, וואָרין איך מוז נור טאַקי צוועלף רענדליך געבין (ב).

איך האָב קיין אַנדרי ברירה גיהאַט אונ׳ האָב איהם גיגעבין צוועלף רענדליך, אַזוי וויא ער האָט אויף מיר גוזר גיוועזן.

תחלת האָב איך אַביסל עגמת נפש דרפון גיהאַט, נור וויא איך בין גיקומין קיין צידון הרבה אונ׳ בין גיגאַנגין צו דעם מענטשין וואָס איך האָב גיהאַט מיט איהם מיין עסק אָבצוטוהן, האָב איך גיזעהן, אַז עס האָט בע־דאַרפט אַזוי צו זיין. וואָרין מיין עסק איז׳ זעהר שלעכט גישטאַנין. נור וויא איך האָב דעם מענשין אין צידון הרבה גיגעבין טויזנד רובל סוג אונ׳ האָב איהם זעהר גיבעטין, האָב איך טאַקי אין דעם רבינס זכות אַלצדינג גיפּועלת.

און׳ איך ווייס גאַנץ זעכער, אַז אָהן דעם רבינס אַרבייטין העט איך גיוועזן שלעכט אָבגישניטין (ג).

דאָ האָב איך גיזעהן בחוש, אַז דער רבי זאָל לעבין האָט דאָס אַלצדינג פריהר גיזעהן, און וואָס ער האָט מיט מיר גישמוסט פון דיא שלעכטי צייטין, האָט ער גימיינט מיין עסק (ד), ווארין וויא האָט דער רבי שלעכטי צייטין? מילא האָט ער דרמיט טאַקי נור מיך גימיינט, און׳ דאָס האָט ער נור דורך דעם פדיון פין צוועלף רענדליך פררעכט. און׳ חאַטשי איך ווייס נישט פרוואָס דוקא צוועלף רענדליך, אַז איך זעה אָבער מיט מיין קליינים שכל וואָס עס האָט זיך גיטוהן איז׳ רעכט, מן הסתם איז׳ דאָס וואָס איך פרשטעה אַפילו נישט אויך רעכט.

מילא פולוועז זשע אָב, אַז דער רבי וועט קומין צו אייך, זאָלסט דוא דיך צו איהם מקרב זיין וויא ווייט עס וועט נור מעגליך זיין, און׳ אַז ער וועט מיט דיר שמיסין פין שלעכטי צייטין, זאָלסט דוא וויסין, אַז ער מיינט דאָס דיך, עס מוז מיט דיר ח״ו שלעכט שטעהן, זאָלסט דוא זעהן צו טוהן אַלצדינג וואָס ער וועט דיר הייסין, כדי ער זאָל ווידיר אַלץ גוט מאַכין.

## קכה. פון ר׳ זיינוויל ווערחיעוויקיר צו ר׳ נתן באקיליניק

אין דער מינוט האָב איך גיוואָהר גיוואָרין פון איינים וואָס איז׳ גיוועזן בייא אונזר גזלן, אַז דער גזלן האָט אָבגינעהמין אַבריב פון דער פּאָטשט און׳ איז׳ גיוואָרין מלא שמחה. בשעת לייאנין דעם בריב האָט ער אַלי מאָל גיזאָגט: דאָס איז׳ גוט! און׳ וויא ער האָט דעם גאַנצין בריב אויסגילייאנט, האָט ער זיך תיכף אַנידר גיזעצט און׳ האָט גישריבין אַבריוו צום בילקער פריץ.

איך האָב גישיקט צו אונזר פּאָטשטמייסטיר גיוואָהר ווערן פון וואַנין דער גזלן האָט גיהאַט אַבריב, האָט דער פּאָטשטמייסטיר גיזאָגט, דער בריב איז׳ גיוועזן פין דעם קורדאן. מילא זאָלט איר וויסין, אַז דאָס עסק האָט זיך דאָרט אַודאי נישט גוט אויס גילאָזין.

איך שיק דיר דאָ אויך איין אָבשריפט פון אַבריב וואָס דיא גויה האָט דעם בילקער פריץ גיהאַט גיגעבין, נאָך עה זיא איז׳ פין דאָרט ענטלאָפין גיוואָרן. דער בילקער האָט דעם בריב גיגעבין אונזר גזלן, און׳ דער גזלן האָט איהם גיגעבין דעם רשע דעם ימ״ש מרדכי, ער זאָל איהם איברזעצין אויף דייטשעריש. און׳ וויא דער רשע האָט דעם בריב איבר גיזעצט, האָט ער זיך פין דעם לשון הקודישדיגין בריב איין אָבשריפט גימאַכט וואָרט פר וואָרט, אַזוי וויא דער רבי דער צדיק האָט דעם בריב גישריבין, און׳ האָט דיא אָבשריפט ביהאַלטין אין זיין שופלעדיל פון דעם טישל וואָס ער שרייבט דרויף.

און׳ נעכטין וויא איך בין גיוועזן בייא דעם רשע, איך האָב איהם גיבראַכט

געלד פר בראָנפין, האָט ער דאָס געלד צוגינעהמין אונ׳ האָט עס פרשריבין אין רייסטיר אַריין, וואָס איז׳ גילעגין אין דעם שיפלעדיל, אונ׳ איז׳ אויס דער שטיב אַרויסגיגאַנגין, האָט אָבער דאָס שופלעדיל נישט פרשלאָסין. דרווייל איז׳ זיין נאמן דער גנב, וואָס איז׳ אין שטיב גיוועזן, צוגיגאַנגין צום פענס=טיר, ער זאָל זעהן וואָס פר אַרעש עס איז׳ עפיס גיוואָרן אויף דער גאַס, האָב איך דרווייל אויס דעם שיפלעדיל אַרויסגיחאַפּט דעם אָבשריפט פין דעם לשון הקודישדיגין בריב אונ׳ האָב איהם בעהאַלטין. מילא פין דעם אַלעם וועסט דוא זעהן, אַז אונזר גזלן שלאָפט נישט אין דעם עסק, אונ׳ עס וועט אַודאי ח״ו נישט גוט זיין.

מיין דעה איז׳, מען זאָל דעם רבין דעם צדיק אַלצדינג זאָגין. איך שרייא דאָס שוין לאַנג, איך האָב ניט איינמאָהל ר׳ זעליג׳ן ע״ה דאָס גישרי=בין, אונ׳ ער האָט אַלץ נישט גיוואָלט אונ׳ איז׳ בעוה״ר דורך דעם פין דער וועלט אַוועק גיגאַנגין. וואָרין העט ער דאָס גאַנצי עסק גיוועזן דעם רבין דעם צדיק דרצעהלט, העטין מיר דעם גאַנצין עגמת נפש נישט גיהאַט אונ׳ העטין פרשפּאָרט דיא טרחות אונ׳ דיא יגיעות. מיר העטין נישט גיוועזן בע=דאַרפט ר׳ מאיר יעקב׳ן צו שיקין אין קורדאַן אַריין, מיר העטין דאָס פר=שוואַרצדיגי בוך גיוועזן לאַנג גיהאַט. מען העט מיר לאַנג שוין גיוועזן גיוויסט ווער דער מחבר פון דעם בוך איז׳ אונ׳ העטין איהם שוין לאַנג גיוועזן אויס=גיריסען מיט דעם וואָרציל אונ׳ העטין נישט בעדאַרפט דעם רבין דעם צדיק מטריח צו זיין, ער זאָל דורך דעם קוקין אויף דיא צורות דעם מחבר בעגראַ=בין, וואָס ר׳ זעליג איז׳ דורך דעם מאַרנע פון דער וועלט אַוועק גיגאַנגין. אַכּלל, ר׳ זעליג ע״ה זאָל מיר טויזינד מאָהל מוחל זיין, ער האָט בעזדינג גימאַכט, וואָס ער האָט מיך נישט גיפאָלגט.

בכן בעט איך דיך, דוא זאָלסט מיך האָטשי צוהערין אונ׳ דיא גאַנצי מעשה פון אלף ביז תיו דעם רבין דעם צדיק צו דרצעהלין, אונ׳ ער וועט אַודאי דעם גאַנצין אינטעריס אָבהעלפין. ובפרט וואָס וועט דען זיין, אַז מיר וועלין נאָך וואַרטין אונ׳ עס וועט צום סוף ח״ו אַזוי שלעכט ווערן, אַז מיר וועלין זיך שוין גאָר נישט קענין קיין עצה געבין? וועט מען דרנאָך מוזין זאָגין דעם רבין דעם צדיק דאָס גאַנצי עסק, דער רבי דער צדיק וועט זעהן, עס איז׳ נישט גוט, אונ׳ דאָ איז׳ אַ קורצי צייט אויך, האָט ער אַברירה, אין דעם ברענינדיגין פייער וואָס ער וועט זיין, אַזאַ אַראַפּטאָווני זאַך צו טוהן, אַז דיא גאַנצי וועלט וועט איבערגיקעהרט ווערן ח״ו. מילא וואָס וועלין מיר דרנאָך טוהן? אַדרבא, זייט אייך נור מישב: וועט דאָס שען זיין פר אונז?

איך בעט אייך ניט איינמאָהל נור טויזנד מאָהל, דרצעהלט דעם רבין דאָס גאַנצי עסק.

## קכו׳ דיא העתקה פון דעם בריב, וואָס דיא גויה האָט אין וואלד גיגנבת בייאם פילשטניר

פיל שלום און ברכה צו מייני ליעבע פריינד, וואָס זענין לוסטיג אונ׳ פרייען זיך צו טוהן דעם רצון פון זייער באַשעפיר, מיט זייערי לייביר אונ׳ מיט זייער געלד, צו דיא אמתי מענשין וואָס לויפין נאָך נאָך גירעכטיגקייט, זייערי מעשים ווערן אויפגישריבין אין אַספר אַריין, דאָש זענין אונזרי לייט, דיא עלטסטי פון דיא אויסגיצייכענטי קהלות, מיט אַלע קהלס לייט אונ׳ זייערי גבאים, אין איינעם ווי איינציגווייס, אויף זייא זענין אַלע ברכות אויסגיסדרת אונ׳ אויסגירעכטיוויט, אמן כן יהי רצון.

עס איז׳ שוין אַלאַנגי צייט אַוועק, אַז דער גבאי וואָס פלעגט צום הויף צו נעהמין דאָס ארץ ישראל געלד אין דיא שטעד, וואָס זענין אַרום פילשטין, איז׳ איבערגיפאָהרין קיין ארץ ישראל, אונ׳ ביז איצט האָט זיך נאָך נישט גי־פיהרט, מען זאָל איין אַנדרן פר איהם אנשטעלן, איצט אָבער האָב איך גיפו־נין דעם וואָס מיין האַרץ האָט ליעב. דאָס איז׳ דער גילעהרנטיר, דער אויס־פאַל, דער אויסגיצייכינטי, דער פרומר, דער ירא שמים מוהר״ר אהרן קאַלינער, אין פולשטין. ער איז׳ אַמענטש וואָס הערט אונז צו פין עביג אָן אונ׳ האָט זיך אַוועק גילעגט פין אַלע עסקים פין דער וועלט אונ׳ טראַכט נור זיך צו פאָרין מיט מצות נאָך זיין כח נאָך.

על כן גיב איך דעם בעפעהל, מען זאָל איהם אנשטעלין, ער זאָל צום הויף נעהמין אַלע ארץ ישראל געלדיר, וואָס אונזרי ברודר דיא יודישי קינדר וואָס וואָהנין אין פולשטין, אָדער אין דיא שטעד אונ׳ אין דיא דערפיר וואָס קעהרין קיין פולשטין, ווען מנדר זיין. דיא אַלע קליינע גובים וואָס אַרום פילשטין זענין מוזין אַלע נדרים אונ׳ נדבות וואָס זייא וועלין גובה זיין אין זייערי ערטיר, וועדליג זייערי רייסטעריס, איברגעבין צו דעם ר׳ אהרן קאַ־לינער, אונ׳ ער וועט אַלע געלדיר וואָס ער וועט צונעהמין אין דעם רייסטיר אַריין שרייבין, וואָס מיר האָבין איהם איברגיגעבין, כדי ער זאָל ווידער אַלע פירטיל יאָהר דיא אַלע געלדען ברענגין צו אונז אָדער צו דעם הויפט־גובה וואָס מיר וועלין אנשטעלין. אונ׳ מיר זענין בטוח אָן אונזרי ברודר, דיא יודישי קינדר, אַז זייא וועלין צו הערן אונזרי ווערטיר וואָס מיר זאָגין זייא דאָ פון אונזרי ברודרס וועגין וואָס זענין אין ארץ ישראל.

אונ׳ מען זאָל וויסין, אַז דאָס זענין מייני רעד, חתמי איך מיך. דאָס זענין דיא רעד וואָס מען רעד פון צדקה וועגין.

## קכז. פון ר׳ יעקל פולנאער אין דישפאל צו ר׳ גומפיל קריליוווער

איך הער, דער זאליניר האָט זיין שען זינדל דעם רשע משדך גיוועז מיט דעם גאַלאַצר גביר בירך אונ׳ האָבין די חתונה אָבגילעגט אויף חצי אלול. איך האָב מורא, ער האָט דאָס נור פין דעסטוועגין גיטוהן, כּדי אַלע קרובים פון דעם גביר, וואָס זענין איצט פין דעם רבינס לייט, זאָלין בייא איהם בלייבין אויף ראש השנה אונ׳ זאָלין נישט פאָהרין צום רבין זאָל לעבין. מילא בין איך דיר דאָס מודיע, ווייל איך וויים, אַז דער נגיד וואָס דוא ביסט בייא איהם האָט איין משא ומתן אין גאַלאַץ, ביסט דוא מן הסתם דאָרט בעקענט מיט אַלע גבירים אונ׳ אַודאי מיט דעם ר׳ בירך אויך. זאָלסט דוא זעהן וואָס צו טוהן, אַז דער ר׳ בירך זאָל דעם שידוך אָבלאָזין, בפרט דוא קענסט אַודאי דעם זאליניר׳ס תכשיט. ער איז׳ אַשרעקליכר רשע אונ׳ אַגרויסר בעל תאוה, אונ׳ איבר דעם האָט ער גימוזט דעם ערשטין וויב גט געבין, אונ׳ פון דענצמאָהל אָן איז׳ ער נאָך אַגרעסירר רשע גיוואָרן. איך בין גאָר נישט מסופק, אַזוי באַלד דער גביר ר׳ בירך וועט נור גיוואָהר ווערן זייני חפצילך, וועט ער אַודאי פון איהם אָבלאָזין הענד אונ׳ פוס.

איז׳ דען פר ר׳ בירך דעם רבינס זוהן ניט טויזינד מאָהל אָבעסירר שידוך? לאָם מיר שוין אַפילו נאָכגעבין, ער איז׳ נישט אַזוי ווי מע בעדאַרף, איז׳ ער אָבער איין אמתין צדיקס אַזוהן אונ׳ וועט אַודאי אַז באַלד זעהר גרויס ווערין (א). יענער רשע אָבער, דעם ליגניר׳ס זוהן, דער האָט דעך אַפילו קיין זכות אָבות נישט אונ׳ וועט אַודאי בלייבין ווייל ער וועט לעבין אַגלאַטיר הולטייא.

מילא זעה צו טוהן וואָס דוא קענסט אין דעם אינטעריס. אונ׳ אַז דוא וועסט וועלין, וועל איך דיר שיקין אַגביות עדות פין מענשין וואָס מען קען זייא אין גאַלאַץ, אונ׳ זייא וועלין זאָגין בתורת עדות, אַז דעם זאליניר׳ס קדיש איז׳ אַ שרעקליכר רשע, אַז מען האָט איהם שוין כּמה פּעמים דרטאַפּט מיט גלאַטי נפקות אונ׳ האָט שוין עובר גיוועזן אויף כּל העבירות שבתורה. דורך אַזוי אַגביות עדות וועט דער גביר ר׳ בירך אַודאי אונוועהרין דעם חשק חתונה צו מאַכין, וועלין טאַקי דעם רבינס לייט צום רבין זאָל לעבין קומין אויף ראש השנה אַזוי וויא ביזאַהער, אונ׳ דער רבי זאָל לעבין וועט אויף זייא קיין תרעומות האָבין (ב).

## קכח. פין ר׳ יעקל פולנאער צו ר׳ איצק הירש אין בּרדיטשוב

נעכטין בין איך גיוואָהר גיוואָרן, אַז דער זאליניר האָט דרהאַלטין

אַ בריב פון ארץ ישראל, אַז זייא האָבין איהם דאָרט אויפגינעהמין פר אַנשיא און ער זאָל פון איצט אָן צו נעהמין אַלע ארץ ישראל געלדין אונ׳ פון ר׳ מאיר בעל הנס פושקיס אַפילו פין די אויבר גבאים.

מילא דוא קענסט דיר משער זיין דעם עגמת נפש וואָס דער רבי זאָל לעבין וועט דרפון האָבין, ער זאָל דיא אַלע געלדין פון ארץ ישראל אונ׳ פין ר׳ מאיר בעל הנס וואָס זייא קומין צו איהם זאָל ער מוזין אָבשיקין צו דעם זאליגיר שקרן. איברדעם האָבין מיר אַלע אָבגיקלעהרט, מען זאָל פון היינט מאָהל אָן שוין נישט אויף ר׳ מאיר בעל הנס, נור אויף דעם בעשט׳ס בשמה מנדר זיין. ווער האָט דען דעם מנהג אויף ר׳ מאיר בעל הנס מנדר צו זיין מעהר אויפגיבראַכט ווי טאַקי נור אונזרי לייט? אונ׳ וויא לאַנג איז׳ דען דער מנהג גאָר אויפגיקומין? מען האָט בייא יודין קיין מאָל דעם מנהג נישט גיוויסט. מען גיפינט עס אַפילו אין קיין ספר נישט (א).

מיר גידענקין נאָך, וויא דער מנהג האָט זיך אָנגיהויבין דורך אונזרי לייט. מילא וואָס איז׳ דאָ דיא זאַך? אַזוי וויא מיר האָבין פריהר אויפגיבראַכט דעם מנהג מען זאָל אויף ר׳ מאיר בעל הנס נשמה מנדר זיין, וועלין מיר איצט אויפברעגגין דעם מנהג, מען זאָל אויף דעם בעשט׳ס נשמה מנדר זיין, אונ׳ דער עולם וועט זיך אַודאי דראן אָנחאַפין, וואָרין עס איז׳ דען טאַקי זעהר רעכט.

אַז מיר האָבין דעם שבחי הבעשט יוא שוין גידריקט, זעהט דען דער עולם דיא גרויסי נסים וואָס דער בעשט האָט בעוויזין אונ׳ פרשטעהן דעם חילוק צווישין ר׳ מאיר בעל הנס אונ׳ צווישין דעם בעשט. ר׳ מאיר בעל הנס קומט דען נישט צום בעשט׳ס פאָדעשווי. וואָס זענין ר׳ מאיר׳ס נסים אַקעגין דיא נסים פין דעם בעשט? אַפילו נור אַקעגין דיא וואָס מען זעהט נור אין דעם שבחי הבעשט? אונ׳ דאָס ווייסט איטליכר, אַז דיא נסים וואָס אין שבחי הבעשט שטעהן זענין אַקעגין דיא וואָס מיר ווייסין אויסענווענינ פין דעם בעשט וויא אַטראָפין וואַסיר אַקעגין דעם ים. דאָס שטעהט אַפילו בפירוש אויף דעם שער פין דעם שבחי הבעשט.

מילא זעה זשע צו טוהן וואָס מעגליך איז׳, זאָלסט דוא בייא אייך איינ־פיהרן. צו אייך קומין זעהר אַיאַם מענשין אויף דיא ירידים. אונ׳ אין דיא שטעד אַרום אייך זעה אויך דעם מנהג איינצופיהרען. איך האָב שוין אויך אָן אַלע דיא לייט גישריבין, וואָס קעהרן צום רבין זאָל לעבין, זייא זאָלין זעהן בייא זיך דעם מנהג איינצופיהרן, אונ׳ איך בין בטוח אָן דעם רבינס זכות, אַז גען און באַלד וועלין מיר דאָס אויספוהרן, אונ׳ דרנאָך וועלין מיר זעהן מכח ארץ ישראל געלדין אויך עפיס צו טוהן. דאָס וועט מען אויך קענין גרינג אויספיהרן. אין אונזרי ספרים שטעהט וויא אַזוי מען קען אום אונ׳ אום דעם אוויר פין ארץ ישראל האָבין (ב).

דרנאָך וועלין מיר זעהין, וואָס דער זאליגיר ליגניר וועט טוהן מיט זיין נשיאות בריב. למען השם זייא נישט פויל אין דעם עסק אונ׳ שרייב מיר וואָס דוא האָסט דאָרט מכח דעם גיטוהן.

## קכח. פון ר׳ גומפיל קריליווער
## צו ר׳ יעקל פולנאער

דיין בריבל האָב איך גראָד דענצמאָהל דרהאַלטין וויא מיין גביר האָט גיוואָלט אַמענטשין שיקין קיין גאַלאַץ אונ׳ איך האָב נישט גיקענט פון דר־היים אַוועק פאָהרין, ווייל מיין ווייב איז׳ זעהר קראַנק גיוועז. וויא איך האָב אָבער גילייאענט דיין בריבל, האָב איך מיר גיטראַכט: פון אַזאַ אַגרויסין אינ־טעריס וועגין מוס איך פאָהרין; אונ׳ האָב מיין גביר גיזאָגט, איך וועל פאָה־רין. איך האָב מיר גיטראַכט, אין דעם רבינס זכות וועט מיין ווייב אודאי גיהיילט ווערן, בפרט איך האָב מיין ווייב אָנגיזאָגט, זיא זאָל דעם רבין, זאָל הונדרט יאָהר לעבין, שיקין אויף אַפדיון פינף אונ׳ צוואנציג רובל אַסיגנאַציעס.

איצט בין איך דיר מודיע פון גאַלאַץ, אַז איך האָב מיט ר׳ בירך מלפּיס מכּח דעם שידוך גירעד. איך האָב אָן איהם אָנגיזעהן, אַז ער האָט פון דעם שידוך גאָר קיין הנאה נישט, נור בייא איהם איז׳ דאָס ווייב דיא בריה, מוז מען מיט איהר שמיסין. איך האָב שוין דאָס אויך גיטוהן, איך האָב נאָך מיט אַזויני מענטשין גירעד, וואָס לעבין מיט איהר גוט, אונ׳ איך האָב אַהאָפונג, אַז מען וועט באַלד דיא תּנאים צוריקשיקין.

דער אמת איז׳ אַזוי. דער ר׳ בירך אַליין איז׳ זעהר אַגוטער מענש, נור איבר דעם ווייב קען ער קיין גוטין שידוך טוהן. דער גאַנציר עולם רעד פון איהר זעהר שטאַרק. דורך דעם איז׳ דער שידוך זעהר חשוב גיוועז, וואָרין דער זאַליניר האָט היא אַשם איינגילעגט פר זעהר אַגרויסין צדיק. נור וויא איך האָב זייא דרצעהלט דיא שטיקליך פון דעם חתן, אונ׳ זייערי גוטי פריינד האָבין אויך דאָס גיזאָגט וואָס איך, האָב איך גיזעהן, אַז אונזרי ווער־טיר זענין זיי איינגיגאַנגין אונ׳ זייא האָבין דעם חשק צו דעם שידוך פרלאָהרין.

אונ׳ אַזוי באַלד דיא וועסט מיר שיקין אַגביות עדות אָדער עפּיס אַנ־דירש, וואָס זייא זאָלין דרויס זעהן דיא הילטייסקי שטיקליך פון דעם חתן דעם ליגנירס זוהן, וועלין זייא אַודאי תּיכף דיא תּנאים צוריקשיקין.

## קל. פון ר׳ איצק הירש אין ברדי־
## טשוב צו ר׳ יעקל פולנאער

דער אינטעריס וואָס דוא האָסט מיר גישריבין מכּח דיא נדבות אויף דעם בעשט׳ס נשמה גיפעלט מיר זעהר. אויך אַלע אונזרי לייט גיפעלט עס משונה, אונ׳ אַלע האָבין היא מסכּים גיוועז, מען זאָל דעם אינטעריס איינפיהרן.

נור מיר האָבין אַקוק גיגעבין, אַז עס וועט זעהר שווער זיין דאָס אויסצופיהרן, וואָרין דיא אַלע רביס וואָס זענין נישט פון דער זרע המלוכה פון דעם בעשט וועלין אַודאי נישט וועלין דרויף מסכים זיין. איבר דעם האָב איך מיר מישב גיוועזן, דעם אינטעריס מוז מען טוהן מיט חכמה אונ׳ פּאַוואָלי. מען טוהר זיך דאָ נישט איבראיילין.

האָב איך עס אַזוי אָנגישטעלט. איך האָב עטליכי פון אונזרי לייט גיהייסין, זייא זאָלין איטליכר בייא דיא אורחים וואָס קומין אַהער אויף דיא ירידים עפּיס צו נעהמין. דיא אורחים האָבין, וויא דיא מאָדי איז׳ מנדר גיוועזן אויף ר׳ מאיר בעל הנס. וויא זייא האָבין אָבער זייערי זאַכין פאָרט נישט אָבגיזוכט, זענין זייא אַרום גיגאַנגין אין אַנגסטין. האָב איך זייא איין עצה גיגעבין, אָדער איך האָב גיזאָגט איינים פון זייערי גוטי פריינד, ער זאָל זייא איין עצה געבין, זייא זאָלין מנדר זיין אויף דעם בעשט׳ס נשמה. האָבין זיך דיא אורחים מישב גיוועזן: וואָס שאַד עס צו פּריפין? אונ׳ האָבין מנדר גיוועזן אויף דעם בעשט׳ס נשמה. אונ׳ אַזוי באַלד זייא האָבין נור מנדר גיוועזן, זענין גיגאַנגין אונזרי לייט וואָס האָבין פריהר בייא דיא אורחים זאַכין צוגינעהמין אונ׳ אונ׳ האָבין ווידער שטילרהייט דיא זאַכין אין דיא הייזער, וויא דיא אורחים זענין איינגישטאַנין, אויף אַזוינע ערטיר צוריקגילעגט, וויא מען קוקט נישט אַזוי, למשל אין מיסט, אויף דעם בוידעם, אין קעליר אונד דעס גלייכין.

דאָס האָבין מיר היא עטליכי מאָהל גיטוהן. דורך דעם האָבין דיא נדרים אויף דעם בעשט אַגרויסין שם איינגילעגט, אונ׳ זעהר אַיאַם מענטשין האָבין שוין אָנגיהויבין מנדר צו זיין אויף דעם בעשט. אונ׳ מיר האָבין אין אונזר קלויז אַפּושקי אויף דעם בעשט אַנידרגישטעלט, נור לע״ע האָבין מיר דיא אַלטי פּושקי אויף ר׳ מאיר בעל הנס אויך נאָך גילאָזט שטעהן. נור שוין פין צווייא וואָכין אָן גיפאַלט אין איהר נישט אַפּרוטה. אין דער פּושקי אויף דעם בעשט אָבער גיפאַלט זעהר אַיאַם געלד.

היינטשי האָבין דיא אורחים וואָס האָבין זייערי גנבות דורך דיא נדרים אויף דעם בעשט אָבגיזוכט דיא גאַנצי מעשה אַהיים גישריבין: אַז מען האָט זייא היא גיהאַט בעגנבת אונ׳ זייא האָבין מנדר גיוועזן אויף ר׳ מאיר בעל הנס, האָט עס גאָר נישט גיהאָלפין; אונ׳ וויא זייא האָבין אויף דעם בעשט מנדר גיוועזן, האָבין זייא אַלע די גניבות אָבגיזוכט. ווערסט דוא זעהן, אַז אין אַקורצר צייט וועט מען אין אַלע שטעד אַנידר שטעלין פּושקיס אויף דעם בעשט אונ׳ דיא פין ר׳ מאיר בעלהנס וועלין אויפהערן, אונ׳ דער זאַליגיר וועט זיך אי״ה פּיטיר אַריין טוהן אין זיין כתב נשיאות אַריין. וואָרין איך העט גערן דעם גיזעהן וואָס זאָל זאָגין, אַז דיא רביס פון דעם בעשט׳ס זרע המלוכה זאָלין דעם זאַליגיר ליגניר דאָס געלד געבין וואָס דער עולם איז׳ מנדר פון זייער זיידיס וועגין.

אונ׳ אַפילו אָהן דעם וועלין מיר דעם ליגניר אויך קענין מאַכין

אַשוואַרצין סוף, אַז מיר וועלין נור וועלין. וואָרין לעולם האָט דעך דאָס מלכות פרבאָטין געלד אויס אונזר מדינה אַרויס צו פוהרין אין איין אַנדרר אַריין, אונ׳ דאָס געלד אויף ר׳ מאיר בעל הנס פוהרט מען אויס אונזר מדינה אַרויס, דאָס געלד אָבער אויף דעם בעשט וועט בלייבין אין דער מדינה, מען זאָל ברענין בוימעהל אויף דעם בעשט׳ס קבר. אונ׳ עס [וועט] אַודאי רעכט זיין.

איך בעט מיר מודיע צו זיין, אויב בייא אייך האָט זיך שוין דער מנהג אויסגיברייט.

## קל״א. פון ר׳ יעקל פולנאער צו ר׳ גומפיל קריליוועך אין גאַלאַץ

דיין בריבל מיט דיא פינף אונ׳ צוואנציג רובל פין דיין ווייב אויף אַפּדיון האָב איך מקבל גיוועזן, אונ׳ מחמת דיין ווייבס נאָמען חיי׳ בת רבקה איז׳ איינגישריבין אין דעם רבינס סידור, האָט דער רבי זאָל לעבין טאַקי תיכף דעם פדיון גימאַכט, און דוא האָסט שוין אַודאי פון דרהיים גימוסט אַ בריבל בעקומין, אַז דיין ווייב איז גיזונד גיוואָרן, וואָרין דער פדיון איז׳ זעהר גוט גיראָטהן.

מכח דעם שידוך האָף איך, אַז עס וועט אַזוי זיין וויא דוא האָסט מיר גישריבן. נור פון דעסטוועגין שיק איך פר אַפּירזאָרג אַבריבילי פון דעם זאַליגירס תכשיט וואָס ער האָט גישריבין צו אַנפקה אין קריפען. איינר פין אונזרי לייט האָט דאָס בריבילי פאַן דער נפקה בעקומין אונ׳ האָט עס מיר גישיקט. און מחמת איך ווייס, אַז אין גאַלאַץ קען מען דיא בחורתה, וואָרין איהר ערשטער מאַן, וואָס זיא האָט איהם אין דער ערד אַריין גיטריבין דורך איהרע מעשים, איז׳ גיוועזן אַגאַלאַצער, בין איך גאָר נישט מסופק, אַז זייא וועלין דאָרט דאָס בריבל זעהן, וואָס ער האָט גישריבין שוין נאָך דעם שידוך טוהן, וואָס ער איז׳ מחויב גיוועזן אָנצוהעבין צו סטאַטקעווין, וועלין זייא אַודאי דיא תנאים צוריקשיקין. אַז דאָס בריבל איז זיין כתב וועלין זייא דרקענין, וואָרין זייא האָבין אַודאי זיין כתב בייא זיך.

גם בין איך דיר מודיע, אַז דער פיינר אונד כשרר מנהג איז בייא אונז שוין אין פיל שטעד אויפגעקומין, מען זאָל מנדר זיין אויף דעם בעשטס נשמה, אין שטאָט וואָס מען פפלעגט ביז אַהער מנדר צו זיין אויף דער נשמה פון ר׳ מאיר בעל הנס. אונ׳ דער עולים זעהט, אַז דיא נדרים אויף דעם בעשט פועלן מעהר וויא דיא אויף ר׳ מאיר בעלהנס. מילא זעה דאָרט דעם מנהג מפרסם צו זיין אונ׳ ער זאָל אויך דאָרט איינגיפיהרט ווערן, וואָרין דאָס איז׳ אַגרויסי טובה פר דיא צדיקים וואָס זענין פין דעם בעשט׳ס זרע המלוכה.

## קלב. פין ר׳ זלמן ברעזניר
## צו ר׳ נתן באקיליניק

איך בין אייך מודיע, וויא איך בין נור גיקומין קיין גאלאץ, בין איך גיגאנגין צום רבינס מחותן. איך האָב גיזעהן, אַז זייא האָבין פון דעם שידוך קיין הנאה נישט. איך האָב אָנגיהויבין נאָך צו פאָרשין פין וואנין דאָס האָט זיך גינעהמין, האָב איך גיוואָהר גיוואָרין, אַז דעם דישפאלירס לייט האָבין דאָס אָנגיאַרבייט. איינר פין זייא זיצט אַפילו היא, דער האָט דיא מחותנים גיוויזין אַ בריבל פון דעם רבינס זוהן וואָס ער האָט גישריבין צו עפיס אַ יודיני אין קריפען. זייא האָבין מיר גיזאָגט, זייא וויסין זיכר, אַז דאָס בריבל איז זיין כתב. זייא קענין זיין כתב, אונ׳ דאָס איז׳ בייא זייא זעהר אַגרויסיר חסרון, וואָרין דער מחותן האָט איבר דעם אַלץ נישט גיקענט קיין שידוך טוהן, וייל מען רעד אויף זיין וויב. מילא ווילין זייא דעם שידוך אָבלאָזין.

איך האָב דרפון גרויס עגמת נפש גיהאַט, וואָרין דרמאן דיך נור, טאָ דאָס וואָס דעם רבינס זוהן איז׳ אַנואף איז׳ דעך נור דורך דעם דישפאליר ליגניר (א), אונ׳ צום סוף מאַכין נאָך זייני לייט אַליין דעם שידוך קאַלי. נור וואָס זאָל מען טוהן? איך האָב מיך גילעגט אין דער לענג אונ׳ אין דער ברייט דעם שידוך צו דרהאַלטין אונ׳ האָב נישט גיפועלט. אונ׳ ועדלוג איך האָב גיהאַט אַידועה, ווילין זייא דיא תנאים צוריק שיקין. איך האָב זייא גיזאָגט, זייא זאָלין זיך גוט מישב זיין וואָס זייא ווילין טוהן, דעם רבין דעם הייליגין צדיק תנאים צוריק צו שיקין איז׳ קיין קלייניגקייט נישט. זייא ווילין אָבער דרויף גאָר נישט קוקין.

איבר דעם דאַכט זיך מיר, דער רבי דער הייליגר צדיק זאָל נישט וואַרטין, ביז מען וועט איהם אָבשיקין דיא תנאים, לאָז ער בעסיר פריהר אָבשיקין זייני תנאים, כדי ער זאָל קיין בושות איינגעהמין. אונ׳ מיר וועלין אַקול אַרויס לאָזין, אַז דער רבי דער הייליגר צדיק וויל דעם שידוך נישט. פין דעסטוועגין וועל איך זעהן בייא דיא היגי׳ צו פועלן, זייא זאָלין דעם רבין דעם הייליגין צדיק שטילרהייד דרפר אַשען ביסל געלד געבין. איך האָב מיט זייא דרפין שוין אַשמיס גיטוהן אונ׳ האָב זייא גיבעטין, זייא זאָלין וואַרטין אונ׳ זאָלין נאָך נישט צוריקשיקין דוא תנאים, ביז איך וועל האָבין פון דיר אַידועה. מילא זעה זשע מיר צו שיקין דיא תנאים וויא אַם גיעכסטין אונ׳ שרייב מיר אויך, וויאפיל דער רבי דער הייליגר צדיק וויל פר זיין בושה.

גם בין איך דיר מודיע, אַז איינר פון דעם דישפאליר ליגנירס לייט וואָס זיצט היא האָט אָנגיהויבין היא איין שם צו מאַכין, אַז אין אונזר מדינה האָט מען אָנגיהויבן אין שטאָט דיא נדרים אויף ר׳ מאיר בעל הנס מנדר צו זיין אויף דער נשמה פון דעם בעשט. אונ׳ מחמת איך וויס, פר מיין אַוועק פאָהרין פין דרהיים האָט מען דרפון גאָר נישט גיהערט — מילא וואָס

האָט מען דאָ מסופק צו זיין, אַז דער רבי דער ליגנער מיט זייני לייט מיי־
נין אַודאי עפּיס דרמיט, בעט איך דיך, זאָלסט מיר שרייבן מכח דעם עסק
אַידועה ברורה, וואָס דאָ טוהט זיך אונ׳ וואָס דער רבי דער הייליגר צדיק
זאָגט דרצו.

## קל״ג. פון ר׳ נתן באקיליניק
## צו ר׳ זלמן ברעזניר

וויא איך האָב דיין בריבל גילייאנט, האָבין אונטר מיר אָנגיהויבן הענד
אונ׳ פוס צו ציטערן. וויא האָט מען דאָס גיהערט, אַז אַגראָביר יונג זאָל
דיא העזה האָבין צו זאָגין, ער וועט דעם רבין זאָל לעבין דיא תנאים צוריק
שיקין? נור וואָס זאָל מען טוהן מיט דיא רשעים אונ׳ מיט זייער רבי דעם
ליגנר? איך וויס, זייא וועלין אַודאי אַגרויסי אונ׳ אַשטאַרקי מפּלה האָבין.
דיא וועלט וייסט שוין זייערי שטיקלך, אונ׳ הגם זייא זענין נאָך נישט אויף
דער וואָהר, וואָרין עס זענין נאָך נישט דאָ דיא עדות אונ׳ דיא גרונטאָוונגי
זאַכין וואָס מען דאַרף נאָך דרצו, איך האָף אָבער, באַלד וועט מען גיוואָהר
ווערן אַלע עשיות זייערי גאַנץ קלאָר. וואָרין אַיאָם פין אונזרי לייט שפּיגיוועזן
זייא דאָרט גאַנץ גוט נאָך, אונ׳ איינר האָט מיר גישריבין, אַז ער האָט שוין
גאַנץ גיזונדי דאָוואָדיס אויף איין מעשה, אונ׳ ער וועט נישט רוהן ביז ער
וועט עס אַרויס ברענגין בולט וויא בוימעהל אויף וואַסיר.

איך בעט דיך, וויא זענין זייא נישט רשעים, אַז זייא טראַכטין נור טאָג
און נאַכט דעם רבין זאָל לעבין שלעכטס ח״ו צו טוהן. אונ׳ וואָס טוהט זייא
דער רבי זאָל לעבין? טא זייער ליגניר האָט הונדרטמאָהל מעהר מענטשין
אונטר זיך וויא דער רבי זאָל לעבין. מילא וואָס שאד דאָס דיא רשעים, אַז
דער רבי זאָל לעבין האָט גיטוהן אַשידוך מיט דעם גאַלאַצר גביר, אָדער וואָס
ער האָט דרהאַלטין אַנשיאותבריב פון ארץ ישראל? נור פּאָפּראָסטי ווייל
זייא זענין רשעים, קענין זייא נישט ליידן, איין אמתיר צדיק זאָל האָבין
אַהרחבה. וויא קען דיא קליפּה ליידן, אַז די קדושה זאָל זיך דרהעבין אונ׳
זיך שטאַרקן? אונ׳ וואָס דאַרף מען בעסרי ראיות, אַז זייא מיט זייער רבי
זענין רעכטי רשעים. דאָס אַליין איז׳ שוין גינוג.

נור וואָס העלפט עס, וואָס עס איז׳ גישעהן איז׳ שוין פרפאַלין. איך שיק
דיר דאָ דיא תנאים, זאָלסט זייא דעם מחותן דעם גראָבין יונג אָבגעבין, נור
באופן ער זאָל דיר געבין פר דעם רבין זאָל לעבין לכל הפּחות צוויאהונדרט
רענדליך אונ׳ פר דער רעביצין דער צדקת זאָל לעבין וועניגסטענס האָטשי
פיפציג רענדליך פר זייער בושה. אונ׳ אַזוי באַלד דוא וועסט דאָס געלד האָ־
בין בייא דיר, זאָלסט דוא מיר תיכף שרייבין, כדי מיר זאָלין קענין טאַקי

תיכף דעם שם מאַכין, אַז דער רבי זאָל לעבין האָט דעם שידוך נישט גיוואָלט מחמת טעמים וואָס ער וויל זייא נישט זאָגין.

מכח דיא נדרים אויף דעם בעשט, דאָס איז׳ גיוועז אַדראַבסקי שטיקל פין דעם דישפּאַליר ליגנירס לייט. זייא האָבין דאָס פון דעסטוועגין גיטוהן, כדי זייא זאָלין נישט דאַרפין דיא געלדין וואָס גיפאַלין אויף ר׳ מאיר בעל הנס דעם רבין זאָל לעבין צו ברענגין. זייא האָבין זיך אָבער אין זייערי חכמות בענאַרישט, וואָרין אַלי צדיקים האָבין נישט גיוואָלט מסכים זיין דרויף אונ׳ האָבין זיך איינר דעם אַנדרן בריב גישריבין, מען זאָל דאָס נישט דרלאָזין. אונ׳ עס איז׳ אַזוי וויט גיקומין, אַז אַלי צדיקים האָבין גוזר גיוועז מיט דער חית, אַז מען זאָל אין קיין קלייזיל אָדער אין איין אַנדרר אָרט אויפשטעלין אַפּושקי אויף דעם בעשט.

זייא האָבין אַפילו דרויף זעהר אַגוטין טעם גיזאָגט: נדרים אונ׳ נדבות גיט מען פּר נשמות פין מענשין וואָס זענין גישטאָרבין. אונזר בעשט לעבט נאָך, אַלע טאָג לעבט ער פּאַק נאָך מעהר. בפרט דער בעשט האָט גיזאָגט בפירוש, אַז משיח וועט אין זעכציג יאָהר נישט קומין, וועט ער מוזין ווידער אַראָב קומין אויף דער וועלט (א). מילא, ווער עס איז׳ מנדר אויף דער נשמה פון דעם בעשט, דער איז׳ אַרעכטר כופר אין דעם בעשט, אונ׳ איבר דעם טעם האָט דער דישפּאַליר אויך גימוזט שטימין, אונ׳ אַזוי איז׳ זיין גאַנצי המצאה צו נישט גיוואָרין. מילא זעה זשע דעם אינטעריס תיכף אין גאַלאָץ מפרסם צו זיין, כדי דער מנהג זאָל זיך דאָרט נישט פּרברייטין, וואָרין דוא קענסט דעך דעם פּראָסטי עולם: אַז זייא חאַפּין זיך נור אָן אַמנהוג, איז׳ דרנאָך שוועהר זייא פין דעם מנהג אָבצוגיוועהנין.

## קל״ד. פון ר׳ זלמן ברעזניר צו ר׳ נתן באקיליניק

וויא איך האָב נור אייער בריבל דרהאַלטין, בין איך תיכף אַריברגי־גאַנגין צום גביר ר׳ בירך אונ׳ האָב מיך מיט איהם מפשר גיוועז פּר צווייא הונדרט פיפציג רענדליך, אַזוי וויא איהר האָט מיר גישריבין, אונ׳ איך שיק אייך דאָ דיא תנאים צרריסענירהייד צוריק אונ׳ דיא וואָס איהר האָט מיר גישיקט האָב איך צוריק גיגעבין. דאָס קול, אַז דער רבי דער הייליגר צדיק האָט דעם שידוך אָבגילאָזט, האָב איך היא נישט גיקענט מאַכין, וואָרין היא פאַרכט איך מיך פּר דעם גביר, וואָרין ער מיט זיין ווייב זענין היא גרויסי תקיפים. נור אַז עטץ וועט דאָרט אין אונזר מדינה דעם שם מאַכין, וועט מען עס ממילא אויך היא וויסין. איך מוז אייך זאָגין, איך האָב גרויס תענוג פין דעם וואָס דער שידוך איז אָבגיגאַנגין. וואָרין צום אמת איז׳ דאָס ווייב פין דעם גביר טאַקי אַגרויסי קורווע. ר׳ בירך אַליין איז זעהר אַגוטיר מענטש, נור וואָס

העלפט מיר דאָס, אַז זיא איז׳ אַקורווע. ווער ווייסט ווער דער כלה׳ס פּאַטיר איז? איפשר אַ טערק אָדער אַוואָליך. מילא איז׳ אַודאי רעכט, וואָס מיר האָבּין דעם עסק אַזוי גיעקט.

מכח דיא נדרים אויף דעם בעשט, האָבין שוין היא אויך אָנגיהויבין אַ יאָם מענטשין דאָס צו טוהן, נור וויא איך האָב מפרסים גיווען, אַז אין אונזר מדינה האָבין אַלי צדיקים מיט דער חית גוזר גיווען, מען זאָל עס נישט טוהן, אונ׳ בפרט וויא דער עולם האָט נאָך גיהערט דעם טעם פר וואָס די צדיקים האָבין עס גיטוהן, האָבין זייא אויפגיהערט אויף דעם בעשט מנדר צו זיין אונ׳ האָבין ווידער אָנגיהויבין אַזוי וויא פריהר אויף ר׳ מאיר בעל הנס מנדר צו זיין.

איך בין אייך נאָך מודיע, אַז מען האָט היע אָנגיהויבין דעם ר׳ בירך׳ס מעדיל אַשידוך צו רעדין מיט דעם ד׳שפּאַלירס זוהן, נור וויא איך האָב דרפון נור גיוואָהר גיוואָרין, האָב איך נישט גירוהט, ביז איך האָב דעם אינטעריס צושלאָגין, אונ׳ עס וועט דרויס נישט ווערין.

## קלה. פון ר׳ חיים גבריאל איז קאָווען צו ר׳ יעקל פולנאער

איך שיק דיר אַשליח מיוחד, דוא זאָלסט זעהן למען השם דעם סטרעכאַן וואָס דוא ווייסט שוין אויפצורוימען, וואָרין אָט דעם אויגענבליק האָב איך גיוואָהר גיוואָרין, אַז אונזר פּודראַטשיק האָט זיך אומגעקוקט, עס פעהלט איהם דער סטרעכאַן, אונ׳ מאַכט אַגרויסין לאַרם. וואָס דאָרט טוהט זיך, קען איך נישט וויסין, וואָרין פין דענצמאָהל אָן וואָס עס האָט זיך דאָרט גיטראָפין צווישין דעם דיין אונ׳ דעם פּודראַטשיקס בן יחיד טוהר איך אַהין נישט אַריין קומין. איך האָב זעהר מורא, דער פודראַטשיק זאָל נישט אויף דעם שכל קומין, אויב דער זוהן האָט נישט דעם סטרעכאַן צו גענעהמין; אונ׳ דער זוהן האָט איהם אַברירה תיכף מודה צו זיין, וואָרין איך האָב מיט דעם קליינים נישט גירעד, אונ׳ דער נייער רב פאָרעט זיך שטאַרק מיט איהם, איז׳ ער שוין אַודאי זיין. האָב איך זעהר מורא, אַז דער בן יחיד וועט אויסזאָגין דעם אינטעריס, וועט גאָר נישט גוט זיין ח״ו.

מילא למען השם זעה גוט צו בעהאַלטין דיא כלי, אונ׳ איך וועל דרווייל אויף עטליכי טאָג זייא אויס דיא אויגין אַרויספאָהרין, דרנאָך וועל איך זעהן, וואָס עס טוהט זיך.

## קלו. פון ר׳ חיים גבריאל
## צו ר׳ יעקל פולנאער

איך בין שוין צוריק געקומען אהיים. אין דעם רבינס זכות האָט מען פין דער מעשה מיט דער כּלי נישט אַפּיצל גיוואָהר גיוואָרין. דעם פּודראַ־טשיק איז׳ גאָר נישט איינגיפאַלין, אַז דער זוהן זאָל דיא כּלי גינעהמין האָבין. ער האָט חושד גיווען דעם משרת זיינים, אַז ער האָט דיא כּלי גיגנבת, אונ׳ האָט איהם גילאָזט איינזעטצין. דרוויל האָב איך אונ׳ אַלע אונזרע לייט גיאַרבּיט, דער משרת זאָל אויס דער תּפיסה אַנטלויפין. דורך דעם וואָס דער משרת איז׳ אַנטלאָפין גיוואָרין, איז׳ בייאם עולם קיין אַנדרי הוה אמינא נישט, נור אַז דער משרת האָט אַוודאי דעם סטרעכאַן גיגנבת. מילא האָבין מיר פר דעם אינטערעס גאָר קיין מורא נישט צו האָבין.

נור דאָס מוז איך דיר זאָגין: דאָס רשעות פין דעם היגין רב איז׳ נישט צו דערליידין. עס ווערד אַלע טאָג גרעסיר, אונ׳ אונזרי לייט ווערין היא אַלע טאָג מעהר מבוזה. ער רעד גאָר שרעקליך אויף אונזרי לייט אונ׳ פארכט זיך זיך אַפילו נישט אונז אין זייני דרשות אַריין צו שטעלין, אונ׳ אליי דעם פּודראַטשיקס זוהנדל ווערד אַלע טאָג מעהר מקורב מיט איהם.

וויא איך הער, לערנט ער גאָר מיט איהם אַלע טאָג אַשיעור גמרא מיט מפרשים. אויב דער וועט נאָך אַמאָהל אונזר זיין, בין איך משונה מסופּק. בפרט איך האָב גיהערט, ער האָט שוין אַפילו דעם דיין איבּערגיבּעטין, וואָס ער איז׳ אַקעגין איהם גיווען איין עזות פנים, אונ׳ האָט פר איהם ממש גי־ווײַנט מיט ביטערי טרעהרין, ער זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער האָט זיך אָן איהם פרזינדיגט. אונ׳ דאָס אַלצדינג האָט דער נייער רב אָנגיאַרבּיט.

איך זאָג דיר, דער רב איז׳ אַוודאי אַכּישוף מאַכיר. מיט וועמין ער שמיסט נור, דער ווערד צו איהם אָנגיקלעבּט, אונ׳ חאָטשי איך האָב דרפין אי אַ שטיקל תּענוג, וואָרין ער וועט אַוודאי דעם זאַליניר בעגראָבין.

ער איז׳ אין זאלין אַליין אויך שוין רב גיוואָרין אונ׳ איז׳ שוין דאָרט מיט זיין ליעבּין דיין עטליכי וואָכין אַוועק גיזעסין אונ׳ זענין דאָרט מיט דעם ימ״ש מרדכי בעקענט גיוואָרין אונ׳ האָבין זיך צום הויף גימאַכט אַגאַנץ קניפּעל אַקעגין דעם ליגניר אונ׳ וועלין איהם אַוודאי בעגראָבין מיט אַשטייגר. וואָרין לעולם דאַרף ער דעך טאַקע אַשוואַרצי מפּלה צו האָבין, נור פרדעם אַליין וואָס ער האָט דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין אַזויני מעשים אָנגיטוהן. נור פין דעסטוועגין האָב איך פּאָרט מורא, דיא רשעים זאָלין נישט רוהן, ביז׳ זייא וועלין דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין אויך נישט ח״ו עפּיס שלעכטס טוהן. וואָרין לעולם האָבין זייא דעך דעם זאַליניר נישט איבּער דעם פיינד וואָס ער איז׳ אַליגניר, נור איבּער דעם וואָס ער איז׳ אַ חסיד, אונ׳ זייא האָבין אַלע פיינד גאָר אָהן אַשום חילוק.

מילא דאַכט זיך מיר, זאָלסט דאָס אַלץ דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין דרצעהלין, וואָרין איך זאָג דיר, עס איז׳ קיין קאַטאָוויס נישט, אונ׳ דער רבי זאָל מאריך ימים זיין וועט אַודאי עפּיס טוהן דרצו.

## קל״ז. פון ר׳ מאיר יעקב אויף דער גרעניץ צו ר׳ נתן באקיליניק

איך האָב היע געהערט, אַז אונזר ר׳ זעליג לעטיטשיבער איז׳ פון דער וועלט גיגאַנגען אונ׳ איהר האָט בייאם רבין דעם צדיק זיין שטעל איבערגי־נעהמין. מילא, מן הסתם זענט איהר קלאָהר אין אַלע עסקים, וואָרין ר׳ זע־ליג האָט מיט אייך תמיד גוט גילעבט.

בין איך אייך מודיע, אַז דאָס קרייז פין צידון הרבה האָט אַפּסק גי־מאַכט, מען זאָל [מיך] אַריבר שיקען מיט אַ שוב פּאַס איבר דער גרעניץ. אונ׳ וויא מען האָט מיך גיבראַכט אין קרייז אַריין, מען זאָל מיר געבין דעם שוב פּאַס, האָב איך דאָרט דיא גויה מיט איהר פּאָטיר אויך גיטראָפין. זייא האָט מען אויך גיגעבען אַ שובפּאַס. דאָס קרייז האָט מיר גיוואָלט געבען אַפוהר, איך האָב אָבער גיזאָגט, איך וויל קיין פוהר נישט, איך וויל בעסיר צו פוס געהן. וואָרין איך האָב מיר גיטראַכט, דיא גויה מיט דעם פּאָטיר וועט מען דעך אַודאי טרייבען צו פוס, וואָרין וויא האָבין זייא פר אַפוהר צו צאָה־לין, מילא אַז איך וועל געהן צו פוס מיט זייא אין איינעם, וועל איך זייא אויף דעם וועג אויסשטעלין, וואָס זייא זאָלין אין דרהיים זאָגין אויף דעם פרהער.

וואָס זאָל איך אייך זאָגין, איך בין דאָ גיוועזן אין איין שמחה, וואָס עס האָט זיך אַזוי גיטראָפין. איך האָב גיזעהן בחוש, אַז דאָ איז׳ אונז דעם רבינס זכות בייא גישטאַנין. וויא מען האָט מיר אָבער אין קרייז דעם שומר גיגעבען, וואָס זאָל מיט דעם שובפּאַס מיך פיהרען אונ׳ געה אַזוי אויס דעם קרייז אַרויס, גיב איך אַקוק שטעהן פר דעם קרייז צווייא פוהרין אונ׳ עט־ליכי מענשין. איך האָב גיפרעגט, וואָס זענין דאָס פר פיהרען, האָט מען מיר גיענטפערט, דיא פוהרען זענין פר דער גויה מיט דעם פּאָטיר אונ׳ איהרע צווייא קינדר, כּיט דיא לייט וואָס מען האָט גישיקט פון אונזר גובערני מען זאָל זייא בעלייטין. וואָרין מען האָט פין אונזר גובערני גישריבין, מען זאָל זייא שיקין מיט פוהרין, נישט צו פוס, אונ׳ זייא וועלין פר דיא פוהרן צאָהלין.

וויא איך האָב דאָס דרהערט, האָב איך גימיינט, איך לאָז דיא נשמה. דרווייל האָב איך זייא גיוואָלט פרעגין, אויף וועלכיר גרעניץ מען וועט זייא פוהרין, איז׳ אָבער איינר פין דעם קרייז אַרויס גיקומין אונ׳ האָט זיך אָנגי־

הויבין אויף מיין שומר צו בעזערן (זיך), וואָס ער שטעהט מיט מיר, אונ' האָט איהם גיהייסין מיט מיר תּיכף אַוועק געהן.

האָב איך אָנגיהויבין צו בעטין, מען זאָל מיר אויך אַפוהר געבין, איך וועל צאָהלין פר דער פוהר, אונ' ר' ישראל בער האָט אָנגיהויבין צו בעטין אונ' צו שרייען, מען זאָל מיר אַפוהר געבען. ער האָט זיך טאַקי ממש דאָס לעבין איינגישטעלט, ער איז' אין קרייז אַריין צום עלטסטען אַריין גילאָפין אונ' גישריגין, עס האָט אָבער נישט גיהאָלפין. ער האָט גיהייסין מיט רציחה, תּיכף זאָל מען מיך אַוועקפוהרין צו פוס: מען האָט דיך גיפרעגט, האָט ער גישריגין, אויב דוא ווילסט אַפוהר, האָסט דוא גיזאָגט, ניין, נוא געה זשע צו פוס.

האָב איך ערשט גיזעהן, וואָס פר אַגוטקייט עס העט גיוועזן, ווען איך העט גיוועזן גיזאָגט, איך וויל אַפוהר. וואָרין אַ בעזונדרי פוהר העטין זייא דעך מיר נישט גיוועזן גיגעבין אונ' העטין מיך גיוועזן אויפגיזעצט אויף אַ וואָגין מיט דער גויה אונ' מיט דעם פּאָטיר, העט איך דעם גאַנצין וועג צייט גיהאַט מיט זייא אַ צושמיסין וואָס זייא זאָלין אין דרהיים זאָגין. וואָס העלפט דאָס אָבער, איך טאַקי אַליין האָב דעם אינטעריס קאַלי גימאַכט, וואָס איך האָב גיזאָגט, איך וויל נישט פּאָהרין; אונ' אַזוי האָט מען מיך גינעהמין אונ' האָט מיך דעם שומר איבערגיגעבין. אונ' דער איז' מיט מיר אַוועק גיגאַנגין, אונ' איך ווייס אַפילו נישט אויף וועלכיר גרעניץ מען פוהרט דיא גויה. איבערדעם שיק איך אייך דעם מוכ"ז אַשליח מיוחד פין דער גרעניץ, איהר זאָלט דאָרט גוט אָבּ־פּילווין דעם אינטעריס, וואָרין איך האָב מורא, עס זאָל נישט ח"ו זעהר שלעכט זיין. איך האָב אַפילו מורא אַהיים צו קומין אונ' איבערזיץ דרווייל דאָ אויף דער גרעניץ אין קאָברין.

## קלח. פון ר' נתן באקיליניק צו ר' געציל מאיר אין קאווען

אַלע אונזרי לייט זענין מיר זיך צום הויף גיגאַנגין איין עצה צו האַל־טין, איז' גיבליבין בהסכם כּלם, מעזאָל מיר שמיסין מיט דעם רבין זאָל לע־בין אונ' זאָלין איהם בעטין, ער זאָל שלום מאַכין מיט דעם דישפּאַליר ליגניר.

תּחלת האָבין מיר מורא גיהאַט מיט דעם רבין זאָל לעבין דרפון צו שמיסין. מיר האָבין אָבער גיזעהן, אַז עס איז' גאָר קיין קאָטאָוויס נישט אונ' עס איז' טאַקי ממש סכּנות נפשות, האָבין מיר זיך מישב גיוועזן, מיר מוזין זיך איינשטעלין אונ' מיט איהם אַשמיס טוהן. וויא מיר האָבין גיזעהן, אַז דער רבי זאָל לעבין בעזירט זיך דרפר נישט, האָבין מיר דעם אַנדערן טאָג מיט איהם ווידער דרפון אַשמיס גיטוהן, בפרט מיר האָבין אַידועה גיהאַט, אַז דער דישפּאָליר וויל אויך שלום, וואָרין ער האָט פין דיא אַפּיקורסים, וואָס זענין דאָרט, גרויס עגמת נפש. האָבין מיר דעם רבין זאָל לעבין גיזאָגט: דער

דישפאליר בעט זיך זעהר אויף שלום, ער וויל זיך צו איהם מקרב זיין. האָט דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט: איך בין מסכים.

מיר האָבין דרפון גרויס תענוג גיהאַט, וואָרין מיר זעֵנין נישט מסופק, אַז זייא וועלין זיך האַלטין אין איינעם, וועלין אַודאי אַלע צרות אויפהערין (א).

בין איך דיר דאָס געך מודיע, דוא זאָלסט זעהן דאָרט ביי אייך מיט דעם דישפאלירס לייט צו שמיסין דרפון, זייא זאָלין דאָס זייעריגי טוהן אונ׳ נישט פויל צו זיין. דער אינטעריס איז זעהר משונה גינעטהיג, אונ׳ מיר וויא אַם געכסטין מודיע צו זיין, וואָס דוא האָסט גיטוהן.

## קל״ט. פון ר׳ יעקל פולנאער צו ר׳ חיים גבריאל

דייני צווייא בריבליך האָב איך מקבל גיוועֶן. דוא קענסט דיר משער זיין, וויא דיא הויט האָט אויף מיר גיציטירט, בשעת אַז איך האָב דיין בריבל גילייאנט; אונ׳ איך בין גאָר נישט מסופק, אַז דעם זאליבירס לייט האָבין דעם פודראַטשיק מודיע גיוועֶן פון דעם סטרעכאַן. וואָרין פר עטליכי שבתים איז היא גיוועֶן איינר פון דעם זאליבירס לייט, וויא ער האָט גיזעהן דעם סטרעכאַן, האָט מען איהם אָנגיזעהן, וויא ער איז׳ פר גרויס קנאה אָקירשט נישט אויס דער הויט אַרויסגישפרינגין. ער האָט טאַקי גיזאָגט: בייאם זאליביר געפונט זיך אַזוי אַפלי נישט. מיר האָבין זיך זעהר געחודישת פון וואַנין קומט דאָס, וואָס דער איז׳ צום רבין זאָל לעבין גיקומין אויף שבת. נור וויא איך [האָב] דיין בריבל דרהאַלטין, האָבין מיר אָבגיקלעהרט, אַז דעם זאליבירס מענטש איז׳ נור מכח דעם סטרעכאַן צום רבין זאָל לעבין גיקומין, כדי ער זאָל דרנאָך וויסין וואָס צו רעדין (א).

און טאַקי דער מענטש האָט דאָס גימוזט דעם פודראַטשיק דרצעהלין אונ׳ מיר האָבין זעהר מורא, דיא קריגיר זאָלין נישט ווייטר עפיס אַשלימזל אָנאַרבייטין מכח דער כלי. אונ׳ חאָטשי דוא האָסט גישריבין, אַז דער פודראַטשיק איז׳ דעם זוהן גאָר נישט חושד, ער האַלט אין דער דעה, דער משרת וואָס איז׳ ענטלאָפין גיוואָרין האָט דאָס גיטוהן, האָבין מיר פאָרט זעהר מורא, וואָרין ווער ווייסט וואָס זייא ברייען שטילירהייד.

איבירדעם האָבין מיר אַלע אָבגיקלעהרט, אַז דאָ איז׳ קיין אַנדרי ברירה נישט, נור דער רבי זאָל לעבין זאָל שלום מאַכין מיט דעם זאליביר. מיר האָבין שוין מיט דעם רבין זאָל לעבין דרפון גישמיסט. איהם האָבין מיר גיזאָגט, אַז דער זאליביר האָט צו אונז גישיקט אונ׳ בעט זיך זעהר מיט דעם רבין זאָל לעבין שלום צו מאַכין אונ׳ וויל זיך פר איהם מכניע זיין. האָט אונז דער רבי זאָל לעבין גיזאָגט, ער וויל דאָס איבערבעטיכץ אָננעהמין, וועט

איהר זעהן, אַז איך בין נישט פון דעם עולם דער נקבות (ב), דאָס איבערבע־טיכץ וועט אָבער דעם זאלינער גאָר נישט העלפין — ער האָט דיא צייט פר־זוימט, עס איז׳ שוין צו שפּעט. מיר זענין שטעהן גיבליבין אונ׳ האָבין נישט גיוויסט וואָס דער רבי זאָל לעבין מיינט דרמיט (ג).

מילא, זעה זשע צו שמיסין מיט דעם זאלינירס לייט וואָס בייא אייך זענין דאָ, זייא זאָלין זעהן, עס זאָל קומין צו אַשלום, וואָרין וועדליג וויא אונז דאַכט זיך, קען גימאָהלט זיין, אַז דער זאלינער איז׳ ניט שלעכט, אונ׳ דאָס וואָס דער רבי זאָל לעבין קריגט אויף איהם, איז׳ נור פון דעסטוועגין, דיא וועלט זאָל איהם נישט נאָך געהן (ד). וואָרין דורך דעם העט דער רבי נישט גיקענט קומין צו גרויס התבוננות (ה). אונ׳ חוץ דעם אַפילו איז׳ אַקריג פון דיא צדיקים אַ גרויסי טובה (ו).

מילא זעה צו טוהן וואָס מעגליך איז׳ עס זאָל קומין צו איין איבערבע־טיכץ אונ׳ שרייב מיר בלי שום עיכוב אַידועה, וואָרין איך זעה בחוש, אַז דער רבי זאָל לעבין האָט גרויסי שונאים, וואָרין עס בייסט איהם זעהר אין גאַנצין לייב אונ׳ האָט קיין מכות אונ׳ קיין ביילין נישט (ז).

## קס. פון ר׳ געציל מאיר אין קא־ ווען צו ר׳ נתן באקיליניק

תיכף וויא איך האָב נור אייער בריבל מקבל גיוועזן, בין איך גיגאַנגין צו חיים גבריאל אונ׳ האָב מיר מיט איהם אַשמוס גימאַכט אונ׳ האָב איהם אין דיא רעד פרוואָרפין מכח דיא עסקים פון דיא רביס אונ׳ האָב גיזעהן, ער איז׳ פאַרטיג צו פאָהרין צום דישפּאליר; אונ׳ איז׳ אויך גיפאָהרין.

היינט איז׳ ער פין דאָרט צוריק גיקומין אונ׳ האָט מיר תשובה גי־בראַכט, אַז דער דישפּאליר איז׳ אויך מסכים דרויף. נור, האָט ער גיזאָגט, מען מוז אויסקלויבין איין אָרט, וויא אַהין זייא זאָלין זיך צום הויף קומין, וואָ־רין מן הסתם וועט דער נישט וועלין פאָהרין צו דעם אונ׳ דער נישט צו דעם. צום בעסטין העט גיוועזן, זייא זאָלין היא צום הויף קומין. נור איבר דיא רשעים וואָס מיר האָבין היע קען מען אונזר שטאָד דרצו נישט בוחר זיין.

האָט דער דישפּאליר גיזאָגט, מען זאָל זיך בוחר זיין קאַלנע, אונ׳ וועד־ליג מיר דאַכט זיך, וועט דער רבי זאָל מאריך ימים זיין אויף קאַלנע אויך מסכים זיין, וואָרין דאָרט זענין דאָ אַיאָם פון דעם רבינס לייט, אונ׳ אַפילו דאָס ביסל פון דעם דישפּאליר, אַז זייא וועלין נור זעהן דעם רבין זאָל מאריך ימים זיין, וועלין זייא אַודאי צוגיוואַקסין ווערין צום רבין. מילא זאָלסט דוא מיר צו וויסין טוהן, וויא איך זאָל מיך נוהג זיין.

## קמא. פון ר׳ יעקל פולנאער צו ר׳ מענדל בארער אין קאלנע

איך בין דיר מודיע, אז דער זאלינער האט צום רבין זאל לעבין גי־שיקט, ער וויל איהם מפייס זיין; אונ׳ דער רבי זאל לעבין, אזוי וויא ער איז׳ אגרויסער עניו, האט גיזאגט, ער שטעהט צו דרויף, נור האט ער גיזאגט אויף דעם אופן, אז דאס איברבעטיכץ זאל נור זיין אין דיין שטאד. דער זאלינער איז׳ דרויף בעשטאנין, ער זאל פאהרין צו אייך. זעה זשע דארט פר דעם רבין זאל לעבין אשעני דירה אנצוגרייטין, וויא מעבעדארף. אז דער רבי זאל לעבין וועט האבין אשעני דירה, וועט דאס דיך אונ׳ אלע אונזרי לייט דארט בעשענין. דוא ווייסט דעך וואס אין דיא ספרים שטעהט, אז אן דיא צדיקימס דירה דרקענט מען דיא מעשים פון דעם דור (א).

היינטשי וועסט דוא אודאי זעהן, דער רבי זאל לעבין זאל דארט האבין תענוג אונ׳ הרחבה אונ׳ דיא מענטשין וואס וועלין קומין צום רבין זאל לעבין זאלין נישט קומין מיט ליידיגי הענד (ב). איך בין בטוח, אז אייער עולם וועט אויף דעם נישט קוקין, וואס צווישיןביידי איז׳ אמחלוקות גי־ווען (ג), אונ׳ וועלין פין דעסטוועגין אלצדינג טוהן וויא מען בעדארף. דורך דעם מוכ״ז שרייב מיר אתשובה, כדי מיר זאלין זיך קענין אויף דינסטאג אויטרעכטין, ווארין איך אונ׳ ר׳ חיים גבריאל פון קאוועז וועלין אויך קומין צו אייך, אונ׳ מיט דעם רבינס הילף וועט אודאי גוט זיין.

## קמב. פין ר׳ אהרן חלובניקיר צו ר׳ חיים גבריאל פון קאוועז, וואס איז׳ איצט אין קאלנע

איך שיק אייך דעם מוכ״ז אשליח מיוחד, ווארין דער אונטעריס איז׳ זעהר משונה נעטיג.

נעכטין בין איך גיוועזן אין קאוועז אונ׳ האב דארט בייאם פודראטשיק ר׳ קלמן ביסינגער קאלי מעהל גיקויפט מיר אין דער גוראלני אריין. וויא איך האב איהם פר דעם מעהל גיצאהלט מיט אסיגנאציעס, זענין צווישין דיא אסיגנאציעס גיוועזן דיא צווייא אסיגנאציעס, וואס איך האב גיהאט בייא אייך גינעהמין פר דער שמירה. וויא דער פודראטשיק האט דיא צווייא אסיגנאציעס דרזעהן, האט ער מיך גיפרעגט, פין וואנין איך האב זייא. האב איך תחלת גיזאגט, איך ווייס נישט. וויא ער האט זיך אבער אנגיהויבין זעהר צו בע־זערין אונ׳ האט גיזאגט, ער וועט מיך אבשיקין צום סאנד, ווארין ער האט

גיהאַט גינעהמין אַסיגנאַציעס בייאם קאָמיסיאָנער אונ' וויא ער איז' נור אַהיים גיקומין האָט מען בייא איהם צווייא אַסיגנאַציעס אַראָבגיגנבת, האָט ער גי- בעטין דעם קאָמיסיאָנער, ער זאָל איהם געבין דיא נומעראַציע פין דיא אַסיג- נאַציעס, אונ' דער קאָמיסיאָנער האָט איהם גיגעבען דיא נומעראַצי' פין דער קאַזניטשייסטווע, וואָרין דאָרט האָט ער דיא אַסוגנאַציעס גינעהמין. האָט דער פאדראַטשיק בייא זיך דיא נומערן פין דיא צווייא אַסיגנאַציעס וואָס מען האָט בייא איהם גיגנבת אויפגיצייכענט, אונ' וויא איך האָב איהם גיצאָהלט פר דעם קאָלי מעהל, האָט ער גיזעהן, אַז דיא צווייא אַסיגנאַציעס וואָס איך האָב איהם צווישין דיא איבריגי גיגעבין, היינו דיא צווייא וואָס איך האָב גיהאַט פין אייך, האָבין דיא נומערן וואָס בייא איהם זענין אויפגיצייכענט.

האָב איך גיזעהן, אַז דער אינטעריס איז' קיין קאַטאָוויס נישט, האָב איך מיר מישב גיוועזן, וואָס טויג דאָס מיר, איך זאָל אין אַזא אַשלימזל אַריין קומין, אונ' האָב איהם גיזאָגט דעם אמת, אַז דיא צווייא אַסיגנאַציעס האָב איך פון אייך. איך האָב דעך בייא מיר גיוויסט, אַז איהר האָט בייא איהם קיין אַסיגנאַציעס גיגנבת, איך קען דעך אייך. האָט ער מיר גיזאָגט, איך זאָל נישט אַוועק געהן, האָט אַריין גירופין דעם בן יחיד זיינים אונ' האָט צו איהם גיזאָגט: איך וויים זעכיר, אַז דוא האָסט בייא מיר גיגנבת צווייא אַסיגנאַציעס אונ' האָסט זייא גיגעבין חיים גבריאל'ן. זאָג זשע מיר דעם אמת, וועל איך דיר מוחל זיין. נור אָן חיים גבריאל'ן וועל איך מיך נוקם זיין.

תחלת האָט דער זוהן נישט גיוואָלט מודה זיין, נור וויא דער פאָטיר האָט גישיקט נאָך דעם דיין, אונ' דער דיין האָט אָנגיהויבין אין דעם זוהן אַריין צו רעדען, האָט ער מודה גיוועזן, האָט אָנגיהויבין זעהר שטאַרק צו וויי- נין אונ' האָט גיזאָגט: נישט נור דיא אַסיגנאַציעס אַליין האָב איך גיגנבת, נור דעם סטרעכאַן האָב איך אויך גיגנבת אונ' האָב איהם גיגעבין חיים גבריאל'ן, ער זאָל איהם געבען דעם דישפאַליר רבי.

וויא ער האָט דאָס אַרויסגירעד, האָט דער פודראַטשיק פר שמחה ממש אָנגיהויבין צו טאַנצין אונ' האָט גיהייסין איינים פון זייני לייט, ער זאָל מיך אָבפוהרין אין סאָנד אַריין אויף אַפרהער. האָט זיך דער דיין אָנגירופין: וואָס טויג אייך דאָס? אייער זוהן וועט דעך אויך אין דעם שפיל אַריין קומין! האָט איהם דער פודראַטשיק גיענטפירט: האָט קיין מורא נישט, נאָך זייערי משפטים קומט מיין זוהן דרפר קיין שום עונש נישט.

וויא ער האָט דאָס אַרויס גירעד, האָט דער דיין אָנגיהויבין דעם בן יחיד צו האַלזין אונ' צו קושין אונ' האָט איהם גיזאָגט: האָסט זעהר גוט גי- טוהן, וואָס דוא האָסט דעם אמת גיזאָגט, דרפר האָב איך [דיך] נאָך ליעבר וויא ביז אַהער! ניט אומזיסט האָט דער דישפאַליר אויף דיר גיזאָגט, דיא האָסט אַגרויסי אונ' אַהויכי נשמה, וואָרין דורך דיר וועלין גרויסי זאַכין גישעהן, דורך דיר וועלין מיר דעם רבין דעם רשע מיט זייני לייט דיא רשעים אי"ה אויס רייסין.

איך בין מיט דעם פאדראַטשיקס מענטש גיגאַנגין צום סאַנד אונ׳ האָב בייאם סאַנד אויך גימוזט דעם אמת זאָגין, אַז בייא אייך האָב איך דיא צווייא אַסוגנאַציעס גינעהמין, וואָרין עס זענין שוין גיוועזן עדות דרויף, אַז איך האָב דאָס גיזאָגט בייאם פאדראַטשיק אין הויז.

וויא איך בין גיוועזן אין סאַנד, האָב איך גיהערט, וויא דער סענדזי׳ האָט גיהייסין פאָהרין קיין דושפאל, מען זאָל דאָרט בייאם רבין זוכין דעם סטרעכאַן. איך האָב גיוואָלט תיכף פאָהרין קיין דושפאל, נור וויא איך האָב גיהערט, אַז דער רבי אונ׳ איהר זענין איצט אין קאלנע, שיק איך אייך דעם שליח מיוחד קיין קאלנע, אונ׳ מן הסתם וועט איהר וויסין וואָס צו טוהן.

## קמג. פון ר׳ דוד צערעס
## צו ר׳ יעקל פולנאער

היינט אויף דער נאַכט איז׳ אַהער אָנגיקומין דער זאַסידאַטיל מיט אַיאַם מענטשין זייני פון קאווען אונ׳ זענין אַפילו נישט אַריין גיפאָהרין אין אַהאַר־ בעריג אַריין, נור זענין שטעהן גיבליבין פר דעם רבינס הויז אונ׳ האָבין דאָס הויז אַרום גירינגילט פין אַלי זייטין אונ׳ האָבין אָנגיהויבין צו זוכין. תחלת האָבין מיר נישט גיוויסט וואָס זייא זוכין אונ׳ האָבין גימיינט, זייא זוכין טריפהני סחורות. דרנאָך ערשט, וויא מיר האָבין גיזעהן, זייא זוכין דעם סטרעכאַן, האָבין מיר גאָר קיין מורא נישט גיהאַט, מחמת מעהאָבין גיוויסט, אַז נאָך פר עטליכי טאָג האָט דער רבי זאָל מאריך ימים זיין גיהייסין דעם סטרעכאַן בעהאַלטין.

נור וויא עס האָט זיך דרנאָך אויסגיוויזין, האָט אַפנים, אַז טאַקי איי־ ניר פין דעם רבינס בני בית האָט זייא פרראַטין, וויא מען האָט דעם סטרע־ כאַן בעהאַלטין, וואָרין דער זאַסידאַטיל האָט גיהייסין איינעם פון זייני לייט אַריין קריכין אין אויבין אַריין אונ׳ פון דאָרט האָט ער דעם סטרעכאַן אַרויס גיבראַכט אונ׳ האָט אים גיגעבין דעם זאַסידאַטיל (א).

דער זאַסידאַטיל האָט גיהייסין תיכף ברענגין קייטין אונ׳ האָט גיפרעגט וויא דער רבי איז׳, ער זאָל איהם קאָווין אין קייטין. מיר האָבין כמעט דיא נשמה גילאָזט אונ׳ האָבין איהם גיענטפערט, ער איז׳ נישט היא. האָט ער אונז תחלת נישט גיוואָלט גלייבין. נור וויא ער האָט גישיקט נאָך קהל אונ׳ זייא האָבין איהם גיזאָגט, אַז דער רבי איז׳ טאַקי נישט אין דרהיים, ער איז׳ פר עטליכי טאָג פין דרהיים אַוועק גיפאָהרין, האָט ער זייא גיגלייבט, אונ׳ האָט גיזאָגט: נישט קשה, מיר וועלין איהם שוין בעקומין דאָרט וויא ער איז׳.

וואָס זאָל איך דיר זאָגין, דער רשע האָט אָנגיהויבין צו בילין אויף דעם רבין אונ׳ אויף אַלע אונזרי לייט, איז׳ אין אונז גאָר קיין נשמה נישט גיבליבין. מיר ווייסין גאַנץ גוט, האָט ער גיזאָגט, אונ׳ דיא גובערני׳ ווייסט

אויך, וואָס איהר טוהט. איהר מוזט אָבער וויסין: פריהר האָט איהר גימעגט טוהן וואָס איהר האָט נור אַליין גיוואָלט, אָבער נישט איצט פר אונזר איציגין וויצעגובערנאַטער. ער קען אייך גאַנץ גוט, ער וועט אייך שאַרף אין די׳א הענד אַריין נעהמין, אונ׳ דאָ וועט אייך קיין שום זאַך אין דער וועלט העלפין. ער קען אַלע שטיקליך אייערי אונ׳ וועט ניט רוהן, ביז ער וועט נישט עטליכי רבים אונ׳ לכל הפחות אַפינף הונדרט אייערי לייט אַוועק שיקין קיין סאמביר.

ער האָט נאָך אַזויני רשעות גירעד, וואָס מיר האָבין עס ניט גיקענט אויסהאַלטין. אַטהייל פין אונז האָבין זיך די׳א אויערן צו גיהאַלטין, זייא זאָלין דאָס רשעות נישט הערין. דרנאָך האָט ער זייני לייט אַ בעפעהל גיגעבין, זייא זאָלין נאָך פאָרשין וויא דער רבי איז׳ אונ׳ זאָלין איהם דאָרט נעהמין אין קייטין.

איבערדעם שיק איך דיר אַשלוח מיוחד, עטץ זאָלט אייך דאָרט נישט פרזוימין אונ׳ זאָלט תיכף ענטלויפין. וואָרין דער כלב וועט אַודאי גיוואָהר ווערין וויא איהר זענט, וואָרין וויא איך זעה, האָבין מיר היא אַיאָם שונאים. ביזאַהער האָבין זייא גישטימט, וואָרין זייא האָבין פר אונז גיציטירט. צינד אָבער, אַז זייא זעהין, די׳א וועלט איז׳ אויף אונז גיפאַלין, האָבין זייא קיין מורא אונ׳ קיין בושה אונ׳ בילין אויס זיך אַרויס גאַנץ עפענטליך, רעדין אויף גאָט אונ׳ אויף משיח.

## קמד. פון ר׳ נתן באקליניק צו ר׳ זלמן ברעזניר אין גאַלאַץ

איך בין דיר מודיע גאָר נייעס. דאָ ניט לאַנג, פר עטליכי טאָג, האָט דער דישפאליר צום רבין זאָל לעבין גישיקט, ער וויל איהם איברבעטין. דער רבי זאָל לעבין האָט דרויף מסכים גיוועזן אונ׳ זענין זיך ביידע היא אין קאַלנע צום הויף גיקומין. נעכטין בייא דער נאַכט נאָך דעם איברבעטין האָט יעקל פולנאער, דעם דישפאלירס מענטש, אַבריבל דרהאַלטין פין דרהיים — אונ׳ אין אַ האַלבר שעה דרנאָך, עס איז׳ גיוועזן נאָך האַלבע נאַכט, איז׳ דער דישפאליר מיט יעקל פולנאער אונ׳ מיט חיים גבריאל ענטלאָפין גיוואָרין, אונ׳ קיינר ווייסט נישט וויא אַהין.

בייא נאַכט האָבין מיר נישט אַוואָרט דרפון גיוויסט. נור אין דער פריה, וויא מיר זענין נור אויפגישטאַנין, האָבין מיר גיהערט דעם רעש אין דער גאַנציר שטאָד. קיינר ווייסט אָבער נישט מעהר, נור אַז בייא נאַכט איז׳ אַשליח גיקומין מיט אַ בריבל, אונ׳ אין אַהאַלביר שעה דרנאָך וויא זייא האָבין דאָס בריבל גיהאַט זענין זייא ענטלאָפין גיוואָרין. וועדליג וויא מיר דאַכט זיך, זענין זייא ענטלאָפין גיוואָרין קיין גאַלאַץ, וואָרין איין אורח וואָס איז׳

הײנט פריה אַהער אָנגיקומען, ער קומט פון גאַלאַץ, האָט גיזאָגט, ער האָט אויף דעם וועג אַהער זעקס מײל פון היא גיטראָפען אַ בויד, אונ׳ אויף איהר זענין גיזעסען דרײא מענטשען אונ׳ וועדליג דיא מאַסץ פון דיא פערד, וואָס דער אורח האָט גיזאָגט, זענין דאָס טאַקי דעם דישפאַלירס פערד.

ביז איצט ווייסט נאָך קײן שום מענטש נישט דעם טעם פון דעם ענטלויפיכץ, אַבאַלד אָבער וועט דער עולם אַלצדינג גיוואָהר ווערין. דאָס ביסיל לײט וואָס האָבין מיט דעם דישפאַליר גיהאַלטין וועלין זיך אַוודאי שעמין דעם קאָפּ אויף דער גאַס אַרויס צו ווייזין, אונ׳ מען האָט גאָר נישט מסופק צו זײן, אַז אַלע וועלין זיך דעם רבין זאָל לעבין אונטער לעגין אונ׳ אַלע שטעד, וואָס האָבין פריהר גיקעהערט צום דישפאַליר, וועט איצט דער רבי זאָל לעבין איבערנעהמין. איך בין דיר דאָס אַלץ מודיע, כדי דוא זאָלסט תענוג האָבין אונ׳ זאָלסט זעהן, אַז ליגין קען טאַקי קײן קיום האָבין.

איך בין דיר אויך מודיע, אָבער בסוד סודות, אַז מיר ווייסין אַוודאי פר וואָס ער איז׳ ענטלאָפין גיוואָרין. מיר האָבין אַפילו פריהר שוין גיוויסט, אַז אַזוי וועט זײן סוף זײן, דיא מעשה איז׳ אַזוי גיוועזן. דעם קאוועגער פּאָדראַטשיקס זוהן האָט אָנגיהויבין צו ווערן אַמקורב צום דישפאַליר אונ׳ האָט גיגנבת בײאם פּאָטיר אַסטרעכאַן אונ׳ האָט דעם סטרעכאַן גישענקט דעם דישפאַליר.

וויא מיר האָבין דעם אינטעריס גיוואָהר גיוואָרן, האָבין מיר גישיקט אונזרס אַמענטש, ער זאָל בײאם דישפאַליר האַלטין שבת אונ׳ זאָל זעהן, אויב דער סטרעכאַן איז׳ נאָך דאָ בײא איהם. וויא דער מענטש האָט אונז גיזאָגט, אַז ער האָט איהם נאָך, האָבין מיר צום פּאָדראַטשיק גישריבין אַ בריבל, וואָס קײנר איז׳ נישט גיוועזן דרויף גיחתמית. אין דעם בריבל האָבין מיר איהם מודיע גיוועזן, אַז זײן סטרעכאַן גיפונט זיך בײאם דישפאַליר. דער פּאָדראַטשיק האָט אָבער תחלת גאָר נישט גיטוהן אין דעם עסק. מיר ווייסין נישט, צו ווייל ער האָט דעם בריבל נישט גיגלייבט, צו ער האָט זיך גיוואָלט נישט ווּיסידיק מאַכין, ביז דיא צייט וועט קומין.

דרנאָך האָבין מיר ווידער גיהאַט אַידועה, אַז דער דישפאַליר האָט דעם סטרעכאַן בעהאַלטין. אַפנים האָט עס גיהאַט, ער האָט גיוואָהר געוואָרין, אַז מיר ווייסין פון דעם סטרעכאַן. מיר האָבין אָבער נישט גירוהט, ביז מיר האָבין גיוואָהר גיוואָרין, וויא ער האָט דעם סטרעכאַן בעהאַלטין.

דרווייל האָט דער פּאָדראַטשיק פון איין אַנדרר גניבה גיוואָהר גיוואָרין, וואָס מען האָט בײא איהם גיגנבת צווייא הונדרט רובל אַסיגנאַציעס. דיא האָט ער דרקענט בײא ר׳ אהרן חליבניקיר, וואָס האָט זײא גיהאַט פון חיים גבריאל.

האָט דער פּודראַטשיק גישיקט קײן דישפּאַל, מען זאָל דאָרט זוכין דעם סטרעכאַן, האָבין מיר תיכף מודיע גיוועזן, וויא מען האָט דעם סטרעכאַן בעהאַלטין, אונ׳ מען האָט איהם גיפינין אין דעם אויבען. אונ׳ חאַטשי ר׳ אהרן

חליבניקיר האָט צו יעקל פולנאער דיא גאַנצי מעשה גישריבין, עה מען האָט נאָך גישיקט קיין דישפאל זוכין דעם סטרעכאַן, יעקל איז׳ אָבער נישט גי־וועז אין דרהיים, ער איז׳ דענצמאָהל גיהאַט גיפאָהרין אַהער, האָט ער איהם דעם בריב אַהער גישיקט. דרוויל האָט מען אין דישפאל גיזוכט אונ׳ גיפו־נין. העט יעקל אין דרהיים גיוועז, העט מען דעם סטרעכאַן נישט גיוועזן גי־פונין, וואָרין מען העט דעם סטרעכאַן גיוועזן אַוועק גישיקט אין אַפרעמד הויז אַריין.

איך בין דיר דאָס אַלץ איבערדעם מודיע, איפשר וועט דער דישפאליר קומין קיין גאַלאַץ אונ׳ וועט נישט זאָגין, אַז ער איז׳ פין דרהיים ענטלאָפין גיוואָרן אונ׳ וועט זיך וועלין דאָרט מיט דעם בירך משדך זיין, זאָלסט דוא וויסין וואָס דאָרט צו דרצעהלין; וואָרין אַז ער וועט נור טוהן דעם שידוך, חאָטשי דרנאָך אַז זיי וועלין גיוואָהר ווערין פון דער מעשה אונ׳ וועלין דעם שידוך נישט וועלין, וועלין זיי דעך איהם פר דער בושה געלד געבין.

על כן זאָלסט דוא זעהן גאָר נישט צו דרלאָזין מען זאָל שמיסין דר־פון. נור זעה מיט שכל דעם אינטערעס אָנצושטעלין, וואָרין מיר ווילין איצט אַקעגין זייא קיין שום שנאה אַרויס ווייזין.

## קמה. פון ר׳ זלמן ברעזניר
## צו ר׳ נתן באַקילניק

אַטאָג נאָך דעם דישפאַלירס קומין אַהער האָב איך דרהאַלטין אייער בריבל.

וויא דער דישפאליר איז׳ נור אַהער אָנגיקומין, איז׳ גומפיל קריליוער צו מיר גיקומין אונ׳ האָט מיר דרצעהלט, אַז דער דישפאליר האָט זיך מיט דעם רבין דעם צדיק איבערגיבעטין אונ׳ ער איז׳ איבר דעם אַהער גיקומין, וויל ער [וויל] פון היא פאָהרין קיין ארץ ישראל.

מיר איז׳ דאָס אַגרויסי תמיה גיוועז, וואָס איז׳ דאָס, פלוצלינג וויל ער איבר פאָהרין קיין ארץ ישראל? ערשט אויס אייער בריבל האָב איך גי־וואָהר גיוואָרין, וואָס דאָ טוהט זיך. איך האָב אָבער קיינים נישט אַוואָרט דרפון דרצעהלט, וואָרין אַז מען וועט היא דיא מעשה גיוואָהר ווערין, וועט עס פר אונז אַלע אַגרויסי חרפה זיין. וואָרין דוא מוסט וויסין, אַז דער דישפאַליר האָט היא אַגרויסין שם.

איבר דעם האָב איך דעם גאַנצין אינטערעס בסוד גיהאַלטין, בפרט עס איז׳ נישט גינעטהיג גיוועז, איך זאָל עס דרצעהלין, וואָרין דעם דישפאַלירס לייט ווייזין זיך אַפילו נישט אויף דער גאַס אַרויס, אונ׳ צו איהם אַליין לאָזט מען אויך נישט איטליכין צו, נור זעהר וועניג מענטשין פין דיא גבירים זע־נין בייא איהם גיוועזן אונ׳ האָבין איהם געלד גיגעבין אויף הוצאות קיין ארץ ישראל. וויא איך האָב גיהערט, האָט ער גימאַכט ר״ן רענדליך.

דעם שידון האָבין זייא גאָר נישט אין זין. פון יעקל פולנאער האָב איך גיהערט, אַז היינט נאָך אָדער מאָרגין האָבין זייא בדיעה צו פאָהרין אין אַשטאָד אַריין ניט ווייט פון היא. ער האָט נישט גיזאָגט אין וועלכיר, אונ׳ אין עטליכי וואָכין אַרום זאָלין זייא ווידער אַהער צוריק קומין, ווייל דענצ־מאָהל זאָל פין היא אַוועק געהן קיין ארץ ישראל.

עיקר שכחתי. איך בעט אייך זעהר,-זאָלט מיר מודיע זיין, וואָס מעהערט דאָרט בייא אייך, וואָרין גומפיל קריליווער האָט מיר גיזאָגט, אַז דער רבי דער הייליגר צדיק מיט זייני לייט האָבין עפיס אַבלבול אויף זיך אונ׳ דער סוף וועט ח״ו נישט גוט זיין, אונ׳ מחמת איהר האָט מיר דרפון גאָר נישט גישריבין, טראַכט איך איבר, איך וויס אַליין נישט וואָס. איך וויל מיין מויל נישט צום בעזן עפענין, וואָרין איך האָב גיזעהן אין דעם ליקוטי מוהר״ן (א), זאָגט ער, אַז שונאים ווערין ווידער איינס, האָבין זייא קיין קיום נישט אונ׳ האָבין אַמפלה. על כן למעה״ש שרייבט מיר כל דבר שורש.

## קמו. פון ר׳ נתן באקיליניק צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

איך שיק אייך דאָ אַשליח מיוחד, איהר זאָלט למען השם מודיע זיין דיא צווייא לייט אין פולשטין, וואָס איהר ווייסט, זייא זאָלין זיך האַלטין גע־רינג, וואָרין דיא גויה מיט איהר פאָטיר איז׳ שוין אַהער גיקומין. דאָס מזל איז׳ גיוועזן, וואָס איצט איז׳ בייא זייא עטליכי טעג חאָגי, וועט מען זיא נישט נעהמין אויף דעם פרהער. דרוויל וועלין מיר זעהן עפיס צו טוהן, וואָרין אַפלל דער אינטעריס איז׳ גאָר נישט גוט.

מיר האָבין איינים פין אונזרי לייט, וואָס קען זיך מיט איינים פין דיא סאָנדיס גאַנץ גוט, האָט ער דעם גיבעטין ער זאָל איהם העלפין, ער זאָל שמיסין [מיט] דער גויה. האָט איהם דער דאָס צוליעב גיטוהן, אונ׳ ער האָט מיט דער גויה אין דער תפיסה גישמיסט. האָט זיא איהם אַלצדינג דרצעהלט, אונ׳ דער פאָטיר איהרר האָט איהם אויך גיזאָגט, אַז דיא אַרענדרקי האָט איהם צו גירעד, ער זאָל מיט דער טאָכטיר ענטלויפין אין קורדאַן אַריין, אונ׳ איבר דער גרעניץ איז׳ דיא טאָכטיר אין דער אַרענדרקיס קליידר גיגאַנגין אָנגיטוהן אונ׳ אַפילשטיינר איז׳ מיט זייא גיפאָהרין. ער האָט גיזאָגט, ער וועט דיא בויד אונ׳ דעם פוהרמאַן מיט דיא פערד דרקענין. ער האָט איהם נאָך דיא מאַסק פין דיא פערד גיזאָגט.

מילא למעה״ש זייא זאָלין זיך גערינג האַלטין, אַז זייא וועלין דאַרפין צו ענטלויפין. איך קען נישט לאַנג מאריך זיין, וואָרין עס איז׳ זעהר שלעכט. עס איז׳ ווייניג צייט.

## קמז. פון ר׳ נתן באקילניק צו ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר

ווייא איז אונז, דיא גולדיני קרוין איז׳ אונז פין דעם קאָפּ אַראָב גי=פאַלין. נעכטין אויף דער נאַכט איז׳ דער רבי אַוועק גיגאַנגין פין דער וועלט. וויא אַזוי עס איז׳ גיוועזן, וויל איך דיר שרייבין. וויא מיר זענין צוריק גי=קומין פון קאלנע, איז׳ דער רבי גיוועזן זעהר אויפגיהויבין אין גרויס חדוה. נאָך קידוש לבנה זענין מיר בייא איהם גיזעסין, איז׳ ער אַזוי לוסטיג גיוועזן, אַז מיר האָבין איהם נאָך קיין מאָהל אַזוי לוסטיג גיזעהן. דיא רעביצין דיא צדקת איז׳ אַליין גיגאַנגין אין קעליר אַריין אונ׳ האָט אונז אַרויף גיבראַכט וויין וויאפיעל מיר האָבין נור אַליין גיוואָלט. מיר האָבין גיטרונקין אונ׳ גי=זונגין וויאפיעל עס האָט נור גיקענט אַריין, וואָס מיר זענין דעם דישפּאלירס פטור גיוואָרין פין אַרום אונז.

ווייא מיר האָבין גיזעהן, אַז דער רבי איז אַזוי שטאַרק אויפגיהויבין אונ׳ אַזוי פרעהליך, האָבין מיר אָבגישמיסט, מען זאָל איהם מכוח דער גויה אַלצדינג דרצעהלין, וואָרין נעכטין האָבין מיר גיוואָהר גיוואָרין, אַז מען האָט זיא שוין גיבראַכט, אַזוי וויא איך האָב דיר גישריבין.

ווייא מיר האָבין איהם דרצעהלט וואָס עס טוהט זיך איצט, האָט ער זיך אָנגירופין: שוטים, וואָס דאַכט זיך, איהר מיינט איהר דרצעהלט מיר דאָ עפּיס נייעס? נור קיין עצבות! אונ׳ האָט אַרויסגינעהמין דעם בעכיר, וואָס ער האָט תמיד גיהאַט שטיין אין שאַפּי, אונ׳ האָט זיך איהם אַליין אָנגיגאָסין מיט וויין אונ׳ גיזאָגט: איך טרינק אויף דעם קריפּענר פריץ, טרינקט עטץ אויך אויף איהם. האָבין מיר גיטרינקין אונ׳ גיטאַנצט אין ראָד אונ׳ האָבין דאָס עצבות אַזוי פרלאָהרין, אַז נישט אַפּיצ׳ל איז׳ בייא אונז דרפון גיבליבין.

נאָך דעם טאַנצין האָט ער ווידער אָבעכיר וויין גיטרינקין אויף דעם רשע מרדכי גאָלד, אונ׳ מיר אויך, אונ׳ ווידער אין ראָד גיטאַנצט, אונ׳ אַזוי האָט מען פיר מאָהל גיטרינקין, אונ׳ אין מיטין אַלץ אין ראָד גיטאַנצט אונ׳ מיר זענין אַלי משונא דרהויבין גיוועזן.

דרנאָך האָט ער גיהייסין מאַכין טשייא. ער האָט דעם טשייא גיטרונקין אונ׳ האָט גינעהמין דיא לולקי ציבוך אונ׳ איז׳ גיגאַנגין אין בית הכבוד אַריין, אונ׳ מיר האָבין אין שטיב ווייטר גיזונגין אונ׳ גיטאַנצט. אויף איינמאָהל האָב איך [מיך] דרמאנט, דער רבי איז׳ נאָך נישט צוריק גיקומין. עס דאַכט זיך מיר, ער זוימט זיך עפּיס צו לאַנג, אונ׳ בין גיגאַנגין [זעהן] וואָס דאָס בעטייט.

גיב אַקוק, ברענט דאָס לעכט אויף איין זייט אונ׳ אין מיטען בית הכבוד זעה איך אַפּלאַם אַבלאַהליכין (א). איך האָב אויפגיריסין דיא טהיר אונ׳ גישרי=גין גיוואַלד. אונזרי לייט אויס דער שטיב אַרויס זענין צוגיקומין. מיר האָבין איהם אויס דעם בית הכבוד אַרויס גינעהמין אונ׳ האָבין גיזעהן, ער איז׳ אַוועק.

וואָס זאָל איך דיר זאָגין, איך האָב גימיינט, איך האָלט עס נישט אויס, איך האָב פּאַק דרצו נאָך אַגרויסין צער גיהאַט: אין דעם רעש, וויא מיר האָבין איהם אויס דעם בית הכבוד אין שטיב אַריין גיטראָגין, האָט מען דרוויילדיא לולקע ציבוך אונ׳ דעם טשאמביר, וואָס ער איז׳ מיט זייא אין בית הכבוד אַריין גיגאַנגין, גיגנבת. וואָס זאָל איך דיר נאָך זאָגין, מיר געהן אַלע אַרום וויא עבר ובטל. מיר זענין דעך גיבליבין וויא רעכטי טמאים (ב).

## קמח. פין ר׳ יעקל רבקס בשמים קרעמיר אין קריפּען צו ר׳ אברהם משה אין זאלין

היינט אין דער פריה האָט מיר ר׳ זיינוויל ווערחיעווקירס קלייני יונגיל דאָס בריבל גיבראַכט וואָס איך שיק אייך דאָ אונ׳ האָט מיר גיזאָגט, דער פאָטיר האָט מיך גיבעטין, איך זאָל דאָס בריבל תיכף מיט אַשליח מיוחד צו אייך אָבשיקין.

מיר איז עס אַ גרויסי תמיה גיוועזן, בין איך אַריבר גיגאַנגין צו ר׳ זיינוויל אַהיים. איך האָב אָבער נישט איהם נישט זיין וויב גיטראָפין, נור זייני צווייא יונגליך אונ׳ אַ מיידיל האָב איך גיטראָפין. איך האָב זייא גיפרעגט אויף דעם פאָטיר אונ׳ אויף דער מיטיר, האָבין זייא מיר גיזאָגט,ביידי זענין בייא נאַכט פין דרהיים אַוועק גיגאַנגין אונ׳ זענין נאָך נישט צוריק גיקומין.

האָב איך פרשטאַנין, זייא האָבין גימוסט ענטלויפין. האָב איך גיפרעגט ר׳ זיינווילס אַ קרוב, וואָס עס טוהט זיך. האָט דער מיר גיזאָגט, פר מורא האָט ער גימוזט ענטלויפין. האָב איך איהם גיפרעגט, מיט וואָס איז׳ ער ענטלאָפין גיוואָרין, ער האָט דעך נישט גיהאַט אויף הוצאות? האָט דער מיר גיזאָגט: דאָס מזל איז׳ גיוועזן, ער האָט גיהאַט איין ערך פין דרייאהונדרט גולדען וואָס ער האָט גיזאָלט היינט געבין מרדכי גאָלד פר בראָנפין, האָט ער דאָס געלד מיט זיך גינעהמין אונ׳ דיא קינדר האָט ער איברגילאָזט. ער האָט זיך גיטראַכט, אַז דיא קינדר ווערין דאָ בלייבין, וועט מרדכי גאָלד אויס רחמנות אויף דיא קינדר דאָס הויז פר דעם בראָנפין נישט אַוועק נעהמין אונ׳ וועט עס לאָזין אויף דיא קינדיר.

אונ׳ ווייל דער אינטערעס איז׳ זעהר וועכטיג, שיק איך אייך דאָס בריבל דורך אַשליח מיוחד.

## קמט. דאָס בריבל וואָס ר׳ זיינוויל ווערחיעווקיר האָט צוריק גילאָזט צו ר׳ אברהם משה

למען השם צו געהן צו גען תיכף אויף דער שטעל צו ר׳ יוסל פראַדילס אונ׳ זאָלט איהם צו וויסין טוהן, אַז אונזר פריץ איז׳ גיוועזן בייאם בילקער פריץ. האָט זיך דער בילקער פר איהם בעריהמט, ער האָט זעהר אַוואָהלי קרעטשמי בייאם טראַקט אויפגישטעלט. אונזר פריץ איז ציקאַווי גיוועזן דיא קרעטש[מ]י צו זעהן, איז׳ דער בילקער מיט איהם צו דער קרעטשמי גיפאָהרין. וויא זייא זענין אַהין אָנגיקומין אונ׳ זענין אין קרעטשמי אַריין גיקומין, האָט אונזר פריץ דרזעהן, וויא אַמלמד זיצט אונ׳ לערנט מיט דיא קינדר. וויא ער האָט דעם מלמד אָנגיקוקט, האָט ער איהם דרקענט, אַז דאָס איז׳ דער מלמד, וואָס האָט איהם גיבראַכט דאָס בריבל פין דעם וויצעגובערנאַטער, וואָס איז׳ איצט גובערנאַטער. מען האָט תיכף דעם מלמד גינעהמין אונ׳ אָבּגישיקט צום סאָנד. דאָס מזל איז׳ גיוועזן, וואָס אַקנעכט איז׳ דאָרט גיוועזן מיט אונזר פריץ אונ׳ האָט דאָס דרצעהלט איינעם פין אונזרי לייט, וויא ער איז׳ נור אַהיים גיקומין, נאָך פריהר עה אונזר פריץ איז׳ אַהיים גיקומין, אונ׳ עה מען האָט נאָך דעם מלמד צום פרהער גינעהמין.

## קן. פון ר׳ אברהם משה צום בשמים קרעמיר ר׳ יעקל רבקיס

ר׳ יוסיל פראַדילס איז׳ פין היא ענטלאָפין גיוואָרין אונ׳ מען ווייסט נישט וויא אַהין. ער האָט בייא מיר איבּרגילאָזט אַקוויט פין אייערטוועגין אויף ר״ך זהובים, איך זאָל איהם אייך שיקין. שיק איך איהם אייך דאָ אין דעם בריבל.

דאָס רשעות ווערד אַלע מאָהל גרעסיר. דיא גויה אונ׳ איהר פאָטיר האָבּין אַלצדינג אויסגיזאָגט, מען דער מלמד, אונ׳ וויא ער האָט גיזעהן, עס שטעהט שלעכט מיט איהם, האָט ער זיך גישמד אונ׳ האָט דיא גאַנצי מעשה דרצעהלט, אַזוי וויא זיא איז׳ גיוועזן.

מיר וועלין ווייטיר ח״ו גאָר קיין תקומה נישט קענין האָבּין. ר׳ נתן באקילינין האָט אויך גימוסט עוקר זיין פין היא, אונ׳ נאָך כמה מענטשין האָבּין גימוזט ענטלויפין.

דאָס מזל איז׳ גיוועזן, וואָס מיר האָבּין נאָך ציײטליך אַלצדינג גיוואָהר גיוואָרין. איך בּין אייך אויך מודיע, אַז דער סאָנד האָט גישיקט אין רבינס הויז אַריין, מען זאָל צו נעהמין אַלע כתבים אונ׳ אַלע זאַכין וואָס פון דעם רבין

זכר צדיק לברכה זענין געבליבין. דאָס גרויסי מזל איז׳ נאָך געוועזן, וואָס דער רבי זצ״ל איז תיכף דיא אנדרי נאַכט נאָך זיין טויט דער רעביצין דער צדקת צו חלום געקומען אונ׳ האָט איהר אָנגעזאָגט, זיא זאָל אַלע כתבים אונ׳ הויז-געררעטשאַפטין אונ׳ אַנדרי טהייערי זאַכין בעהאַלטין, אונ׳ זיא האָט אַזוי געטוהן.

דיא קליידער דעם רבינס זצ״ל האָט דיא צדקת תיכף דעם אַנדערן טאָג פרקויפט. מעגסט מיר גלייבין, האַלב אום זיסט האָט מען זייא פרקויפט. וואָס האָט זיא נעביך געזאָלט טוהן? וואַרטין ביז איאָם מענטשין וועלין זיך צום הויף פאָהרין, האָט זיא נישט געקענט. האָט זיא זייא געמוזט אַוועק געבין בחצי חנם. איין אַנדרט מאָל העטין דיא קליידר טויזענד מאָהל מעהר געמאַכט וויא איצט (א).

איך קען דיר נישט גיניג זאָגין אונ׳ אָנדערצעהלין דיא צרות וואָס מיר שטעהן איצט אויס פון דעם קניפיל רשעים, וואָס האָבין זיך ביא אונז צום הויף געגעהמין. דאָס איז׳ אונזר פריץ, מרדכי גאָלד דער ימח שמוניק, דער ליעבר רב אונ׳ זיין דיין מיכל כהנא מיט נאָך זייער גלייכין.

מיר בעהאַלטין זיך כמעט אונטר דער ערד. גוים אַפילו, אַז זייא דרזעהן איצט אַיודין אויף דער גאַס אין אַקיטייענים גאַרטיל אָדער דיא פאות פאָרנט פר דיא אויערן, הייבין זייא אָן כל הגישפעט צו מאַכין אונ׳ פרעגין איהם: ביסט דוא אַחסיד?

איאָם פון אונזרי לייט, וואָס האָבין צו טוהן מיט אַנדרי מענטשין אונ׳ בפרט דיא וואָס האָבין צו טוהן מיט גוים, מוזין אונז אָבטרעטין, אונ׳ נור דאָס ביסל מענטשין וואָס קומין נישט אַרויס אויס דעם קלייזל אונ׳ האָבין מיט קיין אַנדרי מענטשין צו טוהן, דיא זענין נאָך פון אונזרי לייט.

אין אַלעם האָבין מיר איצט אין קלייזל נישט מעהר וויא אַמנין מענטשין. אַטהייל זענין ענטלאָפין געוואָרין אונ׳ אַטהייל האָבין געמוזט אונז אָבטרעטין. אונ׳ וויא איך זעה, וועלין דאָס ביסל וואָס בלאָנקין זיך נאָך אַרום אויך מוזין ענטפיר זיך אַוועק לאָזין פון היא, אָדער זייא וועלין מוזין אונז אָבטרעטין. וואָרין דיא בעלי בתים הערין שוין אויף זייא קצבה צו געבין, וואָרין איצט איז׳ בייא אונז אין שטאָד דער נאָמין חסיד אַרגער וויא דער נאָמין משומד רחמנא יצילנו. אונ׳ אַז השם יתברך וועט דאָ נישט בעווייזין עפיס אַנס מפורסם, ווייס איך נישט וואָס עס וועט זיך ווייטר טוהן. איך האָב בדיעה צו פאָהרין אויף דעם בעשטס קבר אונ׳ וועל דאָרט פר איהם געוואַלד שרייען, ער זאָל זיך אויף אונז דרבאַרמין.

עיקר שכחתי. דאָס בריבל זאָלסט דוא למען השם תיכף פרברענין, וואָרין איך פארכט מיך זעהר פר דיא רשעים. איך האָב מיר דאָס לעבין איינגעשטעלט, וואָס איך האָב עס דיר געשריבין. נור איך האָב פרשטאַנין, איך מוס עס טוהן, וואָרין עס איז׳ משונה געוועטהיג, דוא זאָלסט דאָס אַלץ וויסין.

## קנא. פין דיא וואָס זענין אַוועק קיין ארץ ישראל צו ר׳ מאיר יעקב אין זאסלאב

גילויבט איז׳ הש״י, וואָס האָט מיט אונז גרויסי חסדים גיטוהן אונ׳ האָט אונז גיבראַכט אַהער קיין סטאַמבול. אַכצעהן טאָג אין סיון זענין מיר גיקומין קיין גאַלאַץ. איטליכר פון אונז, וויא ער איז׳ נור ענטלאָפין גיוואָרין פין דרהיים, איז׳ דאָס ערשטי גיוועזן, ער איז׳ גיגאַנגין אויף דעם בעשט׳ס קבר. האָט דער בעשט איטליכין גיהייסין פאָהרין קיין ארץ ישראל (א).

דער עבירשטער האָט אונז בעשערט אַשיף, וואָס זיא איז תיכף פין גאַלאַץ אַוועק קיין סטאַמבול. זענין מיר אויף דער שיף אַרויף אונ׳ האָבין אָנגיהויבין צו געהן אויף דעם שוואַרצין ים. דעם ערשטין מעת לעת תיכף האָט זיך אויף דעם ים אויפגיהויבין אַגרויסר שטאָרמווינד, אַז דיא חוואַליס האָבין אַריין גישלאָגין אין שיף אַריין, אונ׳ מיר זענין גיוועזן אין גרויס פחד. דרנאָך איז׳ שטיל גיוואָרן, זענין מיר זעכצעהן טאָג גיגאַנגין קיין סטאַמבול, דרנאָך זענין מיר אַהער אָנגיקומין.

דוא ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיר האָבין נישט פיל געלד גיהאַט אויף הוצאות. אונזרי לייט אין דרהיים זענין בשתיקה אַרום גיפאָהרין אויף דיא שטעדליך אונ׳ האָבין עפיס צום הויף גימאַכט, מיר זאָלין חאָטשי האָבין אויף הוצאות פין גאַלאַץ קיין סטאַמבול. וואַרטין לאַנג האָבין מיר נישט גיקענט, וואָרין מיר האָבין זעהר מורא גיהאַט פר דיא בלבולים אונ׳ דער שנאה פון דיא רשעים, וואָס האָבין זיך אין זאלין אויף אונז איזבינטעוויט, אונ׳ האָבין גימוזט מיט דעם ביסל געלד וואָס מיר האָבין גיהאַט אַוועק פאָהרין.

בעט מיר דיך איצט, דוא ביסט דעך ברוך השם אין איין אַנדר גובערני׳, וואָס דאָרט זענין אַזויני רשעים נישט פרהאַנדין, זעה צום הויף צו נעהמין דיא געלדין וואָס אונזרי לייט האָבין פין אונזרטוועגין צום הויף גימאַכט. אונ׳ זעה אויך צו שמיסין מיט דיא גוטי יודין אין אייער גובערני, זייא זאָלין הייסין פין אונזרטוועגין געלד צום הויף נעהמין, וואָרין מיר האָבין ניט פין וואַנין צו לעבין.

עס איז׳ נאָך אונזר מזל גיוועזן, וואָס מיר האָבין אין גאַלאַץ גיטראָפין דעם דישפאַליר, זענין מיר צו איהם גיגאַנגין אונ׳ האָבין זיך איהם אונטרגיוואָרפין, מיר זאָלין ווערין זייני לייט. חאָטשי ער האָט אונז נישט גיגעבין, האָבין אונז אָבער גאַלאַציר לייט דורך איהם אין כבוד גיהאַלטין אונ׳ האָבין אונז געלד גיגעבין. היינט האָט ווידער ר׳ אהרן קאַליניר, וואָס איז׳ אין דרהיים גיוועזן אַגובה פין דיא ארץ ישראל געלדין אונ׳ פין ר׳ מאיר בעל הנס געלדין אין פולשטין אונ׳ אין דיא שטעד אַרום און אַרום, מיט זיך גינעהמין עטליכי בריב וואָס ער האָט גיהאַט פין דעם רבין זצ״ל. דרצו איז׳ ר׳ אהרן אויך בעקענט מיט אַטהייל ארץ ישראל משולחים, האָבין זייא זיך מיט

אונז אויך בעקענט גימאַכט, שיקין זיי אונז אַמאָהל עפּעס געלד, אָדער בע־טין אונז צו זיך צום עסין.

ע״כ זעה למען השם פין אונזרטוועגין געלד צו מאַכין וויא ווייט דוא קענסט, אונ׳ אַז מיר וועלין אי״ה דיא זכייה האָבין צו קומין קיין ארץ ישראל, וועלין מיר דאָרט אודאי פין דיינט וועגין אונ׳ פר דיא מענטשינס וועגין, וואָס וועלין מיט אונז גומלחסד זיין, טוהן וואָס מיר וועלין נור קענין.

מיר בעטין דיך אויך זאָלסט גריסין פין אונזרטוועגען אונזרי לייט אַלע, אונ׳ בפרט דעם ביסל עולם אונזרן וואָס זענין נאָך גיבליבין אין אונזר גובערני׳, וואָס האָבין נעביך פין דעם בינטיל רשעים דאָרט ימ״ש פיעל אויסצושטעהן, אונ׳ זאָג זייא, זייא זאָלין זיך גאָר נישט זאָרגין אונ׳ זאָלין קיין שום עצבות האָ־בין, עס וועט אודאי אַבאַלד אַלץ רעכט זיין. אַזוי באַלד מיר וועלין נור אי״ה קומין קיין ארץ ישראל, וועט אודאי גוט זיין. וואָרין מיר האָבין צווישין זיך אָבגישמיסט, וויא מיר וועלין נור אָנקומין קיין ארץ ישראל, זאָל אונזר ער־שטיר אינטעריס זיין, מיר זאָלין געהן אויף דיא קברים פין דיא אמתי צדיקים אויס אונזר מדינה וואָס ליגין דאָרט, אונ׳ מיר זאָלין זייא דרצעהלין אַלצדינג וואָס בייא אונז טוהט זיך: דאָס רשעת פין דעם קריפּענר פּריץ, דאָס רשעות פון מרדכי גאָלד אונ׳ דיא שטיקליך פין דעם קאָווענר רב מיט זיין דיין מיכל כהנא ימח שמם וזכרם. אונ׳ מיר וועלין אודאי דיא צדיקים נישט לאָזין רו־הען, ביז זייא וועלין זיך נישט געהן נוקם זיין אָן דיא רשעים. אונ׳ איהר וועט באַלד אונ׳ גיך זעהן אי״ה נסים ונפלאות אמן סלה ועד.

דאָס זענין דיא רעד פין אייערי פריינד וואָס זייא קוקין אַרויס, זייא זאָ־לין באַלד גיהאָלפין ווערין דורך דיר אונ׳ דורך אַלע אונזרי לייט, לעבען זאָלין זייא מיט זייערי ווייבר, מיט זייערי זוהן, מיט זייערי טעכטיר אונד מיט אַלצדינג וואָס זייער איז׳. הק׳ זיינוויל ווערחיעווקיר, הק׳ חיים קאָלינער, הק׳ נתן באקיליניק, הק׳ יקותאל קלינקוויציר, הק׳ אברהם משה, הק׳ אהרן קאָ־ליניר גובה מעות ארץ ישראל מפולשטין, הק׳ משה בהמגיד ממונה על הדלקת נרות ר׳ מאיר בעל הנס מפילשטין, הק״ פסח אַרענדר מסלאבודשיק, הק׳ יוסף קופיליר הנקרא פראַדילס, הק׳ חיים בן זאב חלאדיווקער שענקיר מפילשטין אונ׳ נאָך פיפצעהן מענטשין, וואָס זענין מיט אונז, אויך ליבלי חדוה וואָס איז׳ גיוועזן אַמשרת ביים רבין זצ״ל אונ׳ דוד, דעם רבינס פּוהרמאַן, מיר אַלי קוקין אַרויס אויף ישועה דורך דיר אונ׳ דורך אַנדרי אונזרי לייט.

אויך זענין מיר דיר מודיע, אַז דער דישפּאַליר האָט אין גאַלאַץ אונ׳ אין אַנדרי שטעד זעהר אַיאַם געלד גימאַכט. ער אונ׳ זייני לייט דאַרפין פין דרהיים גאָר קיין געלד נישט. ער וועט אַבאַלד שיקין נאָך זיין ווייב אונ׳ זייני קינדר, זאָלין צו איהם קומין קיין ארץ ישראל.

עיקר שכחנו. אַז איהר וועט אונז שיקין געלד, זאָלט איהר אויף צרייסטער אויפשרייבען דיא אַלע מענטשין וואָס האָבין גיגעבין, מיט זייערי

ווייבר, מיט זייערי קינדר אונ׳ קינדסקינדר, כדי מיר זאָלין פר זייא מתפלל זיין אין ארץ ישראל כ״ד הנ״ל.

נאָך איין אינטעריס האָב איך דיר פרגעסין צו שרייבין. איך האָב גיהאַט פין דרהיים אַ בריבל, שרייבט מען מיר, אַז דער ימ״ש מרדכי גאָלד האָט מיין הויז גילאָזט פר מיין שוועסטיר, זיא זאָל דרינין זיין מיט מיינע קינדר, אונ׳ מיין עלטסטין זוהן האָט ער צו זיך גינעהמין פר איין אייגין קינד, וויל ער האָט קייני קינדר נישט. איך ווייס דעך אָבער, אַז דער ימ״ש האָט דאָס נישט גיטוהן מחמת רחמנות, נור פון דעסטוועגין, ער זאָל אויס מיין זוהן מאַכין אַזוי איין אַפיקורוס ח״ו וויא ער אַליין איז. בעט איך דיך, זאָלסט מכח דעם שמיסין מיט מיין שוועסטיר, אונ׳ זאָלסט איהר זאָגין, אַז איך בין אויף דעם נישט מסכים, סיידין דער רשע וועט מיר אָבשיקין מיין ווייב, וואָס איז׳ אויף דעם וועג קראַנק גיוואָרין אונ׳ האָט גימוסט דאָרט בלייבין. אַז ער וועט זיא מיר אויף זייני הוצאות אַהער שיקין קיין סטאַמבול, וועל איך דרויף צו שטעהן, מיין זוהן זאָל זיין בייא איהם, וואָרין אַז מיין ווייב וועט מיר היא זיין, וועל איך נישט זיין אַ פלג גוף (אַ האַלבער מענטש), וועל איך קענין אין ארץ ישראל מתפלל זיין פר מיין קינד, עס זאָל זיך נישט אָנלערנען דעם רשע׳ס מעשים. הק׳ זיינוויל.

# סיום

מחמת איך האָב גיהערט אַיאַם מענטשין האָבין גיזאָגט, זייא העטין זעהר גערן גיוויסט דעם טעם פר וואָס דער זאַלינער האָט גימוזט אַוועק געהן פין דער וועלט, אונ׳ איך האָב די זכייה גיהאַט גיוואָהר צו ווערין דעם טעם, וויל איך עס דעם עולם מודיע זיין, וואָרין דער מוסר וואָס עס קומט דרפין אַרויס, איז׳ גאָר נישט מעריך צו זיין.

די מעשה איז׳ אַזוי גיוועז. נאָך דעם זאַלינירס טויד בין איך גיוועז בייא דעם גרויסין צדיק, מיר רוף מיר איהם דער על גביהן. וויא איך בין אַזוי בייא איהם אין זיין התבודדות שטיבל גיוועז אין דעם מעמד פין רואה ואינו נראה (א), איז׳ דער זאַלינער צו איהם אַריין גיקומין, טאַקי וואַכינדיק, נישט אין חלום — דאָס איז׳ גיוועז מוצאי שבת — אָנגיטוהן אין דיא שבתדיקי קליידיר, אַהוט אויף דעם קאָפּ, אונ׳ האָט הויך גיזאָגט: גוטוואָך דעם רבין! אונ׳ איז׳ זיך גיגאַנגין, אַזוי וויא בייאם לעבין, דעם שטעקין אין דער האַנד, אַקוראַט אַזוי וויא דער מגיד ר׳ יוסף איז׳ גיקומין צום בעשט נאָך דעם טויד.

דער על גביהן האָט אָנגיהויבין מיט דעם זאַלינער צו רעדין פון אַיאַם זאַכין אונ׳ אינטערעסין, וואָס איך קען זייא איצט נאָך נישט מודיע זיין דעם עולם, וויל דאָס דור איז׳ נאָך נישט ראוי דרצו. נור דאָס וואָס זייא האָבין גישמיסט פין דעם זאַלינירס טויד וויל איך יוא דרצעהלין.

דער זאַליניר האָט גיזאָגט, דאָס איז אַלץ גיוועזן איבער דעם דייטשען בוך. וואָרין דורך דעם בוך איז אויף יעניר וועלט גיוואָרין אַ גרויסר קטרוג אַקעגין אַלע חסידים. וויא דער זאַליניר האָט אַ קוק גיגעבין, אַז עס קען דרפון אַרויסקומין אַ גרויס שלימזל, איז ער גיקומין אין גרויסר היטץ אַריין אונ׳ האָט נישט גירעד פרשטעלטי ווערטיר, נור האָט גלאַט אַרויסגיזאָגט וואָס ער האָט גיוואָלט. דורך דעם איז דער קטרוג נאָך גרעסיר גיוואָרין (ב). דורך דעם האָבין אָנגיהויבין אַ יאַם מענטשין צו שרייבין אַ קעגין דיא חסידים, איז דורך דעם דער קטרוג נאָך גרעסיר גיוואָרין. אונ׳ וויא דער דישפאַליר מיט דעם זאַליניר האָבין זיך איברגיבעטין, איז דער קטרוג נאָך גרעסיר גי- וואָרין (ג), אונ׳ דיא לומדים וואָס זענין אויף יעניר וועלט האָבין אָנגיהויבין זיך זעהר צו קלאָגין אויף דיא חסידים. זייא האָבין גישריגין, דורך דיא חסידים וועט דיא תורה גאָר פרגעסין ווערין.

דורך דעם איז גיוואָרין אין הימל אַ גרויס מחלוקת. אַ טייל האָבין גיזאָגט, מען זאָל דיא חסידים אויסרייסין מיט דעם וואָרציל רחמנא יצילנו, אונ׳ אַ טייל האָבין פרקעהרט גיזאָגט. האָבין זיך אַ טייל אָנגירופין: לאָז מען דעם זאַליניר אַהער נעמין, ער זאָל פסקנ׳ן דעם דין, וויא אַזוי עס זאָל זיין (ד). האָבין זיך אַנדרי אָנגירופין: פון דעסטוועגין דאַרף מען איהם נישט אַהער נעמין, ער קען דעם דין פסקנ׳ן, אַז ער איז נאָך אויף דער ערד. שוין ביט איינמאָל האָט מען זיך אין הימיל אויף איהם פרלאָזט, ווי אַזוי ער האָט אויף דער ערד גיזאָגט (ה). דיא וואָס האָבין נישט גיוואָלט, מען זאָל איהם אַרויף נעמין, זענין גיוועזן דיא וואָס זייא האָבין דרווייל זיין גן עדן זיך גי- האַלטין (ו). דיא איבריגי אָבער, אונ׳ בפרט דיא לומדים, האָבין גיטענית: כל זמן ער איז אויף דער ערד, איז ער אַ נוגע אין דער זאַך, קען מען זיך אויף איהם נישט פרלאָזין, איבר דעם מוז מען איהם אַרויף נעמין.

צום סוף איז אויך אַזוי גיבליבין, מען זאָל איהם אַרויף נעמין, אונ׳ וויא ער איז אַרויף גיקומין, האָט מען איהם דעם משפט פיר גילעגט אונ׳ ער האָט אויך דריבר זיין פסק גיזאָגט. וואָס ער האָט אָבער גיפסקת אונ׳ וואָס אין הימיל איז גיבליבין, מען זאָל טוהן אין דעם עסק, האָט דער זאַליניר אַפילו דעם על גביהן אויך נישט גיזאָגט. נור דאָס האָט ער גיזאָגט, אַבאַלד וועט מען אויך אויף דער וועלט וויסין, וואָס ער האָט גיפסקת אונ׳ וואָס אין הימיל איז גיבליבין. אונ׳ מיר וועלין [וויסין], אויב מיר זענין שוין ח״ו גאָר פרפאַלין אונ׳ עס איז פר אונז שוין גאָר קיין האָפנונג פר האַנדין, ביז דער עבירשטיר וועט זיך אויף אונז דרבאַרמין, אָדער אויב מיר האָבין נאָך אונטר אונז עפיס לייט, עס זאָל אָן אונז מקוים ווערין דעם נביא׳ס ווערטיר: עס וועט נישט זיין דיא צייט, וויא איינער האָט דעם אַנדערן גיזאָגט: קום איך וויל דיך לעהרנין וויא גאָט וואָהנט, וואָרין אַלע פין גרויס ביז קליין וועלין מיך קענין, זאָגט גאָט. אָמן סלה ועד.

# גדולת ר׳ וואָלף מטשאַרני אָסטרה

הרב מפּאָלינאָי, דעם בעש"טס תּלמוד מובהק, האָט גיזעהין, אַז דער דור דעה איז שוין אַרויסגעקומין, סיז שוין עיקבא דמשיחא, סיז דיא רעחטי צייט אַלע רזין זאָלין נתגלה ווערין, דעם בעש"טס תורה זאָל אויף דער וועלט נתפּרסם ווערין אומעדים צושן יודין, דיא חידושים ונפלאות מיט עליות נשמות מיט קבלה מעשיות מיט דיא ליבע דרושים אין חדושי תורה וואָס מ'האָט נאָך קיין מאָל אויף דער וועלט נישט גיוויסט.

האָט ער זיך מישב גיוועזן, דאָס קען מען אַנדורש נישט אויספיהרן, סיידן מעמוז אַרום פאָרין צושין קליינע שטעטליך, אָנריידין יונגע לייט, זייא זאָלין שטאַרקע מאמינים ווערין אינים בעש"ט אין זייא ווייזן דעם דרך וואָסיז גאָר גרינג אוף דער העחסטיר מדריגה אין הימל אַריין קומן, אין דאָרט אויס וואַנדרווין אַלע היכלות.

נאָ, מוז מן אַזו טאָן: אָנעמין באַם אַלטין וויסלאַצקין אין קופעל („וואָס סיז נאָך דעמלט אַדורך גיוועזן") אַ פדיון שבוים, האָטציך עטליחע אלפים זהובים מחייב גיוועזן, אַרום פאָרין אין אויס צאָהלין, אין האָט דרוגין אָן גיהובן צי טאָן. זיין וועג איז עפּ"י רוב אויסגעקומן אובר טשאַרניאָסטרע אין דאָרט שבת האַלטן אודער נעחטוגין.

האָציך צוגים צי גדרייט אַ יונגר מאַן אַ מלמדל, ר' וועלוויל, וואָס האָט פאַר עטליכע טאָליר גיקנעלט מיט קליינע קונדיר בייא הנגיד. דער האָט גיזעהין דיא שווערי אַרבוט פין דעם מלמדות מיט פוציליך קונדר וואָס קענין נאָך נישט רעחט רעדן, נישט קיין שום עברי, קיין שום חומש, מוז מן אַ גאַנצע וואָך גאָר טאָג אין נאַחט אַלץ גערין חזרן דיא משנה שור שוה מאתיים שנגח שור שוה מאתיים, מיט אַלע פולצן — אַז רוועציך שבת קומן פאַרהערן צום פאָטור נאָכין שלאָף, זאָל ער אים דעמלט מיט גרוס הבנה אַלץ ציטרעפין. דאָס איז דער אמת זייער אַשווערע בוטערי אַרבוט. דאָס מלמדל האָציך מישב גיוועזן דאָס אַוועק וואַרפין, בעסיר מיטן פאָלינאָיר רב אַרום צו פאָרין.

דער רב האָט גיזעהין, דער ר' וועלוויל טוג זייער גוט צו דיא זאַכין, ראַיז זייער אַ גישייטור, האָטר אים זייער מקרב גיוועזן. דער ר' וועלוול האָט

אויף אַלע זאַכן גוט אַחטוג געגעבן, אין אַז ראיז נאָר אַהיים גיקומן, האָטער ציזיך אַלע מאָל יונגעלייט פונים שטעטיל צי גשלעפּט, אוך מיט באַלשעמסקי מעשות, מיט חדושים, בוז דאָרטן איז גיוואָרין אַ גאַנץ בונטעל מיט יונגע לייט, טאָג אין נאַכט אַלץ אין איינים, גאָר נפש אחת גיוואָרן.

דיא קאָמפּאַניע האָבן זיך אָנגיהובן אַלע מאָל בעסער צי מאָציווין אין אַלץ אַלע מאָל זיך גרעסער פונים פּראָסטע עולם צי הייבן, זייא גאָר פּאַר בהמות צי האַלטן און זייער קאָמפּאַניע גרוס מאַחן אין גובל אַריין, בוז איטלעחר האָציך געווינטשן צי זייא אַלץ זיך מחבר זיין, איין קארוניעהן זיך אין דער קאָמפּאַניע. —

דער ר׳ וועלוול, מחמת רהאָט דאָ דעם עולם דיא אויגן גיעפונט, איז עריס דער שענצטיר יונגער מאַן גיוועזן, וואָס נאָר אים האָט מן אין מאויל אַריין גיקוקט. ער איז באמת גיוועזן גאָר אַ חידוש פין אַברי׳, ווי אַזו אַלע מאָל נייע חדושים פונים בעש״ט צי דרציילן, נייע מאָדיס אין מנהגים איפ־ציטאָן, וויאַזו דעם גאַנצן עולם מבהיל זיין. —

אַמאָל האָט מן פין טשאַרניאָסטרע באַלייט הרב מפּאָלינאָי פין דער שטאָט אַרויס מיט פּאסטאוצים גיטן מעד, מיט שמחה, מיט גיזאַנג. האָציך פּאַר שמחה דער ר׳ וועלוול אַליין וויא אַמאַרשיליק אובער געקערט אופן פרייען פעלד. אָ דעמלט איז שוין גאָר דער עולם אָסטאפּיעט גיוואָרין. וואָס פּאַר אַ חדושים זייא האָבין דאָ צונד דר זעהן! זיי האָבן שון אַלע גיטראַחט, דאָס איז שוין אַ שטייגר פון אַ בעל מופת.

פין דעמלט אָן האָציך שון אָנגיהובן אין טשאַרניאָסטרע שלש סעודותלך צי ווערין טאָקי בייא דעם ר׳ וועלוולן, מיט אַבוסל אַטרונק צו מאַחין. ער האָציך אובנמאָן גיזעצט, און אָז סיז שון רעחט פונצטער גיוואָרן, האָט ער זיך אָנגיהובן צי קוועטשין, בוסלך וויס זיין תורה אַרוס לאָזין. בוסלך וויס האָט מן אָנגיהובן אי פרעמדע מענטשן צי שלעפּן פין דערפר, יונגע לייט, אי פון נאָהונטע שטעטלך. ראהציך אי גימאַחט אַוויס קאַפּטאַניקל, אי סיך שון אי גאָר אַ פיין יודל גיוואָרין, האָציך שון אי אַלאַנגע לילקע צובך ספּאַראָנזוט, אַפּיין פושקולע מיט טאַבוקע.

דער אָפּשייא פונים עולם איז אַלע מאָל גרעסר גיוואָרן. רהאָציך אַפולי פין זיינע מקורבים אַלע מאָל העחר גיהובן, האָט שון אַלע מאָל דאָסטאַרטשיט פיינע ספורי מעשיות, מער שוטן מיט תורה, בוז ראיז אַרויס גיקומן אוף דעם שטייגר (חאָטש ראיז גאָר קיין שום למדן נישט גיוועזן) אַלדונג אוס צי טייטשן מיט רמזים, מיט בחינות, תנועות, נקודות, רזין, יחודים, זיוויגים, רזין דבחינות, בחינות דרזין וכו׳ אין קץ.

ע״פ רוב האָט ער אָנגיהאַפּט דעם ערשטן פּסוק פון דער פרשה גאָר אָן הקדמות (מחמת רהאָט נישט גוויסט קיין שום מדרש אין שום הגדה) אין האָט אַזו מיט בחינות, מיט רזין גידרייט, וואָסיז גאָר אומיגלך גיוועזן צום פאַר־שטיין. אוטלוחער איז אַוועק גיגאַנגן און האָט גיזאָגט, אַז דאָס איז אַזו הוך,

סיז גאָר אומיגלך איין ילד אשה זאָליס גאָר משיג זיין, אַז נאָר לויטר תקונים.

דאָך איזיס נאָך גאָר אָרום גיוועזן, מחמת דעמלט איז מן נאָך נישט גיקימן אויף דעם שכל און מיהאָט נישט גיוויסט דעם רעכטן אמת אַזו וויא דיא היינטיגע צייטן. דעמלט, אַז מיהאָט נאָר אַגיטניודן ב״ או ג״ זה׳ גיגעבן, איז שון גרוס גיוועזן. זיי האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנין דעם שכל, אַז השי״ת האָט מיין קיין שום זאַה נישט בעולמו נאָר וואָס די צדיקים זאָלן נחת רוח האָבין, נמצא דאַרף מן זייא פיל געלט געבן, זאָלן זייער גיט עסן, גיטע וויינין טרונקן, אין זייער טייערע מלבושים גיין, זייערע ווייבר אין טעכטיר אין אייניקליך אין גרוסע פעריל אין דומעטווארג; פין וועמיס וועגן דען האָט השי״ת אַלדוס גיין אויף דער וועלט באַשאַפן, אַז נישט פין דיא צדוקימס וועגן? קען מן דען זיך משער זיין דיא גדולה וואָס השי״ת מיט דער שכינה האָבן, אַז דער עסט זייער אַגרוסן אָביאַד אין מיטראָגט אים געלט פין אַלע זייטן? אביונים, עניים נעבך נעמן דאָס אונטרשטע ביסל ארומקייט, זענין דאָס מקריב אַזו וויא איין קרבן פאַר דעם צדיק. דער צדיק נאָך דעם אָביאַד, אַז ראיז שון אופגיהובן מיט אַ הופשן טרונק, הייבט ער אָן תיכף אַזונע ברכות מיט פדיונות אַזו צו אַרביטן, ביז ראיז מהפך תיכף מידת הדין לרחמים. דיא ראנדאריס וואָס האָבן זיך אויס גיבראַכט פין גיטעיודנס וועגן זענין היינט דיא פרוצים ב״ח גיוואָרין, מוזן דיא פרוצים תיכף פייגרן. דיא פאַלשע קוויטיס, וואָס מיהאָט דאָ מורא גיהאַט גאָר אַרויס צו ווייזן, ווערן זייא איצט גאָר גרונג צי גינומן. דיא פעקליך סחורה, וואָס איז גאָר אחריות מיטן לעבן גיוועזן, גייהן איבר דר קאַמיר גאָר אָפינטלך, אַבי מעאוסיך נאָר רעכט מקרב מיט אמונה צום צדיק אין מעגיט אים גניג געלט, רזאָל האָבן נחת רוח... אַז ער אַרבוט דאָס גיט איבער אין איז שון מיט אַלים פאַרטוג, לעגט ער זיך שלאָפן שינת צהרים...

נא, מיר האָבן זיך שון ווייט פין אונזר כוונה אין אייגאַנדרן שמיס אַוועק גילאָזט, וואָס מיר וועלן דאַרפין אי״ה וויטור מער מאריך זיין. צונד לאָמר זיך צין אונזער גיטניודן אומקעהרן.

דער ר׳ וועלוול איז אַלע מאָל בוסלך ווייס גרעסר גיוואָרן. דעמלט איז נאָך די מאָדע גיוועזן, גיטעיודן האָבן גידאַוונט מיט גרוסע כוחות, מיט גפולדר, מיט גישרייהן. דער ר׳ וועלוול האָט אָנגיהויבן פאַרן־עמוד שבת צי דאַווינין מיט אַזונע אומגיהיירשע גישרייהן, מיט אַזוני גוואַלדיגע קולות. צי קדושה אוז ער דרייא מאָל אונטר דר סטעליע אונטר גשפרונגן, און אַלע מאָל האָט ער זיך מער פאַרבעסרט מיט שטאַרקערי גוואַלדיגע געפולדורייא, וואָסיז גאָר אומיגלך גיוועזן אויס צי שטיין. אוטליכער האָט בפירוש גיזעהן, דאָס איז עפיס גאָר נישט מענטשלך, האָטש ספלייגציך אי גרוסע עמארצושע גרייזן אין דער עברי פין אים אַרויס חאַפין; סיז אָבר גאָר הבל, וואָרן קען דען אַ מענטש, וואָז זיין נשמה איז גאָר אין די הומלושע היכלות, דאָ אויף דעם

עולם דרהיטן דיא צונג מיט דער עברי? אין דאָס אַנדערע, ראוז טאָקע דרונין קיין גרוסר יודע נישט גיוועזן. דאַרף מן זשע דען פאַר השי"ת שיין רעדן? דר עיקר איז, מיזאָל אין דאַווינין יחודים מאַכין אין זיוויגים, כמבואר בספרים רבים...

רבנים פין דיא סביבות האָבן דאָס גיוואַר גיוואָרין, איז זייא דאָ זייער פרוקרע גיוואָרן. וואָסטייטש! דער כבוד פין דר תורה, פין ערליחקייט, פין מדות טובת, פין יוחס אין פאַניבעריעשאַפט האָט גאָר איין אָפשלאָק! איז דאָ זייא זייער פינצטער אין דיא אוגן גיוואָרין, האָבן זיך אָנגיהויבן אינטר צו זאָגין און האָבן בתחלה אָנגהובן צי גיפולדערן מיט גרוס מחלוקת אוף דער קאָמפּאַניע.

הרב מקרעמניץ האָט אומיסנע אויסגירעחט שלוחים קיין טשאַרניאָסטרע גיוואָר ווערין וואָסידאָס אַזונס נייס, וואָס טיציך דאָס אויף דער וועלט? נאָר מחמת דיא לייט דאַרפן תמיד מענטשנס לאַסקע, העטן זייער ביי אוטליכן נושא חן גיוועזן, אין זעהן דאָ דיא קאָמפּאַניע ווערין אַלע מאָל מער אין שטאַר-קור, זענין זייא אַנטשטולט גיוואָרן.

א טייל פין זייא האָבן זיך צי זייא באונס גמוזט מקרב זיין אין זיך טאָקי רעכט מחבר זיין. דיא האָבין דאָ נאָך טאָפּול מרויח גיוועזן: אין זייערן זענין זייא זעכער גיוועזן, אין זענין נאָך גרוסי לייט אוך גיוואָרן.

דער ר' וועלוול איז אַזו אַלץ מעלה מעלה גיגאַנגין. אורחים זענין אַלץ אַלע שבת מער גיוואָרן. דיא ש"ס זענין אַלע מאָל גרעסר גוואָרן, אַלע מאָל מער מעד, אַלע מאָל מער בראָנפין, אַלע מאָל מער תורה. מוהאָט גיזונגן, גיפּליעסקוט, גיטאַנצט, מי האָט שון אי אַבלאַזן אומיסנע אוך צו גיבימן, מיהאָט אים גיט גיצאָלט, רזאָל נאָך מאַכן וויא איין רב, וויא איין למדן, וויא איין טערק, פיל נייע שטיקלך וואָס גאָר חידש, אַלץ, סי זאָל דיא מרה שחורה אַוועק טרייבן, נאָר חדותא זאָל זיין.

סוז כדאי גיוועזן. ווען אורחים האָבן נאָר דאָס גיזעהן, האָבן זייא שון זייערע גרויסע הוצאות אומזוסט נישט אוס גיבראַחט, בפרט עפ"י רוב נאָר יונגע לייט, וואָס אַזויני זאַחן איז אין זייא זייער אָנגלייגט. אַז זייא זענין נאָר אַהיים גיקומן, האָבן זייא שוין חוזק גימאַחט פונים רב מיט זיין תורה, פין פאָטור אין מוטער מיט זייער גוט אין פרומקייט, פין אַלטע לייט מיט זייערע הנהגות טובות. זייא האָבן דיך שוין צוגד דעם רעחטן אמת דרזעהן, אַז דאָס אַלץ איז נאָר הבלי הבלים, דער רעחטער דור דעה איז שון ב"ה צונד אַרויס גיקומן, מידאַרף מיין נישט נאָר רעחט נקיות האָבן, דיא מרה שחורה אַוועק טרייבן מיט אַגוטן טרונק בראָנפין, מידאַרף נאָר פולניוון אַלע מאָל האָטש צי שטיקליך זוהר זאָגין, דאָס איז מסוגל צי דער נשמה—דרציילן ספורי מעשיות פונים בעש"ט אין פין אַנדערע גוטעיודן.

מהאָט אָנגיהובן צו דריקן ספרים פין גוטע יודן מיט די נייע תורת. דעמאָלט איז מפורסים גיוואָרן צישון יונגע לייט דיא פשוטע טייטש פונים

פסוק: אל תפנו אל האובות, גלייך סיהעט גישטאַנין אל האבות,—סוז טייטש מיזאָל זיך גאָר בעסקי דשמיא אויף פאָטער אין מוטער נישט אומקיקן. האָבן זייא גאָר אָנגיהויבן בפרהסי׳ מורד זיין אין פאָטער אין מוטער, אין שווער אין שוויגער, האָבן דרהיים דאָס שענצטע אין דאָס בעסטע גיגנביט אין האָבן דעם רבי אַהיים אָ גיפירט...

דער ר׳ וועלוול איז באַלד צי אַ הופש בוסל פאַרמעגן גיקומן, האָט אָנגיהובן אַבוסל אופציפירן מיט מלבושים, מיט כלי=בית, האציך אי אַפיינע שטיב אויס גיבאויהעט מיט אַ באַזינדער מנין, האָט מקרב גיוועזן הופס פאַקטוירים, מ׳זאָל אים אין שטעטעל מאַחן פאַר רב.

רהאָט דאָס אין קורצע צייטן אי גיפועלט חהאָטש רהאָט גאָר נישט גיקענט אין קליינים ש״ע (אין גרוסן פשיטא נישט). רהאָציך גימאַחט איינים פין זיינע לייט פאַר מורה הוראה אין האָט נוהג רבנית גיוועזן.

דרנאָך האָט ער אָנגיהובן אוף דר וועלט בוסלך ווייס אין דיא סביבות אַרוס צי פאָרין. אין וועג האָט ער בייא דיא עלטערע גיטע יודן אָפּ גיטרעטן. דאָס ערשטי מאָל איז ער גיוועזן בייא ר׳ זוסין. איז אים ר׳ זוסי׳ אַקייגן גיגאַנגן אין האָט גיזאָגט: ריח ג״ע שמעקט פין דער באויד אַרויס.

נאָ! האָט מען אים שון אָנגיהובן ריפן רבי. רהאָט גיבענטשט איטליכן, ווייבר אין קונדר. אַלטע לייט האָבן זיך אויך ביי אים גיבענטשט. אין דעם בענטשין האָט ער גיהאַט אַ סגולה, רפלעגט דיא הענט לייגן אופן קאָפּ אין מיט דיא פונגר אובר טאַפּן אין קוועטשן איטליחס גליד אין איטליחס ביינדל אין קאָפּ, אין אַלץ אַזו דאָרכאַנאַנדער גיקוועטשט אין אובר גיטאַפּט דעם קאָפּ. סהאָציך פאַרשטאַניך, מחמת רהאָט אַלץ וואָסיז דאָ אין קאָפּ מסתמא גוט אָנגיטאַפּט אין האָט אויסגעבראַקוויט וואָס סיז גיוועזן מסיטרא דגבירא לסיטרא דרחמים אין גוט אַריין גפראַוויט...

דאָס בענטשין איז דר אמת געלט ווערט גיוועזן, דער מענטש וואָס האָט דאָ בתחלה און זון גיהאַט עפּיס אַקלייניקייט דעם רבי געבן, אַז רהאָט אָבר אַזו איין גיטרייא בענטשן דאָ צונד טאַקי בחוש דר פילט, וויא אַזו ער איז דאָ צונד גאָר איין אַנדרר מענטש אין איין מוניט גיוואָרין, האָציך אים תיכף גוויס דאָס האַרץ גיעפונט מיט נדיבות אויף כפלי כפלים, כמעט וואָס רהאָט זיין אייגנס דעם רבי אַוועק געבן.

סיז אָבר דאָ גיוועזן באָהונט אין דוניבוץ ר׳ שעיילא, איין אַלטר גיטער יוד, וואָס דיא אַלע יונגע גוטעיודן האָבן באַדאַרפט פאַר אים תרבית האָבן, אין דער ר׳ וועלוויל פלעגט אוך מוזן עפ״י רוב בייא אים אָפּ טרעטן, מחמת חוץ דעם וואָס ראיז ג׳וועזן איין אַלטער גיטעריוד, דעם בעש״טס תלמיד, איז ער נאָך אַ גרייז=גראָהער מענטש מיט קאָלטיניס אין דר באָרד אין אין דיא פיאות, מיט גרוסע שרעקליכע ברעמן אובר דיא אוגן, מיט איין אַלטער ווייסער זש׳ופוצע, פאַרשמירט מיט פיל טאַבוקע, — בקיצר רהאָט אַקראַט אַפנים גיהאַט וויא איין מלאך...

נאָ, דאָס איז נישט צים אמת אַ רעכטער תכלית, מחמת די גוטעיודן דאַרפן נחת ריח אין הרחבה צו זייער עבודות הבורא גאָר לאין תכלית, אין דאָ איז אין דעם פּאָדאָליער ווינקעל דיאביידע גוטעיודן אַבוסל ענג. האָציך דער ר׳ וועלבל מישב גיוועזן אין האָט דעם ר׳ שעיילין אַליין אָ גיפירט קיין יאַנוב אין דער אָקריינע, דאָרט אים פאַר מגיד מאַכן. נא מילא, איז אים שון דאָ אין פּאָדאָליע גאָר גראַם גיוואָרן. חאָטש אין אַנדערע ווינקלן אין ליטע אין אָקריינע האָבן זיך שון פיל גוטעיודן ראַזמנאַזי׳ט (אַזו וויא דער בעש״ט האָט נביאות גיזאָגט: אַז דיא זון וועט אונטרגיין, וועלן פילי שטערן לייכטן).

דאָ אין דעם ווינקל איז ר׳ וועלוויל איין יחיד בדורו גיוועזן. אַלע ימים נוראים זענין זיך גאַנץ פּאָדאָליער דיא שענצטע אין דיא רייחסטע יונגעלייט צומוף גיפאָרן צין אים, דעם רבים תורה הערן אין זעהין תניאלך, אין טאַקי דרעיקר צי נעמן איין תיקן צים נפש, מיזאָל שון פאַרזאָרגט זיין בזה ובבא. אוטליכר האָט דאָס זייניגע גיפועלט אין איז מיט גרוס שמחה אַהיים גיפאָרן, זאָט גיוועזן מיט תענוג רוחני, אוך מיט די גיטע שמיסן וואָס דיא רביצן האָט גימאַכט, מיט דעם גוטן מעד וואָס מיהאָט גניג גטרונקן, מיט פיינע ווערטליך וואָס מיהאָט פונים בלאַזין גיהערט. מיהאָטוס אַלץ גיט אוברגיחזרט, מזאָל האָבן דרהיים דרציילן. בפרט אַז דער רבי האָט שון אָנ־גיהובן אופציפירן מיט גיטע מאכלים, מיט קאַוויס, מיט משקאות, זענין אים שון קיין עה״ר דיא בעקליך זייער פיין גיוואָרן, אוך מיט אַבייכל. אַז רהאָציך נאָך דיא נייע ווייסע זשופוצע אָן גיטאָן, האָטער גאָר גישיינט. מיהאָט בפירוש גיזעהן נאָך איטליכר סעודה קרן אור פניו, וויא איין בעל רוה״ק. ראוז אַ מפורסים פאַר אַ גאַנץ גרוסן גיטן יודן שוין אומידום גיוואָרין.

דעמלט האָציך אָנגיהובן אין דר מדינה צושן אַלע גיטעיודן דיא גשליפונע שוחטים מיט דיא חלפים צי ווערן. מיהאָט אָנגיהובן צי זאָגן, אַז דער הײנטיגער דור דעה האָט שון זוכה גיוועזן גיוואָר צי ווערן פין דיא חלפים מוט דער הרגשה, וואָס מימי משה רבינו אָן האָט מן דערפון גאָר נישט גוויסט. אובר דעם האָבן אַלע יעני פרירעדיקע דורת קיין רעחטין תיקן נישט גיקענט האָבן אַזו וויא דיא הוצטוגע דורת, וואָס אַלע סתרי סתרים ווערן אַלץ אַלע מאָל מער נתגלה.

אין מיהאָט דאָס טאַקי בחוש דרזעהן מיט אַשטאַרקן מופת מיט פיל עדות. וואָרן אַז מיהאָט אָנגיהובן דיא אַלטע פרירדיגע שוחטים אָפער צינעמן אין זיי מעביר זיין פין זייער פרנסה, אַטייל פין זייא, דיא גראָבע יונגגן (כאָטש אפילו זענין ערליכע לייט אין יראים גיוועזן, נאָר דרקייגן האָבן זייא נישט גוויסט פין הײנטוגע שכלין), האָבן זייער גיאַקשנט, האָבן גי־טעניט: וואָס טייטש! מימי אבותינו ואבות אבותינו האָבן פין דיא חלפים אין הרגשות נישט גוויסט, האָבן זייא דען חלילה טריפות גיגעסן? האָבן בשום אופן דעם אמת נישט גוואָלט מודה זיין; זענין דר אמת נדחה גיוואָרן מיט

בזיון פין זייער פרנסה. דיא קלוגע אָבר האָבן תיכף דעם אמת אויסגיזאָגט, אַז דאָס איז טאַקי גאָר קיין חלפים נישט גיוועזן בוז אַהער, זייא האָבן אָנגיהובן גאָר אַנדערע מיני הרגשות צי האָבן, אין האָבן בפירוש גיזאָגט, אַז בוז אַהער האָט ער גאָר נישט גיוויסט פין קיין הרגשות, רהאָט גאָר מאכיל טריפות גיוועזן. האָבן זיך אויסגילערנט דיא גשלופינע חלפים, האָבן זיך בכל לבבם מקרב גיוועזן צי גוטעיודן אין זענין נאָך בייא בעסערי פרנסה גבלובן...

נאָ דארפמן זש'ע אַבעסערן מופת אז וויא דיא מענטשין דיא שוחטים האָבן אַליין בפירש דעם אמת אויסגיזאָגט בפני כל עם ועדה, אַז יענץ איז גאָר קיין הרגשה אין קיין חלף נישט גיוועזן? דאָ האָט מן גיזעהן בפירש, וויא מן השמים האָט מן דאַרך דיא גוטעיודן מגלה גיוועזן אין דיא אויגן גיעפונט, אַז דער דור דעה זאָל דאָ גאָר אין גאַנצין האָבן אַ תיקן, אַזוי וויא מידאַרף בעיקבא דמשיחא...

דער ר' וועלוויל האָט אויך אַפיינים גשלופינים שוחט קיין טשאַרניאָסטרע ציגינומן. ראוז אַפילו גאָר איין ע"ה גיוועזן, דר קעגן אוזר אבר אַלופטיג מענטשיל גיוועזן; האָט שון גאָר גוט גוויסט פין דיא הייניגע חכמות. האָבן שון דאָ גימוזט אַלע שוחטיט פין דיא סביבות אַהער קומן לערנין, נמצא האָט מן שון נישט גידאַרפט אַזו וויא פאַרצייטן קבלה בייא דיא גדולים נעמן. דער וואָס האָציך באַרימט, רהאָט איין קבלה פין ר' מענדילין אודר פין ר' דודלן דיא סטנאבור גדולים נ"ע, האָט גאָר נישט בטייט, מיהאָטים גאָר אויסגילאַכט...

דיא שוחטים מיט דיא גשלופינע חלפים זענין אין אַלע שטעטליך זייער תכיף גיוואָרן, זייא האָבן זייער גיניצט מאסף זיין מעמדות אין נדבות פין בעלי בתים, פין נגידים, פין גיטע 'ודנס וועגין. אין אוך אומידום דר אָפלאָג פין וואַנדראַוונע חסידים עפ"י רוב נאָר בייא דיא שוחטים גיוועזן. למשל, דער וואָס גייט פין מרחקים אומיסנע צי גוטע יודן — וויא וועט ער זיך פרייגן ערגיץ אַסטאַנציע, טאָמער וועט ער גראָד אָנטרעפן צי דעם פאַרצייטוגען בעל-ביית? — איז שון אַגוויסע סטאַנציע אומידום גיוועזן באַם שוחט, מסתמא איז ער גוויס פין דעם דור דעה. וויא גייט מן זיך צומוף אַגוטן טרינק בראָנפן טאָן, סיז אפשר נישט שיין פאַר לייט? נאָר צום שוחט. וויא מאַכט מען אוך ש"ס דאָרט, וויא קיין גוטריוד איז נישטאָ? נאָר באַם שוחט.

דאָס באַדערפוניש פין דיא שוחטים איז אָבר זייער גרוס גיוואָרן דאָס אַלץ אוס צו שטעהן, האָט מן אומידום זייער הכנסה גיהעחרט. למשל, יעני צייטן פלעגט מן דינגן בייא קהל דיא שחיטה, דר שוחט זאָל צאָלן, אים זאָל מיין נישט בלייבן נאָר ה' או ו' זהו' לשבוע, רזאָל זיך מסתפק במועט זיין. צונד האָט מן אַזו גיפולדרט אובהן גאַנצן עולם, אַז מעמוז אַפולי פין ארומע לייטס נתינה אָפ רייסן אין דעם שוחט געבן, מחמת רשטאַרבט טאָג אין נאַכט פאַר הונגר. אין אַלץ אַלעמאָל וואָס אַ גוטר יוד קומט אין שטעטיל

אריין צו גאַסט, מוז מן אַלץ דעם שוחט דיא הכנסה העחירן, בייא קהל פון אָרומעלייטס נתינה אַוועק נעמן אין אים געבן, חוץ דעם וואָס מ'דאַרף גיניי־טוג פון קהלס געלט דעם גיטן יודן זיינע מעמדות אין דיא גרוסי נדבה ל"ע געבן.

אין דר אמת איז טאַקי אַזו, ווען אַפולי גאָר די נתינות וואָס מישלעפט בייא אָרומעלייט דאָס בעט גיוואַנט, ווערט דאָ אין דיא זאַחן גאָר דרטרונקן, בלייבט דערפון נישט אי אַגראָשין, איז אבר הונדרט מאָל אַזו ווערט וואָס יודן עסן שון אַזו כשרס אין האָבן צום נפש אַרעחטן תיקן, וואָס זייא האָבן דאָס גאָר לאַנגע צייטן נישט זוכה גיוועזן.

דער ר' וועלביל האָט אָנגיהובן מיט דעם שוחט אוף דר מדינה אַרוס פאָרן, בכדי טאָמר טרעפט מן אָן ערגיץ ניט אַזו אַרעחטין שוחט, וועט חלילה דער רבי נישט האָבן צו עסין. אין ווידער אומידום דיא שוחטים דאַרפן בייא זיין שוחט איין הודעה נעמן. אין כדי סאל אים טאַקי זיין היימליכר אין לוסטוגר אין וועג: וואָס מער מענטשן פאָרן מיט אים, איז אַלץ דר נחת רוח גרעסיר, אוטליחר באַזונדר קען אַנדערי מיני ווערטלך, מילי דבדוחותא וואָס איז מרחיב דעתו, סיזאָל אוף אים זאַיעדנע ריח הקודש שורה זיין...

נאָ, אַז סיז שון בייא דער גאַנציר מדינה מפורסים גיוואָרן דער ר' וועלביל פאַר אַגוטן יודן, דאַרפמן זיך שון מיט אַנאַנדרן גיטן יודן מיט זיין בחורל משדך זיין. מיהאָט אָנגיהובן דעם בחורל צו ריידן גרוסע שידוכים, מיט נגידים, מיט פיינע בריוס, נאָר מחמת ראיז גיוועזן פון זייער אַגמיינער משפחה, זיינע אַשוועסטער איז גיוועזן אַמפורסמע בעסטיע, האָט גימוזט מחמת בושה מימר דת זיין, דיא ברידר זענין גוועזן גרוסע פוחתים, מסירים, הולטייעס, מיט זיין אַלטן פאָטר האָטר זיך אַליין גישעמט, אַז רפלייגט אופט קומן צין אים צו גאַסט, מחמת זיין גראָבקייט אין פחותות, נאָר איין ברודר, פייביש דר זאמחובר איז עפיס איין בר אורין גיוועזן, נישט מער. נמצא, איז דאָ עפיס צין אַשידוך ל"ע נאָך נישט זייער גלאַצנדוג גיוועזן.

האָט ער זיך משדך גיוועזן מיט ר' פייבשל זברוז'ר. דער דאזגר גוטר יוד איז נאָך דעמלט גאָר אַקאָרגר מפורסים גיוועזן אין האָט גיהאַט אַ מיידל פונים ערשטן ווייב וואָס ראהט זיא גיגט, מחמת מיהאָט אוף איר מרנן גי־וועזן. מיט דעם ר' פייבשלן אין מיט דעם מיידל האָט ער זיך משדך גיוועזן.

סיז אָבר אין דעם שידוך אַגוטער טעם גיוועזן מיט אַגוטער כונה, וואָרן דער צדיק האָט זייער ווייט גיקוקט. דער ר' פייבשל איז גיזעסן אין זבריז באַם קאָרדאָן. דאָרט איז נאָך די נייע ווינדערליכע זאַחן גאָרנישט באַקענט גיוועזן אין דער מדינה, חאָטש דאָרט אובן אין לאַזש'ענסק האָציך שון אָנגהובן פון ר' מלך דיא שמועה ראַזמנאָזש'ען, דאָ אָבר אין גאַליציע איז נאָך גאָר נישט נודע גיוועזן פון דיא אַלע זאַחן. דאָך איזדעך אָבר עיקבא דמשיחא, וואָס יודישע נשמות פלאַקערן אין צאַפלן גאָר צו דיא רזין, אין האָבן אָנ־

גיהובן פין אורחים, אַלערלייא ווייגסלייט, עפּיס גיוואָר צי ווערין, יונגעלייט האָבּין זיך אָנגעהובן דרפין צי שושקין. אמת אוזיס, דאָרט האָט טאַקי גיקערט דאָס זאָל פּאַר זייא אַסוד בלייבּן, סקומט גאָר אין זייא נישט, זייא זאָלין ווּיסן פּין עפּיס רעחץ. כּנודע, אַז דער רבּי ר׳ בער מעזריטשער האָט דאָס ערשטי מאָל פּולן צי טיילט, האָט ער בּפירש גיזאָגט, אַז דאָס ווינקל, מחמת זייא גלייבּן נישט אין קדושת כּתר, דאַרף זייא דר קיסר אָפּנעמן — לשון נופל על לשון; נאָר מחמת פיל גוטעיודן האָבּן פּאַר זייא פיל תּפלות פּאַר־בּראַחט, זייא זאָלין נעביך אוך אַתיקן האָבּן, האָבּן זיך פיל צאַפּולדיגע ייִנגע נשמות דער לעבּט אַן עליה צי האָבּין אין האָבּן זיך דאָ אַרוס געיאַוועט. בּפרט דעמלט האָט דאָס ווינקל רייך גיהייסן אַקייגין אָקריינע אין פּוילן. במצא, אָט דאָס גיהייסן גאָר אופן פּולן טייך. קיין גוטע יודן זענין דאָרט גאָרנישט גיוועזן, יונגע לייט מיט פיל געלט וואָס האָבּן נאָך דיא זאַחן גי־חאַלושט זענין אימדים אין אַלע שטעטליך בּאַ דר גרעניץ פול גיוועזן, — במצא אַז דער ר׳ וועלוויל פּלעגט אופּט אַמיסנע אויף שבתים צים מחותּן קימן צי גאַסט. נאַ, האָבּן זייא זיך שון פּונים גאַנצין ווינקל, אַהין גיצוגן אובּרן גרעניץ אַריבּר קיין זבריז׳.

דאָרט איז גיוועזן, אַז דיא בּיידע גוטעיודן, דיא ליבּע מחותּנים, זענין זיך צומויף גיקומן, גאָר דער ג״ע. למשל, וואָס פּאַר אַגדולה איז דאָ גיוועזן, אַז דיא בּיידע זענין גיזעסן בּאַם טוש פּרייטוגצינאַחץ! כּל מיני מעדנים האָט דיא בּלונדע רבּיצין, אשת ר׳ פּייבשל, דרלאַנגט צום טיש, אין מיהאָטס מחמת שמחה אין וועג צי חאַפּט, האָט מן ווידר אַלע מאָל אַנדרס דאָסטאַרטשיט. וויפיל משקאות האָט מן דאָס אויסגטרונקן! וויא פיל האָטמן דאָס גיטאַנצט! וויא פיל האָטמן דאָס גיפּליעסקיט! טאַקי בּחוש האָטמן כּמעט גיזעהין, וויא דיא פּמליא של מעלה איז דאָ גאָר אין גאַנצין גיקומן, אין דיא צדיקים זענין גיזעסן ונהנין מזיו השכינה. בּפרט אַז דיא בּיידע בּלאַזיניס זענין דאָ אין איינים גיוועזן (וואָרן דער ר׳ פּייבשל האָט גיהאַט אַ בּאַזינדרן בּלאַזין, לאָזר דעם האָסיאַטיניר רופאיס, וואָס ראיז גאָר אַ נפלא עד היום אַ מפורסים מיט זיינע חכמות אין קליגע זאַחן), איז גוויס אַ שמחה אין אַ גלעחטער גי־וועזן, וואָס איז גאָר אין דר וועלט קיין מאָל נישט גיוועזן אַזו אַ חידושי־אשרי עין ראתה כּל אלה.

נאַ, האָט מן דרנאָך בּיידע רבּיס פּאַרגיטיקט, אין אַז מיאיז אַהיים אַהיים גי־קומן, האָט מן שוין מיט מסירות נפש גיגאָרליוויט גאַנצע קאָמפּאַניוס, מיט בּאַזונדערע מנגנים, מיט ש״ס, מיט מקוואות פּאַראָנדקוס צי מאַחן, מיט מעמדות, דיא בּיידע רעבּיס מיט גרוסע נדבות אין מתנות, איטליכן רבּי בּאַזונדער. וויא פיל נשמות האָט מן דאָ מעלה גיוועזן! וויפיל יונגע לייט נעבּיך, מיט געלט, מיט תּורה, פּייניבּריעשע קינדר, האָטמן דאָ גאָר דיא אוינן גיעפּנט, מיהאָט זייא דעם תּכלית השלימות גיוויזן! וויפיל האָט מן דאָ דיא פּאַרציידוגשע גראָבּיאַניס, דיא לומדים, גאָר אין דער בּלאָטע אַריין גי־

לייגט, וואָס זייא האָבן נישט גיוואָלט דעם אמת אָנעמן, זייא האָבן נישט גיוואָלט קיין אמונות חכמים, אפולי אינים בעש"ט גופא האָבן זייא אוך מפקפק גיוועזן — זייא האָבן קלאָמרשט עפיס דעם בעש"ט אַליין נישט מגנה גיוועזן, אבר דאָס איז נאָר גיוועזן לפנים. אַ טייל פין זייא (וואָס זענין גוויס גוועזן פינים ערב רב) האָבן טאַקי גיזאָגט בפירש, זייא גלעבן גאָר נישט אַפולי אונים בעש"ט גופא. מיהאָט זייא אָבר ב"ה גיט באַגראָבן אין אַלע ווינקלן, אין בה"כ אין און בתי מדרשים, ווען מעאוסיך מיט זיי צומוף גיקומן, האָט מן זייא מבזה גיוועזן בתכלית הבזוי, מיהאָט זייא גיוויזן וויא זייא זענין גאָר פאַרבלאָנדזט, זייערע נשמות וועלין אייביק קיין תיקן נישט האָבן.

׳ בפרט דער ר׳ אבלי בוטשאטשער — אמת, ראיז גיוועזן אַגרוסר מופלג בתורה, אַגרוסר משכיל, נאָר מחמת ראוז איין עושר דר צי אוך גיוועזן אין דר גרעסטער נכבד אין שטאָט, רהאָט קיינימס לאָסקע נישט גידאַרפט,—דער האָט גאָר גבראָחן אין אמינות חכמים. מיהאָט אים דר אמת פין דעם דור דעה זייער תמיד באַרעט, ראיז אבר אַלץ בייא זיינים תמיד גבלובן, ביז יום מותו האָט ער אַלץ מסרב גיוועזן אין פלעגציך אומיסנע דאָס פאַר איין עסק מצוה האַלטן זיך צו רייצין מיט דעם גאַנצין דור דעה, אַזו וויא מיר וועלן דאָ וויטער שרייבן, וואָס רהאָט בסוף ימיו גיטאָן דעם ר׳ וועלבלן אין אוך אַנדרע גוטעיודן.

סיז אַפולי אַגרוס חידוש גיוועזן, אַז אַגרוסער מופלג בתורה, אַזו אַ יחסין, אזו אַ חכם, אזו איין ערליכר מאַן אין מדקדק במצות זאָל זיך צין אים גאָרנישט ציקלעבן פין דיא אַלע חדושים ונפלאות וואָס מיהאָט אים אַלץ טאָג אין נאַחט דרציילט, וואָס דער דור דעה האָבן מיט זייערע אוגן גיזעהן. אַמאָל אַז מ׳האָט אים טאַקי גיוויזן בפירש, וויא אַ פריץ אוז מת גיוואָרן פינים רעבינס פדיון, ווייל רהאָט זיין געלט גימאנט בייא איין נגיד, האָט ער גאָר גיענפרט וויא אַ פראָסטיק. פאַר וואָס קומט דען דעם פריץ איין עונש, אַז רמאָנט זיין אייגן געלט? נא, הערט מן גאָר אַזו איין אַפיקורסיס? וואָס טייטש! דאַרפמן זשע דען ניט פין אוה"ע, פין דר קליפה אין דר קדושה, אַריין ברענגין מיט כל הכוחות? אַמאָל האָט מן אים דרציילט פיל גרוסע חדושים פין דיאביידע מחותנים דיא גוטע יודן; דער מספר המעשות הללו זאָגט אים בפירוש, ווען ער אַליין העטיס מיט זיינע אוגן נישט גיזעהן, העטעריס גאָר נישט גגלייבט אַזונע חדושים ונפלאות. נאָ, דעמלט ענפרט דער ר׳ אַבלי: „אַ יוא, דיא העטטיס אַליין נישט גגלייבט, ווען דיא העסטיס מיט דיינע אויגן אַליין נישט גיזעהן? איבר דעם טאַקי גלייביך דאָס אוך נישט". אַזו פלעגט ער זיך תמיד יומם ולילה מיט דער קאָמפאַניע מתווכח זיין אין אַלץ בייא זיינים גבלובן. אין תמיד גיטראַחט אוף רדיפות אין שפוצליך; וויא וויט רהאָט נאָר גיקענט דר לאַנגן אייבים פון דעם דור דעה, איז בייא אים דאָס גאָר אַ קרבן גיוועזן. אָ! פלעגט מן אבר אין אים אוך גאָר ניט פאַרגעסן, בייא אַלע בעסטי ש"ס, באַ אַ גוטן טרונק האָט מן אים גאָר

אוסן מויל ניט אַרוס גילאָזט. אַלע גיטע יודן, אין אוך דער עיקר דער ר׳ וועלבל מיט דעם ר׳ פייבשן, האָבן פיל תפילות אין פדיונות פאַרבראַכט, דעם אַפּיקורים אויס צו קאַריניעהן, סהאָט אָבר אַלץ נישט גיהאָלפן, מחמת דיא סטרא אחרא האָט נאָך דעמלט גיהאַט אַשטאַרקן כוח, וואָס מיהאָציך מיט אים נישט גיקענט קיין עצה געבין.

דרוויל האָציך דאָרט אוך אין אַלע שטעטליך אומידום דער דור דעה שטאַרק ראַזמנאָזש׳יט, מיט גרוס התלהבות זייער ברענינדיג, מיט גרוסע פאַראנדקיס, אין זענין אַלע נאָר אָנגיקלייבט גיוועזן אין דיאביידע מחותנים דיא רעביס. הולטייעס אין האָליאַשטשע מענשן האָבן דאָ גאָר זייער עוה״ז גיקרוגן, דער בייזר האַלז האָט דאָ מיט עסין אין טרונקין גרויס פאַר גיניגן גיהאַט. אַפּולי אי פרומע לייט, וואָס האָבין נאָר שלאַפע קעפ מיט ווינציג שכל צי פאַרשטיין וואָס אמת אין שקר איז, האָבן מורא גיהאַט מהרהר צי זיין אוף שלעחטן, אין אַזוני טופשים האָבין זיך גיקנייטשט דיא קעפ פותר צו זיין דעם רבינס נערושע שיחת־חולין אוף רזין דרזין. אַזו איז פין אַלע זייטן דיא נייאע מאָדע שטאַרק גיוואָרן.

נמצא, איז דאָ דעם ר׳ וועלבלן זייער גראַם גיוועזן, דאָס גאַנצי ווינקל איז גאָר זיין גיוועזן, אין אוך פונים גאַנצין קאָרדאָן האָט מן אים אוך דר־לאַנגט. האָציך אבר דעמלט געיאַווויט קיין מאקיווע נעבן קאמניץ אַ שטעטיל, איז אַראָפּ גיקומן אַ יונגר מאַן, זייער אַפּיגע אסאָבע, אַ גוויקס מיט אַ בעל־צורה, פאָרטאָ פין ר׳ פנחס קאָרוציר (דער ר׳ פנחס איז דעמלט גיוועזן דר גרעסטר גיטער יוד אין דר גאַנציר מדינה, וואָס אַלע גוטע יודן האָבין זיין הסכמה גידאַרפט). ער האָציך גינענט ר׳ משה, פין דיא גרוסע חשובים בייא דעם ר׳ פנחסן, און איז איין אלמן, שדכנציך דאָ אין שטעטל, וואָס רהאָט דרזועהן איין בעה״ב טאָחטר איין יפיפי׳. מ׳האָט אים דאָ תיכף בשמחה רבה גיחאַפּט, מיהאָט אים מיט דעם ווייבל חתונה גימאַכט.

דער ר׳ משה איז גיוועזן גאָר אַ חידש, וואָס מיהאָט נאָך אין דער מדינה גאָר נישט גיזעהן אַזאַ ווינדער, מיט אַזו התלהבות, מיט אַזו פיל תורה, מיט אַזו בקיאות אין זוהר אין און אַלע כתבי האר״י, מיט אַזו פיל מופתים, מיט עליות נשמות, וואָס אוטליכר האָט מיט דיא אוגן גיזעהן...

דער עולם פין דר גאַנצר סביבה האָציך מיט הענט אין מיט פיס אָנאים אָנגיחאַפּט. דאָרט האָטמן שון טאָקי תמיד טאָג אין נאַכט גטרונקן משקאות. דאָרט האָט מן שון אַלץ גיטאַנצט באַם שש״ס, מהאָט גיזעהן, וויא נשמות פיל וויא מאָהן קומן אוף איין תיקן, מהאָט בחוש גיזעהן, וויא דיא אַלע נשמות ווערן דארך דיא תפילות אין שירים ותשבחות אופגיהובן אין זייער אָרט אַריין, אין נאָך אַנדערי מופתים וואָס כמעט אין שבחי בעש״ט געפינטמן דאָס גאָר נישט. דערצי איז ער נאָך גיוועזן אַ שטיקל למדן, רפלעגט זאָגן איין מדרש פליאה (וואָס מע געפינט אים גאָר אין ערגיץ נישט) אין האָט מגלה גיוועזן דאָס פירש עפ״י גימטראות באַ״ת ב״ש וא״ל ב״מ מיט גרוס חריפות,

צי גיצוגן שטיקלך זוהר מיט כתבי האר״י, וואָסיז גיוועזן גאָר חדישום ונפלאות צי הערן.

נא, איז דעך דאָ דעם ר׳ וועלבלן אין דער נאָז אַריין. סהאָט שון אפנים גיהאָט, אַז דער ר׳ משה איז פיל גרעסער פין אים, דרצי נאָך אוז דער ר׳ משה אַלע מאָל ווידער צי ר׳ פנחסן קיין קארץ גיפאָרן אין האָט דיא הסכמה אַלע מאָל בעסיר פאַטווערדיט.

נאָר מיר האָבן איין כלל, אַז אונזר רבי ר׳ וועלבל איז אַגרוסר חכם: ווען סיז אפשר דאָ גרעסערי גיטעיודן פין אים, מיט זיין חכמה האָציך קיינער אוף דר וועלט נישט צי גלייכן צין אים. האָט ער זיך מישב גיוועזן אין האָט מיט אים בלאַט געשלאָסן, האָט אָן גיהובן צי פאָרן צי דעם ר׳ משה מאקיבר. דער ר׳ משה האָט אוף אים גרוס כבוד גיליגט, האָט אויף אים מעיד גיוועזן, אַז דער ר׳ וועלבל איז גאָר אַרייניר גוטריוד וואָס רהאָט מימיו נישט רואה קרי גיוועזן. אין ר׳ וועלביל האָט ווידער מעיד גיוועזן, אַז ער זעהיט אים בשעת תפולה אין דיא היכלות צים אלים העחסטין...

נאָר עפיס אין עטליכע צייטן אַרום איז עפיס אוף דעם ר׳ משה מאקיבר איין רינן אַרוס גיקומן. אַמאָל זענין זיך צומוף גילאָפן פיל ווייבלך זעהן וויא פרומע לייט הוליען אין טאַנצין, האָט איינע גיזאָגט, רהאָט איר אָנגמיט לזנות; זיין ווייב האָט מגלה גיוועזן בסוד, אַז ער איז איין בועל נדה, אין נאָך אַנדרע מיסע זאַחן וואָסיז מיס צי שרייבן. מיהאָטס אָבר נישט גיגלייבט, אודער מיהאָטיס אויס גיליגט לטובה: דר צדיק ווייסט וואָס ער טיט, ער מיינט גוויס נישט חלילה קיין שלעחץ.

נאָר אַמאָל איז ער אַרוס גיפאָרן אוף דר וועלט, איין גישטאַנין בייא איין פשוטן נגיד. וויא איין מפורסים האָט מן אים אָ גיגעבין אַבאַזינדר שטיבל מיט פיינע כלי בית, וויא דער סדר איז איין מפורסימר גיטער יוד. האָט ער פיל כלי בית מיט זיך גיגנביט, ער האָט גיטראַחט, מיוועט אים גוויס נישט חושד זיין. דער נגיד אָבר האָציך אומגיקוקט, האציך נישט גיפאוילט אין איז אים נאָך גילאָפן, האָט אים דעם וואָגן גיטרעסיט אין אַלץ אָ גיזיחט. דאָ איז שון גיוואָרן אין גאַנצין איין חילל השם: דער גאַנציר עולם האָט פין אים גיהאַלטן, צושן גיטע יודן אוז ער אוך איין שטאַרקר מפורסים, פין ר׳ פנחסלן אַליין האָט ער אוך אַ גרוסה הסכמה אין איז דאָרט שטאַרק פאַרלובט, אין דאָ ווייזן זיך אַזונע דברים מגונים ומתועבים עפיס אוף אים אויס!

אונזר רבי ר׳ וועלבל, חאָטש לתכלית האָטמן אַזו גידאַרפט, סהאָט אים נישט שלעכט גימאַחט, נאָר סיז אים אָבר פאָרט זייער שלעחט אין מאויל גיוואָרן, מחמת דאָ האָט ער זיך מיט אים זייער מיט גרוס פריינדשאַפט פאַרקניפט און זיך אַליין מיט אים גאָר פאַרגלייכט, אין ער האָציך אַזו פאַפאַסקידוט, דעם כבוד פין אַלע גוטעיודן הייסטיס אַראָפ גיוואָרפן אין גאָר מחלל השם גיוועזן. מיהאָט שון גיזעהן, וויא אַזו אַ בעל־מופת איין בעל

דוה"ק איז אזוי מגונה מיט פאסקודנע הולטייסטווא. נאר מהאט דאך אוס גי־ לייגט: מחמת ער האט מטייל בפרדס גיוועזן צי פיל, איז ער אזוי וויא אחר של ר"מ לתרבות רעה ארוס גיגאנגין, אנדרש האט מן עס נישט גיקענט מאכן. אין סיהאט אפנים גיהאט, אזוי איז טאקי דר רעחטר אמת גיוועזן, ווארן וויא קעניס גאר אנדערש זיין? אמענטש וואס מיזעהט זיין גרוסקייט גאר נישט מענטשליך, מיט אזוני אומגיהיירשע מופתים, מיט אזוני עליות נשמות—זאל זיך גאר אזוי אוסן לאזין!

דיא צייטן האציך דער ר' וועלבל ווידר משדך גיוועזן מיט זיין מיידל (וואס זיא איז גיוועזן אגרוסע משכלת אין האט שון קליינירהייד גאר פאר־ שטאנין דעם גיטיודשן פאראנדיק) מיט דעם גרוסען אומגיהיירישן גיטן יודן ר' זוסי', וואס רהאט גיהאט איין בחורל ישראל אברהם. דעם נאמן ישראל האטים דר פאטער גיגעבן נאחין בעש"ט: ראיז אליין לאחר מותו בשעת כסה של אליהו גיוועזן אין האט מפציר גיוועזן ר' זוסין, רזאל אים אנאמן געבין נאך אים. דאס איז מפורסים גיוועזן בפי כל, וואס מיהאטיס טאקי גיזעהן, דאס בחורל איז פין קליינהייד אן גאר איין דבר הפלא ופלא גיוועזן. נאך גאר פיצילך וויס האט ער שוין גיבענטשט, זיין אייגינע אם פלעגציך בייא אים בענטשין, אין אלטע יודן נכבדים האבן זיך בייא אים אלץ גיבענטשט. אין סיז תמיד אזוי מקוים גיווארן זיין ברכה. חולים זענין זיך גיקומן בייא דעם קונד בענטשן, זענין זייא אזוי באלד גיזונד גיווארן. מקשה לילד אין אנדערע נוט באדערפדיגע זענין תמיד פין דעם קינד גיהאלפן גיווארן. בקיצר דר פאטיר, דר אלטער צדיק ר' זוסי' אליין, פלעגט ע"פ רוב צי דעם קונד אפ שיקין, האט מן אים גימוזט פונים דרדקין מלמד ברעננן, רזאל בענטשן. פאר זיין קללה האט מן זיך אזוי וויא פאר פייער גיהיט, ווארן סיז תמיד אקאראט אזוי מקוים גיווארן וויא רהאט נאר אוסן מויל ארוס גילאזט. דער דרדקיר מלמד מיט דער מלמדקע האבן תמיד פאר פאטער אין מוטער גרוסע חדושים ונפלאות פין דעם קינד דרציילט. בקיצר דיא מלמדקע האט אמאל אליין גיזעהן, אז בשעת דר מלמד איז אוף איין ברית אוועק גיגאנגן, האציך דאס קונד גינומן אליין דאס סדרל אין לעהרנט, זענין מלאכים פונים הומל אראפ גיקומן אין האבן מיט אים גילעהרנט, האבן דאס קינד נאך בדיהנט, דאס נעזל מיט זייערי פאטשיילים א גיווישט, גאר וויא בעהעלפורס.

ווער קען דען אובר שרייבן אודער אובר דרציילן דיא גרוסע ווינדר פין דעם קינד, אזוי וויא מיר האבין דרנאך גיזעהן, וואס פאר א גרוטר גוטריוד דאס איז גיווארן נאך גאר אין דר יוגנט, אזוי וויא מיר וועלין דא אי"ה וייטר שרייבן.

סיז יוא זייער שווער אין בוטער דעם רבי ר' וועלבלן אנגיקומן דער שידוך. וויאפיל מיהאט דא באדארפט מפזר זיין, סיזאל זיך גאר לאזין ריידן דערפין! וויפיל השתדלות אין שלוחים אלץ דארחאנאנדר האט דא גמוזט

ניצין! אין סיז בתחלה אַלץ גיוועזן גאָר אומזוסט. נאָר דעם רעבינס חכמה האָט גאָר קיין עק נישט. רהאָט גיט פאַרשטאַנין, וויא וואַזשנע דער שידוך ניצט אין אַלע אופנים, איז אים קיין זאַך גאָר נישט שוועהר גיוועזן, ווען סיזאָל קאָסטן וואָס אין דר וועלט מיגליך איז, ווען מיזאָל דאָ מיעה האָבן צים אלים שוועהרסטן, רמוזיס אָבר קאנעטשנע דר לאַנגן, אין האָט ב"ה דעם שידוך מיט דעם אַלטין צדיק מיט דעם ווינדרליכן קינד דרלאַנגט.

נא, דאַרף מן דאָ שון חתונה מאַחן. דיא חתונה — מיזאָל וועלן גאָר אויסשרייבן דיא גדולה וואָס דיא גאַנצע וועלט האָט דרמיט גיקלונגן, וועט צי פיל אריכות זיין. למשל, ווען דיאביידע צדיקים זענין דאָ אוף דער חתונה זיך צומוף גיקומן, אין נאָך פיל צדיקים פין אַקרייעני זענין אוך גיקומן אוטליכער מיט זיין בלאַזען, וואָס פאַר אַ פיינע זאַחן האָט מן דאָ גיהאַט צי זעהן!

דיא חתונה האָט אַרבעה שבועות גיווערט דאָרחאַנאַנדר, וואָס דיא גאַנצע אוקריינע אין פאָדאָליע אין גאַליציע זענין זיך צימוף גיפאָרן, אַלע שענצטע לייט, אַלע נגידים, אַלע רבנים אין אַלע גוטע יודן. נמצא, איז דאָ אונזר רבי נאָך דער חתונה זייער גאָר איין אומגיהיירשער מפורסים אוף דר וועלט גיוואָרן. וואָס טייטש! ר' זוסיס מחותן, נאָך מים אַזו החתן אין מיט אַזאַ מפורסימר חתונה! אורחים זענין דאָ שוין גאָר אוף אין אָפּ גיפאָרן פין דער גאַנציר וועלט, מתנות אין געלטן זענין שון גאָר דארך טיהר אין טוהער אָן שיעור גיגאַנגן. נאָר דעמלט האָציך דער סדולקיבור רב, דעם בעש"טס איינקיל, קיין מעזבוז איבר גיטראָגן.

נא, אַז מיר זענין דאָ יוא גיקומן צי דיא צדיקים, לאָמיר פריר שמיסן אין זייערי שבחים. וואָרן דאָס איז גוויס אַ תורה אין איין אמת, אַז דיא שבחים פין גוטע יודן איז אַ גרוסר תיקן צום נפש, סיז פיל בעסיר איידר גמרא אין ספרי יראים צי לעהרנין, דאָס האָבן שון אונז גוטעיודן לאַנג מקדים גיוועזן אין מיר האָבן דאָס באמונה שלימה אוף זיך גינומן, בפרט זרע קודש פונים בעש"טס אייניקליך אַליין איז גוויס אַ מצווה גדולה צי שמיסן, וכל המרבה לספר בשבחם הרי זה משובח.

דיא ביידע ברידער, ר' בריכל אין דר סדולקבור רב, דיא צדיקים זענין גיוועזן אָדעלעַ דעם בעש"טס טאָחטערס קונדר. דיא טאָחטר אָדעלעַ אוז נאָך אַפולי צונד אַזו חשוב, וואָס דער נאָמן אָדעלעַ גילט נאָך אי דיא צייטן, מודאַרף נישט העכער. אינים בעש"ט משפחה וועלעחע נקיבה סהייסט נאָר אָדעלעַ, דאָ באַשוט מן שון פין חתונס צד גאָר מיט אַגרודע גאָלד. אַזו גלייך וויא איין זכר פונים בעש"טס משפחה וואָס הייסט ישראל נאחין בעש"ט.

נא, קען מן זיך שון משער זיין וואָס פאַר איין אָדעלעַ וואָס האָט דיא צווייא קונדר גיהאַט איז דאָ גיוועזן! דיא ביידע קונדר זענין נאָך פאַרן בעש"ט לעבן בייא אום מגודל גיוואָרן, דער סודילקיבר איז שון אין דיא יאָרן גיוועזן, רהאָטיס אים זוכה גיוועזן חתונה צי מאַחן פין סטנאַב מיט

ר׳ איצקלן. דער ר׳ בריכל איז נאָך אַקינד גיוועזן בשעת הסתלקות פונים בעש״ט, דאָך האָט דער בעש״ט נאָך דעמולט בפירוש גיזאָגט (בשעת אַז רהאָט נרות של שבת גיבענטשט) בזה״ל: בריך יאיר נרי. אַמאָל האָט ער אים צי קידש לבנה מיט גינומן אוף דיא הענט, ווייזט דאָס קונד מיטן פונגריל אין פרייגט: „זיידע, וואָסי דאָס?״ ענפורט אים דער בעש״ט: — דאָס איז דיא לבנה. — פרייגט דאָס קונד ווידער: „פאַרוואָס הייסטיס נאָך לבנה?״ זאָגט דער בעש״ט: זאָג דיא, מיין קונד? — ענפורט דאָס קונד: „סיז ראשי תיבות: למד ב׳ נתיבות החכמה״.

דאָס איז גוויס אמת בריר, פיל גוטע יודן זענין דרבייא גי־וועזן אין האָבן דרציילט, אין ר׳ בריכל אַליין האָטיס כמה פעמים אוך דרציילט.

דער צדיק ר׳ בריכל האָט פין אסטרי נאָכן בעש״טס הסתלקות חתונה גיהאַט, אָבר שון גאָר גמיין. נאָ, וואָס טוט אַזו אַיונגס, אַגוט אין פרומס, גאָר אַהייליגס מבטן אמו, אָדעלע דר צדיקות קינד? לערנין קען מן נישט, מיזאָל אַ מלמדל ווערן, ווערטאָ גאָר דאָס יונגע צדיקל איין מאסף נדבות בייא געלט לייט אין איין שטיקל מכניס אורחים פין גוטע יודן אין איז דרונן תמיד אַזו עוסק. מ׳קען דאָס קונד אָבר פאַרן בעשט״ס אייניקל, אַזו האָט מן שטאַרק אים אין דעם עסק מחזיק גיוועזן, רהאָט אי זיך גיהאַט דרפין אַ שטיקל פרנסה. אַז ראיז אָבר אין דעם גוט באַקענט גיוואָרן אין מוחזק גיוואָרן אין שטאָט פאַר איין ערליך אין איין פרום קונד, האָבן זיך צין אים אי אַנדערע עסקים צי גימאַחט: דהיינו מיהאָט אָנגיהובן אי אָרומע יתומימס אין אלמנות געלטן אוך צי אים אָפּ טראָגן אין בייא אים איינלייגן. דאָס אסטרי איז אַגרוסע שטאָט, איז דאָ הופשע עטליכע גולדן צין אים אין דיא הענט אַריין גיקומן, פין אָרומע יתומימס אין אַלמנות, אָרומע נדונס, צדקות פין יחידים... נאָר מחמת דאָס זענין דיך בני מלכים, זייער הוצטרכות איז תמיד פיל מעהר, נעדער אַזונע זאַכן זאָלן מספיק זיין, אוז ער בעו״ה איין בע״ח גיוואָרן, דאָס איז אַלץ מכולה גיוואָרן, סיז גאָר נישט גיבלובן, דיא אַלע אָרומע געלטן זענין פאַרפאַלן גיוואָרן, סיז גאָר אי אַגראָשן נישט גיבלובן. דיא קבצנים האָבן נעביך גיוויינט, סהאָט זייא קייניר נישט גיהאַט צי ענפערן.

אין דער ר׳ בריכל נעביך איז דאָ גיבלובן בבושה וחרפה אין שטאַרק מחוסר פרנסה, און דר ברידר ר׳ אפריומל איז אוך זייער גמיין אין מחוסר פרנסה גיוועזן. נאָ, האָבן זיך אַלע גוטע יודן אומגיקיקט. וואָס טייטש! דעם בעש״טס אייניקליך, אָדעלעס קונדר, זאָלין נעביך אַזו בידנע זיין! דער גאַנצר דור דעה, דאָס גאַנצע הייליגקייט, דאָס גאַנצע נביאות אין רוה״ק אשר מפיו אָנו חיים הייבציך נאָר אָן פונים בעש״ט, אין צונד זאָלין זיינע קינדר אַזו מחוסר פרנסה אין גמיין זיין? האָציך הרב משופיטיבקע אַפיר גישטעלט אין האָט דעם ר׳ בריכלן אַליין קיין טולטשין אָ גיפירט אין האָט אים דאָרט פאַר איין רבי מסמיך גיוועזן. האָט דעם עולם מוסר גיזאָגט, וויא אַזו דאָס איז

איין הייליג יודל, דעם בעש״ט אייניקל, ווי אַזוי מידאַרף אים נוהג כבוד זיין אין מידאַרף אים פרנסה צי שאַרן, אין דאָס איז דיא גרעסטע מצוה אין דער גאַנצער וועלט. אין דעם ר׳ אפרימלן, ער איז מער בר אוריין גיוועזן, האָט מן אים פאַר סידולקיבר רעביל גימאַכט אין איין פוצילע שטעטיל, רזאָל זיך מפרנס זיין.

דער ר׳ בריכל איז גיקומן קיין טולטשין, אַגרוסע שטאָט רייך מיט געלד, אין דאָס גאַנצע ווינקל פאבערעזש׳ע איז אוך דעמלט נאָך גאָר ליידוג פין גוטע יודן גיוועזן. אין ער איז גיוועזן זייער אין דליקאַטנע מענטשל, איין לאויחנדיק פאַרשונדל, זיין ווייב דיא רעביצן איז אוך גיוועזן איין יפיפיה אַדעליעקאַטקע, אַזו וויא סקומט אַ פייניבערי׳, דעם בעש״ט אייניקל, דער האָט אָנגיהובן זייער פיין אויף ציפירין. אין דר ברידער ר׳ אפרימל, איז אים אין סודילקיב אוך אָנגיהובן זייער גוט צי גיין. וואָס טייטש! מיהאָציך נאָר דרמאָנט, אַז דאָס איז דעם בעש״ט אייניקלך. ווער איז דען אין הומל גאָר אַלץ מיט אַנאַנדער? ווער איז מטייל מיט השי״ת אַליין? ווער האָט דיא גרעסטע דעה בעליונים, אַז נישט נאָר דער בעש״ט אַליין, וואָס מיקענים גאָר אַנדורשט נישט זאָגן, סיידן דער וואָס האָט נישט קיין אמונת חכמים, דער וואָס איז גאָר פין דער סטרא אחרא, דער חלילה, דער דאָזיגר איזיס איין אומגלייבר, דעם זענין די אויגן לחלוטן פאַרקלייבט, זיין נשמה וועט גוויס אייביק אין גיהנים ברענין אין וועט זיין עפר תחת רגלי הצדיקים המאמינים אינים בעש״ט אין און דיא גוטע יודן! וואָרן אַפילי מואוז איין בעל עבירה אין איין גרוסר חוטה, אַבי מעאיסיך מדבק מיט אמונה אונים בעש״ט אין און אַנדרע גוטע יודן, איז מן שון גוויס זוכה לשני עולמות, מידאַרף גאָר קיין שום תשובה נישט. אין ווידער פאַרקעהרט, לאָז אַפילי אייניר זיין מיט תורה, מיט חכמה, מיט מדות טובת אין אַפולי זכות אָבות, וואָס זיינע עלטערן זענין גדולים אין צדיקים גיוועזן, אַבי רהאָט נאָר קיין אמינות חכמים נישט, זעהין מיר דיך שון דאָ אויף דעם עולם דיא מפלה פין דיא מענטשן, דאָרט אויף יענים עולם וועט מן הערשט רעכט זעהן, וויא זיין נשמה וועט גאָר קיין שום תיקן אייבק נישט האָבן. אַזו האָבן מיר מקבל גיוועזן פא״פ פין אַלע גוטע יודן אין אַזו איז מבואר בספרים רבים החדשים. יאָ, היינטזשע אַ יוא, סקעהרן דעם בעש״טס אייניקלך חשוב זיין?

אונזער דור דעה ב״ה, דיא דעליעקאַטנע שכלין פין אוקריינע אין פאָבערעזשע, האָבין זיך מיט אמונה גדולה אָנגיחאַפט אין מדבק גיוועזן אונים בעש״ט אין און אַלע גוטע יודן. נא, פין אַלע ווינקלן, פין אַלע גוטע יודן האָט מן אָנגיהובן דיא ביידע ברידער דעם בעש״טס אייניקלך מיט געלט, מיט מתנות אונטר ראטיוון.

נאָר אין טולטשין איז דעמלט גיוועזן איין מגיד ר׳ פייבל, וואָס ראוז גיוועזן איין שיינר למדן, איין מקובל, ראוז אַפולי גיוועזן אַליין פין דעם היינדיגן דור דעה, אוך מיט שש״ס, אוך מיט פדיונות, אוך מיט דיא היינ־

דיגע תורת, נאָר דאָך איז ער נישט גיוועזן גאָר אַקראַטנע מיט דיא גוטע יודן. האָציך אָנגיהובן מיט אים איין מחלוקת, סוז גיוואָרן צווייא צדדים. נאָר דער רבי ר׳ בריכל איז מיט דעם אַרעחטר ת״ח גיוועזן, איין נוקם ונוטר כנחש, רהאָט ליב גיהאַט זיין ווידר צד אויס צי רייסן, אַזו ווי איין וואָלף אובער זיין טרף (זדויביטש), וואָס העלפט נישט קיין שום רחמנות און נישט קיין שוס הכנעה, אַזו וויא מיר וועלן דאָ ווייטיר שרייבן זיינע מדות אין זיין הנהגה, אַז ער איז שון אַ גרוסער מפורסים אוף דער גאַנצער וועלט גיוועזן. איבר דעם, האָטש דער ר׳ פייבל נעביך העציך גיוואָלט אים מכניע זיין, אַז רהאָט גיזעהן, אַז ידו של הרב ר״ב איז על עליונה, סיהאָט אָבר גאָר בשום אופן נישט גיהאָלפן, מיהאָט אים גאָר אויסגיקאַריניעהיט...

דיא ביידע ברודער דיא צדיקים האָבן אָנגיהובן אוף דער וועלט מגלה זיין גאָר נייס: מידאַרף שון גאָר נישט מיט כוחות דאַווינין, מידאַרף שון גאָר נישט משוגעמאַחין מיט תפולות, מיט בקשות, מידאַרף שון קיין שום התלהבות אוך גאָר נישט, נאָר דער גוטעריוד דאַרף עונג ונחת ריח האָבן מיט כל התענוגים שבעולם, וואָסיז נאָר פאַרהאַנדין על שלחן מלכים, מיט מאכלים, מיט משקאות, מיט כלי כסף, מיט תכשוטי נשים, אבנים טובות ומרגליות, אין דיא גאַנצע וועלט יודן, אָרום אין רייך, ת״ח אין ע״ה, אַפולי הולטייעס, דאַרפן נאָר אוף דעם האָרווין, אין דאָרך דעם אַליין וועט מן גאָר אין ביידע עולמות, אין עוה״ז אין עוה״ב, גיהאָלפן ווערן אין קומן להצלחה אמיתות, אין דאָס מדבק זיין צי דיא צדיקים איז ממש וויא מוסיך מדבק צי דער שכינה...

דיא הנהגה איז אוף דר וועלט גאַנץ גיך נתקבל גיוואָרן, מחמת ר׳ פנחסל קארוציר איז שון דעמלט נסתלק גיוואָרן אין נאָכין רבי ר׳ בערס הסתלקות איז שון לאַנג גיוועזן. נמצא, איז שון מיין נישט גיבלובן אין דור דיא העחסטע צדיקים נאָר דיא צווייא ברידער, דעם בעש״טס אייניקליך אין אָדעלעס קונדר, וואָס גאָר דער גאַנצער דור האָט גידאַרפט זייא אין מויל אַריין קוקין. וואָרן דיא ביידע צדיקים, דעם בעש״טס ליבע האַרציגע אייניקלך, זיין טאָחטער אָדעלעס קונדר, זענין דאָס גאָר דר שפוגל פונים גאַנצין דור, אין חוץ לארץ, אוך אין ארץ ישראל איז זייער נאָמן פאַרנאַנט. נמצא, אוז שון היינט דיא אַלטע פאַרצייטיגשע לומדים וואָס זענין נישט פונים הוצדיגן דור דעה, ניט אַזו אַליין וואָס זייא האָבן שון קיין שום וואַליער נישט צישן עולם, נאָר זייא זענין שון אַזו מבוזה, אַז פאַר אַ פסיל משפחה זנאַטשן זייא שון. ווען איינער האָציך דאָ אין אַ שטעטל פין לאַנג פאַרוואַלגרט אַ למדן מיט פאַרציידוגשע הנהגות, איז ער גאָר מבוזה בייא זיין אייגנע יונגע קונדר אין אייניקלך. ווען סטרעפציך נאָך איינער וואָס האָט איין ידועה אין ח״ה אודר אין בעל עקידה, אין דיא פאַרציידוגשע ספרים, אָ דעם מוז מן גאָר וואַהחין, מיטאָר גאָר אין זיינע ד״א נישט שטיין, דער האָט נאָך בוודאי איין אחוזה אין דער סוטרא אחרא...

נא, אדרבה איז דען נישט בעסער און גרינגער דאָס ספר היקר שבחי

בעש״ט, וואָס איז דיא צייטן כמה פעמים דאַרך אַנאַנדער גדרוקט גיוואָרן אוף לה״ק אין אוף טייטש, וואָס מיקען דרפין גאָר דאָס שלימות אָנצאַפּן? לפי דעתי העט מן גידאַרפט דאָס ספר הקדוש אויסטיילן אוף חלקים לימי השבוע, אַלעטאָג פין דר וואָך זאָלמן איין חלק זאָגין, סוז גוויס דאָס גרעסטע תועלת צים נפש, מודאַרף שון גאָר מיין נישט. דאַרף מן זש׳ע דען גמרא אודער פּוסקים? דאַרפמן זש׳ע דען ספרי יראים, דיא פּאַרצייטוגשע באַבאַניס? אָט איז גאָר אין קערצען גאָר דאָס שלימות דאָ — יוא, סעאַהרט נישט וועליכר סיז איין למדן, וואָרן מקען זיך דראָן נישט באַגיין: אי אפשר לעולם בלא בלן ובלא בורסיקא. נאָר מעמוז אוף אים גיט אַחטונג געבן, אוב ראוז באמת רעחט דבוק אין גוטעיודן. ב״ה, אין אונזר מדינה איז שון צונד דארך דיא הייליגע ברידער אָדעלעס קונדער שון דאָס גאָר אינטער גיגאַנגין, מיזאָל שון זיכן מיט לעחט, געפונציך שון אי איינער נישט וואָס זאָל עפּיס דאָס מויל עפינין אודער גאָר מהרהר זיין חלילה אַקעגן דעם הוצדוגן דור דעה אודר גיטעיודן.

נא, לאמר זיך ווידער אומקעהרן צו אונזר צדיק ר׳ וועלבל טשאַר־ניאסטרר. וואָרן אַז מיר וועלין מאריך זיין בשבחן פין דיא לעחטיגע צדיקים, דיא ביידע ברידער, אָדעליס קונדר, דאַרף מן אוף זייערי דברי הימים גאָר אַבאַזינדר ספר האָבן, מיזאָל אַלץ אוס דערציילן פין זייער קדושה אין הצלחה...

אַז דער סודילקיבר רב האָציך דאָ קיין מעזבוז אובער גיטראָגן, איז דאָ דעם ר׳ וועלבלין זייער ענג אין האַרצין גיוואָרן, מחמת דאָ האָבן זיך תיכף גישטעלט אַלע גרעסטי חשובים פין דיא סביבות קיין מעזבוז. דאָס מעזבוז! דיא שטאָט וואָס גיט אַרוס אורה ושמחה אוף דר גאַנציר וועלט, דיא שטאָט וואָסיז וויא ירישלים בזמן הבית, אוז דאָ גיוועזן כמה שנים בחרבונה אין גאָר פונצטר, איז דאָ ווידער דרונין אַריין גיקומן דער לעחטיגר צדיק וואָס פאַרשיינט גאָר דיא וועלט, האָבן זיך דיא אַלע חשובים בייא אים פאַר משרתים מאהבה גישטעלט, זאָלן טאָג אין נאַחט אוף אים האָריווין...

וואָס זשע טוט מן דאָ היינט? האָציך שון דער רבי ר׳ וועלבל גמיזט גאָר מייאש זיין פין דעם גאַנצין ווינקל אין האָציך מיטין פּנים אַוועק גי־קעהרט נאָר צום קאָרדאָן, דאָרט איז נאָך דעמלט קיין שום אַנדערר סליד נישט גיוועזן נאָר זיינער אין זיין מחותן ר׳ פייבשלס. האָט ער אָנגיהובן צי אַרביטן מיט ספּאַסאַביס טאַקי אַליין אַהין אַריין פאָרן. חאָטש דער ר׳ פייבשל זיין מחותן האָט דאָ אין קאָרדאָן גיהאַט כמה מכשולות, באטשאטש האָט אים אַמאָל שון שיער אום שבת מיט אַפּיר אַרוס משלח גיוועזן, איז דער קאָרדאָן זייער אַחריותדיק גיווען, אובער דעם האָט מן ביז אַהער נישט זוכה גיוועזן איינציבייטן דעם צדיק בשום אופן אַהין אַריין ציפאָרן. צונד אָבר איז שון קיין אַנדערע ברירה נישט גיבלובן, נאָר מעמוז אַליין אַהין אַריין פאָרן, מוזאָל חאָטשי דאָס ווינקל אָפּבראָנין אין שוצין פין דעם סודילקיבר רב.

דאָס פאָרן אין קאָרדאָן אַריין האָט ער מיט גרוס שכל אויס גיטעחרט. האָט פריר שפיגיס אַרום גישוקט אויסזעהן וואָס מ'הערט: איז נישט ערגיץ אַ מחלוקת, איז נישט ערגיץ אַ דער ווידר צד. תיכף האָטמן גיפונין דעם גאַנצין קאָרדאָן שטיל און ספּאָקוינע, דעס הוציגע פייער פין דעם נייעם דור דעה הייבט אָן צו טליהן אומידום, אַלע גרעסטע נגידישע קונדער זענין אַלץ ב"ה פין אונזורע לייט, נאָר דאָס פאַרשאָלטינע באטשאטש אַליין איז מיט אחריות מחמת דעם ר' אבלין וואָס מיר האָבין פין אים גישמיסט.

נא, וואָס טיט מן דאָ היינט? זאָלמן גאָר באטשאַטש אובר הופערן אין ווייכן דיא אב הטומאה, איז עפּיס נישט שיין, מ'וועט זאָגן: דר רבי האָט פאַר באטשאטש פאַק מורא אין ווייכצי גאָר. אין דאָס אַנדערע, איז דאָרט דיא פיינסטע זיינע לייט גיוועזן, וואָס זיי האָבן דאָ גאָר גיחלשט. זאָלן בייא זיך אין שטאָט זוכה זיין זעהן דעם רבי ר' וועלבלן.

נא, מוזמן קאָנעטשנע דאָרט זיין, נאָר מיט חכמה דיא וועלט פיהרן. ראיז אַריין גיפאָרן בתחלה קיין סקאליט, קיין הרומלוב, אַזו פאַוואָליטשקע פאַוואָליטשקע אין דיא קליינע שטעטליך פין אייגים צום אַנדערן, אין אומו= דים דרווייל האָטמן גניג געלט גימאַחט, בוז קודם יו"ט של שבועות. דאָ שיקט מן רץ אחר רץ פאַר בעטן אים אוף יו"ט קיין באטשאטש. ניין! רוויל באָך נישט אַהין פאָרן אין פאָרט פאַרבייא אַוועק קיין זאַליסטשיק אוף יו"ט, דאָרט איז דיא באטשאטשר קרייזשטאָט, דאָרט איז שון אַזאַ רשע, אַזו ר' אבלי נישטאָ, אין דיא גרעסטע נגידימס קונדר חלשן גאָר, זאָלין אים זוכה זיין צו זעהן.

נמצא, איז דאָס זאַליסטשיק זייער אַגוטע הקדמה, דרנאָך אוף באטשאטש. דאָ אין זאַלישטשיק איז זייער אוואוילר יו"ט גיוועזן, מיט זייער פיל אורחים פין דיא סביבות, פיס גייהרס, פיחאָטע, רייטירע, אין מיט באוידן פול אנגיטאסוויט. דאָ האָט מן דיא נייע תורה מקבל גיוועזן אין גאַליציע בקולת וברקים כנתינתה מהר סיני, אין אפשר נאָך מיט מער חשק, וואָרן דאָרט בארץ ציה ושממה איז קיין שום משקה נישט גיוועזן, קיין זונגערס, קיין טענצערס, אוך נישט קיין בלאַזענס זאָלן לוסטוג מאַחן, דאָ אָבר איז אַלדיס גוטץ גיוועזן. דרצי האָטמן דאָרט גינומן מגבלי חמר אין האָט אַזו פיל חיקים, משפטים, יושר וצדק, אמונה, חנינה, חמלה, אהבת אדם לחבירו, אהבת ארץ מולדתו, התרחקות מכל מיני תועב, אין אַלץ גילעהרנט אין גיחזרט כמה וכמה פעמים. דאָ אָבר האָט מן נאָר אַבוסל תורה גיזאָגט מיט בחינות כנ"ל, דאָס אוברוקע האָט מן נאָר גיטאַנצט אין גיהוליעט, דאָ זענין קיין מגבלי חמר נישט גיוועזן, דאָ זענין נאָר טאַמע חכמים ונבונים גיוועזן. אַז דער רבי האָט נאָר גיזאָגט אַבוסל תורה מיט דיא בחינות ורמזים אין האָט מסיים גיוועזן מיט דיא ווערטער מפיו הקודש בזה"ל: „דאָס איז דאָס רעחטע עבודת הבורא" (אַזו פלעגט תמיד זיין סיום התורה זיין), האבן זיך שון דיא אַלע חכמים ונבונים וויטר אַלץ אַליין גישטוסן, אוטליכר האָט שון זיין חסרון

בנפש גיוויסט אין האָציך דרפון איין תיקון גינומן. דאָס איז גאָר דאָס רעחטע חידש גיוועזן. וויא פיל מענטשין דאָ זענין גיוועזן, איטליכר באַזונדר מיט זיין חסרון בנפש אין מיט איין בוסל תורה, האָט דאָ אוטליכר באַזונדר זיין תיקן נפש גינומן.

יוא פראוודע, דאָס קענין ב"ה אונזערי אַלע גוטע יודן: לאָז ער נאָר עטליכע ווערטר אַרוס לאָזן, נעמציך אוטליכר דאָס זייניגע וואָס ער דאַרף, ער זעהיט דיא באַשעהרטע זאַך, וויא ראוז פין דעסטוועגן אַהער גיקומן. דאָס איז דאָס גרעסטע חידוש פין אַלע אונזרע גוטעיודן.

מיט דעם יו"ט האָט דיא גאַנצי וועלט גיקלונגן. איין אלמנה האָט פאַר בעטן דעם עולם אוף איין מוליחיקר סעודה וואָסיז נוהג בחג השבועות, האָט זיא גיקאָסט חוץ משקה יותר משמונה אדומי'. מוצאי יו"ט איז מן אַרוס גיגאַנגען צי קידש לבנה מיט אַזו ליאַרום, מיט אַזו גיזאַנג, דר קרייז האויבטמאַן מיטן גאַנציך הוף זענין אַרוס גיקומן אומוסנע זעהן דאָס חידוש, וויא אַזו גיטרייא יודן זענין זיך נעביך מוסר נפש לעבודת הבורא, מיט וואָסערע כוחות, מיט וואָסערע אומגיהיירשע גשרייהן, אוטליכר באַזינדר אַנדורש גיזונגין, איטלכר באַזינדער מיט אַנדערע הוויות: דער פליעסקוט, דער טראַסקיט, דער טאַנצט, דער קערציך אובר. נא, וואָס פאַר איין קידוש השם איז דאָ גיוועזן, למשל! וואָס האָציך דאָ דער קרייז האויבטמאַן גיטראַחט, אַז רהאָט דאָ אַליין גיזעהן דאָס סערדעטשנעקייט פין יודן, וויאַזו זייא זענין צי השי"ת גיטרייע דינער!... ראוז דראמת פין דעמלט אן אוהב ישראל גיוואָרן. רהאָט דערקענט באמת אין זאָגט: „אשרי העם שככה לו", אָט דאָס זענין דיא רעחטע גאָטץ דינער. אַז ס'פלעגט שון קומן צין אים אייניר פין דער קאָמפּאַניע, האָטיר אים שון דער קענט אין האָט מחמת אהבה צין אים גילאַחט, וויא אייניר זאָגט: דיא ביסטיחיס דער רעחטער חכם וואָסיז באַם גאַנצן שכל ווי אַזו גאָט צי דינין...

באָך יו"ט האָט מן זייער פיל געלט גימאַחט, פין קהל, פין חברה, פין יחידים נגידים, פין פרעמדי אורחים וואָס זענין דאָ גיקומן אוף יו"ט. אַז מעווערט דאָ מיט דיא גרוסע אונטערסיס פאַרטוג, וואָס מידאַרף דאָ מיט אויטליכן זיין מבוקש גיט אובר ריידן, איז שון דר שטייגר בייא אַלע גיטעיודן, פאָרט אַרויס דיא באויד מיט אַלים גיפאַקט אין שטעלציך פאַר דר טיר אין שטייט אַזו אַגאַנציך טאָג, כדי סוז נאָך פרומע נשמות נעביך וואָס העטן גערן צום רבי צי גיטרעטן, נאָר מחמת חסרון כיס לייגן זייא אָפּ אוף שפייטור, טאמר וועט זייא דרווייל עפיס גאָט באַשערן. אַז זייא זעהן שון דיא באויד שטיין דראויסן, דאָ אַהָלטמן זיך שון: דער לויפט לייען, דער פאַרזעצט משכנות, דאָס ווייב גנבת אַראָפּ פינים מאַנס געלט. אַלע לויפן! דיא שוועהרי הערציר, מיט ציטוריקע קונדר, דיא מפלת נופלים, חולים, אַלע סטאַרען זיך נעביך לפי כוחם, מיט וואָס זייער יכולת קען זיין, אין שטופן זיך שון אין הערט מיט דיא קעפּ בענטשן, ווען דיא לאחדים שטייט דער בייא אַמענטש

אין נעמט אָפּ דאָס קאָפּ געלט פונים רעבּיס וועגן. דר אמת איז, דאָס בּענטשין איז שון ניט זייער וואַזש׳נע, סוז שון גאָר טאַנדעט, נאָר וואָס קען דען אַגמיינער מאַן נעביך, וואָס פאַר מאָג גאָר נישט, בּעסיר מאַחן?...

נא, פאָרט מן פין דאַנין אַרויס מיט גרוס כּבוד, מיט פיל געלט, מיט שמחה, מיט שם טוב, וואָס אַלע פרומע ווייבּר האָבּן זיך גווינטשן אַזונע קינדר האָבּן — אַלע מעוּבּרת האָבּן זיך אויף אים אויסגיגלאָצט, זאָלן דעם רבּיס צורה זיך אין קאָפּ אַריין נעמן אין פאַר דיא אויגן אַלטן. אַלע מענטשן חזרן אובּר זיינע ליבּע דיבּורים אין דיא גיטרייהע בּרכות אין ווינטשן אוטליכן אַלדיס גיך מוטן גאָרן האַרצין. וואָס סיז פאַרגוויס צי גלייבּן, אַז אוטליכס וואָרט וואָס גייט אַרוס פין אַזאַ פּה קדוש ועט מקוים ווערן, סיז כּמעט גאָר וויא אין קעשונע, השי״ת ועט די צדיקים נישט צום נער מאַחן, אין הומל האָטמן גרוס אָפּשייא פאַר דיא גוטעיודן...

נמצא, אַז מיפאָרט דאָ יוא אַזו בּשלום אין זוכר אַרויס פין דער קיסרשר קרייזשטאָט, העט מן דיך גידאַרפט גאָר לוסטוג זיין. ניין האָבּר, דעם רבּין האָט שון דאָס האַרץ גיזאָגט, וואָס בּוטשאַטש ועט עפּיס זיין אַפּקורסיס בּאַווייזן אין איז אַלץ סומנע גיזעסין. וואָס פיל בּלאַזאַניס האָבּין זיך גישפאַרט מיט פיינע זאַחן אין אָנשטעלן דעם רעבּין אופהייבּן, סיהאָט אָבּר אַלץ נישט גיהאָלפן, מחמת זייא ווייסן דעך בּנבואה וואָס וועציך דרנאָך טאָן. אובּר דעם, אַז מיהאָציך דאָ אין בּוטשאַטש גירעחט רזאָל איין קומן, דאַרף דעך דר רבּי וואַרטן אין וועג, בּיז מוועט אים מיט גרוס כּבוד אַקייגן פאָרן, מוזאָל אים מיט פיל בּאוידן אַריין פירן, וויא איין חתן,—ניין אָבּר! דאָ האָט מן זיך אין שטאָט אויסגיקליבּן מיט דיא בּאוידען אויס געשעחוויט, פיהסגייהרס, פיחאָטע אין רייטירייע ווילן דאָ נאָר אַרויסרירן מקבּל פּנים זיין, אין ער איז שון דרווייל אין שטאָט אויף דר סטאַנציע, כּדי סיזאָל דאָ קיין גרוסער אופריר נישט זיין, אין האָט אָן גיזאָגט זיינע לייט, סיזאָל זיך אַלץ בּחשאי טאָן, נישט בּקולי קולת.

ערב שבּת גייט מן מיטן רבּי אין בּאָד אַריין, מן הסתם גייען דיא פיינסטי לייט מיט, דער טראָגט נאָך דיא כּלים לבּהמ״ר, דער גייט נאָר פין היימליכקייט, סיזאָל דעם רבּי נישט קוטשנע זיין, דער שמיסט מיט אים, דרווייל שוטן זיך אַריין אַגאַנצע עדה לבּהמ״ר.

דער ר׳ אבּלי האָט דאָ דיא פאַראַדע דרזעהן, אין אום אוז דעך אויף אַזונע זאַחן איין גרוסער פאַרדראָס, בּפרט אויף דעם ר׳ וועלבּלן, ראוז אים אַגרוסער שונא גיוועזן, רהאָט אים עפּיס פין לאַנג גיקענט. זאָגט ער: בּאשר ראוז איין גרוסער ע״ה, וויא קומט ער זיין אַגוטער יוד? אָט אין רמבּ״ם אין שאר ספרי הקדמונים איז מבואר בּפירש, מיזאָל אַנדרש קיין נבואה אין רוה״ק נישט גלייבּן סיידן לחכם מופלוג בּתורה ומע״ט. אַזונע מאַנדראַנעס פיל האָט ער אַלץ גיטענוט. רהאָט נישט פאַרשטאַנין דעם איצטיגן שכל וואָס דאָ איז ציגד נתגלה גיוואָרן דעם דור דעה, וואָס בּ״ה זונט דער בּעש״ט איז דאָ אויף

דעם עולם אַראָפּ גיקומן, איז פֿין מעזבוז אַרוס גיגאַנגין איין תו׳ז חדשה
לכל ישראל. וואָס באַטייטן דען דיא גדולי הקדמונים אַ קייגן דעם בעש״ט
איין מופת?

דער ר׳ אַבלי אוז פּולוצים וויא רהאָט דאָ דאָס דרזעהן, פֿין דר באַנק אין בית המרחץ אַראָפּ גיפֿאַלן. דאָ האָט מען דעך איין מופת חותך גיזעהן, איין עונש דעם ר׳ אַבילין, ס׳יז אי גיוואָרן צישן רבינס עולם אַגרוסע נקמה אין אַ גילעכטער. סהאָט דעם ר׳ אַבילין נאָך בעסר פֿאַרדראָסין, ראוז אַהיים גיגאַנגען בחרי אף. דאָ איז גאַנץ שבת גיוועזן אורה ושמחה גאָר לאין חקר, ס׳יז גיוועזן טאַקי דאָ היימישע בלאַזינס אין מיט זיך האָט מן אוך גיהאַט גאַנץ קליגע בלאַזיניס, גאָר חכמים ונבונים, זייא האָבן גימאַכט זאַכן וואָס גאָר ווינדר. דער ר׳ אַבילי האָט אוף אַלים אַחטונג גיגעבן וואָס מוהאָט אים אַלץ צי גיטראָגין, אין סוהאָט אים שטאַרק גיבערענט אין האָט דאָ נאָר גי־טשאַטוויט, רזאָל דאָ אופהייבן דעם רבי מיט דיא לייט מיט דעם גאַנצין געלט, מיט זיין פֿאַקאַזש׳ע גאָר מיט אַמאָל אין גאַנצין.

אַזו ווייט איז דיא שנאה אין דאָס אַכזריות גיוועזן, האָט ער אַזו באַ־טראַכט, אַז דר רבי ר׳ וועלבל וועט דאָ שון גאָר פֿאַרטוג ווערן צום אַרוס פֿאָרן, וועטמן דיא משפחה מיט סאָלדאַטן גאָר מיט אַמאָל אין גאַנצין אין אַרעסט פֿאַרנעמן...

וועט איר אָבער זעהן זיין ליבן נאָמינס ניסים, וויא דיא גוטעיודן ווערן געהיט.

גראָד דעמולט איז דער חמעלניקיר רב אוך גיקומן אוף דער אייגנער סטאַנציע. אַזו באַלד דיא סאָלדאַטן מיט דיא פֿאָליציינער זענין נאָך אַריין גיקומן, אוז שון דער רבי ר׳ וועלבל מיט מלאכה רואה ואינו נראה אַנטלאָפֿן גיוואָרן, דיא באויד מיט אַלים איז אוך אַרוס, אין מוהאָט דאָ גיחאַפּט גאָר אין דער ליפּטן דעם חמעלניקר רב במקומו בטעות, דיא סאָלדאַטן האָבן גי־מיינט, דאָס אוז דער רב וואָס מיהאָט זייא גישיקט נאָך אים. אין דער רבי ר׳ וועלבל איז נמלט גיוואָרן.

נא, מיברענגט דאָ דעם חמעלניקר רב צום אופיציר, דעם וואָס מיהאָט דאָ אוף דעם עסק אויסגיפֿערמעוויט, אין באַלד ווערטמן דאָ גיוואָר, אַז דאָס איז נישט דער רבי ר׳ וועלביל, ס׳יז גאָר בטעות: יענער וואָס מידאַרף אים האָט שון פּליטה גימאַכט, צי דעם אָבר, חאָטשי ראוז אוך פֿין דער אייגניר קאָמפּאַניע, האָט מן אָבר צין אים גאָר נישט, רהאָט אַ פּאַס אין פֿאָרט נאָר דורך, בכן לאָזטמן אים פֿרייא, אין דיא גאַנצע אַרבוט איז גאָר אומזיסט גיוועזן.

דער רבי ר׳ וועלבל איז אַוועק פֿין דאַנין מיט גרוס בהלה קיין פֿאַטיק אַפֿאָר מייל פֿין בוטשאַטש, דאָרט זענין זיך דער גאַנציר עולם צומוף גיקומן, דיא בלאַזעניס האָבן זיך גשטעלט דעם רבי עפּיס אוף הייבן אַזו וויא ס׳יז מחיוב צי זיין. ניין! דר רבי וויל גאָר נישט הערן, אין זאַמט דאָרט גאָר

נישט, רירט ווייטער אַוועק, חאַפּציך גשווינד אַרובר אובּרן עסטער. רהאָט שון גיהאַט חשק אַהיים צי פאָרן, נאָר סקומט אָבּר אַזו נישט אויס אַגוטן יודן מיט אַזאַ קאַוואַלעריע אַהיים צי פאָרן פין אַמדינה.

דאָרט אונטערן עסטער איז מן ווידער אין דיא שטעטליך אַרום גיפאָרן פין איינים צים אַנדערן אין האָט שון דאָס גאָר אויסגילאַחט, מיהאָט שון ווידער פיל געלט גימאַחט. אין אַפּאָר וואָחן אַרום קומט אויס אַ שבת צי האַלטן נאַדווערנע. דאָרט זענין אַ הופשע קאָמפּאַניע פין דעם דור דעה אין זיינע באַקאַנטע לייט גיוועזן. דער שבת איז מיט גרוס שמחה אין גדולה גיוועזן, זייער איין אויפגיהויבּנער שבּת. בּ אָ ם שלשסעודות פאַלן גאָר וויא פונים הומל אַראָפּ סאַלדאַטין מיט פּאָליצייניקוס, פאַרנעמן דעם גאַנצין עולם אין דער פּאָליציע אַריין מיט אַזו איין גיוואַלדיקן כח, מיט אַזו איין גיפולדער, סוז גאָר נישט אויס צי שטעהן, מע פאַרנעמט גאָר אַלע. דעם רבּי אַליין האָטמן אין וועג אַרוס גיחאַפּט אין אויפגיראַמט אין איין אונטערשטובל אַריין. דער גאַנציר עולם מיט דיא בּלאַזיניס האָבּן גימוזט זונגין בּ נ י ה י כ ל א אין דער פּאָליציע. מעזיכט אָבּר קאָנעטשנע דעם רבּי אַליין. האָט אים גמוזט איין פרומע יודענע אין איין בּעט מיט בּעטגיוואַנט איינבּעטין אין ראוז אַזו אַגאַנצן מעל״ע גילוגן, נאָר דעם אָטום אַרויס גילאָזט. דער פערמאַן מיט דער בּאויד האָט אויףאַגיקענט דיא קונץ ר ו א ה ו א י נ ו נ ר א ה אין איז נאָך קודם בּין השמשות אַנטלאָפן גיוואָרן.

דיא לייט האָטמן מיט גרוס שוחד, מיט גרוס השתדלות איינציגווייס פין דער פּאָליציע אַגאַנצע וואָך אַרוס גינימן. מעטשאַטוויט אָבּר שטאַרק, מוזאָל דעם רבּי אַליין בּאַקומן אין דיא הענט אַריין. סיז אָבּר אומיגלך: מעבּאַהאַלטים אויף דיא בּיידומס, אונטער דיא בּעטן, אין פעסר אַריין גישטופּט, וויא ווייט מיגלך איז גיוועזן אים אויפּציראַמן, מיזאָל אים דאָ נישט גיפונין, אַזו איין הייליגר מאַן זאָל חלילה נישט קומן אין דר פּאָליציע אַריין אין וועט מוזן נעחטיגן אָן וואַסער צי קאָפּן צושן טמאים. עטליכע טאָג האָט מן אַלץ גיהאַט בּעו״ה דיא גרוסי אַרבּיט, מיט גרוס דרשרעקיניש דעם רבּי אויפּציראַמן, מיט גרויס איינשטעליניש האָציך נעבּיך איין פרומע יודונע עוה״ב גיקופט אין האָט אים אַלע מאָל מיט אַנדערע ספּאָסאָבּיס בּאַהאַלטן, מיזאָל אים חלילה נישט גיפונין.

ביום ה׳ האָציך דר רבּי אויס דר שטאָט אַרויס גיחאַפּט צי פיס אין האָט דיא פיר אין אַ פּאָר מייל אָ גיזיחט, מיט זיינע לייט, מיט זיינע מטלטלין, דיא עטליכע גראָשן זענין דאָ דרווייל אין דער בּהלה צי חאַפּט גיוואָרן, טאַקי צושן זיין עולם, דאָך אָבּר האָט מן גאָר נישט צייט צונד זיך אויף עפּיס אומקיקן, מעמוז שון נאָר אַהיים אַנטלופן. דאָ אוז אָבּר נאָהונט שבּת אין מודאַרף קאָנעטשנע דיא קאמער אובּר קומן קיין זבּריז צים מחותן.

דאָס פאָרן דעם ע״ש איז מיט גרוסע צרות גיוועזן, מיט גרוס דרשרעקיניש, וואָס סהאָציך אַלץ גידאַחט: אָט יאָגטמן נאָך. ע״ש שפּייט, שון דיא

ציילט פֿין שי ריפֿן, איז מן מיט גרוס ניסים גיקומן צי דר קאמר. דענצמאָל האָט השי״ת גרוס ניסים גיטאָן מיט דעם גוטען יודן, וואָס רהאָט דאָס נישט גיטאָן מיט קיין שום אַנדערן גיטן יוד. סוז דעמלט אַז מיהאָט גידאַרפֿט דאָ ע״ש שפּייט דיא קאמר אובר קומן, איז ווידער גאָר לעחטוג גיוואָרן, אַזו וויא אומוטן טאָג, דאָס האָבן גיזעהן אַלע זיינע לייט אין האָבן דרויף בפֿירש עדות גיזאָגט. דיא ערלים דיא קאמר לייט האָבן דאָס נישט זוכה גיוועזן צי זעהן, האָציך זייא גידאַחט סיז שון גאָר נאַחט, אובר דעם אוז זייא דאָ זייער קשה גיוועזן: וואָס טייטש? אַזו אַגוטער יוד, אַזו איין מפֿורסים (וויא זייא האָבן אים שון פֿין לאַנג גיקאָנט) זאָל דאָ מחלל שבת זיין? האָבן זייא דאָ נאָך מעהר אומוסנע שהיות גימאַחט אין נאָך מער־דווקא אויפֿגיהאַלטן. האָט אים השי״ת איין עצה אין זון אַריין גיגעבן, רזאָל עפֿונין דאָס בייטעלע אין שוטן מיט דיא עטליכע גראָשן, איז ער בשלום אַריין גיקומן לק״ק זבריז פֿאַר זיין מחותנס טיר.

דאָרט האָציך שוין אויסגיוויזן גאָר שפּייט אין דר נאַחט, מיהאָט שוין גיהאַט גאָר אויסגידאַווינט, האָטש דר רבי ר׳ פֿייבשל איז מורגל גיוועזן תּמיד ע״ש זיך שטעלין שפּייט צום עמוד (מחמת ער האָט גיהאַט פֿיל מער נקיות פֿין אַלע גוטע יודן, בכפֿלי כפֿליים). דאָס דאַווינין זיינס האָט אויך שפּייט אין דער נאַכט אַריין גיווערט, נאָר מחמת מיהאָט דאָ נאָך אשת חיל גיזונגן, אוך דעם זמר „יחבק לה בעלה ביסודא דלה״, דאָס איז אַלץ יחודים אין זיוויגים כנודע לי״ח. אובער דעם איז ער נאָך פֿאַר טיש גיקומן. דער שבת איז דאָ אין זבריז גיוועזן גאָר צי שטרידולט, עצבות מיט שמחה גימושט. דאָ האָבן זיך גימיזט דיא בלאַזיניס גיט אונטער גאַרטלן, האָבן דאָ גמוזט אויס זיכן אַזונע נייע פֿיינע זאַכן, זאָלן דאָ קאָנעטשנע דעם רבי אויף הייבן. סהאָט אָבר קאַרג וואָס גיהאָלפֿן.

נאָך שבת פֿאָרטמן שון גאָר ברוגז אַהיים, דיא עטליכע גראָשן זענין צי שטרידילט גיוואָרן אין דעם גפֿולדער, אין דער שם טוב איז אוך דערשלאָגן, אין אויף וויטער ווייזציך אוך שון דאָרט נישט קיין שום מראה מקום, און דאָ האָט מן נאָך פֿונים סידילקיבר צד אַשטיקל נקמה.

סוז שון גיקומן ר״ה דרנאָך, איז שון גאָר קיין רעחטע אורחים מיט געלט נישט גיוועזן. נאָר דיא קבצנים פֿין דיא סביבות, מלמדים, אָרומעלייט, האָבן זיך דאָ צייליב צומויף גישטופּט, קיין יונגע לייט נגידים זענין גאָר אי איינער נישטאָ, קיין ראַנדאַריס וואָס וויל דעם פֿריץ ראַטע באַהלטן זעהיט מן גאָר נישט, בעזדיטנע קומן שון נישט, דאָס האָציך גאָר אין גאַנצין אובר גיריקט אין דער הייליגר שטאָט אַריין קיין מעזבוז, צי דעם לעחטוגון צדיק דעם סודילקיבר רב, דעם בעשט״ס אייניקל, אָדעלעס זין.—